STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06013

UNZERE GAYSTIGE RIEZEN

Gershom Bader

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרשם באַדער

אונזערע גייסטיגע ריעזן

צווייטער טייל

די אמוראים פון ארץ-ישראל און דער תלמוד ירושלמי

Our Spiritual Heroes

The Lives and Works of our Rabbinical Teachers from the Beginning of the "Great Synagogue" to the Final Completion of the Talmud.

SEVEN CENTURIES OF JEWISH THOUGHT

BY

Gershom Bader

Volume II

The "Amoraim" of Palestine and the Jerusalem Talmud

New York
1935

Pardes Publishing House, Inc.
U. Z. BOOKBINDER, President
27 Canal Street, New York, N. Y.

Posy-Shoulson Press, 19 W. 21st St., New York, N. Y.
234

אונזערע גייסטיגע ריזען

דאָס לעבען און די לעהרען פון אונזערע תנאים און אמוראים
זייט דער צייט פון די „אנשי כנסת הגדולה"
ביז צו דער לעצטער צוזאַמענשטעלונג
פון דער גמרא.

זיבען יאָהרהונדערטער אידישע געשיכטע

פון

גרשם באַדער

צווייטער טייל

די אמוראים פון ארץ־ישראל און דער תלמוד ירושלמי

ניו יאָרק, תרצ"ו

בהוצאת
בית מסחר ספרים „פרדס"
י. ז. בוכבינדער, נשיא
27 רחוב קאנאל, נויארק, נ. י.

פאָזי־שאָולזאָן פרעס, 19 וועסט 21טע סטריט, נויאָרק, נ. י.

אַ ידידות-בריוועלע אנשטאט אַ „הקדמה"

לידידי הותיק, הנכבד והנעלה, מר בערנארד זעמעל הי"ו: —

אזוי ווי איהר ווידמעט יעצט אייער גאַנצע געזעלשאַפטליכע ענערגיע פאַר דער ערציהונג פון אונזער אַמעריקאַנער יוגענד מיט דער כוונה, צו העלפען פאַראידישען דעם קומענדיגען דור, איז דערצו אַ הויפּט-באַדינג, צו באַקענען די מענשען מיט'ן אינהאַלט פון אונזער תלמוד, סיי דאָרט וואו איינער „נעמט אמאָל אַ שווים" אין אַט דעם ברייטען און טיעפען ים — און סיי ווי איינער קומט נישט קיינמאָל צו צו דעם, נור האָט בלויז דעם חשק, צו וויסען, וואָס עס געפינט זיך דאָרט.

האָב איך דאָס דאָזיגע ווערק מיינס געשריבען פאַר ביידן. ביי איינע וועט עס עפענען די אויגען, זיי צו באַקענען מיט'ן סיסטעם פון אונזער גמרא, גלייך ווי וועגען די פאַרשיעדענהייטען, וואָס זיינען אין פאַרלויף פון די יאָהרהונ־דערטער אין דעם דאָזיגען סיסטעם פאָרגעקומען. אַנדערע וועט עס קלאָר מאַכען וועגען דעם אינהאַלט און עס וועט זיי אריינפיהרען אינ'ם איינגענ־ארטיגען „לאַבירינט", ארויס צו קריגען די היסטאָרישע אוצרות.

ענג פאַרבונדען ביי די זיבען יאָהרהונדערטער אידישע געשיכטע, פון שמעון הצדיק ביז רב אשי און רבינא, איז יענע צייט מיט דער גריכישער, רוימישער און פערזישער קולטור, וועלכע האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף'ן גאַנג פונ'ם אידישען לעבען. שטויסען מיר זיך דאָרט דערפאַר אָן אויף אנזיכטען, וואָס שטאַמען פון באַזונדערע אומשטענדען, פאַראַנדערשטע אין זייער גייסט גלייך ווי אין זייער כאַראַקטער. איז דאָרט אויסגעמישט דער „פריהער" און דער „שפּעטער", אַז מען קען אַזש אַמאָל נישט ארויס־שיילען דאָס לעגענדאַרישע פונ'ם היסטאָרישען.

אונזערע „גייסטיגע ריעזען" הויבען זיך אָפטמאָל אויף ביז צו'ן אַ הימלישער הויכקייט און די וואָרצלען פון זייערע געדאַנקען זיינען פעסט אריינגעקייטעלט און מיט טויזענטער פעדים פאַרקניפּעלט אין דער פאַרגאַנ־גענהייט גלייך ווי אין דער צוקונפט. מיט זייערע פאַרצווייגטע שטאַמען שפּאַל־טען זיי דעם וועג אין דער האַרטער ווירקליכקייט צו די הויכע אידעאַלען פון מענשליכער גאַנצקייט, אריינגעוויקעלט און פאַרפלאָכטען אין אויסגעקליגעלטע מיטלען, וואָס דיענען צו דער פאַרווירקליכונג פון יענע אידעאַלען.

פונ'ם תלמודישען וואַלד איז דאַן גענומען געוואָרען דער זאָמען פאַר די פלאַנצונגען פון די קומענדיגע דורות. פון זיינע קוואַלען האָבען געשעפּט אַלע שפּעטערע געזעצגעבער, וואָס האָבען אויסגעפורעמט די פאָרשריפטען פונ'ם לערנען אין אַלע זייערע איינצעלהייטען.

קיין אַנדער פאָלק, חוץ אידען, האָט נישט געקוקט אויף דער ערציהונג פון זייערע קינדער מיט אַזאַ אידעאַלען בליק, אַז העכערס פון איהר איז גאָר נישט פאַרהאַנען. אין געוויסע שטונדען פונ'ם טאָג — זאָגט די גמרא — זיצט כביכול, דער אויבערשטער אַליין, און ער לעהרענט תורה מיט יענע קינדער, וואָס זיינען נאָך נישט געבוירען געוואָרען.

און אַזוי ווי איהר, זעהר חשוב'ער פריינד, מר. זעמעל, זענט פאַראינ־טערעסירט אין דער ערציהונג פון אונזער יוגענד, וויל איך מיר דאָ ערלויבען, אייך צו עמפּפעהלען מיין ווערק. אינ'ם דאָ געשילדערטען לעבענסוואַנדעל פון „אונזערע גייסטיגע ריעזען" וועט איהר זיכערליך געפינען אַ וויטערע אָנרע־גונג צו'ן אייער הייליגער אַרבייט.

נויאָרק סוף תרצ"ה

ג. ב.

אינהאַלטס־פאַרצייכנים

צום אריינפיהר. וואס די „תנאים” האבען אויפגעטהון אין דער משנה און וואס די „אמוראים” האבען באצוועקט מיט דער גמרא. — דער קולטורעלער שטאנד פון די אידען בעפאר מתן תורה און ווי די תורה האט ביי זיי באפעסטיגט, וואס עס איז שוין ביי זיי פון פריהער געווען אנגענומען. — די באגריפען פון ריינקייט און פארשיעדענע אנדערע מצוות. — די באדייטונג פון תעניתים און די מנהגים פון אבלות. — דער איינפלוס פונ'ם חורבן בית־המקדש אויף'ן גאנג פונ'ם אידישען לעבען. — די טענות פון די קאראימען געגען דער "תורה שבעל פה”. — עהנליכקייט פון מאנכע דינים אין דער תורה צו די געזעצע פון האמוראבי. — די צוזאמענשטעלונג פון דער גמרא און איהר ווערדע אלס א היסטארישער דאקומענט. — וואס די אידען אין בבל האבען געליטען און ווי אזוי זיי האבען דארט געלעבט. — ווי די אידען אין ארץ־ישראל פלעגען אויסלאכען די אידען פון בבל. — דער „תלמוד ירושלמי” און זיין באשאפענהייט, די שוועריגקייטען פון זיין סטיל און וואס דארט פעהלט. — דער חלוק צווישען דעם „תלמוד ירושלמי” און דעם „תלמוד בבלי”. — 9—41

דאס לעבען אין ארץ־ישראל אין דער צייט פונ'ם „תלמוד ירושלמי”. די רוימישע רעגירונג האט אונטערדריקט די שטאדטישע אידען און פארשווינט די פויערען. — ארץ־ישראל איז געווען געבענשט מיט פארשיעדענע מינים פרוכטען, אזוי ווי מיט גוט־געראטענע בהמות, עופות און פיש. — אוצרות האבען זיך געפונען אינ'ם „ים המלח” און אין די בערג האט מען געגראבען אייזען. — די אידען אין ארץ־ישראל האבען זיך אפגעגעבען מיט כל־ערליי מלאכות, אבער בעסער אויסגעארבייטע זאכען האט מען געדארפט ברענגען פון חוץ־לארץ. — רייכע און ארימע פויערען און דאס געגענזייטיגע פארהעלטעניס זייערס. — ארבייטער זיינען געווען געזעצליך פרייע מענשען און זיי האבען געקענט אויפהערען ארבייטען, ווען זיי האבען נור געוואלט. — דער געזעלשאפטליכער אונטערשיעד ביי אידען איז געווען אנדערש ווי ביי אנדערע פעלקער. — די חכמים זיינען געווען אויף דער זייט פונ'ם ארבייטער און זיי האבען אויך באשטימט די באהאנדלונג פון אידישע און גוי'שע שקלאפען. — די האפנונג אויף'ן ווידעראויפבוי פונ'ם בית־המקדש איז שטענדיג געווען א לעבעדיגע און נישט אלע אידען האבען זיך איבערגעגעבען צו דער טרויער אויף'ן חורבן. די מרידה פון בר־כוכבא האט צושטערט יעדע האפנונג אויף א באנייאונג פונ'ם בית־המקדש. — די שפעטערע אויפשטאנדען פון די אידען און זייער היסטארישע ערקלערונג. — דער אויסבוי און די אנטוויקלונג פון די שטעדט און די דערפער אין ארץ־ישראל. — די באדייטונג פון „כרך” און "עיר” און די ווערדע פון יענע, וואס האבען געהאלפען בויען שטעדט אין ארץ־ישראל. — די גאסען און די מויערען פון די שטעדט. — דאס אריינברענגען סחורות אין די שטעדט און זייער וואסער־פארזארגונג. — דער כבוד פון די שטעדטישע מענשען און די גרינגשעצונג פון די דארפישע מענשען. — די דינים וועגען איינע און די אנדערע. — זיכערקייט און אומזיכערקייט אין די שטעדט און אין די דערפער. — 42—69

פון רבי יהודה נשיאה דעם ערשטען ביז צום לעצטען „נשיא”. די ענדערונגען אינ'ם פאליטישען לעבען און די שפעטערע אפטיילונג פון דער רעליגיעזער פיהרערשאפט און די וועלטליכע אדמיניסטראציע. — ר' יהודה נשיאה'ס תקנות און זיינע סכסוכים מיט מאנכע אמוראים. — די וואקלענישען פון די רוימישע קייזארים און דער איינפלוס דערפון אויף דער פיהרונג פון די אידען אין ארץ־ישראל. — ווי בבל האט אנגעהויבען קריגען

אינהאַלטס־פאַרצייכנים

די אויטאָריטעט איבער'ן אידישען לעבען. — ר' יהודה נשיאה דער צווייטער האָט געגרינדעט שולען איבער גאַנץ ארץ־ישראל. — דער צוזאַמענשטויס צווישען ר' יהודה נשיאה דעם צווייטען און קייזער דיאָלעקציאַנוס. — דער „נשיא" איז באַטראַכט געוואָרען ווי אַ נאָכפאָלגער פון מלכות בית דוד, האָט מען פאַר איהם געגעבען, וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט, אָבער, ווען עס זיינען געקומען די שטייער־קאָלעקטאָרען פון דער רוימישער רעגירונג, האָט זיך דער עולם באַהאַלטען. — שפּעטער איז די אויפגאַבע פונ'ם „נשיא" בלויז געווען, צו געבען „סמיכה" און צו באַשטימען דעם „עבור". — ר' הלל דער צווייטער האָט איינגעאָרדענט אַ „סדר העבור", לויט דער אַסטראָנאָמישער איינטיילונג פון די יאָהרען, מען זאָל נישט מעהר זיין אָפּהענגיג מיט'ן באַשטימען די ימים־טובים פונ'ם „בית דין הגדול". — דער לעצטער „נשיא" איז געשטאָרבען אַ קינדערלאָזער. האָט דאָן דאָס אַמט אויפגעהערט. — דאָס קריסטענטום האָט באַקומען די הערשענדע מאַכט און אידען האָבען דערפון זעהר פיעל געליטען — 70—87

די „משניות חיצוניות" פון דער גמרא. אן ערקלערונג וועגען דעם אינהאַלט פון דער „ברייתא", די „תוספתא", די „מכילתא", דער „ספרא תורת כהנים" און דער „ספרי דבי רב". — 88—103

די „רבנן דאגדתא" און זייערע לעהרען. די לעגענדאַרישע איינטייטשונגען פון די פסוקים און היסטאָרישע געשעהענישען, צו טרייסטען דעם עולם אין זייער נויט, אָדער צו געבען מאַטעריאַל אויף צו קעמפּפען פאַר דער אידישער אמונה. — אָט די „רבנן דאגדתא" זיינען: ר' שמואל בר נחמני, ר' הושעיא, ר' שמלאי, ר' לוי, ר' יוחנן, ר' יהודה בר סימון, ר' יוסי בן חלפתא, ר' שמעון בן יהוצדק, ר' ברכיה. — — — — — — — — — — — — 104—118

ר' יוחנן — דער מסדר פון „תלמוד ירושלמי". אַ קיילעכדיגער יתום ביי זיין געבורט, באַשאָנקען מיט אַלע קערפּערליכע און גייסטיגע מעלות. — אַ גרויסער ענטהוזיאַסט פון דער תורה און די משנה איז ביי איהם געווען אַזוי חשוב ווי תורת משה. — צעהן זיהן האָט ער באַגראָבען ביים לעבען און אַריבערגעטראָגען אַלסדינג מיט דער גרעסטער געדולד. — צו די חכמים פון בבל האָט ער אָפּגעגעבען כבוד און גלייכצייטיג חוזק געמאַכט. — טאָלעראַנט ביז צו דער העכסטער מדרגה און זעהר עמפּפינדליך אויף זיין אייגענעם כבוד. — דאַוונען, פלעגט ער זאָגען, איז וויכטיגער ווי קרבנות. — ער האָט לאַנג געלעבט, ביז צום פערטען דור פון די אמוראים. — ווען ער איז געווען פאַרטיעפט אין לערנען, האָט ער נישט געזעהען, וואָס עס טהוט זיך אַרום איהם. — ער האָט נישט געהאַט קיין באָרד און דער קערפּער זייַנער איז געווען ווי פון אַ פרוי. — זיין מיינונג וועגען משיח און זיינע אָנצוהערענישען וועגען דער שלעכטער פּאָליטישער לאַגע. — גזרות אויף אידען אין ארץ־ישראל און אין בבל. — — — — — — — — — — — — — — — 119—138

ר' שמעון בן לקיש. זיין באַגעגעניש מיט ר' יוחנן, וועלכער האָט איהם געגעבען זיין שוועסטער פאַר אַ פרוי. —ביידע זיינען באַטראַכט געוואָרען אַלס גלייכוועַרטיגע חכמים. — ריש לקיש איז דערנאָך געווען די רעכטע האַנד ביי ר' יוחנן און ער האָט איהם גערופען „דער שליסעל פונ'ם לערנען". — ער איז קיינמאָל נישט געוואָרען פאַרזיצער אין בית־המדרש און ביז צו זיין טויט איז ער באַטראַכט געוואָרען ווי אַ תלמיד פון ר' יוחנן. — זיין עקשנות'דיג פעסטהאַלטען ביי דער משנה פון ר' יהודה הנשיא אפילו געגען דער מיינונג פון אַנדערע חכמים. — ער האָט אַמאָל פריהער אונטערבראָכען דאָס לערנען און פאַרקויפט זיך פאַר אַ „גלאַדיאַטאָר", צו מאַכען קונצען מיט ווילדע חיות אָדער פאַר אַ וועכטער געגען גנבים. — זיין סכסוך מיט ר' יהודה נשיאה און זיין צוזאַמענשטויס מיט ר' יוחנן. — זיין טויט און ווי ר' יוחנן האָט זיך נישט געקענט טרייסטען נאָך זיין טויט, ביז ער איז אַליין געשטאָרבען. — — — — — — — — — — — — — — — — — 139—151

אינהאַלטס־פאַרצייכניס

יהודה און חזקיה, די קינדער פון ר׳ חייא. ביידע זיינען יונגערהייד געשטאָרבען. זיי זיינען אויך געווען באַוואוסט אין זייער פרומקייט און אַנדערע מענשליכע מעלות. — זייער צוזאַמענשטויס מיט׳ן „נשיא". — — — — — — — — — — — — — — — — 152—155

רבי ינאי רבה. זיין לעבען און זיינע ווירקונגען אין הלכה און אין אגדה — — 156—159

רבי יונתן בן אלעזר. איז געווען הויפטזעכליך גרויס אין אגדה און אַנדערע פלעגען איבערגעבען זיינע אגדה׳שע אייגנטיימשונגען, וועלכע זיינען ווי באַלזאַם צו די פּאָליטישע וואונדען פון זיין צייט. — — — — — — — — — — — — — — — — — 160—164

רבי הושעיא רבה. די מענשען פון זיין צייט האָבען איהם טיטולירט „אבי המשנה" און ער האָט אָנגעפיהרט און אייגענעם בית־מדרש נאָך׳ן טויט פון ר׳ יהודה נשיאה דעם ערשטען. — 165—168

רבי חנינא בר חמא. געבוירען אין בבל און געקומען לערנען אין ארץ־ישראל ביי ר׳ יהודה הנשיא. — האָט זוכה געווען צו׳ן אַ הויכער עלטער און אַ געזונד לעבען. — ער ווערד אויך אַריינגענומען אין דער לעגענדע וועגען דער חבר׳שאַפט פונ׳ם קייזערליכען פּאַרטרעטער מיט ר׳ יהודה הנשיא און מען פלעגט איהם שיקען אין שתדלנות צו די פּאַרטרעטער פון דער רוימישער רעגירונג. — — — — — — — — — — — — — 169—176

רבי יהושע בן לוי. יעדער שריט זיינער איז אַרומגערינגעלט מיט לעגענדעס. מיט אליהו הנביא איז ער אַרומגעגאַנגען ווי מיט זיינסגלייכן. ער האָט אויך פּערזענליך גערעדט מיט משיח׳ן און אַזוי ווי ער איז באַקאַנט געווען מיט׳ן מלאך־המות, האָט ער זיך דורך אַ טריק אַרויסגעדרעהט פון זיין האַנד און ער איז לעבעדיגערהייד אַריינגעקומען אין גן־עדן. — 177—188

רבי שמואל בר נחמני. איינער פון די באַדייטענדסטע „רבנן דאגדתא", געבוירען אין ארץ־ישראל, איז ער עטליכע מאָל געגאַנגען קיין בבל, מאַנכעם מאָל אַלס שליח, צו פּראַקלאַמירען דאָרט דעם "עבור". — דער נשיא האָט איהם אויך אַמאָל מיטגענומען צום קייזער. — זיינע תקנות און זיינע מאָראַלישע סענטענצען. — די אידישע קריסטען האָבען דאַמאָלס אָנגעהויבען איינפיהרען זונטאָג אַנשטאָט שבת, האָט ער געקעמפפט דאַגעגען. — אַ געוואַלטיגע ראָלע האָט אין זיין געדאַנקען־גאַנג געשפּילט דער חורבן בית־המקדש. 189—197

רבי שמלאי בר אבא. געבוירען אין נהרדעא און דעם פאָטער זיינעם האָט מען גערופען אויף׳ן נאָמען פונ׳ם זוהן. — אין „הלכה" ווערד ער בלויז עטליכע מאָל דערמאָנט און אין „אגדה" האָט ער פיעל גע׳דרשנ׳ט וועגען דעם, וואָס עס וועט זיין, ווען משיח וועט קומען. — ער האָט אויך געהאַט וכוחים מיט די „מינים". — — — — — — — — 198—202

רבי אלעזר בן פדת. ער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן און ער האָט זיך געהאַלטען זעהר באַשיידען. ער האָט אויך נישט אָנגענומען קיין מתנות. — ער האָט אָנגעפיהרט אַן אייגענעם בית-המדרש נאָך׳ן טויט פון ר׳ יוחנן און ער האָט געהאַט אַ גרויסע צאָהל תלמידים. — כאָטש ער איז געווען אַן אָרימאַן, האָט מען איהם פון דעסטוועגען איבערגעגעבען דאָס אַמט פון אַ „גבאי צדקה" און ער איז געווען שטענדיג באַשטרעבט, דער אָרימאַן זאָל נישט פיהלען, אַז ער נעמט צדקה. — ער האָט אויך באַפעסטיגט דעם „יום־טוב שני של גליות". — — — — — — — — — — — — — — — — — — 203—209

רבי אבהו דקיסרין. אַ וואונדערליכער מענש מיט אויסערגעוועהנליכע גוטע אייגענשאַפטען. — רייך, געלעהרענט אין חכמות און לשונות און אַ מקורב למלכות. — ער האָט זיך אויך

אינהאלטס־פארצייכניס

שטענדיג איינגעשטעלט אין שתדלנות פאר אידען. — ווען ער האט גע'דרשנ'ט, האט עס אויסגעזעהען גלייך ווי עס וואלט א פייער געלייכט ארום איהם, און ווען ער איז געשטארבען, האבען די זיילען פון דער שטאדט געגאסען טרערען. — — — — — — — — — — 210—218

רבי חייא בר אבא הכהן. א גרויסער חשוב ביי ר׳ יהודה נשיאה דעם צווייטען. — צוליעב נויט האט ער אויסגעוואנדערט פון ארץ־ישראל קיין בבל. דערנאך איז ער צוריקגעקומען און מען פלעגט איהם שיקען אין שליחות'ן. — וועגען דער ווירקונג פון זיינע תפלות האט מען זיך וואונדער דערצעהלט. — ער איז געווען א בעל־הלכה און א געגנער פון אגדה — 219—223

רבי אמי און רבי אסי.ביידע זיינען געקומען פון בבל און ביידע האבען צוזאמען גע־קראגען „סמיכה". — געווען איז דאס אין די צייטען פון דער קעניגין זענאביא. — דער נשיא איז געווען ר׳ יהודה נשיאה דער דריטער, און ווען מען האט איהם עטוואס געפרעגט, פלעגט ער זיך ווענדען מיט דער שאלה צו ר׳ אמי. — ביידע זיינען אויך געגאנגען אין שליחות, צו גרינדען שולען פאר תנ"ך. — נאך'ן טויט פון ר׳ אלעזר בן פדת זיינען ביידע געווארען „ראשי ישיבה". — און ווי עס דאכט זיך, איז ר׳ אסי פריהער געשטארבען. 224—234

רבי יצחק נפחא. איינער פון די בעסטע מייסטער אין אגדה, וואס מען האט זיך אויך גערעכענט מיט זיין מיינונג אין הלכה. — — — — — — — — — — — — — 235—240

רבי אבא בר כהנא און רבי חנינא בר פפא. צוויי פארשיעדענע פערזאנען, וואס האבען געלעבט און געווירקט אין איין צייט. — וועגען ר׳ חנינא ווערט דערצעהלט, אז ער האט געהאט א „נסיון" מיט א מטרוניתא. ער האט אויך געהאט א צוזאמענשטויס מיט אז אויבערמאכער פון די שדים און ער האט גע'פועל'ט ביים מלאך־המות, ער זאל איהם ווארטען דרייסיג טאג. און ווען ער איז געשטארבען, האט א פייער־זייל ארומגערינגעלט זיין גוף. — 241—246

רבי זירא. גרויס אין הלכה און מען האט איהם גערופען „החסיד הבבלי". — זיין ליעבשאפט צו ארץ־ישראל האט איהם געמאכט קומען פון בבל און עס זיינען אויך מיט איהם פיעל נסים פארגעקומען. — קליין אין וואוקס און נישט קיין שעהנער, האט זיך א קצב אין ארץ־ישראל געמאכט מיט איהם א וויץ. איז דער קצב באלד דערנאך געשטארבען. — 247—255

צום אריינפיהר

ווען עס רעדט זיך וועגען די „אמוראים", מוז מען אָנהויבען ביי די אמוראים פון ארץ־ישראל, ווייל זיי זיינען געווען די דירעקטע יורשים פון די „תנאים", דאָס לעצטע רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון „תורה שבעל־פה", וועלכע האָט זיך געצויגען פון די „אנשי כנסת הגדולה" ביז צו זייער צייט, צום אונטערשיעד פון די אמוראים אין בבל, וואָס זייער ווירקונג איז פאַר די דאָרטיגע אידען געווען דער אָנהויב פון אַ נייעם היסטאָרישען לעבען, וועלכעס האָט נאָך הונדערטער יאָהרען שפּעטער עקסיסטירט, ווען דאָס ליכט פון אַ אידישער גייסטיגקייט איז אין ארץ־ישראל שוין לאַנג געווען פאַרלאָשען.

מיט'ן ענדיגען די „משנה" איז אָפּגעשלאָסען געוואָרען די „הלכה", וואָס איהר אויטאָריטעט איז געווען אָנגענומען סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין בבל. דאָ ווי דאָרט איז די „משנה" געווען די לעצטע אַנטשיידונג אין אַלע פראַגען פונ'ם לעבען. זיינען די דאָזיגע אַנטשיידונגען נישט געגאַנגען שפּעטער אין איין ריכטונג און בלויז דער יסוד איז געבליבען דערזעלבער, ווייל עס האָט זיך נישט קיינער ערלויבט, צו וועלען זאָגען אַנדערש, ווי די „תנאים" האָבען פעסטגעשטעלט. אפילו ביי די איינטייטשונגען פון אַזעלכע פסוקים, וואָס ריהרען נישט אָן דאָס רעליגיעזע לעבען, זיינען די „אמוראים" געשטאַנען אונטער'ן איינפלוס פון די תנאים.

און ווען מיר פאַרטיפען זיך אין די לעהרען פון אונזערע תנאים און אמוראים, קענען מיר זעהן, אַז דאָס גאַנצע שטרעבען זייערס איז געווען צו געבען אַ ווירדיגע פאָרטזעצונג צו די לעהרען פון די נביאים, וועלכע האָבען געוואָלט אויפהויבען די מאָראַל פון די אידען צו דער העכסטער מדרגה. האָבען זיי דערפאַר איינגעטייטשט די מצוות פון דער תורה אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָלען זיך אין זיי אויסדריקען אַלע עטישע אידעאַלען, וואָס דערפיהרען דעם מענש צו די געפיהלען פון גערעכטיגקייט, גלייך ווי צו פריעדען און אַלגעמיינע מענשענליעבע.

האָט דאָס דאָזיגע שטרעבען פאַראורזאַכט, וואָס מאַנכע פון אונזערע חכמים האָבען געגלויבט, אַז דאָס בלויזע באַשעפטיגען זיך מיט לערנען די תורה און אָפּגעבען זיך מיט'ן אָנהאַלטען איהרע מצוות, איז דאָס וויכטיג־סטע אינ'ם לעבען, אפילו ווען מען גלויבט נישט אין זיי (זעה פּסחים דף נ' עמוד ב'). און ווען משיח וועט קומען — האָבען אַנדערע געזאָגט — וועלען אַלע מצוות בטל ווערען, ווייל מען וועט זיך דאַמאָלס נישט מעהר נויטיגען אין אַ געשריבען געזעץ (זעה נדה דף ס"א עמוד ב' און מדרש תהלים פרשה נ"ו).

פאַרהאַנען אַ מדרש, וועלכער זאָגט, אַז די מענשען פונ'ם „דור המדבר" זיינען געווען אַ „דור דעה" מיט אַ געוויסען גראַד פון ציוויליזאַציע, נישט ווי עס וואָלט זיך געקענט ביי אַן אויבערפלעכליכען קוק אויסדאַכטען, אַז

די אמוראים פון ארץ־ישראל

זיי זיינען געווען פּלוצים פריי־געוואָרענע שקלאַפן, וואָס האָבן זיך קוים נור וואָס אָפּגעריסען פון דער קייט. זעהענדיג אזא מין מדרש, האָבען שוין פיעלע אויפגעקלערטע דענקער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איראָניש גע־שמייכעלט. דאַרף מען דערפאַר וויסען, אז עס שטעקט אַ טיפע לאָגיק אין יענעם מדרש, ווייל ביי אַ בעסערען בליק אין די מצוות פון דער תורה לאָזט זיך גאַנץ גוט זעהן, אז אין דער צייט, וואָס די אידען האָבען באַקומען די תורה, האָבען זיי שוין פאַרמאָגט אַ העכערע מדרגה פון מענשליכער קולטור.

ווי אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער פון יענער צייט האָבען די אידען אין מצרים פאַרשטאַנען, צו מאַכען קליידער. און ווען מיר זאָלען אפילו זאָגען, אז די קליידער זייערע זיינען נישט געווען געמאַכט פון די פיינסטע שטאָפען, וואָס מצרים האָט פאַבריצירט, האָט זיך עס פון דעסטוועגען פאַרלאַנגט, צו באַזיצען אַ קינסטלערישע פינגערפערטיגקייט ביים שפּינען און וועבען דעם פלאַקס און די לינען, פון וועלכע זייערע קליידער זיינען דאַמאָלס באַשטאַנען.

זיי האָבען אויך פאַרשטאַנען צו אַרבייטען אין פעלד, צו אַקערען און זייהען, אַרונטער צו נעהמען די תבואות, צו דרעשען דאָס קאָרן און דעם ווייץ, צו מאָלען דאָס מעהל, צו פאַרקנעטען אַ טייג און צו באַקען דאָס ברויט. זיי האָבען פאַרשטאַנען, צו האָדעווען בהמות, צו מעלקען די קיה אָדער די ציעגען און צו מאַכען פּוטער. זייענדיג אין דער שקלאַפעריי, האָבען זיי געבויט הייזער און שטעדט, גלייך ווי זיי האָבען געקענט קנעטען ליהם און ברענען ציעגעל. זיי האָבען אויך פאַרשטאַנען צו שניצען האָלץ, צו האַקען שטיינער, צו שמידען אייזען און קופּער, צו פלאַנצען גערטנער און צו מאַכען וויין, צו שיסען מיט אַ פּיילענבויגען, צו יאָגען זיך נאָך חיות אָדער צו באַשיצען זיך אַליין פון אַ שונא. זיי האָבען פאַרשטאַנען, צו גראָבען אין דער ערד אויף צו געפינען וואַסער, אָנצוהאַלטען אַ פייער און עס צו באַנוצען. זיי האָבען געוואוסט, צו מאַכען ציערונג פון גאָלד און זילבער, גלייך ווי זיי האָבען געוואוסט, צו שטויסען אוילבירטען, ארויסצוקריגען דעם אויל.

פּונקט אַזוי זיינען זיי שוין דאַמאָלס געווען ציוויליזירט אין זייערע גע־זעלשאַפטליכע פאַרהעלטניסע מיט פאַרשטעהער און פּאָליצייאישע פיהרער, מיט ריכטער און אַרעסטען. זיי האָבען אויך פאַרשטאַנען, איינצוטיילען די צייט אין וואָכען, חדשים און יאָהרען. אין זייער האַנדעל האָבען זיי שוין געוואוסט, צו באַדינען זיך מיט מטבעות ביים קויפען געוויסע זאַכען. אברהם אבינו האָט באַצאָהלט פיער־הונדערט זילבערנע שקלים פאַר דער „מערת המכפלה" און זיין אייניקעל יעקב האָט באַצאָהלט הונדערט קשיטה'ס פאַר אַ שטיקעל פעלד, וועלכעס ער האָט געקויפט אין שכם ביי די בני חמור.

אין אַלגעמיין זיינען די מענשען אין יענע צייטען געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה פון שכל, און די אידען זיינען חלילה נישט געווען הינטער־שטעליג, און ווען אַנדערע פעלקער האָבען שוין געהאַט געזעצע און אָרדנונגען, האָבען די אידען וואַהרשיינליך נישט געלעבט אין געזעצלאָזיגקייט.

האָט דאַן די תורה ביי מאַנכע מצוות בלויז באַפעסטיגט, וואָס עס איז שוין פון פריהער געווען אָנגענומען, ווי דער רשב"ם זאָגט אין זיין פּירוש אויף דער תורה, אז דאָס „באַגזל'נען פרעמדע מענשען, דאָס פאַרהעלטנים צו פרויען, דאָס גלוסטען צו יענעמ'ס אייגענטום, דאָס אָנפיהרען משפּטים און אויסגלייכען סכסוכים, אַזוי ווי די מדה פון הכנסת אורחים זיינען גע־

צום אריינפיהר

ווען איינגעפיהרט ביי אידען בעפאר מתן־תורה, און וואס די תורה האט ביי די דאזיגע ענינים אנגעזאגט, איז בלויז געווען א פארשטארקונג פון פריהערע פיהרונגען און א צוזאג, אז אידען וועלען די דאזיגע געזעצע אפ־היטען פאר אייביגע צייטען".

אלע ציוויליזירטע פעלקער פון יענער צייט און די אידען פון בעפאר „מתן תורה" אריינגערעכענט, האבען דאן געהייסען „בני נח" — און אלס אזעלכע האבען זיי געדארפט אפהיטען בלויז זיבען מצוות, דהיינו: דאס אנפיהרען משפטים, נישט באליידיגען גאט'ס נאמען, נישט דינען צו דער „עבודה זרה", נישט עובר צו זיין אויף „גלוי עריות", נישט צו הרג'ענען קיין מענשען, נישט צו באראבעווען קיינעם און נישט אויסצושניידען קיין פלייש פון א לעבעדיגער בהמה אויף צו עסען. אנדערע זאגען, אז אין די זיבען מצוות, וואס די „בני נח" האבען געדארפט אפהיטען, איז אויך געווען אנ־געזאגט, נישט צו עסען קיין בלוט פון א לעבעדיגער בהמה, נישט צו „קאסטרירען" (מסרס זיין), נישט צו טרייבען קיין כשוף, נישט צוזאמען צו פארען פארשידענע מינים חיות, בהמות אדער עופות, אזוי ווי נישט צו זייהען קיין „כלאים" (זעה סנהדרין דף נ"ו עמוד ב').

פריהער שוין, זאגט די גמרא, איז אדם הראשון אנגעזאגט געווארען, אפצוהיטען די ערשטע זעקס פון די אויבען אויסגערעכענטע זיבען מצוות, חוץ דעם איסור פון עסען „אבר מן החי", ווייל אזוי ווי מען האט אין אל־געמיין ביז נאכ'ן מבול נישט געטארט עסען קיין פלייש, האט מען נישט געדארפט אנזאגען ווענען עסען „אבר מן החי".

אנדערע האבען געזאגט, אז די „בני נח" האבען געהאט דרייסיג מצוות (חולין דף צ"ב עמוד א'). זיינען דאס וואהרשיינליך געווען אזעלכע מצוות, וואס זיינען געבויעט אויף די יסודות פון די אויבען־דערמאנטע זיבען. עס איז אויך פארשטענדליך, אז ווען מען האט געדארפט אנפיהרען משפטים, האט מען געדארפט וויסען, וואס פאר א מענש מען דארף אויסקלייבען אלס דיין אדער שופט. און ווען עס איז אנגעזאגט געווארען ווענען „גלוי עריות", האט מען געדארפט גענוי וויסען, וואסערע פרויען א מאן טאר נישט געברוי־כען. עס האט אויך געדארפט גענוי ערקלערט ווערען דער ענין פון „גזל", ווייל עס איז דאן אריינגערעכענט געווארען אין דעם דאזיגען באגריף — דאס לייהען און נישט וועלען אפגעבען, אזוי ווי דאס לאזען ארבייטען און נישט וועלען באצאהלען דעם ארבייטער.

פון גאר אלטע צייטען האט געהערשט ביי מענשען א מנהג, צו ברענגען „קרבנות" פון לעבעדיגע בהמות און עופות, אדער פון פרוכט. קין האט געבראכט א קרבן פון זיינע פרוכטען און הבל האט געבראכט א קרבן פון זיינע בעסטע שאף. נאכ'ן מבול האט נח געבויט א מזבח און מקריב געווען קרבנות. אברהם אבינו האט אויך אויסגעבויעט א מזבח מיט קרבנות. דאסזעלבע האט געטהון זיין אייניקעל יעקב. משה רבנו האט געזאגט צו פרעה, אז אידען דארפען געהן אין דער מדבר, מקריב זיין דארט קרבנות צו זייער גאט. האט ר' סעדיה גאון ווענען דעם געזאגט, אז אזוי ווי די מצוה פון קרבנות גלייך ווי מצות מילה איז עלטער פון מצות שבת, איז דערפאר דאס מקריב־זיין א קרבן און דער ענין מילה — דוחה שבת.

ביי דער שפעטערער אנטוויקלונג פונ'ם „גאטעס־דינסט", וועלכעס האט דאמאלס בלויז געמיינט קרבנות, האט זיך ביי מאנכע פעלקער אויסגעביל־דעט די מיינונג, אז דער געוועהנליכער מענש איז אליין נישט פעהיג, צו

האָבען צו טהון מיט גאָט, ווייל נישט יעדער קען די פאָרשריפטען, וואָס דאַרפען באַאָבאַכטעט ווערען ביים מקריב־זיין די קרבנות. האָט דאָס פאַראורזאַכט, וואָס מען האָט דאָס מקריב־זיין איבערגעגעבען צו אַזעלכע מענשען, וואָס זיינען פריי פון יעדער געוועהנליכער ארבייט און זיי זיינען אויך געווען געלעהרענט אין די פאָרשריפטען, וואָס דאַרפען אָפּגעהיט ווערען ביים מקריב־זיין די קרבנות. און אַזוי ווי די דאָזיגע מענשען האָבען נישט געטהון קיין אַנדערע ארבייט, האָט איטליכער געמוזט אָרונטערגעבען „מעשר" פאַר זייערט־וועגען. אַזוי האָט אברהם אבינו געגעבען מעשר צו מלכי־צדק, וועלכער איז געווען אַ „כהן לאל עליון", און יעקב אבינו האָט געטהון אַ נדר, אַז ווען דער אויבערשטער וועט איהם לאָזען באַגליקען אויף זיין וועג און ער וועט איהם געבען ברויט און אַ מלבוש, וועט ער דאַן געבען „מעשר" פון אַלעמען.

דורכצופיהרען דעם „גאָטעס־דיענסט", איז לכתחלה געווען באַשטימט דער „בכור" פון יעדער פאַמיליע. דאָס נעמליכע איז אויך געווען ביי אידען, ביז דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרען. שפּעטער איז די פאַרטרעטונג פון די אידען ביי גאָט אַוועקגענומען געוואָרען פון די „בכורים" און זי איז איבערגעגעבען געוואָרען צו די קינדער פון אהרן. דערנאָך האָט די וויטערדיגע אַנטוויקלונג פאַרלאַנגט, אַז די קינדער פון אהרן זאָלען קריגען העלפער צו זייער אַרבייט. האָט מען זיי צו דעם צוגעגעבען די לויים.

האָבען די כהנים אָנגעפיהרט דאָס מקריב־זיין די קרבנות און דערפאַר האָבען זיי געקראָגען די ערשטע פרוכטען, די ערשט־געבוירענע בהמות און נאָך אַנדערע עהנליכע זאַכען. און צו די לויים, וועלכע האָבען גדאַרפט אַרבייטען אַרום דעם משכן, האָט די תורה געגעבען דעם „מעשר", דאָס איז געווען דער צעהנטער טייל פון איטליכענ'ס הכנסה — און די לויים האָבען ווייטער גדאַרפט אַוועקגעבען פון זייערע הכנסות אַ „מעשר" צום כהן.

טראָצדעם איז די „בכורה" אַלץ ווייטער פאַרבליבען אַ פאָררעכט פון יעדען ערשט־געבוירענעם ביי דער פאַרוואַלטונג פון דער פאַמיליע אַלס אַ פאַרטרעטער פונ'ם פאָטער. דער בכור האָט אויך גדאַרפט קריגען אַ טאָפּעלטען חלק אין דער ירושה — און ווען עס האָט איינער געהאַט קינדער פון צוויי ווייבער, וואָס ער האָט איינע געליבט און די אַנדערע האָט ער פיינט געהאַט, האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז דער זוהן פון דער געהאַסטער פרוי איז געווען דער עלטסטער, איז עס געווען אַן אַלט געזעץ, אַז טראָץ דעם האַס צו דער מוטער פונ'ם בכור האָט דער פאָטער געמוזט אַנערקענען דעם געזעצליכען ערשט־געבוירענעם און איהם באַשטימען, צו נעהמען אַ טאָפּעלטען חלק אין דער ירושה.

דער מנהג, וואָס די כהנים בענשען דאָס פאָלק, איז אויך אַן אַלטער. דער ערשטער כהן אַזעלכער איז געווען מלכי צדק, וועלכער האָט געבענשט אברהם'ן. און איידער די תורה האָט נאָך אָנגעזאָגט, אַז אהרן הכהן און זיינע קינדער דאַרפען בענשען די אידען, דערצעהלט די תורה, ווי אהרן האָט אויפגעהויבען די הענט אין דער הויך און ער האָט געבענשט דאָס פאָלק (ויקרא קאַפּיטעל ט' פסוק כ"ב).

שוין אין דער צייט פון בעפאָר דעם מבול האָט נח געוואוסט, צו מאַכען אַן אונטערשיד צווישען געוויסע בהמות און עופות, וואָס אַ טייל פון זיי ווערד באַטראַכט פאַר ריין אָדער „כשר" און אַנדערע פון זיי ווערען באַטראַכט פאַר אומריין אָדער „טרפה". פרעגט די גמרא וועגען דעם, צי זיינען

צום אריינפיהר

דען דאמאלס געווען ריינע און אומריינע בהמות? איז דער תירוץ, אז אזוי ווי אלע חיות און בהמות האבען זיך געוואלט רעטען אין דער תיבה, האט די תיבה אריינגענומען פון מאנכע מינים בלויז צו איין פאר און פון אנדערע מינים צו זיבען פאר. האט מען געוואוסט, אז די איינפאריגע זיינען „אומריינע" און די זיבען־פאריגע זיינען „ריינע" (זעה סנהדרין דף ק"ח עמוד ב').

באלד ווי דער מענש האט אנגעהויבען אנטוויקלען זיין פאמיליען־לעבען, האט ער אנגעהויבען אנערקענען די בלוטס־פארוואנדטע זיינע, די קינדער און די ברידער, ווי א טייל פון זיך אליין. און אזוי ווי דער מענש איז נור געקומען צו פארשטעהן די באגריפען פון מיין און דיין, האט ער זיך געמאכט א געזעץ, אז ביים גאנצען פארמעגען זיינעם זאל נישט קיינער חוץ זיינע בלוטס־פארוואנדטע האבען א חלק. ביי דער אנערקענונג פון אט דעם פרינציפ האט אויך דער מענש געלערנט, אז ער דארף שפייזען זיינע קינדער און זיי באזארגען מיט אלע זייערע באדערפענישען. דעסגלייכען האט ער געלערנט זארגען פאר זייער צוקונפט, אז ווען ער וועט ענדיגען זיין לעבען, זאל זיין אייגענטום און זיין פארמעגען אריבערגעהן אין זייער רשות.

אויף אט אזא אופן האט זיך אנטוויקעלט דאס געזעץ פון ירושה. אזוי האט זיך אויך אברהם אבינו באקלאגט פאר גאט, ווען ער האט געזאגט: „אזוי ווי דו האסט מיר נישט געגעבען קיין קינדער, וועט מיך דער פארוואלטער פון מיין הויז ירש'נען!" — און גלייך ווי ביי אנדערע ציוויליזירטע פעלקער פון יענער צייט איז אויך געווען א מנהג ביי אידען, אז א טאכטער האט נישט גע'ירשנ'ט צווישען זיהן. יעדער פאטער פלעגט דאן געבען צו זיין טאכטער איהר חלק אלס א „נדן", ווען ער האט זי פארהייראט. און אזוי ווי א טאכטער האט געקענט הייראטען א מענש פון אן אנדערען שבט, האט זי נישט געקענט האבען קיין חלק אין דער ירושה פון איהר פאטער, ווייל עס האט געוועהנליך געהערשט א געזעץ, אז דער באזיץ פון איין שבט זאל נישט אריבערגעהן צו אן אנדערן שבט.

לאנג בעפאר „מתן תורה" האבען אברהם'ס קינדער אפגעהיט „מצות מילה", און ווי עס איז אנצונעהמען, האבען די קינדער פון ישמעאל און פון די בני קטורה אפגעהיט די דאזיגע מצוה אפשר מיט א גרעסערער עקשנות, ווי די אידען האבען דאס געטהון, וועלכע האבען זיך גאנצע פערציג יאהר אין דער מדבר נישט מל געווען.

צוזאמען מיט אנדערע ציוויליזירטע געזעצע האט דער מענש גע־לערנט אפהיטען די באגריפען פון א „נדר" און א „שבועה". ער האט אויך פארשטאנען, אז א מענש איז מחויב צו האלטען זיין ווארט, וועלכעס ער האט אמאל ארויסגעזאגט, סיי ווען די זאך באריהרט איהם אליין און סיי ווען זי באריהרט אנדערע מענשען.

אט די באגריפען האט דער ציוויליזירטער מענש שוין פון לאנג פריהער פארמאגט. אברהם אבינו האט געשוואוירען צו אבימלך'ן, אז זיי וועלען זיך נישט קיינמאל קיין שלעכטס טהון איינער צום אנדערן, אפילו נישט צו א זוהן אדער צו אן אייניקעל. יעקב אבינו האט געטהון א „נדר" און שפעטער האט ער געשוואוירען צו לבן, אז זיי וועלען נישט אריינגעהן איינער אינ'ם אנדערן'ס גבול צום שלעכטען.

דאס טויטען א בהמה אדער אן עוף דורך „שחיטה" איז אזוי צו זאגען שטענדיג באטראכט געווארען פאר א נאטירליכען גאנג, וועגען וועלכען דער מענש האט געוואוסט פון אלטע צייטען. ס'איז אויך אנצונעהמען, אז דער

באגריף „שחיטה" איז תמיד געווען פונ'ם האלז, ווייל מען האט געזעהן, אז די מעהרסטע ווילדע חיות זיינען זיך נוהג, ווען זיי באפאלען זייער קרבן, האפען זיי איהם פון הינטען ביים נאקען און דאביי האלטען זיי דעם קרבן צו מיט די פיס, ער זאל זיך נישט קענען ריהרען. האט אזא טויטונג אויס־געזעהן ביי די מענשען צו ווילד בארבאריש און זיי האבען איינגעפיהרט דאס שחט'ן ביים האלז, אנדערש ווי די ארומיגע פעלקער פלעגען טהון.

אזוי ווי די מצוות פון דער תורה האבען דעם צוועק, צו פאראיידעלען די מענשען און איהרע יסודות זיינען געבויעט אויף בארמהארציגקייט, איז דאס פאראורזאכען אומנויטיגע שמערצען צו'ן א לעבעדיגער באשעפעניש שטרענג פארבאטען (זעה שבת דף קכ"ה עמוד ב').

פון די עלטעסטע צייטען אן האט דער מענש געקענט די באגריפען פון ריינקייט און אומריינקייט ביי זיך און ביי זיינע מיטמענשען. אזוי ווי דער מענש איז נור געקומען צו דער עסטעטישער מדרגה פון ריינקייט, האט ער זיך שוין געהיט פון אנריהרען א זאך, וועלכע ער האט אנערקענט פאר שמוציג אדער אומריין. ער האט געגלויבט, אז עס רוהט א שעדליכער גייסט אויף דער אומריינער זאך, וועלכער איז גרייט, צו באהעפטען זיך צו יעדען ריינעם גוף, וואס קומט מיט איהם אין באריהרונג. אזוי האט אויך יעקב אבינו געזאגט צו זיינע הויז־מענשען, ווען ער איז אוועק פון דער שטאדט שכם און ער האט געוואלט געהן קיין בית־אל: „נעמט אוועק די פרעמדע געצקעס פון אייער מיט, רייניגט אייך און טהוט אייך אן אנדערע קליי־דער!" — אזוי האבען זיך אויך די מענשען שטענדיג געהיט, נישט צו באריהרען א פרוי א „נדה", א בהמה טמאה אדער א שרץ טמא.

אלס רייניגונגס־מיטעל, אוועקצונעהמען די צוגעקלעפטע טומאה, איז געווען אנגענומען דאס וואשען מיט וואסער. מיט דער הילף פון אט דעם מיטעל איז אפגעווישט געווארען יעדע צוגעקלעפטע אומריינקייט. אזוי האט דער אויבערשטער אנגעזאגט בעפאר „מתן תורה", אז דאס פאלק זאל זיך הייליגען און וואשען זייערע קליידער. דאס איז אויך די אורזאך, וואס א גר דארף זיך טובל'ן אין וואסער, און ווען ער האט זיך גע'מל'ט און נישט גע'טובל'ט, איז ער נאך נישט אנגענומען אלס גר. דאסזעלבע איז די טבילה פון א „נדה", וועלכעס איז וואהרשיינליך זעהר אן אלטער מנהג ביי פיעלע ציוויליזירטע פעלקער.

עס איז אויך נישט פארהאנען דער מינדעסטער צווייפעל, אז די דאזיגע אלע מצוות האבען זיך שפעטער אנטוויקעלט אין פארשיעדענע נעבען־מצוות, ווי עס איז דער נאטירליכער גאנג ביי אזעלכע ענינים. און ווען די מענש־ליכע געזעלשאפט האט זיך ווייטער אנטוויקעלט אין איהר ציוויליזאטארישען וועג, זיינען געווען געוויסע באשטימטע שטראפען פאר יענע, וואס האבען די דאזיגע געזעצע נישט אפגעהיט און זיי האבען געטהון, וואס עס איז געווען פארבאטען.

און וויפיל די חכמים האבען געשטרעבט, אז די מענשען זאלען אנ־האלטען די מצוות פון דער תורה, האבען זיי שטענדיג געווארענט, מען זאל זיך אויסהיטען פון צו טהון אזא מצוה, וועלכע קען בלויז געטהון ווערען דורך אן עבירה (מצוה הבאה בעברה), א שטייגער ווי מען זאל עטוואס אוועק נעהמען אויף אן אומגעזעצליכען אופן, כדי צו טהון דערמיט א מצוה (זעה ברכות דף מ"ז עמוד ב', סוכה דף ל' עמוד א', בבא קמא דף צ"ד עמוד א').

האט פון דעסטוועגען געקענט אמאל פארקומען א פאל, וואס דאס פאר־

קוקען אַ מצוה פון דער תורה קען העלפען אַנצוהאַלטען אַן אַנדערע מצוה, אַ שטייגער ווי מען אונטערברעכט דאָס לערנען צוליעב אַ פילאַנטראָפּישע טהאַט (זעה מנחות דף צ״ט עמוד ב׳).

געוועהנליך איז נישט פאַרהאַנען קיין שום זאַך, וואָס זאָל קענען אַריי־בערוועגען דעם ענין פון „פקוח נפש״, מען זאָל נישט מעגען טהון אַ פאַר־באָטענע זאַך, ווען דאָס לעבען פון אַ מענשען איז אין געפאַהר, אויסער ווען מען זאָל איינעם וועלען צווינגען צו הרג׳נען אַ מענשען, צו דיענען די „עבודה זרה״ אָדער סעקסועל צו זינדיגען, אויף אָפּצוראַטעווען דאָס איי־גענע לעבען (זעה יומא דף פ״ב עמוד א׳). אָט די דריי עברות (עבודה זרה, גלוי עריות און שפיכות דמים) זיינען אַזוי שטאַרק, אַז ווען איינער איז אפילו געפעהרליך קראַנק און ער קען דורך איינע פון יענע דריי עברות געהיילט ווערען, טאָר מען נישט פאַר איהם אַזאַ מיטעל באַנוצען (פסחים דף כ״ה עמוד א׳).

אַנדערש איז, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען „שמירת שבת״, וועלכעס איז אויך זעהר אַ האַרבער ענין, ווייל אַ מחלל־שבת איז חייב מיתה, איז פון דעסטוועגען אָנגענומען, אַז ביי אַ מינדעסטער לעבענס־געפאַהר מעג מען שוין מחלל־שבת זיין, צו ברענגען יענעם מענשען אַ הילף (זעה יומא דף פ״ג עמוד א׳). אין דעמזעלבען זין זאָגט דער תנא ר׳ שמעון בן מנסיא, אַז „דער שבת איז איבערגעגעבען צו די מענשען און נישט די מענשען זיינען אין די הענד פון׳ם שבת״ (מכילתא מסכתא דשבתא פיסקא י״ד), ווייל ווען מען דאַרף אָפּראַטעווען אַ מענשען׳ס לעבען, האָט דער תנא ר׳ נתן גע־זאָגט, אַז „מען מעג וועגען אַזאַ מענשען מחלל־זיין איין שבת, כדי ער זאָל דערנאָך קענען אָפּהיטען פיעלע שבתים״ (מכילתא כי תשא פיסקא מ״ז).

די רעליגיעזע פאָרשריפטען פון דער תורה — זאָגט די גמרא — זיינען איבערהויפּט געגעבען געוואָרען מיט דעם צוועק, אַז דער מענש זאָל קענען מיט זייער הילף לעבען, אָבער נישט זיי זאָלען דעם מענשען אוועק׳הרג׳נען (סנהדרין דף ע״ד עמוד א׳). עהנליך צו דעם זאָגט די גמרא, אַז ווער עס מאַכט צוגרונד־געהען איין אייגציג אידיש נפש, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט אומגעבראַכט אַ גאַנצע וועלט, און ווער עס דערהאַלט איין אידיש נפש ביים לעבען, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט אַ גאַנצע וועלט ביים לעבען דערהאַלטען (סנהדרין דף ל״ז עמוד א׳).

גלייך ווי עס איז פאַרבאָטען, צו מאַכען אַ שאָדען פאַר אַ צווייטען מענש אין זיין קערפּער אָדער אין זיין אייגענטום, האָבען די חכמים גע־זאָגט, אַז דער מענש טאָר זיך אפילו אליין נישט באַשעדיגען (בבא קמא דף צ״א עמוד ב׳). און ווען די תורה זאָגט, אַז מען זאָל נישט אַרונטער־האַקען אַ פרוכט־בוים ביי דער באַלאַגערונג פון אַ שטאָדט, האָבען די חכמים געזאָגט, אַז מען טאָר נישט אַרונטערהאַקען אַ פרוכט־בוים אפילו אין אַן אייגענעם גאָרטען, און ווער עס טוט אַזאַ זאַך טראָגט דעם פאַרבאָט, דאַרף באַשטראָפט ווערען (זעה מכות דף כ״ב עמוד א׳ און ספרי דברים פיסקא ר״ג).

ביי מאַנכע געלעגענהייטען האָבען די חכמים געזאָגט, אַז דאָס אַריינגעהן אין אַ געפאַהר פונ׳ם לעבען איז ערגער ווי טהון אַן אַנדערע עברה (זעה חולין דף י׳ עמוד א׳, תענית דף י״א עמוד א׳, ויקרא רבה פרשה ל״ד פיסקא ג׳).

די תורה — זאָגט די גמרא — האָט זעהר שטאַרק אַכטונג געגעבען אויפ'ן כבוד פון די מענשען. אין איהרע אויגען איז דער כבוד פון די מענשען אַזוי גרויס, אַז מען מעג אַמאָל צוליעב איהם פאַרקוקען אַפילו אויף אַ „לא תעשה" (זעה ברכות דף י"ט עמוד ב', שבת דף כ"א עמוד ב' און דף צ"ד עמוד ב', ערובין דף מ"א עמוד ב', מנחות דף ל"ז עמוד ב').

אַ גנב האָט מען געוועהנליך געמאַכט פאַר אַ שקלאַף, נאָכדעם ווי מען האָט איהם געצוואונגען צו באַצאָהלען צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי די גנבה האָט באַטראָפען. און ווען ער האָט גע'גנב'עט אַ לעבעדיגע בהמה, האָט ער געדאַרפט באַצאָהלען פיער אָדער פינף מאָל אַזוי פיעל, ווי עס איז געווען איהר ווערטה. צומאָל איז אַ גנב באַשטראָפט געוואָרען מיט טויט, אָדער מען האָט איהם געגעבען שמיץ. אונזער תורה האָט געגעבען טויט־שטראָף בלויז פאַר גנב'נען אַ מענש און איהם פאַרקויפען. זאָנסט האָט די תורה פאַרשווינט די מענשליכע ווערדע אַפילו ביי אַ גנב, ווי די גמרא ערקלערט, אַז וואָס אַ גנב דאַרף באַצאָהלען פינף מאָל אַזוי פיעל ווי דער ווערטה פון אַ גע'גנב'עטען אָקס, און ווען ער גנב'עט אַ שאָף, דאַרף ער בלויז פיער מאָל אַזוי פיעל באַצאָהלען, איז די אורזאַך, ווייל דער אָקס געהט אַליין און מען דאַרף איהם נור פיהרען, אָבער ביים גנב'ענען אַ שאָף האָט דער גנב אַ שווערערע אַרבייט, ווייל ער דאַרף די שאָף טראָגען אויף די פּלייצעס, דאַרף דערפאַר די שטראָף זיינע זיין אַ גרינגערע (בבא קמא דף ע"ט עמוד ב').

חוץ טויט־שטראָף און שמיץ פאַר געוויסע זינד געגען גאָט אָדער געגען די מיט־מענשען האָט מען אין יענער צייט געהאַט אויך אַנדערע שטראָפען. אַזוי האָבען אויך עקסיסטירט תפיסות, צו האַלטען דאָרט אַ שולדיגען פאַר אַ שטראָף. און ווען איינער האָט געקראָגען שמיץ פאַר אַ זינד (עונש מלקות) און ער איז דערנאָך ווייטער באַגאַנגען די נעמליכע זינד, האָט מען איהם גענומען אין אַרעסט, ווי די גמרא זאָגט: „מי שלקה ושנה, כונסין אותו לכפה" (סנהדרין דף פ"א עמוד ב').

עס האָט אויך דער מענש שטענדיג געוואוסט, צו פייניגען זיין לייב לכבוד זיין גאָט, און די וועגען פון דער דאָזיגער פייניגונג זיינען געווען פאַרשיעדענע. אייניגע האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון איבריגע מאכלים און געטראַנקען, אַנדערע האָבען זיך דערווייטערט פון האָפּערדיגקייט. אלס אַן איבריגע זאַך אינ'ם לעבען האָט דאַן דער מענש אַנערקענט דאָס טרינקען וויין, און ווען עס איז איהם געקומען אויפ'ן געדאַנק, אַז ער דאַרף זיך פּיי־ניגען לכבוד זיין גאָט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון וויין. אין אַן אַנדערען פאַל האָט מען באַטראַכט דאָס לאָזען ווילד וואַקסען די האָהר אָדער דאָס גענצליכע אָפּגאָלען די האָר פונ'ם קאָפּ אלס אַ מיטעל געגען האָפּערדיגקייט.

וועגען דער ווערדע פון אָט די אַלע פייניגונגען איז די מיינונג פון אונ־זערע חכמים געווען אַ פאַרשיעדענע. מאַנכע האָבען געהאַט פאַר זיי ווערטער פון לויב, דאַגעגען האָבען אַנדערע (ווי שמואל ירחינאה און ר' אלעזר הקפר) געזאָגט, אַז די וואָס פּייניגען זייער קערפּער זיינען „זינדיגע" (תענית דף י"א עמוד א', סוטה דף ט"ו עמוד א', כריתות דף כ"ו עמוד א'). יע־דענפאַלס האָבען זיך פיעלע געאייניגט אויף דער מיינונג פון ר' יוסי, אַז אַ יחיד טאָר זיך נישט פּייניגען מיט תעניתים (תענית דף כ"ב עמוד ב').

דער מנהג צו טרויערען נאָך אַ טויטען קרוב, לויט ווי עס איז ביי אונז אָנגענומען אלס אַ מצוה מן התורה, איז געווען אַ געגענשטאַנד פון שאלות

ביי אונזערע חכמים, וועלכע האָבען ארויסגעלערענט פון יוסף׳ן, אַז מען דאַרף מאַכען אַ טרויער אויף זיבען טאָג. אַנדערע חכמים האָבען אַרויסגע־לערנט פונ׳ם פסוק „והפכתי חגיכם לאבל״, אַז אַזוי ווי אַ יום־טוב דויערט זיבען טאָג, איז פונקט אַזוי באַשטימט די טרויער נאָך אַ טויטען אויף זיבען טאָג. פאַרהאַנען אויך אַ מיינונגס־פאַרשיעדענהייט אין דער גמרא, צי די טרויער נאָך אַ טויטען איז „מדאורייתא״ אָדער „מדרבנן״ און דער תלמוד ירושלמי זאָגט: „משה תקן להם לישראל שבעת ימי אבלות ושבעת ימי משתה״ (כתובות פרק א׳ הלכה א׳).

ווי עס פאַרשטעהט זיך, האָט דאָס טרויער־געפיהל וועגען אַ טויטען געהערשט אין אַלע צייטען ווי דער שרעקליכסטער שמערץ. אברהם אבינו האָט באַקלאָגט שרה׳ן און זי באַוויינט. יצחק האָט געזוכט אַ טרייסט ביי זיין ווייב רבקה נאָך׳ן טויט פון זיין מוטער. יעקב האָט צוריסען זיינע קליי־דער, ווען ער האָט געהערט, אַז זיין זוהן יוסף איז טויט און ער האָט גע־טרויערט נאָך איהם לאַנגע יאָהרען. איז דאַדורך כאַראַקטעריסטיש, וואָס די תורה האָט זיך באַשטרעבט, צו פאַרמינדערן די טרויער נאָך אַ טויטען, ווען זי האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל זיך נישט צוקראַצען דאָס פלייש אָדער מאַכען אַ שניט אינ׳ם קערפּער צוליעב דער טרויער נאָך אַ טויטען.

די חכמים האָבען אויך זעהר פיעל געהאַלטען פון הספדים אויף קרובים אָדער אויף אַנדערע וויכטיגע מענשען פונ׳ם פאָלק און זיי האָבען געזאָגט, אַז „ווער עס וויינט און טרויערט אויף׳ן טויט פון אַן עהרליכען מענש, איז איהם דער אויבערשטער מוחל אַלע זיינע זינד״ (מועד קטן דף כ״ה עמוד א׳), און „ווער עס פוילט זיך, צו טרויערען אויף׳ן טויט פון אַ געלערנטען מענש, איז ווערטה, מען זאָל איהם לעבעדיגערהייד באַגראָבען און ער קען אויך נישט לאַנג לעבען״ (שבת דף ק״ה עמוד ב׳).

איז אָבער דאַגעגען ביי אַנדערע געלעגענהייטען געזאָגט געוואָרען, אַז „ווער עס פאַרהאַרטעוועט זיך אין זיין טרויער איבער אַ טויטען קרוב מעהר ווי עס איז נויטיג, וועט דערנאָך וויינען אויף אַן אַנדערן טויטען״ (מועד קטן דף כ״ז עמוד ב׳) און „אַ מיידעל, וועלכעס איז רייף צו הייראַטען, איז נישט ערלויבט, זי זאָל זיך מיאוס מאַכען אין די טעג פון דער טרויער נאָך איהר פאָטער״ (תענית דף י״ג עמוד ב׳).

ווען דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, האָבען זיך פיעלע אידען אָפּ־געזאָגט פון עסען פלייש און טרינקען וויין. איז ר׳ יהושע בן חנניה צו זיי צוגעשטאַנען און ער האָט זיי געפרעגט: „קינדערלעך! פאַרוואָס ווילט איהר נישט עסען קיין פלייש און איהר ווילט נישט טרינקען קיין וויין?״ — האָבען איהם יענע מענשען געענטפערט: „ווי קענען מיר עסען פלייש, ווען עס איז בטל געוואָרען דאָס מקריב־זיין פלייש אויף׳ן מזבח? און ווי קענען מיר טרינקען וויין, ווען דאָס גיסען וויין אויף׳ן מזבח איז בטל געוואָרען?״

— גאַנץ רעכט, קינדערלעך! — האָט ר׳ יהושע בן חנניה אויף דעם געענטפערט — ווען מיר זאָלען אָבער וועלען אַזוי טהון, דאַרפען מיר אויך נישט עסען קיין ברויט פון מעהל, ווייל מען האָט אויך מקריב געווען מעהל אויף׳ן מזבח. וועט איהר זאָגען, אַז אַ מענש קען זיך דערהאַלטען אָהן מעהל, ווייל ער קען עסען פּירות, דאַרפען מיר פּירות אויך נישט עסען, ווייל עס זיינען בטל געוואָרען די ביכורים, וואָס מען האָט געבראַכט צום כהן. מיר דאַרפען אויך נישט טרינקען קיין וואַסער, ווייל מען גיסט נישט מעהר קיין וואַסער אויף׳ן מזבח!״...

די אמוראים פון ארץ־ישראל

האָבען דאָן יענע מענשען נישט געהאַט וואָס צו ענטפערען — און ר' יהושע האָט ווייטער געזאָגט: „וועל איך אייך זאָגען, אז ווען מיר זאָלען וועלען גאָר נישט טרויערן, איז דאָס נישט מעגליך, אָבער איבערגעבען זיך אין גאַנצען צו טרויער, איז אויך נישט מעגליך. דאַרף מען אַלזאָ טרויערן אויף אַזאַ שטייגער, אַז יעדער זאָל דאָס קענען טהון און עס זאָל איהם נישט שטערען ביי דער פיהרונג פון זיין לעבען" (בבא בתרא דף ס' עמוד ב').

אזוי ווי עס זיינען דערנאָך אין דער ווייטערער אנטוויקלונג פונ'ם אידישען לעבען פאָרגעקומען נייע געזעצליכע פראַגען, וואָס זייער אנטשיידונג געפינט זיך נישט אין דער משנה, האָבען זיך די שפּעטערע חכמים פאַרטיעפט אין די ווערטער פון דער משנה, ארויסצוגעפינען פון דאָרט די אנטשיידונגען פאַר די נייע ענינים. זיינען דאָס געווען די ערשטע שריט צו דער „גמרא", וועלכע האָט זיך כסדר אָפּגעגעבען מיט די ערקלערונגען פון דער „משנה".

ביי דער צוזאַמענשטעלונג פון דער גמרא האָט מען הויפּטזעכליך אריינגעשטעלט אַלע מיני שאלות אין הלכה, וועלכע דאָס לעבען האָט דאַמאָלס ארויסגעבראַכט און זיי זיינען נישט ערקלערט אין דער „משנה". אָט די שאלות, וואָס זיינען דאָן אינ'ם גאַנג פונ'ם לעבען ארויפגעשוואומען, זיינען מאַנכעס מאָל געפרעגט געוואָרען פון א רבים, פון די תלמידים אינ'ם בית־המדרש. זיינען די אָפּפרעגער מאַנכעס מאָל באַקאַנט מיט זייער נאָמען און אַמאָל זיינען זיי נישט באַקאַנט. אָט די שאלות הייסען „אבעיות" און זיי באַציהען זיך געוועהנליך אויף אַזעלכע ענינים, וואָס די משנה האָט געדאַרפט אנטשיידען און זי האָט זיי איבערגעלאָזט אָהן אַן אנטשיידונג. האָט מען זיך ביי די דאָזיגע שאלות געסטאַרעט אויסצוגלייכען די מיינונגען פון די חכמי הגמרא מיט די מיינונגען פון די חכמי המשנה.

די הלכות, וואָס די חכמי התלמוד האָבען מחדש געווען פון זייער אייגענער מיינונג און האָבען אָנגעפילט מיט זיי א גרויסען טייל פון דער גמרא, האָט מען אינ'ם תלמוד ירושלמי אָנגערופען מיט'ן נאָמען „שמועה" און אינ'ם תלמוד בבלי הייסען זיי „שמעתתא", וועלכעס מיינט א געהערטע זאַך, וואָס איינער האָט געהערט פון זיין רבי'ן און דער רבי זיינער האָט זי געהערט פון זיין רבי'ן ביז העט ארויף צו די ערשטע תנאים. אָט אַזאַ „שמעתתא" וויל מעהרסטענטיילס באַהויפּטען דאָס געגענטייל פון דער „משנה" און גלייכצייטיג אויסגלייכען אָט די מיינונג מיט דער אנטקעגענגעזעצטער מיינונג פון דער משנה.

אזוי איז די גמרא געבויט אויף דער באַלעהרונג, ווי מען דאַרף זיך פיהרען אין אַלע באַציהונגען פונ'ם לעבען. געוועהנליך ווערען די דאָזיגע באַלעהרונגען באַגרינדעט אויף געשעהענישען, וואָס זיינען פאָרגעקומען נאָכדעם ווי די „משנה" איז געווען אָפּגעשלאָסען און די דאַמאָלדיגע חכמים האָבען געדאַרפט אנטשיידען מיט'ן אייגענעם פאַרשטאַנד אין זאַכען, וואָס זיינען נישט אָנגעשריבען אין דער „משנה". עס זיינען אויך דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרען געוויסע כללים, אַז די קומענדיגע דורות זאָלען וויסען צו אורטיילען ביי פראַגען, וואָס זיינען נישט אנטשיידען און מען וועט זיי פאַרלייגען צום אנטשיידען, א שטייגער ווי: „יחיד ורבים הלכה כרבים", אז ווען איינער זאָגט זיין מיינונג און מעהרערע חכמים זאָגען אַנדערש, איז די הלכה ווי די מעהרערע זאָגען. אָדער אַז עס איז פאַרהאַנען א מיינונגס־פאַרשיעדענהייט צווישען „בית שמאי" און „בית הלל", איז די הלכה ווי „בית הלל" האָט געזאָגט.

צום אַריינפיהר

דעסגלייכען איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַ כּלל, אַז „מחלוקת ואח"כ סתם, הלכה כסתם", דאָס הייסט, אַז ווען עס איז פאַרהאַנען אַ מיינונגס־פאַר־שיעדענהייט צווישען די חכמים אין אַ געוויסען דין און דערנאָך ווערד גע־זאָגט אַ מיינונג וועגען דעמזעלבען דין אָהן אַ נאָמען פונ'ם בעל המאמר, איז די הלכה ווי דער „סתם חכם" זאָגט (זעה ירושלמי יבמות פרק ד' הלכה י"א). אַן אַנדער כּלל איז אויפגעשטעלט, וועלכער זאָגט „הלכה כדברי המקיל בערובין" (ירושלמי ערובין פרק א' הלכה א'), אָדער „הלכה כדברי מי שהוא מקיל באבל" (ירושלמי מועד קטן פרק ג' הלכה ג'). און דאָרט וואו מען האָט זיך נישט געקענט אַרויסדרעהען, ווייל מען האָט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגען, האָט מען אויפגעשטעלט אַ כּלל: „כל הלכה שהיא רופפת, צא וראה מה שהצבור נוהגים", וועלכעס הייסט, אַז יעדע הלכה וואָס מען ווייסט נישט גענוי, ווי אַזוי צו אַנשטיידען, דאַרף מען אַרויסגעהן אין גאַס און זעהן, ווי דער גרויסער עולם פיהרט זיך (ירושלמי פאה פרק ב' הלכה ז').

ביי דער צוזאַמענשטעלונג פון דער „משנה" האָט ר' יהודה הנשיא געוואָלט אָפּראַטעווען די טראַדיציאָנעלע איינטייטשונגען פון דער תורה, זיי זאָלען נישט פאַרגעסען ווערען. האָט ער צונויפגעקליבען אַלע „משניות", וועלכע זיינען דאַן געווען צושפּרייט אין „נאָטיצען" צווישען די תלמידים. הויפּטזעכליך, זאָגען מאַנכע היסטאָריקער, האָט ער דאָס געטהון, נישט אויף פעסטצושטעלען די הלכה, ווייל אין דער געזעצגעבונג גופא האָט ער געוואָלט געבען אַ פרייע האַנד צו שפּעטערע דורות, זיי זאָלען אַליין באַשטימען די דינים פונ'ם לעבען, לויט ווי די צייט וועט עס פון זיי פאַרלאַנגען און לויט ווי זיי וועלען אַליין פאַרשטעהן.

פון דיזעלבע משניות ווילען אָבער אַנדערע היסטאָריקער אַרויסלערנען דאָס געגענטייל, אַז ר' יהודה הנשיא האָט דוקא יאָ געוואָלט באַשטימען די דינים, אַז נישט יעדער זאָל מעגען טהון, וואָס איהם געפעלט. און טאָמער זיינען דאָרט אין דער „משנה" פון ר' יהודה הנשיא פאַרבליבען וועלכע ווידערשפּרוכען, אָדער עס זיינען דאָרט פאַרשריבען די מיינונגס־פאַרשיעדענ־הייטען אין דער געזעצגעבונג אָהן אַ לעצטער אַנטשיידונג וועגען דעם דין, איז דאָס נישט די שולד פון ר' יהודה הנשיא, ווייל עס איז זיכער, אַז דאָס האָבען שפּעטערע חכמים צוגעגעבען צו ר' יהודה הנשיא'ס „משנה".

געוועהנליך האָט ר' יהודה הנשיא מסדר געווען יעדע מסכתא מיט אַ געוויסען סיסטעם. זעלטען ווען איז אויך דער דאָזיגער סיסטעם נישט געווען אויסגעהאַלטען, חאָטש עס האָבען זיך אָפּטמאָל אַריינגערוקט אין איין מסכתא פאַרשיעדענע הלכות פון אַנדערע מסכתא'ס און אינ'ם ערשטען פּרק פון יעדער מסכתא האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט די הויפּט־דינים, וואָס זיינען שייך צו יענער מסכתא און זיי זיינען געווען איינגעפיהרט פון אַלטע צייטען.

עס איז אויך מעהר ווי זיכער, אַז אין דער צייט ווען ר' יהודה הנשיא האָט נאָך געלעבט, זיינען שוין פאַרגענומען געוואָרען געוויסע ענדערונגען אינ'ם טעקסט פון דער משנה. וועגען מאַנכע פון די דאָזיגע ענדערונגען איז אָנצונעהמען, אַז ר' יהודה הנשיא האָט זיי אַליין געמאַכט. דענקט מען דאַדורך, אַז וואָס דער ירושלמי האָט מאַנכעס מאָל אַן אַנדערען נוסח אין דער משנה ווי דער בבלי, איז די אורזאַך, ווייל ר' יהודה הנשיא האָט אויף זיינע עלטערע יאָהרען אויסגעבעסערט דעם טעקסט פון זיינע משניות.

די אמוראים פון ארץ־ישראל

באזונדערס איז אָנצוגעהמען פאר זיכער, אז נאָכ׳ן טויט פון ר׳ יהודה הנשיא האָט זיך יעדער פון די חכמים ערלויבט, צו מאכען ענדערונגען אין דער משנה, לויט ווי עס איז איהם געפעלען. דערפון שטאמען אויך די „הגהות״ אויף ש״ס, ווי זיי זיינען צונויפגעשטעלט פון אזעלכע גאונים ווי דער ב״ח, דער ווילנער גאון, ר׳ עקיבא אייגער און פיעלע אנדערע, וועלכע האָבען פארשטאנען, אז עס איז נישט מעגליך צו דענקען, אז דער טעקסט פון דער משנה איז וועהרענד אזוי פיעל יאָהרען און דורות אָפּגעהיט גע־וואָרען אין זיין ערשטען נוסח.

אזוי ווי די תנאים און די אמוראים האָבען זיך באטראכט אלס די פאר־אנטוואָרטליכע פיהרער פונ׳ם פאָלק, האָבען זיי נישט געוואָלט מסכים זיין צו דער מיינונג, אז מען דארף ביי געוויסע פראגען וואַרטען „עד עמוד כהן לאורים ולתומים״ (זעה עזרא קאפיטעל ב׳ פסוק ס״ג און נחמיה קאפיטעל ז׳ פסוק ס״ה), וועלכעס האָט דאן געהייסען אזוי פיעל, אז מען וועט אויף א מענשליכען שטייגער אָהן א באזונדערען הימלישען צייכען גאָר נישט קענען פאַרענטפערען. האָבען דערפאר די חכמים פון דער גמרא אויפגע־שטעלט א פרינציפּ, אז אזוי ווי עס איז אוועקגענומען געוואָרען די נבואה פון די נביאים, איז זי נישט אוועקגענומען געוואָרען פון די חכמים, און א חכם איז אין זיין ווערדע מעהר פון א נביא (זעה בבא בתרא דף י״ב עמוד א׳), ווייל „די ווערטער פון די חכמים פיהרען די מענשען צו די וועגען, וואָס געפעלען דעם אויבערשטען״ (פסיקתא רבתי פרשה ג׳).

ווי עס איז אינ׳ם ערשטען טייל פון אונזער ארבייט אָנגעמערקט, האָט מען די „תורה שבעל־פּה״ נישט געהאַט אויפגעשריבען און אלע איהרע לעהרען זיי־נען איבערגעגעבען געוואָרען פון מויל צו מויל. עס איז דאן איבערהויפּט גע־ווען אָן אָנגענומענער כלל, אז „אלע יענע לעהרען, וואָס משה רבנו האָט איבערגענומען אויפ׳ן בארג סיני בעל־פּה, טאָר מען נישט איבערגעבען אין כתב״ (גטין דף ס׳ עמוד ב׳). האָט אָבער ר׳ יהודה הנשיא און מאנכע אנדערע חכמים פון זיין צייט איינגעזעהן, אז מען קען נישט אזא פרינציפּ אָנהאלטען, נישט אויפצושרייבען די אזוי אָנגערופענע „תורה שבעל־פּה״, האָבען זיי געזאָגט: „מוטב שתעקר תורה ואל תשתכח תורה מישראל״, וועל־כעס מיינט, אז עס זאָל ליבערשט בטל ווערען די מצוה פון נישט־אויפשריי־בען די „תורה שבעל־פּה״, איידער די תורה זאָל חלילה אין גאנצען פאר־געסען ווערען (תמורה דף י״ד עמוד ב׳).

אלס אָן אורזאך דערפאר, וואָס די פריהערע חכמים האָבען געהאַט אָנ־גענומען א פרינציפּ, אז מען טאָר נישט אויפשרייבען די „תורה שבעל־פּה״, ווערד געוועהנליך אָנגעגעבען, אז ווען דער אויבערשטער האָט זיך באוויזען אויפ׳ן בארג סיני, צו געבען די תורה צו די אידען, האָט ער דאן ערקלערט צו משה רבנו די גאנצע תורה כסדר. גאָר צוערשט האָט ער ערקלערט די מצוות פונ׳ם חומש, דערנאך האָט ער ערקלערט די אגדה. האָט משה רבנו געזאָגט צום אויבערשטען: „לאָ׳מיך דאָס אלעס אויפשרייבען!״ — האָט איהם דער אויבערשטער געענטפערט: „איך וויל דאָס נישט געבען אויפגע־שריבען, ווייל ווען די גוים וועלען אמאָל הערשען איבער מיינע אידען און די אידען וועלען זיין פאראכטעט צווישען די פעלקער, וועלען די גוים קריגען חשק, אוועק צו נעהמען די תורה פאר זיך. וויל איך דערפאר געבען בלויז דעם תנ״ך אין כתב, און די משנה מיט׳ן תלמוד צוזאמען מיט דער אגדה וועל איך געבען, אויף צו לערנען אויסענווייניג, כדי אז ווען די אומות־

העולם וועלן הערשען איבער די אידען, זאָלען זיך די אידען קענען האַלטען אָפּגעזונדערט מיט זייער תורה" (שמות רבה פרשה מ"ז פיסקא א').

נאָך בעסער ערקלערט איז די דאָזיגע אורזאַך אין אַן אַנדערען מדרש, וועלכער זאָגט, אַז ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבנו, ער זאָל אויפשרייבען די תורה, האָט משה רבנו געוואָלט, אַז די משנה זאָל אויך זיין אויפגעשריבען. האָט אָבער דער אויבערשטער געזעהען, אַז די אומות־העולם וועלען אַמאָל איבערזעצען די תורה אויף זייער לשון און זיי וועלען זי לייענען אין גריכיש, וועלען זיי זיך דאַן פּרובירען זאָגען, אַז זיי זיינען די אייגענטליכע אידען, וועט דעמאָלט זיין די וואָג פון זייער ווער־דע אַ גלייכע און דאָס ציינגעל פון דער וואָג וועט נישט אַרונטערוועגען אויף קיין שום זייט, נישט אויף דער אידישער און נישט אויף דער גוי'אישער. וועט אָבער דער אויבערשטער זאָגען צו די גויים: „איהר זאָגט, אַז איהר זענט מיינע קינדער, דאַרף מען אייך זאָגען, אַז נור די וואָס האָבען מיינע געהיימניסע אין זייער באַזיץ, זיינען מיינע קינדער!" — און וואָס זיינען דעם אויבערשטענ'ס געהיימניסע? דאָס איז די משנה, וועלכע איז געגעבען געוואָרען נישט צום אויפשרייבען! (תנחומא פרשת תשא פיסקא ל"ד).

פון ד'עסטוועגען, דאַכט זיך, אַז דער איסור פון אויפשרייבען די „תורה שבעל־פּה", איז נור געווען וועגען די הלכות, און דאָס אויך בלויז, ווען זיי זאָלען זיין צונויפגענומען אין אַ ספר, אָבער איינצעלנע הלכות פלעגט מען יאָ אויפשרייבען, ווייל עס וואָלט זאָנסט נישט מעגליך געווען, צו באַהאַלטען אַלעס אין זכרון. מאַנכער פון די פּראָמינענטע חכמים האָט אויך געהאַט ביי זיך אויפגעשריבען אַ פּעקעל הלכות, לויט ווי ער האָט זיי איבערגענומען פון זיין רבי'ן. און ווען די דאָזיגע חכמים האָבען געלערענט מיט זייערע תלמידים, האָבען זיי וואַרשיינליך געלערענט פון יענע „נאָטיצען".

עהנליך צו דעם זאָגט דער רמב"ם אין דער הקדמה צו זיין פּירוש אויף משניות: „זייט די ציימען פון משה רבנו ביז ר' יהודה הנשיא האָט מען נישט פאַרפאַסט קיין שום חבור, וואָס מען זאָל דערפון עפענטליך לערנען אין די ענינים פון תורה שבעל־פּה. בלויז דער ראש־בית־דין אָדער דער נביא פון יעדען דור האָט געהאַט אויפגעשריבען אַלע זאַכען, וועלכע ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן און ער האָט לויט דעם עפענטליך געלערענט מיט אַנדערע. אַזוי האָט יעדער געהאַט אויפגעשריבען פאַר זיך, וואָס ער האָט געהערט אין דער ערקלערונג צו די דינים פון דער תורה און וואָס עס איז ערקלערט געוואָרען צוזאַמען מיט די דאָזיגע דינים און דער בית־דין הגדול האָט צו זיי מסכים געווען".

און אַז מען האָט נישט געטאָרט אויפשרייבען די „תורה שבעל־פּה", זיינען אויך די „ספרי אגדה" געווען פון די זאַכען, וואָס מען האָט נישט אויפגעשריבען. דאַכט זיך אָבער, אַז קיינער האָט נישט געקוקט אויף דעם דאָזיגען איסור בנוגע צו די „ספרי דאגדתא", וואָס ווערען דערמאָנט אין דער גמרא, אַז די חכמים זיינען פון זיי נישט געווען צופרידען, און ווען ר' יוחנן און ריש לקיש זיינען אַמאָל אין אַ שבת געזעסען און זיי האָבען אַריינגע־קוקט אין „ספרי דאגדתא" האָבען זיי אויסגעזוכט דערצו אַ היתר (ירושלמי שבת פּרק ט"ז הלכה א').

ווי עס איז באַוואוסט, זיינען זעהר אָפּט אַרויסגעקומען קריטיקער פון דער „תורה שבעל־פּה". באַזונדערס שאַרף געגען דער „תורה שבעל־פּה" זיינען אַרויסגעטראָטען די „קאַראַאימען" אין דער צייט פון רב סעדיה

גאון, וועלכער איז געווען געצוואונגען אַנצופיהרען געגען זיי אַ שרעקליך ביי־טערען קאמף — און כאראַקטעריסטיש פאר ר׳ סעדיה׳ס אידעען־גאנג איז דער אינהאַלט פון זיינע פּאָלעמיקען, מיט וועלכע ער פלעגט די „קאראאי־מען" באַקעמפען, באַווייזענדיג דערביי, ווי ווייט נויטיג די „תורה שבעל־פה" איז פאַר דער פאַרשטענדעניס פון דער „תורה שבכתב".

אַט למשל — זאָגט ער — האָט די תורה פאַרבאָטען צו טהון אַ מלאכה אום שבת, און ווער עס טהוט אַ מלאכה אום שבת, האָט די תורה אַנגעזאָגט, אַז ער דאַרף קריגען טויט־שטראַף. האָט אָבער די תורה נישט ערקלערט, וואָס עס הייסט אַזוינס „טהון אַ מלאכה", אַז אַ מענש זאָל צוליעב דעם זיין אַ „חייב מיתה". עס איז אויך נישט מעגליך, האָט ר׳ סעדיה גאון ווייטער אַרגומענטירט, אַז די תורה האָט זיך געזאָלט פאַרלאָזען אויפ׳ן פאַר־שטאַנד פונ׳ם בית־דין, ווייל די באַגריפען פון די מענשען ענדערן זיך, קען זיך אַמאָל איינעם אויסדאַכטען, אַז אַ מלאכה הייסט בלויז שלעפּען אַ משא אָדער אַרבייטען מיט אַ האַמער. דאַגעגען קענען אַנדערע וועלען מיינען, אַז טהון אַ מלאכה הייסט פאַרטיג מאַכען אַ געוויסע אַרבייט, און מאַכט מען אַזאַ אַרבייט ניט פערטיג, הייסט דאָס נישט, אַז מען האָט געטהון אַ מלאכה און מען איז נישט חייב מיתה. וואָלט דאַן אָהן אַ „תורה שבעל־פה" מעגליך געווען, אַז וואָס איין בית־דין וואָלט באַטראַכט פאַר אַ מלאכה, וואָלט אַן אַנדערער בית־דין נישט באַטראַכט פאַר אַ מלאכה און ער וואָלט דערפאַר נישט באַשטראָפט.

דאָס נעמליכע איז אויך — האָט ר׳ סעדיה גאון געזאָגט — וואָס די תורה האָט פאַרבאָטען צו עסען געוויסע זאַכען און עס איז נישט ערקלערט דער שיעור פון דעם דאָזיגען עסען, צי עס מיינט עסען צו דער זעט, אָדער אַז נעהמען דאָס קלענסטע שטיקיל אין מויל אריין הייסט שוין געגעסען, און אויך אין דיזער באַציהונג איז נישט מעגליך, אַז די תורה האָט דאָס געזאָלט איבערלאָזען צו דער מיינונג פון אַ בית־דין און נישט באַשטימען אַ שיעור פאַר דעם.

ס׳איז דאַדורך מעהר ווי זיכער — האָט ער ווייטער אַרגומענטירט — אַז די אַלע זאַכען זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו משה רבנו בעל־פה, ווייל אפילו דאָרט וואו די תורה זאָגט אויסדריקליך, אַז פאַר טהון אַ מלאכה אום שבת, איז מען חייב מיתה, האָט משה רבנו נישט געוואוסט, וואָס ער דאַרף טהון צום „מקושש עצים". פאַרשטעהט מען דערפון, אַז דער ענין „חלול שבת" האָט נאָך דאַמאָלס געדאַרפט האָבען אַ פירוש, ווייל עס איז נאָך נישט געווען פּרעציזירט דער ענין מלאכה. אויסערדעם ווייסט יעדער, אַז עס זיינען פאַרהאַנען פסוקים אין דער תורה, וואָס ווידערשפּרעכען זיך איינע די אַנדערע, האָט די "תורה שבעל־פה" געדאַרפט אויסגעפינען די ריכטיגע איינטייטשונג, אויסצוגלייכען יעדען ווידערשפּרוך.

האָבען די „קאראאימען" אויף דעם געפרעגט, ווי אַזוי עס קומט, וואָס עס האָבען זיך אָנגעקליבען אַזעלכע שטאַרקע ווידערשפּרוכען אין דער „תורה שבעל־פה"? און מעהר פון אַלעמען האָבען זיי זיך געוואונדערט וועגען די מחלוקות, וואָס זיינען אַרויסגעקומען צוליעב יענע הלכות, וועלכע זיינען אָנגענומען אַלס אַ „הלכה למשה מסיני." האָט ר׳ סעדיה גאון אויף דער דאָזיגער טענה געענטפערט, אַז די אורזאַך פון די ווידערשפּרוכען אין דער „תורה שבעל־פה" איז, וואָס די חכמים האָבען צו לאַנג געוואַרט מיט׳ן אויפשרייבען די משנה און די אַנדערע ספרים פון דער „תורה שבעל־פה".

און אז עס ווערד שוין דא גערעדט וועגן דעם ענין „הלכה למשה מסיני", איז צו באמערקען, וואס דער רמב"ם זאגט, אז יעדע זאך, וועלכע האט נישט קיין אנקניפ צום פסוק פון דער תורה און מ'קען זי אויך נישט ארויסדרינגען פון א סברא, מוז מען וועגן דעם זאגען, אז דאס איז א „הלכה למשה מסיני" (זעה די הקדמה פונ'ם רמב"ם צו זיין פירוש המשניות).

דאס נעמליכע אין אנדערע ווערטער האט שוין פיעל פריהער דער תנא ר' ישמעאל געזאגט אין דער גמרא, אז אלע דינים, וואס האבען נישט קיין סמך אינ'ם פסוק, זיינען א „הלכה למשה מסיני" און מען דארף נישט זוכען קיין אורזאך דערצו. דאגעגען וויל ר' עקיבא ארויסלערנען אלסדינג פונ'ם פסוק און ער זאגט דאדורך, אז די „תורה איז דער גרעסטער טייל איהרער אויפגעשריבען און נור א קליינער טייל איז איבערגעגעבען געווארען בעל פה" (גטין דף מ' עמוד ב').

צווישען די פארשריפטען, וואס זיינען באצייכענט אלס א „הלכה למשה מסיני", זיינען פארהאנען אזעלכע, וואס עס איז נישט געווען קיינמאל וועגען זיי א מיינונגס־פארשידענהייט, א שטייגער ווי אז תפלין דארפען זיין געשריבען אויף פארמעט (שבת דף ע"ט עמוד ב'), אדער די פארשריפטען וועגען דער שין פון די תפלין, גלייך ווי וועגען דעם „קשר", אדער אז די רצועות דארפען זיין שווארצע און אזוי ווייטער (מנחות דף ל"ה עמוד א'), אזוי אויך וואס מען דארף דורכנייהען די בתים פון די תפלין מיט אדערען פון א כשר'ער בהמה (שבת דף כ"ה עמוד ב'), ווי אזוי צו לינירען דעם פארמעט און צו שרייבען מיט טינט (מסכת סופרים פרק א' הלכה ה').

פון אנדערע הלכות, וואס עס הערשט יא וועגען זיי א מיינונגס־פארשידענהייט, צי מען זאל זאגען, אז זיי זיינען א „הלכה למשה מסיני", ווייל מען קען זיי ארויסדרינגען פון די פסוקים, קען מען רעכענען די עלף מינים געווירצען פון „קטורת" (כריתות דף ו' עמוד ב'), דעם מנהג פון „נסוך המים" אום סוכות (סוכה דף ל"ד עמוד א'), דעם דין אז ווייבער זיינען פטור פון סוכה, וואס רש"י זאגט, אז דאס איז א „הלכה למשה מסיני" (סוכה דף כ"ח עמוד א') און נאך אנדערע אזעלכע פארשריפטען.

צווישען אנדערע הלכות, וואס עס איז וועגען זיי פארהאנען א מיינונג, אז זיי זיינען א „הלכה למשה מסיני", איז דער דין פון ערלה אין חוץ־לארץ, וואס אנדערע זאגען, אז דאס איז בלויז א „הלכתא מדינה" (קדושין דף ל"ח עמוד ב'). ביי אנדערע הלכות זאגט די גמרא „מסרם הכתוב לחכמים", דאס מיינט, אז די חכמים מעגען דארט הייסען טהון, לויט ווי עס וועט זיי געפעלען, און דאס ווארט זייערס וועט דערנאך זיין א געזעץ. און ווען דער פסוק זאגט „אלה המצוות" און מיר ווייסען, אז קיין שום נביא האט נישט דעם כח עטוואס מחדש צו זיין, האבען די חכמים געהאט א תירוץ, אז אזא דין ווי זיי האבען מחדש געווען, איז שוין געווען פון פריהער, נור מען האט איהם פארגעסען (זבחים דף ק"י עמוד א').

פארהאנען מאדערנע פארשער, וואס זאגען, אז אלע דינים, וועלכע זיינען באצייכענט אין דער גמרא אלס „הלכה למשה מסיני", זיינען ווארשיינליך אלטאיינגעפיהרטע מנהגים, וואס די חכמים האבען נישט געקענט אויסגעפינען פאר זיי אן אורזאך, האבען זיי דאדורך געזאגט, אז די דאזיגע מנהגים שטאמען פון יענער צייט, וואס משה רבנו האט געקראגען די תורה.

עהנליך צו דעם זאגט רב האי גאון: „די זאך איז ביי אונז זיכער, טראדיציאנעל איבערגעגעבען פון עלטערען צו קינדער, פון לאנגע דורות

צוריק ביז צו די דורות פון די נביאים, אז אלע מנהגים, וואס אידען האבען אנגענומען און עס איז נישט פארהאנען וועגען זיי קיין אנזאג אין דער תורה, שטאמען פון אונזערע נביאים, וועלכע האבען זיי איבערגענומען בקבלה פון משה רבנו אלס א הלכה למשה מסיני" (ציטירט אינ'ם ספר „תמים דעים", געדרוקט אין לעמבערג תקע"ב).

פון אלע היסטארישע דאקומענטען איז אויך צו זעהן, אז די מעהרסטע פעלקער פון ארום ארץ ישראל זיינען לאנג בעפאר „מתן תורה" געווען אפ־געהיט אין זייער סעקסועלען לעבען פון אן „אשת איש" און פון א שוועס־טער, ווען זי איז געווען מיט איהר ברודער פון איין מוטער. די מענשען פון יענער צייט האבען געגלויבט, אז דאס בלוט פון א קינד איז דאס בלוט פון דער מוטער. האט מען דאן באטראכט אלס קרובים בנוגע צום סעק־סועלען פארקעהר בלויז די קרובים פון דער מוטער'ס צד.

און האטש די תורה האט אנגעזאגט, אז אידען זאלען אין זייער סעק־סועלען לעבען נישט נאכטהון די מעשים פון די מצריים און די מעשים פון כנען, פון וועלכען עס איז צו זעהן, וואס פאר א פארדארבענע סעקסועלע פארהעלטניסע עס האבען דאמאלס אין יענע לענדער געהערשט, געפינען מיר טראצדעם, אז אוועקצונעהמען דאס ווייב פון א מאן איז אין יענעביידע לענדער געווען פארערבענט אלס א גרויסע זינד. עס איז ביי זיי געווען גרינגער צו הרג'ענען דעם מאן, כדי צו קענען נעהמען זיין ווייב אלס אן אלמנה, איידער צוצונעהמען א ווייב פון א מאן, ווען דער מאן לעבט.

האט זיך פרעה דאדורך געבייזערט אויף אברהמ'ען, ווען ער האט געזאגט אויף זיין ווייב שרה, אז זי איז זיין שוועסטער און פרעה האט דאן געזאגט: „וואס האסטו מיר געטהון? פארוואס האסטו מיר נישט געזאגט, אז זי איז דיין פרוי?" — דאסזעלבע האט זיך דערנאך ווידערהאלט ביי אבימלך, וועלכער האט געזאגט: „וואס האסטו אונז געטהון און וואס האב איך אקעגען דיר געזינדיגט, אז דו האסט געוואלט ברענגען אזא שווערע זינד אויף מיר און אויף מיין קעניגרייך? האסט מיר געטהון אזעלכעס, וואס דארף גאר נישט געטהון ווערען!"

ווען עס איז אנגעזאגט געווארען צו יהודה'ן, אז זיין שנור תמר איז געווארען אן אויסגעלאסענע און אז זי איז אויך שוואנגער פון זנות, האט זי יהודה געהייסען ארויסנעהמען צום פארברענען. אזוי ווי תמר איז געווען די פרוי פון ער און אונן, וועלכע זיינען קינדערלאז געשטארבען, האט זי ווייטער געדארפט קריגען שלה'ן פאר א מאן. איז זי לויט'ן דאמאלסדיגען באגריף שוין געווען ווי זיין פרוי און זי האט זיך נישט געטארט אפגעבען מיט קיין אנדערן, ווייל זי האט בלויז געמעגט הייראטען איינעם פון דער־זעלבער משפחה. האט זי אבער נישט געוואלטווארטען און זי האט סעקסועל געזינדיגט, האט זי זיך פארדינט דעם טויט דורך פארברענען.

דער מדרש ערקלערט, אז אזוי ווי תמר איז געווען די טאכטער פון שם בן נח (בראשית רבה פרשה פ"ה פיסקא י"א), און שם בן נח איז געווען מלכי צדק מלך שלם (נדרים דף ל"ב עמוד ב'), וועלכער איז געווען א „כהן לאל עליון", האט מען זי לויט'ן דין פון דער תורה געדארפט פארברענען (זעה ויקרא קאפיטעל כ"א פסוק ט').

אינטערעסאנט איז אויך, וואס ר' יהודה החסיד, דער מחבר פונ'ם „ספר חסידים" זאגט, אז דאס „הוציאוה ותשרף", וואס יהודה האט געזאגט, מיינט נישט, אז מען האט זי געדארפט טאקי פארברענען אויף טויט, ווייל

מען האָט איהר געדאַרפט בלויז אויסברענען אַ צייכען אויף איהר פּנים, מען זאָל זי דערקענען, אַז זי איז אַ זונה...

„יבום", וואָס די תורה האָט פאַרגעשריבען, אַז ווען איינער שטאַרבט אַ קינדערלאָזער, דאַרף אַ ברודער פון'ם פאַרשטאָרבענעם הייראַטען זיין אַלמנה, איז געווען אַן אַלטער מנהג ביי פילע ציוויליזירטע פעלקער פון יענער צייט. אויף אָט דעם מנהג איז אויך באַגרינדעט די מעשה פון יהודה מיט תמר. איז אָבער אין אונזער שפּעטערער געזעצגעבונג גאָר נישט דערמאָנט, אַז דער פאָטער פון'ם פאַרשטאָרבענעם מאָן קען מקיים זיין מצות יבום, ווי עס איז פאָרגעקומען ביי יהודה און ווי עס האָבען אונזערע חכמים אָנגענומען, אַז „יהודה התחיל במצות יבום תחלה" (בראשית רבה פרשה פ"ה פיסקא ו').

עס האָט אויך עקסיסטירט ביי אַנדערע פעלקער אַ געוויסע פאָרם פון „חליצה", נישט אַזוי ווי דער פּסוק הייסט דאָס טהון (דברים קאַפּיטעל כ"ה), נור מעהר עהנליך צו דער פּראָצעדור, וועלכע איז באַשריבען אין מגלת רות (קאַפּיטעל ד' פּסוק ז'), פון וועלכען דער רשב"ם לערענט אַרויס, אַז דאָס איז געוועהנליך פאָרגעקומען, ווען אַ ברודער האָט איבערגענומען די ירושה פון זיין טויטען ברודער.

אַזוי האָבען פאַרשיעדענע אַלטע פעלקער געהאַט דעם מנהג פון גט'ן אַ פרוי. ווען אַ פרוי האָט נישט געהאַט מעהר קיין חן ביי איהר מאַן אין די אויגען און ער האָט זי אויך נישט געוואָלט מעהר האָבען אין זיין הויז, האָט ער זי מיט אַ געוויסער צערעמאָניע געקענט אוועקשיקען און זי האָט דאַן געקענט הייראַטען אַן אַנדער מאַן.

חוץ טויט־שטראָף און שמיץ פאַר געוויסע זינד געגען גאָט אָדער געגען די מיטמענשען האָט מען אויך אין יענער צייט געהאַט אַנדערע שטראָפען. ווען יוסף האָט באַשולדיגט זיינע ברידער, אַז זיי זיינען „מרגלים", האָט ער צו זיי געזאָגט: „ביז איך וועל האָבען דורכגעפיהרט אַן אונטערזוכונג, צי אייערע רייד זיינען אמת'ע, וועט איהר פאַרשפּאַרט ווערען אין תפיסה!" (בראשית קאַפּיטעל מ"ב פּסוק ט"ז). דאָס נעמליכע איז אויך שפּעטער געווען ביים „מקלל" (ויקרא קאַפּיטעל י"ד פּסוק י"ב) און ביים „מקושש עצים" (במדבר קאַפּיטעל ט"ו פּסוק ל"ד), וואָס מען האָט זיי פאַרשפּאַרט אין תפיסה, איידער עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען זייער משפּט.

מען קען אפשר וועגען דעם זאָגען, אַז דאָס זיינען נור געווען תפיסות, אויף צו היטען דעם באַשולדיגטען ביז צו זיין אורטייל. עס זיינען אָבער אויך געווען תפיסות, צו האַלטען אַ שולדיגען פאַר אַ שטראָף. יוסף אַליין איז געווען אַרעסטירט פאַר אַ לאַנגע צייט און דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט פּרעה'ס „שר המשקים" און „שר האופים" (בראשית קאַפּיטעל מ' פּסוק ג'). זאָגאַר שפּעטער ווען אידען האָבען שוין געהאַט אַן אייגענע געריכטס־באַרקייט, איז געווען איינגעפיהרט, אַז ווען איינער האָט געקראָגען שמיץ פאַר אַ זינד (עונש מלקות) און ער איז דערנאָך ווייטער באַגאַנגען די נעמליכע זינד, האָט מען איהם גענומען אין אַרעסט, ווי די גמרא זאָגט „מי שלקה ושנה, כונסין אותו לכפּה" (סנהדרין דף פ"א עמוד ב').

דאָס בויערען אַן אויער דעם שקלאַף, איז אויך אַן אַלטער מנהג. ווען אַ מענש איז אַריבערגעגאַנגען פון איין שבט צום אַנדערן אָדער פון איין משפחה צו אַן אַנדערער, האָט מען איהם געצייכענט אויפ'ן פּנים אָדער אויפ'ן שטערען. און ווען דאָס איז געווען אַ שקלאַף, פלעגט מען איהם

לאָזען בלוט פון זיין אויערען־לעפעל, צו באַצייכענען, אַז ער איז אַ שקלאַף און נישט קיין פרייער מאַן.

עס האָט אויך דער מענש שטענדיג געוואוסט, צו פייניגען זיין לייב לכבוד זיין גאָט, און די וועגען פון דער דאָזיגער פייניגונג זיינען געווען פאַרשיעדענע. אייניגע האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון איבריגע מאכלים און גע־טראַנקען, אַנדערע האָבען זיך דערוויטערט פון האַפּערדיגקייט. אַלס אַן איבעריגע זאַך איז׳ם לעבען האָט דאַן דער מענש אַנערקענט דאָס טרינקען וויין, און ווען עס איז איהם געקומען אויפ׳ן געדאַנק, אַז ער דאַרף זיך פייניגען לכבוד זיין גאָט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון וויין. אין אַן אַנדערן פאַל האָט מען באַטראַכט דאָס לאָזען ווילד וואַקסען די האָהר אָדער דאָס גענצליכע אָפּגאָלען די האָהר פונ׳ם קאָפּ אַלס אַ מיטעל געגען האָפּערדיגקייט.

דאָס אָפּהיטען שבת איז געווען איינגעפיהרט ביי די מעהרסטע כנענ׳שע פעלקער בעפאָר „מתן תורה". די עגיפּטער פלעגען רוהען יעדען צעהנטען טאָג און די אידען, וואָס זיינען ביי זיי געווען פאַרשקלאַפּט, האָבען געמוזט שטענדיג אַרבייטען אָהן אַן אָפּרוה. אָבער די פעלקער אין כנען האָבען גערוהט יעדען זיבעטען טאָג. דערצעהלט דער מדרש וועגען משה רבנו, אַז אַזוי ווי ער האָט געזעהען די אידען אַרבייטען שטענדיג אָהן אַן אָפּרוה, האָט ער אַמאָל געזאָגט צו פרעה: „אַ שקלאַף, וואָס דער אייגענטימער זיינער לאָזט איהם נישט רוהען פון דער אַרבייט חאָטש איין טאָג אין דער וואָך, מוז שטאַרבען פון איבעראַרבייטען". האָט איהם פרעה אויף דעם געזאָגט: „קענסט טהון ווי דו פאַרשטעהסט!" — האָט משה באַשטימט דעם טאָג שבת אויף צו רוהען. פלעגען זיך דאַן די אידען אין אַזאַ טאָג פון רוה צונויפקומען און זיי פלעגען זיך טרייסטען מיט דער האָפנונג, אַז זיי וועלען גאָר אין גיכען אויסגעלייזט ווערען. האָט דאַן פרעה געזאָגט: „זאָל די אַר־בייט שווערער ווערען אויף די מענשען און זיי זאָלען מעהר נישט רוהען אין זייער שבת!" (שמות רבה פרשה א׳ פיסקא ל״ב און פרשה ה׳ פיסקא כ״ב).

אַזוי ווי עס האָבען אַלע שכנ׳ישע פעלקער פון ארץ־ישראל גערעכענט זייער צייט לויט דער לבנה, האָבען זיי געהאַלטען דעם טאָג, ווען די לבנה האָט זיך באַנייט, אַלס אַ יום־טוב. זיי האָבען אויך מקריב געווען אין אַזאַ טאָג באַזונדערע קרבנות צו זייער גאָט, גלייך ווי די אידען האָבען אָנגענו־מען צו טהון אין זייער „ראש־חודש". עס דאַכט זיך אויך, אַז די ראש־חודש׳ן האָבען אינ׳ם שפּעטערען אידישען לעבען געהאַט אַ שטיק פייערליכקייט פון שבת, ווי מיר קענען דאָס זעהען ביי פאַרשיעדענע געלעגענהייטען, וואָס ווערען דערמאָנט אין תנ״ך, וואו ראש־חודש איז פאַרגליכען צו שבת — און מען האָט אויך דאַמאָלס אין אַזאַ טאָג ווייניג אָדער זאָגאָר גאָר נישט געאַרבייט.

צעהלענדיג די יאָהרען לויט די חדשים פון דער לבנה, פלעגט דער חודש תשרי זיין דער ערשטער חודש פונ׳ם יאָהר. דאַמאָלס הויבט מען אָן אין יענע לענדער צו פאַרזייען די תבואות און דאַמאָלס האָבען אויך יענע פעלקער געפייערט זייער אָנהויב יאָהר. און חאָטש די תורה האָט געהייסען צעהלען די חדשים פון ניסן אָן און תשרי איז געווען ביי אידען דער זיבע־טער חודש, איז פון דעסטוועגען פאַרבליבען דער ערשטער טאָג פון תשרי אַלס „ראש השנה" און לויט׳ן תשרי האָט מען אויך געצעהלט די יאָהרען פון „שמיטה" און „יובל".

צום אַריינפיהר

די טראַדיציע אונזערע זאָגט, אַז אברהם אבינו האָט מקיים געווען אַלע מצוות פון דער תורה. דאַרף מען פאַרשטעהען, אַז חאָטש די תורה איז נאָך דאַמאָלס נישט געגעבען געוואָרען, זיינען שוין פיעלע מצוות פון דער תורה געווען איינגעפיהרט אין אברהמ׳ס הויז. אין דערזעלבער צייט האָבען אויך פאַרשיעדענע מאָראַלישע אָרדנונגען געהערשט ביי די פעלקער, צווישען וועלכע אברהם אבינו האָט געוואוינט. זיינען אָבער די פיהרונגען פון יענע פעלקער אין זייער געזעלשאַפטליכער באַטהעטיגונג געווען אַ ביסעל אַנדערש, ווי מיר גלויבען, אַז אברהם אבינו האָט זיך נוהג געווען, ווייל בלויז אין זייער יסוד זיינען יענע פאַרשריפטען פון אברהם אבינו׳ס שכנים עהנליך צו די מצוות פון דער תורה.

מעהרסטענטיילס שטאַמען די געזעצע פון יענע פעלקער, וואָס האָבען געוואוינט אין אברהם אבינו׳ס שכנות, פון האמוראבי, וועלכער איז געווען אַ קעניג פון בבל אין די צייטען פון אברהם אבינו. איינינע זאָגען אַז דער דאָזיגער האמוראבי איז געווען אמרפל מלך שנער, וואָס ווערד דערמאָנט אין חומש. ווילען מיר דאָ בלויז אָנמערקען, אַז האמוראבי׳ס געזעצע זיינען געפונען געוואָרען אין אָנהויב פונ׳ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, אויסגעקריצט אינ׳ם אַלטען בבל׳שען כתב אויף שטיינערנע טאָוולען, און פראָפעסאָר דור היינריך מילער פון וויען האָט איבערזעצט זייער אינהאַלט אין אַ ריינעם העברעאיש. דאַרף מען די דאָזיגע געזעצע לייענען מיט קאָפּ, כדי בעסער צו פאַרשטעהן דעם טיעפען זין פון אונזער תורה.

די גרעסטע עהנליכקייט צווישען די פאַרשריפטען פון האמוראבי און די דינים פון אונזער תורה איז ביי די פאַרשריפטען וועגען אַ שטויסיגען אָקס. ווען אַן אָקס שטויסט אַ מאַן אָדער אַ פרוי צום טויט — זאָגט אונזער חומש — זאָל מען דעם אָקס פאַרשטייניגען און זיין פלייש טאָר נישט געגעסען ווערען, אָבער דער אייגענטימער פונ׳ם אָקס איז פריי פון שטראָף. האַנדעלט זיך אָבער וועגען אַ שטויסיגען אָקס, וואָס מען האָט שוין דעם אייגענטהימער פריהער געוואָרענט וועגען איהם און ער האָט עס טראָצדעם פאַרנאַכלעסיגט, דעם אָקס צו היטען, וועלכער האָט יעצט געטויטעט אַ מאַן אָדער אַ פרוי, זאָל מען דעם אָקס פאַרשטייניגען און דעם אייגענטימער זאָל מען אויך געבען טויט־שטראָף. דאַרף מען אָבער געבען אַזאַ מענשען אַ מעגליכקייט, ער זאָל זיך קענען אויסקויפען דאָס לעבען מיט געלד, לויט ווי מען וועט איהם אָפּשאַצען. דאָסזעלבע זאָל אויך געשעהען, ווען אַזאַ אָקס שטויסט אַ קינד, אַ אינגעל אָדער אַ מיידעל. און שטויסט אַזאַ אָקס צום טויט אַ שקלאַף אָדער אַ שקלאַפין, זאָל דער אייגענטימער פונ׳ם אָקס באַצאָהלען צום אייגענטימער פונ׳ם שקלאַף דרייסיג זילבערנע שקלים און דעם אָקס זאָל מען פאַרשטייניגען (שמות קאַפּיטעל כ״א).

געפינען זיך דיזעלבע פאַרשריפטען ביי האמוראבי מיט דעם אונטערשיעד, וואָס האמוראבי באַפרייט דעם אָקס פון טויט־שטראָף, ווען ער דער׳הרג׳ט אַ מענשען ביים ערשטען מאָל שטויסען. דאָס אויסקויף־געלד פאַר׳ן אייגענטימער פונ׳ם אָקס איז אויך ביי האמוראבי באַשטימט אין זיין סומע. פאַר הרג׳ענען אַ פרייען מענש דאַרף דער אייגענטימער פונ׳ם שטויסיגען אָקס באַצאָהלען אַ האַלב פונט זילבער און אַ דריטעל פונט זילבער דאַרף ער באַצאָהלען פאַר אַ שקלאַף. און וועגען שטויסען אַ קינד צום טויט איז ביי האמוראבי רעכט, מען זאָל נעהמען ביים אייגענטימער פונ׳ם שטויסיגען אָקס זיינס אַ קינד צו דער׳הרג׳נען.

ווען א שוואנגערע פרוי ווערד פארוויקעלט אין א געשלעג צווישען מאנסבילען און די פרוי מפיל'ט — זאגט די תורה — דארף דער שולדיגער באצאהלען וויפיל דער מאן פון דער פרוי פארלאנגט (שמות קאפיטעל כ"א פסוק כ"ב). ביי האמוראבי איז באשטימט די סומע, וואס אזא שולדיגער דארף באצאהלען, מיט צעהן זילבערנע שקלים.

אז צוויי מענשען האבען צווישען זיך א געשלעג און איינער גיט דעם אנדערן א קלאפ מיט א שטיין אדער מיט דער פויסט און דער געשלאגענער ווערד דערפון קראנק, דארף דער שלעגער באצאהלען דעם געשלאגענעם פאר'ן שמערץ גלייך ווי פאר'ן היילען. איז אויך דיזעלבע פארשריפט פאר־האנען ביי האמוראבי כמעט מיט דיזעלבע ווערטער ווי אין חומש.

עהנליך איינס צום אנדערן, ביי האמוראבי און אין אונזער תורה, זיינען די דינים פון א „שומר חנם" און א „שומר שכר", אזוי ווי די פאר־שריפטען וועגען „עדים זוממים".

די שטראף פון „מלקות", וואו עס ווערד בפירוש אנגעזאגט, ניט מעהר צו געבען ווי פערציג שמיץ (דברים קאפיטעל כ"ה) און די חכמים האבען נאך פארמינערט די דאזיגע צאהל מיט איינעם, איז ביי האמוראבי אנגעזאגט, אז ווען איינער פארדינט זיך מלקות, זאל מען איהם געבען ז ע כ צ י ג שמיץ, נישט מעהר.

ביי א פארבאטענעם סעקסועלען פארקעהר פון א מאן מיט א פרוי צו־זאמען מיט איהר מוטער, הייסט די תורה אלע פארברענען (ויקרא קאפיטעל כ' פסוק י"ד). דאס זעלבע הייסט אויך די תורה טהון ביי א „בת כהן", ווען זי געהט אין שלעכטע וועגען (ויקרא קאפיטעל כ"א פסוק ט'). זיינען די פאר־שריפטען וועגען די דאזיגע זינד ביי האמוראבי מעהר צוגעפאסט צו די בא־גריפען פון די בבליים. וועגען א סעקסועלען פארקעהר פון א מאן מיט א פרוי צוזאמען מיט איהר מוטער ווערד דארט גאר נישט געזאגט. עס דארף אבער באשטראפט ווערען מיט פארברענען א פרוי, ווען זי זינדיגט מיט א פאטער צוזאמען מיט זיין זוהן, אדער ווען א „פריסטערין" (א פרוי א גלח'טע) הויבט אן פיהרען אן אויסגעלאסען לעבען.

גלייך ווי די שטראף, וועלכע איז פארגעשריבען אין דער תורה פאר א זינדיגע „אשת איש" צוזאמען מיט איהר „נואף" (ויקרא קאפיטעל כ' פסוק ו'), איז אויך דיעזעלבע שטראף פון אזעלכע זינדיגע ביי האמוראבי. דער חלוק איז נור, וואס ביי האמוראבי קען דער מאן פון דער זינדיגער מוחל זיין די זינד פון דער פרוי און שענקען איהר דאס לעבען.

לויט ווי עס איז אנגעזאגט אין דער תורה, איז עס נישט ערלויבט, צו פארכאפען פאר א חוב מיהל־שטיינער, מיט וועלכע עס ווערד פראדוצירט עסענוואַרג (דברים קאפיטעל כ"ד פסוק ו'). אזוי האט אויך האמוראבי פאר־באטען, צו פארחאפען פאר א חוב אן אקס, וועלכער איז נויטיג צו דער אר־בייט. און טהוט דאס אימיצער זאל ער בעשטראפט ווערען מיט א דריטעל פונט זילבער. דעסגלייכען האט די תורה אנגעזאגט, אז ווער עס וויל פאר־חאפען א משכון פאר א חוב, זאל נישט אריינגעהן אין יענעם'ס הויז, נור ער זאל שטעהען דרויסען אויף דער גאס אוןווארטען, ביז מען וועט איהם דאס משכון ארויסברייגגען (דברים קאפיטעל כ"ד פסוק י' — י"ב). זיינען די פארשריפטען ביי האמוראבי דיזעלבע, כמעט מיט עהנליכע ווערטער.

די גמרא זאגט, אז ווען איינער גנב'ט כלים פונ'ם בית המקדש, מעג ער דער'הרג'ט ווערען דורך „קנאים", וואס נעהמען זיך אן פאר דער קריוודע

פונ'ם בית־המקדש („הגונב את הקסוה, קנאים פוגעין בו", סנהדרין דף פ"א עמוד ב'). געפינט זיך דאַגעגען ביי האמוראבי א געריכטליכע טויט־שטראַף פאַר איינעם, וואָס גנב'ט עטוואָס פון זייערן א טעמפּעל.

ווען אירגענד אַ מענש גיט דעם אַנדערען אַ קלאַפּ הינטער'ן אויער, אָדער ער גיט איהם א פּאַטש, האָט די משנה באַשטימט א געלד־שטראַף (בבא קמא דף צ' עמוד א'). דאָסזעלבע איז אויך ביי האמוראבי. און גלייך ווי די משנה זאָגט דאָרט „הכל לפי כבודו", אַז די שטראַף קען אַמאָל זיין א גרע־סערע אָדער אַ קלענערע, לויט דער חשיבות פונ'ם שלעגער אָדער פונ'ם גע־שלאָגענעם, איז דאָס פּונקט אַזוי פאַרגעשריבען אין האמוראבי'ס געזעצע.

האמוראבי האָט פאַרבאָטען, צו קלייבען שפּענער אינ'ם גבול פון אַ צווייטען'ס אייגענטום. דאַגעגען איז ביי אידען געווען א תקנה פון יהושע בן נון'ס צייטען, מען זאָל מעגען פּאַסען בהמות אין א וועלדעל און דער וואַלד־אייגענטימער זאָל עס נישט קענען פאַרווערען, ס'איז אויך ערלויבט צו קלייבען שפּענער אין יענעם'ס פעלד (בבא קמא דף פ"א עמוד א').

אזוי געפינט זיך אויך ביי האמוראבי א געזעץ וועגען די פליכטען פון א פעלד־פּאַכטער, וועלכעס איז עהנליך צו דער הלכה פון דער גמרא, אַז ווען איינער נעמט איבער אַ פעלד אין פּאַכטונג און ער וויל ניט אויספּלעניען דאָס גראָז פון צווישען די תבואות, זאָגענדיג צום אייגענטימער: „וואָס שאַדט עס דיר, ווען איך צאָהל דיר דיינס?" — דאַרף מען דעם פּאַכטער נישט הערען און דער אייגענטימער פונ'ם פעלד מעג עם לאָזען אויספּלעניען אויף'ן חשבון פונ'ם פּאַכטער (בבא מציעא דף ק"ה עמוד א').

עהנליך צו די דינים פון „חזקה", לויט ווי זיי זיינען בעהאַנדעלט אין דער גמרא (בבא בתרא דף כ"ה עמוד א'), זיינען אויך די פאַרשריפטען פון „חזקה" ביי האמוראבי.

לויט'ן דין פון דער תורה ירשנ'ט נישט א טאָכטער דאָרט וואו עס זיינען פאַרהאַנען זיהן (במדבר קאַפּיטעל כ"ז פּסוק ה'). ערקלערט האמוראבי די אורזאַך פון דעם דאָזיגען געזעץ, אַז אזוי ווי די טאָכטער האָט געקראָגען א נדן צו איהר חתונה, האָט זי שוין אָפּגענומען מיט דעם איהר חלק ירושה.

וועגען וואָס די משנה זאָגט, אַז א טאַטע מעג אָפּשרייבען זיין ירושה צו פרעמדע, ווען די אייגענע קינדער פיהרען זיך נישט ריכטיג (בבא בתרא דף קל"ג עמוד ב'), זאָגט האמוראבי, אַז ווען א קינד פיהרט זיך ניט ריכטיג און דער פאָטער וויל איהם „מעביר נחלה" זיין, מוז ער דאָס דורכפיהרען ביים געריכט. און ווען די ריכטער זעהען איין, אַז די זינד פונ'ם זוהן זיינען ניט אַזעלכע שווערע, האָט נישט דער פאָטער קיין רעכט, אַוועקצונעהמען ביי איהם די ירושה.

דער דין פון א „מוציא שם רע" אויף זיין פרוי (דברים קאַפּיטעל כ"ב פסוק י"ג—י"ט) געפינט זיך אויך ביי האמוראבי. חוץ דעם געפינט זיך נאָך דאָרט א פאַרשריפט, אַז ווער עס מאַכט אַזאַ בלבול אויף דער פרוי פון אַן אַנדערען, זאָל אויסגעקריצט ווערען אויף זיין שטערען, אַז ער איז אַ ליגנער, איטליכער זאָל איהם דערקענען, אַז מען טאָר איהם נישט גלויבען.

ווען א שקלאַף אַנטלויפט פון זיין אייגענטימער, טאָר מען איהם ניט איבערגעבען צוריק צו זיין אייגענטימער מיט געוואַלט (דברים קאַפּיטעל כ"ג פסוק ט"ו) און די גמרא ערקלערט דאָס, אַז ווען אַ גוי'ישער שקלאַף ראַטעוועט זיך צו אידען, אָדער ער אַנטלויפט פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל, טאָר מען איהם נישט איבערגעבען צוריק צו זיין אייגענטימער (גטין דף מ"ח עמוד א').

די אמוראים פון ארץ־ישראל

דאגעגען הייסט האמוראבי שווער באשטראפען, ווען איינער העלפט א שקלאף אנטלויפען אדער אויסבאהאלטען זיך פון זיין אייגענטימער.

ס'איז א באקאנטע היסטארישע טהאטזאך, אז די וואנדערונג פון די אידען איבער די לענדער פון ארום ארץ־ישראל האט זיך אנגעהויבען באלד נאך דער צוריקקעהר פון גלות בבל. אט די צוריקקעהר פון די אידען איז איבער־הויפט נישט געווען קיין פולשטענדיגע. די רייכערע פון צווישען זיי זיינען געבליבען וואוינען אין גלות און זיי וואלטען זיך אויך וואהרשיינליך אויסגע־מישט צווישען די גוים, ווען עס זאלען נישט געווען אהין אנקומען נייע מחנות אידען ביי יעדער פאליטישער אויפטרייסלונג אין ארץ־ישראל, און די דאזיגע ניי־אנגעקומענע מחנות אידען פלעגען דארט געוועהנליך אויפפרישען דאס אנהאלטען די אידישע אמונה.

אן אנדערע אידישע סביבה האט זיך דאמאלס געהאט אויסגעפורעמט אין דער עגיפטישער אלעקסאנדריען, וואו אידען האבען זאגאר געהאט אן אייגענעם בית־המקדש (דעם אזוי גערופענעם „בית חוניו") — און די אנט־וויקלונג פון דער דארטיגער אידישער קהלה האט געהאט אזא אייגענארטיגע צורה, גלייך ווי יענע אידען וואלטען נישט געהאט קיין שום שייכות מיט די אידען פון די אנדערע לענדער.

די שטארקסטע אויסוואנדערונג פון די ארץ־ישראל'דיגע אידען קיין בבל איז פארגעקומען נאך'ן חורבן בית שני — און א שטארקע צוציהונגס־קראפט פאר די אידען אין ארץ־ישראל, זיי זאלען אויסוואנדערען קיין בבל, איז געווען דער לשון פון דער בבל'שער באפעלקערונג, וועלכער איז געווען זעהר עהנליך צו דעם לשון, וואס די אידען פון ארץ־ישראל האבען דאמאלס גערעדט.

לויט די דאמאלסדיגע עקאנאמישע אומשטענדען וואלט אפשר פאר די אידען אין ארץ־ישראל געווען בעסער, ווען זיי וואלטען געגאנגען קיין עגיפטען אדער אין אירגענד וועלכען אנדערן לאנד אונטער דער רוימישער הערשאפט. אבער חוץ דער שנאה צו די רוימער, וואס די ברייטע אידישע פאלקס־מאסען האבען זיי קיינמאל נישט מוחל געווען דאס פארברענען דעם בית־המקדש און די נאציאנאלע דערנידריגונג פונ'ם אידישען פאלק, איז נאך געווען אן אפהאלט פאר יענע אידען, וואס האבען געוואלט אויסוואנדערען פון ארץ־ישראל און זיי האבען נישט געקענט געהן אין א רוימיש לאנד — די שפראך פון די גוים, וועלכע האבען אין די לענדער אויסערהאלב פון בבל מערסטענטיילס גערעדט גריכיש, און דער גריכישער לשון האט קיינמאל נישט געוואונען די סימפאטיען פון די אידען.

אן אלטער רעליגיעזער איסור האט פארבאטען די אידען צו לערנען גריכיש, און ווען די אידען אין עגיפטען האבען גערעדט גריכיש און פילאזא־פירט אויף גריכיש, זיינען זיי טאקע נאציאנאל און קולטורעל זעהר שטארק דערוויטערט געווען פון די אידען אין ארץ־ישראל.

צוליעב דעם לשון פון דער באפעלקערונג אין בבל, וועלכער איז געווען דער לשון פון אונזער „תרגום אונקלוס" און ער איז אויך כמעט גלייכגע־שטעלט אין זיין ווערדע צו לשון־קודש, האט זיך שפעטער געוויסערמאסען אויסגעגלייכט די דענקונס־ארט און דאס לעבען פון די בבליים מיט דער דענקונגס־ארט און מיט דער פיהרונג פונ'ם לעבען ביי די אידען. איז דאן אנגענומען געווארען א מיינונג, אז „וואס דער אויבערשטער האט פארטריבען די אידען קיין בבל, האט ער דאס בלויז געטהון, ווייל דער לשון פון די בבליים איז נאהנט צום לשון פון דער תורה" (פסחים דף פ"ג עמוד ב').

דאָס מיינט אָבער נישט, אז דער העברעאישער אָדער ארמ׳ישער לשון פון יענע צייטען האָט נישט אריינגענומען אין זיך קיין גריכישע עלעמענטען, וועלכע זיי האָבען דערנאָך אזוי פארדייהעט, גלייך זיי זאָלען זיין אן אינעוויינינגסטער באשטאנדטייל פון דער העברעאישער אָדער פון דער ארמ׳ישער שפּראַך.

עס האָט אויך נישט געקענט זיין אנדערש, ווייל עס איז אן אייביג נאטור־געזעץ, אז יעדע זיעגרייכע נאציאָן באאיינפלוסט די שפּראַך פון די באזיעגטע. איבערהויפּט איז דאָס שטענדיג געווען ביי דער גריכישער שפּראַך, וועלכע איז דאמאָלס געווען אזוי צו זאָגען די פּארקעהרס־שפּראַך פון דער ציוויליזירטער וועלט אינ׳ם האנדעל גלייך ווי אינ׳ם געריכטסוועזען, אין דער וויסענשאפט און אפילו אין דער מוזיק.

גלייכצייטיג דארף מען צוגעבען, אז די פּערזישע שפּראַך האָט אויך גע־האָט א שטיקעל איינפלוס, סיי אויף דער העברעאישער און סיי אויף דער ארמ׳ישער שפּראַך. איז אָבער דער דאָזיגער איינפלוס געווען א מינימאלער, ווייל די פּערזער האָבען וויניגער געזיגט מיט זייער קולטור ווי מיט׳ן כח פון זייער שווערד. עס האָט זיי אויך נישט פיעל געאַרט, ווען די באזיעגטע פעלקער האָבען נישט געלערנט זייער שפּראַך, אבי זיי האָבען נור נישט גע־זינדיגט געגען דער פּערזישער אמונה.

איז דאן אין דער גרויסער נאציאָנאלער ליעבע פון די אידען צו ארץ־ישראל געווען פארשפּרייט א גלויבען, אז ארץ־ישראל איז אין אלע הינזיכטען בעסער פון בבל. ארץ־ישראל איז דאן באטראכט געוואָרען פאר׳ן צענטער פון דער ציוויליזירטער וועלט, און וואָס די תורה זאָגט וועגען דער פרוכט־בארקייט און וועגען דעם ווערטה פון ארץ־ישראל, איז דורך די חכמים פיעל פארגרעסערט געוואָרען ביז צו דער העכסטער מדרגה.

זאָגט די „משנה" וועגען דעם, אז ארץ־ישראל איז הייליגער פון אלע לענדער אין דער וועלט — און די אורזאַך פון דער דאָזיגער הייליגקייט איז, וואָס די אידען אין ארץ־ישראל האָבען געדארפט אָפּהיטען אזעלכע מצוות, וואָס זיינען אָפּהענגיג פונ׳ם וואוינען אין ארץ־ישראל (מצוות התלויות בארץ), און ווער עס האָט געוואוינט אין חוץ־לארץ, האָט די דאָזיגע מצוות נישט געדארפט אָפּהיטען, א שטייגער ווי: תרומות און מעשרות, שמיטה, לקט, שכחה ופאה וכדומה. פון ארץ־ישראל האָט מען אויך געדארפט ברענגען דעם „עומר", די „בכורים" און די „שתי הלחם".

האָבען דאן די חכמים זעהר הויך געהאלטען דאָס וואוינען אין ארץ־ישראל און זיי האָבען געזאָגט, אז „דאָס וואוינען אין ארץ־ישראל איז וויכטיגער ווי אלע מצוות פון דער תורה" (ספרי פרשת דברים). דעסגלייכען האָבען זיי געזאָגט, אז „ווער עס וואוינט אין ארץ־ישראל און ער זאָגט קריאת־שמע אין דער פריה און ביינאַכט און ער רעדט לשון־קודש, קען מען איהם אָנזאָגען, אז ער איז זיכער מיט זיין עולם־הבא" (ירושלמי שקלים פרק ג׳ הלכה ג׳).

עס איז אויך אָנצונעהמען, אז אזוי ווי די חכמים האָבען מורא געהאט, אז ארץ־ישראל זאָל נישט צוליעב די אונטערדריקונגען פון דער רוימישער רעגירונג אויסגעליידיגט ווערען פון מענשען, האָבען זיי געזאָגט, אז „וועלכער איד עס וואוינט אין ארץ־ישראל, איז ער שוין מיט זיין וואוינען אליין מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים, און ווער עס געהט אוועק אין חוץ־לארץ, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט געגאנגען דינען צו דער עבודה זרה" (ספרא פרשה כ"ה). דעסגלייכען איז געזאָגט געוואָרען, אז „ווער עס וואוינט אין ארץ־

ישראל, לעבט אָהן זינד. תמיד דאַרף אויך א מענש וואוינען אין ארץ־ישראל, אפילו אין א שטאָדט, וואָס דער רוב פון איהרע מענשען זיינען גויים, און ער דאַרף נישט וואוינען אין חוץ־לארץ, אפילו דאָרט, וואו דער רוב פון די מענשען באַשטעהט פון אידען" (כתובות דף ק"י עמוד ב').

אַט די אלע און אנדערע עהנליכע מאמרים האָבען בלויז געהאַט דעם צוועק באַליעבט צו מאַכען ביים עולם דאָס וואוינען אין ארץ־ישראל. צוגלייך איז אָבער די נויטווענדיגקייט פון אזעלכע דרשות א שטאַרקער באַוויז, ווי שווער עס איז געווען איינצורעדען דעם עולם, אז מען דאַרף וואוינען אין ארץ־ישראל. מען קען אויך אָננעהמען פאַר זיכער, אז די דאָזיגע אלע דרשות האָבען ווייניג וואָס געהאָלפען, און ווי ווייט עס האָט זיך נור געלאָזט, זיינען די מענשען אנטלאָפען פון ארץ־ישראל.

געוועהנליך זיינען די מענשען אַנטלאָפען פון ארץ־ישראל, אויף צו זוכען פרנסה. און ווען עס ווערד דערצעהלט, ווי עס איז איינער אָדער דער אַנדערער צוליעב אָנהענגליכקייט צו ארץ־ישראל צוריקגעקומען דאָרט וואוינען, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעקליבען א ביסיל געלד אין חוץ־לארץ, זיינען דאָס זיכערליך געווען בלויז איינצעלנע פּערזאָנען און נישט די אלגעמיינהייט פון די אויסוואַנדערער.

ביי אנדערע געלעגענהייטען האָבען די חכמים אויפגעשטעלט א כלל פון „כופין לעלות", וועלכעס מיינט, אז מען קען אמאָל איינעם צווינגען, ער זאָל געהן וואוינען אין ארץ־ישראל. און „ווען א מאַן וויל געהן קיין ארץ־ישראל און די פרוי זיינע וויל נישט, קען מען די פרוי צווינגען צו געהן קיין ארץ־ישראל" (ירושלמי כתובות פרק י"ג הלכה י"א).

און ווען עס זאָגט דער פסוק: „בעסער צו עסען א שטיקיל טרוקען ברויט אין פריעדען", האָט דאָס ר' יוחנן אויסגעטייטשט, אז עס מיינט ווענגען עסען א שטיקיל טרוקען ברויט אין ארץ־ישראל (מדרש משלי פרשה י"ז און ילקוט משלי סי' תתקנ"ו). אנדערע חכמים האָבען געזאָגט, אז מען טאָר גאָרנישט אוועקגעהן פון ארץ־ישראל קיין חוץ־לארץ, סיידען ווען מען זאָל דאַרפען צאָהלען א גאָלדענעם גולדען פאַר צוויי מאָס תבואה.

האָט ר' שמעון בן יוהאי אויף דעם צוגעגעבען, אז „דאָס איז בלויז געזאָגט, ווען מען זאָל צאָהלען א גאָלדענעם גולדען פאר צוויי מאָס תבואה און מען זאָל עס נישט קענען קריגען, אָבער ווען מען קען נור קריגען די תבואה צו קויפען און ווען איין מאָס תבואה זאָל אפילו קאָסטען א גאָלדענעם גולדען, טאָר מען נישט אוועקגעהן פון ארץ־ישראל" (בבא בתרא דף צ"א עמוד א', תוספתא עבודה זרה פרק ד').

פון דעסטוועגען האָבען אנדערע חכמים מודה געווען, אז דאָס וואוינען אין ארץ־ישראל איז נישט אזא פּוינגעלדיגער ענין. דאָס לאַנד איז געווען פאַראָרימט און די רוימישע רעגירונג האָט ארויסגעקוועטשט מיט איהרע שטייערען דעם לעצטען טראָפּען מאַרך פון אלע איינוואוינער. איז ווען עס ווערד געזאָגט אין תהלים „איך וועל וואַנדלען בעפאָר גאָט אין די לענדער פונ'ם לעבען", האָט ר' שמעון בן לקיש נישט געקענט פאַרשטעהן, וועלכע טיילען פון ארץ־ישראל עס זיינען אייגענטליך געמיינט מיט'ן אויסדרוק „לענדער פונ'ם לעבען", ווייל אַזאַ אויסדרוק פּאַסט זיך, לויט זיין מיינונג, בלויז אויף דער שטאָדט טיראָס (צור) און איהר אומגעגענד, אָדער אויף צעזאַרעאַ (קיסרי) און איהר אומגעגענד, וואו עס איז אַלסדינג ביליג און עס איז פאַרהאַנען זעטיגקייט, און דאָס זיינען דאָך נישט געווען קיין אידישע

שטעדט, נור פעניקישע, וואָס צוליעב זייער לאַגע ביי די ברעגען פון׳ם ים זיינען זיי געווען רייך אין מסחר און די פרנסה פון די מענשען איז דאָרט געווען א גרינגע (זעה ירושלמי כלאים פרק ט׳ הלכה ג׳).

אזוי ווי עס האָבען זיך דאמאָלס די מעהרסטע פעלדער פון ארץ־ישראל געפונען ביי גוים אין די הענט (זעה ירושלמי דמאי פרק ב׳ הלכה א׳), איז דאָס אויסקויפען די ערד פון ארץ־ישראל באַטראַכט געוואָרען פאר איינע פון די גרעסטע מצוות. אפילו ווען איינער האָט געקויפט א פעלד אין סיריען (אויסער־האַלב די גרעניצען פון ארץ־ישראל), איז דאָס געווען פאַררעכענט גלייך ווי ער וואָלט געקויפט א פעלד אין א פאָרשטאָדט פון ירושלים, ווייל דאָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרען ווי א פארברייטערונג פון׳ם לאַנד (גטין דף ח׳ עמוד ב׳).

ביים אויסקויפען די ערד פון ארץ־ישראל האָבען אויך די חכמים אויפגע־שטעלט פאַרשידענע כללים — און אויסקויפען די פעלדער האָט מען געדאַרפט, ווייל באַלד ווי די רוימער האָבען פארכאַפט דאָס לאַנד, האָבען זיי תיכף קאָנפיסקירט אַלע פעלדער און קייזער וועספּאַזיאַן האָט נאָך׳ן חורבן פון׳ם בית־המקדש אוועקגעגעבען אלע פאַרכאַפּטע פעלדער פון ארץ־ישראל צו זיינע סאָלדאַטען. דערצעהלט עס זיך דאַדורך אלס א וואוילטהאַט, וואָס קייזער אנטאָניוס האָט אוועקגעגעבען צוויי טויזענט אקער באָדען צום אידישען „נשיא" אין פאַכט (ירושלמי שביעית פרק ו׳ הלכה א׳).

צוליעב די לויבגעזאַנגען פון אונזערע חכמים אויף ארץ־ישראל איז שווער צו דערגעהן אויף קלאָר, ווי אזוי דאָס לעבען אין בבל האָט אויסגעזעהן, וויפיל דאָס לאַנד האָט איבערהויפט געהאט ברויט און פרנסה פאר איהרע מענשען, ווייל פון די פאַרהאַנענע תלמודישע מאמרים קען מען בלויז זעהען, אז זיי האָבען דאָרט געהאט פיעל טייטלען, פיש און עופות. דעסגלייכען ווייסט מען, אַז די אידען זיינען דאָרט געזעסען זיכער אויף דער ערד, וואָס זיי האָבען באַקומען פון דער רעגירונג אָדער וואָס זיי האָבען ביי דער רעגירונג געקויפט.

איז אָבער די געאָגראַפישע לאַגע און דער קלימאַט פון בבל נישט געווען קיין געזונטער. אזוי ווי דאָס לאַנד ליגט טיעף אין א טהאָל און עס זיינען דאָרט פארהאנען פיעל וואסערען, וואָס זייערע אויסדונסטונגען אין דער צייט פון די זומערדיגע היצען מאכען די לופט שרעקליך דושנע, האָט מען וועגען דעם געזאָגט, אז „בבל איז טיעף ווי דער גיהנם און איינגעטונקען אין פינס־טערניש" (פסחים דף פ"ז עמוד ב׳).

עס איז אויך זיכער, אז דאָס שלעכטע וואסער פון בבל האָט געהאַט זעהר א שעדליכען איינפלוס אויף די מענשען, ספּעציעל אויף יענע, וואָס זיינען געקומען פון אַן אנדער לאַנד מיט אַן אנדער קלימאַט, ווי דער מדרש דערצעהלט, אז „דער טייך פרת האָט מעהר אידען גע׳הרג׳ט ווי נבוכדנצר הרשע האָט פון זיי גע׳הרג׳ט. אזוי ווי זיי האָבען נישט געהאַט קיין אנדער וואַסער צו טרינקען, האָט זיי דער פרת פשוט פארגיפטעט און גע׳הרג׳ט" (פסיקתא רבתי פרשה כ"ח, ילקוט תהלים סי׳ תתפ"ד).

נישט צו פאַרשטעהען איז בלויז, וואָס עס ווערד אזוי פיעל דערצעהלט וועגען דער אָרימקייט פון בבל, א שטייגער ווי, אז „פון צעהן מאָס אָרימקייט, וואָס זיינען געקומען אויף דער וועלט, האָט בבל גענומען דערפון ניין מאָס" (קדושין דף מ"ט עמוד ב׳, סנהדרין דף כ"ד עמוד א׳). און אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט די גמרא: „פאַרוואָס איז עפּעס אין בבל א באַזונדערע שמחה אום יום טוב? ווייל זיי זיינען דאָרט אָרימע לייט" (שבת דף קמ"ה עמוד ב׳).

די אמוראים פון ארץ־ישראל

אין פארשידענע צייטען זיינען אלזא די אידען פון ארץ־ישראל מאסענ־וויז אויסגעוואנדערט קיין בבל. איינע האָבען דאָרט געזוכט די מעגליכקייט פאר א פרייען פאָליטישען לעבען, אנדערע האָבען פשוט געזוכט פרנסה.

מיט א שווער הארץ האָט דאן איטליכער פארלאָזען דאָס לאַנד פון אלע הייליגע האָפנונגען, דענקענדיג דאביי, אז דאָס איז בלויז פאר א קורצע צייט, ביז די אומשטענדען וועלען זיך פארבעסערען און מען וועט קענען צוריק־קעהרען אהיים מיט אַן אָנגעקליבענער סומע געלד און מיט א פריש באַנייעטען מוטה, אויף צו קענען אָנפיהרען ווייטער דעם לעבענסקאַמף.

האָט זיך עס אבער צו גאָר ווייניגע איינגעגעבען, וואָס האָבען געקענט צוריקקומען קיין ארץ־ישראל, ווייל דער רוב פון די אויסוואנדערער איז שוין פארבליבען אין בבל און האָט נישט מעהר געקענט פון דאָרט ארויס־קומען. האָט עס זיך דאַמאָלס גערעכענט פאר א גרויסע זכיה, ווען א מענש האָט עס געקענט דערגרייכען, ער זאָל באַגראָבען ווערען אין ארץ־ישראל, האָט מען דאַן געזאָגט, אז „ווער עס ווערד באגראָבען אין ארץ־ישראל, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט באגראָבען געוואָרען אונטער'ן מזבח" (כתובות דף קי"א עמוד א').

מאַנכע היסטאָריקער באַהויפּטען, אז די אידען אין בבל האָבען געפיהרט גרויסע מסחרים. איז דאָס אבער נישט באגרינדעט צו גלויבען, ווייל עס ווערד נישט דערמאָנט גאָר אין דער גמרא אָדער אין מדרשים וועגען אזעלכע מסחרים. עס איז נישט אין ערגעץ דערמאָנט, אַז אידען זאָלען זיך האָבען באַטייליגט אין די גרויסע האנדעלס־קאַראַוואנען, וואָס זיינען געגאַנגען איבער די מדבריות פון ארום בבל. עס האָט אויך דאָס לאַנד נישט פארמאָגט קיין וואסער־וועגען פאר שיפען איבער ווייטע ימים.

איז דאדורך אָנצונעהמען, אז די אידען אין בבל האָבען זיך בלויז באַ־שעפטיגט מיט קרעמעריי און קליינהאנדעל. א גרויסער טייל פון זיי האָט זיך אָפּגעגעבען מיט ערד־ארבייט און אַן אנדערער טייל האָט זיך באשעפטיגט מיט מלאכה, ביי וועלכען זיי פלעגען זיך באַזונדערס אויסצייכענען. אָפטמאָל ווערען אויך דערמאָנט זייערע אויפטהוען ביים פארבען שטאָפען, אין וועלכען זיי האָבען דערגרייכט א געוויסע באַריהמטקייט.

באַטראַכטענדיג דעם געזונדהייטס־צושטאַנד אין בבל, פלעגען זיך מאַנכע חכמים פרעגען: „וועלכעס איז אייגענטליך די אורזאַך, וואָס עס זיינען נישט פאַרהאַנען קיין הויט־קראַנקע אין בבל?" — און זיי האָבען זיך אליין גע־ענטפערט, אז דאָס איז, ווייל „זיי עסען דאָרט שאַלאַטען און זיי טרינקען א מין ברויז געמאַכט פון לאַקריץ־וואַסער."

עהנליך צו דעם האָט אַן אנדערער פון די אמוראים געפרעגט: „פאר־וואָס זיינען נישט פאַרהאַנען קיין קרעציגע מענשען אין בבל?" — און ער האָט זיך דאָס אליין פאַרענפערט, אז דאָס איז, ווייל „זיי עסען שאַלאַטען, טרינקען געברויזען פון פירות און זיי באָדען זיך אינ'ם טייך פרת" (כתובות דף ע"ז עמוד ב').

האָבען זיי אָבער דאָרט אין בבל געהאַט אַן אויסטערלישען מין מאכל מיט'ן נאָמען „כותח הבבלי", וועלכעס איז באַשטאַנען פון פאַרדאָרט ברויט, איינגעווייקט אינ'ם וואסער פון זויערע מילך, האָבען די חכמים וועגען דעם געזאָגט, אז „עס פארשטאָפּט דאָס הארץ, בלענדעט די אויגען און מאַכט איינשרומפּען דעם קערפּער" (פסחים דף מ"ב עמוד א').

צום אַריינפיהר

ביי טויזענטער מיני געלעגענהייטען פלעגען די חכמים אין ארץ־ישראל אָפּלאַכען פון די מענשען אין בבל און זיי רופען „בבלאי טפשאי" (נאַרישע בבליים). ספּעציעל אָפּגעלאַכט האָט מען פון זיי אין די ענינים פון עסען.

פלעגט מען ווענגען דעם זאָגען, אז אין ענין מאכלים זיינען די בבליים „דעתם יפה" (מנחות דף צ"ט עמוד ב'), מיינט דאָס פונקט פאַרקעהרט ווי דער פשוט'ער טייטש פונ'ם וואָרט, אז זיי זיינען נישט איבערקלויבעריש אין דער ריינקייט פון זייערע שפּייזען, ווי דער ירושלמי זאָגט עס אויסדריקליך „שדעתן מקולקלת". האָבען דאדורך די חכמים אין ארץ־ישראל געקוקט אויף די בבליים ווי אויף נידריגע בריות, וואָס פאַרשטעהען נישט, אָפּצוהיטען די געזעצע פון ריינקייט ביי זייער טיש.

דאַגעגען פלעגען זיך די מענשען פון בבל האַלטען שטאָלץ אַקעגען די מענשען פון ארץ־ישראל מיט זייער יחוס און זיי פלעגען טענה'ן, אז די בבליים זיינען די אמת'ע מיוחסים פונ'ם פאָלק ישראל, ווייל נישט אַלע וואָס זיינען געגאַנגען מיט עזרא הסופר קיין ארץ־ישראל, האָבען זיך געקענט אויסווייזען מיט זייער יחוס און די ריינסטע מיוחסים זיינען דאן געבליבען אין בבל (זעה קדושין דף ס"ט עמוד ב').

און אז מען האָט זיך גענומען ווייטער מעסטען אין ווערדע מיט די מענ־שען פון ארץ־ישראל, האָבען זיך די בבליים געהאַלטען פאַר קליגער און גע־לעהרענטער. באַזונדערס שטאָלץ זיינען זיי געווען אויף דעם, וואָס דער „נשיא" אין ארץ־ישראל, וועלכער האָט געשטאַמט פון הלל הזקן, האָט זיך נור געקענט רעכענען אלס אַן אָפּשטאַמער פון דוד המלך בלויז פון ווייבליכען צד, ווייל הלל האָט זיך מיחס געווען פון זיין מוטער'ס זייט ביז צו שפטיה בן דוד, אָבער דער „ריש גלותא" פון בבל האָט זיך גערעכענט אלס א דירעקטער אָפּשטאַמער פון מענליכער זייט פון „מלכות בית דוד".

ביי די וכוחים צווישען די מענשען פון ארץ־ישראל און בבל פלעגען זיך די בבליים אָפטמאָל שטאַרק פאַר'עקש'נען אין זייערע האַרשפּאַלטערישע אר־גומענטען, איז דאַן זעהר שווער געווען דורכצוקומען מיט זיי אויף א גלייכען וועג, פלעגען דאַן די ארץ־ישראל'דיגע מענשען איבעררייסען דעם וכוח מיט די ווערטער: „ביזטו נישט איינער פון פומבדיתא, פון יענע מענשען, וואָס קענען דורכפיהרען א העלפאַנד דורך אַן אויער פון א נאָדעל?" (בבא מציעא דף ל"ח עמוד ב').

דעסגלייכען פלעגט מען חוזק מאַכען פון די בבליים און זאָגען, אז זיי האָבען נישט קיין שעהן געפאַרמטע קעפּ, ווייל זיי האָבען נישט קיין געלערנטע הייבאַמען, און ווען עס ווערד דאָרט א קינד געבוירען, גיט מען עס איבער צו ערציהען ביי די שקלאַפען, אָהן דער אויפזיכט פון די עלטערען. אָבער אין ארץ־ישראל האָבען די מענשען געלעהרענטע הייבאַמען, און ווען עס ווערד דאָרט א קינד געבוירען, ציהט מען עס אויף אין א וויגעל, מען וואַשט איהם אויך דאָס קעפּיל, זיינען דאדורך די קעפּ זייערע גוט געפאַרמט (זעה אבות דר' נתן פרק ט"ו).

עס איז אויך געזאָגט געוואָרען, אז „אזוי ווי די מענשען אין בבל זיינען ליגנער, אזוי ליגנערען אפילו זייערע רעגענס" (תענית דף ט' עמוד ב'). זיי־נען דערפאַר די איינוואוינער פון געוויסע שטעדט אין בבל געווען באַקאַנט פאַר ליגנערס און גנבים (זעה בבא קמא דף קט"ו עמוד א', חולין דף קכ"ז עמוד א').

די אמוראים פון ארץ־ישראל

פארשטעהט זיך, אז די בבליים האָבען ביי אזעלכע ארגומענטען אויך נישט געשוויגען און גלייך ווי די ארץ־ישראל׳דיגע מענשען האָבען פון זיי אָפּגעשפּעט, האָבען זיי אָפּגעשפּעט פון די ארץ־ישראל׳דיגע מענשען. און ווען די בבליים האָבען שוין גאָר נישט געהאט וואָס צו ענטפערען, פלעגען זיי זאָגען: „אונזערע שלעכטיגקייטען האָט איהר געהערט, אבער אונזערע גוטע מדות האָט איהר נישט געהערט" (מנחות דף נ"ב עמוד א׳).

די ארץ־ישראל׳דיגע „אמוראים" פלעגען זיך דאמאָלס שטארק גרויסען מיט דעם, וואָס זיי וואוינען אין ארץ־ישראל. האָט דאן איינער פון די בבל׳דיגע אמוראים געזאָגט, אז ווער עס געהט אוועק פון בבל קיין ארץ־ישראל, איז עובר אויף א מצות עשה, ווי עס זאָגט דער פסוק „בבלה יובאו ושמה יהיו" (שבת דף מ"א עמוד א׳).

עס האָבען אויך פיעלע געשטרעבט דערצו, זייערעביינער זאָלען אריבער־געפיהרט ווערען נאָך זייער טויט קיין ארץ־ישראל. איז דאָס אבער נישט געווען קיין פולשטענדיגע באפרידיגונג, ווייל „עס איז א גרויסער חלוק, ווען איינער ליגט באגראָבען אין ארץ־ישראל, נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט געוואוינט, אָדער ווען איינעם׳ס ביינער ווערען איבערגעפיהרט קיין ארץ־ישראל נאָכ׳ן טויט."

שטענדיג האָט געהערשט דער גלויבען, אז די געשטאָרבענע אין ארץ־ישראל וועלען ביים אָנקומען פון משיח פריהער לעבעדיג ווערען (ירושלמי כלאים פרק ט׳ הלכה ד׳ און כתובות פרק י"ב הלכה ג׳). אן אנדערער פון אונזערע חכמים האָט געזאָגט, אז „ווער עס איז באגראָבען אין ארץ־ישראל, איז דאָס גלייך ער זאָל זיין באגראָבען אין ירושלים, און ווער עס איז באַ־גראָבען אין ירושלים, איז דאָס גלייך ער זאָל זיין באגראָבען אונטער׳ן כסא הכבוד" (מכילתא פ׳ משפטים).

האָבען דאגעגען די מענשען פון בבל געזאָגט, אז דאָס ליגען באגראָבען אין בבל איז אויך א זכיה, ווייל אין בבל געפינט זיך דער טויער פונ׳ם גן־עדן און די שפּראַך פון די בבליים איז אויך א געהייליגטע דורך אדם הראשון, וועלכער האָט אויף איהר גערעדט (סנהדרין דף ל"ח עמוד ב׳). און געגען דעם, וואָס די מענשען ווילען דוקא באגראָבען ווערען אין ארץ־ישראל, האָבען די בבליים נאָכגעזאָגט אויפ׳ן נאָמען פון ר׳ עקיבא, אז „ווער עס איז באַ־גראָבען אין בבל, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט זיין באגראָבען אין ארץ־ישראל" (אבות דר׳ נתן פרק כ"ו).

אָט די אלע באמערקונגען, וואָס מיר האָבען דאָ ביז יעצט געמאכט, זיינען זעהר נויטיג פאר א בעסערן פארשטענדניס פון אונזערע שילדערונגען וועגען די מיינונגען און די באטהעטיגונגען פון די ארץ־ישראל׳דיגע „אמוראים". גלייכצייטיג נויטיגט זיך עס אויך, דאָ צו געבען א קורצע ערקלערונג וועגען דער באשאַפענהייט פונ׳ם „תלמוד ירושלמי" און זיין אינהאַלט.

וואָס די „משנה" איז און ווי אזוי זי איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען, האָבען מיר אינ׳ם ערשטען טייל פון „אונזערע גייסטיגע ריעזען" גענוי באַ־שריבען. דאָ ווילען מיר בלויז ווידערהאָלען, אז די „משנה" באשטעהט פון זעקס „סדרים", דהיינו: זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים און טהרות. און די גמרא, סיי די פונ׳ם „תלמוד ירושלמי" און סיי די פונ׳ם „תלמוד בבלי", איז בלויז אן ערקלערונג צו די משניות, לויט ווי עס איז וועגען זיי ארגומענטירט און אנטשידען געוואָרען אין די ישיבות פון ארץ־ישראל אָדער פון בבל.

דאַרף מען אויך וויסען, אז מיר פאַרמאָגען א גמרא בבלית כמעט צו אלע סדרים פון דער משנה. נור צו סדר „זרעים" האָבען מיר א גמרא בלויז צו מסכת ברכות און צו סדר „טהרות" האָבען מיר א גמרא בלויז צו מסכת נדה. און אינ'ם „ירושלמי" האָבען מיר א גמרא צום גאַנצען סדר זרעים, אפילו צו יענע מסכתות, וואָס מיר האָבען נישט צו זיי קיין גמרא בבלית. מיר האָבען אָבער נישט קיין גמרא ירושלמית צום גאַנצען סדר „קדשים", אפילו נישט צו מסכת חולין, וועלכעס וואָלט אונז נויטיג געווען צו די דינים פון טרפות, און צו מסכת נדה פון סדר „טהרות" האָבען מיר בלויז עטליכע בלאַט גמרא ירושלמית.

פרעגען דאַדורך די היסטאָריקער, צי עס איז מעגליך, אז די ארץ־ישראלדיגע „אמוראים" האָבען איגנאָרירט די דינים פון „קדשים" און „טהרות" און זיי האָבען וועגען זיי כמעט גאָר נישט גערעדט. דאָסזעלבע פרעגט זיך אויך וועגען דער בבל'שער גמרא, צי די דאָרטיגע „אמוראים" האָבען אזוי ווייניג גערעדט וועגען „זרעים" אָדער וועגען די מסכתות פון סדר „טהרות", חוץ פון מסכת נדה.

זאָגען אנדערע, אז מען האָט זיכערליך וועגען די דאָזיגע אלע ענינים יאָ גערעדט, נור צוליב פאַרשידענע סבות האָבען די „רעדאַקטאָרען" פון דער גמרא נישט אריינגענומען אין זייער ש"ס יענע פלפולים און דרשות, אדער עס האָט גאָר אפשר יאָ עקסיסטירט א „גמרא" צו די אלע מסכתות, נור זי איז ערגעץ פאַרלוירען געגאַנגען — און א באַווייז דערפאַר, אז פאַרשידענע הענט האָבען זיך געגריבעלט ביים טעקסט פון דער גמרא, איידער איהר אינהאַלט איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אין דער פאָרם, ווי מיר האָבען איהם היינט אין אונזער האַנט, קען מען זעהען אין די זעכצען בענד פונ'ם ספר „דקדוקי סופרים" פון רפאל נטע ראַבינאָוויץ, וועלכער האָט געהאַט פאַר זיך אין דער מינכענער קעניגליכער ביבליאָטעק אן אנדערן טעקסט פון ש"ס, געשריבען אין שנת נ"ז לאלף הששי (1297 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג), וואו דער לשון פון פילע סוגיות איז אנדערש ווי אין אונזער טעקסט.

מיט פולער זיכערהייט קען מען אלזא באַהויפּטען, אז דער „תלמוד ירושלמי", לויט ווי ער געפינט זיך היינט אין אונזער באַזיץ, איז נישט קיין גאַנצע כלי, ווייל עס איז פון איהם פיעל פאַרלוירען געגאַנגען. אלס באַווייז פאַר דער דאָזיגער באַהויפּטונג קען זיין, וואָס די דריי „בבות" פון דער גמרא (בבא קמא, בבא מציעא און בבא בתרא), וואָס זייערע אַרגומענטען און געזעצליכע אנטשיידונגען זיינען געווען מאַסגעבענד ביי אידען פאַר לאַנגע דורות און זיי האָבען אין אונזער „תלמוד בבלי" אריבער 800 עמורים, האָבען אינ'ם „תלמוד ירושלמי" בלויז א 160 עמודים.

זעהר גרויס איז אויך דער אונטערשיד אינ'ם לשון ביי אונזערע צוויי תלמודים. דער „תלמוד בבלי" איז טיילווייז געשריבען אינ'ם לשון פון דער משנה, פון דער תוספתא אָדער פון די ברייתות, זאָנסט איז ער געשריבען אין יענעם ארמי'שען דיאלעקט, וואָס די אידען אין בבל האָבען אין יענער צייט אויף איהם גערעדט. זיינען די שווערסטע שטעלען פון דער גמרא בבלית, וואָס זיינען אין יענעם דיאלעקט געשריבען, עהנליך צו אונזער „תרגום אונקלוס". עס איז אויך דאָרט כמעט אלעס פאַרשטענדליך צו יעדען, וואָס פאַרשטעהט העברעאיש. דאַגעגען איז דער טעקסט פונ'ם „תלמוד ירושלמי" עהנליך אין זיין לשון צום „תרגום יונתן" און דאָרט, וואו דער נוסח איז געשריבען אין א באַזונדערן דיאלעקט, איז דאָס נאָהנט צו סיריש, אויסגעמישט מיט ווערטער

פון גריכיש און זעהר וויט פון העברעאיש, אזוי אז אפילו איינער, וואס פארשטעהט גוט דעם לשון פונ׳ם „תלמוד בבלי", קען אפטמאל זעהר שווער פארשטעהען דעם „תלמוד ירושלמי".

חוץ לזה איז נאך צו באמערקען, אז א גרויסער טייל פון די ארץ־ישראל־דיגע אמוראים שטאמען פונ׳ם „גליל" — און די מענשען פונ׳ם „גליל" זיינען אין אלגעמיין נישט געווען זעהר געאכטעט ביי די אנדערע אידען, ווייל זיי האבען געהאט א שלעכטע און אומקלארע אויסשפראך. ווען די „גליליים" האבען גערעדט, פלעגען זיי פארשלינגען געוויסע בוכשטאבען און גאנץ באזונדערס האבען זיי נישט מדקדק געוועןביים אויסשפרעכען די אותיות א ה ח " ע. מעהרסטענטיילס האבען זיי פארשלונגען דעם אלף ביים אנהויבווארט. אזוי שטעהט אויך אפטמאל אין ירושלמי אנשטאט „אמר" (ער האט געזאגט) — „מר" (אהן אן אלף), דער נאמען „אלעזר" הייסט דארט „לעזר" און דער נאמען „אבא" הייסט דארט „בא". דעסגלייכען איז ביי זיי פארװעקסעלט א סמך אויף א צ׳ און א ל׳ אויף א נ׳ אדער א ר׳.

פלעגט מען דאן זאגען, אז אזוי ווי די „גליליים" האבען נישט אכטונג געגעבען אויף דער ריכטיגקייט פון זייער לשון, איז די תורה ביי זיי נישט געבליבען (זעה ערובין דף נ"ג עמוד א׳).

און ווי אזוי די גליליים האבען גערעדט, ווערד דערצעהלט, ווי איינער א גלילי האט אמאל געפרעגט: „אמר למאן? אמר למאן?" וועלענדיג זאגען: „ווער האט דא אן א מ ר " — האט קיינער נישט געוואוסט, וואס עס מיינט מיט׳ן ווארט „אמר" און מען האט איהם געענטפערט: „גלילאה שוטה! חמר למירכב או חמר למשתה? עמר למילבש או אימר לאתכסאה?" דאס הייסט; „נארישער גלילי, פארוואס רעדסטו נישט דייטליך, מ׳זאל וויסען וואס דו ווילסט? ווילסטו א „חמור" (אן אייזעל) אויף צו רייטען, אדער ווילסטו אפשר „חמר" אויף צו טרינקען (וויין)? ווילסטו אן „עמר" אויף אנצוטהון (וואל), אדער ווילסטו אן „אימר" (א שעפס)? (זעה ערובין דף נ"ג עמוד ב׳).

חוץ דער שווערקייט פונ׳ם לשון איז אויך די צוזאמענזעצונג פון די מאמרים אינ׳ם ירושלמי אפטמאל אין גאנצען צודרעהט. די גמרא זאגט: „במחשכים הושיבני, זה תלמודה של בבל" (סנהדרין דף כ"ד עמוד א׳). איז פון דעסטוועגען דער לשון פון דער גמרא בבלית אנטקעגען דעם לשון פונ׳ם תלמוד ירושלמי — גאנץ קלאר און פארשטענדליך. און ווען די מפרשים פונ׳ם ירושלמי ווילען דארט אמאל ערקלערען דעם ענין און די אמת׳ע כונה פון די אפגעהאקטע צודרעהטע זאצען, וואס אפילו דער שארפסטער שכל קען זיי נישט אויף גיך אויפחאפען, זיינען זיי אין זעהר א שווערער לאגע און זיי דארפען גוט שוויצען, ביז זיי קענען זיך בשלום ארויספלאנטערען פון דעם פארדרעהעניש.

די אורזאך פון די דאזיגע פלאנטערס ליגט הויפטזעכליך אין דעם, וואס אזוי ווי דער גרויסער עולם האט דעם „תלמוד ירושלמי" ווייניג געלערנט, איז די קארעקטקייט פון זיין לשון נישט אפגעהיט געווארען, זיינען דארט די „שנויי נוסחאות" פול אויף יעדען דף, צעהן מאל אזוי פיל ווי אין דער גמרא בבלית. קען עס זיך אפטמאל טרעפען, וואס דער טעקסט איז דארט אזוי פארוויקעלט און צודרעהט, אז די שארפסטע מוחות קענען נישט דאס פארוויקעלטע אויפוויקלען.

ערגער פון אלעמען ביים לערנען דעם „ירושלמי" איז, וואס עס פעהלט דארט די טערמינאלאגישע באצייכנונג פון די מאמרים, וועלכעס גיט גע־

צום אַריינפיהר

ווערנליך די חנ'עווריגע באַפאַרבונג צום „תלמוד בבלי". איז ווען עס פאַר־גלוסט זיך אימיצען אריינצודרינגען אינ'ם „תלמוד ירושלמי" אָהן דער הילף פון א פירוש, מוז ער זיך פאַרפּלאָנטערען אין א „לאַבירינט", פון וועלכען עס איז זעהר שווער ארויסצוקריכען, ווייל עס איז דאָרט שטענדיג שווער צו וויסען, צי מען האָט פאַר זיך א „קשיא" אָדער א „תירוץ", א „סיוע" צו די ארגומענטען אָדער גאָר א „סתירה".

אָט יענע שאַרפזיניגע טערמינאָלאָגישע באַצייכנונגען, וואָס דער „תלמוד בבלי" איז אזוי רייך מיט זיי, פעהלען לחלוטין אינ'ם „תלמוד ירושלמי". פעהלט דאָרט דערפאַר דער באַזונדערער רייץ פונ'ם לערנען, מיט וועלכען דער „תלמוד בבלי" ציהט צו זיך גרויס און קליין, אפילו דאָרט וואו דער ענין אליין האָט מיט'ן היינטיגען לעבען גאָר נישט וואָס צו טהון.

ווען מיר זעהען אמאָל אין דער גמרא דעם אויסדרוק „מתקיף ליה" אָדער א „ורמינהו", מאָלט דאָס אָפּ א באַזונדער בילד אין אונזער פאַנטאַזיע, דאַכט זיך אונז, אז מיר זעהען באַשיינפערליך, ווי דער „מתקיף" וואַרפט זיך אויף זיין געגנער מיט א בינטעל קשיות, וואָס זיינען שאַרף ווי א שווערד, דערביי שטופּט ער יענעם אריין אין א ווינקעל, פון וואַנען ער קען זיך נישט ארויסראַטעווען. און ברענגט די גמרא א „ורמינהו", זעהען מיר, ווי דער פרעגער וויקעלט צונויף א קנויל פון מימרות, צו ווייזען דעם ווידערשפּרוך, וועלכער איז אמאָל געגען אן אלטען אָנגענומענעם כלל און אמאָל געגען דעם, וואָס דערזעלבער „אמורא" האָט ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט געזאָגט.

דאָסזעלבע איז אויך דער פאַל ביי יעדער אַנדערער טערמינאָלאָגישער באַ־צייכנונג פון די קשיות, ווען מיר שטויסען זיך אָן אויף א „תא שמע", אויף א „בשלמא", אויף א „הא תינח" וכדומה אזעלכע באַצייכנונגען, וועלכע האָבען אלע אין זיך א באַזונדערן חן פאַר'ן לערנער, ספּעציעל ווען דער ענטפערער אויף א קשיא איז אמאָל מבטל די גאַנצע קשיא, אָדער ווען דער תירוץ פאַר־פּלאָנטערט דעם פרעגער מיט קשיות אויף זיין קשיא.

איז דאָס אלעס געוועהנליך די זיכערסטע הילף צו פאַרשטעהן די גמרא. וויקעלט זיך דאָן פאַר אונזערע אויגען א לעבעדיג פּילפּאַרביג בילד פון אונ־זער אלטען בית־המדרש, וואו די „אמוראים" לאָזען זיך אויף א שווים איבער'ן ברייטען „ים התלמוד" און זיי פיהרען אָן א גראַנגעל וועגען דער „הלכה". איז אָבער נישט פאַרהאַנען קיין זכר פון דעם אלעמען אינ'ם „תלמוד ירושלמי". עס געפינען זיך דאָרט אפילו סוגיות מיט לאַנגע פאַרוויקעלטע ארגומענטען, וואו עס איז אויפגעשטאַפּעלט א מימרא אויף א מימרא. טאַפּט מען דאָרט אין דער פינסטער און עס איז טאַקע זעהר שווער, מען זאָל זיך פון דעם דאָזיגען „לאַבירינט" קענען בשלום ארויספּלאָנטערען.

די חכמים פון בבל, ווי מיר זעהען זיי אין דער גמרא, האָבען ליב געהאַט דעם שאַרפען פּלפּול, מיט וועלכען זיי האָבען ממש בערג אויסגעריסען און צומאַהלען אויף שטויב. איז דאַדורך דער „תלמוד בבלי" אָנגעפילט מיט טיפע פּלפּולים, וואָס מען קומט דערנאָך פון זיי צו א באַשלוס, ווי דער גע־וועהנליכער שכל קען עס שווערליך באַגרייפען.

גאַנץ אַנדערש איז דער „תלמוד ירושלמי". די אמוראים פון ארץ־ישראל פלעגען אַנטלויפען פון טיפע פּלפּולים און עס איז זאָגאַר מעגליך צו זאָגען, אז זיי האָבען מורא געהאַט צו באַמיהען דעם מוח א ביסעל מעהר ווי גע־וועהנליך. געפינען מיר דאָרט דאַדורך אָפטמאָל איין קשיא מיט בלויז איין תירוץ. מאַנכעס מאָל ווערד אויך דערנאָך ווייטער געפרעגט דיזעלבע קשיא

און מען לאָזט זי אָהן א תירוץ. דעסגלייכען זיינען די מעהרסטע „אבעיות" אינ'ם ירושלמי אָהן אן ערקלערונג, אפילו ווען זיי זיינען בעצם גאָר נישט פארפּלאָנטערט.

פאַרהאַנען אויך אינ'ם ירושלמי אויסטערליש־שווערע קשיות מיט שוואכע תירוצים. דעסגלייכען געפינען זיך דאָרט פארשידענע שאלות און אבעיות, וואָס זיינען ווייט פון דער ווירקליכקייט. דער ירושלמי געהט אויך נישט אריין טיף אינ'ם ענין צו באַשפּרעכען א זאַך פון אלע זייטען. און אזוי ווי דער „תלמוד בבלי" איז איבערטרייבעריש מיט זיין גענויאיגקייט, אזוי איז דער ירושלמי קאַרג אין זיינע ערקלערונגען און ער צייכענט בלויז אָן מיט א וואונק, וואָס ער וויל זאָגען.

דער „תלמוד בבלי" איז צוזאַמענגעשטעלט ווי פון איין גוס. דערפאַר איז ער אויך קאָנסעקווענט אין די וועגען פון זיין לערנען גלייך ווי אין זיינע פּלפּולים. ער געהט נישט אוועק פון א משנה, ווי לאַנג ער האָט זי נישט ארומגערעדט אין אלע איהרע איינצעלהייטען און ער האָט נישט אויסגעגלייכט אלסדינג, וואָס עס האָט זיך פריהער געדאַכט ווי קרום.

אנדערש איז דער ירושלמי. צוליב דעם וואָס ער איז מעהר פראגמענ־טאַריש, ווייל עס פעהלט וואַרשיינליך פיל פון זיין אינהאַלט, ווי מיר האָבען שוין אויבען באַמערקט, איז ער אין אלע זיינע באַציהונגען נישט קאָנסעקווענט. איינמאָל איז ער מדקדק אינ'ם לשון פון דער משנה אויף א מינדסטע האָר. ביי אן אנדער געלעגענהייט פאַרבעסערט ער און קאָריגירט דעם טעקסט פון דער משנה אפילו דאָרט, וואו דער פּשט איז א קלאָרער, און מען דאַרף נישט מאַכען קיין שום פעהלער. און אַמאָל געהט ער פאַרביי שטילשווייגענדיג איבער א משנה, וועלכע איז דוקא יאָ שווער צו פאַרשטעהן.

גלייך ווי עס זיינען פאַרהאַנען שטאַרקע אונטערשידען צווישען די ביידע תלמודים בנוגע צו זייער צורה און צו זייער שטאָף, אזוי איז אויך גרוים דער אונטערשיד בנוגע צו זייער „רעדאקציע". די רעדאקטאָרען פונ'ם „תלמוד בבלי" האָבען דורכגעפיהרט זייער ארבייט מיט א באַזונדער פאַרשטענדניש און אין א גוטער אָרדנונג. צו יעדער משנה האָבען זיי צוגעגעבען זאַכען, וואָס באַריהרען דעם ענין מעהר אָדער ווייניגער, און דערנאָך האָבען זיי די פארשידענע מימרות צונויפגעבונדען מיט א לאָגישען בונד.

אָבער די רעדאקטאָרען פונ'ם „ירושלמי" האָבען אָפטמאָל די ענינים שרעקליך אויסגעמישט, אָהן יעדען לאָגישען צוזאַמענהאַנג צווישען די מאמרים. אזוי געפינען מיר דאָרט אָפטמאָל א גאַנצע „סוגיא" א פאַרבלאָנדזעטע, וואָס האָט גאָר נישט קיין שייכות צו דער משנה, וועגען וועלכער עס האַנדעלט זיך.

דער שווערסטער פּראָבלעם אין דער באַשרייבונג פון די תלמודישע צייטען איז די באַרעכענונג פון די יאָהרען, וואָס יעדער פון די תנאים און אמוראים האָט אין זיי געלעבט און געווירקט. צווישען אלע היסטאָרישע דאָקומענטען פון דאַמאָלס איז דער תלמוד די בעסטע קוועלע פאַר'ן באַקענען זיך מיט דער אנטוויקלונג פון די מענשליכע געדאַנקען אין יענע צייטען. איז אָבער דאָס מאַטעריאַל אויסגעמישט, נישט כראָנאָלאָגיש און אָהן א היסטאָ־רישער אָרדנונג צונויפגעשטעלט. איז דאַדורך דער געגענשטאַנד אין גאַנצען פארפּלאָנטערט און עס איז טאַקי זעהר שווער, מען זאָל זיך דאָרט קענען ארויספּלאָנטערען.

וואָלט אָבער געווען א טעות, ווען אימיצער זאָל וועלען מיינען, אז דער דאָזיגער פּלאָנטער איז בלויז ביי אידען, ווייל עס הערשט אויך כמעט דאָס־

זעלבע אין דער רוימישער געשיכטע. אפילו ביי אַזעלכע ציוויליזירטע מענשען ווי די רוימער, וואָס די היסטאָרישע ביכער זייערע זיינען נישט צונויפגעמישט מיט כל־ערליי פלפולים, ווי ביי אונז, וואָס דער צוועק זייערער איז צו ווייזען ביי יעדער הלכה „מ״ט פנים טמא ומ״ט פנים טהור", הערשט כמעט דער־זעלבער פלאָנטער אין דער שילדערונג פון זייערע היסטאָרישע געשעהענישען. בלויז די פערזאָנען זיינען ביי זיי היסטאָריש ריכטיגע, אָבער די דאַטומס פון די געשעהענישען זיינען אומזיכערע. האָט דאָס אַ ווירקונג אויך אויף אונז.

אָפטמאָל זיינען אויך פאַרהאַנען תנאים און אמוראים מיט דיזעלבע נעמען, וואָס האָבען געלעבט אין פארשידענע צייטען, קומען דערפון ארויס נישט בלויז מיינונגס־פאַרשידענהייטען ביי געוויסע פאָרשריפטען פונ׳ם לע־בען, נור עס באַווייזען זיך פשוט אומדערקלערליכע ווידערשפּרוכען אין די מיינונגען, וואָס זיינען איבערגעגעבען אויף דעמזעלבען נאָמען, ווייל מען האָט דאָ צו טהון מיט סענטענצען פון פארשידענע מענשען. און טאָמער איז אימיצען ווייטער קשה, ווי עס קומען אַזעלכע מיינונגס־פאַרשידענהייטען אין די ענינים פון הלכה, וואָס יעדער זאָגט אנדערש אין דער באַגרינדונג פון דעם, וואָס ער וויל האָבען געהערט פון זיין רבי׳ן בנוגע צו די דינים פונ׳ם לעבען און עס קומט דערביי ארויס ביי איינעם דער היפוך פון דעם, וואָס אן אנדערער האָט געזאָגט, האָט דאָס שוין רש״י באַמערקט, עס זאָל זיך נישט קיינעם אויסדאכטען, אז עס האָט דאָ אימיצער ארויסגעבראכט א פאַלשע מיינונג, ווייל „אלו ואלו דברי אלהים חיים" און דער חלוק אין די מיינונגען איז בלויז, וואָס עס קען אַמאָל זיין אָנגעגעבען א געוויסער טעם צו א דין און אמאָל קען גאָר גילטען צו דעמזעלבען דין אן אנדערער טעם (זעה רש״י כתובות דף נ״ז עמוד א׳).

דאָס לעבען אין ארץ־ישראל אין דער צייט פונ׳ם תלמוד ירושלמי

ביי מאַנכע פון אונזערע „משכילים" איז אָנגענומען די מיינונג, אז אין דער צייט, וואָס עס האָט געבושעוועט טויט און פאַרניכטונג איבער׳ן אידישען לאַנד, האָט מען זיך אינעווייניג צווישען די ווענט פונ׳ם בית־המדרש אַרומ־געצאַנקט וועגען אומבאַדייטענדע רעליגיעזע פראַגען, צי מען מעג עסען אַן איי וואָס א הוהן האָט געלייגט אום יום־טוב, אָדער צי מען מעג לייענען אום פרייטאָג־צו־נאַכטס אין א ספר ביים שיין פון א ליכטעל. ווייזט זיך דאָס אָבער אזוי אויס בלויז ביי אן אויבערפלעכליכען קוק, ווייל אין אמת׳ן האָבען די מענשען אין דער צווישענצייט פון מלחמות און תלמודישען פּלפּול געמוזט האָבען אין זינען זייער פּרנסה. האָבען זיי דאַן פאַרזייעט דעם באָדען, אָפּגע־געבען זיך מיט פאַרשיעדענע מלאכות און פאַרשיעדען־זייטיג אנטוויקעלט דאָס קולטורעלע לעבען פונ׳ם אידישען פאָלק.

פאַרהאַנען אפילו ווייניג קוועלען פאר אָט די אונטערזוכונגען. דער צום מעהרסטען באַגלויביגטער היסטאָרישער דאָקומענט פון יענער צייט איז די גמרא, חאָטש זי שטאַמט פון פיעל שפּעטער, ווען די פריהערע לעבענס־אָרדנונגען זיינען שוין געוועזן האַלב פאַרגעסען — און חוץ דער גמרא זיינען פאַרהאַנען אנדערע ווייניגער באַגלויביגטע דאָקומענטען, א שטייגער ווי די געשיכטס־ביכער פון יאָזעפוס פלאַוויוס, די ביכער פונ׳ם געאָגראַפער סטראַבאָ און פונ׳ם נאַטוראַליסט פּליניוס.

דער גרעסטער טייל פונ׳ם אידישען פאָלק איז וועהרענד די אלע יאָהר־הונדערטער, וועגען וועלכע עס ווערד דאָ גערעדט, באַשטאַנען פון פּויערען — און ווען די רוימער זיינען אָנגעפאַלען אויף ארץ־ישראל, האָבען זיי די דאָזיגע פּויערען ווייניג וואָס געטשעפּעט, העכסטענס האָט מען ביי זיי אוועקגענומען א טייל פון זייערע תבואות אָדער בהמות, אָבער דעם פּויער אליין מיט זיין פאַמיליע האָט מען געלאָזט לעבען.

ווי שלעכט געזאָנען די רוימער זיינען געוועזן צו אידען און אויף וויפיל זיי זיינען געוועזן באַשטרעבט דעם איד צו פאַרניכטען, האָבען זיי פון דעסט־וועגען פאַרשטאַנען, אז דער יסוד פון אלע ארבייטס־קרעפטען אינ׳ם לאַנד איז דער פּויער, דאַרף מען איהם דערפאַר שוינען. איז דאדורך מעהר ווי זיכער, אַז אפילו דעמאָלט, ווען די רוימער האָבען געהאַלטען ביים אַרויסטרייבען די אידען פון ארץ־ישראל האָבען זיי דעם פּויער איבערגעלאָזען אויף זיינע פעלדער.

דערצו איז נאָך כדאי צו וויסען, אז דער אידישער פּויער איז דאַמאָלס געוועזן מעהר רעליגיעז ווי פאַטריאָטיש, און ווי לאַנג די רוימער האָבען איהם געלאָזט אָפּהיטען זיינע קרבנות, האָט ער גאָר נישט געהאַט געגען זיי. עס איז איהם אויך זיכער נישט געוועזן קיין אונטערשיעד, צי ער צאָהלט זיינע

שטייערען צו די „אַריסטאָקראַטען" אין ירושלים, וועלכע האָבען געוועהנליך אויף איהם געקוקט ווי אויף א לאַסט־טהיער, אָדער ער צאָהלט זיינע שטייערען צום רוימישען „סעקוועסטער".

אין פארלויף פון די יאָהרען, וואָס די „חשמונאים" האָבען רעגירט איבער ארץ־ישראל, האָבען זיי געקראָגען עטליכע האַפען־שטעדט. זיינען דאָרט אָבער די סוחרים גלייך ווי די שיפס־מענשען געווען גרעסטענטיילס פעניציער. אידען האָבען דאַמאָלס ערשט אָנגעהויבען לערנען די וועגען פונ'ם מסחר און דאָס פאָהרען אויף שיפען. איז אויך די צאָהל פון אידישע סוחרים און שיפס־מענשען געווען א פארשווינדענד קליינע, ווייל אפילו די אידען פון גליל, וועלכער איז געווען אזוי נאָהנט צו די פעניציער הענדלער און שיפער, האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער אקערבוי און פלאַנצונגען. זאָגט יאָזעפוס פלאַוויוס וועגען זיי, אז „דער גליל איז אין גאַנצען באַוואַקסען מיט תבואות און ער זעהט אוים ווי א גרויסער גאָרטען".

ווי באַוואוסט, איז ארץ־ישראל באַצייכענט אין דער תורה אלס א לאַנד, וואו עס „פליסט מילך און האָניג". האָט דאָרט אָבער נישט תמיד געהערשט די ברכה פונ'ם אויבערשטען. אָפטמאָל איז דאָרט אדרבה מקוים געווארען די קללה פון דער תוכחה: „דער הימעל איבער זייערע קעפ איז געווען ווי קופער און די ערד אונטער זייערע פים איז געווען ווי אייזען", דאָס מיינט, אז עס האָט נישט גערעגענט און עס איז אויך גאָר נישט געוואַקסען. זאָנסט האָט דער פויער שטענדיג ארויסגעבראַכט זיין ברויט, חאָטש די ערד איז מעהרסטענטיילס געווען א פעלזיגע און א זאמדיגע.

פון דעסטוועגען איז יעדער איד געווען פארליעבט אינ'ם לאַנד און יעדער פון זיי האָט געהאַט די איבערצייגונג, אז שעהנערס פון ארץ־ישראל איז גאָר אויף דער וועלט נישט פאַרהאַנען. עס האָט שוין אויך דער איד פאַרשטאַנען, אויסצובעסערן דעם באָדען און צו מאַכען איהם פרוכטבאַר אויף א קינסטליכען וועג, צו באַמיסטיגען דאָס פעלד, אָפּצורייניגען די ערד פון שטיינער, אויסצורייסען די ווילדע גראָזען און דערנער, צו ארומצאַמען דאָס פעלד מיט שטעכיגע שטעקענס, אז די בהמות זאָלען נישט קענען די תבואה צוטרעטען. און ווען דאָס שטיקעל פעלד, וואָס א מענש האָט געהאַט, האָט זיך געפונען אויף א באַרג מיט א שווערען צוגאַנג, האָט מען פאַרשטאַנען, צו מאַכען קינסטליכע צוגאַנגען, וואָס זאָלען אויסזעהען ווי טרעפּ.

אזוי האָט דאַמאָלס דער מענש פאַרשטאַנען, אויסצונוצען יעדען שריט ערד, וואָס עס קען דאָרט עטוואָס וואַקסען — און מען האָט נישט איבערגעלאָזען אפילו אן איינציגען „טפח" נישט באַארבייט. ס'איז אויך נישט געווען קיין פלייסיגערער מענש אין דער ארבייט ווי דער אידישער פויער אין ארץ־ישראל. די ערד־ארבייט איז געווען זעהר חשוב ביי אלעמען און באַזונדערס האָבען זיך די רוימער פאַרשטאַנען אויף איהר ווערדע. אָט די רוימער, וועלכע האָבען באַהערשט אזוי פיעל פעלקער, האָבען אומעטום געהאַט צרות, צו מאַכען דעם פויער ארבייטען, און דאָ אין ארץ־ישראל האָט זיך דער פויער געפיהלט גליקליך, אז מען האָט איהם געלאָזט ארבייטען.

נישט אומעטום אין ארץ־ישראל איז דער באָדען געווען גלייך אין זיין פרוכטבאַרקייט. ארום יריחו איז די ערד געווען גערימט אין אלע צייטען, סיי ביי די אידישע און סיי ביי די גוי'שע שרייבער, אלס „די שטאָדט פון די טייטלען" (עיר התמרים). אין אנדערע ערטער איז געוואַקסען דער שעהנסטער און בעסטער ווייץ. אין דער געגענד פון דער שטאָדט עפריים זיינען די

זאַנגען פון די תבואות געווען אזוי הויך, אז די שטרוי איז דאָרט געווען גענוג פאַר די באַדערפעניש פון׳ם גאַנצען לאַנד.

אויסגעצייכענט איז אויך געווען דער ווייץ, וועלכער איז געקומען פון׳ם „גליל". מאַנכע ווילען גאָר זאָגען, אז דער ווייץ פון׳ם גליל איז געווען פיעל בעסער ווי פון יהודה. עס האָט אויך אומעטום געוואַקסען קאָרן, האָבער, גערשטען, ספּעלט און הירזש. ברויט פון גערשטענע מעהל איז געוועהנליך געווען א מאכל פאַר אָרימע לייט און ארץ־ישראל האָט געהאַט דערפון זעהר פיעל, האָט מען דאָס ארויסגעפיהרט קיין חוץ־לארץ, און פון דאָרט האָט מען געבראַכט רייז, וועלכעס איז שפּעטער פאַרפלאַנצט געוואָרען אין ארץ־ישראל.

אין געוועהנליכע יאָהרען פלעגט די ערד פון ארץ־ישראל ארויסגעבען איהרע תבואות צווישען פינף און צעהן מאָל אזוי פיעל ווי די פאַרזייעטע. אָבער אין א מעהר געבענשט יאָהר, ווען דער רעגען איז געווען א נאַטירליכער און די זון האָט נישט פאַרברענט די זריעות, האָט געקענט וואַקסען ביז הונדערט מאָל אזוי פיעל ווי עס איז פאַרזייעט געוואָרען (מאה שערים). אין גוטע יאָהרען האָט ארץ־ישראל געהאַט אזוי פיעל תבואה, אז עס איז גענוג געווען נישט בלויז פאַר די אייגענע מענשען, נור אויך צום פאַרקויפען אין אַנדערע לענדער. אין אַנדערע יאָהרען איז נישט געווען גענוג צו עסען פאַר אַלעמען, פלעגט מען מוזען ברענגען תבואה פון מצרים.

דאָס לאַנד איז אויך געווען רייך אין גרינצייג, אין פאַרשיעדענע מינים קרויטען, אוגערקעס, קירבעסען, ציבעלעס, קנאָבעל, רעטאַך, ריבען, חריין, סאַלאַטען, ארבעס און בעבלעך. שפּעטער זיינען אויך פאַרפלאַנצט געוואָרען אַזעלכע גרינצייגען, וואָס האָבען זיך פריהער נישט געפונען אין ארץ־ישראל, אַ שטייגער ווי: שפּינאַט און שפּאַראַגען.

אָט די אלע מינים גרינצייגען זיינען געווען א באַליעבט מאכל ביי אידען, ווייל נישט יעדער איז געווען פאַרקאָכט אין פלייש עסען, וואָס צוליעב די שטרענגע פאָרשריפטען פון די קרבנות פלעגען די מענשען עסען פלייש בלויז אין א שבת און אין א יום־טוב אָדער ביי א „סעודת מצוה" — און שפּעטער נאָכ׳ן חורבן, ווען מען האָט נישט מעהר געקענט מקריב זיין קיין קרבנות, האָבען פיעלע מענשען גאָרנישט געוואָלט עסען קיין פלייש.

עס זיינען אויך געווען פילע פרוכט־גערטנער אין ארץ־ישראל, וואו עס זיינען פאַרפלאַנצט געווען פייגען, וויינטרויבען, אוילבירטען, באַקסערען, אָרענדזשעס, אתרוגים, פלוימען, קאַרשען, ניס, מאַנדלען, טייטלען, מוילבערען, מילגרוימען, עפּעל און באַרען. צו אָט די מינים פירות זיינען נאָך צוגעקומען אַנדערע אויסגעבעסערטע מינים וואָס מען האָט אַריינגעבראַכט פון אויסלאַנד און מען האָט זיי פאַרפלאַנצט אין ארץ־ישראל.

באַזונדערס געבענשט איז ארץ־ישראל געווען מיט וויין, טייטלען און ווייץ. אויף די מטבעות פון די חשמונאים זיינען געווען אויסגעמאָלען זאַנגען פון ווייץ, שטענגלעך וויינטרויבען און טייטעל־בוימער אלס סימבאָלען פאַר דער פרוכטבאַרקייט פון׳ם לאַנד. אויסערגעוועהנליך באַריהמט איז דאָס לאַנד געווען מיט פאַרשיעדענע וויינען, מיט ווייסען וויין, מיט שוואַרצען און טונקעל־רויטען וויין. די וויינגערטנער אין יהודה זיינען געווען די שעהנסטע פון אלע שכנ׳שע לענדער און צווישען די ווינען, פונקט ווי צווישען די אַנדערע פרוכטען זיינען געווען פאַרפלאַנצט די בעסטע בלומען, וועלכע האָבען אָנגעפילט די לופט מיט די שמעקעדיגסטע ריחות. עס זיינען אויך דאָרט געווען ראָזשינקעס און פאַרשיעדענע מינים האָניג האָט מען געגעסען פון טייטלען.

דאָס לעבען אין דער צייט פונ'ם תלמוד ירושלמי

געבענשט איז אויך דאָס לאַנד געווען מיט אויל, וועלכען מען האָט עקספּאָרטירט אין גרויסע פּעסער קיין חוץ־לארץ, און גלייך ווי דער בעסטער וויין איז געווען אין יהודה, אַזוי איז געווען דער בעסטער אויל אין גליל. דעם אויל פלעגט מען באַנוצען סיי צום עסען און סיי פאַר רפואות. מען האָט איהם אויך פאַרקויפט אין צידון, אין סיריען און אין מצרים.

פליניוס זאָגט, אַז יהודה איז באַריהמט מיט איהרע טייטלען גלייך ווי מצרים מיט איהרע בשמים. און אין דער גמרא געפינען מיר אַ מאמר, וואו ר' יעקב בן דוסתאי דערצעהלט, אַז ער איז אַמאָל אויפ'ן וועג פון לוד ביז אונו, אַ שטרעקע פון דריי מייל, געגאַנגען ביז איבער די קנאָפּעל אין פייגענהאָניג (כתובות דף קי"א עמוד ב').

די גאַנצע לענג פון די ברעגעס ביים „ים המלח" איז געווען פול באַלזאַם. באַריהמט דערמיט זיינען געווען די געגענדען פון גלעד און יריחו. דעם באַלזאַם האָט מען באַנוצט פאַר רפואות גלייך ווי צום שמעקען. אָט דער באַלזאַם איז אויך געווען זעהר אַ טייערער אַרטיקעל און די רוימער פלעגען זאָגען, אַז די אידען פלאַנצען נישט אומעטום דעם באַלזאַם, כדי צו מאַכען איהם טייער אין פּרייז. דעסגלייכען פלעגען די רוימער זאָגען, אַז נאָכ'ן חורבן האָבען די אידען מיט די אייגענע הענד חרוב געמאַכט די באַלזאַם־בוימער, ווייל זיי האָבען זיך געוואָלט נוקם זיין אָן די רוימער.

עס האָבען אויך די אידען געהאַלטען פיעל שאָף און רינדער. זיי האָבען דאָס פשוט געדאַרפט האָבען צוליב קרבנות. צווישען די אידען זיינען דאַמאָלס געווען פיעל פּאַסטוכער, וועלכע פלעגען אָפטמאָל אַליין אונטערהאַנדלען מיט בהמות. עס זיינען אויך געווען ספּעציעלע סוחרים פון בהמות. מאַנכע פון די דאָזיגע סוחרים האָבען געהאַנדעלט מיט וואָל פון שאָף, ספּעציעל איז דאָס געווען אין די ערטער פון „עבר הירדן". די ווייבער אין יהודה פלעגען שפּינען די וואָל און אינ'ם גליל פלעגען די ווייבער שפּינען פלאַקס. האָט מען דאַן פאַרקויפט וואָלענע קליידער אין יהודה און פלאַקסענע קליידער אין גליל.

בנוגע צו עופות זיינען פיעלע מינים ערשט אין די שפּעטערע יאָהרען צוגעקומען אין ארץ ישראל. נאָכדעם ווי מען האָט זיי אַריינגעבראַכט פון אויסלאַנד. אַזוי באַווייזען די העברעאישע נעמען פון היהנער, גענז און קאַטשקעס (תרנגל, אוז און בר־אוז), אַז זיי שטאַמען פון אַ שפּעטערער צייט. אַזוי ווי זיי זיינען נישט דערמאָנט אין תנ"ך, האָט מען נישט געבראַכט פון זיי קיין קרבנות. מען האָט זיי אָבער געמעגט עסען.

פיעלע האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט האָדעווען קיה און ציגען. האָבען זיי אויך געמאַכט פאַרשיעדענע מאכלים פון מילך. גלייכצייטיג האָבען זיי פּאַבריצירט קעז, נישט בלויז פאַר זייער אייגענעם געברויך, נור הויפּטזעכליך צום פאַרקויפען.

עס זיינען אויך געווען אין ארץ ישראל יעגער, וואָס האָבען זיך געיאָגט, צו חאַפּען בהמות און חיות, אויף צו עסען זייער פלייש. פאַרשטעהט זיך, אַז פיעלע אַזעלכע האָבען נישט געקענט זיין צוליעב די דינים פון ריינע און אומריינע חיות. אידען זיינען אויך געווען געבונדען מיט די דינים פון שחיטה. דאַגעגען זיינען געווען זעהר פיעל פישער, באַזונדערס אין גליל, וועלכע פלעגען זיך אַרויסלאָזען איבער'ן „ים גינוסר" (לעיק גענעזארעטה), וואו עס זיינען געווען הונדערטער מינים פיש פון די שעהנסטע און בעסטע. גאַנצע מחנות פישער־שיפלעך פלעגען דאַן באַדעקען דעם דאָזיגען ים און אַרום זיינע ברעגעס זיינען געווען צעהנדליגער פישער־דערפלעך, וואָס חאַפּען

פיש איז געווען זייער פרנסה. אַט די מענשען פלעגען די פיש איינזאַלצען און אוועקפיהרען צום פאַרקויפען אין די וויטעסטע מקומות.

צווישען די נאַטירליכע רייכטימער, וואָס ארץ ישראל האָט אין יענער צייט פאַרמאָגט, טאָר נישט פאַרגעסען ווערען דער „ים המלח" (דאָס טויטע מעער) מיט זיינע גוואַלדיגע אוצרות. פון אַט דעם ים פלעגט מען דאַמאָלס נעהמען אַ געוויסען מין זאַלץ (מלח סדומית), גלייך ווי מען פלעגט פון דאָרט אַרויסקריגען פעך און אַנדערע מינים קלעפּעדיגע מאַטעריאַלען, וואָס מען פלעגט זיי אַרומפיהרען צו פאַרקויפען אין ארץ ישראל און מען האָט זיי אָפטמאָל אַרויסגעפיהרט אין חוץ־לארץ. אַט די שמיר־מאַטעריאַלען פונ'ם „ים המלח" פלעגט מען אין געוויסע פאַלען באַנוצען פאַר אַ רפואה און אַמאָל האָט מען דערפון זאָגאַר געמאַכט אַ מין „שמינק" פאַר ווייבער.

אין די היסטאָרישע באַשרייבונגען פון ארץ ישראל איז אויך דערמאָנט וועגען פאַרשיעדענע „מאַינס". אַרום דעם לבנון און אויף דער צפון־זייט פון אדום פלעגט מען גראָבען אייזען. יאָזעפוס פלאַוויוס רעדט אין זיינע בי־כער וועגען אַן „אייזערנעם באַרג", וועלכער ציהט זיך ביז צו דער גרעניץ פון מואב. שפּעטער האָט מען אויך געגראָבען אייזען אין „עבר הירדן".

מעהר פון אַלעמען איז אינטערעסאַנט צו וויסען, מיט וואָסערע מלאכות עס האָבען זיך דאַמאָלס די אידען אין ארץ ישראל אָפּגעגעבען. פאַר אַט דעם צוועק דיענט אונז די גמרא אַלס דער בעסטער היסטאָרישער דאָקומענט און דאָרט געפינען מיר, אַז די אידען אין ארץ ישראל האָבען זיך אין יענער צייט אָפּגעגעבען מיט כל'ערליי מלאכות און צום מעהרסטען זיינען געווען צווישען זיי: שניידער, שוסטער, בוימייסטער, שטיינהאַקער, סטאָליאַרעס, מיהלען־אַרבייטער, בעקער, געווירצען־מישער, קצבים, קעכערס, קעזמאַכער, אַדערלאָזער, באַלבירערס, האָר־פלעכטערס, וועשערס, גאָלדשמידען, קאָוואַלעס, וועבער, פאַרבער, טעפּיכמאַכער, בינענציכטער, טעפּערס, באָנדאַרעס, גלאָז־מאַכער, שטיינקריצער, פאַרמעטמאַכער, טינטען־מאַכער און שווערדען־מאַכער.

אָבער טראָצדעם וואָס עס זיינען אַזעלכע מלאכות געווען פאַרשפּרייט ביי אידען און אידישע בעלי־מלאכות האָבען פאַרנומען אַ בכבוד'יגען פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט, זיינען די בעלי־מלאכות נישט געווען די מעהרהייט פון דער באַפעלקערונג, ווייל די מעהרסטע אידען אין ארץ ישראל זיינען דאַן געווען די פּויערען. אַט דאָס קען מען זעהען אַם בעסטען פון דעם, וואָס די גמרא באַשעפטיגט זיך זעהר פיעל מיט די אינטערעסען פונ'ם אידישען ערד־אַרבייטער און זי גיט זיך ווייניגער אָפּ מיט'ן בעל־מלאכה.

לויט ווי מען קען פון די פאַרהאַנענע היסטאָרישע דאָקומענטען אַרויס־לערנען, האָבען אידישע בעלי־מלאכות אין ארץ־ישראל נישט געקענט קאָנ־קורירען מיט די גוי'אישע בעלי־מלאכות פון אויסערהאַלב ארץ ישראל. און טאָמער האָט אימיצער אין ארץ ישראל געוואָלט האָבען אַ שעהנערע כלי אָדער אַ בעסער מלבוש, האָט ער דאָס געדאַרפט אימפּאָרטירען פון חוץ־לארץ, ווי מען קען דאָס זעהען פון דער גמרא, אַז דאָרט וואו עס ווערד גערעדט וועגען אַ שעהנערע כלי אָדער וועגען אַ בעסערען בגד, איז דער נאָמען פונ'ם געגענשטאַנד גענומען פון גריכיש.

ווי עס איז שוין אויבען באַמערקט, האָט מען אויך פאַרשידענע בעסערע גרינצייגען געבראַכט פון חוץ־לארץ. האָט מען אָבער יענע גרינ־צייגען פאַרפלאַנצט אין ארץ ישראל און זיי זיינען שוין דערנאָך געוואַקסען אין די אידישע גערטנער. גלייכצייטיג — דאַכט זיך — האָט זיך אָבער

אנטוויקעלט אַן איבערצייגונג, אַז די אינלענדישע פאַבריקאַציע פון כלים און בגדים טויג נישט, און ווער עס האָט נור געהאַט די מעגליכקייט, האָט גע־קויפט זיינע קליידער אין חוץ־לארץ, גלייך ווי ער האָט באַצירט זיין הויז מיט אימפּאָרטירטע כלים. דערפאַר האָט די אינלענדישע פאַבריקאַציע נישט געקענט קריגען קיין אַנערקענונג.

די מעהרהייט פון דער ארץ ישראל׳דיגער באַפעלקערונג איז אַלזאָ באַ־שטאַנען פון פּויערען — און צווישען זיי האָבען דעם גרעסטען פּלאַץ פאַר־נומען די קליינפּויערען, די אייגענטימער פון שטיקלעך פעלד. אַט אַזאַ „קליינ־פּויער" איז דאָס דער „בעל־הבית", וואָס ווערד דערמאָנט אין דער גמרא. דאָס שטיקעל פעלד, וואָס אַזאַ פּויער האָט פאַרמאָגט, פלעגט איהם ברענגען פּרנסה בצמצום. צוזאַמען מיט אַלע מענשען פון זיין פאַמיליע פלעגט אַזאַ קליינפּויער אַרבייטען אויף זיין שטיקעל פעלד פון פריה ביז נאַכט. פון דער תבואה, וואָס זיין פעלד האָט איהם אַרויסגעגעבען, פלעגט ער איבערלאָזען דעם גרעסטען טייל פאַר די אייגענע באַדערפעניסען פונ׳ם הויז, און נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט אָפּגעגעבען זיינע שטייערען און דעם „מעשר", פלעגט ער דאָס איבערגעבליבענע אַוועקפיהרען אין שטאָדט, אויסצוטוישען אויף אַנדערע סחורות, אָדער צו פאַרקויפען פאַר מזומנ׳ע געלד, צו קענען קריגען דערפאַר אַ קלייד אָנצוטהון, כלים צו דער אַרבייט אָדער אַנדערע נויט־ווענדיגקייטען פונ׳ם לעבען.

לויט אַזאַ צושטאַנד איז דאַן געווען גענוג, עס זאָל זיך אַמאָל מאַכען אַן אומפּרוכטבאַר יאָהר, אָדער עס זאָל אָנקומען עפּיס אַן אַנדערע צרה, אַז דער קליינפּויער זאָל פאַראָרימט ווערען, ער זאָל זיך מוזען פאַרדינגען פאַר אַ לויהן־אַרבייטער צו אַן אַנדערן, אָדער ער זאָל דאַרפען פאַר׳משכונ׳ען זיין שטיקיל לאַנד צו אַ רייכערן פּויער.

אָבער אויך אָהן באַזונדערס אומגליקליכע באַגעגענישען האָט דער קליינ־פּויער געקענט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ לויהן־אַרבייטער, ווען ער האָט דאָס קליינע שטיקיל פעלד זיינס געדאַרפט פאַרטיילען צווישען עטליכע קינ־דער און די ערד איז אַזוי צובראָקעלט געוואָרען, אַז עס איז דאַן אויף יעדען אויסגעקומען אַזאַ ברויזען, פון וועלכען אַ מענש האָט אַבסאָלוט נישט געקענט אַרויסברענגען זיין פּרנסה.

זיינען די קינדער פון אַזאַ קליינפּויער געבליבען בלויז ביי זייער אַרבייטס־קראַפט, וועלכע זיי האָבען אַרומגעפיהרט צו פאַרקויפען. און ווען זיי האָבען נישט געפונען קיין קונים פאַר׳ן כח פון זייערע הענד, זיינען זיי געוואָרען בעטלערס אָדער גנבים.

פון דעסטוועגען זיינען אין גליל און אין יהודה געווען רייכע פּויערען מיט פיעל ערד, וועלכע האָט זיי אַריינגעבראַכט מעהר פּרנסה, ווי זיי האָבען געקענט פאַרברויכען. אַט אַזעלכע מענשען פלעגען לייהען צו די קליינע פאַר־אָרימטע פּויערען געלד אָדער זריעות, נעהמענדיג דעם באָדען פון די אָרימע אַלס משכון. און ווען עס האָבען די אָרימע מענשען נישט געקענט באַצאָה־לען זייער חוב, איז דער פאַר׳משכונ׳טער באָדען אריבערגעגאַנגען אין באַזיץ פון די לייהער.

אַט אַזעלכע רייכע פּויערען, וועלכע ווערען באַצייכענט אַלס „עתירי נכסין", זיינען אויך געווען די הענדלער מיט תבואה. די צאָהל זייערע איז אפילו געווען אַ קליינע, האָט מען זיי אָבער פון דעסטוועגען אָנגעזעהען אין דער פאַרוואַלטונג פונ׳ם לאַנד. געוועהנליך זיינען דאָס געווען די רעגירונגס־

באַמטע, די אַזוי אָנגערופענע „זקנים", די משפחות פון די כהנים גדולים, וועלכע האָבן אָנגעקליבען פעלדער און ווייגגערטנער פון אָרימע פויערען און זיי זיינען פאַרבליבען די גרויס־גרונד־באַזיצער פון'ם לאַנד.

דערצעהלען אונז די היסטאָרישע דאָקומענטען, אַז אַזעלכע „עתירי נכסין" פלעגען האַלטען אויף זייערע פעלדער „איקונומוסין" (עקאָנאָמען) און „אפיטרופסים" (פאַרוואַלטער), וועלכע האָבן באַזאָרגט זייערע פעלדער, אכטונג צו געבען אויף די פיעלע אַרבייטער ביים זייהען און שניידען די תבואה, אין דער צייט וואָס דער רייכער אייגענטימער איז זיך געזעסען אין שטאָדט, אָדער ער איז אַרומגעפאָהרען מסחר'ן מיט זיינע תבואות.

אַזוי ווייסט אויך די גמרא צו באַריכטען, אַז רבן גמליאל דער צווייטער, וועלכער איז באַקאַנט אַלס „רבן גמליאל דיבנה", האָט געהאַלטען אַ מאַסע אַרבייטער, צו באַאַרבייטען זיינע פעלדער (זעה דמאי פרק ג' משנה א'). ער האָט אויך געגעבען אַ טייל פון זיינע פעלדער אין פאַכט (בבא מציעא פרק ח' משנה ח'). און אַזאַ זאַך איז בלויז געווען מעגליך ביי אַ מענש, וועלכער זיצט נישט אויף זיין נחלה. רבן גמליאל איז געווען דער „נשיא" פון די סנהדרין, ער איז זיך געזעסען אין שטאָדט און זיינע פעלדער זיינען פאַרוואַלטעט געוואָרען דורך אַן „איקונומוס" אָדער „אפיטרופוס".

מענשען מיט גרעסערע ערד־באַזיצונגען אין ארץ ישראל, וועלכע האָבן נישט געקענט באַאַרבייטען אַליין זייערע פעלדער, האָבן זיך באַנוצט מיט געדונגענע אַרבייטער. אָט אַזאַ אַרבייטער פלעגט מען דינגען אויף אַ באַשטימטע צייט, אויף אַ יאָהר, אויף אַ חודש, אויף עטליכע טעג און אַמאָל בלויז אויף איין טאָג אָדער גאָר אויף אַ האַלבען טאָג, אָבער קיינמאָל נישט מעהר ווי אויף זעקס יאָהר.

אַזאַ אַרבייטער איז געוועהנליך געווען אַ פאַראָרימטער קליינפויער אָדער דער זוהן פון אַ קליינפויער, וואָס זיין אָרימער טאַטע האָט איהם נישט איבערגעלאָזט געגוג פעלד, האָט ער זיך געמוזט פאַרדינגען פאַר ברויט צו אַ רייכען פויער, כדי צו האָבען זיין פרנסה אָדער צו פאַרבעסערען זיין לאַגע, אַריינצוקריגען אַ ביסעל געלד, אָפּצוצאָהלען חובות, וואָס האָבען געלאַסטעט אויף זיין שטיקעל פעלד, אָדער אָפּצוקויפען אַן אַנדער שטיקעל פעלד פון אַ קרוב צי פון אַ שכן.

צווישען די דאָזיגע אַרבייטער פלעגען אויך זיין אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען נישט פאַרמאָגט דאָס מינדעסטע שטיקיל ערד, האָבען זיי דאַדורך געדאַרפט זיין זייער גאַנץ לעבען געדונגענע לויהן־אַרבייטער אויף פרעמדע פעלדער. אַנדערע אַזעלכע מענשען, וואָס זיינען נישט געווען געלהרענט אין פעלד־אַרבייט, פלעגען זיך ווייטער פאַרדינגען צו אַנדערע שווערע אַרבייטען אָדער צו טראָגען משאות.

זיינען די חכמים שטענדיג געשטאַנען אויף דער זייט פון אַזעלכע אַרבייטער, ווען זיי האָבען געהאַט אַ טענה געגען אַ בעל־הבית. זיי האָבען אויך אויפגעשטעלט פאַרשיעדענע פאָדערונגען בנוגע צום עסען און טרינקען פון אַזאַ אַרבייטער. און ווען עס איז אפשר מעגליך, אַז אַ גרויסער טייל פון יענע פאַרשריפטען וועגען די רעכטע פון די דאָזיגע אַרבייטער איז בלויז געווען טעאָרעטיש, איז אָבער זיכער, אַז דער געזעלשאַפטליכער אונטערשיעד צווישען אָרים און רייך איז ביי די אידען אין יענע צייטען נישט געווען אויף אַזאַ מדרגה ווי ביי די אַנדערע פעלקער. די אורזאַך דערפון איז געלעגען

אינ'ם פאַרהעלטנים פונ'ם איד צום גוי, ווייל סיי דער אָרימער און סיי דער רייכער איד האָבען געהאַט צו ליידען פון דיזעלבע באַדריקונגען.

צומאָל איז אויך דאַמאָלס ביי דער ערד־אַרבייט געווען אַן „אונטערנעהמער" (קבלן). אַזאַ מענש פלעגט איבערנעהמען דאָס באַאַרבייטען אַ פעלד מיט אַלעמען, וואָס איז דערצו נויטיג. ער פלעגט קויפען די זריעה, דינגען די אַרבייטער און אַרבייטען מיט זיי אין־איינעם. ער האָט אויך געדאַרפט צאָהלען די שטייער צו דער רעגירונג, דעם „מעשר" צו די כהנים און דעקען אַלע אַנדערע הוצאות. דערפאַר פלעגט ער קריגען אַ העלפט פון די תבואות. אַנדערע אונטערנעהמער זיינען געווען די אַזוי אָנגערופענע „אריסים", וועלכע האָבען באַקומען די זריעה, די כלים און די בהמות צו דער אַרבייט פונ'ם בעל־הבית. אַט אַזאַ „אריס" האָט נור געדאַרפט צושטעלען די אַרבייט, און ווי אַזוי ער האָט דאָס דורכגעפיהרט, איז שוין דעם בעל־הבית נישט אָנגעגאַנגען.

בעלי־מלאכות און ערד־אַרבייטער אין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט זייערע העלפער זיינען געווען געזעצליך פרייע מענשען, דאָס מיינט, אַז זיי האָבען זיך געקענט אויסקלויבען צו טהון, וואָס זיי האָבען געוואָלט, און ווען זיי האָבען זיך צו אימיצען פאַרדונגען, האָבען זיי בלויז פאַרדונגען דעם כח פון זייערע הענד, אָבער זיי אַליין זיינען געווען פריי, און ווען עס האָט זיך זיי פאַרגלוסט, האָבען זיי געקענט איבערלאָזען די אַרבייט אין דער מיט. האָט זיי דער אַרבייטגעבער געמוזט באַצאָהלען פאַר אַזוי פיעל אַרבייט, ווי זיי האָבען ביז צו דער לעצטער מינוט געטהון.

גאַנץ אַנדערש איז געווען דער גורל פונ'ם שקלאַף. אין אַ געוויסער באַציהונג איז ער געווען אין אַ בעסערער לאַגע פון אַ געדונגענעם אַרבייטער, האָטש די מדרגה פון זיין ווערדע איז געווען גאָר אַ נידריגע. גלייך ווי ער האָט נישט געדאַרפט אַרומגעהן זוכען אַרבייט, איז ער געווען באַזאָרגט מיט עסען און מיט אַ דאַך איבער'ן קאָפּ. ער האָט זיך נור בלויז נישט געקענט אויסקלויבען דעם בעל־הבית און ער איז אויך געווען אָפּהענגיג פון זיין אייגענטימער'ס קאַפּריזען, וועלכער האָט איהם געקענט האַלטען אינ'ם יאָך פון דער אַרבעט גאַנצע טעג און נעכט אָהן אַן אָפּרוה.

מעהר פון אַלעמען איז אינטערעסאַנט די לאַגע פונ'ם אידישען שקלאַף. געוועהנליך האָט אַ איד זעלטען געקויפט אַ אידישען שקלאַף. ווען די גוים פון אַרום ארץ־ישראל האָבען אַמאָל געבראַכט אַ געפאַנגענעם אידישען שקלאַף צום פאַרקויפען, האָט מען איהם אויסגעקויפט און מען האָט איהם תיכף באַפרייט. עס האָט זיך אָבער צומאָל געטראָפען, אַז אַ. איד איז שולדיג געווען אַ חוב און ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָהלען, האָט ער זיך אַליין פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף, אויף צו קענען באַצאָהלען זיין חוב. דעסגלייכען האָט זיך געקענט טרעפען, אַז אַ איד איז געכאַפּט געוואָרען ביי אַ גנבה און ער האָט געדאַרפט באַצאָהלען „כפל", דאָס מיינט, דעם צוויי־פאַכען ווערטה פון דער גנבה, האָט איהם דער בית־דין פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין געלד צו באַצאָהלען.

גלייך ווי דער בעל־מלאכה אָדער ערד־אַרבייטער האָט אויך דער אידישער שקלאַף פאַרקויפט בלויז זיין אַרבייטס־קראַפט. די לאַגע זיינע איז אָבער געווען אַזעלכע, אַז ער האָט נישט געקענט האָבען קיין באַשטימטע אַרבייטס־שטונדען און ער האָט געמוזט זיין גרייט צו יעדען מין טעהטיגקייט, סיי

ביי טאָג און סיי ביי נאַכט. דאָך האָט ער געהאַט דאָס פּריווילעגיום, וואָס ער האָט געדאַרפט רוהען אים שבת און יום־טוב גלייך מיט זיין בעל־הבית.

צוליעב דער דאָזיגער בעסערער באַהאַנדלונג, וואָס אַ בעל־הבית האָט געדאַרפט געבען צו זיין אידישען שקלאַף, האָט אַ אידישער בעל־הבית אין יענער צייט נישט גערן אַריינגענומען אַזאַ שקלאַף אין זיין הויז. אין אַל־געמיין האָט עס געהייסען, אַז „ווער עס קויפט אַ אידישען שקלאַף, קויפט פאַר זיך אַן אויבערהאַר" (כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו). עס זיינען אָבער אויך וואַרשיינליך געווען מענשען, וואָס האָבען נישט געוואָלט געבען דעם אידישען שקלאַף קיין שום פאַרצוג, און ווען עס איז געקומען דאָס יאָהר פון „יובל", האָט מען זיי געמוזט צווינגען פּונ׳ם בית־דין, זיי זאָלען זייערע אידישע שקלאַפען באַפרייען. די מענשליכע נאַטור פון אַ פאָלק ענדערט זיך נישט אַזוי גיך, און ווען עס ווערד דערצעהלט אין ירמיה (קאַ־פּיטעל ל"ד), ווי צדקיהו מלך יהודה האָט געהייסען באַפרייען אַלע אידישע שקלאַפען און די גרויסע גבירים האָבען באַלד דערנאָך יענע באַפרייטע שקלאַפען צוריק־גענומען צו דער שקלאַפעריי, האָט מען וואַרשיינליך אין דער צייט פון דער גמרא אויך געהאַט צו טהון מיט אַזעלכע אָדער מיט עהנליכע געשעהענישען.

עס דאַרף נאָך באַמערקט ווערען, אַז אַ אידישער בעל־הבית האָט אויך געדאַרפט זיין גוי׳שען שקלאַף געבען אַ מענשליכע באַהאַנדלונג. געוועהנליך האָט מען אַ שקלאַף געמעגט שלאָגען, סיי ווען ער האָט זיך עס פאַרדיענט און סיי ווען עס איז דעם בעל־הבית גלאַט אַזוי איינגעפאַלען אַ קאַפּריז, צו באַווייזען זיין כח. עס איז אָבער געווען שטרענג פאַרבאָטען, דעם שקלאַף אויסצוהונגערען, און ווען דער בעל־הבית האָט דעם שקלאַף געמאַכט פאַר אַ קאַליקע, ווען ער האָט איהם אָפּגעהאַקט אַן אבר, אָדער ער האָט איהם אויסגעשלאָגען אַן אויג, האָט מען דעם שקלאַף געדאַרפט באַפרייען. און ווען אַ שקלאַף איז געשטאָרבען פון די קלעפּ, וואָס דער אייגענטימער זיינער האָט איהם געגעבען, האָט שוין די תורה אָנגעזאָגט, אַז דער בעל־הבית דאַרף דאָס באַצאָהלען מיט׳ן לעבען. האָט אָבער די תורה גלייכצייטיג אָנגעזאָגט, אַז טאָמער וועט דער געשלאָגענער שקלאַף בלייבען לעבען אַ טאָג אָדער צוויי נאָך די קלעפּ, זאָל מען דעם אייגענטימער פונ׳ם שקלאַף נישט הרג׳נען.

לויט די אומשטענדען, דאַכט זיך אויך, אַז דער אידישער שקלאַף האָט זיך געפיהלט נעהנטער צו זיין בעל־הבית, ווי דער גוי׳שער שקלאַף האָט זיך געפיהלט. צו יעדער רעוואָלוציע געגען די רוימישע באַדריקער האָבען די אידישע שקלאַפען גענומען אַ שטאַרקען אַנטייל אין די מלחמות — און אין דער מלחמה בעפאַר חורבן ירושלים, דערצעהלט יאָזעפוס פלאַ־וויוס, אַז ווען דער רעוואָלוציאָנער שמעון בר גיורא האָט אָרגאַניזירט זיין אַרמיי, האָט ער דאָס ערשטע פּראָקלאַמירט די באַפרייאונג פון די אידישע שקלאַפען. גלייכצייטיג האָבען די רוימער געלאָזט וויסען, אַז ווען די גוי׳שע שקלאַפען פון די אידען וועלען ווערען פאַררעטעהער צו זייערע בעלי־בתים, וועט מען זיי באַפרייען פון שקלאַפעריי.

די גוי׳שע שקלאַפען פלעגט מען געוועהנליך ברענגען פון די מאַרקעטס אין צור און צידון. און ווען עס איז געווען אַן אורזאַך, די מענשען זאָלען זיך באַקלאָגען וועגען אַ באַרבאַרישער באַהאַנדלונג פון שקלאַפען אין אַלע לענדער, מוז מען מודה זיין, אַז אין ארץ־ישראל האָט מען די שקלאַפען באַהאַנדעלט אויף אַ ציעמליך מענשליכען שטייגער. מען האָט זיי בלויז

אויסגעברענט אַ צייכען אויפ'ן שטערען, מען זאָל זיי אומעטום דערקענען, אָדער מען האָט זיי אָנגעטהון אויפ'ן קאָפּ אַ מין מאָדנע יאַרמולקע מיט אַ גלעקעל ביי דער זייט, איטליכער זאָל וויסען, וואָס פאַר בריות דאָס זיינען. זאָנסט האָט מען די גוי'שע שקלאַפען געהאַלטען נידריגער ווי דעם אידישען שקלאַף. אין אַלגעמיין איז אָבער די לאַגע פונ'ם גוי'שען שקלאַף אין ארץ־ישראל געוועזען פיעל בעסער ווי אין אַנדערע לענדער.

לויט געזעץ זיינען די שקלאַפען געווען דאָס אויסשליסליכע אייגענטום פון זייער בעל־הבית. גלייך ווי אַ בעל־הבית האָט געמעגט טהון מיט זיין בהמה, אַזוי ווי איהם איז געפעלען, פונקט אַזוי האָט ער געמעגט באַהאַנדלען זיין שקלאַף. אַ שקלאַף האָט נישט געהאַט קיין פאַרוואַנדשאַפט. ווען דער בעל־הבית האָט געוואָלט, האָט ער איהם געמעגט פאַרהייראַטען צו דער אייגענער מוטער אָדער שוועסטער פונ'ם שקלאַף. די חתונה פון אַ שקלאַף האָט אויך נישט געהאַט קיין שום ווערדע. דער בעל־הבית האָט געמעגט מיסברויכען דאָס ווייב פונ'ם שקלאַף, אפילו אינ'ם שקלאַפ'ם געגנוואַרט. דאָס לעבען פונ'ם שקלאַף מיט אַ פרוי איז געווען פאַררעכענט ווי דאָס לעבען פון אַ בהמה, און די קינדער וואָס אַ שקלאַף האָט געבוירען, זיינען געווען דאָס אייגענטום פון זיין בעל־הבית, וועלכער האָט זיי געמעגט פאַרקויפען, ווי מען פאַרקויפט אַ ניי־געבוירען קעלבעל.

דער שקלאַף האָט נישט געקענט האָבען קיין שום באַזיץ. וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט באַלאַנגט צו זיין בעל־הבית. אָפטמאָל האָט אויך דער בעל־הבית פאַרדונגען די אַרבייטס־קראַפט פון זיינע שקלאַפען צו אַ צווייטען, גלייך ווי מען פאַרדינגט אַ בהמה. טאָמער האָט אַ שקלאַף עטוואָס געפונען אין גאַס, האָט עס באַלאַנגט צו זיין בעל־הבית. און האָט אימיצער דעם שקלאַף פאַרוואונדעט און ער האָט געדאַרפט באַצאָהלען שמערצענס־געלד, האָט דאָס דאָזיגע שמערצענס־געלד אויך באַלאַנגט צום בעל־הבית.

כאַראַקטעריסטיש איז אַ פאַל, וואָס ווערד דערצעהלט אין מדרש, ווי איינער האָט אַמאָל זיין שכן אָנגערעדט, ער זאָל זיין ווייב גט'ן, ווייל זי פיהרט זיך נישט אָרענטליך. האָט יענער געזאָגט, אַז ער קען דאָס נישט טהון, ווייל ער האָט נישט דאָס נויטיגע געלד, צו באַצאָהלען די „כתובה”. האָט איהם דער אַנדערער געזאָגט, אַז ער וועט איהם דאָס נויטיגע געלד לייהען, אַבי ער זאָל דאָס ווייב קענען אָפּ'גט'ן. און ווען עס האָט יענער מאַן זיין ווייב גע'גט, האָט דער גוטער געלד־לייהער מיט דער פרוי חתונה געהאַט. און אַזוי ווי דער מאַן האָט נישט געהאַט, צו באַצאָהלען דעם חוב אין צייט, האָט ער געמוזט ווערען אַ שקלאַף ביי זיין ווייב. האָט דער געוועזענער מאַן פון דער פרוי, וועלכער איז יעצט געווען אַ שקלאַף אין הויז, געמוזט שטעהען און צוקוקען, ווי יענער מענש ליעבט זיין פרוי...

נידריגער ווי די מענליכע שקלאַפען איז געווען די ווייבליכע שקלאַפין. אַזוי ווי זי איז געוועהנליך באַטראַכט געוואָרען ווי אַ הפקר־זאַך, איז חוץ דער אַרבייט, וואָס זי האָט געדאַרפט טהון, האָט זי נאָך געדאַרפט דיענען צו די גלוסטונגען פון אַלע מאַנסבילען אין הויז. דאַביי איז צו באַמערקען, אַז מאַנכע שקלאַפינען זיינען פאַרקויפט געוואָרען פון זייערע אייגענע טאַטעס פאַר אַזאַ ספּעציעלען צוועק.

בעסערע מענשען פון צווישען אידען האָבען זיך וואַרשיינליך באַנומען צו זייערע שקלאַפען אויף אַן אַנדערן אופן. אין פיעלע אַזעלכע הייזער זיינען די שקלאַפען באַנוצט געוואָרען צו די איידעלסטע אַרבייטען, און מען

האט זיי אלדינג איבערגעגעבען מיט'ן גרעסטען צוטרוי. מאנכע פון זיי זיינען געווען שניידער און זיי האבען גענייהט די מלבושים פאר'ן גאנצען הויז־געזינד. אנדערע זיינען געווען באלבירער און האר־פלעכטער, וועלכע האבען אפגעגאלט דעם בעל־הבית דעם קאפ, אדער זיי האבען פארפלאכטען דער הויז־פרוי'ס צעפ. נאך אנדערע זיינען געווען בעקער אדער קעכער. מאנכע האבען זאגאר אנפארטרויט דאס לערנען מיט זייערע קינדער צו זייע־רע שקלאפען. פון די ווייבליכע שקלאפינען זיינען אפטמאל געווען זינגערינס און טענצערינס, מיט וועלכע מען פלעגט זיך אמוזירען ביי צוזאמענקונפטען און אונטערהאלטונגען.

ווענען רבן גמליאל דיבנה דערצעהלט די משנה, אז ער האט געהאט א שקלאף מיט'ן נאמען טבי (לייען: טאבאי), וואס ווען דער דאזיגער שקלאף איז געשטארבען, האט רבן גמליאל נאך איהם געטרויערט ווי נאך אן איינגעם, אן אנדערן שקלאף פון רבן גמליאל פלעגען די הויז־מענשען רופען „פאטער” און דאס ווייב זיינס פלעגט מען רופען „מוטער”. איז דאס ווארשיינליך נישט געווען קיין פאראיינצעלטער פאל, ווייל עס איז נישט מעגליך, אז מען האט זיך געזאלט אין די אידישע הייזער פון ארץ־ישראל באגעהען בארבאריש מיט די שקלאפען, ווי מען פלעגט זיך דאמאלס פיהרען ביי אלע גוי'שע פעלקער ארום ארץ־ישראל.

* * *

מען דארף אויך וויסען, אז נישט דאס גאנצע פאלק האט געלעבט אין א שטענדיגער טרויער ווענען „חורבן בית המקדש” און וואס די קרבנות זיינען בטל געווארען. עס ווערד זאגאר דערצעהלט, אז ווען ירושלים איז חרוב געווארען, האט מען אין דער שטאדט ביתר געמאכט א יום־טוב. עס איז אויך מעהר ווי זיכער, אז דאס מקריב זיין קרבנות האט זיך שוין דאמאלס ביי די מעהרסטע פאלקס־פיהרער געהאט איבערגעלעבט. זיינען דא־דורך פיעלע פון די פראמינענטעסטע אידען געווען צופרידען, וואס עס האט זיך איינגעגעבען, אפצוראטעווען יבנה אלס א צענטער פונ'ם אידישען לעבען.

פון דעסטוועגען האבען אנדערע געגלויבט, אז דער חורבן פונ'ם בית־המקדש איז בלויז פאר א קורצע צייט, גלייך ווי עס איז געווען מיט'ן ערש־טען בית־המקדש, און אז דער בית־המקדש וועט גאר אין גיכען צוריק אויפ־געבויט ווערען. אט אזא גלויבען איז געווען לעבעדיג אין די הערצער פון די ברייטע פאלקסמאסען, וועלכע האבען זיך דאמאלס געהאלטען גלייך ווי איינער, וואס זיין הויז איז פארברענט געווארען און ער ווארט דערווייל אין דער פרעמד, ביז ער וועט קענען אויסבויען א ניי הויז אויפ'ן ארט פונ'ם פארברענטען.

ס'איז אויך נישט זיכער, צי די קרבנות זיינען באלד ביים חורבן בטל געווארען, אדער עס האבען זיך נאך צונויפגענומען מענשען, מקריב צו זיין ערגיץ אין א באהאלטענעם ווינקעל. עס איז זאגאר מעגליך, אז די מענשען האבען מקריב געווען זייערע קרבנות אויפ'ן צושטערטען מזבח. אזוי ווי מען האט נאך לאנגע יאהרען נאכ'ן חורבן אפגעהיט די דינים פון דער „כהונה” מיט תרומות און מעשרות. איז דאס טאקי א באוויז פאר'ן גלויבען, אז מען וועט דאס בית־המקדש גאר אין גיכען צוריק קענען אויפבויען.

דאָס לעבען אין דער צייט פונ׳ם תלמוד ירושלמי

ביי די דאמאָלסדיגע פּאָליטישע אומשטענדען האָט זיך אויך גאָר גרינג געקענט געפינען אַ רוימישער קייזער, וואָס זאָל ערלויבען צוריק אויפצובויען דעם חרוב געוואָרענעם בית־המקדש. מעג זיין צוליעב גוטהערציגקייט צו אידען, אָדער אויף דער שתדלנות פון איינעם מיט אַ „מתן בסתר" אין דער האַנד, אָדער גאָר גלאַט אַזוי צוליעב אַ קייזערליכען קאַפּריז.

האָט אָבער די רעוואָלוציע פון בר־כוכבא אין דער צייט פון קייזער האדריאַן געמאַכט אַ סוף צו די אַלע האָפנונגען. העכער אַ האַלבער מיליאָן אידען זיינען דאמאָלס דער׳הרג׳ט געוואָרען אין דער מלחמה. אַנדערע הונדער־טער טויזענדער זיינען פּאַרקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען. דאָס לאַנד איז דערנאָך פאַר אַ לאַנגע צייט געבליבען וויסט. אין ירושלים האָט מען אויס־געבויט אַ טעמפּעל לכבוד דעם גריכישען גאָט „צעאוס" און אַ איד האָט זיך נישט געטאָרט דערנענטערען צו די טויערען פון דער שטאָדט.

איז דאָס נאָך אַלץ נישט געווען דער לעצטער גירוש פון ארץ־ישראל. אין אַנדערע שטעדט פון ארץ־ישראל אויסערהאַלב ירושלים זיינען אידען פאַרבליבען און שפּעטערע רוימישע קייזאָרים האָבען זיי ערלויבט, צו קומען קיין ירושלים יעדען תשעה־באב, אויף צו באַוויינען דעם חורבן.

פאַרשיעדענע היסטאָרישע מאָמענטען פון יענער צייט געפינען זיך באַשריבען אין ביידע תלמודים, אינ׳ם בבלי און אינ׳ם ירושלמי, גלייך ווי אין די מדרשים. האָט מען אָבער די מעהרסטע פון די דאָזיגע שילדערונגען וויייניג וואָס פאַרשטאַנען. ערשט לעצטענס האָבען געוויסע אידישע היסטאָ־ריקער אָנגעהויבען בויען זייערע שטודיען אויף די ערצעהלונגען פון דער גמרא. און ווען די ערצעהלונגען פון דער גמרא שטימען נישט אַמאָל אין זייער אינהאַלט מיט די היסטאָרישע פאַקטען, לויט ווי זיי זיינען איבערגעגעבען אין דער רוימישער געשיכטע, מעג מען זיך גיכער סומך זיין אויף דער גמרא, ווייל די רוימישע געשיכטספאָרשונג איז אויך נישט זעהר קלאָר און איהרע גרייזען שטעכען אָפטמאָל אין די אויגען.

עס האָבען אויך פאַרשיעדענע אורזאַכען מיטגעווירקט, וואָס דער חורבן נאָך דער עראָבערונג פון ירושלים דורך טיטוס איז נישט געווען קיין פול־שטענדיגער. הויפּטזעכליך איז זיכער, אַז עס זיינען דאמאָלס וועהרענד דער מלחמה געגען די רוימער פּיעלע אידען געשטאַנען פון וויטענס און זיי האָבען זיך נישט באַטייליגט אינ׳ם אויפשטאַנד געגען רוים. און נאָכ׳ן חורבן פונ׳ם בית־המקדש האָבען די דאָזיגע מענשען געשטרעבט, צוצופּאַסען זייער לעבען צו דער סיטואַציע און אָנצוהאַלטען שלום מיט די רוימער.

אַזוי ווי די רעוואָלוציע איז דאמאָלס נישט געלונגען, זיינען די אידישע „פּאַטריאָטען", וועלכע האָבען געקעמפט פאַר פרייהייט ביז צום לעצטען טראָפּען בלוט, באַצייכענט געוואָרען אַלס „באַנדיטען" (בני בריוני). און אַזוי ווי דער סוף פון יענער מלחמה איז געווען אַ שלעכטער, מוז מען אויך וויסען, אַז אין דער פאַרצווייפלונג פון זייער קאַמף האָבען יענע „בני בריוני" שטאַרק געשעדיגט די אינטערעסען פון די אידען און זיי האָבען מיט זייער טהעטיגקייט צוגעהאָלפען צו דער דערנעהנטערונג פונ׳ם חורבן.

מען דאַרף אויך וויסען, אַז זאָגאָר נאָך דער מלחמה פון טיטוס איז די רוימישע קייזאָרים נישט איינגעפאַלען, נישט צו לאָזען די אידען אָנהאַלטען די מצוות פון זייער אמונה. יאָזעפוס פלאַוויוס דערצעהלט, אַז טיטוס האָט אָנגעזאָגט צו אַלע סאָלדאַטען, נישט צו וואַרפען קיין פייער אויפ׳ן בית־המקדש. האָט אָבער די אידישע פּרינצעסין בערעניקע גוט געוואוסט, אַז ווי

לאנג דער בית־המקדש שטעהט, וועלען די אידען נישט אויפגעבען זייער קאמפף געגען רוים, האט זי זיך ארויפגעשטעלט אויף די פלייצעס פון א רוימישען סאלדאט און זי האט מיט איהרע אייגענע הענד אריינגעווארפען א ברענענדע פאקעל אינ׳ם בית־המקדש, פון וועלכער עס האט זיך דאן אנגעהויבען די שרפה.

נאכ׳ן חורבן און נאך דער פארניכטונג פון די רעוואלוציאנערען האט טיטוס נישט געהאט אין זיין פלאן, צו טהון מעהר שלעכטס צו אידען. אין אלע ענינים פון דער אמונה האבען דאן די אידען געהאט די פרייהייט, צו משפט׳ן זייערע מענשען נישט בלויז אין רעליגיעזע פראגען, נור אויך ביי וויכטיגע געלד־פראצעסען. אפטמאל פלעגן אפילו גוים קומען צום אידישען בית־דין, ווען זיי האבען געהאט א מחלוקת מיט א איד. דאס רוימישע רעכט האט ערלויבט, מענשען זאלען זיך משפט׳ן ביי א אידישען בית־דין, וועןביידע צדדים זיינען מסכים דערצו, און ווי עס ערצעהלט דער קריסטליכער „קירכענפאטער״ אריגינעס, האט דער אידישער בית־דין גע׳משפט זאגאר אין „דיני נפשות״, חאטש די רעגירונג האט דאס נישט ערלויבט.

פון דאמאלס אן האט זיך די תורה פון די „פרושים״ אויף אזא שטייגער אנטוויקעלט, ווי דאס איז גאר נישט מעגליך געווען אזוי לאנג ווי דער בית־המקדש איז געשטאנען. די „צדוקים״ זיינען דאן אין גאנצען פארשוואונדען פון דער אויבערפלאך — און די „תורה שבעל־פה״ איז געווארען די פיהרערין פונ׳ם אידישען לעבען. דאס נאציאנאלע לעבען פונ׳ם פאלק האט זיך קאנצענטרירט אין די פארשריפטען פון דער אמונה, וואס איטליכער האט געוואוסט, אז זיי דארפען שטרענג אפגעהיט ווערען.

אויף אזא שטייגער האבען זיך די אומשטענדען אנטוויקעלט נאכ׳ן חורבן. אין דער ליעבע צו דער תורה און אינ׳ם אנהאלטען די מצוות האט די אומה געפונען א טרייסט צו דעם, וואס דער בית־המקדש איז חרוב. איז דאן יבנה געווארען א נייער צענטער, וועלכער האט פארטראטען דעם ארט פונ׳ם בית־המקדש אין ירושלים — און אנשטאט צו ברענגען קרבנות אויפ׳ן מזבח, האבען אידען אנגעהויבען שיקען זייערע מתנות צו די תלמידי־חכמים אין יבנה.

שפעטער איז פלוצים אויסגעבראכען א רעוואלוציע, וועלכע האט ארומגענומען דאס גאנצע פאלק פון איין עק לאנד צום אנדערן. אויפ׳ן רוימישען טהראן איז דאן געזעסען קייזער האדריאן (אדרינוס קיסר) און געווען איז דאס העכער 50 יאהר נאכ׳ן חורבן. איז דאס גאנצע פאלק פלוצים אויפגעשטאנען ווי איין מאן אין דער באשטרעבונג, צו באפרייען דאס לאנד פונ׳ם רוימישען יאך.

קען מען זיך די אורזאך פון אט דעם פלוצים׳דיגען אויסברוך גאר נישט ערקלערען און מען זוכט דאס אויסצוגעפינען אויף פארשיעדענע אופנים. ווילען מאנכע היסטאריקער באהויפטען, אז די אוממיטעלבארע אורזאך פון יענעם אויפשטאנד זיינען געווען די געשעהענישען פון קייזער טראיאנ׳ס צייטען.

אין קייזער טראיאנ׳ס צייטען איז אויסגעבראכען אין בבל אן אויפשטאנד געגען רוים, ווערד דער דאזיגער אויפשטאנד דערמאנט אין דער גמרא מיט דער באצייכנונג „פולמוס קיטוס״. רוים האט דורכאויס געוואלט אריינשטעלען א פוס אין בבל און פאר א קורצע צייט האבען דארט די רוימער געהאט א זיעג. האבען דאן די פארטהער געמאכט א רעוואלוציע געגען

די רוימער און די אידען האָבען זיי געהאָלפען. עס זיינען אויך מאַנכע אידען פון ארץ־ישראל געגאַנגען העלפען ארויסטרייבען די רוימער פון בבל. מיט'ן ארויסטרייבען די רוימער פון בבל, האָבען זיי גערעכנט, וועט זיך עס אויך איינגעבען, מען זאָל זיי קענען ארויסטרייבען פון ארץ־ישראל.

האָט דאַן קייזער טראַיאַן איבערגעגעבען די אָנפיהרונג פון דער מלחמה צו זיין גענעראַל לוזיוס קוואיטוס. און אַזוי ווי עס האָט דאַן קייזער טראַיאַן פאַרדראָסען, וואָס די אידען האָבען געהאָלפען די בבליים אין זייער מלחמה געגען רוים, האָט ער געהייסען זיין גענעראַל, ער זאָל אויס'הרג'נען אַלע אידען, וואָס וועלען איהם אריינפאַלען אין זיינע הענד.

און נאָכדעם ווי לוזיוס קוואיטוס האָט באַזיעגט דעם אויפשטאַנד אין בבל, האָט איהם קייזער טראַיאַן געמאַכט פאַר אַ גאָווערנאָר אין ארץ־ישראל. אין דערזעלבער צייט זיינען אויך אויפגעשטאַנען די אידען אין מצרים, קירעניקא און קיפראָס געגען רוים, און אַזוי ווי די גרעקען האָבען דאָרט פאַרטרעטען די שטעלע פון די רוימער, האָבען זיך די אידען אויף זיי גע־וואָרפען און וויפיל גרעקען עס זיינען זיי געקומען אונטער די הענד, האָבען זיי אויסגע'הרג'ט.

די גריכישע שריפטשטעלער פון יענער צייט ריידען וועגען הונדערטער טויזענדער גע'הרג'טע גרעקען. איז דאָס וואַרשיינליך שטאַרק איבערטריבען און מען קען בלויז גלויבען, אַז עס זיינען דאַמאָלס דער'הרג'ט געוואָרען עט־ליכע הונדערט גרעקען. איז דערנאָך געקומען גענעראַל מאַרציוס טורבא, האָט ער באַזיעגט די אידען אין „בקעת ידים" (אַלעקסאַנדריע) און ער האָט דאָרט אַזוי פיעל אידען גע'הרג'ט, ווי די תלמוד'ישע לעגענדע באַצייכענט זייער צאָהל „כפלים כיוצאי מצרים".

פון נאַטור אויס האָט קייזער האדריאַן ליעב געהאַט שלום און ער איז בטבע נישט געווען קיין שלעכטער מענש. עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז ער האָט געהאַט ערלויבט די אידען אויפצובויען צוריק זייער בית־המקדש, זיינען געקומען די שומרונים און זיי האָבען צוגעקלאָגט די אידען צום קייזער, האָט ער זיין ערלויבניש צוריקגעצויגען. אַנדערע זאָגען, אַז ווען מען האָט אָנגעהויבען אויסגראָבען די ערד, אויף צו לייגען אַ גרונד פאַר'ן נייעם בית־המקדש, איז ארויס אַ פייער, וועלכעס האָט פאַרברענט די ארבייטער, האָבען דאַן די אידען אַליין געבעטען, נישט צו בויען דעם בית־המקדש, ווייל עס דאַכט זיך, אַז דער אויבערשטער וויל דאָס נישט. און מכח די פאַרהעלטניסע פון די שומרונים צו די אידען אין דער צייט פון קייזער האדריאַן איז באַ־וואוסט, אַז זיי האָבען דאַמאָלס געהאַלטען מיט די אידען און זיי האָבען זיך אויך באַטייליגט ביים אויפשטאַנד.

די לעצטע היסטאָרישע פאָרשונג זאָגט, אַז דער אויפשטאַנד געגען האַד־ריאַן איז געווען, ווייל ער האָט פאַרבאָטען מ צ ו ת מ י ל ה. און ווייל די שומרונים האָבען אויך געהאַלטען פון מילה, האָבען זיי זיך פאַראייניגט מיט די אידען געגען רוים.

פרעגט זיך אַ קשיא: ווען עס איז אמת, אַז די רוימער האָבען זיך געוועהנליך נישט געמישט אין די רעליגיעזע פיהרונגען פון זייערע אונטער־טהעניגע פעלקער, טאָ וואָס האָט עפּיס קייזער האדריאַן פּלוצים פאַרבאָטען מצות מילה?

גיט צו דעם דער קריסטליכער היסטאָריקער שירער די פאָלגענדע ער־קלערונג: נאָך אין די צייטען פון קייזער דאָמיניציאַן האָט די רוימישע רע־

גירונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ געגען „קאַסטרירען" (מסרס זיין), ווייל דאָס איז מיאוס און באַרבאַריש. האָט קייזער האדריאַן דעם דאָזיגן פאַרבאָט באַנייעט און ער האָט אויך באַשטימט טויט־שטראָף פאַר דעם, וואָס וועט דאָס טהון. האָט ער דאַן אַריינגענומען „מצות מילה" אונטער קאַסטרירען. עס האָט איהם נישט קיינער גענומען ערקלערען, אַז מילה איז נישט קיין פאַר־קריפּעלונג פון אַ נייגעבוירענעם אינגעל.

דאָס זעהט מען אויך אויסדריקליך אין'ם געזעץ פון קייזער אַנטאָנינוס פּיאוס, וועלכער האָט צוריק ערלויבט, אַז אידען זאָלען מעגען מל זיין זייערע קינדער — און ער ערקלערט אויסדריקליך, אַז מילה איז נישט קיין קאַסטרי־רונג, נאָר עס איז אַן אַלטער רעליגיעזער מנהג ביי אידען. דאָס האָט קייזער אַנטאָנינוס פּיאוס געטהון, ווען ער האָט געזעהען, אַז אידען זיינען גרייט צו אָפּפערען זייער לעבען, אויב מען וועט זיי נישט ערלויבען, אָנצוהאַלטען „מצות מילה".

* * *

ווען משה רבנו האָט אַרויסגעשיקט די מרגלים קיין ארץ־ישראל, איז ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, האָבען זיי דערצעהלט, אַז די שטעדט זיינען דאָרט זעהר שטאַרק באַפעסטיגטע (במדבר י"ג כ"ח). שפּעטער האָט משה רבנו אָנגעזאָגט די אידען, אַז ווען זיי וועלען קומען קיין ארץ־ישראל, וועלען זיי דאָרט טרעפען „גרויסע ביז צום הימעל באַפעסטיגטע שטעדט" (דברים ט' א'). איז דאַדורך אינטערעסאַנט, אַז אפילו נאָכ'ן חורבן, ווען דאָס לאַנד האָט שוין געהאַט דורכגעלעבט אַ צעהנדליג פרעמדע אינוואַזיאָנען מיט פאַר־ווּיסטונגען, איז נאָך דאַן געווען פאַרשפּרייט דער גלויבען, אַז טראָץ די אַלע מלחמות און צושטערונגען זיינען דאָרט פאַרהאַנען שטעדט, וואָס די טויערען פון זייערע פעסטונגען שטאַמען פון יהושע בן נון'ס צייטען (כרכין המוקפין חומה מימות יהושע בן נון).

אין תנ"ך ווערד דערמאָנט, אַז אידען אין ארץ־ישראל האָבען געוואוינט אין אַן „עיר", וועלכעס מיינט אַ שטאָדט (אין רבים: ערים), זיי האָבען אויך געוואוינט אין אַ „חצר", וועלכעס מיינט אַ הויף (אין רבים: חצרים), און אין אַ „כפר", וועלכעס מיינט אַ דאָרף (אין רבים: כפרים). אין דער גמרא איז שוין נישט פאַרהאַנען קיין „חצר" לויט'ן ביבלישען באַגריף, דערפאַר איז דאָרט צוגעקומען פאַר'ן באַגריף שטאָדט די באַצייכנונג „כרך" און פאַר דער „עיר" איז נאָך צוגעגעבען געוואָרען די באַצייכנונג „עיירה" (אין רבים: עיירות).

וועגען דעם טייטש פונ'ם ביבלישען וואָרט „חצר" זיינען פאַרהאַנען פאַרשיעדענע מיינונגען. איינע זאָגען, אַז די טייטש איז אַ „פאָרשטאָדט", ווי דער פּסוק זאָגט „עקרון ובנותיה וחצריה" (יהושע ט"ו מ"ה). אַנדערע זאָגען, אַז דאָס מיינט פּשוט אַן אַרומגערינגעלטער פּלאַץ נעבען אַ הויז אָדער אַ גרופּע הייזער, וואו עס וואוינען פיעל מענשען, גלייך ווי אין אַ היינטיגען הויף פון אַ מאָדערנער שטאָדט.

עס זיינען אָבער אויך געווען שטעדט מיט'ן נאָמען „חצר", אַ שטייגער ווי: „חצר אדר" (במדבר ל"ד ד') אָדער „חצר שועל" (יהושע י"ט ג') וכדומה. זיינען דאָס וואַרשיינליך געווען שטעדט, וואָס זיינען אויסגע־וואַקסען און זיי האָבען זיך אַנטוויקעלט פון פריהערע הויפען.

דאָס לעבען אין דער צייט פונ'ם תלמוד ירושלמי

פאַרהאַנען ווייטער די באַצייכנונג „כפר" אין תנ"ך גלייך ווי אין דער גמרא — און ווי גרויס אַזאַ „כפר" האָט געקענט זיין, ווערד דערצעהלט ביי יאָזעפוס פלאַוויוס, אַז דער קלענסטער „כפר" אין ארץ־ישראל האָט געהאַט 15 טויזענד איינוואוינער. איז די דאָזיגע צאָהל וואַהרשיינליך אַן איבער־טריבענע, און ווער עס וויל נישט, איז לחלוטין נישט מחויב צו גלויבען, אַז עס זיינען דאַמאָלס געווען אַזעלכע דערפער.

עס זיינען אויך געווען שטעדט אין ארץ־ישראל, וואָס דער נאָמען זייערער איז געווען „כפר", אַ שטייגער ווי: „כפר העמוני" (יהושע י"ח י"ד), „כפר חנניה" (מסכת שביעית פרק ט' משנה ב'), „כפר עזיז" (כלאים פרק ו' משנה ד'). זיינען דאָס וואַהרשיינליך געווען שטעדט, וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט און זיי זיינען אויסגעוואַקסען פון דערפער.

און ווען אונזערע חכמים האָבען געוואָלט פעסטשטעלען דעם באַגריף „עיר" געגען דעם באַגריף „כפר", האָבען זיי ערקלערט, אַז אַ „שטאָדט" הייסט אַזאַ אָרט, וואו עס געפינען זיך צעהן לײדיגגעהער (עשרה בטלנים), וועלכע קענען צו יעדער צייט גערופען ווערען צו פאַרשיעדענע רעליגיעזע פונקציאָנען (זעה מגלה דף ג' עמוד ב').

ווי עס איז אויבען דערמאָנט, געפינען מיר אין דער גמרא די באַצייכנונג „כרך", וואָס דער שורש דערפון איז אַן ארמ'שער און ער קומט פאָר אין תנ"ך בלויז איין מאָל, אין מגלת אסתר (קאַפּיטעל ח' פסוק ט"ז), אין דער פאָרם פון „תכריך" (על משקל תפעיל) — און די טייטש פונ'ם וואָרט „כרך" איז אַ באַפעסטיגטע שטאָדט, וועלכע איז ווי אַרומגעוויקעלט מיט אַ מויער.

אָפטמאָל געפינען זיך אין דער גמרא אַלע דריי באַצייכנונגען פון די אידישע וואוין־ערטער אין ארץ־ישראל (כרך, עיר און כפר) אין־איינעם — און עס איז דאָרט געגנוי צו זעהן, אַז דאָס וואָרט „כרך" באַצייכענט אַ גאַנץ אנדער מין שטאָדט ווי „עיר". דער נאָמען „עיר" פאַר אַ שטאָדט איז דאַן באַנוצט געוואָרען בלויז פאַר אַן אָפענעם פּלאַץ אָהן אַ באַפעסטיגונג און „כרך" האָט געהייסען אַ שטאָדט אַ באַשיצטע מיט מויערען.

צוליעב דער מורא פאַר אומערוואַרטעטע אָנפאַלען פון שונאים זיינען די מענשען אינ'ם „כרך" געווען געשיצט פון מויערען. גרעסטענטיילס האָט זיך אַזאַ שטאָדט געפונען אויף אַ הויכען באַרג אָדער אויף אַ פעלזען, וואו עס איז פאַר אַ פרעמדען געווען שווער צוצוקומען און מען האָט אויך דאָרט געקענט אויף אַ גרינגען אופן באַוואַרפען דעם שונא מיט פיילען אדער מיט שטיינער.

מאַנכעס מאָל האָט אויך אַן „עיר" געקענט זיין אַ באַפעסטיגטע שטאָדט, האָט מען דאָס אָבער געדאַרפט באַצייכענען מיט „עיר חומה" אדער „מוקפת חומה", אָבער ביים וואָרט „כרך" איז נישט געווען נויטיג צוצוגעבען, אַז דאָס מיינט אַ שטאָדט מיט אַ מויער אַרומגערינגעלט, ווייל דאָס האָט זיך אַליין פאַרשטאַנען, און ווען די משנה זאָגט „כרכין המוקפין חומה מימות יהושע בן נון", געהט די באַצייכנונג אויף דער צייט, זייט ווען די שטאָדט איז מיט אַ מויער אַרומגערינגעלט און נישט וועגען דער מויער גופא.

דאַביי דאַרף מען אויך וויסען, אַז אַזאַ „כרך" איז געווען באַענגט אין די גרעניצען און עס האָט דאָרט אויך געפעהלט פּלאַץ, די שטאָדט זאָל זיך קענען אויסשפּרייטען און פאַרברייטערען. קען מען אַלזאָ נישט זאָגען, אַז דאָס וואָרט „כרך" האָט נישט באַצייכענט די גרויס פון דער שטאָדט, נור איהר שטאַרקייט און איהר סטראַטעגישע פעסטיגקייט. און וואָס מיר

געפינען „כרך גדול של רומי״ אָדער „כרך גדול של שכם״, איז דאָס וואָרט „גדול״ נישט וועגן דער גרויס פון דער שטאָדט, נור וועגן דער שטאַרקייט פון איהר פעסטונג.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך, וואָס די גמרא זאָגט, אז ווען דער אויבערש־טער האָט געוואָלט באַשטימען די גרויס פון ירושלים, האָבען די מלאכים צו'ן איהם געזאָגט: „האָסט אויף דיין וועלט באַשאַפען אזוי פיעל כרכים פאַר די אומות־העולם און דו האָסט נישט באַשטימט זייער גרויס, ווילסטו דאָס יעצט טהון פאַר דיין אייגענע שטאָדט?״ (בבא בתרא דף ע״ה עמוד ב׳).

ווילען מאַנכע מפרשים פון דעם דאָזיגען „ציטאַט״ אַרויסלערנען, אז א שטאָדט, וואָס ווערד אָנגערופען „כרך״, בעלאַנגט צו די אומות־העולם, אָדער עס בעוויזט, אז דער שטאַרקסטער טייל פון איהר באַפעלקערונג איז א גוי'שער. און וואָס מיר געפינען אויך „כרך ביתר״ (גטין דף נ״ז עמוד א׳), וואָס אויף וויפיעל מיר ווייסען, איז ביתר נישט געווען קיין גוי'שע שטאָדט, זאָגען ווייטער יענע מפרשים, אז דאָס איז נישט קיין געגען־באַווייז צו זייער באַ־הויפּטונג, ווייל דאָס איז בלויז אן אויסנאַהם.

אָט די מיט מויערען אַרומגערינגעלטע שטעדט אין ארץ־ישראל, וועלכע זיינען באַצייכענט מיט'ן נאָמען „כרכים״, זיינען טאַקי פאַררעכענט געוועזען פאַר גוי'שע מקומות. די צאָהל זייערע איז געווען צ ע ה ן — און צו־זאַמען האָבען זיי געהאַט דעם אַלגעמיינעם נאָמען „דעקאַפּאָלים״, דאָס מיינט צעהן שטעדט. אין פאַרלויף פון די שפּעטערע יאָהרען זיינען זיי אויך געוואָרען אָפּגעזונדערטע צענטרען, גלייך זיי וואָלטען נישט בעלאַנגט צו ארץ־ישראל (זעה שקלים פרק ג׳ משנה ד׳). אנדערע פון זיי זיינען געווען אריינ־געשניטען ווי א פּאַס צווישען די ערטער, וואו אידען האָבען געוואוינט (זעה חגיגה דף כ״ה עמוד א׳).

מען דאַרף אויך וויסען, אז אין אָט די מקומות פלעגט די רעגירונג פון דער שטאָדט תמיד זיין באַשטרעבט, וועה צו טהון צו די דאָרטיגע אידישע איינוואוינער. די גוי'שע איינוואוינער פון יענע שטעדט האָבען געהאַט אַלערליי פרייהייטען, און יעדע פרייהייט זייערע איז געווען באַרעכענט, אידען צו קרענקען, זיי זאָלען זעהען, אז גוים מעגען טהון, וואָס אידען טאָרען נישט.

די פאַרוואַלטונג פון די דאָזיגע גוי'שע שטעדט האָט אין דער גמרא אן אייגענע באַצייכנונג: „אבטוניות״ אדער „אבטליות״ (זעה ירושלמי מגלה פּרק א׳ הלכה א׳) — און געמיינט איז דאָרט „אבטונומיות״ (אויטאָנאָמיש פאַרוואַלטעטע שטעדט). דאָס באַצייכנט אויך דעם חלוק פון א „כרך״ צו אן „עיר״, ווייל נור א „כרך״ האָט געהאַט אן אויטאָנאָמישע פאַרוואַלטונג, אָבער נישט א שטאָדט, וועלכע איז גערופען „עיר״.

אין א „כרך״ איז אויך געשטאַנען א מיליטערישע באַזעצונג, וועלכעס איז צו זעהען פון דער גמרא, וואו עס ווערען דערמאָנט די „בורגנין״ פון ארום די „כרכים״ (זעה שבת דף ק״ג עמוד ב׳), דאָס זיינען די הייזער ארום די שטעדט, וואו עס זיינען געשטאַנען די סאָלדאַטען פון דער וואַך אָדער די באַאַמטע פון דער רעגירונג, וואָס האָבען קאָלעקטעט די אָפּצאָהלונגען.

דאָס מאַכט אויך בעסער פאַרשטענדליך, וואָס די גמרא זאָגט, אז ווען איינער געהט אריין אין א „כרך״, דאַרף ער זאָגען א תפלה צום אויבערשטען בזו הלשון: „יהי רצון, אז דו זאָלסט מיך אריינבריינגען אין אָט דעם כרך אין פרידען!״ — און איז ער שוין אהין אריינגעקומען, דאַרף ער זאָגען: „מודה אני, איך דאַנק דיר, גאָטעניו, וואָס דו האָסט מיך אריינגעפיהרט אין

אַט דעם כרך אין פריעדען!" — און ווייל ער דערנאָך פון דאָרט ארויסגעהען, דאַרף ער זאָגען: „יהי רצון, אז דו זאָלסט מיך ארויספיהרען פון דעם דאָזיגען כרך אין פריעדען!" — און איז ער שוין ארויסגעגאַנגען, דאַרף ער זאָגען: „מודה אני, איך דאַנק דיר, גאָטעניו, וואָס דו האָסט מיך ארויסגעפיהרט פון דעם דאָזיגען כרך אין פריעדען, און פונקט אזוי בעט איך דיך, אז דו זאָלסט מיך פיהרען אין פריעדען און שטיצען אין פריעדען, זאָלסט מיך אויך לאָזען געהען אין פרידען און זאָלסט מיך אָפּראַטעווען פון יעדען פיינד און לויערער אויפ׳ן וועג!" (ברכות דף ס׳ עמוד א׳).

אזא תפלה איז נישט געמאַכט געוואָרען צוליעב דער סכנה פונ׳ם וועג ביז צום „כרך", נור ווייל דאָס אריינקומען אין א „כרך" און דאָס ארויסגעהען פון דאָרט איז געווען פאַרבונדען מיט אלערליי געפאַהרען. עס איז אויך אָנצונעהמען, אז די דאָזיגע תפלה איז געמאַכט געוואָרען אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאַפט איבער ארץ־ישראל, וואָס ווען זי האָט נישט אליין די אידען פאַרפאָלגט, האָט זי עס צוגעלאָזען, אז די גוים זאָלען גענען זיי אנווענדען זייער גאַנצע שלעכטיגקייט.

טראָצדעם זיינען אידען צוליעב זייערע האַנדעלס־פאַרבינדונגען געווען געצוואונגען, אריין און ארויס צו געהען אין יענע „כרכים". אָפּטמאָל האָבען זיי בלויז געדאַרפט דורכגעהען די „כרכים", ווען עס איז זיי אויסגעקומען צו מאַכען א רייזע אויף א שיף, און אזוי ווי עס זיינען די שטעדט פון נעבען ים (כרכי הים) תמיד געווען אין גוי׳שע הענד, איז דאָס בלויזע דורכגעהען דאָרט פון א אידען געווען פאַרבונדען מיט א געפאַהר.

האָבען דאַן די חכמים מאַנכעס מאָל פאַרבאָטען צו געהן צו די ירידים אין די „כרכים", אָדער אפילו צו אזעלכע מקומות, וואָס געפינען זיך אין שכנות פון די „כרכים" (זעה תוספתא עבודה זרה פרק א׳), האָט מען אָבער וואַהרשיינליך צוליעב פרנסה דעם דאָזיגען פאַרבאָט וויינינג וואָס באַפאָלגט.

א שלעכטער קעניג אפילו, וועלכער האָט אָנגעפיהרט א באַרבאַרישע הערשאַפט איבער׳ן לאַנד און ער האָט די מענשען שרעקליך געדריקט, גלייך ווי ער האָט געלעסטערט דעם אידישען גאָט און זיין אמונה, האָט זיך טראָצדעם געקענט איינקויפען אין סימפּאַטיע ביי אידען, ווען ער האָט אויסגעבויט א שטאָדט אין ארץ־ישראל, האָבען איהם שוין אונזערע חכמים פאַררעכענט די דאָזיגע טהאַט פאַר א זכיה און טראָץ זיינע שלעכטע מעשים האָבען זיי געהאַט פאַר איהם א גוט וואָרט.

עמרי מלך ישראל, למשל, איז געווען א געצענדיגער גלייך ווי אנדערע מלכים ביי די „עשרת השבטים" פון נאָך ירבעם בן נבט, און נישט בלויז וואָס ער האָט אָנגעהאַלטען דעם געצענדיענסט אין זיין הויף, האָט איהם נאָך דער נביא מיכה דערמאָנט אלס באַשיצער פון אלע געצענדינער. פון דעסטוועגען זאָגט די גמרא, אז ווייל ער האָט צוגעבויט א שטאָדט אין ארץ־ישראל (די שטאָדט שומרון), האָט ער אינ׳ם זכות פון דער דאָזיגער טהאַט דערגרייכט די מלוכה און פיער דורות זיינע זיינען נאָך איהם געזעסען אויפ׳ן טהראָן פון „מלכות ישראל" (זעה סנהדרין דף ק"ב עמוד ב׳).

וועגען דער צאָהל פון די שטעדט אין ארץ־ישראל פלעגט מען געבען גוזמא׳דיגע ציפערן. ביי די ערּאָבערונגען פון ינאי המלך, וואָס דער אמורא עולא בר ישמעאל האָט געזאָגט, אז אויפ׳ן גאַנצען געביעט פון יענער עראָבערונג וואָלט מען נישט געקענט אוועקשטעלען קיין „ששים רבוא שטעקענס", האָט ר׳ יוחנן געזאָגט, אז עס זיינען דאָרט געווען „ששים רבוא שטעדט, וואָס

די אמוראים פון ארץ־ישראל

יעדע פון זיי האָט פאַרמאָגט אזוי פיעל מענשען, ווי עס האָט באטראָפען די צאָהל אידען, וואָס זיינען ארויסגעגאַנגען פון מצרים" (זעה גטין דף נ"ז עמוד א'). וואָלט דאָס בסך־הכל געדאַרפט זיין מעהר מענשען, ווי עס פאַר־מאָגען היינט אלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט.

אָט אזעלכע איבערטרייבונגען וועגען די שטעדט אין ארץ־ישראל טרעפען מיר זאָגאר ביי יאזעפוס פלאוויוס, וועלכער דערצעהלט, אז אין גליל אליין האָבען זיך אין זיין צייט געפונען צוועלף הונדערט שטעדט. נאָך א שטאַר־קערע איבערטרייבונג געפינען מיר ביים גריכישען היסטאָריקער דיא קאסיוס, וועלכער דערצעהלט, אז אין דער מלחמה פון די רוימער געגען דער רעוואָ־לוציע פון בר־כוכבא האָבען די רוימער עראָבערט ניין הונדערט און פופציג באַפעסטיגטע פלעצער.

היסטאָריש באַשטעטיגט איז בלויז, אז יעדע גרעסערע שטאָדט אין ארץ־ישראל איז באַשטאַנען פון באַזונדערע „דיסטריקטען", וואָס איטליכער פון זיי האָט זיך געהאַט זיין באַזונדערע ווערדע אלס „שכונה", גלייך ווי עס האָבען היינט די פארשיעדענע אָפּגעזונדערטע טיילען פון א מאָדערנער שטאָדט.

אין די באַשרייבונגען פונ'ם אַלטען ירושלים איז באַקאַנט, אז זי האָט געהאַט אן „אויבערן טייל" שטאָדט און אן „אונטערן טייל". אָבער אין די צייטען, וועגען וועלכע מיר שרייבען דאָ, איז ירושלים שוין לאַנג געווען פאַר־וויסט און אומבאַוואוינט — און ווען עס האָבען די חכמים געוואָלט אמאָל שילדערען די שעהנקייט פון ירושלים, פלעגען זיי זיך מעהרסטענטיילס קוויקען מיט פאַנטאַסטישע בילדער, ווי אזוי ירושלים וועט אויסזעהען, ווען משיח וועט קומען.

פון דעסטוועגען זיינען די באַשרייבונגען פונ'ם אַלטען ירושלים, לויט ווי אונזערע חכמים האָבען זיי איבערגעגעבען, וויכטיג איבערטריבען. איינגע־קריצט טיעף אינ'ם זכרון ביי איטליכען איז געווען די שילדערונג פון יעדען ווינקעל אינ'ם אַלטען ירושלים, און ווען די רוימער האָבען עס נישט געלאָזט צוריק אויפבויען, האָבען זיך די אידען געטרייסט, אז די אַנדערע שטעדט זייערע אין ארץ־ישראל זאָלען אזוי אויסזעהען, ווי ירושלים האָט אמאָל אויסגעזעהען.

די מעהרסטע שטעדט אין ארץ־ישראל זיינען געווען אויסגעבויעט אויף א באַרג. דאָרט אויבען האָט געדאַרפט ארויסשיינען די שוהל אלס די העכסטע און וויכטיגסטע געביידע, מען זאָל זי ארויסזעהען פון אלע זייטען. דאָרט אויף'ן באַרג פלעגט זיצען דער „בית־דין", וועלכער האָט אויסגעטיילט גע־רעכטיגקייט און אַכטונג געטהון, מען זאָל אָפּהיטען די מצוות פון דער תורה. דאָרט האָבען זיך געפונען די „בתי מדרשים" פון דער שטאָדט, וואו עס זיינען געזעסען די חכמים, וואָס האָבען דאָס פאָלק באַלעהרענט. דאָרט פלעגט דער שמש פון דער שוהל יעדען פרייטאָג פאַרנאַכט בלאָזען שופר, אז די אידען פון דער שטאָדט גלייך ווי פון דער סביבה זאָלען וויסען, ווען זיי דאַרפען אויפהערען אַרבייטען. דאָרט אויבען אויף'ן באַרג איז אויך געשטאַנען דער „וואַכט־טורם", פון וואַנען מען האָט געקענט זעהען, וואָס עס טהוט זיך אויף מיילען ווייט און צי עס קומט נישט אָן א שונא.

כמעט אלע שטעדט אין ארץ־ישראל האָבען געהאַט „פאָרשטעדט", וועלכע האָבען זיך גערופען אין העבראַיש: „מגרש" אָדער „פרוור" (ווי אין מלכים ב' כ"ג י"א). דאָרט האָבען זיך געוועהנליך געפונען די הייזער, וועלכע האָבען זיך גערעכענט אלס א טייל פון דער שטאָדט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט

דאָס לעבען אין דער צייט פונ'ם תלמוד ירושלמי

ווענגן צאָהלען שטייערען און אכטונג געבען אויף דער אָרדנונג, אָבער אין א צייט פון מלחמה האָבען זיך די דאָזיגע הייזער שוין נישט גערעכענט אלס א טייל פון דער שטאָדט, וועלכע האָט דאָ נישט געהאט מעהר די פליכט, צו באשיצען די מענשען פון יענע הייזער, אויסער ווען יענע הייזער זיינען געווען ארום די מויערען פון דער שטאָדט אינעווייניג.

און ווען עס האָט אמאָל אזא שטאָדט אויסגעשפרייט איהרע גרענעצען, ווען עס איז פאר איהרע מענשען ענג געוואָרען דאָס לעבען צווישען איהרע מויערען, פלעגט מען דאן צונעהמען א טייל פון אונטער'ן בארג. איז דאָס געווען א ווייטערע פאַרטזעצונג פון דער שטאָדט אויבען, האָבען זיך דאן אין מאנכע פון די דאָזיגע טיילען געפונען די געוועלבען און די גאַסטהייזער פון דער שטאָדט. האָבען אָט די פלעצער באלאַנגט צו דער שטאָדט אויף צו צאָהלען שטייערן, די מענשען פון דאָרט האָבען אויך געדארפט העלפען באפעסטיגען די שטאָדט אין דער צייט פון א קריעגס־געפאהר. האָט זיך עס אָבער געהאנדעלט ווענגן באשיצען די הייזער פון יענע מענשען, האָט שוין די שטאָדט נישט געהאט קיין פליכט דערצו, ווייל זיי האָבען זיך גערעכענט ווי מענשען פון אויסערהאַלב די שטאָדט.

עס האָבען אויך אונזערע חכמים באשטימט א דין, אז אלע איינוואוינער פון א שטאָדט דארפען געצוואונגען ווערען, אויסצובויען פאר זייער שטאָדט א מויער מיט טויערען און ריעגלען, באזונדערס ווען אזא שטאָדט געפינט זיך נאָהנט ביי דער גרעניץ פונ'ם לאַנד און זי שטעהט אין געפאַהר, איבער־געפאַלען צו ווערען פון א שונא.

יעדע שטאָדט אין ארץ־ישראל האָט געהאט א מארק־פּלאַץ (שוק) אָדער עטליכע אזעלכע מארק־פּלעצער (שווקים). זי האָט אויך געהאט „גאַסען", וועלכע האָבען זיך געצויגען צווישען די הייזער (אין יחיד: „רחוב" און אין רבים: „רחובות").

שפּעטער האָט זיך א קלענערער מארק־פּלאַץ גערופען „שקק" (אנשטאט „שוק") — און ווען עס איז גערעדט געוואָרען, ווי גרויס ירושלים איז אמאָל געווען, דערצעהלט דער מדרש, אז עס זיינען דאָרט געווען „פיער און צוואנ־ציג פּלאַצען, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאט פיער און צוואנציג ארייננענג, און יעדער ארייננאנג האָט געהאט פיער און צוואנציג גרויסע מארק־פּלעצער (שווקים), און יעדער אזעלכער גרויסער מארק־פּלאַץ האָט געהאט פיער און צוואנציג קליינע מארק־פּלעצער (שקקים), און יעדער קליינער מארק־פּלאַץ האָט געהאט פיער און צוואנציג הויפען, און יעדער הויף האָט געהאט פיער און צוואנציג הייזער" (איכה רבתי פרשה א' פיסקא ב').

איטליכער מארק־פּלאַץ אין א שטאָדט האָט געוועהנליך געהאט אן אייגע־נעם נאָמען, לויט דעם מין האַנדעל, וועלכער איז דאָרט געפיהרט געוואָרען, א שטייגער ווי „דער מארק פון עופות" אדער „דער פיש־מארק". אנדערע האָבען זיך גערופען לויט די מענשען, וואָס האָבען דאָרט געוואוינט, א שטיי־גער ווי „דער מארק פון די ארמיים" (שוקא דארמאי), „דער מארק פון ר' יצחק" (שקקיה דר' יצחק) אדער „דער מארק פון ר' חנין" (שקקיה דר' חנין).

חוץ דעם האָט יעדע שטאָדט געהאט „ווינקלען" (קרנות), וואו די סוחרים פון דער שטאָדט האָבען געהאט זייערע געוועלבען און עס זיינען דאָרט אויך געזעסען כל־ערליי ליידיג־געהער (יושבי קרנות), וועלכע פלעגען אָרומגעהן גאַנצע טעג איבער דער שטאָדט און פארברענגען זייער צייט נישט מיט

וועלכער עס איז ארבייט אָדער מיט לערנען, ארויסקוקענדיג אויף א פרעמדען צוגערייזטען, וואָס מען זאָל איהם קענען אָפּנארען.

געוועזן נאָך אין יעדער שטאָדט א „מבוי" (ביבליש: „מבוא"), וועלכעס איז געוועזן דער אריינגאַנג צו דער שטאָדט. אַליין פאַר זיך איז אזא „מבוי" אויך געוועזן ווי א מארק־פּלאַץ און אָפטמאָל האָט ער אויסגעזעהן ווי א הויף. אזא „מבוי" פלעגט זיך ציהען מעהר אין דער לענג ווי אין דער ברייט און ער האָט געדיענט צום אריינגאַנג אין די הייזער און אין די הויפען. אין דער גמרא שפּיעלט אָט אזא „מבוי" א באדייטענדע ראָלע, ווייל די פאָרשריפטען וועגען די „ערובי חצרות" זיינען געוועזן לויט דער באַשאַפענהייט פון אזא „מבוי".

און גלייך ווי מען פלעגט צווינגען די איינוואוינער פון א שטאָדט, זיי זאָלען אָנהאַלטען די אָרדנונג אין דער שטאָדט און יעדער פון זיי האָט אויך געדאַרפט ארבייטען ביי דער באַפעסטיגונג פון דער שטאָדט אָדער ביים אָנהאַלטען די ריינקייט, פּונקט אזוי האָבען אַלע איינוואוינער פון א „מבוי" געדאַרפט זאָרגען פאַר דער אָרדנונג פונ'ם גאַנצען הויז.

די רוימער זיינען געוועזן גרויסע מייסטערס ביים בויען די מויערען פון א שטאָדט און איהרע געביידען. יעדעס מאָל, ווען זיי האָבען באַשטימט די גרעניצען פון א שטאָדט, האָבען זיי אויסגעבויט די שטאָדט אין א קוואַד־ראַטנער פאָרם פון פיער זייטען. האָבען אונזערע חכמים דערפאַר אויפגע־שטעלט א טעאָריע, אז שטעדט דאַרפען געהאַלטען ווערען אין א קוואדראַט־נער פאָרם ווי אַ פיערעקיגער טיש (כמין טבלא מרובעת), כדי צו פאַרגרינ־גערען די רעכנונג פון די צוויי טויזענד איילען אויף יעדער זייט, וואָס מען מעג ארויסגעהן אים שבת אויסערהאַלב פון דער שטאָדט (זעה ערובין דף נ"ג עמוד א').

אידען פלעגען בויען די מויערען פון זייערע שטעדט, לויט ווי אַ רוימישער שריפטשטעלער דערצעהלט וועגען די מויערען פון ירושלים, אז זיי זיינען געוועזן מיט א בעזונדערער כוונה געבויט קרומליך, כדי אז ווען דער פיינד וועט זיך נעהמען האַקען די מויערען מיט זיינע „שטורמבעק", זאָלען זיי זיין פאַר איהם געפעהרליך, ווען די אויבערשטע שטיינער וועלען אויף איהם ארונטערפאַלען. באזונדערס געפעהרליך פאַר דעם אָנפאַלער זיינען געוועזן אזעלכע מויערען אין זייערע ווינקלען, וואו מען האָט געקענט רעכענען אויף טויזענדער קרבנות פון צווישען די אָנגרייפער.

וועגען דער ענגעניש פונ'ם אָרט אינעווייניג אין די שטעדט זיינען די הייזער געשטאַנען צונויפגעדריקט און אריינגעבויט אין די מויערען פון דער שטאָדט. די אויסענווייניגסטע מויערען פון די הייזער האָבען געוועהנליך געדיענט אַלס טויערען צו דער שטאָדט. אזוי געפינען מיר ביי דער ערָאבע־רונג פון יריחו, אז רחב'ס הויז איז געוועזן אינעווייניג אין דער מויער, און אזוי ווערד אויך דערצעהלט וועגען איינעם אַן ארץ־ישראל'דיגען „אמורא", וואָס דער טויער פון דער שטאָדט איז געוועזן די טהיר צו זיין הויף (זעה ירושלמי שבת פּרק ו' הלכה א').

אנדערע מויערען פון שטעדט זיינען אָפטמאָל געוועזן טאָפּעלטע, איינע אין דער אַנדערער אריינגעמויערט, אז ווען דער שונא וועט ערָאבערן די אויסענווייניגסטע מויער, זאָל ער נאָך האָבען צו טהון מיט א צווייטער, הינטער וועלכער די מענשען זאָלען זיך קענען לענגער באַשיצען פאַר דער איבערמאַכט פונ'ם שונא.

דאָס לעבען אין דער צייט פונ'ם תלמוד ירושלמי

ביים אויפבויען זייערע שטעדט פלעגען די רוימער אריינשטעלען פראקטיקען אויף אלע פיער זייטען פון דער שטאָדט. פלעגען זיי דאָס אָבער טהון בלויז צו גוי'שע שטעדט. די אידישע שטעדט דאגעגען פלעגען האָבען אן אָרימען אויסזעהען סיי אין זייער אויסבוי און סיי אין די מויערען פון זייער באשיצונג.

דאָס לעבען פון דער שטעדטישער באפעלקערונג אין ארץ־ישראל איז אויך שטענדיג געווען גרונד־פארשיעדען פונ'ם לעבען אין די דערפער, סיי אינ'ם עסען און טרינקען פון די מענשען, אזוי ווי אין זייער דענקען און אין זייער קליידונג. די אומשטענדען פונ'ם שטעדטישען לעבען אין אלע זיינע ערשיינונגען האָבען זיך תמיד געהאלטען לויט א פארפיינערטען געשמאק ביי אלע באדערפענישען פון די מענשען, אין געגענזאץ צו דער האלטונג פונ'ם דאָרפישען לעבען, וועלכעס האָט זיך אין אלע צייטען געפיהרט אויף א פרימיטיווען שטייגער.

פאר דער באקוועמליכקייט פון די שטעדטישע מענשען זיינען געווען איינגעאָרדענט מארקעטס און גאסטהייזער, וואו עס פלעגען אריינגעבראכט ווערען די נויטיגע שפייזען און וואו עס זיינען אויך באזאָרגט געוואָרען די צוגערייזטע מענשען מיט עסען און נאכט־לעגער.

מיט אָט די צוויי אינסטיטוציעס פון מענשליכער ציוויליזאציע, די מארקעטס און די גאסטהייזער, האָט זיך אָנגעהויבען די ערשטע גרונדלאגע פון א האנדעל אין ארץ־ישראל. אין געוויסע טעג אין דער וואָך פלעגען זיך די מענשען פון די דערפער צונויפקלויבען אין די שטעדט, צו פארקויפען דאָרט די פרוכט פון זייער ערד. אין דערזעלבער צייט פלעגען די שטעדטישע מענשען האלטען אָפען זייערע קראָמען, וואו עס האָבען די דאָרפישע מענשען געקענט איינקויפען אזעלכע לעבענס־באדערפענישען, וואָס די ערד אין זייערע היימישע דערפער האָט זיי ניט געקענט געבען.

געוועהנליך האָט מען אזא צוזאמענקונפטס־טאָג פון די דאָרפישע מענשען גערופען „יום הכניסה", און דאָס פלעגט פאָרקומען יעדען מאָנטאג און דאָנערשטאג. לכבוד די צונויפגעקומענע פרעמדע מענשען פלעגט מען דאן לייענען א פרשה אין דער סדרא פון דער וואָך. אויסערדעם האָט מען אויך די אָנגעקומענע דאָרפסמענשען באזאָרגט מיט אנדערע רעליגיעזע באדערפענישען. פלעגט דאן דער „בית דין" פון דער שטאָדט זיצען צו געריכט אין יענע טעג, אויסצוטיילען גערעכטיגקייט, סיי צו די דאָרפישע און סיי צו די שטעדטישע מענשען. אין אזא טאָג פלעגען אויך די חכמים דרש'נען פאר'ן עולם, זיי צו באלעהרנען וועגען די ענינים פון דער אמונה.

אנדערע מארקעטס זיינען געוועהנליך פאָרגעקומען יעדען פרייטאג, ווען די דאָרפישע מענשען פלעגען אריינברענגען די באדערפענישען פונ'ם עולם אויף שבת, דהיינו: וויין, פיש, עופות און בהמות (זעה תוספתא בבא מציעא פרק ג').

דאָרט אין שטאָדט האָבען זיך אויך געפונען די בעלי־מלאכות, וואָס האָבען פארפערטיגט די באקליידונג און אנדערע עהנליכע באדערפענישען פונ'ם דאָרפסמענש, פאר וועלכע ער פלעגט באצאָהלען מיט די תבואות פון זיין ערד. צו אָט די בעלי־מלאכות איז אויך געווען פאררעכענט דער סופר, דער רופא און דער מלמד, וואָס דער דאָרפישער מענש האָט זיך גענויטיגט אין זייער ארבייט גלייך ווי דער שטאָדטישער.

די אמוראים פון ארץ־ישראל

אָט דעם מין האנדעל פון די דאָרפישע מענשען פלעגען אונזערע חכמים באצייכענען מיט'ן וואָרט „משא ומתן", ווייל ער איז גרעסטענטיילס באשטא־נען פון נעהמען און געבען. דער ערד־ארבייטער האָט אוועקגעטראָגען די פרוכט פון זיין פעלד אין שטאָדט אריין און ער האָט דערפאר איינגעהאנדעלט די מלבושים פאר זיין גוף אדער כלים צו דער ארבייט. געלד אלס טויש פאר זיינע תבואות האָט דאמאָלס דער ערד־ארבייטער זעלטען ווען גענומען. ער וואָלט דאן פשוט נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל דערמיט טהון.

ווען א שטאָדט האָט זיך אָנגעהויבען אויסבויען, האָט דאָס געדארפט זיין אויף א פּלאַץ פון וואסער, — און ווען עס זיינען אין אזא אָרט נישט געווען פארהאנען קיין נאטירליכע קוואלען, האָט מען אהין געצויגען וואסער דורך רעהרען אויף א קינסטליכען אופן, און אזא מין קינסטליכע „וואסער־לייטונג", וואָס איהר וואסער איז שטענדיג געפלאָסען אָהן אויפהער, הייסט אין מדרש „אגוגא דמיא" (זעה איכה רבתי פרשה א').

אין פיעלע שטעדט האָט מען נאָך אויסערדעם געהאט א גרויסען „וואַ־סער־באהעלטער", אז טאָמער וועלען אמאָל די קוואלען אויסטרוקענען, זאָל די שטאָדט נישט בלייבען אָהן וואסער, ביז מען וועט האָבען אויסגעגראָבען נייע ברונעמער. מען האָט שוין אויך דאמאָלס פארשטאַנען, צו באנוצען דעם דרוק פונ'ם וואסער, מען זאָל עס מאַכען ארויפקומען פון די נידריגע קוואלען ביז אויף א הויכען בארג.

עס זיינען אויך אין מאנכע שטעדט געווען אויסגעבויעט „קאַנאַלען", אוועק צו וואַשען די אומריינקייטען און די שלעכטע וואסערען, וואָס פלעגען זיך אָנקלייבען נאָך א רעגען. אָט די „קאַנאַלען" האָבען נאָך חוץ דעם געהאט די אויפגאבע, צוצופיהרען וואסער, אויף צו באשפּריצען די פעלדער און די גערטנער אין צייטען פון טרוקעניש. דעסגלייכען איז געזאָרגט געוואָרען, אז דאָס שעפּען וואסער פון די ברונעמער זאָל נישט זיין שווער. פאַר אָט דעם צוועק האָבען די ברונעמער געהאט „וויאדרעס" (העברעאיש: „דלי"), צוגע־בונדענע צו לאַנגע שטריק, ארויפצוציהען דאָס וואסער פון די טיפעניש.

און וואָס עס האָט נישט געפעהלט קיין וואסער אין די ארץ־ישראל'דיגע שטעדט, האָט געגעבען צו די מענשען די מעגליכקייט, צו האָבען גענוג בעדער, וועלכע האָבען געבראַכט קערפּערליכע ריינקייט און זיי האָבען אויך גע־שטאַרקט די געזונדהייט פון די מענשען, ווי עס איז דאַן געווען צו דער־קענען אויף יעדען שטעדטישען איינוואוינער.

די נויטווענדיגקייט פון א באָד פאַר די מענשען און די בארעכטיגונג פון אזא נויטווענדיגקייט ווערד באמערקט אין דער גמרא, וואו עס איז געזאָגט, אז „ווען א מאַן א שטעדטישער לאָזט נישט זיין ווייב נעהמען א באָד ווי־ניגסטענס איין מאָל א וואָך, אָדער ווען א מאַן א דאָרפישער לאָזט נישט זיין ווייב נעהמען א באָד וויניגסטענס איין מאָל אין צווי וואָכען, קען די פרוי פאַרלאַנגען א גט מיט א פולער כתובה, גלייך ווי ווען א מאַן א דאָרפישער הייסט זיין ווייב געהען באַרוויס דריי חדשים נאָכאַנאַנד, אָדער ווען א מאַן א שטאָדטישער הייסט זיין ווייב געהען באַרוויס איין מעת־לעת" (זעה ירושלמי פסחים פרק ח' הלכה א' און כתובות פרק ז' הלכה ד').

יעדע שטאָדט האָט געהאט איהרע פעלדער, צו שפּייזען די מענשען פון דער שטאָדט. אין אנדערע שטעדט זיינען זיי זאָגאר געווען אינערהאלב די מויערען. דאָסזעלבע איז געווען מיט ווינקעלערס און מיט שייערען פון תבואות, וועלכע האָבען זיך אין מאנכע שטעדט געפונען אויסערהאלב פון

די מויערען און אין אַנדערע ערטער זיינען זיי געווען אינעווייניג אין שטאָדט.

אויסערהאלב פון די שטעדטישע מויערען פלעגען זיך אויך געפינען די בוימער, וועלכע האָבען וואהרשיינליך נישט געפעהלט אין קיין שום שטאָדט. האָבען זיי אָבער מעהרסטענטיילס נישט געהאט קיין פּלאַץ אינעווייניג צווישען די מויערען פון דער שטאָדט, האָט מען זיי געדאַרפט פּלאַנצען אויסערהאלב די מויערען. אין אַנדערע שטעדט זיינען חוץ די בוימער פון אויסערהאלב די מויערען נאָך געווען גערטנער, און מאנכע פון די דאָזיגע גערטנער זיינען געווען אזוי געפּלאַנצט, אז דער וועג צו געהען דאָרט ארומען האָט געפיהרט צווישען שורות בוימער פוןביידע זייטען ווי „אַלעען".

די מענשען אין די שטעדט פלעגען אויך אָפטמאָל באַלייכטען די פינס־טערע אריינגענג צו זייערע הויפען מיט ברענענדע ליכט אָדער אויל־לאָמפּען. געוועהנליך האָבען דאָס די מענשען געטהון אויף זייער אייגענעם חשבון און עס האָט מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער שטאָדט גאָר נישט צו טהון (זעה תרומות פּרק י"א משנה י' און פסחים דף נ' עמוד ב').

חוץ די וועכענטליכע מארק־טעג פון מאָנטאג און דאָנערשטאג אָדער פון פרייטאג האָט די שטאָדט געהאַט ספּעציעלע „ירידים" אין באַשטימטע צייטען, איין מאָל אין א חודש אָדער איין מאָל אין א האלב יאָהר, וואו מען האָט געבראַכט כל־ערליי סחורות פון די וויטעסטע מקומות און עס האָט שוין דאָרט אויך געמוזט זיצען א „חלפן" (אין דער גמרא הייסט אזא מענש „שולחני"), איינצוטוישען די אויסלענדישע מטבעות, וואָס די פרעמדע סוחרים האָבען מיט זיך געבראַכט און פאַר וועלכע זיי פלעגען איינקויפען ארץ־ישראל'דיגע סחורות, אוועקצופיהרען אין זייערע היימלענדער.

אויסער דער באַדייטונג פונ'ם שטעדטישען מארק־פּלאַץ אליין פאַר זיך, וואָס ער האָט צוגעשטעלט די שפּייזען פאַר די מענשען פון דער שטאָדט, האָט ער נאָך געהאַט אַן עסטעטישע ווערדע. אזוי ווי ער איז געווען אויף א העכערען אָרט און עס זיינען דאָרט געווען אויסגעלייגט פאַרשיעדענע מינים פרוכטען אין דער שענסטער פאָרם, האָט דאָס אויג געהאַט א פאַרגעניגען צו קוקען, וואָס מען האָט אַלץ אריינגעבראַכט, אז די מענשען פון דער שטאָדט זאָלען האָבען וואָס זיי דאַרפען.

די פרוכטען, וואָס מען פלעגט אריינברענגען אין די שטעדט צום פאַר־קויפען, זיינען אין ערשטער רייהע געווען קאָרן אויף ברויט. אין אנדערע שטעדט פלעגט מען אויך ברענגען ווייץ אָדער אנדערע מיני תבואות. אָפּט־מאָל פלעגט מען וויטער ברענגען אנדערע מיני סחורות, א שטייגער ווי: פּלאַקס, וויין, וואָל, לעדער, קליידער, שיך און שקלאַפען.

חוץ וואָס מען האָט געקענט אלסדינג קריגען אויף די מארק־פּלעצער, האָט נאָך יעדע שטאָדט פאַרמאָגט פאַרשיעדענע קראָמען, וואו עס האָבען זיך געפונען צו פאַרקויפען אלע מענשליכע באדערפעניששען, אפילו געוועהר. אין די קליינע שטעדטלעך און אין די דערפער פלעגט מען אויך טרעפען הויזירער, וואָס זיינען ארומגעגאַנגען פון הויז צו הויז, אָנגעלאָדען מיט פּעק סחורות אויף די פּלייצעס צום פאַרקויפען. אָפּטמאָל האָבען אויך די דאָרפישע מענשען ליעבערשט ארום־הויזירט מיט זייערע סחורות אויף די פּלייצעס און זיי האָבען גאָר נישט געוואָלט ארויסטראָגען אויף די מארקעטס, ווייל מען פלעגט זיי דאָרט אָפּנאַרען.

ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרען, האָבען די מענשען פון די שטעדט תמיד ארויסגעוויזען א פאַרפיינערטען געשמאַק ביים געניסען זייערע שפּייזען

אקעגען די דאָרפישע מענשען, וועלכע האָבען אַנגעפיהרט א פרימיטיווען לעבען און זיי האָבען זיך געשטעלט צופרידען מיט כל־ערליי גראָבע עסענס. דערמאָנט אפילו די גמרא דעם חלוק אין די מעהלען, וואָס די שטאָדטישע מענשען האָבען פארברויכט אקעגען דעם מעהל, וואָס די דאָרפישע האָבען באַנוצט (זעה פסחים דף מ׳ עמוד א׳).

אזוי איז געווען א מאכל מיט׳ן נאָמען „ריהטא דמחוזאי”, וועלכעס איז געווען געמאכט פון טייג געפרעגעלט אין האָניג. איז דאָס ביי די שטאָדטישע מענשען באַשטאַנען פון מעהר האָניג ווי טייג און די דאָרפישע מענשען האָבען צו דעם באַנוצט מעהר מעהל ווי האָניג (זעה ברכות דף ל״ז עמוד ב׳).

עס איז אויך באקאנט, אז די דאָרפישע מענשען פלעגען עסען אזא מין ברויט, וואָס שטעדטישע מענשען האָבען עס נישט געקענט פארטראָגען. אָט דאָס ברויט ווערד אָנגערופען אין דער גמרא „ריפתא איכרייתא” (ערובין דף פ״ב עמוד א׳). דעסגלייכען זיינען די דאָרפישע מענשען געווען אנדערש אין זייערע קליידער, וועלכע זיינען געווען געמאכט אויף א פרימיטיווען שטייגער און די גמרא רופט זיי „בגדי בני חקליתא” (שבת דף י״ב עמוד א׳), און אין די שטעדט פלעגען זיך מאנכעס מאָל מאכען אזעלכע מאָדעס אין דער מענשליכער קליידונג, אז מען פלעגט דאן אויפ׳ן ערשטען בליק נישט דערקענען צווישען א מאַן און א פרוי (זעה שבת דף י״א עמוד א׳).

ווי שווער עס איז געווען דאָס לעבען פון די מענשען אין די ארץ־ישראל׳דיגע שטעדט, איז די לאַגע אין די דערפער הונדערטער מאָל שווערער געוועזען. גאַנץ באזונדערס איז דאָס געווען צוליעב דעם, וואָס אויסער דעם קאַמף פאר זייער עקזיסטענץ, וואָס די מענשען פון די דערפער האָבען גע־דאַרפט אָנפיהרען אויף א מעהר שווערען שטייגער, האָבען זיי נאָך געהאט צו ליידען פון א שרעקליכער גרינגשעצונג און דערנידערונגען.

דער דאָרפישער מענש איז גערופען געוואָרען „עם הארץ”. כאראקטע־ריסטיש איז אויך, אז דיזעלבע חכמים, וואָס האָבען אָפטמאָל ארויסגעוויזען א געוויסען רעספעקט צום שטאָדטישען בעל־מלאכה, האָבען דעם דאָרפישען ערד־ארבייטער, דעם „עם־הארץ” הייסט עס, איינפאַך פאראכטעט. אין שפע־טערע צייטען האָט מען דעם דאָרפס־מענש נישט מעהר גערופען „עם־הארץ”, נור „בן כפר”, האָט מען אָבער גלייכצייטיג ווייטער באַטאָנט דעם גרויסען אונטערשיעד, וועלכער עקסיסטירט צווישען א מענש פון דער שטאָדט און א דאָרפישען מענש.

אין דער דאָזיגער דיפערענצירונג האָט זיך באוויזען די טיפע גרינגשע־צונג צו די דאָרפס־מענשען, און גאנץ דייטליך קען מען אָט דאָס פארהעלטניס זעהען ביי די פארשיעדענע שילדערונגען און פאָלקס־ווערטלעך, וואָס זיינען אין יענע צייטען איבערגעגעבען געוואָרען וועגען די דאָרפישע מענשען, ביי וועלכע עס דערקענט זיך, אז דער שטאָדטישער מענש איז דאן געווען פאררע־כענט פאר א ציוויליזירטען און א דאָרפישען מענש האָט מען געהאלטען פאר זעהר אומוויסענד.

האָט דאן איטליכער געגלויבט, אז די גאנצע חכמה פון דער וועלט שטעקט בלויז אין די שטעדט און נור דער שטאָדטישער מענש פארשטעהט, ווי אזוי מען דאַרף אָפגעבען כבוד צו׳ן א געלעהרנטען אָדער צו׳ן א פאָרשטעהער פונ׳ם פאָלק. און טאָמער האָט זיך אמאָל א דאָרפישער מענש פארזינדיגט, ווען ער האָט נישט געוואוסט, אָפצוגעבען דעם געהעריגען כבוד צו׳ן א העכער גע־שטעלטען, האָט מען איהם דערפאר נישט באַשטראָפט, ווייל מען האָט גערע־

בענט, אַז ער האָט דאָס געטהון אָהן אַ שלעכטער כוונה — צוליעב אומ־וויסענהייט.

די בעסטע באַאורטהיילונג, וואָס אונזערע חכמים האָבען געגעבען וועגען דעם אונטערשיעד צווישען אַ דאָרפישען מענש און אַ שטאָדטישען, שטעקט אין זייער אויסשפּרוך וועגען די צוויי נביאים, ישעיה און יחזקאל, וואָס ביידע האָבען באַשריבען די זעהונג זייערע, ווי זיי האָבען געזעהען דעם אויבער־שטען כביכול מיט זיין גאַנצער „פּמליא של מעלה", נור יעדער האָט די דאָזיגע זעהונג באַשריבען אויף אַן אַנדערן אופן. האָבען די חכמים וועגען דעם געזאָגט, אַז ישעיה האָט די זעהונג זיינע געשילדערט ווי אַ שטאָדטישער מענש, וואָס האָט אָפטמאָל די זכיה צו זעהן דעם קעניג. דאַגעגען האָט יחזקאל די זעהונג זיינע באַשריבען ווי אַ דאָרפישער מענש, וועלכער האָט דעם קעניג איין מאָל אין זיין לעבען געזעהען (זעה חגיגה דף י"ג עמוד ב').

עס איז אויך אינטערעסאַנט צו וויסען, אַז ווען עס איז אַמאָל אויסגע־בראָכען אַ רעוואָלוציע אין ארץ־ישראל, איז זי אויסגעבראָכען אין די שטעדט, ווייל נור דער שטאָדטישער מענש האָט געהאַט אַ פאַרשטענדניס פאַר דער פּאָליטישער לאַגע פונ'ם לאַנד. דאַגעגען האָט זיך דער דאָרפישער מענש גאָר נישט געקימערט וועגען דעם אַלעמען. אַזוי ווי עס האָט זיך איהם אויס־געדאַכט, אַז יעדער קוקט נאָר אַרויס, איהם צו באַראַבעווען, איז איהם נישט געווען קיין חלוק, צי דער רויבער איז אַן אייגענער, אַ איד, אָדער אַ פרעמ־דער, אַ גוי. עס האָבען זיך אויך דאַמאָלס אַרומגעדרעהט גזלנים געגוג איבער די וועגען פון ארץ־ישראל, אידען און גוים, חוץ סאָלדאַטען, שטייער־קאָלעק־טאָרס פון דער רעגירונג און פאַרשיעדענע אַנדערע שלעק.

דאָס גאַנצע לעבען פונ'ם דאָרפישען מענש ווערד איבערהויפּט געשיל־דערט, אַז עס איז געווען אויף אַ זעהר נידריגען שטייגער. זיין עסען איז געווען אָרימער, זיינע קליידער גראָבער, די מעבעל אין זיין שטוב געמיינער. זיינע בענקלעך, זיינע טישען און זיינע בעטען זיינען געווען צונויפגעקלאַפּט פון אומגעהובעלטע ברעטלעך. ביי די פאַרשריפטען וועגען דער ריינקייט פון די כלים ווערד אויך באַזונדערס דערמאָנט די „שיסעל פון די דאָרפישע מענ־שען" (צעי חקלייתא), אַז זי איז געווען אַנדערש ווי די כלים פון די שטאָדטישע מענשען (זעה ביצה דף ל"ב עמוד א').

עס איז אויך אינטערעסאַנט, וואָס די חכמים האָבען די דאָרפישע מענ־שען ערלויבט, זיי זאָלען מעגען פייערען דעם יום־טוב פּורים אין אַ פריהערען טאָג ווי די שטאָדטישע מענשען. אין מגלת אסתר שטעהט אויסדריקליך, אַז דער יום־טוב פּורים דאַרף געמאַכט ווערען דעם 14טען און דעם 15טען טאָג פונ'ם חודש אדר, און אין דער משנה (מסכת מגלה פּרק ראשון) ווערד גע־זאָגט, אַז די דאָרפישע מענשען מעגען לייענען די מגלה אין זייער „יום הכניסה", ווען זיי קומען זיך צונויף אין שטאָדט אַריין, וועלכעס פלעגט זיין יעדען מאָנטאַג אָדער דאָנערשטאַג, עס מעג דאַמאָלס זיין דער 11טער, דער 12טער אָדער דער 13טער טאָג פונ'ם חודש.

אפילו די שוהלען פון די דערפער האָבען געהאַט אַן אַנדערן דין ווי די שוהלען אין די שטעדט. די שוהלען פון די דערפער האָט מען געמעגט פאַר־קויפען און די שטעדטישע שוהלען האָט מען נישט געטאָרט. די אורזאַך דערפון איז אָנגעגעבען, אַז די שוהלען אין די שטעדט זיינען דאָס אַלגעמיינע אייגענטום פון דער גאַנצער שטאָדט, נישט פון יחידים, איז אָבער די דאָזיגע אורזאַך נישט מעהר וויכטיג, ווייל עס איז בלויז אינטערעסאַנט, וואָס מען

האָט די שוהלען אין די דערפער געמעגט פאַרקויפען (זעה מגלה דף כ"ו עמוד א׳).

די שווערקייט פונ׳ם דאָרפישען לעבען האָט זיך באַזונדערס געוויזען אין דעם, וואָס ווען עס איז נור נאַכט געוואָרען, האָט שוין איטליכער מורא געהאַט, ארויסצוגעהען פונ׳ם הויז. א ווילדע חיה זאָל איהם נישט אָנפאַלען (זעה ירושלמי ברכות פרק א׳ הלכה א׳). דעסגלייכען האָבען די דאָרפישע מענשען געהאַט פיעל צו ליידען פון סאָלדאַטישע אָנפאַלען. אַמאָל זיינען עס געווען אייגענע, וואָס זיינען געגאַנגען באַגעגענען א שונא, אדער זיי האָבען באַגלייט דעם שטייער־קאָלעקטאָר פון דער רעגירונג און זיי האָבען זיך גע־דאַרפט באַזאָרגען מיט שפּייז. אַן אנדערעס מאָל זיינען עס געווען פרעמדע סאָלדאַטען, וואָס זיינען געקומען אויף ערָאָבערונגען.

אין ביידע פאַלען פלעגען די סאָלדאַטען פארשווינען דאָס לעבען פונ׳ם דאָרפישען מענש און זיי פלעגען איהם בלויז אויסרויבען ביז צום לעצטען שטיקעל שפּייז, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אנדערש איז שוין געווען ביי די גזלנים, וואָס האָבען זיך אפילו אין צייטען פון שלום און געאָרדענטע פאַר־העלטניסע ארומגעדרעהט איבער די דערפער פריי אָהן מורא, און זיי פלעגען נעהמען, וואָס עס איז זיי נור געקומען אונטער דער האַנד, און טאָמער האָט מען זיך זיי אקעגען־געשטעלט, האָט מען עס באַצאָהלט מיט׳ן לעבען.

צוליעב אָט די אורזאַכען האָט דער תנא ר׳ יוסי (בן חלפתא) פארגליכען דאָס לעבען פון די דאָרפישע מענשען צום לעבען פון די וואַנדערער אין די מדבריות, וואָס זייער לעבען איז גאָר נישט קיין לעבען (דרך ארץ זוטא פרק י׳), זייערע ווייבער זיינען נישט זייערע, ווייל יעדער האָט זיי געקענט באַוועל־טיגען, און מיט זייערע קינדער זיינען זיי אויך נישט זיכער (זעה ערובין דף נ"ה עמוד ב׳).

אין די שטעדט זיינען געוועהנליך די טהירען פון די הייזער שטענדיג פאַרמאַכט געוועזען, און טאָמער איז ערגיץ א טהיר געווען אָפען, איז ביי איהר געווען אָנגעהאַנגען א גלעקעל, מען זאָל הערען, אז אימיצער איז גע־קומען, אָבער די הייזער אין די דערפער זיינען געווען שטענדיג אָפען פאַר יעדען פארבייגעהער, און ווער עס איז אריינגעקומען צו׳ן א דאָרפישען מענש מיט אַן עהרליכער כוונה, האָט דאָרט געקענט געפינען די גרעסטע גאַסט־פריינדשאַפט.

פון דעסטוועגען האָט דאָס לעבען אויף׳ן דאָרף געהאַט זיינע גוטע זייטען, צוליעב די ענגעניש אין די שטעדט זיינען דאָרט די מענשען טראָץ דער געבאָ־טענער ריינקייט און די שטענדיגע וואַשונגען געווען אויסגעזעצט צו כל־ערליי קראַנקהייטען, וואָס די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען קלעפּיגע, וואו איינער האָט זיך אָנגענומען פונ׳ם אנדערן און אָפטמאָל האָט די קראַנקהייט געשטעקט אין די מויערען פון דער דירה, ווי מען קען דאָס זעהען ביי די דינים פון די „מצורעים".

צעהן זאַכען האָבען די חכמים באַשטימט, אז יעדע שטאָדט זאָל זיי מוזען האָבען פאַר דער באַקוועמליכקייט פון איהרע איינוואוינער, דהיינו: אַ בית־דין, א „קופה של צדקה", א שוהל, א מרחץ, א בית־הכסא, א רופא, א באַלבירער, א שרייבער, א קצב און א מלמד (סנהדרין דף י"ז עמוד ב׳). האָט אָבער דאָס אַלעס אין דער צייט פון א קלעפּיגער קראַנקהייט גאָר נישט גע־האָלפען און די מענשען פון דער שטאָדט האָבען דאַמאָלס געמוזט זוכען שוץ אויף דער פרייער לופט פונ׳ם דאָרף.

דאָס לעבען אין דער צייט פונ'ם תלמוד ירושלמי

דער גרעסטער אונטערשיעד צווישען שטאָדט און דאָרף איז געווען צו זעהען ביי דער פאַרוואַלטונג. די שטאָדט האָט געהאט א „בית דין" און א פּאָליס. דאָרט איז אויך באַשלאָסען געווארען דאָס קאָלעקטען פון די שטייערען, לויט ווי מען האָט יעדען אָפּגעשאַצט, וויפיל ער דארף ביישטייערען צו דער אַדמיניסטראַציע אדער צו דער צדקה פאר אָרימע לייט, דאַגעגען האָט זיך אין די דערפער אלסדינג געפיהרט אויף אן אופן פון אַנאַרכיע, ווער עס איז געווען שטאַרקער, דער האָט געהאט די מאכט, צו טהון וואָס ער האָט געוואָלט.

און חאָטש עס האָט געוועהנליך געהערשט ביי אידען א שנאה צו הינט און א שטאָדטישער מענש האָט בלויז אין א זעלטענעם פאַל געקענט האַלטען א הונד אין זיין הויז, און דאָס האָט געמוזט זיין אן אָנגעבונדענער אויף א קייט. עס איז אויך געווען אָנגענומען די מיינונג, אז „ווער עס האַלט הינט אין זיין הויז, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט געהאַלטען חזירים". מען האָט זיך אויך דערצעהלט, אז א שוואַנגערע פרוי האָט אַמאָל געמפּיל'ט, ווייל זי האָט זיך דערשראָקען, וואָס א הונד האָט אויף איהר געבולען (בבא קמא דף פ"ג עמוד א'). האָט מען אין די דערפער יאָ געמעגט האַלטען הינט, ספּעציעל אזעלכע, וואָס האָבען אכטונג געגעבען אויף צו האַלטען די בהמות צוזאַמען, זיי זאָלען זיך נישט פאנאנדער־לויפען.

דורך די דערפער פלעגען געהען פארשיעדענע וואנדערער. איינע פלעגען רייזען פאר מסחר. אַנדערע האָבען געדאַרפט רייזען פאר פּאָליטישע צוועקען, פאר שתדלנות ביי דער רעגירונג. נאָך אַנדערע האָבען גערייזט פאַר רעליגיעזע צוועקען, באקאנט צו מאכען געוויסע פאַראָרדנונגען פון די סנהדרין. חוץ דעם זיינען אויך געווען רייזענדע צוליעב פארגעניגען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט באַקענען מיט מענשען און לענדער.

האָבען אָט די אלע רייזענדע שטענדיג געפונען אן אָפען הויז ביי די מענשען פון די דערפער, וואו זיי פלעגען זיך אויך אָפּטמאָל באהאלטען פאר די פארשיעדענע געפאַהרען פונ'ם וועג. גזלנים פלעגען זיצען ביים וועג, טשאַטעווען אויף אזעלכע רייזענדע און אוועקנעהמען ביי זיי, וואָס זיי האָבען ביי זיך געהאַט, איבערלאָזענדיג זיי דאָס נאַקעטע לעבען. אָפּטמאָל פלעגט מען דאָס טהון זאָגאר צו די קעניגליכע קאָלעקטאָרס פון שטייערען, וואָס גזלנים זיינען זיי באַפאַלען און האָבען ביי זיי צוגענומען אַלסדינג צוזאַמען מיט'ן קעניגליכען געלד (תנחומא פרשת אמור).

פון רבי יהודה נשיאה דעם ערשטען ביז צום לעצטען „נשיא״

נאָך ר׳ יהודה הנשיא (רבנו הקדוש) איז, לויט זיין צוואה, אויסגעקליבען געוואָרען אויף זיין אָרט זיין זוהן רבן גמליאל, וועלכער הייסט אין דער משנה „רבן גמליאל בנו של רבי יהודה הנשיא״ און די גמרא רופט איהם „ר׳ גמליאל ברבי״.

ווי עס דאַכט זיך, האָט דער דאָזיגער ר׳ גמליאל אָנגעפיהרט זיין ממשלה נישט מעהר ווי זעכסטענס צעהן יאָהר און דאן איז געקומען זיין זוהן, ר׳ יהודה, וואָס צום אונטערשיעד פון זיין זיידע׳ן ר׳ יהודה הנשיא, האָט מען איהם גערופען ר ב י י ה ו ד ה נ ש י א ה (און אינ׳ם ירושלמי ווערד ער עטליכע מאָל דערמאָנט מיט׳ן נאָמען ר׳ יודן) און היסטאָריש רופט מען איהם ר׳ י ה ו ד ה נ ש י א ה ד ע ר ע ר ש ט ע ר, ווייל עס איז נאָך שפּעטער געווען אַ צווייטער און אַ דריטער ר׳ יהודה נשיאה.

איז דער דאָזיגער ר׳ יהודה נשיאה דער ערשטער געווען דער לעצטער פון הלל הזקן׳ס נאָכפאָלגער, וועלכער האָט פאראייניגט אין זיין האנט די פאָרשטעהערשאַפט ביי די סנהדרין צוזאַמען מיט דער וועלטליכער אַדמיניס־טראציע פון דער אידישער באַפעלקערונג, ווייל נאָך זיין טויט זיינען שוין די דאָזיגע צוויי עמטער צוטיילט געוואָרען צווישען צוויי מענשען און דער וועלט־ליכער אדמיניסטראטאָר פונ׳ם אידישען לעבען איז נישט געווען מעהר דער פאָרזיצער ביי די „סנהדרין״.

לוידער קען מען נישט מיט באַשטימטקייט זאָגען, אין וואָסערע יאָהרען אָט די אלע געשעהענישען זיינען פאָרגעקומען, ווייל עס הערשט אין אלגעמיין א גרויסער פלאָנטער צוליעב דעם, וואָס די נעמען פון די פערזאָנען ווידער־האָלען זיך און מען קען קיינמאָל נישט וויסען, צי עס האַנדעלט זיך וועגען דעם זיידען אָדער וועגען זיינעם אן אייניקעל. שטימען נישט דאַדורך אונזערע תלמודישע דאָקומענטען מיט די היסטאָרישע דאַטומס פון דער רוימישער געשיכטע. אָבער גלויבען דאַרף מען גיכער אונזערע תלמודישע קוועלען, חאָטש זיי זיינען מעהר לעגענדאַריש.

עס איז אויך אָנצונעהמען, אז ר׳ יהודה נשיאה האָט זוכה געווען צו לערנען אין דער ישיבה פון זיין זיידען, ר׳ יהודה הנשיא. וואָס ביידע האָבען געהאַט דעמזעלבען נאָמען (יהודה), איז נאָך דאַמאָלס נישט געווען קיין מנהג ביי אידען, אז דער אייניקעל זאָל נישט טאָרען האָבען דעמזעלבען נאָמען, וואָס זיין לעבעדיגער זיידע. און א באַווייז דערצו, אז ר׳ יהודה נשיאה האָט געלערנט ביי זיין זיידען, קען מען זעהען אין דעם, וואָס די גמרא ברענגט איינמאָל „בעה מיניה הלל מרבי״, וועלכעס מיינט, אז הלל — דער אינגערער ברודער פון ר׳ יהודה נשיאה — האָט געפרעגט א שאלה ביי רבי יהודה הנשיא (בבא בתרא דף פ״ג עמוד ב׳). זאָגט מען, אז ווען הלל, דער אינגערער זוהן פון רבן גמליאל דעם דריטען, האָט געלערנט ביי ר׳ יהודה הנשיא, איז שוין א

פשיטא, אז זיין עלטערער ברודער, ר' יהודה נשיאה, האט אודאי ביי איהם געלערנט. מיר געפינען נאך אויסערדעם מיינונגס־פארשיעדענהייטען צווישען ר' יהודה הנשיא און זיין אייניקעל, ר' יהודה נשיאה, וועגען דעם דין פון איינעם, וואס קויפט פירות פון אן אומבאקאנטען אדער פון א גוי, צי זיי זיינען פארפליכטעט צו „מעשרות" אדער צו „לקט שכחה ופאה". איז דאס וויטער א באווייז, אז ר' יהודה נשיאה האט געלערנט ביי זיין זיידען, ר' יהודה הנשיא (זעה ירושלמי פאה פרק א' הלכה ה' און פרק ב' הלכה ה').

פארשטעהט זיך, אז דאס איז בלויז א „השערה", ווייל פון די קלארע ידיעות, וואס מיר האבען וועגען דעם דאזיגען ענין, קען מען נור זעהן, אז ר' יהודה נשיאה האט געלערנט ביי זיין פאטער, ר' גמליאל, און אז ער איז אויך געווען א תלמיד פון ר' חייא (זעה ירושלמי ביצה פרק א' הלכה י"א).

ר' יהודה נשיאה איז געווען דער, וואס האט מתיר געווען צו באנוצען גוי'אישען אויל (עבודה זרה דף ל"ה עמוד ב') — און ווי עס ווערד דער־צעהלט, האט ער געוואלט איינפיהרען נאך אנדערע רעפארמען, א שטייגער ווי ביי גטין וקדושין, וואס דער בית־דין זיינער האט נישט געוואלט געבען דערצו די הסכמה. דערנאך האט זיין תלמיד, ר' שמלאי, געוואלט מתיר זיין „פת פלטר", דאס הייסט געקויפטע ברויט, וואס מען ווייסט נישט, צי ס'איז ארונטערגעגעבען דערפון מעשר, האט ר' יהודה נישט געוואלט מסכים זיין דערצו, מען זאל נישט קענען רופען זיין בית־דין „בית דינא שריא", דאס הייסט: א בית־דין, וואס איז מתיר אלסדינג (עבודה זרה דף ל"ז עמוד א').

אזוי ווי עס איז אין פריהערע צייטען געווען געוואוינהייט אויל־ברייטען אין ארץ־ישראל, האט מען נישט געוואלט נעהמען קיין גוי'אישען אויל און מען האט איהם באטראכט גלייך ווי גוי'שען וויין. האבען אבער די רוימער אין פארלויף פון זייערע מלחמות אין ארץ־ישראל פארניכטעט כמעט אלע אויל־בוימער, האט דאס לאנד נישט געקענט מעהר האבען גענוג אייגענעם אויל. האט ר' יהודה נשיאה צוזאמען מיט זיין בית־דין באשלאסען, אז מען מעג באנוצען גוי'שען אויל.

לויט דער מיינונג פון רב (אבא אריכא), שטאמט דער איסור אויף גוי'שען אויל פון דניאל'ן. לויט אנדערע, איז דער דאזיגער איסור געווען איינע פון די באוואוסטע „אכטצעהן גזרות", וואס די חכמים האבען גוזר געווען בעפאר דעם חורבן. האט אבער רב נישט געוואלט עסען קיין גוי'־שען אויל אפילו נאכדעם ווי דער בית־דין פון ר' יהודה נשיאה האט דאס ערלויבט. האט זיין חבר שמואל געזאגט צו איהם: „דארפסט דעם אויל יא עסען, ווייל איך וועל זאנסט אויף דיר שרייבען, אז דו ביזט א זקן ממרא, וועלכער פאלגט נישט, וואס דער בית־דין זאגט" (ירושלמי עבודה זרה פרק ב' הלכה ט' און תוספתא עבודה זרה פרק ד').

ווי עס שיינט, האט דאס פאלק אליין געזוכט שווערער צו מאכען דאס אפהיטען אלע רעליגיעזע פארשריפטען, ווייל ווען מען האט געזעהן, אז ר' יהודה נשיאה און זיינע הויזמענשען האבען געוואלט עטוואס פארגרינגערען ביי זייער רעליגיעזער פיהרונג, האט מען דאס שארף קריטיקירט (לעזה להם כל המדינה), האבען דאס ר' יהודה און זיינע הויזמענשען נישט מעהר גע־טהון, זיי זאלען נישט דארפען ארגומענטירען צו באווייזען, אז מען מעג דאס קריטיקירטע טהון.

די אמוראים פון ארץ־ישראל

אזוי איז אמאל ר׳ יהודה נשיאה צוזאמען מיט זיין ברודער הלל געווען אין א באד אין דער שטאדט כבול, וואו עס איז געווען אנגענומען, אז צוויי מאנסבילען טארען זיך נישט באדען אינאיינעם. איז אזוי ווי זיי האבען געהערט, אז די מענשען פון דער שטאדט מומלען וועגען דעם, איז הלל באלד ארויסגעגאנגען פונ׳ם באד, נישט צו געבען קיין אורזאך פאר קריטיק.

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האבען ביידע ברידער געהאלטען שבת אין בירי, א שטאדט אויף צפון־זייט פון צפת, זיינען זיי דארט יענעם שבת ארויסגעגאנגען אין גאס אין אויבערשיך. האבען זיי געהערט, ווי דער עולם זאגט, אז מען האט דאס נאך אין בירי קיינמאל נישט געזעהן. האבען זיי באלד ארונטערגענומען די אויבערשיך און האבען זיי געגעבען צו טראגען צו זייערע דינער (פסחים דף נ״א עמוד א׳, תוספתא מועד קטן פרק ב׳).

דער גרויסער עולם פלעגט אויך שטענדיג קריטיקירען דאס הויז פונ׳ם נשיא, ווייל מען האט זיך דארט אין פיעלע באציהונגען געפיהרט אנדערש ווי אומעטום, האבען די חכמים געזאגט, אז פיעלע זאכען, וואס אנדערע אידען טארען נישט טהון, מעגען די הויזמענשען פונ׳ם נשיא יא טהון, ווייל זיי זיינען „קרובים למלכות״. האבען זיי געמעגט לאזען אויסמאלען פאר־שיעדענע געמעלעכצער אויף זייערע ווענט, זיי האבען אויך געמעגט קוקען אין א שפיגעל, לאזען זיך וואקסען א טשאפרינע און לערנען גריכיש (זעה ירושלמי שבת פרק ו׳ הלכה ה׳).

צווישען די אויבען־אויסגערעכענטע רעפארמען, וואס ר׳ יהודה נשיאה האט געוואלט איינפיהרען און מען האט עס איהם נישט געלאזט, האט ער אויך געוואלט בטל מאכען דעם תענית פון „תשעה באב״. זאגען אנדערע, אז אזוי ווי דער תענית פון תשעה באב געפינט זיך אין תנ״ך, האט עס ר׳ יהודה נשיאה גארנישט געקענט איינפאלען, ער זאל וועלען אזא תענית בטל מאכען. אלא וואס דען? ער האט בלויז געוואלט, אז ווען תשעה באב געפאלט אין א שבת, זאל מען נישט דארפען פאסטען. ער האט אויך גע־זאגט, אז אין א צייט ווען עס הערשען נישט קיין רעליגיעזע פארפאלגונגען (גזרות שמד) און אידען לעבען צופרידען, איז נישט פארהאן קיין אורזאך צו פאסטען (זעה מגלה דף ה׳ עמוד ב׳ און ירושלמי מגלה פרק א׳ הלכה ד׳).

ווי באמערקט, איז זעהר שווער, צו דערגרעהן א טאלק וועגען יענע צייטען, גלייך ווי עס קען אויך געזאגט ווערען דאסזעלבע וועגען דעם ארט, וואס די לעצטע אידישע נשיאים האבען דארט אנגעהאלטען זייערע ישיבות. אזוי ווילען מאנכע באהויפטען, אז ר׳ יהודה נשיאה האט אנגעהאלטען זיין ישיבה אין צפורי. דאגעגען זאגען אנדערע, אז אין טבריה. און די שטאדט טבריה איז געווען פאררעכענט פאר אן אומריינע, וואס די חכמים האבען זי אויסגעמיטען, ווייל עס איז געווען אנגענומען, אז עס איז דארט אמאל געווען א בית־הקברות. האט ר׳ יהודה נשיאה אויפגעהויבען די באדייטונג פון דער דאזיגער שטאדט, ווען ער האט דארט אנגעהאלטען זיין ישיבה. ער האט אויך דארט אנגעפיהרט די „סנהדרין״ און אפילו די צערמאניע פון „קדוש החודש״, וועלכע פלעגט תמיד דורכגעפיהרט ווערען אין א שטאדט פון יהודה, האט ר׳ יהודה נשיאה דורכגעפיהרט אין טבריה (ירושלמי סנהדרין פרק א׳ הלכה ב׳).

גלייך ווי מען האט גערופען ר׳ יהודה הנשיא מיט׳ן נאמען „רבי״. פלעגט מען אויך ר׳ יהודה נשיאה אפט רופען „רבי״. ביי אנדערע גע־לעגענהייטען האט מען איהם גערופען „רבנו״. איז צוליעב דעם די פראגע

ביי פיעלע ענינים פאַרפּלאָנטערט, ווייל מען ווייסט נישט וועגען וועלכען ר' יהודה עס רעדט זיך, וועגען דעם זיידען צי וועגען דעם אייניקעל. ווייל אונזער היסטאָריקער גרעץ באַהויפּטען, אַז וואָס די גמרא דערצעהלט וועגען דער פריינטשאַפט צווישען קייזער אַנטאָנינוס און רבי, געהט גאָר אויף קייזער אַלעקסאַנדער סעווערוס און ר' יהודה נשיאה.

וועגען קייזער אַלעקסאַנדער סעווערוס דערצעהלט די געשיכטע, אַז ער איז געווען אַ סירישער רוימער. ער האָט רעגירט פונ'ם יאָהר 222 ביז 235 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג און ער איז געווען אַ פריינט פון אידען. אין זיין שלאָפצימער האָבען זיך געפונען די סטאַטועס פונ'ם גריכישען אָפּגאָט אָרפעאוס, פון יעזוס און פון אברהם אבינו. ביי אַלע געלעגענהייטען פלעגט ער ווידערהאָלען דעם שפּרוך פון הלל הזקן „מה דעלך סני לחברך לא תעביד" (וואָס דיר איז נישט ליעב, אַז מען זאָל עס דיר טהון, דאַרפסטו עס אַן אַנדערען אויך נישט טהון!). ער האָט אויך געהייסען אויסקריצען דעם דאָזיגען שפּרוך אויף די טויערען פון אַלע געריכטס־הייזער, און ווען די לעגיאָנען האָבען גענדאַרפט ערגעץ־וואו מאַרשירען, האָט אַ „העראָלד" אויסגערופען דעם דאָזיגען שפּרוך בעפאָר זייער אָפּמאַרש. די פיהרער פון די לעגיאָנען זאָלען יענעם געדאַנק שטענדיג איז זינען האָבען.

גוט צו אידען און צו קריסטען, וועלכע זיינען דאַמאָלס באַטראַכט געווען ווי אַ אידישע סעקטע, האָט ער זיי שטענדיג פאָרגעשטעלט אַלס אַ מוסטער פון מאָראַל און עהרליכקייט. האָבען דאַדורך די גריכען פון אַנטיאָכיען און אַלעקסאַנדריען חוזק געמאַכט פון איהם און זיי פלעגען איהם רופען „אימפעראַטאָר אַרכיסינאַגאָגוס", דאָס מיינט: אַ קייזער, וועלכער איז דער עלטסטער אין דער אידישער שוהל(!). און חאָטש דער קייזער האָט גוט געוואוסט, וואָס מען רעדט וועגען זיין באַציהונג צו אידען, האָט ער זיך נישט געלאָזט אַרונטערפיהרען פון זיין וועג. ער האָט אויך געשענקט אַ גאָלדענע מנורה צו דער שוהל אין טבריה און ער האָט אַוועקגעגעבען אַ גרויס שטיק פעלד צום נשיא, עס זאָל זיין געגוג צו שפּייזען דעם נשיא'ס תלמידים.

אָט די נאָהענטקייט פון קייזער אַלעקסאַנדער סעווערוס צו אידען האָט פאַראורזאַכט, וואָס די רוימער אין יענער צייט האָבען זיך אויך פאַרהאַלטען פריינטליך צו די אידען און צו די קריסטען. באַקלאָגט זיך דאַדורך דער קריסטליכער „קירכענפאָטער" אָריגינעס, אַז דעם קייזער'ס געדאַנקען זיינען נעהנטער צו די אידען ווי צו די רוימער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ר' יהודה נשיאה איז, וואָס ער האָט אין דער וועלטליכער פאַרוואַלטונג פונ'ם לאַנד נישט געוואָלט מאַכען קיין אונטערשיעד צווישען די חכמים און די אַנדערע מענשען פון פאָלק. האָט ער אַרויפגעלייגט די הוצאות פון אָנהאַלטען די פאַרוואַלטונג פון דער שטאָדט טבריה אויף די חכמים, גלייך ווי אויף אַלע אַנדערע מענשען, געגען דעם אַלטען אָנגענומענעם כלל, אַז ווער עס האָט אויף זיך גענומען דעם „עול תורה", זאָל נישט דאַרפען טראָגען דעם „עול מלכות".

האָבען דאַדורך מאַנכע פון זיינע תלמידים גערעדט געגען איהם. און ווען עס זיינען אַמאָל די חכמים געזעסען אין בית־המדרש און זיי האָבען געלערענט די פּרשה פון „אם הכהן המשיח יחטא" און „אשר נשיא יחטא", האָט ר' שמעון בן לקיש אַ פרעג געטהון: „אַ נשיא, וואָס זינדיגט, דאַרף קריגען מלקות אָדער נישט?" — איז דאַן געווען די תשובה, אַז מען דאַרף

אזא נשיא געבען מלקות ביי א בית־דין פון דריי, דאס מיינט, אז מען דארף אפילו ניט רופען די „סנהדרי קטנה" פון 23 מיטגלידער, אויף צו משפט'ן א נשיא פאר אן עברה, וואס ער האט זיך פאר איהר פארדיענט מלקות.

דערנאך האט ר' שמעון בן לקיש געפרעגט, צי מען קען אזא געשמיסע־נעם נשיא צוריקברענגען צו זיין אמט. האט איינער פון די תלמידים, מיט'ן נאמען ר' חגי, אויף דעם געענטפערט, אז מען קען נישט צוריק ארויפזעצען אזא נשיא אויף זיין אמט, ווייל ער וועט אלעמען אויס'הרג'נען...

האט דאס דער נשיא געהערט און ער האט פארשטאנען, אז די אלע רייד זיינען בלויז געציעלט, איהם צו קרענקען. האט ער געשיקט איינעם פון זיינע גוי'שע סאלדאטען, דעם ר' שמעון בן לקיש צו חאפען, האט זיך דאן ר' שמעון דורך אנטלויפען געראטעוועט.

איז אויף'ן אנדערען טאג ר' יוחנן געקומען אין בית־המדרש אריין און איידער מען האט אנגעהויבען לערנען, האט זיך ר' יוחנן געמאכט עטוואס זוכען אין אלע ווינקעלעך. האט איהם דער נשיא געפרעגט, וואס ער זוכט, האט ר' יוחנן געענטפערט: „איך זוך בן־לקיש'ן, ווייל מען קען נישט אויפעפענען דאס לערנען, ווען דער שליסעל איז נישטא!"

האט איהם דער נשיא געפרעגט: „און וואו איז ער דען דער בן־לקיש, וועלכער דארף אויפעפענען דאס לערנען?" האט ר' יוחנן געענטפערט: „ער איז באהאלטען אין מגדלא!" — האט דער נשיא אויף דעם געזאגט: „טא וועלען מיר ביידע מארגען געהן איהם צוריקברענגען!"...

איז ר' יוחנן באלד גלאפען שיקען אנזאגען די בשורה צו ר' שמעון בן לקיש, און ווען זיי האבען זיך באגעגענט, האט ר' שמעון געזאגט צום נשיא: „דו האסט יעצט געטהון א זאך, וואס איז עהנליך צו דער מדה פונ'ם באשעפער, ווייל דער אויבערשטער האט אויך געטהון דאס זעלבע, ווען ער האט זיך באוויזען צו זיין פאלק, זיי ארויסצופיהרען פון דער געפאנגענ־שאפט, האט ער דאס נישט געטהון דורך א מלאך אדער א שליח, נאר ער אליין מיט זיין כבוד!" — און ווען עס האט איהם דאן דער נשיא געפרעגט, צו וואס פאר א צוועק ער האט געשטעלט זיין שאלה אינ'ם בית־המדרש אין אזא פארם, וואס זאל איהם באליידיגען, האט ר' שמעון געענטפערט: „דארפסט נישט מיינען, אז צוליעב מיין מורא פאר דיר וועל איך מיך צוריקהאלטען פון לערנען גאט'ם תורה"! (ירושלמי סנהדרין פרק ב' הלכה א', הוריות פרק ג' הלכה ב').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט דער אמורא יוסי מעוני ער־קלערט דאס פינפטע קאפיטעל פון הושע און ער האט דאביי אזוי געזאגט: עס וועט קומען א צייט, ווען דער אויבערשטער וועט אוועקשטעלען די כהנים צום משפט און ער וועט זיי פרעגען, פארוואס זיי האבען נישט אפגע־היט זיין תורה, נאכדעם ווי ער האט זיי געגעבען 24 מתנות פאר זייער כהונה. וועלען זיי אויף דעם ענטפערען: „האסט אונז, רבונו של עולם, גארנישט געגעבען!" וועט דאן דער אויבערשטער אוועקגעהן צו די אידען און ער וועט זיי פרעגען: „פארוואס האט איהר נישט געגעבען די 24 מתנות פון דער כהונה צו די כהנים, ווי איך האב אנגעשריבען אין מיין תורה?" וועלען זיי ענטפערען: „ווייל די הויזמענשען פונ'ם נשיא נעהמען ביי אונז אלס־דינג אוועק!"

האט דער נשיא זעהר געוואלט אט דעם יוסי מעוני באשטראפען, איז ר' יוחנן און ר' שמעון בן־לקיש געגאנגען דעם נשיא איבערבעטען און

זיי האָבען איהם געזאָגט: „יוסי איש מעון האָט געוואָלט ערקלערען אַ שווערען פּסוק אין תנ"ך, ביזטו דערפאַר בייז אויף איהם?" — האָט דער נשיא געלאָזט רופען דעם יוסי איש מעון און אין פאַרלויף פונ'ם געשפּרעך האָט דער נשיא געפרעגט, וואָס עס מיינט דער פּסוק „כאמה בתה" (יחזקאל ט"ז מ"ד). האָט איהם יוסי געענטפערט: „דאָס מיינט, אַז אַזוי ווי דער דור, אַזאַ נשיא און אַזוי ווי דער מזבח, אַזעלכע כהנים האָט ער!" (ירושלמי סנהדרין פּרק ב' הלכה ו').

* *
*

נאָך ר' יהודה נשיאה דעם ערשטען איז ערנאַנט געוואָרען אַלס „נשיא" זיין זוהן ר' גמליאל דער פערטער — און נאָך איהם איז געקומען ר ב י י ה ו ד ה נ ש י א ה ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר, דער אייניקעל פון ר' יהודה נשיאה דעם ערשטען (זעה ירושלמי ברכות פּרק ג' הלכה א' און תוספות צו מסכת עבודה זרה דף ל"ג עמוד ב').

עס מוז אויך נאָך אַמאָל אָנגעמערקט ווערען, אַז די פּאַסירונגען פון יענע צייטען זיינען שטאַרק אויסגעמישט און מען קען בלויז אָננעהמען די ידיעות וועגען די געשעהעגישען אַלס אַזעלכע, זאָנסט איז זעהר מעגליך, אַז דאָס דערצעהלטע וועגען דעם זיידען איז גאָר פאָרגעקומען מיט זיין אייניקעל אָדער אומגעקעהרט.

דעסגלייכען איז שווער אָריינצופּאַסען די יאָהרען צווישען ר' יהודה נשיאה דעם ערשטען און ר' יהודה נשיאה דעם צווייטען אין די דאַמאָלסדיגע געשעהעגישען פון דער רוימישער אימפּעריע. קאַרגע אַכטציג יאָהר באַטרעפט די דאָזיגע צייט. איז דערפאַר מעגליך, אַז עס איז אין פאַרלויף פון די דאַמאָלסדיגע פּאָליטישע פּאַרוואַרונגען פאָרגעקומען אין דער פיהרונג פון די אידען אַ שטיקיל „אינטעררעגנום" (רעגירונגסלאָזיגקייט) אָדער זאָנסט אַן אַנדער אונטערברעכונג. האָבען דאָס אָבער אונזערע היסטאָרישע דאָקומענטען נישט רעגיסטרירט, קענען מיר וועגען דעם גאָר ניט וויסען.

עס דאַרף אויך באַמערקט ווערען, אַז ר' יהודה נשיאה דער צווייטער איז בלויז געזעצליך געווען דער „נשיא" ביי אידען, ווייל חאָטש ער איז געווען אויסגעשטאַטעט מיט דער מאַכט פון דער רעגירונג אַלס פּאָרזיצער פון די „סנהדרין", זיינען דאַמאָלס די רעליגיעזע „אויטאָריטעטען" פונ'ם פאָלק געווען ר' אמי און ר' יוחנן.

ווי עס איז אָנצונעהמען, האָט זיך שוין ר' יהודה'ס פאָטער, ר' גמליאל דער פערטער, נישט געטרויט אַרויסצוגעבען וועלכע עס איז רעליגיעזע אָנטשיידונג אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט, איידער ער האָט אָנגעפרעגט ביי אַנדערע אויטאָריטעטען וועגען זייער מיינונג. די חכמים פון זיין צייט האָבען איהם איבערהויפּט געהאַלטען פאַר אַ „קליינעם מענש". דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט ר' יהודה נשיאה דעם צווייטען, וועלכער פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט פרעגען אַ מיינונג ביי ר' אמי (זעה ביצה דף כ"ז עמוד א' און עבודה זרה דף ל"ג עמוד ב'). און ווען ר' גמליאל האָט אַמאָל געפרעגט אַ מיינונג ביי ר' אבהו, צי ער מעג געהן אויף אַ גוי'אישען יריד קויפען שקלאַפען, האָט איהם ר' אבהו געענטפערט מיט אַ שאַרפען „ניין!" (זעה ירושלמי עבודה זרה פּרק א' הלכה א').

די אמוראים פון ארץ־ישראל

ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט ווערד דערצעהלט, אַז ווען עס איז אַמאָל נישט געגאַנגען קיין רעגען, האָט ר׳ יהודה נשיאה באַשטימט דרייצעהן תעניתים און עס האָט נישט געהאָלפען. האָט ער געוואָלט הייסען נאָך פאַסטען, האָט איהם ר׳ אמי געשיקט זאָגען, אַז עס ווערט זיין גענוג, ווייל ווען עס האָט נישט געהאָלפען ביז יעצט, וועט עס אויך ווייטער ניט העלפען (זעה תענית דף י״ד עמוד ב׳).

זיכער איז, אַז אונזער ר׳ יהודה נשיאה איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ יוחנן. איין מאָל זאָגט ער עס אליין און איין מאָל ווערד דערצעהלט, ווי ר׳ יוחנן איז אין אַ געוויסען אָבענד געקומען צו די גערטנער פון ר׳ יהודה נשיאה און ער האָט דאָרט געלעהרענט די מענשען, ווי אַזוי צו רייניגען די אַקער־אייזענס (זעה ראש השנה דף כ׳ עמוד א׳ און ירושלמי עבודה זרה פרק ב׳ הלכה ד׳).

עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז עס האָבען אַמאָל די תלמידים פון ר׳ חנינא געלערענט אַ געזעצליכען ענין געגען דער מיינונג פון ר׳ יוחנן. האָט דאָס ר׳ יוחנן דערצעהלט צו ר׳ יהודה נשיאה. האָט ער באַלד געשיקט סאָל־דאַטען, צו צווינגען יענע תלמידים, זיי זאָלען לערנען אַזוי ווי ר׳ יוחנן זאָגט (נדה דף נ״ב עמוד א׳).

אין ארץ־ישראל האָט דערווייל דאָס לערנען צו־ביסלעך אויפגעהערט. די אורזאַכען דערפון זיינען געווען די פּאָליטישע מרידות פונ׳ם לאַנד. אויסערדעם האָט זיך שוין דאַמאָלס די רוימישע אימפּעריע שטאַרק געוואַקעלט, עס האָט זיך דאָרט אין דער פּאַרוואַלטונג אריינגעריסען אַ שטיקעל אַנאַרכיע. די קייזאָרים האָבען זיך צו גיך געוועקסעלט אויף׳ן טהראָן און די מאַכט פון דער צענטראַלער רעגירונג איז געווען צו קורץ, צו קענען קאָנטראָלירען אַזעלכע ווייטע לענדער ווי ארץ־ישראל, אויף אַ ריכטיגען שטייגער. איז דאַן בבל געוואָרען אַ צענטער פאַר׳ן אידישען לערנען און אין ארץ־ישראל האָבען די בתי־מדרשים דאַן עקזיסטירט בלויז אין גליל.

דערצו איז נאָך כדאי צו וויסען, אַז ביי די מענשען אין בבל האָט טיעף אין זייערע הערצער געטליעט אַ ליעבשאַפט צו ארץ־ישראל. דאָרט האָט נאָך יעדער געגלויבט, אַז ווער עס וויל קענען די אידישע תורה, דער מוז געהן קיין ארץ־ישראל. האָבען זיך דאַן די מענשען אין ארץ־ישראל געגענזייטיג „געקיבעצט״ מיט די מענשען פון בבל. די חכמים פון ארץ ישראל פלעגען לאַכען פון די מענשען פון בבל און די חכמים פון בבל האָבען אויך נישט געשוויגען.

וויכטיגער פון אַלע רעליגיעזע ענינים איז דאַמאָלס געווען די פראַגע פון „קידוש ההודש״, וועלכעס האָט געדאַרפט באַשטימט ווערען נאָכדעם ווי עדות זיינען געקומען און זיי האָבען ערקלערט, אַז זיי האָבען געזעהן די נייע לבנה. איז דאָס דאַן געווען זעהר שווער דורכצופיהרען. אַמאָל האָבען דאָס די רוימער נישט צוגעלאָזען און אַמאָל האָט מען געהאַט צו קעמפּפען געגען אינעוויינינגסטע שונאים, וואָס פלעגען די דאָזיגע פּראָצעדור פון „קדוש החודש״ שטערען. ספּעציעל שווער איז דאָס געווען, ווען עס האָט געדאַרפט אָנקומען דער חודש תשרי אָדער דער חודש ניסן, ווען מען האָט געדאַרפט באַשטימען די טעג פון די ימים־טובים אָדער צי עס זאָל זיין אַן „עבור״ און ווען עס זאָל אויספאַלען פסח. האָט דאָס ר׳ אמי געוואָלט ווייטער פיהרען אויף דעמזעלבען שטייגער. האָט איהם ר׳ יהודה נשיאה געשיקט זאָגען, ער זאָל געדענקען, וואָס ר׳ יוחנן האָט שטענדיג געלערענט, אַז

פון רבי יהודה נשיאה דעם ערשטען ביז צום לעצטען „נשיא"

מען דארף אנשרעקען די עדות וועגען „קידוש החודש", ווען זיי האבען נישט געזעהן די נייע לבנה אין צייט, אז אפילו זיי האבען ניט געזעהן, זאלען זיי זאגען, אז זיי האבען יא געזעהען (ראש השנה דף כ' עמוד א').

עס ווערד אויך דערצעהלט ,אז ר' יהודה נשיאה האט אוועקגעגעבען פיעל צייט און מיה, אויף צו גרינדען שולען פאר קינדער און בתי־מדרשים פאר ערוואקסענע (ספרין ומתניינין) אין אלע ווינקעלעך פונ'ם לאנד. פאר אט דעם צוועק האט ער ארויסגעשיקט דריי חכמים (ר' אמי, ר' אסי און ר' חייא בר אבא), זיי זאלען זיך אויף דעם אומקוקען און וואו זיי וועלען נישט געפינען קיין שולע פאר קינדער און קיין בית־המדרש פאר דערוואקסענע, זאלען זיי צונויפרופען די פיהרער פון דער שטאדט, זיי אנצוזאגען, אז א שטאדט וואס קינדער לערנען ניט דארט, דארף מען חרוב מאכען (זעה שבת דף קי"ט עמוד ב', ירושלמי חגיגה פרק א' הלכה ז').

אין די יאהרען פון ר' יהודה נשיאה דעם צווייטען האט רעגירט אין רוים קייזער דיאלעקציאנוס, וועלכער איז געווען א געבוירענער דאציער און ער האט געשטאמט פון נידעריגען המון. ער איז אויך געווען דער ערשטער, וועלכער האט געזאגט, אז איין מענש אלס רוימישער קייזער איז נישט אימשטאנד צו פיהרען רוים'ס מלחמות אין וויטע לענדער און גלייכצייטיג צו באהערשען אזא גרויסע אימפעריע. האט ער זיך אויסגעקליבען מיט־העלפערס צו דער רעגירונג, וועלכע האבען דאן געפיהרט דעם טיטעל „אנ־טי־קיסר".

מאנכע היסטאריקער ווילען באהויפטען, אז קייזער דיאלעקציאנוס איז געווען נישט שלעכט צו אידען. עס געפינען זיך אויך ניט קיין דאקומענטען וועגען באזונדערע פערפאלגונגען פון אידען. דערצעהלט אבער דער קריסט־ליכער קירכענפאטער אייזעביוס, אז קייזער דיאלעקציאנוס איז געווען א שונא פון קריסטען. איז דאס אפילו שווער צו פארשטעהן, ווייל דאס איז געווען אין א צייט, וואס די קריסטען זיינען נאך אלץ באטראכט געווארען ווי א אידישע סעקטע.

די שנאה פון יענעם קייזער צו קריסטען — זאגען וויטער די היס־טאריקער — איז אויך נישט געווען צוליעב רעליגיעזען פאנאטיזמוס, נור ווייל ער האט לויט דער אנטוויקלונג פון די אומשטענדען פארשטאנען, אז די קריסטען ווילען פארניכטען זיין רעליגיאן. האט ער זיי געצוואונגען, זיי זאלען זיך בוקען צו די רוימישע געצקעס און ער האט אויף'ן גאנצען שטח פון זיין הערשאפט פארמאכט די קריסטליכע קירכען.

לויט אידישע דאקומענטען האט ער אויך פארפאלגט די שומרונים אין ארץ־ישראל און ער האט זיי געצוואונגען, מקריב צו זיין קרבנות צו די רוימישע געצקעס. אזוי ווערד דערצעהלט, אז מיט אויסנאהמע פון אידען האט קייזער דיאלעקציאנוס געצוואונגען אלע פעלקער, מקריב צו זיין קרבנות צו די רוימישע געצקעס און גיסען ווין פאר זיי. האבען די שומרונים גע־גאסען ווין צו דער עבודה־זרה, איז דאן זייער ווין ערקלערט געווארען אלס „יין נסך" (ירושלמי עבודה זרה פרק ה' הלכה ב').

האט מען וואהרשיינליך די אויסערגעוועהנליכע שטעלונג פון די אידען מקנא געווען, און אום זיי צו שעדיגען, האט מען פאר'מסר'ט צום קייזער, אז די אידען מאכען פון איהם חוזק, ווייל ער שטאמט פון אן אומבאוואוסטער פאמיליע און זיי רופען איהם „חזיר־טרייבער".

אין די תלמודישע דאקומענטען ווערד אויך דערצעהלט, אז קייזער

די אמוראים פון ארץ־ישראל

דיאָלעקציאַנוס איז טאַקי געווען אַמאָל אַ פּאַסטוך פון חזירים, פלעגן דאָ־מאָלס די תלמידים פון ר׳ יהודה נשיאה אָפּשפּעטן פון איהם און זיי פלעגן איהם זאָגאַר שלאָגען. און אַזוי ווי ער איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס קייזער אין רוים, האָט ער גוט געדענקט, וואָס אידען פלעגן איהם טהון, און ווען ער איז אַמאָל געווען אין ארץ־ישראל אין אַ שטאָדט, וועלכע איז געווען פינף מייל ווייט פון טבריה, האָט ער געשיקט אַ בריעף צום „נשיא״ מיט דער אויפפאָדערונג, אַז אַ דעפּוטאַציע פון די חכמים זאָל זיך קומען צו איהם פאַרשטעלען שבת ביי נאַכט. דערביי האָט ער אָנגעזאָגט דעם שליח, ער זאָל איבערגעבען דעם בריף צום „נשיא״ אום ערב־שבת שפּעט פאַר נאַכט, ווען עס וועט מעהר נישט זיין קיין מעגליכקייט, אַז די חכמים זאָלען קענען אוועקגעהן פון טבריה, און אַז זיי וועלען פאַרשפּעטיגען מיט זייער קומען שבת ביי נאַכט, וועט ער זיי שווער באַשטראָפען, פאַר נישט אויספאָלגען זיין באַפעהל.

ווערד ווייטער דערצעהלט, ווי עס איז טראָץ דעם געשעהן אַ נס, וואָס דער „נשיא״ מיט זיינע באַגלייטער זיינען געקומען צום קייזער אין צייט. עפּעס אַ שד מיט׳ן נאָמען „אַנטיגרים״ (!) האָט זיי מוצאי־שבת באַלד נאָך „הבדלה״ אוועקגעטראָגען אַהין אויף זיינע פּלייצעס. איז מען דאָן געקומען אָנזאָגען דעם קייזער, אַז די אידען זיינען אָנגעקומען. האָט ער געזאָגט, אַז ער קען זיי נישט זעהן, ביז זיי וועלען זיך פריהער ניט אויסבאָדען. ער האָט אויך געהייסען אָנהייצען די באָד זיבען טאָג און זיבען נעכט, די מענשען זאָלען דאָרט שטאַרבען פון היץ. איז דאָן דער שד אריינגעגאַנגען אין באָד און האָט עס אויסגעקיהלט, איידער די חכמים זיינען אריינגעגאַנגען אַהין. און ווען זיי זיינען ענדליך געשטאַנען פאַר׳ן קייזער, האָט ער זיי געפרעגט, אויב דערפאַר ווייל זיי ווייסען, אַז דער אויבערשטער טהוט מיט זיי נסים, מעגען זיי זיך ערלויבען מבזה צו זיין דעם מלכות. האָבען איהם די חכמים גע־ענטפערט, אַז די אידען האָבען מבזה געווען דעם פּאַסטוך דיאָלעקציאַנוס, אָבער נישט דעם קייזער דיאָלעקציאַנוס (ירושלמי תרומות פרק ח׳ הלכה ד׳).

ווי עס איז אויבען באַמערקט, איז דאַמאָלס די משפחה פון די נשיאים נישט געווען גענוג גרויס אין תורה און די אויטאָריטעט איהרע אין רע־ליגיעזע פראַגען איז געווען כמעט ווי פאַרשוואונדען. איז אָבער פון דעסט־וועגען די אָנהענגליכקייט פונ׳ם פאָלק צו דער „דינאַסטיע״ פון די נשיאים געווען אַן אונגעהייער שטאַרקע. אַזוי ווי דער נשיא האָט געשטאַמט פון הלל הזקן, וועלכער האָט זיך מייחס געווען, אַז ער שטאַמט אָפּ פון דוד המלך, האָט זיך אַלעמען געגלויבט, אַז אידען האָבען נאָך אַ מלך פון זרע בית דוד, נור ער איז באַשרענקט אין זיין ווירקונג, ווייל די רוימער האַל־טען איהם אין גלות. האָבען די אידען דערפאַר די פליכט, איהם מפרנס צו זיין מיט׳ן גרעסטען כבוד, ווייל אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך פאַרהאַן אַ שפּראָץ פון זרע בית דוד, איז נאָך די אידישע זעלבשטענדיגקייט נישט אין גאַנצען פאַרלוירען.

די רוימישע רעגירונג האָט כסדר געזוכט אַרויסצוקוועטשען ביי אידען דעם לעצטען טראָפּען מאַרך פאַר שטייערען, אָבער די אידען האָבען שטענדיג געשטרעבט, אויסצוהיטען זיך פון די רוימישע קאָלעקטאָרס. האָט מען אָבער פאַר די באַדערפענישען פונ׳ם „נשיא״ גערן געגעבען וויפיל דער נשיא האָט פאַרלאַנגט און מעהר ווי יעדער האָט געקענט. און ווען ר׳ יהודה נשיאה האָט אַמאָל אַרויסגעשיקט זיינע שלוחים, מיטצוטיילען צו די אידען די

פון רבי יהודה נשיאה דעם ערשטען ביז צום לעצטען „נשיא"

באשלוסען פון די „סנהדרין" אין רעליגעזע פראגען, האט מען די שלוחים אויפגענומען מיט'ן גרעסטען כבוד און מען האט זיי באשאנקען מיט די טייערסטע מתנות פאר'ן נשיא, ער זאל קענען אנפיהרען זיין אמט אהן זארגען.

ווען ר' יהודה נשיאה דער ערשטער איז געשטארבען, האט ר' ינאי רבה אויסגערופען אינ'ם בית־המדרש „אין כהונה היום!", אז כהנים מעגען זיך מטמא זיין צום מת, איז אבער שוין געווען אנדערש, ווען ר' יהודה נשיאה דער צווייטער איז געשטארבען. האט זיך שוין איינער פון די חכמים ערלויבט א שפאס און ר' חייא בר אבא האט ביי דער לויה א שטויס געטהון ר' זעירא'ן, ער זאל אנריהרען דעם ארון פונ'ם מת, כדי ער זאל טמא ווערען (ירושלמי ברכות פרק ו' הלכה א').

* *
*

נאך ר' יהודה נשיאה דעם צווייטען זיינען געווען נאך דריי „נשיאים" פון הלל הזקן'ס גזע. וואלטען מיר ווענגען זיי גאר נישט געוואוסט, ווען זיי זאלען נישט געווען זיין דערמאנט ביים קריסטליכען „קירכענפאטער" עפי־פאנאס, וועלכער האט געשריבען וועגען די לעצטע אידישע נשיאים, גלייך ווי מיר וואלטען זעהר ווייניג געוואוסט וועגען די פאסירונגען ביים „בית שני", ווען אונזער היסטאריקער יאזעפוס פלאוויוס זאל נישט געווען שרייבען זייער געשיכטע.

אט דער קירכענפאטער עפיפאנאס איז — ווי עס דאכט זיך — געווען א געבוירענער איד און ער האט באשריבען די געשיכטע פון די לעצטע אידישע נשיאים אין דער מיינונג, אז ער באשרייבט די לעצטע באוועגונגען פון דער אידישער אמונה, גלייך ווי יאזעפוס פלאוויוס האט געמיינט, אז ער באשרייבט די געשיכטע פון אן אפגעשטארבען פאלק, וועלכעס האט נישט מעהר קיין האפנונג, צוריק לעבעדיג צו ווערען.

נאך ר' יהודה נשיאה דעם צווייטען איז אלזא געקומען זיינער א זוהן מיט'ן נאמען ר' גמליאל דער פינפטער און נאך דעם דאזיגען ר' גמליאל איז ווידער געקומען א ר' יהודה נשיאה, וועלכער דארף באצייכענט ווערען אלס ר' יהודה נשיאה דער דריטער. איז אט דער ר' יהודה נשיאה געווען דער דרייצענטער דור פון הלל הזקן — און די תלמודישע דאקומענטען וועגען איהם זיינען זעהר קארגע און גאר נישט קיין קלארע. איז אזוי ווי ער ווערד דערמאנט צוזאמען מיט ר' ירמיה (ירושלמי מגלה פרק ג' הלכה ב') אדער מיט ר' אמי (ירושלמי עבודה זרה פרק ה' הלכה ט"ו), קענען מיר דערפון בלויז ארויסדרינגען, אז דער דאזיגער ר' יהודה נשיאה איז זיכערליך געווען א דריטער, ווייל וואס עס ווערד וועגען איהם דערצעהלט, שטימט נישט מיט דער צייט פונ'ם ערשטען ר' יהודה נשיאה אדער פונ'ם צווייטען.

צוליעב די פאליטישע פארהעלטניסע פון ארץ־ישראל האט ר' יהודה נשיאה דער דריטער געוואוינט אין צעזארעא (קיסרין), וואו ר' אבוה איז דאמאלס געווען דער ראש־ישיבה. די פריהערע נשיאים האבען גע־וואוינט אין צפורי (ספפהארים) אדער אין טבריה. האבען זיך דערנאך די פאליטישע און עקאנאמישע אומשטענדען אין ארץ־ישראל אזוי געענדערט, אז אונזער ר' יהודה נשיאה האט געמוזט אויסוואנדערען קיין צעזארעא.

די אמוראים פון ארץ־ישראל

אָבער ווי די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידען אין ארץ־ישראל איז דאַן געווען אַ שלעכטע, האָט נאָך דער „נשיא" פאַרנו־מען אַ געוויסע אויסנאַהמס־שטעלונג און מען האָט איהם אין דער זיכער־קייט פון זיין פּערזאָן נישט געטשעפּעט. יעדער אויסשפּרוך זיינער אין אַלע רעליגיעזע פראַגען איז געווען ווי אַ געזעץ פאַר אַלע אידען. ער האָט בלויז געדאַרפט העלפען קריגען די שטייערען ביי די אידען און דערפאַר האָט ער געהאַט אַ רעכט, ארויסצושיקען זיינע מענשען, זיי זאָלען קלויבען געלד פאַר די באַדערפעניזשען פון זיין הויז. חוץ דעם האָט ער אויך געהאַט דעם כח פון גיבען סמיכה צו זיינע תלמידים און אויסשליסען פון כלל־ישראל אַלע יענע מענשען, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער קרים־ליכער אמונה.

ביז ארום דעם יאָהר 325 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג איז דאָס קריסטענטום באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ אידישע סעקטע. און אַלע יענע יאָהרען איז עס אויך געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין ארץ־ישראל. פלעגען דאַן די קריסטליכע אידען כסדר וועלען האָבען „וכוחים" מיט די אידישע אידען, צו וועלען זיי באַווייזען פון פאַרשיעדענע פּסוקים אין תנ"ך, אַז יעזוס איז דער ערוואַרטעטער משיח און אַז דער קריסטליכער באַגריף וועגען גאָט איז דער איינציג ריכטיגער.

דערוויל איז די פּאָליטישע און די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער ארץ־ישראל'דיגער באַפעלקערונג מיט יעדען טאָג ערגער געוואָרען. אונטער דער שווערער לאַסט פון די שטייערען איז דאָס גאַנצע פאָלק צוזאַמענגעבראָכען. האָט דאָס זיי אָבער נישט געקענט דערדריקען, ווי לאַנג די רעגירונג האָט זיך נישט געמישט אין זייער אמונה. זעהר שלעכט איז ערשט דאַן גע־וואָרען, ווען קייזער קאָנסטאַנטין דער גרויסער איז געקומען אויפ'ן רוי־מישען טהראָן (פון 306 ביז 337 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג), וויל אַזוי ווי ער האָט אָנגענומען די קריסטליכע אמונה און ער האָט זי אָנער־קענט אַלס די הערשערין אינ'ם שטאַאַט, האָט מען אָנגעהויבען אידען שרעקליך רודפ'ן, וויל זיי ווילען נישט אַנערקענען דעם „אמת", וועלכען עס האָט שוין דער קייזער אַליין מיט אַלע זיינע מיניסטאָרען אַנערקענט. דאַמאָלס איז אויך פאָרגעקומען דער „קאָנסיל" פון די קריסטליכע גלחים אין ניצעא, וואו עס איז אָפּגעמעקט געוואָרען יעדע צוגעהעריגקייט פון די קריסטען צו אידען. האָט דאַן דער קייזער געשטיצט די אנהענגער פון דער קריסטליכער אמונה אין זייערע פאַרפאָלגונגען אַקעגען די מענשען פון יעדען אַנדערען גלויבען.

פיעל ערגער איז דערנאָך געוואָרען די לאַגע אין די צייטען פון קיי־זער קאָנסטאַנציוס דעם צווייטען (פון יאָהר 337 ביז 349 לויט קריסט־ליכער צייטרעכנונג), וועלכער האָט זיך מיט דער הילף פון זיין „מיט־קיי־זער" גאַלוס נוהג געווען געגען אידען ווי קייזער האַדריאַן, נישט צו לאָזען זיי אָפּהיטען די פאָרשריפטען פון זייער גלויבען. אָט דער גאַלוס האָט כסדר שלעכטס געטהון צו אידען. אויפ'ן וועג פון זיינע מלחמות אין ארץ־ישראל האָט ער דעם גאַנצען דרום פונ'ם לאַנד חרוב געמאַכט, און דאָרט וואו עס זיינען פריהער געווען די שעהנסטע ישיבות, אָנגעפיהרט פון רבנו הקדוש'ס תלמידים אָדער פון זיינע תלמידים'ס תלמידים, איז געווען אַ שרעקליכע חורבה, ווי מען האָט זיך נישט געקענט קיינמאָל ריכ־טען, אַז די געגענד זאָל אַמאָל צוריק אויפגעבויט ווערען.

פון רבי יהודה נשיאה דעם ערשטען ביז צום לעצטען „נשיא"

ביי אַזעלכע אומשטענדען פאַרשטעהט זיך, אַז עס איז פאַרמינדערט געוואָרען יעדע וועלטליכע מאַכט פון די „נשיאים". דער עולם האָט אויך דאַמאָלס וויינינער געלערנט אין די ענינים פון „הלכה" און מען האָט בלויז אין זינען געהאַט די „אגדה" מיט איהרע פאַנטאַסטישע איינטייט־שונגען. די חכמים אין ארץ־ישראל האָבען נישט מעהר געהאַט קיין כח, מחדש צו זיין נייע זאַכען, אָדער אויסצוגלייכען די מיספאַרשטענדניסע אין די אַלטע באַגריפען. עס קען אויך גאַנץ גוט אָנגענומען ווערען, אַז דאָס איז קיינעמען נישט געלעגען אין קאָפּ, ווייל עס האָט דאַן איטליכער בלויז געקלערט, ווי אַזוי מען ראַטעוועט זיך ארוים פון ארץ־ישראל.

אינ'ם גרויסען חורבן פונ'ם אידישען לעבען איז אויך די באַפעלקע־רונג שטאַרק פאַראָרימט געוואָרען. האָט דאַן ר' לוי געזאָגט: „פריהער ווען דער גראָשען איז געווען פאַרהאַנען אין קעשענע, האָט אַ מענש חשק געהאַט צו הערען אַ וואָרט פון דער משנה אין הלכה אָדער אין תלמוד, אָבער אַצינד ווען דער גראָשען איז נישט פאַרהאַנען און דער עולם איז ווי דערשלאָגען פונ'ם גלות, ווייל מען נישט הערען קיין וואָרט פון הלכה, נור מען ווייל בלויז הערען ברכות און נחמות" (שיר השירים רבה פרשה ב' פיסקא י"ב).

שטאַרק פאַרשפּרייט איז דאַן געווען דאָס לערנען תנ"ך, ווייל די צום קריסטענטום גענייגטע אידען האָבען דאַמאָלס אויך געלערנט פיעל תנ"ך, כדי צו באַווייזען די „ריכטיגקייט" פון זייערע באַהויפּטונגען. האָבען די אידען געלערנט פלייסיג תנ"ך, כדי צו קענען אָפּענטפערען אויף די טענות פון די קריסטען. אַזוי זאָגט אויך דער אמורא ר' אבהו, וועלכער איז גע־ווען איינער פון ר' יוחנן'ס תלמידים, אַז „די מענשען אין ארץ־ישראל לערנען דעם תנ"ך, זיינען בקי אין אַלע זיינע ספרים און זיי ווייסען אויך צו דרש'נען אויף יעדען פסוק, ווייל זיי האָבען כסדר וכוחים מיט די מינים (קריסטען) אויף די יסודות פונ'ם תנ"ך" (זעה עבודה זרה דף ד' עמוד א').

האָבען זיך דאַמאָלט וויניג מענשען אין ארץ־ישראל אָפּגעגעבען מיט לערנען די ענינים פון „הלכה", בלויז אַזעלכע, וואָס זיינען געווען נאָהנט צום דור פון ר' יהודה נשיאה דעם ערשטען, האָבען געלערנט און זיינען געווען באַהאַוונט אין די ענינים פון הלכה, אָבער דער רוב פון די אַנדערע איז באַשטאַנען פון מיטעלמעסיגע מענשען אָהן שאַרפקייט. האָבען פיעלע פון זיי בלויז צונויף־געקליבען די אויסשפּרוכען פון די פריהערע חכמים, נישט אַריינקלערענדיג אין זייער אינהאַלט און נישט אָפּפרעגענדיג אויף זיי. זיי האָבען זיך אויך נישט פאַרטיעפט אין די פראַגען, וואָס זיינען אַרויפגעשוואומען יעדען טאָג אין אַ נייער געשטאַלט, גלייך ווי זיי האָבען זיך נישט געגריבעלט אין די ווערטער פון די פריהערע חכמים. מעהרסטענס האָבען זיי זיך בלויז באַנוגענט, צו קענען דעם פּשוט'ן טייטש פון די ווער־טער, נישט אַריינקלערענדיג אין זייער טיפערען זין און זיי האָבען אויך נישט געפרעגט קיין קשיות.

אַנדערש איז שוין געווען אין בבל, וואו עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ נייער גייסטיגער צענטער. דאָרט האָט מען זיך געסטאַרעט, אַריינצוברענ־גען אין יעדען ענין אַ קשיא און אַ תירוץ, צו שאַרפען דעם שכל פון די תלמידים מיט פּלפּול. דערפאַר האָבען די חכמים פון ארץ־ישראל אויס־געלאַכט דעם שטייגער לערנען פון די בבליים און זיי פלעגען זאָגען: „נישט

די אמוראים פון ארץ־ישראל

פארהאנען קיין תורה ווי די תורה פון ארץ־ישראל און נישט פארהאנען קיין חכמה ווי די חכמה פון ארץ־ישראל" (בראשית רבה פרשה ט"ז פיסקא ז').

די אידען אין ארץ־ישראל האבען גאנץ גוט געזעהן, ווי דאס לערנען פארמינדערט זיך אין זייער לאנד און פארשטענדיגע מענשען ווערען דארט וואס אמאל ווייניגער. פון דעסטוועגען האבען זיי זיך נישט אויפגעהערט צו גרויסען איבער יענע מענשען, וואס זיינען אויסגעוואנדערט קיין בבל, דענקענדיג, אז די עטליכע חכמים, וואס געפינען זיך אין ארץ־ישראל, ווענען אריבער אלע חכמים פון בבל. פלעגט מען דאדורך זאגען: „ס'איז ליעבערשט די קליינע גרופע לערנערס פון ארץ־ישראל ווי די סנהדרין גדולה אין חוץ־לארץ" (ירושלמי נדרים פרק ז' הלכה ט"ז). די חכמים פון ארץ־ישראל האבען איבערהויפט נישט געוואלט לאזען זייערע תלמידים אוועק־געהען אין חוץ־לארץ. אזוי האט איינמאל ר' שמעון בר אבא געפרעגט ביי ר' חנינא בר חמא, צי ער זאל געהן אין חוץ־לארץ און ער האט פארלאנגט פון ר' חנינא א מליצה־בריף צו די חכמים אין בבל, זיי זאלען איהם מקרב זיין, האט איהם ר' חנינא נישט געוואלט געבען אזא בריף, ווייל ער האט נישט געוואלט, אז א גוטער תלמיד זאל אוועקגעהן אין חוץ־לארץ (זעה ירושלמי מועד קטן פרק ג' הלכה א').

ווי באמערקט, האט די שלעכטע לאגע פונ'ם לאנד געווירקט אויף די תלמידים, זיי זאלען אפגעשוואכט ווערען אין „הלכה", אדער זיי זאלען אויס־וואנדערען קיין בבל, וואו דאס לערנען האט דאמאלס געבליהט. אזוי ווערד אויך דערצעהלט, אז ר' אבהו און ר' חייא בר אבא זיינען אמאל ביידע אנגעקומען אין איין שטאדט, האט ר' אבהו גע'דרשנ'ט אין „אגדה" און ר' חייא בר אבא האט גע'דרש'נט אין „הלכה". זיינען אלע מענשען געלאפען הערען די דרשה פון ר' אבהו און צו די דרשות פון ר' חייא בר אבא איז קיינער נישט געקומען. האט זיך ר' חייא בר אבא זעהר שטארק געקרענקט ווענען דעם. האט איהם ר' אבהו געטרייסט, אז אויף איידעל־שטיינער און פעריל זיינען פארהאנען ווייניג בעלנים, אבער ביליגע צאצקעס קויפט יעדער גערן (סוטה דף מ' עמוד א').

פון דעסטוועגען איז ארץ־ישראל אלץ געווען דער ארט פון באלעה־רונג צו אלע אידען. פון דארט האט מען ארויסגעשיקט פסקים און דינים קיין בבל (בבא בתרא דף קכ"ז עמוד ב'), סיי אין די דינים פון איסור והיתר (ביצה דף ד' עמוד ב', חולין דף קכ"א עמוד ב'), און סיי אין די ענינים פון געלד (בבא בתרא דף קנ"ח עמוד ב') און געגען א געזעצליכען אויסשפרוך פון ארץ־ישראל האט זיך נישט קיינער אין בבל דערוועגט א מויל צו עפענען, ווייל מען האט עס באטראכט, אז עס קומט פון די העכסטע אויטאריטעטען (זעה שבת דף קט"ו עמוד א', בבא בתרא דף מ"א עמוד ב', סנהדרין דף כ"ט עמוד א').

באזונדערס צוגעהערט האט מען זיך אין בבל צו די אנטשיידונגען פון ארץ־ישראל אין די פראגען פון „קידוש החודש" און „עבור", אפילו דאמאלס, ווען די חכמים אין בבל האבען שוין געהאט אליין בארעכענט אלע פראגען (זעה ירושלמי ערובין פרק ג' הלכה ט') און זיי האבען אויך געקענט באשטימען גענוי יעדען חודש, נישט ווארטענדיג אויף דער ידיעה, אז מען דארף מאכען א נייעם חודש, ווייל מען האט געזעהן די נייע לבנה (ראש השנה דף כ' עמוד א').

פון רבי יהודה נשיאה דעם ערשטען ביז צום לעצטען „נשיא"

אינ'ם דרייצענטען דור נאָך הלל הזקן איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס „נ ש י א" — ר' ה ל ל, אַ זוהן פון ר' יהודה נשיאה דעם דריטען. ווערד דער דאָזיגער ר' הלל באַצייכענט אַלס ה ל ל ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר, און וועגען זיין טהעטיגקייט ווייסען מיר בלויז, אז ער האָט אינ'ם יאָהר ד' אלפים קי"ט (359 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג) געשליכטעט די פראגע פון'ם קאַלענדער און די באַשטימונג פון די ימים־טובים דורך אַ גענויע באַרעכנונג, וואָס זאָל זיין גילטיג פאַר אַלע צייטען.

די לעצטע „נשיאים", לויט ווי זיי ווערען דערמאָנט אין „ספר יוחסין", זיינען געווען: ר' הלל דער צווייטער, זיין זוהן ר' גמליאל דער פינפטער, ר' יהודה נשיאה דער פערטער (אַ זוהן פון ר' גמליאל דעם פינפטען) און ר' גמליאל דער זעקסטער אָדער ר' גמליאל „בתראה" (דער לעצטער), וועלכער איז נישט בלויז געווען דער לעצטער מיט'ן נאָמען גמליאל, נור ער איז אויך געווען דער לעצטער „נשיא" אין ארץ־ישראל.

אין אַלגעמיין ווערד אָנגענומען, אַז פון ר' הלל דעם צווייטען ביז ר' גמליאל דעם לעצטען האָט געדויערט אַן ערך פון זעכציג יאָהר. זיינען דאָס געווען זעהר שלעכטע יאָהרען פאַר אידען, ווייל גראד אין יענע יאָהרען האָט די קריסטליכע אמונה אָנגעהויבען געווינען אָנהענגער אין אַלע לענדער פון דער רוימישער אימפעריע און די רוימישע מאַכט־האָבער האָבען זיי געשטיצט מיט אַלע כחות.

זייט קייזער קאָנסטאַנטין דער גרויסער, וועלכער האָט רעגירט פונ'ם יאָהר 306 ביז 337 לויט קריסטליכער צייט־רעכנונג, איז די פּאָליטישע שטעלונג פון די אידען געפאַלען נידריגער פון טאָג צו טאָג.

אין די ערשטע יאָהרען פון זיין ממשלה איז ער געווען ציעמליך טאָלעראַנט צו אידען און ער האָט בטל געמאַכט אַלע באַשרענקונגען פון קייזער דיאָלעקציאַנוס, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז יעדער מענש האָט דאָס רעכט, אויסצוקלייבען פאַר זיך אַזאַ אמונה, ווי איהם געפעלט. צוגלייך האָט ער אויך באַפרייט די אידישע געלעהרטע און אַלע „דיענער פון דער סינאַגאָגע" פון כל־ערליי שטייערען און אָפּצאָהלונגען פאַר דער רעגירונג. דער אידישער „נשיא" איז דאַן געווען אַנערקענט אַלס אויבערהויפּט פון דער אידישער „סינאַגאָגע", אויף ווי ווייט זי געפינט זיך אין די גרעניצען פון דער רוימישער אימפעריע, און אַלע לעהרער פון'ם אידישען געזעץ זיינען געווען פאַרפליכטעט איהם צו געהאָרכען.

האָט דאָס אָבער נישט לאַנג געדויערט, ווייל אַזוי ווי קייזער קאָנסטאַנטין האָט אָנגענומען די קריסטליכע אמונה, האָבען זיך פאַרשיעדענע פאַנאַטיקער אריינגעשלייכט אין זיין פאַרטרויען און ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס זיי זאָגען בנוגע צו אידען.

אָט די פאַנאַטיקער זיינען געווען אָנגעפיהרט דורך בישאָף סילוועסטער פון רוים, בישאָף פּאָולוס פון ביצאַנץ און בישאָף אייזעביוס פון צעזאַרעאַ, וועלכע האָבען זעהר פיל אויסגערעדט שלעכטס אויף אידען, גערופען זיי מיט כל־ערליי צונעמענישען, מאַכענדיג דעם קייזער אויפמערקזאַם, אַז די אידען זיינען פון גאָט פאַרשאָלטען און אוועקגעוואָרפען, דאַרפען זיי דאַדורך ליידען אַזוי פיל צרות. איז אויב גאָט האָט איהם שוין יאָ געעפענט די אויגען און ער האָט אַנערקענט די „איינציג ריכטיגע אמונה", טאָר ער זיך נישט ווייטער פאַרזינדיגען מיט דעם, וואָס ער באַשיצט אידען.

האָט דאָן קאָנסטאַנטין אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז אידען טאָרען נישט מאַכען קיין „גרים", און טאָמער וועלען זיי טראָצדעם אימיצען מגייר זיין, זאָל מען ביידע צדדים באַשטראָפען: אַ פרייער מענש, וואָס וועט אָננעמען די אידישע אמונה, וועט פאַרלירען זיין גאַנץ פאַרמעגען, און וועט אַ איד מל זיין אַ גוי'אישען שקלאַף זיינעם, זאָל דער דאָזיגער שקלאַף תיכף באַפרייט ווערען. און טאָמער וועט אַ איד אָננעהמען די קריסטליכע אמונה און די אַנדערע אידען וועלען איהם דערפאַר באַשימפּפען, באַוואַרפען מיט שטיינער אָדער מיט בלאָטע, זאָל מען אַזעלכע באַשימפּפער לעבעדיגערהייד פאַרברענען אויף'ן פייער.

גוט פאַר אידען איז בלויז געווען די קורצע רעגירונגס־צייט פון קייזער יוליאַנוס אַפּאָסטאַטאַ, וועלכע האָט נישט מעהר געדויערט ווי צוואַנציג חדשים (פון נאָוועמבער 361 ביז יוני 363). אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרגענומען, צו באַקעמפּפען דאָס קריסטענטום, איז ער געווען בעסער צו אידען. האָט ער פאַרגרינגערט די לאַסט פון זייערע שטייערען, האָט נישט געלאָזט זיי באַליידיגען און דעם נשיא זייערען האָט ער טיטולירט „געעהרטער פריינד און ברודער". אין אַ בריעף צום נשיא ר' הלל האָט ער אויך פאַרזיכערט, אַז ער וועט פאַרבעסערען די לאַגע פון די אידען, ווי ווייט עס וועט איהם נור זיין מעגליך, און ווען ער וועט צוריק־קומען פון דער מלחמה מיט די פּרסיים, וועט ער לאָזען צוריק אויפבויען דעם בית־המקדש אין ירושלים.

נאָך ר' הלל דעם צווייטען איז געקומען אַלס „נשיא" — זיין זוהן ר' ג מ ל י א ל ד ע ר פ י נ פ ט ע ר. דערצעהלט ווערגען איהם דער קריסטליכער „קירכענפאָטער" הירינימוס, ווי קייזער טהעאָדאָזיוס דער גרויסער, וועלכער האָט רעגירט פון 378 ביז 395 לויט קריסטליכער צייט־רעכנונג, האָט זיך אָנגענומען דעם נשיא'ס קריוודע אַקעגען דעם רוימישען קאָנסול העזיקיוס, אַז ווייל דער קאָנסול האָט אונטערדריקט דעם נשיא און געקירצט איהם אין זיינע רעכטע, האָט איהם דער קייזער פאַראורטיילט צום טויט.

דערנאָך איז ווייטער געקומען אַ ר' י ה ו ד ה נ ש י א ה (דער פערטער) און זיין זוהן ר' ג מ ל י א ל ד ע ר ל ע צ ט ע ר, וואָס אין זיין צייט איז די רוימישע אימפּעריע פאַנאַדערגעטיילט געוואָרען אין צוויי חלקים: איין חלק איז געווען „מזרח־רוים" מיט דער הויפּטשטאָדט ביצאַנץ (קאָנסטאַנטינאָפּאָל), וועלכעס האָט אָנגעהאַלטען פון 395 ביז 1453, און דער אַנדערער חלק איז געווען „מערב־רוים" מיט דער הויפּט־שטאָדט רוים, וועלכעס האָט אָנגעהאַלטען פון 395 ביז 476 לויט קריסטליכער רעכנונג. אָט דער ר' גמליאל ווערד אויך דערמאָנט אין די דעקרעטען פון קייזער האָנאָריוס (פון 395 ביז 424) און פון קייזער טהעאָדאָזיוס דעם צווייטען (פון 408 ביז 450).

פאַרהאַנען אויסערדעם אַ קייזערליכער „דעקרעט" פון'ם יאָהר 426, וואו עס ווערד אָנגעזאָגט, אַז אַלע אָפּצאָהלונגען, וואָס די אידען אין ארץ־ישראל פלעגען געבען פאַר'ן „נשיא", דאַרף מען פון היינט אָן אָפּגעבען צו דער קייזערליכער קאַסע. איז דאָס וואַהרשיינליך געווען נאָכ'ן טויט פון ר' גמליאל דעם לעצטען, וועלכער איז געשטאָרבען אַ קינדערלאָזער און מיט זיין טויט איז די „דינאַסטיע" פון הלל הזקן געקומען צו אַן ענד.

פון רבי יהודה נשיאה דעם ערשטען ביז צום לעצטען „נשיא"

ווי באַמערקט, איז דער נשיא געווען אַנערקענט ביי דער רעגירונג אפילו אין דער ערגסטער צייט. איז אָבער די באַדייטונג זיינע ביי אידען אין דער צייט, וועגען וועלכער מיר שרייבען דאָ, נישט געווען קיין געהויבענע. אין רעליגיעזע פראַגען האָט מען זיך נישט מעהר סומך געווען אויף זיין אורטייל און אין פּאָליטישע פראַגען האָט ער נישט געהאַט קיין איינפלוס ביי די רוימישע באַאמטע. איז דאַן די איינציגע טהעטיגקייט זיינע געווען, וואָס ער האָט געדאַרפט יעדען חודש דורכפיהרען די צערעמאָניע פון „קידוש החודש", אַרויסשיקען שלוחים אויף צו זוכען די נייע לבנה, איבערנעהמען זייער עדות, באַשטימען די ימים טובים און דעם „עבור". אָט דאָס האָט געמוזט באַשטימט ווערען ביים „בית־דין הגדול" אין ארץ־ישראל, ווייל עס האָט זאָנסט נישט געהאַט קיין גילטיגקייט.

פלעגען די רוימישע סאָלדאַטען חאַפּען יענע מענשען, וואָס זיינען געגאַנגען זוכען די לבנה, אָדער זיי האָבען געוואָלט מודיע זיין דעם ענין צו די חכמים אין בבל, וועלכעס האָט נישט באַלאַנגט צו דער רוימישער אימפּעריע. און ווען די רוימישע סאָלדאַטען האָבען אַמאָל יענע מענשען געחאַפּט, האָט מען זיי אָהן שום טענות אויפגעהאַנגען. האָבען די מענשען מורא געהאַט, אַריינצולאָזען זיך אין אַזאַ סכנה.

די חכמים אין בבל וואָלטען דאַמאָלס אַליין געקענט באַרעכענען, ווען עס דאַרף זיין ראש־חודש און ווי אַזוי מען דאַרף מאַכען אַן „עיבור־יאָהר". האָבען זיי אָבער דאָס נישט געטאָרט טהון. האָט זיך טאַקי איין מאָל געמאַכט, וואָס מען האָט בשום אופן נישט געקענט אַרויסשיקען שלוחים וועהרענד דעם גאַנצען חודש אדר, אויף אָנצוזאָגען, אַז מען האָט געמאַכט אַן „עבור". ביז ערשט שפּעטער אין זומער האָבען זיך מענשען איינגעשטעלט דאָס לעבען, אַריבערצוגעהן קיין בבל, זיי זאָלען דאָרט מאַכען צוויי חדשים אב, כדי ראש השנה זאָל אויסקומען צוזאַמען. האָט מען זיי מיטגעגעבען אַ בריוועל, געשריבען אין אַ געהיימען לשון, אַז טאָמער וועלען זיי די רוימער חאַפּען, זאָל קיינער נישט פאַרשטעהן די מיינונג פון'ם בריוועל, וואו עס איז דאָס פאָלגענדע געווען געשריבען:

„זוג בא מרקת ותפשן הנשר, ובידם דברים הנעשים בלוז. בזכות הרחמים ובזכותם יצאו בשלום. ועמוסי ירכי נחשון בקשו לקבוע נציב אחד ולא הניחם אדומי הלז. אבל בעלי האסופות נאספו וקבעו להם נציב אחד בירח שמת בו אהרן הכהן" (סנהדרין דף י"ב עמוד א').

האָט מען דאָס דאָזיגע בריוועל איינגעטייטשט ווי פאָלגט:

אַ פּאָרעל (דאָס הייסט צוויי עדות) איז געקומען פון רקת (דאָס הייסט פון טבריה), האָט זיי געכאַפּט דער אָדלער (דאָס מיינט דער רוימער) און זיי האָבען מיט זיך געהאַט זאַכען, וואָס ווערען געמאַכט אין דער שטאָדט לוז (דאָס מיינט ציצית). און אין זכות פון'ם אויבערשטען'ס רחמנות און אין זייער אייגענעם זכות זיינען זיי אַרויסגעקומען בשלום (פון די רוימער'ס הענד). האָבען די אָפּשטאַמער פון נחשון (דאָס מיינט דער נשיא, וועלכער קומט פון שבט יהודה) געוואָלט באַשטימען איין געוויקסעל (אַן עבור־חודש), האָט זיי דער פאַרדאַמטער אַדומי (דער רוימער) נישט געלאָזען. האָבען זיך אָבער די חכמים צונויפגענומען און זיי האָבען באַשטימט דאָס געוויקסעל (דעם עבור־חודש) אין'ם חודש וואָס אהרן הכהן איז געשטאָרבען (דאָס מיינט אין'ם חודש אב).

האָט דאָס באַשטימען דעם חודש און דעם „עבור" געגעבען דעם נשיא אַ געוויסען פּרעסטיזש, מען זאָל טראָץ אַלעמען אויף איהם קוקען ווי אויף דעם איינציגען רעליגיעזען פאָרשטעהער, וואָס מען טאָר גאָר נישט טהון אָהן זיין צושטימונג. האָט ר' הלל דער צווייטער באַשטימט דעם קאַלענדער און אַוועקגענומען דערמיט דאָס לעצטע, וואָס דער נשיא האָט נאָך געהאַט צו זאָגען ביי אידען. איז דערנאָך דאָס אַמט פון'ם נשיא געווען בלויז ווי אַ לידיגער טיטול. דער קייזער האָט דעם „נשיא" אַנערקענט ווי אַ שטאַט־האַלטער פון די אידען, און די אידען האָבען נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס ער טויג. האָט דאַן קייזער טהעאָדאָזיוס דער גרויסער אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז „ווער עס וועט זיך דערוועגען צו באַליידיגען דעם נשיא, זאָל שווער באַשטראָפט ווערען". איז פון די גוי'שע דאָקומענטען וועגען דעם דאָזיגען געזעץ צו זעהן, אַז עס איז געווען באַשטימט מעהר געגען אידען ווי געגען גוים.

ווי עס איז שוין אויבען דערמאָנט, האָט קייזער קאָנסטאַנטין אַרויסגעגעבען פאַרשיעדענע געזעצע געגען אידען און דערהויפּט וועגען זייער באַציהונג צו די וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער קריסטליכער אמונה. און ווען מען האָט איהם דערצעהלט, אַז אידען פּלאַנען צו מאַכען אַ רעוואָלוציע געגען רוים, האָט דער קייזער אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אידען זאָלען זיך נישט דערוועגען צוצוקומען צו די טויערען פון ירושלים. דאַביי איז דער קייזער געווען גערעכט גענוג, נישט צוריקצוציהען זיין וואָרט, אַז די אידישע חכמים און די „דיענער פון דער סינאַגאָגע" זיינען פריי פון שטייערען. אויסערדעם האָט ער נאָך (אין 336) אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז אַלע אַזעלכע אידען, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צום קריסטענטום, טאָרען נישט באַשימפּפען זייערע פריהערע גלויבענס־ברידער, גלייך ווי זיי טאָרען נישט טהון צו זיי קיין שלעכטס.

אָט אַזאַ געזעץ איז דאַמאָלס טאַקי געווען נויטיג, ווייל די וואָס זיינען צוגעשטאַנען צום קריסטענטום האָבען אָנגעטהון די אידען גרויסע צרות, און ביז מען האָט געקענט געפינען שוץ ביים קייזער אָדער ביי זיין שטאַטהאַלטער, האָט מען די צרות פשוט נישט געקענט איבערטראָגען. אַזוי איז דאַמאָלס געווען איינער אַ געוויסער יוסף פון טבריה, וועלכער איז געווען פריהער פאַררעכענט צווישען די חכמים פון'ם נשיא'ס בית דין. דער נשיא פלעגט איהם אויך אָפטמאָל שיקען קלייבען מתנות פאַר זיינעטוועגען. איז דער דאָזיגער יוסף אָנגעקומען אַמאָל אין קיליקיען אין קליין־אַזיען, האָט מען דאָרט פון זיינע דרשות דערקענט, אַז ער איז עפּעס נישט שטאַרק איבערגעגעבען צו אידישקייט. האָט מען זיך צו איהם נישט געוואָלט צוהערען. האָט ער דאַן דערצעהלט, אַז מען האָט איהם דאָרט אַריינגעוואָרפען אין אַ טייך, פון וואַנען ער איז אויף אַ וואונדערליכען אופן אָפּגעראַטעוועט געוואָרען. און אַזוי ווי ער איז דערנאָך עפענטליך צוגעטרעטען צום קריסטענטום, האָבען די גלחים גערעדט וועגען איהם מיט'ן קייזער. האָט איהם דער קייזער געמאַכט פאַר אַן אויפזעהער איבער אַלע אידען, וואָס האָבען אָנגענומען דאָס קריסטענטום. האָט ער דאַן אָנדערצעהלט פאַרשיעדענע שלעכטע זאַכען וועגען אידען און ער האָט געמאַכט שרעקליכע בלבולים אויף'ן נשיא ר' הלל. איבערהויפּט האָט ער דעם קייזער איינגערעדט, אַז דער נשיא דענקט נישט מעהר ווי נור וועגען רעוואָלוציע.

פון רבי יהודה נשיאה דעם ערשטען ביז צום לעצטען „נשיא"

עס האָט אויך אפשר געשטעקט אַ שטיק אמת אין דעם, אז אידען דענקען וועגען רעוואָלוציע. זיי האָבען זיך אויך אַמאָל (אַרום דעם יאָהר 351) צונויפגענומען מיט כח, אַרונטער צו וואַרפען פון זיך דעם יאָך פון רוים.

די „רעקאָרדס" וועגען יענער רעוואָלוציע זיינען זעהר קאַרג, סיי אין די גוי'שע און סיי אין די אידישע דאָקומענטען. קענען מיר זיך אָבער פון די קנאַפּע ידיעות צונויפשטעלען אַ קלאָר בילד פון דעם, ווי יענע רע־וואָלוציע האָט אויסגעזעהן.

אָנגעהויבען האָט זיך יענע מרידה אין דער שטאָדט צפורי (סעפּהאָ־ריס), וועלכע איז געווען ווי אַ נאַטירליכע פעסטונג, ווייל זי איז געשטאַנען אויף אַ הויכען באַרג. זיינען דאָרט די אידען אין אַ פינסטערער נאַכט אָנגעפאַלען אויף'ן רוימישען לעגיאָן, האָבען זיי אויסגע'הרג'עט די סאָלדאַטען און צוגענומען זייערע וואַפען. פון דאָרט זיינען זיי דערנאָך אָנגעפאַלען אויף די אַנדערע אַרומיגע שטעדט און זיי האָבען אויף אַזאַ אופן פאַרכאַפּט טבריה און לוד.

קייזער קאָנסטאַנציוס דער צווייטער, וועלכער האָט רעגירט פון 350 ביז 361, האָט דאַן אַרויסגעשיקט עטליכע לעגיאָנען, האָבען זיי די דאָזיגע מרידה דערשטיקט. דערנאָך האָט מען די באַזיגטע פאַרפאָלגט מיט דער גרעסטער אכזריות. צפורי איז דאַן אין גאַנצען חרוב געוואָרען, אַזוי אויך טבריה און לוד צוזאַמען מיט'ן גאַנצען דרום פון ארץ־ישראל. דערנאָך האָט מען די רעוואָלוציאָנערען געיאָגט ווי ווילדע חיות, ביז עס איז פון זיי כמעט קיינער נישט געבליבען.

צום מעהרסטען האָט דער לעגיאָנען־פיהרער אורסיקאַנוס פאַרפאָלגט די מענשען פון צפורי — און כדי זיך צו ראַטעווען, פלעגען זיך די מענ־שען פון צפורי באַהאַלטען אין די הייהלען פון אַרום טבריה, אָדער זיי פלעגען זיך כאַראַקטעריזירען די נאָז מיט אַ פּלאַסטער, מען זאָל זיי נישט דערקענען. האָבען זיך אָבער תמיד געפונען מוסרים, וואָס האָבען זיי אַי־בערגעגעבען צום שונא אין די הענד (ירושלמי יבמות פרק ט"ז הלכה א' און סוטה פרק ט' הלכה ד').

איז דאַמאָלס די פּראָצעדור פון „קידוש החודש" און דאָס באַשטימען די ימים־טובים געווען פאַרבונדען מיט דער גרעסטער „מסירת נפש". האָט דאַן ר' הלל געמאַכט אַ סוף צו אַלע שטערונגען, ווען ער האָט אין 359 (ד' אלפים קי"ט) אַרויסגעגעבען אַ באַשטימונג פאַר דער צוזאַמענ־שטעלונג פונ'ם קאַלענדער פאַר אַלע צייטען, מען זאָל נישט מעהר דאַרפען שיקען קיין שלוחים, אויף צו זוכען די נייע לבנה, און די אידען פון די שכנ'שע לענדער זאָלען נישט מעהר זיין אָפּהענגיג מיט דער באַשטימונג פון זייערע ימים־טובים פונ'ם „בית־דין הגדול" אין ארץ־ישראל.

די „משניות חיצוניות" פון דער גמרא

א צוגאָב צום קאַפּיטעל וועגען די „מסכתות קטנות"*)

די „ברייתא"

דאָס וואָרט „ברייתא" מיינט „דרויסענדיגס" — און עס באַצייכענט אַזעלכע משניות, וואָס ר' יהודה הנשיא האָט צוליעב וועלכע ס'איז סבות נישט אריינגענומען אין זיין „משנה", צי ווייל זיי זיינען נישט געווען גענוג וויכטיג אין זיינע אויגען, אָדער ווייל עס האָט זיך איהם אויסגעדאכט, אז וואָס עס ווערד דאָרט געזאָגט, איז שוין געזאָגט געוואָרען אין דער „משנה". די צאָהל פון די אזוי גערופענע „ברייתות" איז אויך פיעל גרעסער ווי די צאָהל פון רבי'ס משניות, און צוזאמענגענומען זיינען די דאָזיגע „ברייתות" דורך ר' חייא און ר' אושעיא, וועלכע זיינען געווען תלמידים פון ר' יהודה הנשיא.

און ווען עס האַנדעלט זיך וועגען הלכה, איז די מעלה פון רבי'ס משניות וויכטיגער, ווייל ווען דער דין אין דער „ברייתא" געפינט זיך אין א געגענזאַץ צום דין פון דער „משנה", בלייבט די הלכה ווי די „משנה" זאָגט. די אורזאַך דערפון איז, וואָס ווען מיר זאָלען מעגען זאָגען, אז פאר רבי אַליין איז אַמאָל אַ דין נישט געווען אין גאַנצען קלאָר, טאָ פון וואַנען האָט עס ר' חייא געקענט וויסען? (יבמות דף מ"ב עמוד ב').

די מעהרסטע „ברייתות" זיינען נישט געאָרדענט לויט'ן אינהאַלט, און חוץ וואָס זיי געפינען זיך אין תלמוד בבלי גלייך ווי אין תלמוד ירושלמי, זיי־נען זיי פאַרשפּרייט אין דער „מכילתא", אין „ספרא" און אין „ספרי". אָפטמאָל פאַרענטפערען זיי מיט זייער אינהאַלט א קשיא פון דער „משנה", אָדער זיי באַשטימען אַזעלכע דינים, וואָס זיינען נישט דערמאָנט אין דער „משנה".

מאַנכע „ברייתות" זיינען אין זייער אינהאַלט איבערגעגעבען צוזאמען מיט די וכוחים וועגען דעם דין, גלייך ווי דאָס איז געוועהנליך דער גאַנג פון דער „משנה". אַנדערע קומען פון דערזעלבער צייט וואָס די „משנה". פאַרהאַנען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס שטאַמען פון נאָך דער „משנה". ספּע־ציעל פון יענע אמוראים, וואָס זיינען נישט דערמאָנט אין דער „משנה" און זיי הייסען אין דער גמרא „תנא ברא" (מועד קטן דף י"ז עמוד ב').

כאַראַקטעריסטיש פאר'ן קוק פון אונזערע חכמים אויף דער „ברייתא" איז, וואָס עס ווערד דערצעהלט, אז דער אמורא ר' אבהו איז אַמאָל אָנגעקו־מען אין טבריה, האָבען איהם ר' יוחנן'ס תלמידים באַגעגענט מיט זעהר א פרעהליכער מינע, איז עס זיי געווען אויפפאַלענד, וואָס ער איז אין אזא

*) זעה „אונזערע גייסטיגע ריעזען", ערשטער טייל, זייטע 404.

אויפגעהייטערטער שטימונג, האָט ער זיי דערצעהלט, אז ער האָט היינט גע־פונען אן אלטע „תוספתא" אָנגעפיקעוועט מיט „ברייתות" (ירושלמי פסחים פרק י' הלכה א').

די „ברייתות", וואָס זיינען אָנגענומען דורך'ן רוב פון די חכמי בבל מיט רב ושמואל אָן דער שפּיץ און רב'ס נאָמען איז אין זיי אָפּטמאָל דער־מאָנט, הויבען זיך געוועהנליך אָן מיט די ווערטער: תנו רבנן, תנן, תנינא, תנינין, תנו עלה, תניא. אַנדערע פון זיי זיינען איבערגעגעבען אויף א ספּע־ציעלען נאָמען פון אן אמורא. פאַרהאַנען אויך אזעלכע, וואָס ברענגען א ראיה צו געוויסע הלכות, הויבען זיי זיך אָן מיט'ן וואָרט „גופא", און ווען זיי זיינען באַשטרעבט צו פאַרענטפערען א קשיא, הויבען זיי זיך אָן מיט: ורמינהו, מיתיבי, תא שמע.

פאַר געוועהנליך רופט מען די „ברייתא" אין דער גמרא: „מתניתא" (זעה רש"י בבא מציעא דף פ"ה עמוד ב') און אין תלמוד ירושלמי ווערד דאָס וואָרט „מתניתא" געברויכט סיי פאר דער משנה און סיי פאר דער „ברייתא" (אין תלמוד בבלי הייסט די משנה אומעטום „מתניתין", וועלכעס מיינט „אונזער משנה"). און ר' יוחנן זאָגט, אז ווען אימיצער זאָל איהם פרעגען א שאלה פון דער „מתניתא דר' חייא ור' אושעיא", וועלכע ער וואָלט נישט געקענט פאַרענטפערען, וואָלט ער זיך ארונטערגעוואָרפען פונ'ם מאַסטבוים פון א שיף (תענית דף כ"א עמוד א').

און טאָמער געפינט זיך אַמאָל אין דער גמרא א „ברייתא", וועלכע ווערד פשוט באַצייכענט מיט'ן וואָרט „ברייתא" אנשטאט „מתניתא", דאַרף מען וויסען, אז א ברייתא מיט'ן נאָמען „מתניתא" האָט אָפּטמאָל דעם אינהאַלט פון דער משנה צוזאַמען מיט דער תוספתא — און א פּשוט'ע ברייתא, וועלכע ווערד גערופען מיט'ן נאָמען „ברייתא", שטעהט נישט אין קיין שום שייכות צום אינהאַלט פון דער משנה.

די נוסחאות אין די „ברייתות" זיינען פאַרשיעדען. געפינען מיר טאָ־קי אָפּטמאָל דעם נוסח פון אַ ברייתא אינ'ם ירושלמי גאַנץ אַנדערש ווי אינ'ם בבלי. צומאָל איז זאָגאר דער אינהאַלט פון ביידען סותר איינע די אנדערע. פאַרהאַנען אמאָל א ברייתא, וועלכע הויבט זיך אָן אינ'ם תלמוד בבלי מיט „תנו רבנן" און אין ירושלמי הויבט זי זיך אָן מיט „תני ר' חייא". אַנדערע הונדערטער ברייתות אזעלכע אינ'ם ירושלמי הויבען זיך אָן בלויז מיט דעם ווערטעל „תני".

פאַרהאַנען אויך הונדערטער מאמרים אין דער גמרא, וועלכע זיינען באַ־צייכענט מיט „תנו רבנן" און זיי זיינען נישט מעהר ווי ספּורי מעשיות, וועל־כע האָבען נישט קיין שייכות צו דינים, א שטייגער די מעשה פון איינעם, וואָס זיין ווייב איז געשטאָרבען און זי האָט איהם איבערגעלאָזען א קינד, וואָס מען האָט עס געדאַרפט זויגען, אָבער אזוי ווי דער מאַן האָט נישט גע־האָט קיין געלט צו דינגען אן אַם, איז איהם געשעהן א נס, וואָס עס זיינען איהם אויסגעוואַקסען ברוסטען ווי ביי א פרוי. אָדער אן אנדערע מעשה וועגען איינעם, וועלכער האָט געהאַט א פרוי מיט אָפּגעהאַקטע פינגער און דער מאַן האָט דאָס נישט באַמערקט, ביז די פרוי איז נישט געשטאָרבען (שבת דף נ"ג עמוד ב').

דעסגלייכען זיינען פאַרהאַנען אין דער גמרא מאמרים, וואָס הויבען זיך אָן מיט „תנו רבנן" און דער אינהאַלט זייערער באַציהט זיך בלויז צו דער זיטליך־מאָראַלישער אויפפיהרונג פון די מענשען, פון וועלכע מיר וועלען דאָ

ברענגען עטליכע מאמרים, וואָס געפינען זיך אין מסכת ברכות, דהיינו: צוליעב דריי זאכען דארף א מענש נישט אריינגעהען אין א חורבה (ברכות דף ג׳ עמוד א׳); די נאכט איז איינגעטיילט אין פיער משמורות (דף ג׳ עמוד ב׳); זעקס זאכען האָט חזקיהו המלך געמאכט, וואָס דריי פון זיי זיינען אנערקענט געוואָרען ביי די חכמים און דריי פון זיי זיינען נישט אנער־קענט געוואָרען (דף י׳ עמוד ב׳); פיער מינים מענשען דארף מען שטאר־קען (דף ל״ב עמוד ב׳); זעקס זאכען זיינען א שאנדע פאר א תלמיד־חכם (דף מ״ג עמוד ב׳); פינף זאכען זיינען געזאָגט ביי ברויט (דף נ״ו עמוד ב׳).

ס׳איז אויך געזאָגט אין דער גמרא, אז יעדע ברייתא, וועלכע איז נישט געלערנט געוואָרען דורך ר׳ חייא און ר׳ אושעיא, קען זיין א פעהלערהאפטע, ווייל נור ר׳ חייא און ר׳ אושעיא האָבען גענוי איבערגעגעבען די ווערטער פון יעדען חכם אָהן א צוגאָב (חולין דף קמ״א עמוד א׳). דעסגלייכען געפינען מיר אמאָל א ברייתא, וועלכע איז באצייכענט מיט „תנו רבנן״, וואו עס ווערד וועגען איהר געזאָגט, אז זי איז טראָצדעם א פעהלערהאפטע (גטין דף ע״ג עמוד ב׳).

גרעסטענטיילס שטאמען די ברייתות פון ארץ־ישראל. דאָרט זיינען זיי אויסגעוואקסען און דאָרט האָבען זיי זיך פאנאנדערגעבליהט. אנדערע פון זיי זיינען פארפאסט געוואָרען אין בבל. פארהאנען אויך פיעלע, וואָס זיינען צו אונז אנגעקומען אויף׳ן נאָמען פון איינצעלנע „אמוראים״, א שטייגער ווי: תני רב יוסף, תני רב יחזקאל, תני חייא בר רב מדפתא, תני רמי בר חמא.

מיר געפינען אויך פיעלע מאמרים, וואָס די „אמוראים״ זאָגען זיי אויף׳ן נאָמען פון די ערשטע תנאים, חאָטש עס איז א ספק, צי עס האָט נישט אמאָל אַזאַ אמורא געזאָגט אויף׳ן נאָמען פון א פריהערען תנא אזא הלכה, וועל־כע איז אין אמת׳ן געווען זיינע אן אייגענע. מאנכע חכמים האָט מען טאקי חושד געווען, אז זיי זאָגען הלכות אויף׳ן נאָמען פון אנדערע, חאָטש יענע האָבען דאָס גאָר נישט געזאָגט. אזוי געפינען מיר אמאָל א הלכה אנגעהאנ־גען אויף׳ן נאָמען פון ר׳ יוסי, און ר׳ יוסי האָט דאָס גאָר קיינמאָל נישט געזאָגט (ערובין דף נ״א עמוד א׳).

אזוי פלעגט ר׳ אבהו אָנהענגען זיינע אויסשפּרוכען אויף׳ן נאָמען פון ר׳ יוחנן, באזונדערס ווען ער האָט געוואָלט מאכען א שטארקערען איינדרוק מיט זיינעם אַן אויסשפּרוך. אזוי האָט ער אמאָל געזאָגט אויף׳ן נאָמען פון ר׳ יוחנן, אז א מיידעל מעג לערנען גריכיש, ווייל ווען זי קען א פרעמ־דע שפּראך, איז דאָס פאר איהר א ציערונג. האָט מען איהם דאַן פאָרגע־וואָרפען, אז ווייל ער וויל לעהרנען זיין טאָכטער גריכיש, זאָגט ער דאָס אויף׳ן נאָמען פון ר׳ יוחנן (ירושלמי פאה פרק א׳ הלכה א׳). איינמאָל האָט אונזער ר׳ אבהו זאָגאר געזאָגט א ברייתא בעפאָר ר׳ יוחנן, און ר׳ יוחנן האָט איהם געזאָגט, אז דאָס לערנען זיינס איז נישט ריכטיג (שבת דף ק״ו עמוד א׳).

עס האָבען זיך אויך געטראָפען חכמים, וואָס פלעגען זאָגען זאכען אויף זייער אייגענעם נאָמען, וועלכע זיי האָבען געהאַט געהערט פון פריהערע חכמים. אזוי האָט, למשל, ר׳ אלעזר בן פדת געזאָגט אין זיין אייגענעם נאָ־מען זאכען, וועלכע ער האָט געהערט פון ר׳ יוחנן, און ר׳ יוחנן פלעגט שטענדיג וועלען, מען זאָל נאָכזאָגען זיינע אויסשפּרוכען אויף זיין נאָמען

(ירושלמי ברכות פרק ב' הלכה א'). ביי אן אנדערן פאל האט ר' אלעזר בן פדת גע'דרשנ'ט בעפאר ר' יוחנן, האט איהם ר' יוחנן געריהמט, אז ער דרשנ'ט גלייך ווי משה רבנו. האט דאן ריש לקיש אויפמערקזאם געמאכט, אז וואס ר' אלעזר האט געזאגט, איז נישט קיין אייגענס, ווייל ער האט עס גענומען פון א „ברייתא" (יבמות דף ע"ב עמוד ב').

מאנכע חכמים פלעגען זיך ווייטער ערלויבען, אויסצובעסערען א ברייתא, צוצוגעבען ווערטער אדער זי צו פארקירצען. און איינמאל, ווערד דער־צעהלט, האט ר' פפא געוואלט ברענגען א ראיה צו זיינער א מיינונג פון א ברייתא, האט מען איהם באוויזען, אז די ברייתא איז נישט קיין ריכטיגע. האט ער אויף דעם געענטפערט: „איך האב מיט א באזונדערער כוונה צוגעגעבען עטליכע ווערטער מיינע!" (נזיר דף ל"ט עמוד א'). און ווען איינער האט אמאל געוואלט ברענגען א נייע זאך צום בית־המדרש, האט מען איהם אויפמערקזאם געמאכט, אז דאס נייע זיינס קומט פון אן אומריכ־טיגער ברייתא. האט ער אויף דעם געזאגט: „וועל איך עס דארפען ארויס־נעהמען פון מיין משנה" (בבא מציעא דף נ"ח עמוד ב').

זיכערליך זיינען פיעלע „ברייתות" אין פארלויף פון דער צייט פארלוי־רען געגאנגען און די „ברייתות", וועלכע געפינען זיך היינט אין אונזער באזיץ, זיינען:

א) „ברייתא דאבות", דאס איז דער זעקסטער פרק פון מסכת אבות, וועלכער געפינט זיך נישט אין אונזערע משניות און ער ווערד אנגערופען אין דער גמרא מיט'ן נאמען „פרק קנין התורה".

ב) „ברייתא דר' אליעזר ב"ר יוסי הגלילי", וואו עס געפינען זיך די „ל"ב מדות שהתורה נדרשת בהן", געוועהנליך גע־דרוקט ביים ענד פון מסכת ברכות.

ג) „ברייתא דר' יוסי בן חלפתא", באקאנט אונ־טער'ן נאמען „סדר עולם" און זי ווערד פיעל מאל דערמאנט אין דער גמרא (זעה שבת דף פ"ח עמוד א', מגלה דף י"א עמוד ב', יבמות דף פ"ב עמוד א', נזיר דף ה' עמוד א', עבודה זרה דף ח' עמוד א', נדה דף מ"ו עמוד א').

ד) „ברייתא דר' ישמעאל", דאס זיינען די „שלש עשרה מדות שהתורה נדרשת בהן" פון ר' ישמעאל, וועלכע געפינט זיך ביים אנהויב „ספרא". פארהאנען אויך א ספר „היכלות רבתי", וואס ווערד אנגע־רופען „ברייתות דר' ישמעאל".

ה) „ברייתא דמלאכת המשכן", געדרוקט דאס ערש־טע מאל אין אפענבאך (1802) מיט באמערקונגען פון ר' אייזיק שייער און א צווייטען מאל אין וויען (1908) מיט באמערקונגען פון ר' מאיר איש שלום.

ו) „ברייתא דר' פנחס בן יאיר", געדרוקט אין „ספר הלקוטים" פון גרינהוט אין ירושלים.

ז) „ברייתא דשמואל הקטן", וועגען די אסטראנאמי־שע בארעכנונגען פון די „תקופות" מיט פארשיעדענע צוגאבען וועגען דער געבורט פון דוד המלך און די געשעהענישען פון דער צייט, וואס משיח וועט קומען. געדרוקט דאס ערשטע מאל אין סאלאניקי (1861).

ח) „ברייתא מעשה תורה", וועגען די „עשרה מאמרות", וואס די וועלט איז מיט זיי באשאפען געווארען. געדרוקט דאס ערשטע מאל מיט צוגאבען און באמערקונגען פונ'ם ווילנא'ר גאון (קעניגסבערג 1864).

די „תוספתא"

ענג פארבונדען מיט'ן אינהאלט פון דער „משנה", חאטש אין גאנצען אפגעזונדערט און אין הלכה וויניג מאסגעבענד, איז די „ת ו ס פ ת א". איהר צוזאמענשטעלונג איז גרעסטענטיילס ווי א גענויערע ערקלערונג צו דער „משנה". איז טאקי צוליעב דעם אפטמאל נויטיג, צו האבען די „משנה" פאר די אויגען, כדי צו פארשטעהן, וואס די „תוספתא" וויל זאגען.

די טייטש פונ'ם ווארט „תוספתא" איז — צ ו ג א ב, און גלייך ווי די „ברייתא", וועגען וועלכער עס איז אויבען געזאגט געווארען, אז זי באשטעהט פון אזעלכע משניות, וואס ר' יהודה הנשיא האט צוליעב וועלכע ס'איז סבות ניט אריינגענומען אין זיין „משנה", צי ווייל זיי זיינען נישט געווען גענוג וויכטיג אין זיינע אויגען, אדער ווייל עס האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז וואס עס ווערד דארט געזאגט, איז פריהער געזאגט אין דער „משנה", קען דאסזעלבע געזאגט ווערען וועגן דער „תוספתא", ווייל זי פארמאגט אויך א גרויסע זאמלונג פון אזעלכע מאמרים, וואס דער „רעדאקטאר" פון דער „משנה" האט זיי נישט אריינגענומען אין זיינע ספרים, באטראכטענדיג זיי פאר איבריג.

געשעהען איז דאס וואהרשיינליך אויף אזא אופן: נישט אלע יענע חכמים, וועלכע האבען געהאט אייגענע משניות, האבען געהאט אלסדינג פארשריבען אין זייערע „נאטיצען", זיינען פיעלע פון זייערע מאמרים ארומגעגאנגען פון מויל צו מויל, און ווען זיי זיינען אנגעקומען צו ר' יהודה הנשיא, האט ער זיי נישט געוואלט אנערקענען, האבען זיי אבער שפעטערע חכמים צונויפגעקליבען און זיי זיינען דערנאך אפגעהיט געווארען ביז צום היינטיגען טאג אלס טעארעטישע „צוגאבען" פון דער „משנה", וועלכע קענען אמאל דיענען צו דער „שקלא וטריא" וועגען א דין. זיי קענען אבער נישט זיין מאסגעבענד צום פסק־דין גופא.

עס קען אויך נישט געזאגט ווערען מיט באשטימטהייט, ווער עס האט די מאמרים פון דער „תוספתא" צונויפגעקליבען און אין וואס פאר א צייט דאס איז געשעהען. פאראהאנען אן אנגענומענער כלל, אז „סתם תוספתא ר' נחמיה", דאס הייסט, אז דארט וואו די „תוספתא" ברענגט א מאמר אהן א נאמען פון א מחבר, שטאמט דער דאזיגער מאמר פון ר' נחמיה (סנהדרין דף פ"ז עמוד א'), און אזוי ווי ר' נחמיה איז געווען א תלמיד פון ר' עקיבא, הייסט דאס, אז די צייט פון זיין ווירקונג איז געווען בעפאר דער צייט פון ר' יהודה הנשיא. אנדערע מאמרים אין דער „תוספתא" שטאמען פון ר' חייא און ר' אושעיא, וועגען וועלכע עס ווערד געזאגט אין דער „אגרת ר' שרירא גאון" און אין דער הקדמה צום פירוש המשניות להרמב"ם, אז זיי זיינען גאר די מחברים פון דער „תוספתא".

נייערע היסטאריקער האבען דאגעגען א גאנץ אנדערע מיינונג וועגען דער צוזאמענשטעלונג פון דער „תוספתא". אויפ'ן נאמען פון ר' עקיבא געפינט זיך אפטמאל אין דער משנה פון ר' יהודה הנשיא דער אויסדרוק „הוסיף ר' עקיבא", מיט וועלכען עס וויל געזאגט ווערען, אז ר' עקיבא האט געהאט עטוואס צוצוגעבען צו אן אלטער הלכה (ווי למשל כלאים פרק א' משנה ג', עדיות פרק ב' משנה א'). דאסזעלבע ווערד אויך מאנכעס מאל געטהון אויפ'ן נאמען פון ר' יהודה בר אלעאי צו אנדערע הלכות, וואו עס

ווערד געזאָגט: „ר' יהודה מוסיף" (ווי למשל עבודה זרה דף מ"ג עמוד א'). זיינען דאָן, ווי יענע היסטאָריקער זאָגען, אַלע אַזעלכע מיני „הוספות" צו־נויפגעקליבען געוואָרען דורך מענשען, וועגען וועלכע עס קען נישט געזאָגט ווערען מיט באַשטימטהייט, ווער זיי זיינען געוועזען — און פון זיי האָט זיך די „תוספתא" אויסגעבויעט.

דאַביי האָט אויך יעדער געוואוסט, אַז אין הלכה קען מען זיך אויף אַזעלכע מיני „הוספות" נישט סומך זיין — און לאַנג צוריק האָט שוין דער רא"ש (רבנו אשר ב"ר יחיאל) געזאָגט, אַז די „תוספתא" האָט אויפגעקלי־בען מאמרים, וואָס שטאַמען פון נאָכ'ן תלמוד, און ווייל עס געפינען זיך אין דער „תוספתא" געוויסע דינים, וועלכע ווילען מקיל זיין דאָרט וואו די גמרא איז מחמיר, האָט ער געזאָגט: „כל תוספתא שלא נתפשטה עד אחר סדור הש"ס לאו דסמכא היא" (חולין פרק שני סימן ו').

ס'איז אויסערדעם זיכער, אַז ביים צוזאַמענשטעלען די „תוספתא" האָ־בען פיעלע און פאַרשיעדענע חכמים געגומען א האַנד. דאָס קען מען אָם בעסטען זעהען, ווען מען וויל מאַכען א שפּראַכליכע אונטערזוכונג אינ'ם לשון פון דער „תוספתא". נישט אומעטום איז אָבער אָפּגעהיט געוואָרען דער כלל, אַז „סתם תוספתא ר' נחמיה", ווייל מיר געפינען דאָרט מאמרים אָהן א נאָמען פונ'ם מחבר, וועלכע געפינען זיך מיט דיעזעלבע ווערטער אין דער גמרא אונטער דער באַצייכנונג „תני ר' חייא". דעסגלייכען געפינען זיך אַנדערע מאמרים אין דער „תוספתא" אָהן א נאָמען פונ'ם מחבר, וועלכע זיינען דערמאָנט אין דער גמרא אויפ'ן נאָמען פון בר־קפּרא.

גלייך ווי די משנה איז אויך די „תוספתא" איינגעטיילט אין זעקס סדרים: זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים און טהרות. די אָרדנונג פון די מסכתות איז דאָרט פון דעסטוועגען מאנכעס מאָל אַנדערש ווי אין דער משנה און מסכת יומא פון דער גמרא הייסט דאָרט „מסכת יום הכפורים". עס פעהלט אויך די תוספתא צו מסכת „אבות" פון סדר נזיקין, אַזוי ווי צו די מסכתות קינין, מדות און תמיד פון סדר קדשים. אין מאַנכע מסכתות פעה־לען געוויסע פּרקים און אין אַנדערע זיינען אָפטמאָל צונויפגענומען צוויי פּרקים פון דער משנה אין איינעם.

וועגען דער פעהלענדער „תוספתא" צו מסכת אבות איז אָנצונעהמען, אַז „אבות דר' נתן" פאַרטרעט איהר שטעלע. דער אינהאַלט פון „אבות דר' נתן" איז איבערהויפּט ווי דער אינהאַלט פון דער „תוספתא". דער פאַר־פאַסער באַשטרעבט זיך דאָרט, צו פאַרשפּרייטען אין דער ערקלערונג פון יעדען שטיקיל און די צוגאָבען צו די משניות זיינען דאָרט מעהרער ווי דער עיקר. פונ'ם אָנהויב ביז צום סוף איז דאָרט דער סטיל א ברייטליכער מיט אַן אויסמישונג פונ'ם אינהאַלט, דאַביי זיינען אויך אריינגעצויגען זאַכען, וועלכע האָבען א גאַנץ קנאַפּע שייכות צום ענין.

דאָס ערשטע מאָל איז די „תוספתא" געדרוקט געוואָרען צוזאַמען מיט'ן „רב אלפס" אויף ש"ס אין ווינעציא (רפ"א, 1521) און ביז צום היינטיגען טאָג זיינען פאַרהאַנען אין פאַרשיעדענע ביבליאָטהעקען מאַנוסקריפּטען פון דער „תוספתא", וואָס דער טעקסט זייערער איז אויף פיעלע ערטער אַנ־דערש ווי דער נוסח פון אונזער געדרוקטער „תוספתא".

ביי אַ גענויער אונטערזוכונג פון דער „תוספתא" אין איהר אינהאַלט, קען מען דאָרט אונטערשיידען פאַרשיעדענע טעקסטען.

פאַרהאַנען דאָרט געוויסע אַלטע משניות, וועלכע רבי האָט נישט אַריינגענומען אין זיין „משנה" און עס זיינען דאָרט אויך פאַרהאַנען שטיקער פון אַלטע „צוגאָבען" צו דער משנה, אַזוי ווי פאַרשיעדענע זאַמלונגען פון אַנדערע הלכות.

עס האָט אויך די „תוספתא" אַריינגענומען פיעלע מאמרים פון אַזעלכע משניות, וואָס שטאַמען פון נאָך ר' יהודה הנשיא, אַ שטייגער ווי פון ר' חייא און ר' אושעיא, פון בר־קפּרא און פון לוי בן סיסי.

פאַרהאַנען דאָרט הלכות, וועלכע געפינען זיך נישט אין פריהעריגע משניות און זיי שטאַמען זיכערליך פון שפּעטערע חכמים, וועלכע האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט צונויפשטעלען אַלטע הלכות און די גמרא רופט אַזאַ מענש מיט'ן נאָמען „סדרנא" (פסחים דף ק"ח עמוד ב'). אָפּטמאָל האָט מען אויך געדענקט, אַז פאַרשיעדענע חכמים האָבען דאָרט אַריינגעגעבען זאַכען פון זייער אייגענעם געדאַנק (זעה רש"י חולין דף קמ"א עמוד ב').

חוץ דעם זיינען דאָרט פאַרהאַנען אַנדערע הלכות, וועלכע זיינען נישט אין איינקלאַנג מיט'ן דין פון דער גמרא, ווייל די הלכה אין דער גמרא איז דעם מסדר פון דער „תוספתא" נישט שטענדיג געפעלען און ער האָט געוואָלט אַרויסגעבען אַן אַנדערן פסק הלכה, האָט זיך דאָס איהם געוועהנליך נישט איינגעגעבען.

פון אָט דעם אַלעמען איז צו זעהען, אַז די ענדגילטיגע צוזאַמענשטעלונג פון דער „תוספתא" איז אַ פיעל שפּעטערע ווי די צייט פון ר' חייא און ר' אושעיא. עס איז אויך מעהר ווי זיכער, אַז אַ גרויסער טייל פון דער גמרא איז שוין אין יענער צייט גוט באַקאַנט געוועזן. האָט דאָן דער דאָזיגער אינהאַלט געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דער צוזאַמענשטעלונג פון דער „תוספתא".

די „תוספתא" איז געוועהנליך באַשטרעבט, צו ערקלערען די משניות, נישט נור די משנה פון ר' יהודה הנשיא, נור אויך די משניות פון ר' חייא און ר' אושעיא, און ווייל עס איז אַזוי, זעהען מיר, אַז דער אמת'ער צוועק פון דער „תוספתא" איז געוועזן, צו געבען אַ געזעצליכע איינטייטשונג פון די מצוות, גלייך ווי די משנה פון רבי האָט דאָס געטהון.

מיט אַ באַזונדערער פינגער־פערטיגקייט האָט עס זיך אויך דעם מסדר פון דער „תוספתא" איינגעגעבען, צו מאַכען זי אינ'ם לשון פון דער „משנה" און אינ'ם סטיל פון די ערשטע אמוראים. הויפּטזעכליך האָט דער מסדר פון דער „תוספתא" געזעהן, אַז דורך דער „שקלא וטריא" און די האַהר־שפּאַלטערישע שאַרפזיניגקייט פון דער „משנה" ווערד פאַרגעסען איהר אייגענטליכער צוועק, האָט ער דערפון געוואונען די איבערצייגונג, אַז מען דאַרף שאַפען אַ נייעם חבור, אַ לייכטפאַרשטענדליכען, וואו עס זאָל אַלעס אויף אַ קלאָרען אופן ערקלערט ווערען.

פון דעסטוועגען האָט דער צוזאַמענשטעלער פון דער „תוספתא" נישט צונויפגענומען אַלסדינג, וועלכעס איז איהם געקומען אין דער האַנד אַריין, ווייל ער האָט יעדען ענין שטאַרק איבערגעקליבען, און וואָס ער האָט נישט געפונען אַלס פּאַסיג פאַר זיין צוועק ביים לערנען, האָט ער נישט אַריינגענומען. געוועהנליך האָט ער דאָבײ געגעבען דעם פאָרצוג צו די משניות פון ר' חייא און ר' אושעיא, ווייל זיי זיינען איהם אַם בעסטען געפעלען. אָבער אויך פון זיי האָט ער נישט אַלסדינג גענומען.

אַנגעהמענדיג, אַז דער מסדר פון דער „תוספתא" איז געווען איינער פון די ערשטע אמוראים, קען מען זאָגען, אַז ער איז געווען אַ מענש פון ארץ־ישראל און געלעבט האָט ער וואַהרשיינליך אין בבל, אַזוי ווי דער רוב חכמים פון יענער צייט, וואָס זייער אָפּשטאַמונג איז געווען פון ארץ־ישראל און זיי האָבען אויסגעוואַנדערט קיין בבל.

צוליב דעם איינפלוס פון בבל, וואו דער מסדר פון דער „תוספתא" האָט — לויט דער וואַהרשיינליכקייט פון דער אויבען אַנגענומענער טעאָריע — געלעבט, איז דער נוסח פון דער „תוספתא" מעהר געניינגט צום תלמוד בבלי איידער צום ירושלמי, חאָטש דער עיקר פון זיין אינהאַלט איז פונ'ם ירושלמי, וועלכער איז פאַר איהם דער אייגענטליכער מקור. דאַביי איז ער אָבער כסדר באַשטרעבט, צו געהען אויף אַן אייגענעם דרך. און וועגען די ענדערונגען אינ'ם טעקסט איז מעגליך, אַז דאָס זיינען אויסבעסערונגען פון שפּעטערע צייטען, נאָכדעם ווי עס האָבען דאָרט געאַרבייט פאַרשיעדענע הענד, אַנגעהויבען פון די „אמוראים" ביז צום לעצטען דרוקער.

און גלייך ווי עס איז אָפּגעגעבען אין אונזער „משנה" אַ גרויסער פּלאַץ פאַר דער „אגדה", אַזוי איז אויך אָפּגעגעבען אַ גרויסער פּלאַץ אין דער „תוספתא" צו דער אגדה. דאָס וועזען פון דער אגדה אין דער „תוספתא" איז מעהרסטענס אויף דעמזעלבען שטייגער ווי די אגדה פון דער „משנה". ס'איז אויך אויף איהר צו דערקענען, אַז עס האָבען זיך ביי איהר פאַרשיעדענע הענד געגריבעלט און עס געפינען זיך דאָרט זיכערליך אגדות, וואָס שטאַמען פון שפּעטערע „אמוראים".

* * *

די „מכילתא"

די ליטעראַטור פון די „מדרשים", וועלכע זיינען אַריינגעפּלאָכטען אין די מאמרים פון ש"ס בבלי וירושלמי, גלייך ווי פון דער „תוספתא", אָט די ליטעראַטור האָט זיך איהרע אייגענע עטליכע ספרים, וואו עס ווערד געלייגט גרויס געוויכט אויף די לעגענדאַרישע איינטייטשונגען פון די געשעהענישען, וואָס זיינען באַשריבען אין די ערצעהלונגען פון דער תורה.

איינער פון די עלטעסטע ספרים אין דער דאָזיגער ליטעראַטור איז די „מכילתא", וואו עס זיינען צונויפגעקליבען דרשות אויף ספר שמות, איינגעטיילט אין צעהן חלקים, וועלכע רופען זיך „מסכתות", און יעדער חלק האָט זיך זיין באַזונדערען נאָמען, נישט לויט די סדרות פונ'ם ספר, נור לויט'ן אינהאַלט פון די „מסכתות", וואָס זיינען געבויעט אויף פאַרשיעדענע היסטאָרישע עפּיזאָדען.

די דאָזיגע צעהן „מסכתות" פון דער מכילתא זיינען:

א) „מסכתא דפסחא", האַנדעלט וועגען „קרבן פסח", סיי וועגען „פסח מצרים" און סיי וועגען דעם „פסח לדורות". אָט די מסכתא הויבט זיך אָן אין פרשת בא (קאַפּיטעל י"ב פסוק א') „החודש הזה לכם" און זי ציהט זיך ביז אַריבער מכת בכורות, דערנאָך נעמט זי די מעשה פון „יציאת מצרים" און די פרשה פון „קדש לי כל בכור", ענדיגענדיג ביי קאַפּיטעל י"ג פסוק ט"ז.

ב) „מסכתא דויהי בשלח", געהט צוריק צו דער מעשה פון „יציאת מצרים", ווי פרעה האָט נאָכגעיאָגט די אידען, ביז דער ים האָט זיך געשפּאָלטען (פון קאפּיטעל י"ג פּסוק י"ז ביז צו סוף קאפּיטעל י"ד).

ג) „מסכתא דשירה", הויבט זיך אָן מיט „אָז ישיר" (קאפּיטעל ט"ו פּסוק א') און ענדיגט ביי „שירת מרים הנביאָה" (פּסוק כ"א).

ד) מסכתא דויסע (מיט אַ פּתח אונטער'ן יוד), הויבט זיך אָן ביי „ויסע משה את בני ישראל" (קאפּיטעל ט"ו פּסוק כ"ב), באַשרייבט דאָן די ווייטערע רייזעס פון די אידען אין דער מדבר ביז איבער דער „פּרשת המן", וואו זי ענדיגט זיך ביי קאפּיטעל י"ז פּסוק ז'.

ה) „מסכתא דעמלק", באַשרייבט די מלחמה מיט עמלק אין רפידים (פון קאפּיטעל י"ז פּסוק ח' ביז פּסוק ט"ז ביים סוף פון דער סדרא בשלח).

ו) „מסכתא דוישמע יתרו", באַשרייבט ווי יתרו איז געקומען אויף אַ באַזוך צו משה רבנו אין דער מדבר, מיטברענגענדיג צו איהם זיין ווייב און קינדער, דאַביי האָט ער איהם אויך געראַטהען וועגען אַ פאַרגרינגערטען סיסטעם אויף צו משפּט'ן דאָס פאָלק (פון קאפּיטעל י"ח פּסוק א' ביז פּסוק כ"ז).

ז) „מסכתא דבחדש", באַשרייבט די מעשה פון קבלת התורה און די צוגרייטונג דערצו, אָנגעהויבען פון „בחודש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים" (קאפּיטעל י"ט פּסוק א') ביז סוף פּרשת יתרו (קאפּיטעל כ' פּסוק כ"ו).

ח) „מסכתא דנזיקין", באַשרייבט די דינים פון דער סדרא משפּטים (פון קאפּיטעל כ"א פּסוק א') ביז צו די דינים וועגען דער באַהאַנדלונג פון אַ יתום און אַן אלמנה (קאפּיטעל כ"ב פּסוק כ"ג).

ט) „מסכתא דכספּא", באַהאַנדעלט דאָס געזעץ פון לייהען געלד, אָנגעהויבען פון „אם כסף תלוה" (קאפּיטעל כ"ב פּסוק כ"ד) ביז צום סוף פון דער סדרא משפּטים.

י) „מסכתא דשבתא", הויבט זיך אָן ביי קאפּיטעל ל"א פּסוק י"ג, היפּערט אַריבער די קאפּיטלען ל"ג און ל"ד און הויבט ווייטער אָן ביי „ויקהל משה" (קאפּיטעל ל"ה פּסוק א') ביז צו „לא תבערו אש ביום השבת" (פּסוק ג').

וועגען דער טייטש פון'ם וואָרט „מכילתא" זיינען די מיינונגען פאַרשיעדען. אין אַראַמיש, פון וואַנען דאָס וואָרט „מכילתא" קומט, איז די טייטש דערפון „אייגענשאַפט" און מיינען מיינט עס אַ סיסטעם אין דער פיהרונג (אין העברעאיש: „מדה"). אַזוי הייסען די „שלש עשרה מדות" פון'ם אויבערשטען אין אַראַמיש „תליסר מכילין". ווילען דאַדורך מאַנכע פון אונזערע פילאָזאָפען באַהויפּטען, אַז אַזוי ווי דער אינהאַלט פון דער „מכילתא" שטעלט מיט זיך פאָר אַ געוויסע אייגענשאַפט אין דער איינטייטשונג פון דער תורה, און אַזוי ווי מען זאָגט, אַז דער מחבר פון דער „מכילתא" איז ר' ישמעאל בן אלישע, וועלכער האָט אויפגעשטעלט אַ סיסטעם פון דרייצעהן כללים אין דער אויסטייטשונג פון דער תורה (שלש עשרה מדות שהתורה נדרשת בהן), האָט מען דאַדורך אַ נאָמען

געגעבען דעם ספר זיינעם „מכילתא", ווייל ער האָט דאָרט אריינגעפּאַסט אַלע דרשות זיינע אין איינעם פון יענע דרייצעהן כללים.

דאַגעגען זאָגען אַנדערע פילאָלאָגען, אַז אַנשטאַט „מכילתא" דאַרף מען לייענען „מגילתא". נאָך אַנדערע זאָגען, אַז די באַדייטונג פון׳ם וואָרט „מכילתא" איז אַזוי פיעל ווי „מסכתא" — און אַ ראיה ברענגען זיי צו זייער מיינונג, וואָס פיעלע פון אונזערע אַמאָליגע חכמים פלעגען געברויכען דאָס וואָרט „מכילא" אַנשטאָט דעם וואָרט „סוגיא".

איז דער „היוצא לנו" פון די אַלע שפּראַכליכע חקירות, אַז די גענויע טייטש פון׳ם וואָרט „מכילתא" איז נישט באַוואוסט. צום פאַרשטענדניס פון דער „מכילתא" גופא איז דאָס אויך נישט וויכטיג. צו דעם איז גע־נוג צו וויסען, אַז דער אינהאַלט פון דער „מכילתא" שטעלט מיט זיך פאָר אַ זאַמלונג פון דרשות צו ספר שמות, צו די דאָרט באַשריבענע געשעהע־נישען. גלייך ווי צו די דאָרט פאַרהאַנענע דינים, וואָס אַ טייל פון יענע דרשות געפינט זיך אין דער גמרא, אין תלמוד בבלי אָדער אין ירושלמי, און אַן אַנדערער טייל פון זיי איז צונויפגעקליבען געוואָרען דורך שפּע־טערע חכמים.

ווי באַמערקט, געפינען זיך מאַנכע דרשות פון דער „מכילתא" אין דער גמרא, אָבער דער נאָמען פון׳ם מדרש גופא געפינט זיך נישט דאָרט און ער ווערד דאָס ערשטע מאָל דערמאָנט אין די שריפטען פון די „גאונים", וואו ער הייסט „מכילתא דואלה שמות" אָדער „מכילתא דר׳ ישמעאל", ווייל מען האָט געגלויבט, אַז דער פאַרפאַסער זיינער איז ר׳ ישמעאל בן אלישע.

דאַרף מען דערצו באַמערקען, אַז עס זיינען דאָרט אין דער „מכילתא" פאַרהאַנען מאמרים, וואָס דער אינהאַלט זייערער איז זיכערליך אַ שפּע־טערער ווי פון ר׳ ישמעאל׳ס צייטען. האָבען דורכדעם מאַנכע היסטאָ־ריקער אויפגעשטעלט די טעאָריע, אַז דער מחבר פון דער „מכילתא" איז גאָר רב (אבא אריכא), וועלכער האָט זיך נאָך׳ן טויט פון ר׳ יהודה הנשיא באַזעצט אין בבל און ער האָט דאָרט אָנגעפיהרט אַן אייגענעם בית־המדרש אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב.

זאָגען ווייטער אַנדערע, אַז די מאמרים פון דער „מכילתא", וועלכע זיינען דאָרט אָהן אַ נאָמען פון׳ם מחבר, געפינען זיך אין דער גמרא מיט דער באַצייכנונג „תני ר׳ ישמעאל". איז מען דאַדורך זיכער, אַז ר׳ ישמעאל איז טאַקי דער מחבר פון דער „מכילתא".

געפינען זיך אָבער אין אונזער „מכילתא" מאמרים שפּעטערע, וואָס שטאַמען זיכערליך פון נאָך ר׳ ישמעאל׳ס צייט. זאָגען דערפאַר אַנדערע היסטאָריקער (ווי זכריה פראנקעל אין זיין ספר „מבוא הירושלמי"), אַז דער מחבר פון דער „מכילתא" האָט טאַקי געהייסען ר׳ ישמעאל, איז דאָס אָבער נישט געוועזען דער תנא ר׳ ישמעאל בן אלישע, נור דער „אמורא" ר׳ ישמעאל אחיו של ר׳ יודן, פון׳ם צווייטען דור ארץ־ישראל׳דיגע אמוראים (דערמאָנט איינמאָל אין ירושלמי גטין פרק א׳ הלכה ב׳). זיינען אָבער דאָרט אין דער „מכילתא" פאַרהאַנען מדרשים, וואָס דער בבל׳שער גייסט דערקענט זיך אויף זיי. איז עס דערפאַר שווער אָנצונעהמען, אַז אַן „אמורא" פון׳ם ירושלמי איז געוועזען דער מחבר.

פאַרהאַנען אויסערדעם נאָך עטליכע ראיות געגען דער מיינונג, אַז ר׳ ישמעאל בן אלישע איז דער מחבר פון דער „מכילתא".

איינע פון יענע ראיות איז, וואָס דער נאָמען פון ר׳ ישמעאל איז דאָרט דערמאָנט העכער זיבעציג מאָל אין דער דריטער פּערזאָן, וועלכעס איז אַ באַווייז, אַז אַן אַנדערער האָט די מאמרים צונויפגעקליבען פון ר׳ ישמעאל׳ס אַ זאַמלונג. חוץ דעם זיינען נאָך דערמאָנט אַריבער דרייהונ־דערט מאָל נעמען פון חכמים, וועלכע האָבען געלעבט שפּעטער נאָך דער צייט פון ר׳ ישמעאל. אייניגע פון זיי זיינען געווען תלמידים פון ר׳ ישמעאל אָדער תלמידים פון זיינע חברים און אַנדערע זיינען געווען פון אַ דור אָדער פון צוויי דורות שפּעטער.

זאָגען ווייטער אַנדערע, אַז די „מכילתא" איז טאַקי יאָ געשריבען פון ר׳ ישמעאל בן אלישע, און וואָס עס געפינען זיך דאָרט מאמרים פון שפּעטערע חכמים, האָט דאָס וואהרשיינליך אַריינגעגעבען איינער פון די שפּעטערע חכמים, אָבער די מאמרים אָהן אַ נאָמען פונ׳ם מחבר שטאַמען אַלע פון ר׳ ישמעאל (זעה די הקדמה צום ספר „שבות יהודה" פון ר׳ יהודה גנאר, ליוואָרנא תקס"א).

געפינען זיך אָבער אין דער „מכילתא" פּיעלע מאמרים אָהן אַ נאָמען פונ׳ם מחבר, וועלכע זיינען זיכערליך נישט פון ר׳ ישמעאל, ווייל זיי זיי־נען אויך דערמאָנט אין אַנדערע ערטער אויף אַן אַנדערן נאָמען, אַ שטייי־גער ווי אויף׳ן נאָמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי אָדער פון ר׳ יהודה בר אלעאי. דעסגלייכען זיינען פאַרהאַנען אין דער „מכילתא" אַנדערע מאמרים אָהן אַ נאָמען פונ׳ם מחבר און דיעזעלבע מאמרים זיינען ווידערהאָלט אָהן אַ נאָמען פון זייער מחבר אין „ספרי" אָדער אין „ספרא" (סתם מאמרים), און ווי עס איז באַוואוסט, איז אַ „סתם ספרי" פון ר׳ שמעון בן יוחאי און אַ „סתם ספרא" איז פון רב (אבא אריכא).

עס זיינען זאָגאַר פאַרהאַנען אין דער „מכילתא" מאמרים אָהן אַ נאָמען פון זייער מחבר, וואָס דער אינהאַלט זייערער איז אין אַ ווידער־שפּרוך צו די מיינונגען פון ר׳ ישמעאל בן אלישע. און אַזוי ווי מען קען נישט זאָגען, אַז ר׳ ישמעאל איז זיך אין זיינע אייגענע מאמרים אַליין סותר, מוז מען אָננעהמען, אַז נישט אַלע „סתם מכילתא׳ס" זיינען פון ר׳ ישמעאל. און אַזוי ווי עס זיינען דאָרט אויך פאַרהאַנען מאמרים פון שפּעטערע אמוראים, איז טאַקי מעגליך, אַז דער יסוד פון דער „מכילתא" שטאַמט פון ר׳ ישמעאל בן אלישע, האָבען זיך אָבער פאַרשיעדענע חכמים אין יעדען דור ערלויבט, צוצוגעבען דאָרט, וואָס עס איז נור אימיצען פון זיי געפעלען.

אין אמת׳ן איז אויך דער גורל פון די מדרשים דערזעלבער ווי דער גורל פון די משניות, וואָס לאַנג בעפאָר דער צייט פון ר׳ יהודה הנשיא זיינען שוין געווען פאַרשיעדענע זאַמלונגען פון משניות, ווייל יעדער פון די פּראָמינענטערע חכמים אין יענער צייט האָט געהאַט זיינע אייגענע משניות, האָט זיי ר׳ יהודה הנשיא אַלעמען צונויפגענומען, און אַזעלכע משניות וואָס רבי האָט צוליב וועלכער ס׳איז סבה נישט אַריינגענומען אין זיין זאַמלונג, זיינען פאַרלוירען געגאַנגען.

דאָסזעלבע איז וואהרשיינליך פּאַרגעקומען ביי די מדרשים. גלייך ווי יעדער פון די פּראָמינענטערע חכמים האָט געהאַט זיינע אייגענע משניות, האָט אויך איטליכער פון זיי געהאַט זיינע אייגענע מדרשים. איז דער מדרש פון ר׳ ישמעאל נישט געווען ווי דער מדרש פון ר׳ עקיבא און דער

מדרש פון ר' עקיבא איז געווען אַנדערש ווי דער מדרש פון ר' שמעון בן יוחאי אָדער ווי דער מדרש פון ר' יהודה בר אלעאי.

און ווען מיר זאָלען אָננעהמען, אַז ר' ישמעאל בן אלישע האָט טאַקי יאָ אָנגעשריבען אַ מדרש אויף ספר שמות, מוזען מיר צוגעבען, אַז אַנדערע חכמים האָבען אויך געהאַט אַזעלכע מדרשים, ווייל די מעשיות פון ספר שמות האָבען פאַרלאַנגט לעגענדאַרישע אײנטײטשונגען, האָט זיי יעדער אייגגעטייטשט לויט זיין אייגענעם דרך, און וואָס רבי האָט געטהון מיט יענע משניות, וועלכע ער האָט נישט אַריינגענומען אין זיין זאַמלונג, און וואָס דער מסדר פון דער „תוספתא" האָט געטהון, האָט אויך דער מחבר פון דער „מכילתא" געטהון מיט די פאַרשיעדענע מדרשים אויף שמות, וועלכע ער האָט צונויפגעקליבען פון עלטערע מדרשים, הויפטזעכליך פון ר' ישמעאל בן אלישע — און ווייל מיר געפינען אין דער „מכילתא" מאמרים פון שפּעטערע אמוראים, מוז מען זאָגען, אַז די לעצטע „רעדאַקציע" פון דער „מכילתא" איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון די אמוראים, און אפשר איז דאָס גאָר געווען אין איין צייט מיט דער צוזאַמענשטעלונג פון דער „תוספתא".

זיכערליך האָט יעדער פון די פּראָמינענטערע חכמים געהאַט זיין פּעקעל דרשות צו ספר שמות, און ווייל דער נאָמען פון ר' ישמעאל ווערד מעהר דערמאָנט אין דער „מכילתא" ווי דער נאָמען פון אַנדערע חכמים און ווייל עס זיינען אויך פיעלע „סתמות" פון דער „מכילתא" דערמאָנט אין דער גמרא און אין אַנדערע מדרשים אלס „תני ר' ישמעאל" אָדער „תני דבי ר' ישמעאל", איז אָנגענומען די מיינונג, אַז „סתם מכילתא" איז פון ר' ישמעאל.

דער מסדר פון דער „מכילתא" האָט זיך אויך אַזוי נוהג געווען מיט די מאמרים פון ר' ישמעאל, ווי דער מסדר פון דער „תוספתא" האָט זיך נוהג געווען מיט די משניות פון ר' חייא און ר' אושעיא, צו וועלכע ער האָט אַריינגענומען, וואָס איהם איז געפעלען. ביי דער „מכילתא" איז דאָס אויסערדעם געווען פיעל גרינגער ווי ביי דער „תוספתא", ווייל עס האָט זיך דאָ הויפטזעכליך געהאַנדעלט וועגען איינטייטשונגען פון פסוקים, נישט וועגען דינים פונ'ם רעליגיעזען לעבען.

ענדליך איז נאָך כדאי צו דערמאָנען, אַז די „מכילתא" איז געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (רע"ה, 1515).

* * *

דער „ספרא תורת כהנים" און דער „ספרי דבי רב"

צווישען די מעהר באַקאַנטע „מדרשים", וועלכע האָבען אַ שייכות צו דער הלכה און זיי זיינען דערמאָנט אין דער גמרא, דאַביי געניסען זיי אויך ד י ע ז ע ל ב ע ווערדע ווי די „תוספתא" אָדער די „מכילתא", געפינט זיך דער מדרש „ספרא תורת כהנים", וועלכער איז ספּעציעל געווידמעט צו די איינטייטשונגען פון ספר ויקרא אין די דינים פון קדשים און טהרות — און ר' יוחנן, דער גרעסטער פון די ערשטע „אמוראים", זאָגט וועגען דעם דאָזיגען מדרש, אַז „סתם ספרא ר' יהודה" (סנהדרין דף פ"ו עמוד

א׳, ערובין דף צ׳ עמוד ב׳ און יומא דף מ״א עמוד א׳), דאָס מיינט אַז אומעטום וואו דער „ספרא״ ברענגט אַ מאמר אָהן אַ נאָמען פון אַ פאַרפאַסער, שטאַמט דער דאָזיגער מאמר פון ר׳ יהודה בר אלעאי.

איז טאַקי דאדורך פאַרשפרייט אַ מיינונג, אַז ר׳ יהודה בר אלעאי איז דער מחבר פונ׳ם „ספרא״. דאגעגען איז פאַרהאַנען אַן אַלטע אָנגענומענע מיינונג, וועלכע ווערד אויך געבראַכט פונ׳ם רמב״ם, אַז רב (אבא אריכא) איז דער מחבר פונ׳ם „ספרא״ (זעה די הקדמה צום „יד החזקה״). אַ באַשטאַרקונג צו דער דאָזיגער מיינונג איז אויך, וואָס מיר געפינען מאַנכע מאמרים אין דער גמרא, וועלכע זיינען דאָרט באַצייכענט מיט „תנא דבי רב״ און דיעזעלבע מאמרים געפינען זיך אין „ספרא״ אָהן אַ נאָמען פון אַ פאַרפאַסער, וואָלט מען אַלזאָ געקענט גאַנץ גוט זאָגען, אַז אַ „סתם ספרא״ איז פון רב (אבא אריכא).

דער נאָמען פונ׳ם „ספרא״ איז אָפטמאָל „ספרא דבי רב״. דאַרף מען אָבער וויסען, אַז דער אויסדרוק „בי רב״ באַצייכענט נישט די פּערזאָן פון רב אַליין, נור עס מיינט הויפּטזעכליך דעם בית־המדרש פון רב. אַזוי געפינען מיר אויך אַן אויסדרוק „אמרי בי רב״ און די אמוראים זיינען דערנאָך געווען אין ספק, אויף וועמען דער דאָזיגער אויסדרוק געהט, צי אויף רב הונא אָדער אויף רב המנונא (סנהדרין דף י״ז עמוד ב׳). אַן אַנדערעס מאָל, ווען עס ווערד געזאָגט „אמרי בי רב״, איז רב אַליין אריינגענומען אינ׳ם כלל פון זיין בית־המדרש (זעה בבא מציעא דף ק״ב עמוד ב׳). זאָנסט געפינען מיר אַן „אמרי בי רב״, וואו עס ווערד אָנגעגעבען אַן אורזאַך פאַר דער מיינונג פון רב חסדא (זבחים דף פ״ז עמוד א׳), און רב חסדא איז געווען אַ תלמיד פון רב הונא, וועלכער איז געווען דער נאָכפאָלגער פון רב.

איז פון דעם אַלעמען געדרונגען, אַז „בי רב״ איז געווען דער נאָמען פון רב׳ס בית־המדרש אפילו אין אַ שפּעטערען דור, ווען רב איז שוין געווען געשטאָרבען. קענען מיר דאדורך אַמאָל געפינען „תנא דבי רב״ אין אַ מיינונגס־געגנערשאַפט צו רב (ירושלמי ברכות פרק ז׳ הלכה א׳). זאָגען דערפאַר מאַנכע היסטאָריקער, אַז חאָטש מען רופט אַמאָל דעם „ספרא״ מיט׳ן נאָמען „ספרא דבי רב״, איז דאָס גאָר נישט קיין ראיה, אַז רב איז דער מחבר פונ׳ם „ספרא״. עס נויטיגט זיך אויך צו זעהען, אין וואָס פאַר אַ צייט עס האָבען געלעבט יענע חכמים, וואָס זייערע מאמרים געפינען זיך אינ׳ם „ספרא״, וואָס אייניגע פון זיי זיינען צייט־גענאָסען פון ר׳ עקיבא אָדער פון זיינע תלמידים. אַזוי געפינען זיך דאָרט לערך הונדערט מאמרים פון די לעצטע תנאים (ר׳ אלעזר ב״ר שמעון, ר׳ יהודה הנשיא און זייערע חברים). עס זיינען אָבער אויך דערמאָנט געוואָרען אַנדערע חכמים פון די שפּעטערע צייטען. אויסער דעם קען מען דאָרט געפינען מאַנכע מאמרים אָהן אַ נאָמען פון אַ מחבר, וועלכע שטאַמען פון מדרשים, וואָס שפּעטערע אמוראים האָבען גע׳דרשנ׳ט.

ווילען דאדורך אַנדערע היסטאָריקער אָננעהמען, אַז נישט ר׳ יהודה בר אלעאי איז דער מחבר פונ׳ם „ספרא״ און אויך נישט רב (אבא אריבא).

ביי דער אונטערזוכונג פון אַזעלכע מדרשים אויף זייער אינהאַלט דאַרף גענומען ווערען אין באַטראַכט, אַז ביים איינטייטשען די פּסוקים פון דער תורה האָט יעדער פון די חכמים געהאַט זיין אייגענעם דרך. קודם האָט מען געהאַט אַלגעמיינע ערקלערונגען, לויט וועלכע מען האָט געלערנט דעם תנ״ך צו קינדער אָדער צום פּשוט׳ן עולם. האָבען די חכמים געוועהנליך איבערגעגעבען בלויז די לעצטע טייטש, לויט ווי זי איז ביי זיי ארויסגעקומען פון זייער

חקר'ענען זיך אינ'ם לשון פון די פסוקים. זיי האָבען אָבער דאביי נישט דערצעהלט, ווי אזוי זיי זיינען צו דער דאָזיגער טייטש געקומען. דאָס האָבען זיי געמוזט אנטפּלעקען צו די גרויסע תלמידים זייערע, וועלכע האָבען געדאַרפט וויסען, אין וואָס פאר א וועג דער רבי איז געגאַנגען ביי זיין דרש און ווי אזוי ער איז געקומען צו זיין לעצטען טייטש.

ס'איז אויך זיכער, אז יעדער פון די חכמים, וועלכער האָט אָנגעפיהרט אַן אייגענעם בית־המדרש מיט תלמידים, האָט זיך געהאַט זיינע באַזונדערע מדרשים, פון וועלכע עס זיינען דערנאָך בלויז ווייניג פאַרבליבען, ווייל דער שטייגער פון די דרשות האָט זיך שפּעטער אין גאַנצען איבערגעאַנדערשט. באַזונדערס ווען ר' ישמעאל און ר' עקיבא האָבען געמאכט נייע וועגען אין די דרשות. זיינען אַלע פריהערע דרשות וואַהרשיינליך פאַרגעסען געוואָרען און עס זיינען שפּעטער פאַרבליבען מדרשים אויף יעדען ספר פון דער תורה.

צו ספר ויקרא איז וואהרשיינליך געווען א מדרש פון ר' עקיבא גלייך ווי פון ר' ישמעאל. איז דער מדרש פון ר' עקיבא זיכערליך אריינגעגאַנגען אין די „משניות" פון זיין תלמיד ר' יהודה בר אלעאי, וועלכער האָט טאַקי אַמאָל געזאָגט, אז „משנה איז מדרש" (קדושין דף מ"ט עמוד א') — און די ערשטע אויפגעשריבענע „נאָטיצען" צו ספר ויקרא שטאַמען וואַהרשיינליך פון ר' יהודה. איז דאדורך באַרעכטיגט דער אָנגענומענער כלל פון דער גמרא, וועלכער זאָגט „סתם ספרא ר' יהודה".

שפּעטער איז וואַהרשיינליך געווען נאָך אַן אַנדערער מדרש אויף „תורת כהנים", דאָס מיינט צו ספר ויקרא, ווייל ר' שמעון בירבי (דער זוהן פון ר' יהודה הנשיא) דערצעהלט, אז ער האָט געלערנט מיט בר־קפּרא צוויי דריטעל פון א דריטעל תורת כהנים (קדושין דף ל"ג עמוד א'), און ווען מיר זעהען, אז אַזאַ מענש ווי בר־קפּרא האָט געדאַרפט לערנען דעם מדרש „תורת כהנים" ביי ר' שמעון בירבי, איז דאָס א באַוויז, אז דער דאָזיגער מדרש איז געווען בלויז ביי יחידים אין די הענד.

דאָסזעלבע קען מען אויך זעהען פון דעם, וואָס עס ווערד דערצעהלט, אז ר' אלעזר בן פּדת האָט אַמאָל גע'דרשנ'ט בעפאָר ר' יוחנן אין מדרש און ר' יוחנן איז געווען דערפון אזוי אנטציקט, אז ער האָט אַזש געזאָגט צו ריש לקיש: „ווען איך האָב געהערט בן פּדת דרש'נען, האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך הער ווי משה רבנו דרשנ'ט!" — האָט אים ריש לקיש אויף דעם געזאָגט: „וואָס דו האָסט דאָ געהערט, איז ניט פון זיין קאָפּ, ווייל דאָס איז ארויסגענומען פון תורת כהנים!" (יבמות דף ע"ב עמוד ב'). און אין אמת'ן איז דער מדרש, וואָס ר' אלעזר בן פּדת האָט דאמאָלס גע'דרשנ'ט בעפאָר ר' יוחנן, א „סתם ספרא" אין פּרשת תזריע.

פון דאמאָלס אָן, ווערד דערצעהלט, האָט ר' יוחנן אָנגעהויבען לערנען יענעם מדרש. איז דערפון געדרונגען, אז וואָס ער האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען ר' אלעזר בן פּדת האָט געשעפּט זיינע דרשות, איז דאָס געווען, ווייל ער האָט ביז דעמאָלט גאָרנישט געוואוסט פונ'ם „ספרא". און ווען ער האָט דערנאָך אָנגעהויבען לערנען דעם ספרא און ער האָט זיך פאַרטיעפט אין זיין אינהאַלט, האָט ער אויפגעשטעלט דעם כלל, אז „סתם ספרא ר' יהודה". איז אָבער דערפון אַליין ניט קיין ראיה, אז ר' יהודה איז דער מחבר פונ'ם ספרא, וועלכער הייסט אויך „תורת כהנים".

צי רב איז געווען דער מחבר פון דעם „ספרא", ווי דער רמב"ם האָט אָנגענומען, קען מען אויך ניט אויף זיכער וויסען, ווייל עס געפינען זיך אין

אונזער „ספרא" מאמרים שפּעטערע, וועלכע שטאַמען פון א צייט, ווען רב איז שוין געווען געשטאָרבען.

דאכט זיך דאדורך, אז דאָסזעלבע, וואָס עס איז געשעהען מיט דער „תוספתא" און מיט דער „מכילתא", איז אויך פאָרגעקומען מיט'ן „ספרא". אזוי ווי עס זיינען אין דער „תוספתא" און אין דער „מכילתא" אָנגעקליבען פארשיעדענע מאמרים, וואָס א „רעדאקטאר" האָט זיי צונויפגענומען פון צו־שפּרייטע „נאָטיצען", איז דאָסזעלבע געשעהען מיט דעם „ספרא" — און די חכמים פון רב'ס בית־המדרש אין בבל, וועלכער האָט זיך גערופען „בי רב", האָבען וואהרשיינליך צוגעלייגט די לעצטע האַנד ביי דער צוזאמענשטע־לונג פון'ם „ספרא".

און וועגען די מאמרים אָהן א נאָמען פון א מחבר, וואָס געפינען זיך אין אונזער „ספרא", קען מען זעהען, אז זיי שטאַמען מעהרסטענטיילס פון ר' עקיבא'ס לערנען, זיי זיינען אויך געפּורעמט אויף זיין סיסטעם, און חאָטש עס געפינען זיך דאָרט מאמרים אָהן א נאָמען, וואָס שטאַמען זיכערליך פון שפּעטערע חכמים, מוז מען זאָגען, אז די מעהרסטע זיינען צונויפגעקליבען דורך ר' יהודה בר אלעאי, וועלכער איז געווען א תלמיד פון ר' עקיבא. און טאָמער געפינען זיך דאָרט „סתמות", דאָס הייסט מאמרים אָהן א נאָמען פון א מחבר, וועלכע דארפען זיין — לויט דער טראדיציע פון דער גמרא — פון ר' יהודה און זיי זיינען גאָר ווי א ווידערשפּרוך צו די מיינונגען פון ר' יהודה, דאַרף מען זיך וועגען דעם גאָר ניט וואונדערען, ווייל די דאָזיגע מאמרים זיינען וואהרשיינליך ארויסגענומען געוואָרען פון ר' ישמעאל'ס א מדרש אויף „תורת כהנים", וואָס פיעלע מאמרים פון יענעם מדרש זיינען אריינגענומען אין אונזער „ספרא" בפירוש אויף'ן נאָמען פון ר' ישמעאל. און טאָמער געפינען זיך אין אונזער „ספרא" געוויסע „סתמות", וואָס זיינען סותר איינע די אנדערע, דאַרף מען וויסען, אז זיי קומען ניט פון איין האַנד, ווייל איינע שטאַמען פון „תנא דבי ר' יהודה" און די אנדערע פון „תנא דבי רב".

ווי אויבען באמערקט, איז דער „ספרא" אין אלגעמיין צונויפגעשטעלט לויט דער שיטה פון ר' עקיבא, און דאָרט וואו עס האָט אויסגעפעהלט דרשות פון ר' עקיבא, האָט דער מחבר פון'ם „ספרא" אריינגענומען מאמרים פון ר' ישמעאל. דאָס קען מען אם בעסטען זעהען ביי די דרשות צו „פרשת עריות". אין די מדרשים פון ר' עקיבא איז וואהרשיינליך נישט געווען קיין דרשה צו די „עריות", ווייל לויט ר' עקיבא'ס מיינונג האָט מען נישט געדאַרפט עפענטליך דרשנ'ען וועגען עריות — און דער מדרש אויף פרשת עריות, וועל־כער געפינט זיך אין אונזער „ספרא", איז וואהרשיינליך ארויסגענומען פון ר' ישמעאל'ס מדרש.

כמעט אלעס, וואָס עס איז דאָ געזאָגט געוואָרען וועגען „ספרא", וואָלט אויך גערארפט געזאָגט ווערען וועגען א צווייטען עהנליכען מדרש אויף ספר במדבר און דברים (פון „וישלחו מן המחנה" אין פרשה נשא ביז „לעיני כל ישראל"), וועלכער הייסט „ספרי דבי רב" — און זיינע „סתמות" (די מאמרים אָהן א נאָמען פון א מחבר) איז אָנגענומען אין דער גמרא, אז זיי שטאַמען פון ר' שמעון בן יוחאי (סנהדרין דף פ"ו עמוד א').

געפינען זיך אָבער אין דעם דאָזיגען „ספרי" פיעלע „סתמות", וועלכע שטאַמען זיכערליך פון ר' ישמעאל, גלייך ווי עס געפינען זיך דאָרט אנדערע

„סתמות", וואָס שטעהען אין אַן אָפּענעם ווידערשפּרוך צו די מיינונגען פון ר' שמעון בן יוחאי. אויסערדעם זיינען דאָרט פאַרהאַנען „סתמות" פון שפּעטערע צייטען און פיעלע מדרשים ווערען דאָרט געבראַכט אויף'ן נאָמען פון חכמים, וואָס זיינען געווען מיט צוויי־דריי דורות שפּעטער נאָך ר' יהודה הנשיא, א שטייגער ווי: ר' בנאה, ר' יוסי בר חנינא, אבא יוסף בר חנין און ר' שמואל בר נחמני.

דאָס ערשטע מאָל איז דער „ספרא" געדרוקט געוואָרען אין וויניציא אינ'ם יאָהר ש"ה (1545) און דער „ספרי" איז געדרוקט געוואָרען דאָס ערשטע מאָל אין ש"ו (1546).

די „רבנן דאגדתא" און זייערע לעהרען

איידער מיר געהען אריבער צו די איינצעלנע שילדערונגען פון די ארץ־ישראל'דיגע אמוראים, וועלכע האבען זיך מעהרסטענטיילס אפגעגעבען מיט „הלכה", וועלען מיר דא פריהער געבען א קורצע שילדערונג וועגען די אזוי אנגערופענע „רבנן דאגדתא".

די „אגדה" אין דער גמרא, וועלכע באשטעהט פון א דרשנ'ישער אויס־טייטשונג אין די פסוקים פון תנ"ך אזוי ווי פון א לעגענדאריש־פאעטישער שילדערונג וועגען אמאליגע און גלייכצייטיגע געשעהענישען, אויף ווי ווייט דאס האט נישט צו טהון מיט דער הלכה, אט די „אגדה" האט שטענדיג געהאט די אויפגאבע, צו באלערנען דאס פאלק, ארויסצופיהרען די מענשען אויף די וועגען פון א העכערער מאראל און אריינצוגעבען זיי מוטה אין דער צייט פון זייערע נויטען.

אין די פארשידענע דורות פון די „אמוראים" האט זיך אפטמאל געטראפען, וואס די חכמים פון דער הלכה האבען גאר נישט געוואלט וויסען פון דער „אגדה" און זיי זיינען אויך ארויסגעטרעטען נעגען איהרע אנהענגער. איז אבער די דאזיגע געגנערשאפט תמיד געבליבען אהן א ווירקונג. דער פארלאנג פון דער צייט איז געווען שטארקער פון די טעאריען, וואס די געגנער פון דער „אגדה" האבען אויסגעדריקט. די נשמה פון די פאלקסמאסען האט געבענקט נאך א טרייסט־ווארט, האט דאן איטליכער אויפגעשטעלט די אויערען, איינ־צוהערען זיך צו דעם, וואס די „אגדה" האט געהאט צו זאגען.

דער עקאנאמישער און סאציאלער דרוק פון די פאליטישע געשעהענישען אין ארץ ישראל, די שטענדיגע פאראנימונג פון די ברייטע פאלקס־מאסען און די שווערקייט פון דער אונטערטהעניגקייט צו א פרעמדער רעגירונג, האט אפגעשוואכט דעם פארלאנג פונ'ם פאלק צו דער הלכה און עס האט זיי גע־עפענט דאס הארץ צו דער „אגדה", וועלכע האט זיי געלאשטשעט מיט איהרע סאמעטענע געדאנקען, געגעבען זיי א טרייסט אין דער טרויעריגער געגענווארט און א האפנונג פאר א בעסערע צוקונפט.

אפילו ווען די פאליטישע לאגע פון די אידען אין ארץ־ישראל איז אמאל געווען א פארהעלטניסמעסיג בעסערע, א שטייגער ווי עס איז געווען אין דער צייט פון קייזער אלעקסאנדער סעווערוס, האט זיך ר' יהודה נשיאה (דער דאמאלסדיגער פארשטעהער פון די אידען) באקלאגט וועגען דעם, וויפיל ער דארף ליידען פון דער רעגירונג, וועלכע פארלאנגט פון איהם, ער זאל ארויסקוועטשען דעם לעצטען טראפען מארך פון דער אידישער בא־פעלקערונג פאר שטייערען.

צוליעב די דאזיגע שטייערען האט די רוימישע רעגירונג אמאל ארויס־געגעבען א געזעץ, אז אידען זאלען מוזען באארבייטען זייערע פעלדער אין א יאהר פון „שמיטה" — און די חכמים האבען דאס געמוזט ערלויבען, ווייל מען וואלט זאנסט נישט געהאט, פון וואנען צו נעהמען צו באצאהלען די שטייערען צו דער רעגירונג.

די „רבנן דאגדתא״ און זייערע לעהרען

און ווען עס האָט אפילו אמאָל געבלאָזען אַ ביסעל אַן אנגענעהמער ווינטעל אויף דער זייט פון דער רוימישער רעגירונג, ווען די שטרענגע באַאמטע האָבען אמאָל באַוויזען אַ פריינדליכערן פּרצוף צו אידען, איז דאָס בלויז געווען פאַר אַ קורצע צייט, וואָס די שונאים האָבען איינגעזעהן, אַז מען דאַרף לאָזען דעם עולם אָפּכאַפּען דעם אָטהעם, די מענשען זאָלען זיך אָננעהמען מיט פרישע כחות, צו קענען דערטראָגען די וויטערע צרות.

דאַביי דאַרף מען אויך וויסען, אַז ווען די רוימער האָבען זיך אמאָל גענומען, אַ שטאַרקען קוועטש טהון דעם אידישען עולם, איז דאַן דער רייכער געווען גלייך מיט׳ן אָרימען. האָט מען דעם רייכען דער׳הרג׳ט, ווען ער האָט נישט געוואָלט אָוועקגעבען אַזוי פיעל געלד, ווי מען האָט ביי איהם פאַרלאַנגט, און דעם אָרימען האָט מען דער׳הרג׳ט, ווייל ער האָט נישט געהאַט גאָר קיין געלד.

מוז מען אָבער דאָס אַלעס אַרויסלערנען בלויז פון זייטיגע באַמערקונגען, וואָס געפינען זיך אין דער גמרא און אין די מדרשים ווי צוגעטשעפּעט צו די דינים פונ׳ם לעבען. די חכמים פון יענע צייטען האָבען איבערהויפּט נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון אויפשרייבען געוויסע געשעהענישען, און ווען מען האָט אמאָל וועגען דעם גערעדט, אַז די שפּעטערע דורות וועלען ניט וויסען, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אידען, האָט מען זיי געענטפערט: „ווען מיר זאָלען וועלען אַלסדינג אויפשרייבען, וועלען מיר עס נישט קענען!״ (שבת דף י״ג עמוד ב׳).

ביי אָט דער שרעקליכער לאַגע און ביי די פיעלע פאַרפאָלגונגען, וואָס אידען האָבען געדאַרפט אויסשטעהן, האָט די נשמה זייערע געבענקט נאָך אַ טרייסט און זיי האָבען געוואָלט בלויז הערען ווערטער פון „אגדה״. און מעהר נאָך ווי דער ברייטער עולם איז געלאָפען הערען, וואָס די חכמים האָבען צו זאָגען, האָבען די חכמים אַליין געזוכט אַ טרייסט-וואָרט און אַ מאָמענטאַנע דערקוויקעניש צו דער ביטערקייט פונ׳ם אויגענבליק.

האָט זיי די „אגדה״ געוויזען אַ בעסערען גורל פאַר אידען אין שפּעטערע צייטען. זי האָט זיי אויך געלעהרענט פאַרשטעהען די ווערדע פון זייער אמונה, אַז די געטליכע גערעכטיגקייט מוז אַלעמען באַצאָהלען און אַז דער אויבערשטער וועט זיך סוף כל סוף רעכענען מיט די עולות, וואָס די שונאים טהון צו אידען.

מיט אַ קלאָרען בליק האָבען זיי דאַן געזעהן אין דער „אגדה״ די מעלות פונ׳ם אידישען פאָלק און פון זיין אמונה. די „אגדה״ האָט זיי אויך געגעבען די פאַרזיכערונג, אַז דער אויבערשטער וועט זיך סוף־כל־סוף אָפּרעכענען מיט אַלע שונאים פון זיין פאָלק ישראל. אין איהר האָבען זיי געלערענט פאַרשטעהען די מעלות פון דער תורה און פון איהרע לערנער, די מעלות פון גוטס טהון צו אַנדערע און צו ווייזען ליעבע צו מענשען, גלייך ווי פון זוכען דעם אמת און פון נישט אַרויסקוקען אויף אַן אומזיסטיגען געווינס. זי האָט אויך אויפגעוויקעלט די געשעהענישען פון אַלטע צייטען און אַריינגעגעבען כח, אַריבערצוטראָגען די אַלע צרות פון דער געגענוואַרט.

נישט אַלע אגדות פון אונזערע חכמים זיינען פאַרבליבען אויפגעשריבען. פיעלע פון זיי זיינען פאַרלוירען געגאַנגען. אַנדערע האָבען נישט געהאַט צו טהון מיט די פיהרונגען פונ׳ם לעבען, האָט מען זיי נישט געהאַלטען פאַר וויכטיג אויפצושרייבען. אָבער אַלע אגדות, וואָס זיינען אונז פאַרבלי־

בען, זיינען אַ קוואַל פון מאָראַל און קלוגע ווערטלעך, וואָס מען קען פון זיי ארויסנעמען אַ באַלעהרונג פאַר אַלע אומשטענדען פונ׳ם לעבען. דאָביי טייטשען זיי אויך איין די שווערע פסוקים, וועלכע מיר וואָלטען זאָנסט אָהן זייערע ערקלערונגען נישט פאַרשטאַנען.

פאַרהאַנען אפילו צווישען די אגדות אַזעלכע, וואָס דאַכט זיך אונז, אַז זיי האָבען נישט קיין גרויסען ווערטה, ווייל מיר קענען זיי היינט פשוט נישט פאַרשטעהען. איז די אורזאַך דערפון, וואָס זיי זיינען באַגרינדעט אויף געשעהענישען פון זייער צייט און מיר האָבען לײדער פאַרלוירען דעם פאָדים, וועלכער האָט אונז צו יענער צייט פאַרבונדען. אַנדערע געשעהענישען פון דאַמאָלס זיינען גאָר נישט פאַרשריבען געוואָרען, אָדער ווען זיי זיינען יאָ פאַרשריבען, איז דאָס געשעהן אין אַזאַ פאָרם, אַז מיר קענען עס היינט נישט באַגרייפען.

די חכמים פון דער אגדה ווערען ביי אונז געוועהנליך אָנגערופען „רבנן דאגדתא". פיעלע פון זיי האָבען זיך אויך אָפּגעגעבען מיט דער הלכה און די אגדה האָבען זיי בלויז באַטראַכט פאַר אַ גייסטיגע אויפפרישונג, מיט וועלכער זיי האָבען זיך באַנוצט, ווען עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז די תלמידים זיינען שוין מיד פונ׳ם פלפול און זיי הערען זיך שוין צו מיט אַ האַלבען אויער צו די הלכות.

זיינען אָבער געווען מאַנכע חכמים, וואָס האָבען צו די חכמים פון דער אגדה נישט געוואָלט געבען דעם טיטעל „רבי" און זיי האָבען וועגען זיי גערעדט מיט אַ געוויסער גרינגשעצונג, אָנרופענדיג זיי בלויז „אילין דאגדתא", ד. ה. די פאַרשוינען פון דער אגדה.

חוץ דעם אַלעמען האָט די אגדה הויפּטזעכליך געהאַט דעם צוועק, אָפּצוהיטען די אידען פון די קריסטליכע לעהרען, וועלכע האָבען זיך דאַמאָלס אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען, אַ איד זאָל וויסען, אָפּצוענטפערען אויף די טענות פון די קריסטען און מבטל צו זיין זייערע ראיות, וואָס זיי ברענגען פון תנ"ך.

די סכנה פאַר דער אידישער אמונה איז דאַן געווען אַ גרויסע און מען האָט זי געמוזט באַשיצען פאַר די אָנגריפונגען פון די קריסטען. פריהער האָט מען די קריסטען גערעכענט פאַר אַ אידישע סעקטע און אַזוי ווי זיי האָבען געפּרעדיגט געוויסע מאָראַלישע לעהרען, וועלכע זיינען נישט געווען שעדליך פאַר דער אמונה, האָט מען זיי געדולדעט. די פערזאָן פון יעזוס אַליין און די געשיכטע פון זיין קרייציגונג איז דאַן גאָר ווייניג באַקאַנט געוועזען אפילו צווישען די גלויביגע קריסטען.

האָט מען אָבער פּלוצים אָנגעהויבען זאָגען, אַז דער אויבערשטער האָט שוין בטל געמאַכט זיין תורה און דערפאַר האָט ער אויך געלאָזט פאַרברענען זיין בית־המקדש. איז דאָס שוין געווען אַ געפעהרליכע מיינונג פאַר אידען. און ווען די קריסטען האָבען דערנאָך ארויסגעשיקט זייערע שלוחים, צו געווינען די גוים פאַר זייער אמונה, און די גוים האָבען זיך אויך צו יענע שלוחים צוגעהערט, ווייל דאָס קריסטענטום האָט מבטל געווען דעם שבת, די דינים פון כשרות און מצות מילה, האָבען די חכמים מורא געהאַט, אַז אידען זאָלען זיך נישט לאָזען ארייננאַרען. האָבען דאַן פיעלע פון די חכמים געקעהרט דעם שפּיץ פון זייערע דרשות דירעקט געגען קריסטענטום.

מען דאַרף אויך וויסען, אַז אויף דעמזעלבען שטייגער, וואָס די אידישע חכמים האָבען גע׳דרשנ׳ט, האָבען אויך פיעלע קריסטליכע פּרעדיגער פון

יענער צייט גע׳דרשנ׳ט. דער חלוק צווישען זייערע דרשות איז בלויז געווען, וואס די „אגדה" האט ביי אידען נישט געקענט קריגען דעם כח פון א געזעץ און ביי די קריסטען זיינען פיעלע פרינציפען פון דער אמונה גע־בויט בלויז אויף אן איינטייטשונג פון א פסוק.

אט דער שטייגער איינטייטשען די פסוקים איז נישט בלויז פארגע־קומען ביי אזעלכע קריסטליכע לעהרער, וואס זיינען געווען געבוירענע אידען, נור אפילו ביי אזעלכע, וואס זיינען געווען געבוירענע גוים. אלע האבען זיי איינגעטייטשט די פסוקים פון תנ"ך אדער פון זיי־ערע עוואנגעליען אויף׳ן שטייגער פון די אידישע מדרשים. אפילו דארט וואו די קריסטליכע פרעדיגער האבען זיך ערלויבט, צו ריידען שלעכטס אויף אידען, האבען זיי דאס אויך באגרינדעט אויף די פסוקים פון תנ"ך.

דער קריסטליכער „קירכענפאטער" טעאפיל פון אנטיאכיען, וועלכער איז געווען א געבוירענער גוי, ערקלערט, אז דער אויבערשטער ווערד אנ־גערופען „מקום", ווייל ער איז דער ארט, וואס האלט אין זיך די גאנצע וועלט, אבער די וועלט איז צו קליין, זי זאל קענען זיין דער מקום פונ׳ם אויבערשטען. דעסגלייכען האט ער געזאגט, אז ווען דער אויבערשטער האט באשאפען די חיות, האט נישט קיין איינציגע פון זיי געהאט קיין כח און קיין רשות, אימיצען שלעכטעס צו טהון. ערשט ווען אדם הראשון האט געזינדיגט, איז אין זיי אריין דער גיפט, זיי זאלען קענען שעדיגען אנדערע באשעפענישען.

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט דערזעלבער „קירכענפאטער" גע־זאגט, אז ווען דער אויבערשטער האט געפרעגט אדם הראשון „איכה?" (וואו ביזטו?), וואלט זיך געקענט אויסדאכטען, אז דער אויבערשטער האט כביכול נישט געוואוסט, וואו אדם הראשון האט זיך באהאלטען. איז אבער דער אמת, אז דער אויבערשטער האט זיך מיט זיין שאלה איינגענם אריינגעלאזט מיט אדם׳ן אין א שמועס, כדי צו געבען איהם די געלעגענ־הייט, ער זאל חרטה האבען אויף זיין זינד און ער זאל תשובה טהון.

דער „קירכענפאטער" אריגינעס האט געזאגט, אז די „שרפים", וואס ישעיה הנביא האט געזעהען אין הימעל, איז געווען משיח און דער פער־זאניפיצירטער רוח הקודש. ער האט אויך ערקלערט די פונקציעס פון יע־דען מלאך, וואס איז דערמאנט אין תנ"ך און ער זאגט, אז רפאל האט די אויפגאבע, צו היילען קראנקע; גבריאל איז באשטימט, צו באאויפ־זיכטיגען מלחמות און מיכאל איז ממונה ארויפצוברענגען צום אויבערשטען די תפלות פון די מענשען.

היראנימוס, דער גרעסטער פון די „קירכענפעטער", וואס אידען האב־בען איהם פיעל צו פארדאנקען פאר׳ן אפהיטען דעם תנ"ך, ווען מען האט איהם געהאט ביי אונז אוועקגענומען, האט גע׳דרשנ׳ט אויפ׳ן פסוק: „נח איש צדיק תמים היה בדורותיו", אז מען קען דא זעהען, וואס פאר א גרוי־סער צדיק נח איז געווען, ווען ער האט געלעבט אין א דור פון לויטער רשעים און ער איז געבליבען צווישען זיי א פרומער.

דערזעלבער היראנימוס האט אויך ערקלערט דעם פסוק „ויטע ה׳ אלהים גן בעדן מקדם", אז דאס ווארט „מקדם" איז טייטש פון פריי־הער, ווייל דער גן־עדן איז באשאפען געווארען פריהער פאר דער איברי־גער וועלט.

עס וואלט צו ווייט געפיהרט, מיר זאלען דא וועלען ברענגען מעהר

די אמוראים פון ארץ־ישראל

דרשות פון די קריסטליכע „קירכענפעטער" (געבוירענע גוים) אויף די פסוקים פון תנ"ך, ווי ווייט זיי זיינען ענליך צו די דרשות פון אונזערע חכמים. עס איז אויך מעהר ווי זיכער, אז די דאָזיגע אַלע דרשות זיינען צו יענע „קירכענפעטער" אָנגעקומען פון אידישע מקורים.

כמעט אַלע קריסטליכע לעהרער האָבען אויך געבראַכט אַ ראיה פאַר זייער אידעע פונ'ם פסוק „נעשה אָדם", וואו דער אויבערשטער רעדט אין לשון רבים, ווילען זיי דאָס ערקלערען, אז ביי דער באַשאַפונג פונ'ם מענש האָט זיך דער אויבערשטער בעראַטהען מיט זיין זוהן (?), צו ווע־מען ער האָט דאן געזאָגט: „לאָ'מירביידע צוזאַמען באַשאַפען אַ מענש!"...

האָט ר' שמואל בר נחמני אויף'ן נאָמען פון ר' יונתן וועגען דעם געזאָגט, אז ווען משה רבנו האָט געדאַרפט אָנשרייבען אין דער תורה דעם „נעשה אָדם", האָט ער אַ זאָג געטהון צום אויבערשטען: „רבונו של עולם! צו וואָס גיסטו דאָ אַ געלעגענהייט צו די מינים, זיי זאָלען קענען זאָגען, אז דו האָסט געהאַט אַ העלפער ביי דער באַשאַפונג פונ'ם מענש?" — האָט איהם דער אויבערשטער געזאָגט: „דו שרייב ווי איך הייס דיר און ווער עס וועט וועלען האָבען אַ טעות אין דער באַדייטונג פונ'ם וואָרט, דער מעג זיך טועה זיין!" (זעה בראשית רבה פרשה ח' פיסקא ז').

דער „קירכענפאַטער" יוסטינוס מארטיר האָט אַמאָל געפרעגט אַ אי־דען, מיט וועלכען ער האָט געהאַט אַ וכוח וועגען דער אידישער אמונה: „אויב די מצוה פון מילה איז אַזוי חשוב ביים אויבערשטען, טאָ פאַר־וואָס האָט ער זי נישט געגעבען צו אָדם הראשון?"

אָט די נעמליכע שאלה האָט אַמאָל געפרעגט אַ „מין" (ד. ה. אַ איד וואָס האָט געגלויבט אין דער קריסטליכער אמונה) ביי ר' הושעיה און יענער האָט איהם געענטפערט:

— פאַר וואָס גאָלט מען זיך די האָר פונ'ם קאָפּ און מען גאָלט זיך נישט די באָרד?

האָט אויף דעם יענער „מין" געענטפערט: „ווייל די האָהר פונ'ם קאָפּ זיינען ביים מענש געוואַקסען, ווען ער איז נאָך געווען אין גאַנצען נאַריש!"

—טאָ זאָל מען זיך אויך אויסשטעכען די אויגען, אָפּהאַקען העדן און פיס, ווייל זיי שטאַמען אויך פון דער צייט, וואָס דער מענש איז נאַריש! — האָט ר' הושעיה געענטפערט.

— דער אמת איז אָבער — האָט דאן ר' הושעיה צוגעגעבען — אז אַלסדינג, וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפען אין די זעקס טעג פון מעשה בראשית, האָט באַדאַרפט אַ געוויסע קינסטליכע פאַרפערטיגונג, דעם זענף האָט מען געדאַרפט זיס מאַכען, דעם ווייץ האָט מען געדאַרפט צומאָהלען. איז טאַקי פונקט אַזוי ביים מענשליכען קערפּער, וואָס מען דאַרף איהם אויסבעסערען (זעה בראשית רבה פרשה י"א פיסקא ז').

ווי אויבען דערמאָנט, זיינען פאַרהאַנען אויסשפּרוכען פון אונזערע חכמים, וואָס זיינען דירעקט געזאָגט געגען קריסטענטום, אַ שטייגער ווי וואָס דער מדרש איכה זאָגט, אז „די אידען זיינען נישט פאַרטריבען גע־וואָרען פון זייער לאַנד, ווי לאַנג זיי האָבען נישט אָפּגעלייקענט דעם איינציגען גאָט, מבטל געווען מצות מילה, אָפּגעשפּעט פון די עשרת הדברות און פון די חמשה חומשי תורה".

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָבען די חכמים געזאָגט, אז „קיין שום

נביא טאָר גאָר נישט מחדש זיין, נאָכדעם ווי די נבואה האָט זיך געענדיגט מיט חגי, זכריה און מלאכי".

מאנכעס מאָל געפינען מיר אין דער גמרא אָדער אין מדרשים אַן אויסדריקליכע ווארנונג, צו דערווייטערען זיך פון די קריסטען און זייערע מיינונגען. ביי אַנדערע געלעגנהייטען איז דער דאָזיגער אָנזאָג איינגעהילט אין אַ מיסטעריעזען וואונק, ווייל מען האָט מורא געהאַט, צו זאָגען עפענטליך, וואָס מען האָט געוואָלט. אזוי ווי די קריסטען זיינען געוואָרען „תקיפים" ביי דער רוימישער רעגירונג, האָט מען פאַר אזא זאָג געדאַרפט באַצאָהלען מיט'ן לעבען.

ווי מיר האָבען דאָס שוין אינ'ם ערשטען טייל פון „אונזערע גייסטיגע ריעזען" אָנגעדייטעט, פלעגען זיך די רוימער באַציהען מיט אַ שרעקליכער גרינגשעצונג צו די אידען. האָט זיי דאָס אָפטמאָל מעהר געקרענקט ווי די פאַרשיעדענע פאַרפאָלגונגען. איינע אזא גרינגשעצונג איז געווען דאָס געשעהעניש מיט קייזער דיאָלעקציאַנוס און ר' יהודה נשיאה (זעה אויבען זייטע 77).

צווישען די חכמים פון דער „אגדה" איז אין יענער צייט געווען ר' שמלאי, אַ תלמיד פון ר' יהודה נשיאה דעם ערשטען און אַ חבר פון ר' יהודה נשיאה דעם צווייטען, וואָס ווען ער האָט געדאַרפט ערגיץ געהען אָדער פאָהרען, איז ר' שמלאי געווען אין זיין באַגלייטונג, ווייל ער פלעגט שטענדיג זיין מיט'ן נשיא און דער נשיא פלעגט זיך אויך אָנשפּאַרען אויף זיינע פלייצעס. אָט דער ר' שמלאי האָט תמיד ליעב געהאַט די „אגדה". זיינען אָבער די מעהרסטע פון זיינע דרשות פאַרלוירען געגאַנגען. קען מען פון דעסטוועגען זעהען פון דעם ווייניגען, וואָס עס איז ביי אונז פאַרבליבען, אַז ער איז געווען אַן אנגענעהמער „דרשן", ווייל דער אינהאַלט פון זיינע דרשות באַשטעהט פון גאַלע שכל'דיגע ווערטער און קלוגע געדאַנקען.

אין זיינער אַ דרשה האָט ר' שמלאי אַמאָל געזאָגט: „תרי"ג מצוות זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען צו משה רבנו, האָט דוד המלך געמאַכט פון זיי עלף. איז דאַן געקומען ישעיה הנביא און ער האָט די אַלע מצוות אוועקגעשטעלט אויף זעקס. איז געקומען מיכה המורשתי און ער האָט זיי אוועקגעשטעלט אויף דריי מצוות. איז ווייטער געקומען עמוס און ער האָט פון אַלע תרי"ג מצוות געמאַכט איין מצוה".

גיט רש"י צו דעם אַן ערקלערונג, אַז אין פריהערע דורות זיינען די מענשען זעהר פרום געווען, האָבען זיי געקענט אָפּהיטען אַלע מצוות. אָבער אין די שפּעטערע דורות זיינען שוין די מענשען נישט מעהר אזוי פרום, קען נישט קיין מענש האַלטען אזוי פיעל מצוות, מוז מען זיך באַנוגענען מיט ווייניגער (זעה מכות דף כ"ג עמוד ב' און דף כ"ד עמוד א').

כאַראַקטעריסטיש פאַר די אומשטענדען פון יענער צייט איז ר' שמלאי'ס אַ דרשה אויפ'ן פסוק „זנתה אמם הובישה הורתם" (הושע ב' ז'), וואו ער זאָגט, אַז דאָס מיינט יענע חכמים, וואָס פאַרשעהמען די תורה מיט זייערע מעשים. זיצט זיך למשל אזא חכם און דרשנ'ט, אַז מען טאָר נישט לייהען קיין געלד אויף פּראָצענט, און אַליין לייהט ער. ווייטער לערענט ער, אַז מען טאָר נישט ביי קיינעם רויבען, און אַליין

רויבט ער, אָדער ער לעהרענט, אז מען טאָר נישט גנב'ענען און אליין גנב'עט ער (דברים רבה פרשה ב' פיסקא י"ב).

גרעסער פון ר' שמלאי אין דרשנות איז געווען ר' שמואל בר נחמני, פון וועמען עס געפינען זיך אויך עטליכע אויסשפּרוכען אין הלכה. זיינען אָבער יענע אויסשפּרוכען זיינע נישט אזוי וויכטיג, ווייל ער האָט זיך מעהר און בעסער אָפּגעגעבען מיט די ענינים פון דער „אגדה".

אם ליעבסטען האָט ר' שמואל בר נחמני גערעדט אין זיינע דרשות וועגען די מעלות פון אידען אקעגען אנדערע פעלקער, גלייכצייטיג פלעגט ער לויבען די תורה און איהרע לערנער. שטענדיג פלעגט ער אויך ריידען וועגען דער גרויסער מעלה פון זיטליכקייט, וועלכע איז געווען אין זיינע אויגען וויכטיגער ווי די תורה (דרך ארץ קדמה לתורה).

ער האָט אויך אָפּטמאָל געזוכט אורזאכען, צו רעכטפערטיגען די גדולים פון דער אומה פאר די זינד, וואָס ווערען וועגען זיי דערצעהלט. וועגען אָט דעם ענין פלעגט ער שטענדיג זאָגען, אז ווער עס נעמט די דאָזיגע ערצעהלונגען אין זייער ווערטערליכען זין און ער גלויבט, אז אזעלכע מענשען ווי ראובן בן יעקב, ווי די בני עלי אָדער דוד המלך האָבען טאַקי אמת'דיג געזינדיגט, ווי דער פסוק דערצעהלט וועגען זיי, דער איז זיך טועה, ווייל די זינד זייערע איז געווען א גאַנץ אנדערע (זעה שבת דף נ"ו עמוד א').

ביי אַן אַנדערן פאַל, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען הלכה, האָט ער זיך אויך באַדינט מיט א ראיה פון א דרשן'שער אויסטייטשונג, א שטייגער ווי וואָס ער זאָגט: „פון וואַנען איז געדרונגען, אז דער בית דין דאַרף נישט שטעלען קיין פארטיידיגער צו א מסית, וואָס רעדט אָן צו עבודה זרה? איז דאָס געדרונגען פון דער מעשה מיט דער ערשטער שלאַנג, וואָס דער אויבערשטער האָט זי פארשאָלטען, ווייל זי האָט אָנגערעדט חוה'ן צו דער זינד און כביכול האָט איהר אפילו נישט געגעבען קיין געלעגענהייט, זי זאָל זיך קענען פארטיידיגען" (סנהדרין דף כ"ט עמוד א').

און ווען די משנה זאָגט, אז ביי א תענית צבור זאָל מען לייגען אַש אויף'ן „ארון קודש", זאָגט ר' שמואל בר נחמני, אז מען דאַרף דאָס טהון, כדי צו דערמאָנען דעם זכות פון יצחק, וועלכער האָט זיך געלאָזט ברענגען אויף דער עקדה, אז דער אויבערשטער זאָל אָננעהמען דאָס אַש אויף'ן ארון־הקודש, גלייך ווי עס וואָלט געווען דאָס אַש פון יענעם ווידער, וואָס אברהם אבינו האָט מקריב געווען אַנשטאָט זיין זוהן (ירושלמי תענית פרק ב' הלכה א').

ווי א ליכטיגער שטערען איז אויך געווען ר' לוי, אַן „אמורא" פונ'ם צווייטען און דריטען דור ארץ־ישראל'דיגע אמוראים, וואָס מען ווייסט נישט, ווער זיין פאָטער איז געווען, ווייל ער ווערד כסדר אומעטום אָנגערופען בלויז מיט זיין אייגענעם נאָמען אָהן א נעהנטערער באצייכנונג (ר' לוי סתם).

אָט דער ר' לוי האָט זעהר פיעל אויפגעטהון אין „אגדה" — און גלייך ווי ר' שמואל בר נחמני האָט ער אויך מאַנכעס מאָל אָנגעגעבען אַן אורזאַך צו א הלכה אין א דרשן'שער איינטייטשונג פון א פסוק, א שטייגער ווי וואָס ער ערקלערט די משנה, וועלכע זאָגט, אז צווישען

פרשת ציצית אין דער קריאת־שמע און „אמת ויציב" זאָל מען נישט מפסיק זיין. זאָגט אויף דעם ר' לוי, אז דער טעם איז, ווייל פרשת ציצית ענ־דיגט זיך מיט „אני ה' אלהיכם" און אַן אַנדערער פסוק זאָגט „וה' אלהים אמת" (ירמיה ד' י'), דאַרף מען דיביידע פסוקים צונויפנעמען, עס זאָל אויסזעהען ווי איינס (ירושלמי ברכות פרק ב' הלכה ב').

לאַנגע יאָהרען האָט ר' לוי נישט געהאַט קיין אנערקענונג צווישען די חכמים. די עובדא זיינע איז דאַמאָלס געווען, צונויפצורופען די מענשען, זיי זאָלען קומען הערען די דרשות פון ר' יוחנן. האָט זיך אָבער ר' יוחנן איינמאָל פאַרשפּעטיגט מיט זיין קומען אין בית־המדרש אריין, האָט זיך ר' לוי גענומען פאַרשמועסען דעם עולם, ביז ר' יוחנן וועט קומען. זיי־נען די ווערטער זיינע אַזוי געפעלען געוואָרען, אַז מען האָט איהם שוין גע־לאָזט דרש'נען יעדען שבת אין ר' יוחנן'ס בית־המדרש (ירושלמי סוכה פרק ה' הלכה א' און בראשית רבה פרשה צ"ח פיסקא ט"ז).

ווי געזאָגט, זיינען ר' לוי'ס דרשות אַזוי שטאַרק געפעלען געוואָרען, אַז אפילו ר' זירא, וועלכער פלעגט זאָנסט אָפּלאַכען פון אַלע „בעלי אגדה" און ער פלעגט זיי רופען מיט פאַרשיעדענע צונעמענישען, פלעגט הייסען זיינע חברים און תלמידים געהען הערען די דרשות פון ר' לוי (ירושלמי ראש השנה פרק ד' הלכה א' און סנהדרין פרק ב' הלכה ג').

דער גאַנג פון ר' לוי'ס דרשות איז געווען, איינצוטייטשען די פסוקים אויף אַן איינפאַכען שטייגער. ביי אַנדערע געלעגענהייטען פלעגט ער מאַנכע ווערטער ערקלערען לויט זייער באַדייטונג אין אַנדערע שפּראַכען, מעהרסטענטיילס לויט אַראַביש און גריכיש. דעסגלייכען פלעגט ער גע־ברויכען פאַרשיעדענע משלים, וואָס זיינען געווען באַגרינדעט אויף דער פיהרונג פון מענשען אָדער פון אַנדערע באַשעפענישען.

אַזוי האָט ער אין זיינער אַ דרשה דערצעהלט, ווי דער לייב, דער קעניג פון די חיות, האָט זיך אַמאָל צובייזערט אויף אַלע זיינע אונ־טערטהאַנען. האָבען די חיות געהאַלטען אַן עצה, ווער עס זאָל איהם איבערבעטען, האָט דער פוקס געזאָגט, אַז ער וועט געהען דעם לייב איבערבעטען (בראשית רבה פרשת ע"ח פיסקא י').

מאַנכעס מאָל איז ר' לוי'ס אַ מאמר פאַרבליבען ווי אַ קלוגע לע־בענס־רעגעל פאַר די מענשען, ווי למשל: „לויט דעם שטאַנד פון דיין פרנסה זאָלסטו עסען, אָבער קליידען זיך זאָלסטו אויף אַ קלענערער מדרגה ווי דיין פרנסה און דיין דירה זאָל זיין מעהר ווי דיין פרנסה" (בראשית רבה פרשה כ' פיסקא ל').

אין דער ערקלערונג צום פסוק „אם הכהן המשיח יחטא" זאָגט ער: „אַ קלאָג צו דער שטאָדט, וואָס איהר דאָקטאָר ליידעט אויף פּאָדאַגראַ, און דער וואָס דאַרף שטעכען דעם שטאָר ביי די מענשען, איז אַליין בלינד אויף אַן אויג" (ויקרא רבה פרשה ה' פיסקא ו').

ער פלעגט אויך זאָגען: „דאָס האַרץ און דאָס אויג זיינען צוויי מעקלערס אויף צו זינדיגען, דאָס אויג זעהט און דאָס האַרץ גלוסט" (ירושלמי ברכות פרק א' הלכה ה').

זעקס מענשליכע אברים — פלעגט ער זאָגען — באַדינען דעם מענש, קען ער דריי פון זיי קאָנטראָלירען, זיי זאָלען טהון וואָס ער וויל, אָבער די אַנדערע דריי זיינען אויסער זיין קאָנטראָל. דאָס אויג איז נישט

אונטער׳ן מענשענס קאָנטראָל, ווייל ער זעהט אפילו אַזעלכע זאַכען, וואָס מען וויל נישט זעהען. דאָס נעמליכע איז מיט׳ן אויער. ער הערט אַזעלכע זאַכען, וואָס מען וויל נישט הערען. דעסגלייכען איז די נאָז געצוואונגען, צו שמעקען אַזעלכע זאַכען, וואָס זיינען אומאָנגענעהם. דאַגעגען שטעהט אונטער׳ן מענשענס קאָנטראָל דאָס מויל, ווייל עס קען זיך באַשעפּטיגען מיט דער תורה און עס קען זיך אויך אָפּגעבען מיט לשון־הרע, לויט ווי דער מענש וויל, דאָסזעלבע איז די האַנד, ווען דער מענש וויל, קען ער טהון מיט איהר מצוות, און וויל ער, קען ער מיט דער האַנד גנב׳ענען אָדער הרג׳נען. דאָסזעלבע איז אויך דער פוס. ווען דער מענש וויל, קען זיין פוס געהען אין שוהל אַריין אָדער אין בית־המדרש, און וויל ער אַנדערש, קען ער געהען צו פאַרבאָטענע שפּיעלען (בראשית רבה פרשה ס״ז פיסקא ג׳).

אין פיעלע פון זיינע דרשות האָט זיך ר׳ לוי געסטאַרעט, צו געבען אַ טרייסט און אַ האָפנונג, אידען זאָלען קענען אַריבערטראָגען אַלע נויטען, ווייל דער אויבערשטער וועט זיך פאַר זייערע עוולות נוקמ׳ען. צוגלייך האָט ער אָבער מאַנכעס מאָל אָנגעוואונקען, אַז אידען אַליין זיינען פיעל שולדיג אין זייערע צרות, אַ שטייגער ווי וואָס ער זאָגט, אַז ווען משיח וועט קומען, וועט דער אויבערשטער אַריינוואַרפען די גוים אין גיהנם. דאַביי וועט ער זיי אויך זאָגען: „פאַרוואָס האָט איהר געפּייניגט מיינע קינדער?״ — וועלען זיי איהם ענטפערען: „מיר וואָלטען זיי נישט געפּייניגט, ווען איינער זאָל נישט געווען ריידען לשון־הרע אויפ׳ן אַנדערן!״ (בראשית רבה פרשה כ׳ פיסקא א׳).

דעם פסוק „טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו״ (קהלת ז׳ א׳) האָט ר׳ לוי ערקלערט מיט אַ משל, ווי צוויי שיפען זיינען אמאָל אַרויסגעשוואומען צום ים הגדול, איינע איז געגאַנגען פונ׳ם ברעג און איינע איז אָנגעקומען צום ברעג. האָט איינער געזעהען, אַז די מענשען פון דער שיף, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פונ׳ם ברעג, האָבען זיך געפרעהט, און די מענשען פונ׳ם אַנדערן שיף, וואָס איז אָנגעקומען צום ברעג, האָבען זיך נישט אַלע געפרעהט. האָט איין קלוגער מענש געזאָגט: „אַן איבערגעקערטע ערשיינונג זעה איך דאָ! מענשען, וואָס געהען אוועק פונ׳ם ברעג, דאַרפען זיך נישט פרעהען, ווייל זיי ווייסען נישט, וויפיל צייט זיי וועלען פאַרברענגען אויפ׳ן ים און וויפיל ווינטען עס וועלען זיך צו זיי צוטשעפּען. אָבער מענשען, וואָס קומען צום ברעג, דאַרפען זיך דוקא יאָ פרעהען, ווייל זיי ווייסען, אַז זיי זיינען אַרויסגעקומען פונ׳ם ים און זיי זיינען אָנגעקומען בשלום צו אַ ברעג. אַזוי איז אויך דאָס לעבען פונ׳ם מענש, וואָס מען וואָלט נישט קיינמאָל געדאַרפט רעכענען די צייט פון זיין געבוירען, וויפיל ער האָט שוין געלעבט, נור מען וואָלט גיכער געדאַרפט רעכענען וויפיל צייט עס פעהלט איהם נאָך צום טויט (בראשית רבה פרשה מ״ח פיסקא א׳).

ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו נח׳ן, ער זאָל אַריינעהמען צו צוויי פון יעדען מין אין דער תיבה — האָט ר׳ לוי אַמאָל געזאָגט — איז געקומען דער „שקר״ און ער האָט אויך געוואָלט אַריינגעהען אין דער תיבה. האָט איהם נח געזאָגט: „קענסט נישט אַריינגעהען, ווען דו האָסט נישט צו דיר קיין פּאָר!״

איז דער „שקר״ געגאַנגען זוכען פאַר זיך אַ פּאָר. האָט ער באַגעגענט די „זינד״ און ער האָט זי געפרעגט, צי זי וואָלט נישט אַריינגעגאַנגען מיט

איהם צוזאמען אין נח'ס תיבה אלס זיינע א פאר. האט איהם די זינד געפרעגט, וואס ער וועט איהר דערפאר געבען. האט איהר דער „שקר" גע־ענטפערט, אז וויפיל ער וועט פארדינען, זאל צו איהר באלאנגען. און ווען זיי זיינען דערנאך ארויסגעקומען פון דער תיבה, האט די זינד פארכאפט אלסדינג, וואס שקר האט פארדינט, און ווען שקר האט געוואלט מאכען א טענה וועגען דעם, האט איהם די זינד געענטפערט: „מיר האבען דאך אזוי אפגעמאכט, אז וואס דו וועסט פארדינען באלאנגט צו מיר!"

האט דאן „שקר" א זאג געטהון: „האסטו דען געקענט גלויבען, אז איך מיין טאקי, וואס איך זאג?" (מדרש שוחר טוב פרשה ז' פיסקא ט"ו, ילקוט תהלים סי' תרל"ח).

איינער פון די פראמינענטערע „רבנן דאגדתא" איז געווען רבי יהודה בר סימון, ווי ער וועדר אנגערופען אין מדרשים — און אין'ם תלמוד ירושלמי הייסט ער ר' יהודה בן פזי אדער ר' יהודה ב"ר שמעון בן פזי.

גלייך ווי ביי אנדערע „רבנן דאגדתא" געפינען זיך אויך פון איהם עט־ליכע אויסשפרוכען אין „הלכה". זיינען זיי אבער אהן באדייטונג, חאטש דער ירושלמי ציטירט אפט זיינע א מיינונג, ווען זי איז געווען אין ווידער־שפרוך צו דער מיינונג פון אנדערע „אמוראים".

נישט אומעטום איז ר' יהודה בר סימון אריגינעל אין זיינע דרשות. גלייך ווי מאנכע אנדערע חכמים פון יענער צייט איז ער געווען א מייסטער אין אי־בערגעבען דרשות פון פריהערע חכמים, וועלכע ער פלעגט אפטמאל ווידערהא־לען אויפ'ן נאמען פון זייערע מחברים און דאביי האט ער יענע דרשות אויס־געפוצט מיט אייגענע ווערטער, זיי בעסער צוגענגליך צו מאכען צום פאר־שטענדניס פון די צוהערער.

ריידענדיג וועגען אדם הראשון, האט אונזער ר' יהודה אמאל געזאגט:

דער אויבערשטער האט שיער נישט געוואלט געבען די תורה דורך אדם הראשון. דאביי האט דער כביכול געהאט אין זינען: „דער מענש, וואס איך האב איהם מיט מיינע אייגענע הענט געמאכט און ער איז אהן א מוטער גע־בוירען, זאל איך איהם נישט געבען מיין תורה?" — האט אבער דער אויבער־שטער באלד אנדערש געזאגט: „איין מצוה האב איך דעם דאזיגען מענשען געגעבען, ווען איך האב איהם אנגעזאגט, ער זאל נישט עסען פונ'ם עץ־הדעת, און ער האט נישט געקענט אויסהאלטען, צו באפאלגען מיין געבאט, טא ווי אזוי קען איך איהם געבען א תורה מיט תרי"ג מצוות?" (בראשית רבה פרשה כ"ד פיסקא ה', קהלת רבה פרשה ג' פיסקא י"ד).

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט אונזער ר' יהודה געזאגט: „אדם הראשון איז געווען באשטימט אייביג צו לעבען. טא פארוואס איז אויף איהם ארויסגעגעבען געווארען א טויטען־אורטייל? איז דאס געווען, כדי די מענשען זאלען מורא האבען פאר גאט" (קהלת רבה פרשה ג' פיסקא י"ז).

כמעט אין אלע זיינע דרשות האט זיך ר' יהודה בר סימון געסטארעט, צו ערקלערען די פסוקים פון תנ"ך אויף א מערקווירדיגען אופן, אריינצור־געבען אין זיי אזעלכע כוונות און אויסטייטשונגען, וואס זאלען דעם צו־הערער איבערראשען, סיי מיט זייער אייגענארטיגקייט און סיי מיט זייער איבערנאטירליכער וואונדערבארקייט.

די אמוראים פון ארץ־ישראל

צוקומענדיג באַלד ביים אָנהויב פון פרשת בראשית צום פסוק „והארץ היתה תהו ובהו", האָט ר' יהודה געזאָגט:

— „והארץ היתה תהו", דאָס מיינט אדם הראשון, וועלכער איז נאָך דער זינד זיינער געוואָרען אַ גאָרנישט, און וואָס דער פסוק זאָגט „ובהו", מיינט עס קין, וועלכער האָט געמיינט, אַז ווען ער האָט זיין ברודער גע־הרג'עט, האָט ער דערמיט צוריק געמאַכט וויסט די גאַנצע וועלט. און וואָס דער פסוק זאָגט „וחשך", איז מיט דעם געמיינט דער דור פון אנוש. ווייטער זאָגט דער פסוק „על פני תהום", איז דאָס דער דור המבול. און וואָס עס שטעהט „ויאמר אלהים יהי אור", איז דאָס געמיינט אברהם. „ויקרא אלהים לאור יום", איז געמיינט יעקב. דערנאָך שטעהט „ויהי ערב", איז דאָס דער אָווענד פון עשו הרשע. „ויהי בקר" איז דער מאָרגען פון יעקב. און וואָס עס שטעהט „יום אחד", איז דאָס דער איינציגער אומ־געוויינליכער טאָג פון יום־כפור, וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבען צו זיין פאָלק ישראל (בראשית רבה פרשה ב' פיסקא ד').

און ווען ר' יהודה בר סימון האָט גע'דרשן'ט וועגען אונזער מוטער שרה און די נסים, וואָס זיינען מיט איהר געשעהן, האָט ער דערצעהלט, אַז ווען זי האָט געבוירען איהר זוהן יצחק, זיינען מיט איהר צוזאַמען פיעל „עקרות" געהאָלפען געוואָרען, פיעל בלינדע זיינען דאַמאָלס זעהענ־דיג געוואָרען, פיעל טויבע זיינען הערענדיג געוואָרען און פיעלע נאַראָנים זיינען קלאָר געוואָרען (בראשית רבה פרשה נ"ג פיסקא י"ב).

מאַנכעס מאָל איז ביי אונזער ר' יהודה אויסגעקומען צו ריידען וועגען דער פּאָליטישער לאַגע פון די אידען אונטער דער רוימישער הערשאַפט — און ווי עס פאַרשטעהט זיך, האָט ער אין אַזא פאַל נישט געקענט אַרויסזאָגען אַלסדינג, וואָס ער האָט געוואָלט. האָט ער בלויז גערעדט אין אַלגעמיין וועגען די פייניגער פון די אידען און ער האָט געזאָגט:

וואָס רופט זיי עפּעס דער פסוק „מוקדי עולם" (ישעיה ל"ג י"ד)? — און ער ענטפערט אויף דעם, אַז דאָס איז, ווייל „ווען די שונאי ישראל וואָלטען געקענט, וואָלטען זיי פאַרברענט די גאַנצע וועלט מיט מענשען אין איין מינוט" (בראשית רבה פרשה מ"ח פיסקא ח').

ריידענדיג ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט וועגען די אידישע צרות, האָט ר' יהודה בר סימון גע'דרשנ'ט:

— שטעלען זיך די אידען טענה'ן צום אויבערשטען און זיי זאָגען: „וויפיל שמד'ן און גזרות האָט מען שוין געגען אונז אַרויסגעגעבען, אונז אָפּוועגדיג צו מאַכען פון דיין היילינגען נאָמען און עס האָט אַלץ ניט געהאַט קיין ווירקונג, ווייל מיר קומען אַלץ ווייטער אין דיינע שוהלען און אין דיינע בתי מדרשים, צו ערקלערען דאָרט פאַר דער גאַנצער וועלט צוויי מאָל יעדען טאָג, אַז דו ביזט אונזער איינציגער גאָט!" (מדרש שוחר טוב פרשה ח').

און ווען מען האָט אַמאָל ביי אונזער ר' יהודה'ן געפרעגט וועגען דער קריסטליכער „דרייאייניגקייט" און מען האָט געברענגט אַ ראיה פונ'ם פסוק „והיה בכל הארץ פי שנים בה יכרתו ויגועו והשלישית יותר בה" (זכריה י"ג ח'), וואָס דער טייטש דערפון איז—לויט די קריסטען האָבען ערקלערט—אַז די וואָס גלויבען אין צוויי מינים געטער, אַ שטייגער ווי די פרסיים, וועלכע האָבען געגלויבט אין אַ גאָט פון ליכט און אין אַ גאָט פון פינסטערניש, וועלען פאַר־שניטען ווערען און צו־גרונד געהען. אָבער „והשלישית", די וואָס גלויבען אין

א „דרייאיינינקייט", די וועלען איבערבלייבען. האָט ר' יהודה מסכים געווען צו זייערע רייד בנוגע די פּרסים, אָבער דעם „והשלישית" האָט ער ערקלערט, אז דאָס מיינט די אידען, וועלכע באשטעהען פון דריי גרופּען (כהנים, לויים און ישראלים) און זיי לויבען דעם אויבערשטען אין דרייען, ווען זיי זאָגען דריי מאָל „קדוש" (דברים רבה פרשה ב' פיסקא כ"ד).

מיט אן איבערטריבענער ליבשאפט האָט ר' יהודה בר סימון גערעדט וועגען אידען און ער האָט געזאָגט: „ס'איז א משל ווי א קעניג האָט אמאָל געהאט א גרויסען אויבסט־גאָרטען, באוואקסען מיט פייגענבוימער, מיט וויינ־שטעק, מיט מילגרוימען און עפּעלבוימער. האָט ער דאָס אלעס אוועקגעגעבען צו א פּאכטער און ער אליין איז אוועקגעגאנגען. א צייט שפּעטער איז דער קעניג געקומען א קוק טהון אויף זיין גאָרטען, זעהן ווי אזוי ער וואקסט. האָט ער דאָרט געטראָפען דערנער און שטעכענישען, איז ער בייז געוואָרען און ער האָט געבראכט העקער, דעם גאנצען גאָרטען אויסצוהאקען. האָט ער זיך אָבער גוט איינגעקוקט אין די דערנער, האָט ער פּלוצים דערבליקט איין שעהנע רויז. האָט ער זי גענומען, צו'ן איהר געשמעקט און זי האָט איהם דערקוויקט מיט איהר ריח. האָט ער דאַן געזאָגט: „צוליב דער דאָזיגער רויז דאַרף דער גאנצער גאָרטען אָפּגעראטעוועט ווערען!"

אזוי איז אויך געווען מיט דער וועלט. זעקס און צוואַנציג דורות נאָך דער באשאפונג פון דער וועלט האָט דער אויבערשטער א קוק געטהון און ער האָט געזעהן, אז זי פיהרט זיך זעהר שלעכט, האָט ער געבראַכט העקער, מען זאָל די וועלט צוהאקען. האָט ער אָבער דערזעהן צווישען די דערנער איין רויז, דאָס זיינען די אידען, וועלכע האָבען געזאָגט „נעשה ונשמע" און זיי האָבען אָנגענומען די „עשרת הדברות", האָט ער שוין צוליב זיי אָפּגעראטעוועט די גאַנצע וועלט (ויקרא רבה פרשה כ"ג פיסקא ג', שיר השירים רבה פרשה ב' פיסקא ו').

ביים פּסוק „אחרי ה' תלכו" (דברים י"ג ה') האָט ר' יהודה געפרעגט: „ווי קען דאָס זיין געמאָלט ביי א מענש, ער זאָל נאָכגעהן דעם אויבערשטען, וועלכער מאַכט זיך א וועג אינ'ם ים און א שטעג אין מיטען פונ'ם גרויסען וואסער? און ווי קען זיך א מענש צוקלעפּען צו דער שכינה, וועלכע איז גאָלע ברענענדיג פייער און א פייערדיגער טייך געהט ארוים פון איהר אומ־געבונג?"—מיינט דאָס אָבער בלויז, מען זאָל נאָכטהון די מעשים פונ'ם אויבער־שטען. ווען ער האָט די וועלט באשאפען, האָט ער תיכף געפלאנצט א גאָרטען אינ'ם עדן, וואו אדם הראשון איז דאמאלס געווען. זאָגט צוליב דעם דער פּסוק, אז ווען די אידען וועלען אריינקומען אין ארץ־ישראל, זאָלען זיי זיך באלד באשעפטיגען מיט פלאנצען, ווי דער פּסוק זאָגט „כי תבואו אל הארץ ונטעתם" (ויקרא רבה פרשה כ"ה פיסקא ג').

וועגען דריי פּלעצער אין ארץ ישראל — האָט ר' יהודה בר סימון געזאָגט — קענען נישט די גויים פּאָרוואַרפען, אז די אידען האָבען זיי צוגענומען און ניט באַצאָהלט. דהיינו: די „מערת המכפלה", דער „בית המקדש" און יוסף'ס קבר. ביי דער „מערת המכפלה" דערצעהלט דער פּסוק אויסדריקליך, ווי אברהם אבינו האָט אָפּגעקויפט דעם פּלאץ פאר פיער הונדערט זילבערנע שקלים. ביים „בית המקדש" שטעהט, ווי דוד המלך האָט באצאָהלט פאר'ן פּלאץ צו ארנן היבוסי זעקס הונדערט גאָלדענע שקלים, און ביי יוסף'ס קבר שטעהט, אז יעקב

האָט געקויפט א שטיקעל פעלד ביי די בני חמור פאר מאה קשיטה (בראשית רבה פרשה ע"ט פיסקא ז').

נאָך איינער פון די „רבנן דאגדתא", זעהר א וויכטיגער, איז געווען ר' יוסי בן חלפתא *), וועלכער ווערד אומעטום אין דער גמרא דערמאָנט אָהן דעם נאָמען פון זיין פאָטער (ר' יוסי סתם).

חוץ אין אגדה איז אויך דער דאָזיגער ר' יוסי געווען פּראָמינענט אין „הלכה" — און ער האָט זיך אָפטמאָל באַשטרעבט, ארויס צו זאָגען זיין אַנט־שיידונג ביי די מיינונגס־פארשיעדענהייטען צווישען „בית שמאי" און „בית הלל".

ער פלעגט זיך ווינשען, אז זיין חלק שכר אויף יענער וועלט זאָל זיין צווישען יענע מענשען, וואָס עסען דריי סעודות אים שבת, וואָס זאָגען הלל יעדען טאָג, וואָס דאַוונען ווען די זון הויבט אָן ארויסקומען אין דער פריה, וואָס שטאַרבען פון קישקע־קראַנקהייט אָדער אויף'ן וועג ביים טהון א מצוה, וואָס זיינען מקבל־שבת אין טבריה און זיי ענדיגען דעם שבת אין צפורי, וואָס זעצען אוועק זייערע תלמידים אין בית־המדרש און לאָזען זיי נישט שטעהען, וואָס זיינען די גבאים איבער דער צדקה און זיי געבען זיך נישט אָפּ מיט דער פארטיילונג, אָדער וואָס מען איז זיי חושד אין עטוואָס אומזיסט (שבת דף קי"ח עמוד ב').

ביי די פארפאָלגונגען פון דער רוימישער רעגירונג און די צרות, וואָס זי האָט דאמאָלס אָנגעטהון צו אידען, האָט זי אין ערשטער רייהע באַנוצט יעדע געלעגענהייט, צו שטערען די שבת'דיגע רוה פון אידען.

האָט ר' יוסי געזאָגט, אז „ווער עס היט אָפּ זיין שבת מיט פארגעניגען, דער קריגט ביים אויבערשטען א נחלה אָהן גרעניצען" (שבת דף קי"ח עמוד א'). און אזוי ווי מען האָט ניט געטאָרט פאַסטען אום שבת, זיינען אָבער די צרות פון די מענשען אָפטמאָל געווען אזעלכע, אז מען האָט אין אזא טאָג נישט געקענט גאָר נעהמען אין מויל אריין. האָט ר' יוסי געזאָגט, אז „ווער עס פאַסט אום שבת, ווען אַלע אַנדערע טהוען זיך אָן פארגעניגען, צורייסט דער אויבער־שטער זיין גזר־דין פאר אַלע זיינע זיבעציג יאָהר. דערנאָך ווערד אזא מענש פון דעסטוועגען באַשטראָפט, ווייל ער פארשוועכט מיט זיין טהאָט די פאָר־שריפטען פון עונג שבת" (ברכות דף ל"א עמוד ב').

כאראַקטעריסטיש איז די מיינונג פון ר' יוסי וועגען נבואה. אַלע נביאים — האָט ער געזאָגט — האָבען גערעדט און זיי האָבען נישט געוואוסט וואָס, ווייל די נבואה האָט פון זיי ארויסגערעדט און זי האָט געזאָגט נישט דוקא דאָס, וואָס דער נביא האָט זאָגען געוואָלט זאָגען. די איינציגע נביאים, וועלכע האָבען יאָ געוואוסט, וואָס זיי זאָגען, זיינען געווען משה רבנו און ישעיה הנביא (מדרש שוחר טוב פרשה צ' פיסקא א').

אינטערעסאַנט איז אויך ר' יוסי'ס אנזיכט וועגען דער גרויסקייט פונ'ם אויבערשטען אַלס באַשעפער פון דער וועלט. וועגען וועלכען ער האָט געזאָגט, אז ווען עס זאָלען זיך צונויפקומען אַלע חכמים פון דער וועלט, צו באַשאפען די קלענסטע מוק, וועלען זיי איהר נישט קענען אריינגעבען קיין לעבען (ירושלמי סנהדרין פרק ז' הלכה י"ג).

ריידענדיג וועגען קרבנות, האָבען דאמאָלס וואהרשיינליך מאַנכע גוי'שע

---

*) זעה „אונזערע גייסטיגע ריעזען", ערשטער טייל, פון זייטע 324 ביז 328.

חכמים געשטעלט די פראגע, אז ווען דער גרויסער גאט האט געהייסען ברענגען קרבנות פאר זיין כבוד וועגען, האט ער געדארפט הייסען מקריב זיין אזעלכע חיות, וואס זאלען סימבאליזירען זיין גרויסקייט. האט ר' יוסי אויף דעם געזאגט, אז דער אויבערשטער האט מיט א באזונדערער כונה אויסגעקליבען פאר קרבנות די פארפאלגטע און נישט די פארפאלגער. אן אקס אנטלויפט פאר א ליוב, א ציגע אנטלויפט פאר א טיגער, א שעפעלע אנטלויפט פאר א וואלף. האט דער אויבערשטער געוואלט אנטהון כבוד צו די פארפאלגטע, צו ווייזען, אז איהם איז ליעב דער שוואכערער און נישט דער שטארקערער (זעה ויקרא רבה פרשה כ"ז פיסקא ה').

אזוי ווי מען האט שוין דאמאלס אומעטום געדאווענט אנשטאט קרבנות, האבען וואהרשיינליך פילע פארנאכלעסיגט דאס דאווענען, ווייל זיי האבען זיך געלאזט איינריידען, אז ווען דאס דאווענען זייערס וואלט דעם אויבערשטען ליעב געווען, וואלט ער נישט געלאזט חרוב מאכען זיין בית־המקדש. האט ר' יוסי געזאגט, אז דער אויבערשטער אליין דאווענט אויך, און ארויסגעדרונגען האט ער דאס פון דעם, וואס דער פסוק זאגט: „איך וועל זיי דערפרעהען אינ'ם הויז פון מיין געבעט" (ישעיה נ"ו ז'). וואלט דארט געדארפט שטעהן: „אין הויז פון זייער געבעט", שטעהט אבער: „אין הויז פון מיין געבעט", איז דערפון געדרונגען, אז דער אויבערשטער אליין דאווענט אויך (זעה ברכות דף ז' עמוד א').

פארהאנען אמאל—האט ר' יוסי ביי אן אנדערער געלעגענהייט געזאגט— אז א מענש בעט גאט, ער זאל איהם העלפען אין זיין אייגענעם זכות, און דער אויבערשטער העלפט איהם אינ'ם זכות פון אנדערע, און ווען איינער בעט גאט, ער זאל איהם העלפען אינ'ם זכות פון אנדערע, העלפט איהם גאט אין זיין אייגענעם זכות. אזוי האט משה רבנו געבעטען ביי גאט, ער זאל געדענקען דעם זכות פון די אבות, האט איהם גאט געהערט אין זיין אייגענעם זכות, און ווען חזקיהו מלך יהודה האט גאט געבעטען, ער זאל איהם העלפען אין זיין אייגענעם זכות, האט איהם גאט געהאלפען אינ'ם זכות פון דוד המלך (ברכות דף י' עמוד ב').

אין יענער צייט איז געווען נאך איינער א פראמינענטער „בעל אגדה" — ר' שמעון בן יהוצדק.

פארהאנען אפילו א מיינונג, אז עס זיינען געווען צוויי אמוראים מיט דעמזעלבען נאמען, ווייל וואס עס ווערד דערצעהלט וועגען אן אמורא מיט'ן נאמען ר' שמעון בן יהוצדק שטימט נישט אין אלעמען מיט דער צייט און מען וואלט געדארפט זאגען, אז דער מענש האט אריבערגעלעבט פיער אדער פינף דורות. קען מען אבער דענקען, אז מען האט דא טראץ אלעמען צו טהון בלויז מיט איינעם, ווייל דער נאמען יהוצדק, ווי ר' שמעון'ס פאטער האט געהייסען, איז זעהר א זעלטענער. ער איז בלויז פארהאנען איין מאל אין תנ"ך און איין נאמען אזעלכער אין דער גמרא. און וואס דער נאמען ווערד אמאל שפעטער דערמאנט, מעג זיין א טעות און עס האנדעלט זיך דארט גאר וועגען אן אנדערען מענשען.

וואס אונזער ר' שמעון בן יהוצדק האט געזאגט, איז אויך איבערגעגעבען דורך ר' יוחנן, און ווען ר' שמעון איז געשטארבען, ווערד דערצעהלט, אז ר' יוחנן צוזאמען מיט זיין רבי'ן ר' ינאי זיינען נאכגעגאנגען נאך זיין לויה.

די אמוראים פון ארץ־ישראל

געפינט זיך אָבער אַן אַנדערער מאמר, וואו עס ווערד דערצעהלט, אַז ר׳ שמעון בן יהוצדק איז געגאַנגען מאַכען „עבור" און ער האָט באַגעגענט ריש לקיש׳ן, וועלכער האָט איהם באַליידיגט. איז דאָרט וואהרשיינליך א טעות אין דער פּערזאָן, אָדער עס איז נישט געווען אונזער ר׳ שמעון אָדער דער מענש, וועלכען ער האָט באַגעגענט, איז נישט געווען ריש־לקיש (זעה סנהדרין דף כ״ו עמוד א׳).

צוויי פון זיינע אויסשפּרוכען האַנדלען וועגען דעם כבוד פון תלמידי־חכמים און וועגען דער תורה, וועלכע גיט צו איהרע לערנערס דאָס אייביגע לעבען. איין מאמר זאָגט, אַז „יעדער תלמיד־חכם, וואָס איז זיך נישט נוקם ווי א שלאַנג, איז גאָר נישט קיין תלמיד־חכם" (יומא דף כ״ג עמוד ב׳). אַן אַנדערער מאמר זאָגט: „יעדעס וואָרט, וואָס ווערד נאָכגעזאָגט אין הלכה אויפ׳ן נאָמען פון א תלמיד חכם, מאַכט באַוועגען זיינע לעפּצען אינ׳ם קבר" (סנהדרין דף צ׳ עמוד א׳, יבמות דף צ״ז עמוד א׳).

ער פלעגט אויך זאָגען: „עס מעג אמאָל אויסגעריסען ווערען אַן אות פון דער תורה, ווען עס האַנדעלט זיך, אַז דעם אויבערשטען׳ס נאָמען זאָל עפענטליך געהייליגט ווערען" (יבמות דף ע״ט עמוד א׳).

חוץ די אויסגערעכענטע „רבנן דאגדתא" זיינען נאָך געווען אַנדערע פּראָמינענטע „אמוראים", וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט „אגדה" — און מיר ווילען דאָ בלויז נאָך איינעם דערמאָנען, דאָס איז ר׳ ברכיה, א תלמיד פון ר׳ שמעון בן גמליאל. אָבער אויך פון איהם קענען מיר נישט מעהר ציטירען ווי בלויז דרשן׳ישע איינטייטשונגען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין שטייגער דענקען.

ריידענדיג וועגען דער באַשאַפונג פון דער וועלט האָט דער דאָזיגער ר׳ ברכיה געזאָגט:

— ווען דער אויבערשטער האָט געוואָלט באַשאַפען דעם ערשטען מענש, האָט ער געזעהן, אַז עס וועלען פון איהם ארויסקומען צדיקים און רשעים, האָט ער ביי זיך געהאַט אין זינען: „ווען איך וועל דעם מענש באַשאַפען, וועלען רשעים ארויסקומען פון איהם, און זאָל איך דעם מענש נישט באַשאַפען, טאָ ווי אזוי וועלען קענען זיין צדיקים?" — האָט דאַן דער אויבערשטער דערווייטערט דעם וועג פון די רשעים פון זיין בליק, און ער האָט זיך אָנגעטהון אין זיין „מדת הרחמים" און ער האָט דעם מענש באַשאַפען (בראשית רבה פרשה ח׳ פיסקא ד׳).

מעהר אינטערעסאַנט איז, ווי ר׳ ברכיה האָט איינגעטייטשט דעם פסוק „אשרי נשוי פשע" (תהלים ל״ב א׳), אַז וואויל איז צו דעם מענש, וואָס קען זיך אויפהויבען העכער פון זיינע זינד, אַז די זינד זאָל נישט ארויסקומען העכער פון איהם (בראשית רבה פרשה כ״ב פיסקא י״א).

רבי יוחנן — דער מסדר פון תלמוד ירושלמי

דאָס לעבען פון אַט דעם פּראָמינענטעסטען „אמורא", לויט ווי עס האָט זיך אַנטוויקעלט פונ'ם וויעגעל ביז צום קבר, איז באַשטאַנען פון אַ לאַנגע קייט אומגליקען. די טאַטע־מאַמע זיינע האָט ער גאָר נישט געקענט. באַלד ווי ער איז אויף דער וועלט געקומען, איז ער שוין געווען אַ קיילעכדיגער יתום. איידער ער איז געבוירען געוואָרען, איז דער פּאָטער זיינער געשטאָרבען, און די מוטער זיינע איז געשטאָרבען ביי דער געבורט (קדושין דף ל"א עמוד ב').

און ווען ער איז אויסגעוואַקסען און ער האָט חתונה געהאַט, זיינען ביי איהם געבוירען געוואָרען צעהן זיהן — און אַלע זיינען אויסגעשטאָרבען פאַר די אויגען פון זייער פּאָטער. פלעגט ער זיך דאַן אַרומטראָגען מיט אַ צאָהן פון זיין געשטאָרבענעם צעהנטען זוהן, אויף וועלכען ער פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט אָנווייזען, אז „אַט דאָס איז אַ ביין פון אַ געשטאָרבענעם צעהנטען זוהן" (ברכות דף ה' עמוד ב'). *)

וועגען דעם וואָס ר' יוחנן'ס פּאָטער האָט געטהון פאַר פרנסה, ווייסט מען נור אַזוי פיעל, אַז מען פלעגט אונזער ר' יוחנן אָפטמאָל רופען „בר נפחא", איז דערפון צו זעהען, אַז דער פּאָטער זיינער איז געווען אַ שמיעד (כתובות דף כ"ה עמוד ב', בבא מציעא דף פ"ה עמוד ב', סנהדרין דף צ"ו עמוד א', ירושלמי ראש השנה פרק ב' הלכה ה').

און אַזוי ווי ר' יוחנן'ס פּאָטער איז געשטאָרבען, איידער ר' יוחנן איז געווען געבוירען, איז ר' יוחנן אויפגעצויגען געוואָרען ביי אַ זיידע'ן, וועלכער האָט איהם אָוועקגעגעבען צו לערנען ביי ר' שמעון בר אלעזר (ירושלמי מעשרות פרק א' הלכה ב').

צו באַמערקען איז אויך, אַז פון נאַטור אויס איז ר' יוחנן געווען באַשאָנקען מיט די שעהנסטע און בעסטע קערפּערליכע און גייסטיגע מתנות, אַזוי האָט ער פאַרמאָגט אַ שאַרפען פאַרשטאַנד, צו קענען זיך פאַרטיפען אין דער תורה, בעסער און גרינטליכער פון אַנדערע — און שעהן איז ער געווען צום באַוואונדערען, מיט אַ פנים פון אַ שעהנער פרוי (ירושלמי עבודה זרה פרק ג' הלכה א').

ער איז אויך געווען באַוואוסט מיט זיין גרויסען פלייס צו לערנען — און אַ ליעבשאַפט צו דער תורה האָט אָנגעפילט אַלע זיינע געדאַנקען. איינמאָל בלויז האָט זיך איהם פאַרגלוסט, צו פּרובירען פאַרלאָזען דעם

---

*) לויט'ן פשוט'ן זין פון דער גמרא, וואו עס ווערד געזאָגט „דין גרמא דעשיראה ביר", מיינט עס, אַז ר' יוחנן האָט ביי זיך אַרומגעטראָגען אַ ביין פון זיין פאַרשטאָרבענעם זוהן'ס טויטען קערפּער. איז אָבער אַזאַ ביין מטמא במגע ומשא, ערקלערט רש"י, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ צאָהן — און אַ צאָהן איז נישט מטמא.

װעג פון דער תורה. א חבר זײַנער מיט׳ן נאָמען אילפא, אַ עלטערער פון איהם, װעלכער איז אויך אפשר געװען א מעהר געלערנטער, האָט זיך געפיהלט פאַרלאָזען אינ׳ם לעבען, האָט ער געשלאָסען שותפות מיט ר׳ יוחנן און זײ זײַנען ביידע געגאַנגען מסחר׳ן אָנשטאָט לערנען. האָט דאָס אָבער נישט לאַנג געדויערט, װײַל ר׳ יוחנן האָט זיך באַלד די זאַך איבער־לייגט, אַז עס טויג נישט פאַר איהם, צו פאַרלאָזען די אייביגקייטס־װער־דע פון דער תורה, כדי זיך צו װידמען צו אַלטעגליכקייטען. האָט ער זיך דאַן גאָר גיך אָפּגעשיידט פון זײַן חבר אילפאַ און ער איז צוריק־געקעהרט צום בית־המדרש (תענית דף כ״א עמוד א׳).

די צייט פון ר׳ יוחנן׳ס יוגענד איז אויסגעפאַלען אין די לעצטע יאָהרען פון די „תנאים״. פלעגט ר׳ יוחנן שטענדיג דערצעהלען, װי ער איז אין זײַן פריהעסטער יוגענד געזעסען אינ׳ם בית־המדרש פון ר׳ יהודה הנשיא זיבעצעהן שורות הינטער רב (אבא אריכא) און ער פלעגט זיך צו־הערען, װי רב ארגומענטירט אין פאַרשיעדענע ענינים פון לערנען מיט ר׳ יהודה הנשיא, און זייערע װערטער האָבען געשאָסען װי פייערדיגע קוילען. פלעגט ער אָבער דאַמאָלס גאָרנישט פאַרשטעהן פון דעם, װאָס זײ ריידען, װײַל ער איז דאַן געװען דער אינגסטער פון אַלע תלמידים (חולין דף קל״ז עמוד ב׳).

שפּעטער האָט ר׳ יוחנן הויפּטזעכליך געלערענט ביי ר׳ ינאי רבה (בבא מציעא דף פ״ח עמוד ב׳, בבא בתרא דף קנ״ד עמוד ב׳). צומאָל איז ער אויך געגאַנגען הערען, װאָס רבי חנינא בר חמא האָט צו זאָגען (ירושלמי פסחים פרק ה׳ הלכה ל׳). און װען ער האָט דאַן אָנגעהויבען אַליין דרש׳נען אינ׳ם בית המדרש פון ר׳ בנאה, האָט ר׳ חנינא בר חמא געמאַכט א ברכה און געדאַנקט דעם אויבערשטען, װאָס ער האָט דערלעבט צו זעהען מיט זײַנע אייגענע אויגען די פרוכט פון זײַן אַרבייט (זעה ירושלמי בבא מציעא פרק ב׳ הלכה י״א). אפילו שפּעטער, װען ער איז שוין געװען פאַררעכענט צװישען די חכמים, פלעגט ער נאָך אַלץ געהען הערען, װאָס עלטערע חכמים האָבען צו זאָגען — און א צייט פון דרייצעהן יאָהר פלעגט ער זעהר אָפט געהען צו ר׳ הושעיא אין צעזאַרעאַ (ירושלמי ערובין פרק ה׳ הלכה א׳, סנהדרין פרק י״א הלכה ו׳).

פון אָט די באַמערקונגען איז צו זעהען, װי ר׳ יוחנן האָט געװאָלט לערנען ביי יעדען. אָבער דער יסוד פון אַלע זײַנע ידיעות איז געװען די „משנה״ פון ר׳ יהודה הנשיא. דאָס איז ביי איהם געװען דאָס העכסטע און ער פלעגט טאַקי זאָגען „אני אין לי אלא משנה״ (ירושלמי תרומות פרק ב׳ הלכה ג׳, קדושין פרק א׳ הלכה ב׳). און װען ער פלעגט אַמאָל ריידען װעגען דער „משנה״, האָט מען געקענט זעהען, אַז יעדעס װאָרט דערפון איז ביי איהם הייליג, װאָס מען טאָר גאָר נישט עטװאָס ארונ־טערנעהמען אָדער צו דעם צוגעבען (ירושלמי נזיר פרק א׳ הלכה א׳).

גלייך װי עס פלעגען זיך אַנדערע חכמים גריבלען אין די װערטער פון דער תורה, װאו זײ האָבען אַנאַליזירט יעדען זאַץ און איינגעטייטשט יעדען בוכשטאַב, האָט זיך ר׳ יוחנן אויף דעמזעלבען שטייגער געגריבעלט אין דער „משנה״. װאָס א פריהערער חכם האָט געזאָגט, איז ביי איהם געװען אומבאַריהרבאַר און ער פלעגט זאָגען: „דאָס האַרץ פון די פריהע־רע חכמים איז אַזוי ברייט װי דער טויער פון א פּאַלאַץ״ (ערובין דף

נ"ג עמוד א'), אָדער „דער מינדעסטער נאָגעל ביי די פריהערע חכמים איז בעסער ווי דאָס גאַנצע לייב־און־לעבען פון די שפּעטערע" (יומא דף ט' עמוד ב').

שטאַרק ווי אַ פעלזען איז געווען דער גלויבען זיינער אין די ווערטער פון אַלע פריהערע חכמים, היילינ איז ביי איהם געווען יעדער אויסשפּרוך זייערער. תמיד האָט ער זיך געגריבעלט אין אַלטערטימער און קיינער פון די „אמוראים" האָט זיך נישט אַזוי פיעל באַשטרעבט ווי ער, צו דער־האַלטען פאַר שפּעטערע דורות אַלטע טראַדיציעס אין זייערע אויסטייטשונ־גען און באַלעהרונגען. אַלעס איז ביי איהם געווען פאַרהייליגט, גלייך ווי דאָס זאָל שטאַמען פונ'ם באַרג סיני. פלעגט ער דאַדורך זאָגען, אַז „אַלסדינג וואָס איז אָנגעשריבען אין דער משנה, איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו משה רבנו" (ירושלמי פאה פרק ב' הלכה ו').

עס זיינען דאַן געווען פאַרשיעדענע מנהגים, וואָס אַלע חכמים פון יענער צייט האָבען זיי געהאַלטען, אַז זיי שטאַמען „מדברי סופרים", וועלכעס מיינט, אַז זיי זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פון די חכמים צו־ליעב געוויסע אורזאַכען, און ווער עס וויל זיי נישט האַלטען, איז בלויז עובר אויף אַ „מצוה דרבנן". פלעגט אָבער ר' יוחנן זאָגען, אַז די דאָ־זיגע אַלע מנהגים זיינען אַ „הלכה למשה מסיני", אַ שטייגער ווי דער „שיעור", לויט וועלכען עס איז באַשטימט די קוואַנטיטעט און די מאָס אין די פראַגען פון איסור והיתר (יומא דף ה' עמוד א', ירושלמי פאה פרק א' הלכה א'). דעסגלייכען האָט ער געזאָגט, אַז „חבוט ערבה" און דער מנהג פון „נסוך חמים" אים סוכות זיינען אויך אַ „הלכה למשה מסיני" (ירושלמי שביעית פרק א' הלכה ו'). דאָס נעמליכע האָט ער אויך געדענקט וועגען מצות „ערלה" ביי פירות אין חוץ־לאָרץ, אַז חאָטש עס שטעהט אין דער תורה, אַז דאָס איז נור נוהג אין ארץ־ישראל, איז לויט זיין מיינונג „ערלה" אין חוץ־לאָרץ אויך אַ „הלכה למשה מסיני" (ירושלמי ערלה פרק ג' הלכה ח').

דאַביי איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ווען ר' יוחנן רעדט וועגן דער באַדייטונג פון „דברי סופרים", דאָס מיינט וועגען די מצוות דרבנן, הויבט ער זייער ווערדע ביז צו דער העכסטער מדרגה, ווייל יעדער אָנגענומענער מנהג איז ביי איהם אַזאַ הייליגקייט ווי אַ „מצוה מדאורייתא" (פסחים דף נ' עמוד ב'). אין דיזער באַציהונג האָט ער אויך געזאָגט: „נאָהנט זיינען די ווערטער פון די חכמים צו די ווערטער פון דער תורה, אָפּטמאָל זיינען זיי אָבער מעהר באַליעבט ווי די ווערטער פון דער תורה" (ירושלמי ברכות פרק א' הלכה ד').

צוזאַמען מיט זיינע מעלות אין לערנען האָט אויך ר' יוחנן פאַרמאָגט מעלות אין זיין מאַראַל, ווי בלויז ווייניג מענשען האָבען זוכה געווען צו'ן אַזאַ מדרגה. אין זיין ליעבשאַפט צו דער תורה האָט ער פאַראַכטעט אַלע וועלטליכע טובות און עס איז איהם געווען ליעבער צו ליידען, אָנ־צופיהרען אַ לעבען פול צער, אַבי נישט צו זיין געשטערט אין דער הייליגער אַרבייט.

פון זיין פאָטער אָדער גאָר אפשר פון זיידע'ן האָט ער גע'ירשנ'ט אַ קליין שטיקיל פעלד צווישען צפורי און טבריה. האָט ער עס פאַרקויפט, כדי צו זיין פריי פון יעדער ערדישער זאָרג און צו קענען זיך אָפּגעבען מיט לערנען.

די אַמוראים פון ארץ־ישראל

ווי עס איז אויבען באַמערקט, זיינען אַלע צעהן זיהן זיינע געשטאָרבען ביי זיין לעבען און ער האָט אַלסדינג אריבערגעטראָגען מיט דער גרעסטער געדולד, ווייל ער האָט שטענדיג געפונען זיין איינציגע טרייסט אינ׳ם לערנען. ער איז געווען גוט צו אַלעמען, אפילו צו זיין שקלאַף, וועלכען ער האָט געהאַלטען ווי אַן אייגען קינד, געקאָרמעט איהם מיט פלייש און געגעבען צו טרינקען וויין, — און ווען מען האָט איהם געפרעגט וועגען דער אורזאַך פון אָט דער האַנדלונג זיינער, האָט ער געענטפערט: „אויף דעמזעלבען שטייגער ווי איך בין באַשאַפען געוואָרען, איז דער שקלאַף באַשאַפען!” (ירושלמי בבא קמא פרק ח׳ הלכה ד׳).

און חאָטש ער איז געווען אָפּגעהיט אין פרומקייט אויף יעדען שריט, איז טאָמער האָט ער אַמאָל געזעהען, אַז עס איז נויטיג פאַר׳ן וואָהלזיין פון דער וועלט אָדער אפילו פאַר׳ן וואָהלזיין פון אַ יחיד, אוועק צו קוקען פונ׳ם שטרענגען דין, האָט ער אָפטמאָל געשטרעבט צו פאַרגרינגערען דאָס אָפּהיטען די מצוות. אַזוי איז ער אַמאָל שוואַך געוואָרען פון הונגער, האָט ער זיך גענומען עסען, וואָס עס איז איהם געקומען אונטער דער האַנד, נישט קלערענדיג, צי עס איז אויסדריקליך כשר אָדער נישט. ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט וועגען אַ קראַנקען, אַז „מען מעג וועגען איהם מחלל זיין איין שבת, ווען מען ווייסט, אַז ער וועט דערנאָך אָפּהיטען פיעלע שבתים” (ירושלמי יומא פרק ח׳ הלכה ח׳).

נאָך אַלע יאָהרען, וואָס די אידען אין ארץ־ישראל האָבען ביז דאַמאָלס געלעבט צווישען די גריכען, האָט זיך אין ר׳ יוחנן׳ס צייטען אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען אַ מנהג, צו באַמאָהלען די ווענד פון די אידישע וואוינונגען מיט פאַרשיעדענע צורות, וועלכעס איז אין ווידערשפּרוך מיט דער מצוה פון „לא תעשה לך פסל וכל תמונה”. האָט זיך ר׳ יוחנן ווי גלייכגילטיג צוגעקוקט צו דעם און ער האָט גאָר נישט געזאָגט (ירושלמי עבודה זרה פרק ג׳ הלכה ג׳).

ביי די איינטייטשונגען פון פאַרשיעדענע פּסוקים פלעגט ער אָפּטמאָל זיין זעהר טאָלעראַנט, אַנדערש ווי אַנדערע חכמים פון זיין צייט, און ווען ער לערענט וועגען דער מצוה, וואָס אַ איד דאַרף אכטונג טהון אויף אַ פאַרבלאָנדזעטע בהמה פון זיין „ברודער”, וועלכעס מיינט פון אַן אַנדערן איד (דברים קאַפּיטעל כ״ב), און אַזוי ווי עס שטעהט דאָרט „לכל אבדת אחיך”, זאָגט ר׳ יוחנן, אַז די מצוה פון אָפּהיטען דאָס אייגענטום פון אַ „ברודער” געהט אַפילו אויף אַ איד אַ „מומר” (עבודה זרה דף כ״ו עמוד ב׳).

ער האָט אויך געוואָלט פאַרגרינגערען דעם שווערען כלל וועגען דער שחיטה פון אַ שומרוני, וואָס מאַנכע אַנדערע חכמים האָבען גע׳אסר׳ט, אפילו ווען אַ איד שטעהט דאַביי און ער טהוט געגוי אַכטונג, אַז די שחיטה זאָל זיין לויט׳ן אידישען דין. האָבען דאַן די מענשען פון יענער צייט עדות געזאָגט, אַז ר׳ יוחנן אַליין האָט אַמאָל געגעסען פלייש פון אַ שומרוני׳ס שחיטה (חולין דף ה׳ עמוד ב׳) *).

---

*) רש״י וויל דאָרט אָפּשוואַכען דעם איינדרוק פון אָט דעם זאַג, אַז ר׳ יוחנן האָט געגעסען פלייש פון אַ שומרוני׳ס שחיטה. ערקלערט ער, אַז ער האָט דאָס בלויז געטהון, ווען אידען זיינען געשטאַנען ביי דער שחיטה. קען מען דאָס אָבער נישט ארויסדרינגען פון דער פאָרם. אין וועלכער דאָס ווערד דערצעהלט אין דער גמרא.

ווי עס איז אָננצונעהמען, איז דאַמאָלס געווען זעהר אַ שלעכטע צייט אין ארץ־ישראל, סיי פּאָליטיש און סיי עקאָנאָמיש, האָבען דאַן פּיעלע אי־דען געזוכט די מעגליכקייט, צו באַזעצען זיך אין איינעם פון די שכנ'ישע לענדער. האָבען די חכמים צוליעב דעם געשטרעבט, אָפּצושטעלען די אויסוואַנדערונג. האָבען זיי געזאָגט, אַז יעדער לערנער (חבר), וואָס פאַרלאָזט ארץ־ישראל און ער געהט זיך באַזעצען אין חוץ־לארץ, דאַרף אויסגעשלאָסען ווערען פון דער געזעלשאַפט. האָט דאַגעגען ר' יוחנן גע־זאָגט, אַז אַ לערנער, וואָס געהט אַוועק פון ארץ־ישראל אין חוץ־לארץ, דאַרף נישט אויסגעשלאָסען ווערען פון דער געזעלשאַפט (ירושלמי דמאי פרק ב' הלכה ג').

עס איז אויך דאַמאָלס געווען אַ מיינונגס־פאַרשיעדענהייט וועגען דער פראַגע, אַז אַן „עם הארץ" האָט זיך אָנגעהויבען פיהרען ווי אַ „לערנער" און ער איז דערנאָך צוריקגעגאַנגען צו זיין פריהערער געזעלשאַפט, צי מען דאַרף איהם צוריק אַריינגעהמען אין דער געזעלשאַפט אָדער נישט. האָט ר' יוחנן אַנטשיעדען, אַז מען דאַרף איהם יאָ צוריק אַריינגעהמען און נישט אוועקשטויסען (ברכות דף ל"א עמוד א').

צו די מדות פון ר' יוחנן אין ענין טאָלעראַנץ דאַרף נאָך צוגעגעבען ווערען, אַז ער האָט געהייסען זיין געדולדיג צו אַלערליי זינדיגע. ספּעציעל האָט זיך דאַמאָלס געהאַנדעלט וועגען דעם פאַרהעלטניס צו די גוים. אַזוי ווי די רוימער פלעגען פאַראַכטען די אידען, פלעגען זיי די אידען אָפּ־צאָהלען מיט דערזעלבער מאָס. יעדע חכמה פון אַ איד איז באַטראַכט געוואָרען ביי די רוימער ווי אַ נאַרישקייט, פלעגען דערפאַר די אידען אויך אָפּלאַכען פון די גוי'שע „חכמות". האָט דאַן ר' יוחנן געזאָגט, אַז דער אויבערשטער האָט איינגעטיילט אַ חלק חכמה צו די גוים און אַ גוי קען אויך אַמאָל זאָגען אַ קלוגע זאַך (מגלה דף ט"ז עמוד א').

אין דערזעלבער פראַגע האָט ער געלעהרענט, אַז גוים האָבען אַ „יחוס" און זיי מעגען זיך רעכענען צו זייער פאָטער'ס צד (ירושלמי יבמות פרק ב' הלכה ו'). און ווען אַ גוי איז זיך מגייר און ער האָט קינדער פון פריי־הער, מעגען זיך יענע קינדער אויך רעכענען אויפ'ן נאָמען פון זייער פאָטער (יבמות דף ס"ב עמוד א'). דעסגלייכען פלעגט ער זאָגען, אַז לויט דער תורה דאַרף אַ גוי ירש'נען זיין פאָטער גלייך ווי אַ איד (קדושין דף י"ח עמוד א').

ווי אַלע „אמוראים" פון יענער צייט איז ר' יוחנן געווען אַ גרוי־סער ענטהוזיאַסט פון דער תורה און מיט אַ באַזונדערער פאַרעהרונג האָט ער גערעדט וועגען תלמידי־חכמים. ער פלעגט אָפטמאָל זאָגען, אַז די לערנערס זיינען די „בוימייסטער" פון דער וועלט (שבת דף קי"ד עמוד א'). ער האָט אויך געהאַלטען, אַז „די תורה איז ווי אַ מויער ארום דעם אידישען פאָלק און די חכמים זיינען ווי די טורעמס פון אַ פעסטונג" (פסחים דף פ"ז עמוד א').

איז דאָס אָבער נור דאַמאָלס — האָט ר' יוחנן ווייטער געזאָגט — ווען דער תלמיד־חכם וויל דיענען צו דער תורה מיט אַלע זיינע כחות, ווען ער לאָזט איבער אַלע זיינע וועלטליכע געשעפטען און ער גיט זיך אָפּ בלויז מיט גייסטיגע אינטערעסען (ירושלמי מועד קטן פרק ג' הלכה ז'), ווען ער האָט נישט אין זינען קיין שום ערדישען געווינס (חגיגה דף

ט"ו עמוד ב') און ווען ער פארשוועכט נישט דעם כבוד פון דער תורה מיט א פוסטער שטאלצקייט (ערובין דף נ"ה עמוד א').

נור אזעלכער, וואס פארמאגט די דאזיגע אייגענשאפטען, מעג זיך — לויט ר' יוחנן'ס מיינונג — רעכענען פאר א „בוימייסטער" פון דער וועלט, גלייך ווי פאר א ווירדיגען היטער פון דער תורה. אזא מענש איז אויך געגליכען צו א „הדס", וואס וואקסט אין א מדבר (ראש השנה דף כ"ג עמוד א').

און ווען עס האט זיך אונזער ר' יוחנן אויסגעדאכט, אז דאס אלעס איז נאך נישט גענוג, צו באצייכענען ווי ווייט עס גרייכט די ווערדע פון דער תורה אין זיינע אויגען, האט ער צוגעגעבען אז אפילו א „ממזר", וואס דארף זאנסט לויט דעם פארבאט פון דער תורה ניט אריינגענומען ווערען ביז אין צעהנטען דור אין א אידישע פאמיליע, ווען ער איז א תלמיד־חכם, איז ער וויכטיגער פון א כהן־גדול אן עם־הארץ (הוריות דף י"ז עמוד א').

ווי אין פארשיעדענע אנדערע צייטען האט אויך דאמאלס דאס פאלק געגעבען דעם פארצוג צו עשירים, האט ר' יוחנן וועגען דעם געזאגט: „נישט דאס עשירות און נישט דער יחוס זיינען די מאס, וואס לויט איהר ווערד אפגעשאצט די ווערדע פון א מענש, ווייל בלויז דאס קענען די תורה דארף זיין די מאס" (ירושלמי שבת פרק ב' הלכה ג').

געדולדיג האט ר' יוחנן שטענדיג אריבערגעטראגען אלערליי צרות און יסורים. אהן שום תרעומות האט ער געליטען ארימקייט און באדריקונג, האט זיך אבער אימיצער פרובירט צו ווידערזעצען זיין מיינונג, האט ער דאס ניט געקענט פארטראגען און איז געווארען יענעם א ביטערער שונא.

ווען ר' יוחנן איז נאך געווען אין צפורי (סעפהארים), האט ער נישט געקענט ליידען נעבען זיך דעם אמורא ר' חנינא בר חמא, ווייל ער האט מאנכעס מאל פארטראטען אן אייגענע מיינונג. און ווען ר' יוחנן האט געזעהען, אז ער וועט יענעם קיינמאל נישט בייקומען און ר' חנינא וויל אויך נישט מבטל זיין די מיינונג זיינע צוליעב דעם וואס ר' יוחנן זאגט אנדערש, איז ער אוועקגעגאנגען פון צפורי און ער האט זיך באזעצט אין טבריה (ירושלמי שביעית פרק ט' הלכה א').

ר' יוחנן האט אויך אפטמאל געהאט גייסטיגע צוזאמענשטויסען מיט ר' אלעזר בן פדת, ווייל ווען ר' אלעזר האט געלערנט מיט זיינע תלמידים, האט ער זיי געלעהרענט פארשיעדענע הלכות אין זיין אייגענעם נאמען און ער האט נישט דערמאנט קיינמאל דעם נאמען פון ר' יוחנן (ירושלמי ברכות פרק ב' הלכה א'). פלעגט דאן ר' יוחנן זאגען: „ווען ר' אלעזר זאגט אמאל עטוואס, האט ער עס אודאי פריהער פון מיר געהערט!" (ירושלמי יבמות פרק ג' הלכה י').

איין מאל האט ר' אלעזר בן פדת געזאגט עטוואס וועגען דעם דין פון א ירושה ביי א בכור, וואס ער האט געהאט געהערט פון ר' הושעיא. האט ר' יוחנן אויף דעם געזאגט: „מערקווירדיג, אזוי פיעל יאהרען בין איך געזעסען ביי די פיס פון ר' הושעיא און איך האב די דאזיגע זאך גאר נישט געהערט!"—ווענדיג מיט דעם געבען אן אנצוהערעניש, אז ר' אלעזר זאגט יענע הלכה פון זיין אייגענער מיינונג, נור אזוי ווי ער וויל, אז די ווערטער זיינע זאלען האבען אן איינדרוק, זאגט ער עס אויף'ן נאמען

פון ר׳ הושעיא. האָט ר׳ אלעזר אויף דעם געענטפערט: „וואָס איז דאָ דאָס מערקווירדיגע? עס איז אַ געוועהנליכע זאַך, אַז איינער זאָל האָבען געהערט עטוואָס פון זיין רבי׳ן און אַן אַנדערער זאָל עס נישט האָבען געהערט״ (ירושלמי יבמות פרק ד׳ הלכה ז׳).

דאָס צום מעהרסטען כאַראַקטעריסטישע אין ר׳ יוחנן׳ס לעבען איז געווען זיין פאַרהעלטניס צו זיין שוואָגער ר׳ שמעון בן לקיש. אָט דער ר׳ שמעון איז געווען אַ טרייער חבר צו ר׳ יוחנן, וועלכער פלעגט זיך שטענדיג ריהמען, אַז ער האָט אריינגענומען דעם ר׳ שמעון בן לקיש אונטער די פליגלען פון דער תורה. פון דעסטוועגען האָט ער נישט גע־קענט דולדען די געגנערשאַפט פון זיין זייט — און יעדעס מאָל, וואָס ר׳ שמעון איז אויפגעטראָטען געגען איהם, פלעגט זיך ר׳ יוחנן באַקלאָגען מיט די ווערטער: „וואָס קען איך טהון, אַז די אייגענע מענשען זיינען געגען מיר?״ (כתובות דף כ״ד עמוד ב׳).

האָבען אָבער די מענשען פון זיין צייט נישט געקוקט אויף די דאָזיגע שוואַכקייטען פון ר׳ יוחנן און זיי האָבען שטענדיג גענומען אין באַ־טראַכט בלויז די גרויסע מעשים זיינע, וועלכע ער האָט געטהון, צו פאַר־גרעסערען די ווערדע פון דער תורה און צו פאַרשטאַרקערען איהר איינ־פלוס. מיט׳ן כח פון די דאָזיגע מעשים זיינע איז זיין אָנזעהען געוואַקסען יעדעס מאָל גרעסער און גרעסער. ר׳ הושעיא, וועלכער איז, ווי עס איז אָנצונעהמען, געווען פאָרזיצער אינ׳ם בית המדרש אין טבריה, איז דער־וויל געשטאָרבען, איז ר׳ יוחנן געקומען אויף זיין פּלאַץ. זיינען זיך דאַן צונויפגעקומען צו איהם מאַסען תלמידים און זיין נאָמען איז גע־וואַקסען איבער׳ן גאַנצען לאַנד און ער האָט געגרייכט אַזש קיין בבל.

ר׳ יוחנן האָט אויך געהאַלטען בכבוד די חכמים פון בבל און ער פלעגט זיך בייזערען, ווען ער האָט געהערט אימיצען רײדען וועגען זיי אויף אַ גרינגשעציגען אופן. זיין וואָרט איז אויך דאָרט אין בבל געווען אָנגענומען פאַר הייליג און עס איז געווען געגוג, ווען ער האָט אַמאָל אַהין געשריבען, אַז מען דאַרף אַזוי און אַזוי טהון (שבת דף קט״ו עמוד א׳). בלויז איין ר׳ חסדא פון בבל האָט זיך ערלויבט אַנדערש צו דענקען ווי ר׳ יוחנן און ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט אפילו אַ געוויסע זאַך געהערט פון ר׳ יוחנן אַליין, וואָלט ער איהם אויך נישט געפאָלגט (ברכות דף כ״ד עמוד ב׳). ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט אין אַן ארגו־מענט מיט ר׳ יוחנן׳ס אַ תלמיד האָט ער ווייטער געזאָגט: „ווער הערט דיך מיט דיין רבי׳ן ר׳ יוחנן אין־איינעם?״ (פסחים דף ל״ג עמוד ב׳, נדרים דף נ״ט עמוד א׳).

אין יענער צייט זיינען רב (אבא אריכא) און שמואל (ירחינאה) געווען די „ראשי ישיבות״ אין בבל. האָט ר׳ יוחנן שטענדיג געשריבען אין זיינע בריעף צו רב „לרבנו שבבבל״. אָבער נאָך׳ן טויט פון רב האָט ר׳ יוחנן נישט געוואָלט אָנערקענען שמואל׳ן פאַר אַן אויטאָריטעט אין הלכה, וואָס מען זאָל פּסק׳ענען דינים לויט זיינע אויסשפּרוכען. און ווען ער האָט אַמאָל געדאַרפט שרייבען אַ בריעף צו שמואל׳ן אין אַ פראַגע פון אַ דין, האָט ער איהם טיטולירט „לחברנו שבבבל״. האָט דאָס שמואל׳ן פאַרדראָסען, און אום צו באַווייזען זיין אויטאָריטעט אין הלכה, האָט ער אָוועקגעשיקט צו ר׳ יוחנן אַ חשבון פון די „תקופות״ און אַ „לוח העיבור״ אויף זעכציג יאָהר. האָט דאַן ר׳ יוחנן געזאָגט, אַז „ווען

איינער איז בקי אין חשבון, איז דאס נאך נישט קיין באווייז אויף זיין בקיאות אין הלכה". האט איהם שמואל דערנאך ארויסגעשיקט דרייצען קעמלען (!), אנגעלאדענע מיט שאלות אין הלכות טרפות, האט ר' יוחנן ערשט דאמאלס אויסגערופען: „פארהאנען טאקי א רב אין בבל!" (חולין דף צ"ה עמוד ב').

ר' יהודה נשיאה דער ערשטער, דער אייניקעל פון רבנו הקדוש, האט זעהר פיעל אונטערשטיצט ר' יוחנן. ער האט פארשטאנען, אז די טובה זיינע און די שטעלונג פון זיין אמט פארלאנגען דאס פון איהם. און וויל ער האט געוואוסט, אז ר' יוחנן איז זעהר עמפינדליך אויף אלעמען, וואס ריהרט אן זיין כבוד, האט ער זיך שטארק געהיט, נישט אנצוריהרען דאס מינדעסטע פון ר' יוחנן'ס כבוד. ער האט איהם אויך גייסטיג געשטיצט מיט זיין אויטאריטעט און די גאנצע פרנסה זיינע האט ער געקראגען ביים „נשיא" אין הויז (סוטה דף כ"א עמוד א'). דער נשיא האט דאן געהאט די מאכט, ארויפצוצווינגען זיינע פאראָרדנונגען אויף'ן פאלק מיט דער הילף פון דער רעגירונג. האט דאס אויך פיעל געהאלפען ר' יוחנן ביים דורכפיהרען זיינע רעליגיעזע איינאָרדנונגען.

ספעציעל האט זיך ר' יוחנן געסטארעט איינצושארפען דעם עולם די באדייטונג פון דאוונען, וועלכעס איז שוין פריהער געווען איינגעפיהרט, נור מען האט עס וואהרשיינליך פארנאכלעסיגט. זייט דער בית־המקדש איז חרוב געווארען, האט איטליכער פארשטאנען, אז דאס דאוונען פארטרעט די שטעלע פון די קרבנות. מאנכע היסטאריקער ווילען זאגאר באהויפטען, אז ווען דער בית־המקדש איז נאך געשטאנען, האבען שוין פיעלע גערעכענט, אז דאוונען איז וויכטיגער ווי קרבנות. האט עס זיך דאן גענויטיגט, אז אזא מאן ווי ר' יוחנן זאל ארויסזאגען זיינעם אן אויטאריטאטיווען אויסשפרוך, אום צו געבען דעם דאוונען די געווינשטע באדייטונג.

האט ר' יוחנן וועגען דעם געזאגט, אז „ווער עס לייגט תפלין, זאגט קריאת־שמע און דאווענט, איז דאס גלייך ווי ער וואלט געבויעט א מזבח און מקריב געווען א קרבן" (ברכות דף ט"ו עמוד א'). יעדער מענש דארף אויך דאוונען אין אן ארט, וואס איז באשטימט בלויז פאר דאוונען (ירושלמי ברכות פרק ה' הלכה א'), וויל „ווער עס מאכט א באשטימטען ארט פאר זיין דאוונען, פאלען זיינע פיינד צו זיינע פיס, און דאמאלס ווען דער עולם דאווענט צוזאמען, איז די צייט פון אן עת־רצון ביים אויבערשטען" (ברכות דף ח' עמוד א'). און ווען מען הייסט איינעם אוועקשטעלען זיך פאר'ן עמוד אלס „שליח ציבור", זאגט מען איהם נישט: „געה דאוונען פאר אונז!" נור מען דארף איהם זאגען: „געה מקריב זיין א קרבן פאר אונז, בעט פאר אונזערע באדערפענישען, פיהר אונזער מלחמה!" (ירושלמי ברכות פרק ד' הלכה ד').

ווי עס איז שוין פריהער דערמאנט, האט ר' יוחנן אין זיינע יונגע יאהרען געהאט די זכיה, פאררעכענט צו ווערען אלס א תלמיד פון ר' יהודה הנשיא, חאטש ער פלעגט דאמאלס זיצען זיבעצען שורות הינטער רב (אבא אריכא) און ער פלעגט זיך צוהערען, ווי רב ארגומענטירט אין פארשיעדענע ענינים מיט ר' יהודה הנשיא און זייערע ווערטער האבען געשאסען ווי פייעריגע קוילען. פלעגט אבער ר' יוחנן דאמאלס גאר נישט פארשטעהען פון דעם, וואס זיי ריידען. דערנאך האט ר' יוחנן אליין

מודה געווען, אַז ער וואָלט גאָר נישט געהאַט די זכיה, צו דערגרייכען זיין מדרגה אינ'ם לערנען, ווען „ער זאָל נישט געווען זעהען ר' יהודה הנשיא'ס אַ פינגער אַרויסשטעקען פון אונטער זיין מאַנטעל" (ירושלמי ביצה פרק ה' הלכה ב').

עס איז שוין אויך דערמאָנט, אַז ר' יוחנן איז געווען אַ יתום באַלד ביי זיין געבוירען ווערען. דער פאָטער זיינער איז געשטאָרבען, איידער ער איז נאָך אויף דער וועלט געקומען און די מוטער זיינע איז געשטאָרבען ביי דער געבורט. איז אינטערעסאַנט, וואָס עס ווערד דערצעהלט, אַז איינע אַ מעוברת'ע פרוי האָט אַמאָל פאַרשמעקט צו עסען אים יום־כפור, איז מען גע־לאָפען פרעגען אַ שאלה ביי ר' יהודה הנשיא, האָט ער געזאָגט אַז איידער מען וועט דער פרוי געבען צו עסען, זאָל מען איהר אַריינזאָגען אין אויער, אַז עס איז היינט יום־כפור, וועט זי זיך אפשר באַרוהיגען. האָט מען טאַקי אַזוי געטהון, ווי ר' יהודה הנשיא האָט געהייסען, האָט זיך די פרוי באַרוהיגט און זי האָט פאַרענדיגט דעם תענית. ווערד ווייטער דערצעהלט, אַז די דאָזיגע פרוי איז געווען די מוטער פון ר' יוחנן (יומא דף פ"ב עמוד ב'). *)

איז ר' יוחנן דאַן אויפגעצויגען געוואָרען ביי זיין זיידע'ן און טייל־ווייז ביי ר' יהודה הנשיא, וועלכער האָט וועגען איהם געזאָגט נביאות, אַז ער וועט אַמאָל זיין אַ לעהרער ביי אידען (זעה פסחים דף ג' עמוד ב'). ער האָט אויך איבערגעלעבט אַלע זיינע חברים און אפילו דעם אייניקעל פון רבנו הקדוש, ר' יהודה נשיאה דעם ערשטען. און אַזוי ווי ער האָט געלעבט ביז צום פערטען דור פון די אמוראים, האָט ער נאָך מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהען, ווי דער כבוד פונ'ם „נשיא" איז געפאַלען ביי אידען און ווי מען האָט שוין ווייניג געקעהרט דערפאַר, וואָס דער „נשיא" האָט געזאָגט אָדער געטהון.

ווען ר' יוחנן פלעגט זיין פאַרטיפט אין לערנען — ווערד דערצעהלט — האָט ער קיינמאָל נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך אַרום איהם. איז ער אַמאָל געזעסען פאַר אַ שוהל אין צפורי און ער האָט געלערענט. איז דאָרט פאַרביי־געגאַנגען אַ הויכער רוימישער באַאַמטער, וואָס מען האָט איהם געדאַרפט אָפּגעבען כבוד, האָט איהם ר' יוחנן נישט באַמערקט און ער איז נישט אויפגעשטאַנען. האָבען זיך די קנעכט פון יענעם באַאַמטען געוואָלט וואַרפען אויף ר' יוחנן און איהם שלאָגען. האָט איהם דער באַאַמטער נישט געלאָזט אָנריהרען, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען ר' יוחנן האָט זיך נישט פריהער אויף איהם אומגעקוקט, איז דאָס נישט געווען צוליעב גרינגשעצונג, נור ווייל ער האָט איהם פשוט נישט באַמערקט (ירושלמי ברכות פרק ה' הלכה א').

ר' יוחנן איז געווען זעהר אַ קרעפטיגער און אַ פעטער מענש (ברכות דף י"ג עמוד ב'). ווערד דערצעהלט, אַז ווען ער איז אַמאָל געגאַנגען אויף טרעפּ, האָט ער זיך געהאַלטען אָנגעשפּאַרט אויף די אַקסלען פון ר' אמי און ר' אסי. זיינען דאַן די טרעפּ איינגעפאַלען אונטער דער שווערער לאַסט. האָבען איהם יענע צוויי תלמידים אַרויפגעטראָגען אויף זייערע הענד. האָבען איהם די חכמים געפרעגט: „אַז דו ביזט יאָ

*) אין ירושלמי (יומא פרק ח' הלכה ד') ווערד די דאָזיגע מעשה דערצעהלט וועגען צוויי פרויען, וואָס איינע האָט זיך באַרוהיגט, ווען מען האָט איהר איינגעראַמט אין אויער, אַז עס איז יום־כפור, און די אַנדערע האָט זיך נישט באַרוהיגט — און פאַרגעקומען איז דאָס געשעהעניש, לויט ווי עס ווערד דאָרט דערצעהלט, ביי ר' טרפון.

אזא בעל־כח, טאָ צו וואָס דאַרפסט דו דיך אָנשפּאַרען אויף אַנדערע ? ״ — האָט זיי ר׳ יוחנן געענטפערט: „איך מוז שוינען מיינע כחות פאַר דער צייט פון מיין עלטער! ״ (כתובות דף ס״ב עמוד א׳).

מעהר פון אַלעמען איז ר׳ יוחנן געווען געבענשט מיט א זעלטענער שעהנקייט, וועלכע האָט איהם פשוט געגעבען דאָס אויסזעהען פון א פרוי. צו באַוואונדערן איז אויך, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין באָרד, און ווען ער איז אַמאָל געווען אין וואַסער, האָט איינער געמיינט, אַז א שעהנע פרוי באָדט זיך און ער איז אַריינגעשפּרונגען צו׳ן איהם אין וואַ־סער (בבא מציעא דף פ״ד עמוד א׳).

דערצעהלט דאָרט ווייטער די גמרא, אַז ר׳ יוחנן פלעגט זאָגען: „איך בין איינער איבערגעבליבען פון די שעהנע מענשען פון ירושלים!״ — און ווען דער עולם פלעגט ריידען וועגען זיין שעהנקייט, פלעגט מען זאָגען: „ווער עס וויל האָבען א באַגריף פון ר׳ יוחנן׳ס שעהנקייט, דאַרף נעמען א זילבערנעם בעכער, אַזוי ווי ער געהט אַרויס פון זיין מייסטער׳ס האַנד, אָנפילען איהם מיט רויטע בלומען און אַרומרינגלען איהם פון אויבען מיט א קראַנץ רויטע רויזען, דערנאָך דאַרף מען דעם בעכער אַוועקשטעלען צווישען דער זון און דעם שאָטען, וועט מען דאַן זעהען, אַז דער גלאַנץ, וואָס וועט לייכטען פון דעם בעכער אויף דער ערד, איז עהנליך צו דער שעהנקייט פון ר׳ יוחנן״.

פלייסיג אין זיין לערנען, איז ר׳ יוחנן אַזוי שוואַך געוואָרען, אַז ער האָט נישט געקענט טראָגען זיינע תפילין א גאַנצען טאָג. בלויז אים ווינ־טער, ווען דער קאָפּ איז איהם געווען געזונד, פלעגט ער טראָגען זיינע תפילין אויף דער האַנד און אויף׳ן קאָפּ, אָבער אים זומער, ווען דער קאָפּ איז איהם נישט געווען געזונד שטאַרק, פלעגט ער בלויז טראָגען די „תפלין של יד״ אויף דער האַנד. האָט ער אָבער מורא געהאַט, אַנדערע זאָלען זיך נישט וועלען פון איהם אָפּלערנען, פלעגט ער אָנזאָגען זיינע תלמידים, זיי זאָלען וויסען, אַז ער טהוט דאָס צוליעב שוואַכקייט (ירושלמי ברכות פרק ב׳ הלכה ג׳).

א ספּעציעלע נייגונג האָט ר׳ יוחנן געהאַט צו לערנען דעם ספר א י ו ב, און יעדעס מאָל ווען ער האָט געענדיגט דעם ספר, פלעגט ער זאָגען: „דער סוף פון א מענש איז צו שטאַרבען, דער סוף פון א בהמה איז צו שחיטה, ווייל אַלעס עקסיסטירט בלויז אויף צו שטאַרבען. וואויל איז דעם, וואָס איז אויפגעוואַקסען אין דער תורה און זיין מיה איז אין דער תורה. אָט אַזא איינער טהוט אָן א נחת צו זיין באַשעפער, ווען ער וואַקסט מיט א גוטען נאָמען און ער געהט אויך אַוועק פון דער וועלט מיט א גוטען נאָמען״ (ברכות דף י״ז עמוד א׳).

מיר האָבען שוין געשריבען, וואָס ר׳ יוחנן האָט געהאַלטען פון דאַווּ־נען און וויפיל ער האָט מקפיד געווען, אַז מען זאָל דאַווענען בצבור. איינ־מאָל האָט ער נאָך צו דעם צוגעגעבען, אַז ווען דער אויבערשטער קומט אין שוהל אַריין און ער טרעפט נישט דאָרט קיין מנין אידען, ווערד ער באַלד אין כעס (ברכות דף ו׳ עמוד ב׳).

און יעדעס מאָל, ווען ר׳ יוחנן האָט געענדיגט זיין דאַווענען, פלעגט ער זאָגען: „עס זאָל זיין דער ווילען פאַר דיר, מיין גאָט, דו זאָלסט קוּ־קען אויף אונזער פאַרשעהמונג און באַאַכטען אונזער שלעכטע לאַגע, דו זאָלסט דיך אָנקליידען מיט רחמנות און זאָלסט זיך באַדעקען מיט

דיין שטאַרקייט, דו זאָלסט זיך איינהילען אין דיין לייטזעליגקייט און זאָלסט זיך אָנגורטען מיט דיין גנאָד און עס זאָל פאַר דיר קומען דיין גוטסקייט און דיין דעמוטהיגקייט (ברכות דף ט״ז עמוד ב׳).*)

עס וועדד אויך דערצעהלט, ווי ר׳ יוחנן פלעגט אָפּגעבען כבוד צו יעדען מענש, און ווען ער האָט אַמאָל באַגעגענט אַן עלטערען מענש, איז ער פאַר איהם אויפגעשטאַנען, אפילו ווען דער דאָזיגער עלטערער מענש איז געווען אַ גוי. ער פלעגט דאַן זאָגען: „וויפיל צרות עס האָט אַזאַ מענש דורכגעמאַכט און ווען ער איז טראָץ דעם אַלעמען אַלט געוואָרען, דאַרף מען איהם אָפּגעבען אַ ביסיל כבוד" (קדושין דף ל״ג עמוד א׳).

אַ ביסיל מיט ווידערשפּרוכען איז געווען ר׳ יוחנן׳ס פאַרהעלטניס צו די חכמים פון בבל. אַזוי ווי די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידען אין ארץ־ישראל האָט זיך דאַמאָלס פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג, האָט זיך אָנגעהויבען אַנטוויקלען אַ נייע היים פאַר אידען אין בבל. ביי די טויערען פון בבל איז די מאַכט פון די רוימער אָפּטמאָל געבראָכען געוואָרען און אידען האָבען דאָרט געהאַט אַלערליי פרייהייטען. און ווען עס זיינען דאַן געקומען יונגע לייט פון בבל, לערנען אין ר׳ יוחנן׳ס ישיבה אין ארץ־ישראל, פלעגט זיי ר׳ יוחנן שטאַרק מקרב זיין. מאַנכעס מאָל האָט ער זיך פון דעסטוועגען ערלויבט, זיי אַ ביסיל צו שטיכעלירען, און ווען מען האָט איהם אַמאָל געפרעגט, צוליעב וואָס ער טהוט דאָס, האָט ער געזאָגט: „ווען דער נביא הושע האָט זיך ערלויבט, צו שטיכעלירען די אידען אין חוץ־לארץ און צו זאָגען וועגען זיי, אַז דער אויבערשטער האָט זיי פאַר׳נמאס׳ט, ווייל זיי האָבען איהם נישט געהערט, וועלען זיי דערפאַר זיין פאַרוואָגעלט צווישען פרעמדע אומות. טאָ פאַר־וואָס זאָל איך זיי נישט מעגען אַ ביסיל שטיכעלירען?" (שיר השירים רבה פרשה ה׳ פיסקא א׳).

ר׳ יוחנן׳ס שטיכעלירען איז אָבער געווען פון אַ גוטמוטהיגען כאַ־ראַקטער, ווי עס וועדד דערצעהלט, אַז איינער אַ תלמיד זיינער איז געזע־סען ביים לערנען און ר׳ יוחנן האָט איהם כסדר איינגעטייטשט די פסוקים, האָט דאַן ר׳ יוחנן געזעהען, אַז יענער תלמיד פאַרשטעהט אַלץ נישט, וואָס מען רעדט צו׳ן איהם, האָט ער אַ זאָג געטהון: „וואָס איז אייגענ־טליך די אורזאַך, וואָס דו פאַרשטעהסט נישט, וואָס איך רייד כסדר אין דיר אַריין?"

האָט דער תלמיד געענטפערט: „עס איז ווייל איך בין אַ פאַר־טריבענער פון מיין היים!"

—און וואו איז אייגענטליך דיין היים? — האָט ר׳ יוחנן ווייטער געפרעגט.

האָט דער תלמיד געענטפערט: „אין ב ו ר ס י ף"...

— אַזוי? אין ב ו ל ס י ף? — האָט ר׳ יוחנן חוזק געמאַכט פון זיין תלמיד, ווידערהאָלענדיג דעם נאָמען פון זיין שטאָדט מיט אַ

---

*) דער טעקסט פון דער דאָזיגער תפלה איז אין אַ וואונדערבאַרער פּאָעטישער שפּראַך פאַרפאַסט, ווילען מיר זי דאַ איבערגעבען אין איהר העברעאישען אָריגינאַל: „יהי רצון מלפניך ה׳ אלהינו, שתציץ בבשתנו ותביט ברעתנו ותתלבש ברחמיך ותתכסה בעזך ותתעטף בחסידותך ותתאזר בחנינותך, ותבא לפניך מדת טובך וענותך".

למ״ד אַנשטאָט א רי״ש, ווייל די בבליים האָבען זעהר שווער געקענט ארויסזאָגען א רי״ש.

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צו זיין תלמיד ר׳ חייא בר אבא: „ווי האָסטו געקענט וועלען לערנען אין דיין היים, אין בבל, ווען דו ביזט כסדר געווען באַשעפטיגט מיט עסען טייטלען?״ (בבא בתרא דף ק״ז עמוד ב׳).

און אַן אַנדער מאָל האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: „ווען עס וואָלטען אפילו אַלע אידען פון בבל צוריקגעקומען אין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט עזרא הסופר, וואָלט אויך נישט גערוהט די שכינה אויף׳ן בית שני. אויף די אידען אין בבל איז איבערהויפּט מקוים געוואָרען די קללה פון דער תוכחה, אַז דער אויבערשטער וועט זיי געבען אַן אויפגערעגט האַרץ, ווייל דאָס אויפגערעגטע האַרץ זייערס הערט נישט אויף אפילו ווען זיי קומען קיין ארץ ישראל״ (נדרים דף כ״ב עמוד א׳, שיר השירים רבה פרשה ח׳ פיסקא י׳).

ביי אַנדערע געלעגענהייטען האָט ער געהאַט צו זאָגען א גוט וואָרט וועגען די אידען פון בבל.

די טייטש פון׳ם וואָרט „בבל״ — האָט ער אַמאָל געזאָגט — איז אויסגעמישט, איז דאָרט טאַקי דאָס אידישע לערנען אויסגעמישט: א ביסיל תנ״ך, א ביסיל משנה און א ביסיל גמרא (שבת דף קמ״ה עמוד ב׳).

אָפטמאָל פלעגט ער אויך זאָגען: „וואָס האָט עפּעס דער אויבערשטער פאַרטריבען די אידען קיין בבל? איז דאָס ווי א מאַן בייזערט זיך אַמאָל אויף זיין ווייב און ער שיקט זי אַוועק פון זיין הויז. טאָ וואוהין שיקט ער זי? געוועהנליך שיקט ער זי צוריק צו איהר מוטער. אַזוי האָט דער אויבערשטער געטהון מיט די אידען. ער האָט זיי אַוועקגעשיקט דאָרט אַהין, פון וואַנען זייערע מאַמעס זיינען געקומען״ (פּסחים דף פ״ז עמוד ב׳).

ווי אַזוי עס האָט דאַמאָלס די פּאָליטישע לאַגע אויסגעזעהען, איז צו זעהען כמעט אין אַלע מאמרים פון ר׳ יוחנן. אַזוי אָפט ווי די חכמים פון יענעם דור האָבען געוואָלט אַרומריידען די פּאָליטישע און די עקאָנאָמישע לאַגע פון זייערע מיטמענשען, פלעגען זיי געוועהנליך אויסדרעהען זייער שמו־עס אויף דעם, וואָס עס וועט זיין „ווען משיח וועט קומען״. און ווען מיר טראַכטען זיך יעצט אריין אין די דאָזיגע שמועסען זייערע, קענען מיר זעהען א קלאָרען שפּיעגעל פון די געשעהענישען, וואָס זיינען דאַ־מאָלס פאָרגעקומען.

מיט אָט אַזעלכע שמועסען וועגען משיח׳ס צייטען האָבען די חכמים געהאַט די ווירקונג, וואָס זיי האָבען אָנגעהאַלטען דעם מוטה פון׳ם פאָלק, די מענשען זאָלען נישט פאַרצווייפלען אין די געגענווערטיגע צרות, וועלכע זיינען בלויז די „חבלי משיח״, וואָס דאַרפען אָנקומען אַלס אַן אָנצוהע־רעניש פאַר דער נאָהענטער גאולה.

זיינען טאַקי פאַרהאַנען הונדערטער אויסשפּרוכען פון ר׳ יוחנן, וואָס געבען אונז א פאָטאָגראַפיש בילד פון דער צייט, אין וועלכער זיי זיינען געזאָגט געוואָרען. אין אַנדערע פון זיי שטעקט נאָך אויסערדעם א טיע־פע לעבענס־פילאָזאָפיע, אַן „אייביגער אמת״, וואָס האָט זיין ווערדע פאַר אַלע צייטען.

רבי יוחנן — דער מסדר פון תלמוד ירושלמי

— אין׳ם דור וואָס משיח וועט קומען — פלעגט ר׳ יוחנן זאָגען — וועלען תלמידי חכמים ווייניגער ווערען און ביי די אַנדערע מענשען וועלען די אויגען פאַרגעהען אין טרויער און זיפצען, אין פיעל צרות און כל־ערליי גזרות, וואָס וועלען יעדען טאָג באַנייעט ווערען, און איידער איין גזירה וועט נאָך זיין דורכגעפיהרט, וועט שוין די צווייטע גזרה אָנקומען אויף גיך (סנהדרין דף צ״ז עמוד א׳).

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט, ווען ר׳ יוחנן האָט זיך גענומען איינ־טייטשען די מעשה, וואָס יעקב אבינו האָט אָפּגעוואַרט עשו׳ן און ער האָט זיך געבעטען ביים אויבערשטען „הצילני נא מיד אחי מיד עשו״, האָט ער געזאָגט: „אַזוי איז דער דרך פון דער רשעות׳דיגער מלוכה, אַז ווען זי האָט אַן אויג אויפ׳ן פאַרמעגען פון די מענשען, מאַכט זי איינעם פאַר אַן אויפזעהער און דעם אַנדערן פאַר אַ שטייער־קאָלעקטאָר. און דאָס אַלעס טהוט די רשעות׳דיגע מלוכה, אויף אַרויסצוקריגען פון די מענשען, וואָס זיי פאַרמאָגען״ (בראשית רבה פרשה ע״ו פיסקא ה׳).

עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז ר׳ יוחנן האָט נישט געהאַט קיינמאָל קיין שמייכעל אויף זיינע ליפּען, ווייל ער איז שטענדיג געווען איינגעהילט אין טרויער. ער פלעגט אויך זאָגען: „אַ מענש טאָר נישט קיינמאָל לאַכען, ווי לאַנג אידען זיינען אין גלות און עס ווערד נישט מקוים, וואָס דער פסוק האָט אונז צוגעזאָגט, אַז די גוים וועלען איינזעהען, ווי דער אויבערשטער האָט אונז באַוויזען גרויסע נסים״ (ברכות דף ל״א עמוד א׳).

מיר האָבען שוין געשריבען, וואָס פאַר אַ גרויסער פאַרעהרער פון דער תורה ר׳ יוחנן איז געווען. איז נאָך צו יענע מאמרים צוגעגעבען, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז „די תורה האַלט זיך בלויז ביי אַזעלכען, וועלכער מאַכט זיך גלייך ווי ער זאָל גאָר נישט זיין״ (סוטה דף כ״א עמוד ב׳). ביי אַנדערע געלעגענהייטען האָט ער ווייטער געזאָגט, אַז „ווער עס קען לער־נען און ער האַלט עס נישט, וואָלט פאַר איהם בעסער געווען, ווען ער וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געקומען, נור ער וואָלט צורונען געוואָ־רען ביי זיין מוטער אין בויך״ (שמות רבה פרשה מ׳ פיסקא א׳).

צוליעב דעם כבוד פון דער תורה — האָט ער נאָך געזאָגט — איז עס אַ שאַנדע פאַר אַ תלמיד־חכם, אַרויסצוגעהען אין גאַס אין געלאַטעטע שיך, און אַ טויט־זינד איז עס שוין, ווען אַ תלמיד־חכם געהט מיט אַ פלעק אויף זיין מלבוש (שבת דף קי״ד עמוד א׳).

און וואָס ר׳ יוחנן האָט אַלץ נישט געזאָגט צום ליוב פון אַ באַזונדערען אָרט צום דאַווענען פאַר אַלע אידען אין איינעם, האָט ער אויף זיינע על־טערע יאָהרען איבערגעאַנדערשט אַ ביסיל זיין מיינונג. און ווען ער איז שוין געווען אַזוי שוואַך, אַז ער האָט אָפּטמאָל געליינט בלויז תפלין של יד, האָט ער געזאָגט, אַז „ווער עס דאַווענט ביי זיך אין דערהיים, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט אַרומגערינגעלט זיין תפלה מיט אַן אייזערנער מויער״ (ירושלמי ברכות פרק ה׳ הלכה א׳).

צעהן זיהן האָט ר׳ יוחנן געהאַט, זיינען אַלע צעהן געשטאָרבען פאַר זיינע אויגען, און ווען עס האָט איינער פון די חכמים פאַר איהם געלערענט, אַז ווער עס באַגראָבט זיינע קינדער ביי זיין לעבען, איז איהם דער אויבערשטער מוחל די עבירות, האָט דאָס ר׳ יוחנן געלייקענט און ער האָט געזאָגט, אַז „קראַנקהייטען און קינדער־שטאַרבען זיינען נישט קיין יסורים, וואָס דער

אויבערשטער שיקט אויף א מענשען, ווייל ער האט איהם ליעב" (ברכות דף ה' עמוד ב'), ווייל „ווער עס לאזט נישט איבער קיין זוהן, וואס זאל איהם ירש'נען, איז דאס א באווייז, אז דער אויבערשטער איז אויף איהם בייז" (בבא בתרא דף קט"ז עמוד א').

אנשטאט דעם האט ר' יוחנן געגלויבט, אז דער גלות, די רעכטלאזיג־קייט פון די מענשען, די צרות פון נע־ונד זיין און דאס נישט קענען איינזי־צען אויף אן ארט, איז יא מכפר אויף אלע עברות (סנהדרין דף ל"ז עמוד ב').

פארשיעדענע חכמים האבען פארבאטען, אויפצושרייבען די „אגדות" — און אין געגענזאץ צו זיי האט ר' יוחנן געזאגט, אז „ווער עס לערענט די אגדות פון א ספר ארויס, קען זיי נישט אזוי באלד פארגעסען" (ירושלמי ברכות פרק ה' הלכה א'). ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט ער וייטער געזאגט, אז „הלכות" טאר מען נישט אויפשרייבען, ווייל „ווער עס שרייבט אויף הלכות, איז דאס גלייך ווי ער וואלט זיך געגומען פארברענען די תורה, און ווער עס לערענט הלכות פון א געשריבענעם ספר, קריגט נישט דערפאר קיין באלוינונג" (תמורה דף י"ד עמוד ב').

אין די פיעלע קריגערישע צוזאמענשטויסען צווישען די רוימער און די „פארטהער" *), וועלכע האבען געהערשט אין בבל, האט ר' יוחנן שטענדיג געהאפט אויף א זיעג פון די פארטהער און ער פלעגט תמיד ווידערהאלען דעמזעלבען אויסשפרוך פון ר' יהושע בן לוי אויף'ן נאמען פון ר' יהודה הנשיא, אז „רוים וועט סוף כל סוף מוזען ארייגפאלען צו די פרסיים אין די הענד" (יומא דף י' עמוד א').

צו דעם דאזיגען אויסשפרוך האט נאך ר' יוחנן צוגעגעבען א „קל וחומר" מיט די פאלגענדע ווערטער: „מה־דאך ווען דער ערשטער בית־המקדש, וועלכער איז געבויעט געווארען פון אידען, איז חרוב געווארען דורך די כשדיים, זיינען דערנאך די כשדיים אריינגעפאלען צו די פרסיים אין די הענד, איז שוין טאקי א פשיטא, אז דער צווייטער בית־המקדש, וועלכער איז געבויעט פון די פרסיים און עס האבען איהם חרוב געמאכט די רוימער, מוזען די דאזיגע רוימער אודאי אריינפאלען צו די פרסיים אין די הענד!"...

דאגעגען האט רב (אבא אריכא), וועלכער האט געלעבט אין בבל, ארויסגעקוקט אויף א זיעג פאר די רוימער. האבען זיך אבער דערוויילביידענס האפנונגען נישט פארווירקליכט, ווייל די פערזישע „חברים" (מיט א קמץ אונטער'ן בית, ווי אין איוב קאפיטעל מ' פסוק ל') האבען איבער־גענומען די רעגירונג פון בבל. און ווען ר' יוחנן האט דערפון געהערט, איז ער שיער נישט געפאלען אין חלשות, אזוי שטארק אנטטוישט האט ער זיך געפיהלט אין אלע זיינע האפנונגען (יבמות דף ס"ג עמוד ב').

עס האבען דאמאלס שטארקע רעוואלוציעס געבושעוועט אין אלע לענדער, וואו אידען האבען זיך געפונען. אין רוים זיינען די פארווירונגען נאך קייזער אלעקסאנדער סעווערוס געווען שרעקליכע. איידער א קייזער האט זיך נאך רעכט דערווארעמט אויף זיין בענקעל, איז ער אפגעראמט געווארען, אמאל אויף א נאטירליכען און אמאל זאגאר אויף אן אומנאטירליכען וועג. און אין בבל

---

*) ווי מיר האבען שוין איינמאל באמערקט, האט זיך שטענדיג ביי אונזערע חכמים אין דער גמרא פארוועקסעלט דער נאמען פון די „פארטהער" (פרתיים), וועלכע האבען געשטאמט פון די לענדער וואס ארום דעם טייך פרת און זיי האבען געהערשט אין בבל, מיט די „פערזער" (פרסיים) פון פרס, וועלכע האבען שפעטער געהערשט אין בבל.

איז פלוצים אויפגעשטאנען איינער א פרינץ פון דער פאמיליע סאסאן מיט'ן נאמען ארדעשיר אדער ארטאכשאסטער, וועלכער האט אנגעפיהרט א רעוואלוציע געגען קעניג ארטאבאן, דעם לעצטען פון די פארטהער.

איז דער דאזיגער קאמף געווען מעהר א רעליגיעז־נאציאנאלער. אזוי ווי עס זיינען דאן אריינגעדרונגען אין בבל די גריכישע געצעס און קעניג ארטאבאן איז געווען גענייגט צו זיי, האט זיך די היימישע באפעלקערונג אקעגען־געשטעלט דעם ווילען פונ'ם קעניג און זיי האבען באשיצט זייערע אלטע געצעס מיט אלע כחות. האט ארטאכשאסטער אויף א גרינגען אופן געקראגען אלעמען אויף זיין זייט און ער האט באגרינדעט א נייע קעניגליכע דינאסטיע אויף'ן ארט פון דער פריהערדיגער, וועלכע האט געהאט רעגירט 466 יאהר.

די דאזיגע נייע הערשער פון בבל, וועלכע ווערען באצייכענט אין דער געשיכטע מיט'ן נאמען „סאסאנידען", ווערען אין די אידישע ספרים באצייכענט מיט'ן נאמען „חברים" (חאבארים). אט די „חברים" האבען געדינט צום פייער און די גאטהייט זייערע איז געווען געטיילט אין צווייען, וואס איין גאט האט באשאפען דאס ליכט און דער אנדערער האט באשאפען די פינסטערניש.

האבען זיי דאן פארפאלגט אלעמען, וואס האבען ניט געוואלט אנערקענען זייערע לעהרען, און מעהר פון אלעמען האבען זיי פארפאלגט די גריכען און די קריסטען. דאביי זיינען זיי אויך געווען זעהר שטרענג צו אידען. זיינען אבער די רדיפות זייערע אויף אידען ניט געווען אזעלכע שארפע ווי די רדיפות אויף די גריכען און די קריסטען. יענע האט מען געצוואונגען אנצונעמען די לעהרע פון „צאראסטער", אדער זיי האבען געדארפט אויסוואנדערען, און ווער עס האט זיך פאר'עקשנ'ט און ער האטביידעס נישט געוואלט טהון, האט געמוזט באצאהלען פאר זיין עקשנות מיט'ן לעבען.

אידען האט מען בלויז באשטראפט מיט וועקנעהמען ביי זיי דאס רעכט פון משפט'ן „דיני נפשות", און ווען זיי האבען נישט באליידיגט די רעלי־גיעזע געפיהלען פון די „פייער־דיענער", האט מען זיי אין א געוויסען זין טאלערירט. איז דאס אבער נישט געווען צוליעב גוטהערציגקייט, נור צוליעב דעם, וואס די אידען האבען געמאכט א שטארקען ווידערשטאנד געגען די „חברים". אזוי ווי עס האבען די אידען אין בבל געוואוינט דאמאלס צוזא־מען אין גרויסע מאסען, איז טאקי געווען זעהר שווער, זיי צו באזיעגען.

פונדעסטוועגען זיינען די צרות פון די אידען אונטער דער הערשאפט פון די „חברים" געווען אזעלכע, וואס האבען זיך געקענט גאנץ גוט פארגלייכען מיט די רדיפות פון די רוימער. און ווען עס הייסט, אז די „חברים" האבען זיך נישט געמישט אין די רעליגיעזע צערעמאניעס פון די אידען, איז דאס נור געווען אזוי ווייט, ווי מען האט נישט געברענט קיין פייער אין א אידישען הויז, אפילו נישט אויף צו קאכען אדער צו באקען, ווייל ווען אידען האבען אנגעצונדען זייערע ליכט אום פרייטאג צו נאכטס אדער אום חנוכה, האט מען זיך מיט דעם געמוזט באהאלטען, און ווען איינער איז געחאפט געווארען מיט פייער אין הויז, האט ער דאס געדארפט באצאהלען מיט'ן לעבען.

האבען די אידען אין ארץ־ישראל געמיינט, אז אזוי שלעכט ווי עס איז זייער פאליטישע לאגע, איז נישט אין ערגיץ — און די אידען אין בבל האבען דאן געגלויבט, אז די פארהעלטניסע אין ארץ־ישראל זיינען פיל בעסער, און ווען עס זיינען דאן אנגעקומען אין ארץ-ישראל די נאכריכטען וועגען די פארפאל־גונגען פון די אידען אין בבל, האבען די אידען אין ארץ־ישראל געזאגט, אז די

רוימער זיינען עהרענווערטהע מענער אפילו ביי זייערע פארפאָלגונגען געגען אידען, און די „חברים" זיינען פשוט נידריגע באשעפענישען און נישט מעהר.

איז נאָכדעם ווי ר' יוחנן איז געווען איבערצייגט, אז נישט פון בבל וועט קומען די הילף פאר די אידען אין ארץ־ישראל, האָט ער אָנגעהויבען גלויבען, אז די הילף פאר די אידען וועט קומען פון טבריה, וואו עס איז געווען די לעצטע סטאנציע פון די סנהדרין (ראש השנה דף ל"א עמוד ב'). און כדי צו באַ־שטאַרקען דאָס הארץ פונ'ם פאָלק, די מענשען זאָלען בלייבען וואוינען אין ארץ־ישראל און זיי זאָלען נישט וועלען אנטלויפען, האָט ער ערקלערט, אז דער אויבערשטער זאָגט: „איך קען נישט קומען צו מיין ירושלים של מעלה, ווי לאנג איך בין נישט געקומען אין מיין ירושלים של מטה" (תענית דף ה' עמוד א'), אָדער „ווער עס געהט פיער איילען אין ארץ־ישראל, איז זיכער מיט זיין עולם הבא" (כתובות דף קי"א עמוד א').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט: „צוליעב וואָסערע מעשים טובים האָט עמרי מלך ישראל זוכה געווען, ער זאָל ווערען א קעניג? איז דאָס ווייל ער האָט צוגעגעבען א שטאָדט, די שטאָדט שומרון, צו דער מלוכה פון ארץ־ישראל!" (סנהדרין דף ק"ב עמוד ב').

וועגען די לעצטע יאָהרען פון ר' יוחנן ווערד דערצעהלט, אז ער איז א צייט פון דריי און א האַלב יאָהר נישט געקומען אין בית־המדרש אריין צוליעב דעם צער, וואָס זיין שוואָגער איז געשטאָרבען (ירושלמי מגלה פרק א' הלכה י'). און ווען ער האָט געזעהען, אז ער דאַרף שטאַרבען, האָט ער געזאָגט צו די, וואָס האָבען זיך געדאַרפט אָפּגעבען מיט זיין קבורה, אז מען זאָל איהם באַ־גראָבען אין מלבושים פון בליי־פארב, וועלכע איז נישט ווייס און נישט שווארץ, ווייל ווען מען וועט איהם באגראָבען אין שווארצע קליידער, איז טאָמער וועט ער אויפשטעהען תחית המתים צווישען צדיקים, וועט ער זיך אין שווארצע מלבושים דארפען שעהמען, און ווען מען וועט איהם באגראָבען אין ווייסע קליידער, איז טאָמער וועט ער אויפשטעהען תחית המתים צווישען רשעים, וועט ער זיך ווייטער דארפען שעהמען מיט די צדיק'שע קליידער (ירושלמי כלאים פרק ט' הלכה ג', בראשית רבה פרשה צ"ו פיסקא ט').

לויט דער טראַדיציע פון אונזערע גאונים האָט ר' יוחנן לאנג געלעבט, און ווי עס ווערד דערצעהלט אין דער „אגרת רב שרירא גאון", האָט ער געלעבט 68 יאָהר נאָך רבנו הקדוש און ער איז געשטאָרבען אין שנת ד' אלפים ל"ט לבריאת עולם, דאָס מיינט אין 279 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג.

חוץ יענע מאמרים פון ר' יוחנן, וואָס מיר האָבען ביז יעצט געבראַכט אין צוזאמענהאנג מיט פארשיעדענע מאָמענטען פון זיין לעבען, זיינען נאָך פארהאנען כאַראַקטעריסטישע אויסשפּרוכען זיינע, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי באַשטעהט פון אייננטייטשונגען אין תנ"ך, וועלכע האָבען זייער באדיי־טונג בלויז אין דער דרשה. עס געפינען זיך אָבער אויך צווישען זיי פיעלע פילאָזאָפישע געדאַנקען וועגען דער פיהרונג פון דער וועלט און די מענשען.

וועהרענד א געוויסער צייט אין ר' יוחנן'ס לעבען, איז געווען פארבאָטען צו באַשטימען דעם אידישען חודש דורך אויפזוכען די נייע לבנה, און גאַנץ באזונדערס האָט דאן די רוימישע רעגירונג נישט געוואָלט לאָזען די אידען פייערען זייערע ימים־טובים. אין דערזעלבער צייט האָבען זיי זיך אָבער נישט צוגעריהרט צום שבת און מען האָט געקענט אָנהאַלטען דעם שבת אָהן א שטער־רונג. האָט דאן דער בית־דין אין טבריה, אונטער'ן איינפלוס פון ר' יוחנן

אין א געוויסען יאָהר באַשטימט צו מאַכען יום־כפור אין א שבת, חאָטש דער יום־כפור איז דאַמאַלס אויסגעפאַלען אין א וואָכענטאָג, כדי די רוימער זאָלען זיך נישט כאַפּען, אַז די אידען פייערען זייער יום־כפור טראָץ דעם פאַרבאָט פון דער רעגירונג.

ווי אַזוי און ווען דאָס איז פאָרגעקומען, אַזוי ווי די פראַגע ווי לאַנג די דאָזיגע גזרה האָט אָנגעהאַלטען, איז נישט באַקאַנט. ס'איז אויך שווער צו זאָגען, אונטער וועלכער רוימישער רעגירונג דאָס איז געשעהן, ווייל עס איז בלויז פאַרהאַנען אַן אָנצוהערעניש וועגען דעם (זעה חולין דף קנ"ה עמוד ב').

קענען די היסטאָריקער ביי אָט דעם געשעהעניש נישט באַשטימען דאָס יאָהר, גלייך ווי זיי קענען נישט פאַרשטעהן די רעליגיעזע באַרעכטיגונג, וואָס ר' יוחנן האָט אויך געשיקט אָנזאָגען אין בבל, מען זאָל אפילו דאָרט פייערען דעם יום־כפור פון יענעם יאָהר אין דעם באַשטימטען שבת, כאָטש די מאַכט פון די רוימער האָט נישט געגרייכט ביז בבל און די אידען וואָלטען דאָרט געקענט אָנהאַלטען זייער יום־כפור אין דער ריכטיגער צייט.

מעג זיך דאַדורך אויסדאַכטען, אַז וואָס ר' יוחנן האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען די מלאכים קלויבען זיך צונויף ארום דעם אויבערשטען און זיי פרעגען: „ווען איז ראש־השנה און ווען איז יום־כפור?" ענטפערט זיי דער אויבערשטער: „מיך פרעגט איהר? לאָמיר געהן צוזאַמען צום בית־דין של מטה, וועלען מיר וויסען!" (ירושלמי ראש השנה פרק א' הלכה ג'). איז דאָס געווען אַן אָנצוהערעניש, אַז דער בית־דין אין טבריה האָט דאָס פולע רעכט, צו באַשטימען א יום־טוב, ווען איהם געפעלט לויט זיין פאַרשטאַנד און לויט די אומשטענדען.

עהנליך צו דעם איז וועגען דער באַשטימונג פון די ימים־טובים געזאָגט געוואָרען דאָס פאָלגענדע:

— האָט דער בית־דין באַשטימט, אַז היינט איז ראש השנה, זאָגט דער אויבערשטער צו די מלאכים: „שטעלט אַוועק א בימה און זאָלען זיך אַוועקשטעלען די פאַרטיידיגער מיט די אָנקלאָגער, ווייל אַזוי ווי מיינע קינדער האָבען געזאָגט, אַז היינט איז ראש השנה, דאַרף זיין ראש השנה!" — און האָט זיך דאָן דער בית־דין אַנטשלאָסען, אָפּצולייגען דעם ראש־השנה אויף מאָרגען, זאָגט דער אויבערשטער צו די מלאכים: „נעמט אַוועק די בימה און נעמט אַוועק די פאַרטיידיגער מיט די אָנקלאָגער, ווייל אַזוי ווי מיינע קינדער האָבען אָפּגעלייגט ראש־השנה אויף מאָרגען, דאַרף זיין מאָרגען!"...

שטענדיג האָט ר' יוחנן געליטען פון אָרימקייט, אפילו דאַמאַלס ווען ער איז שוין געווען דער ראש־ישיבה און ער האָט געקראָגען זיין פרנסה פונ'ם „נשיא". פלעגט ער דאַן זאָגען, אַז „ווען איינער דאַרף אַרויסקוקען אויף לייטענ'ס גאָב, מינעט זיך ביי איהם די צורה פון זיין פנים אויף בלוי און בלאַס" (ברכות דף ו' עמוד ב').

אין אַלגעמיין איז אָנגענומען, אַז די לאַגע פון אידישע פרנסות אין ארץ־ישראל איז דאַמאַלס געווען זעהר א שלעכטע, ווי מען קען דאָס זעהן אין ר' יוחנן'ס אַן אויסשפּרוך, וואו ער האָט געזאָגט: „שווער איז די פרנסה פון א מענשען, צוויי מאָל אַזוי שווער ווי די יסורים פון א געווינעריז, שווערער ווי די שווערקייט פון דער גאולה" (פסחים דף קי"ח עמוד א').

ווי עס דאַכט זיך, איז דאַמאַלס געווען אָנגענומען ביי אידען, אַז ווען עס געפינט זיך א תלמיד־חכם אין א שטאָדט, זיינען די מענשען פון יענער שטאָדט פאַרפליכטעט צו טהון זיין אַרבייט. און ווען מען האָט ביי ר' יוחנן געפרעגט,

וואָס פאַר א תלמיד־חכם דאָס דאַרף זיין, אַז די מענטשען פון זיין שטאָדט זאָלען מוזען טהון זיין אַרבייט, האָט ער געענטפערט, אַז „דאָס מיינט אזא תלמיד־חכם, וועלכער לייגט אַוועק אַלע זיינע וועלטליכע געשעפטען און ער גיט זיך בלויז אָפּ מיט הימלישע זאַכען; געהט אָבער די דאָזיגע פליכט נור אַזוי ווייט, ווי עס איז נויטיג אויף צו שאַפען פאַר אזא תלמיד־חכם דאָס טעגליכע ברויט, וואָס ער דאַרף עסען, אָבער נישט ער זאָל זיך קענען פיהרען אין לוקסוס" (שבת דף קי"ד עמוד א').

פלעגט ר' יוחנן צוליעב דעם זאָגען: „דאַרפסט עסען א ציבעלע און זיצען אין שאָטען און דאַרפסט נישט עסען קיין גענז און היהנער, כדי דיין הארץ זאָל נישט שטענדיג גלוסטען צו אַזעלכע מאכלים". אויסערדעם פלעגט ער נאָך זאָגען: „גיב ווייניגער אויף דיין עסען און טרינקען און גיב מעהר אויף דיין דירה" (פּסחים דף קי"ד עמוד א').

עס איז אויך אָנצונעהמען, אַז ר' יוחנן האָט געגלויבט אינ'ם כח פון „היפּנאָטיזם", פון גוטע אָדער שלעכטע איינרעדענישען, אַז גלייך ווי מען קען זיך איינריידען א קרענק, קען מען זיך אויך אליין איינריידען, אַז מען איז געזונד און עס פעהלט גאָרנישט...

ווערד וועגען דעם דערצעהלט, אַז ווען ר' חמא בר אבא איז אמאָל פאַר־שלאָפט געוואָרען, איז איהם ר' יוחנן געגאַנגען באַזוכען, האָט איהם ר' יוחנן געפרעגט: „זיינען דיר עפּעס די יסורים ליעב?" און געמיינט האָט ער צו זאָגען, אַז אַזוי ווי די יסורים מעקען אָפּ די עברות פון די מענטשען, וועט ער אָנקומען אַהין אויף יענער וועלט אַן אויסגעלייטערטער.

האָט איהם דער קראַנקער געענטפערט: „איך וויל נישט די יסורים און איך וויל אויך נישט זייער באַלוינונג". האָט איהם ר' יוחנן געזאָגט: „טאָ גיב מיר דיין האַנד!" האָט ער איהם געגעבען די האַנד און ער איז אויפגעשטאַנען.

אַן אַנדער מאָל ווערד די דאָזיגע מעשה דערצעהלט אין אַן אַנדער פאָרם. עס ווערד דערצעהלט, אַז ר' אלעזר בן פּדת איז אַמאָל קראַנק געוואָרען, איז ר' יוחנן געקומען איהם באַזוכען. האָט ער געזעהן, אַז דער קראַנקער ליגט אין א פינסטער צימער. האָט ר' יוחנן אויפגעדעקט זיין שעהן־ווייסען אָרעם, איז דערפון ליכטיג געוואָרען אינ'ם צימער. האָט דאַן ר' יוחנן געזעהן, אַז ר' אלעזר וויינט. האָט ער איהם געפרעגט: „וואָס איז אייגענטליך די אורזאַך פון דיין וויינען? איז דאָס צוליעב דעם, וואָס דו האָסט נישט אַזוי פיעל געלערענט, וויפיל דו האָסט געוואָלט? האָבען מיר דאָך א כלל, אַז ווען איינער לערנט מעהר און איינער ווייניגער, איז עס נישט קיין חלוק, אבי די כוונה פון דעם לערנער איז לשם שמים. און וויינסטו ווייטער צוליעב דעם, וואָס דו האָסט נישט קיין פּרנסה, איז נישט יעדער קען זוכה זיין צו צוויי טישען, צו תורה און צו פּרנסה. און איז דאָס וועגען דעם, וואָס דו לאָזט נישט איבער קיין זוהן, טאָ קוק אויף מיר, ווי איך טראָג מיך אַרום מיט א ביין פון מיין צעהנטען זוהן"...

האָט ר' אלעזר אויף דעם געזאָגט: „איך וויין, ווייל איך דערמאָן זיך, אַז אזא שעהנקייט ווי דיינע וועט דאַרפען פוילען אין דער ערד!" האָט איהם ר' יוחנן געענטפערט: „וועגען דעם דאַרף מען טאַקע וויינען!" און זיי האָבען זיך ביידע פאַנאַנדערגעוויינט (ברכות דף ה' עמוד ב').

דיזעלבע מעשה מיט ר' חנינא און ר' יוחנן ווערד איבערדערצעהלט אין מדרש (שיר השירים רבה פּרשה ב' פּיסקא ל"ה) אין פאָלגענדער פאָרם:

ר׳ יוחנן איז געשטראָפט געוואָרען, וואָס א געוויסע קראנקהייט האָט איהם געמוטשעט דריי און א האַלב יאָהר. איז איהם ר׳ חנינא געגאַנגען באזוכען. האָט ער איהם געפרעגט: „וואָס איז דיר?" האָט ר׳ יוחנן געענטפערט: „ס'איז מיר מעהר ווי איך קען דערטראָגן!" האָט ר׳ חנינא געזאָגט: „דאַרפסט נישט אזוי זאָגען! דאַרפסט זאָגען, אז דער אויבערשטער איז גערעכט!"...

און ווען דער שמערץ האָט זיך אויף ר׳ יוחנן געשטאַרקט — ווערד דאָרט ווייטער דערצעהלט — האָט ר׳ חנינא געזאָגט איבער איהם עפּעס א שפּרוך, איז איהם באַלד בעסער געוואָרען. איז פון אָט דעם מדרש צו זעהן, אז ר׳ יוחנן האָט אויך געגלויבט אינ'ם כח פון „אָפּשפּרעכונגען".

מוז צוליעב דעם באמערקט ווערען, אז עס איז עפּעס נישט גאַנץ קלאָר, וואָס ר׳ יוחנן זאָגט ווענגען אָפּשפּרעכען א מכה אָדער שפּייען אויף איהר, וועלכעס איז געווען אויסדריקליך פאַרבאָטען פון דער משנה און ר׳ עקיבא האָט געזאָגט, אז „ווער עס וויל היילען א מכה מיט א שפּרוך, דער האָט נישט קיין חלק לעולם הבא" (זעה סנהדרין דף ק"א עמוד א׳ און שבועות דף מ"ז עמוד ב׳).

און ווען עס איז געווען א וואונדער, וואָס אזא מענש, ווי ר׳ יוחנן, וועלכער לעבט אין אָרימע פאַרהעלטניסע און ער האָט זעהר זעלטען געקראָגען א שטיקעל פלייש צום עסען, דערצו האָט ער זיך נאָך שטענדיג אָפּגעגעבען מיט דער תורה, האַלט זיך טראָצדעם קערפּערליך אזוי גוט, האָט ער געזאָגט: „מיין פאָטער איז געקומען פון א משפּחה געזונטע מענשען, קען איך מיך באַגעהן אָהן פלייש צום עסען. אָבער ביי היינטיגע צייטען איז גוט, אז ווער עס האָט נור א פּרוטה אין זיין הויז, זאָל זי באַלד אוועקגעבען צום קרעמער אויף צו קויפען פלייש" (חולין דף פּ"ד עמוד א׳).

ווענגען דער גרויסער ליעבשאַפט פון ר׳ יוחנן צו דער תורה איז נאָך צוצו־געבען די פאָלגענדע מאמרים:

„א מענש, וואָס האָט תלמידים און ער לאָזט נישט זיינעם א תלמיד ער זאָל איהם באַדינען, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט פון איהם צוריקגעהאַלטען זיין לייטזעליגקייט" (כתובות דף צ"ו עמוד א׳), ווייל „דאָס באַדיענען די תורה איז אָפּטמאָל וויכטיגער ווי דאָס לערנען גופא" (ברכות דף ז׳ עמוד ב׳).

ביי אַן אַנדער געלעגענהייט האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: „ווען אידען גיבען זיך אָפּ מיט דער תורה און מיט גמילות־חסדים, איז דער יצר הרע זייערער איבער־געגעבען אין זייערע הענד, אָבער זיי זיינען נישט איבערגעגעבען אין די הענד פון זייער יצר־הרע" (עבודה זרה דף ה׳ עמור א׳). דאָס לערנען איז אויך אזוי וויכטיג, אז „ווער עס לערנט תורה אויף דער וועלט, לאָזט מען איהם נישט אזוי גלאַט ליגען אויף יענער וועלט, נור מען פיהרט איהם אריין אין בית־המדרש פון שם ועבר, פון אברהם, יצחק ויעקב און פון משה ואהרן" (שיר השירים רבה פרשה ו׳ פּיסקא ח׳).

דרייערליי מענשען — פלעגט ר׳ יוחנן זאָגען — זיינען אזעלכע זעלטענ־הייטען אינ'ם אַלטעגליכען לעבען, אז ווען זיי טרעפען זיך אמאָל, רעדט דער אויבערשטער ווענגען זיי און ער וויל אויך, אז איטליכער זאָל דאָס זעלטענע ערשיינונג באַוואונדערן. דער ערשטער איז אַן אומפאַרהייראַטער מאַן, וועלכער וואוינט אין א גרויסער שטאָדט און ער זינדיגט נישט; דער צווייטער איז אַן אָרימאַן, וואָס גיט אָפּ א געפונענע זאַך צו איהר אייגענטימער, און דער דריטער איז אַן עושר, וועלכער גיט מעשר פון זיינע פּירות, אז קיינער זאָל נישט וויסען (פסחים דף קי"ג עמוד א׳).

די אמוראים פון ארץ־ישראל

פארהאנען דריי מינים חן — האט אויך ר׳ יוחנן געזאגט — דאס ערשטע איז דער חן, וואס יעדער ארט האט ביי זיינע איינוואוינער; דאס צווייטע איז דער חן וואס א פרוי האט ביי איהר מאן, און דאס דריטע איז דער חן, וואס א געקויפטע זאך האט ביי איהר קויפער (סוטה דף מ״ז עמוד א׳).

ר׳ יוחנן איז געווען א גרויסער אנהענגער פון תשובה, און ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דער פראגע צי דער קעניג מנשה בן חזקיה האט א „חלק לעולם הבא", האט ער א זאג געטהון: „ווער עס גלויבט, אז מנשה האט נישט קיין חלק לעולם הבא, דער מאכט שוואך די הענד פון די בעלי־תשובה, זיי זאלען דענקען, אז תשובה העלפט נישט" (סנהדרין דף ק״ג עמוד א׳).

פון ר׳ יוחנן׳ס אנדערע סענטענצען זיינען אינטערעסאנט די פאלגענדע:

„גרויס איז דער טאג, ווען דער אויבערשטער וועט צונויף־נעהמען די פארטריבענע אידען, אזוי גרויס ווי דער טאג, וואס ער האט באשאפען הימעל און ערד" (פסחים דף פ״ח עמוד א׳).

„ערגער ווי אפצונארען מיט געלד, איז ווען איינער נארט אפ דעם אנדערען מיט ווערטער" (בבא מציעא דף נ״ח עמוד א׳).

„אלע נביאים האבען געזאגט זייערע נביאות בלויז פאר אזעלכע, וואס גיבען אוועק די טאכטער פאר א ווייב צו א תלמיד־חכם, אדער פאר איינעם וואס פיהרט דעם האנדעל פון א תלמיד־חכם, אזוי ווי צו איינעם וואס איז מהנה א תלמיד־חכם פון זיין אייגענטום" (סנהדרין דף ק״ג עמוד א׳).

„פאר זעקס מיני מצוות עסט דער מענש די פירות פון זייער שכר אויף דער וועלט און דער קרן בלייבט איהם פאר יענע וועלט. אט די זעקס מצוות זיינען: אויפנעהמען וואנדערער, באזוכען קראנקע, אכטונג געבען ביים דאווענען, אויפשטעהען פריה צו געהען אין בית־המדרש, צו ערציהען די קינדער צום לערנען און צו באאורטיילען יעדען מענש פון דער גוטער זייט זיינער" (שבת דף קכ״ז עמוד א׳).

און ווען ר׳ יוחנן איז געשטארבען, ווערד דערצעהלט, אז אלע בילדער זיינען דאמאלס געפאלען, ווייל עס האט זיך נישט קיינער געקענט פארמעסטען צו׳ן איהם אין שעהנקייט (ירושלמי עבודה זרה פרק ג׳). און ווען ר׳ יצחק בן אלעזר האט געמאכט אויף איהם זיין הספד, האט ער אנגעהויבען מיט די פאלגענדע ווערטער: „דער טאג איז היינט אזא שווערער פאר אידען, ווי ווען די זון זאל פלוצים אונטערגעהן אין מיטען טאג" (מועד קטן דף כ״ה עמוד ב׳).

ווי עס הייסט, איז ר׳ יוחנן געווען דער „מסדר" פונ׳ם תלמוד ירושלמי. מיינט דאס נישט, אז ער האט אליין צונויף־געקליבען די אלע מאמרים, וואס געפינען זיך אינ׳ם ירושלמי, און ער האט זיי דערנאך מיט זיינע אייגענע הענד רעדאקטירט אין איין גרויס ווערק, ווייל עס קען בלויז הייסען, אז ביי איהם איז געבוירען געווארען די אידעע, אז אזוי ווי דאס אידישע לעבען איז שטארק פאנאנדער־געוואקסען, קען מען זיך נישט מעהר באנוגענען מיט דער „משנה" אליין. דארף מען דערפאר צונויף־נעהמען אלסדינג, וואס ער — ר׳ יוחנן הייסט עס — און די אנדערע חכמים פון ארץ־ישראל האבען געזאגט ביי די ערקלערונגען פון דער משנה. איז דאס דערנאך געווען די גרונדלאגע פאר׳ן „תלמוד ירושלמי".

רבי שמעון בן לקיש

ר׳ יוחנן׳ס בית־המדרש איז געוועהנליך געווען אָפען פאַר אַלעמען, וואָס האָבען געשטרעבט צו לערנען. מענשען פון גאַנצע צוויי דורות האָבען זיך מיט שטאָלץ גערעכענט אַלס תלמידים פון ר׳ יוחנן. עס האָבען זיך אויך געפונען צווישען זיי אַזעלכע, וואָס האָבען נאָך געהאַט די זכיה, צו זעהען און צו הערען ר׳ יהודה הנשיא, נור זיי זיינען פאַרבליבען תלמידים און ער, ר׳ יוחנן, איז אויסגעוואָקסען אַ גרויסער לעהרער און איינער פון די באַדייטענדסטע „אמוראים". צווישען זיינע תלמידים זיינען אויך געווען מאַנכע, וואָס האָבען שוין אָנגעפיהרט אייגענע ישיבות, און אַזוי אָפט ווי זיי האָבען נור געהאַט צייט, זיינען זיי געגאַנגען הערען לערנען ביי ר׳ יוחנן אין טבריה, זיי זאָלען זיך קענען רופען ר׳ יוחנן׳ס תלמידים, חאָטש זיי האָבען דאָס לויט די אומשטענדען גאָר נישט געדאַרפט.

איז איינער פון די פּראָמינענטעסטע צווישען די דאָזיגע חברים־תלמידים פון ר׳ יוחנן געווען ר ב י ש מ ע ו ן ב ן ל ק י ש , אָדער ווי ער ווערד מעהרסטענטיילס אָנגערופען אין דער גמרא—ר י ש ל ק י ש.*)

פון דעם וואָס עס האָט מיט דעם דאָזיגען ר׳ שמעון בן לקיש פּאַסירט אין זיין יוגענד, ווייסט מען נישט קיין שום זאַך אויף גענוי. עס ווערען בלויז דערצעהלט וועגן דעם שרעקליכע מעשיות, וואָס טראָגען אויף זיך דעם סטעמפּעל פון לעגענדעס, ווי ער האָט זיך אַמאָל גע׳חבר׳ט מיט גזלנים, אָדער אַז ער איז גאָר אַליין געווען אַ גזלן, און ווען ער איז אַמאָל, באַוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס, געגאַנגען אַרום די ברעגעס פון׳ם ירדן, האָט ער פלוצים דערזעהן אַ פרוי זיך באָדען אין וואַסער, איז ער צו׳ן איהר אַריינגעשפּרונגען.

איז די דאָזיגע פרוי גאָר געווען אַ מאַן — און געווען איז דאָס ר׳ יוחנן, וועלכער האָט צו׳ן איהם אַ זאָג געטהון: „אַזאַ כח ווי דו האָסט יעצט באַוויזען, וואָלט זיך געפּאַסט צו פאַרווענדען פאַר דער תורה!" — האָט יענער אויף דעם געענטפערט: „אַזאַ שעהנהייט ווי דיינע וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַ פרוי!"...

האָט איהם ר׳ יוחנן אויף דעם געענטפערט: „ווען דו וואָלסט זיך וועלען נעהמען לערנען, וועל איך דיר געבען מיין שוועסטער, וועלכע איז פיעל שעהנער פון מיר!" — האָט ר׳ שמעון צוגעזאָגט, אַז ער וועט אויפגעבען זיין געגענווערטיגע באַשעפטיגונג און ער וועט זיך נעהמען צום

---

*) דער נאָמען „ריש לקיש" איז אַן אָפּקירצונג פון ר׳ שמעון (ר״ש) לקיש, וואו עס איז פון דעם ראשי־תיבות־צייכען (") צווישען דער ריש און דער שין געוואָרען אַ יוד. דאָ דאַרף אויך באַמערקט ווערען, אַז וואָס ער האָט געהייסען „בן לקיש", איז דאָס נישט קיין ראיה, אַז דער פאָטער זיינער האָט געהייסען לקיש, ווייל עס קען אויך זיין, אַז ער האָט געשטאַמט פון אַ שטעדטעל מיט׳ן נאָמען „לקיש", און אפשר איז דאָס גאָר די שטאָדט „לכיש" פון תנ״ך. איינער פון די לעצטע „תנאים" האָט אפילו געהייסען ר׳ יהודה בן לקיש, לויט וועלכען עס קען זיך אויסדאַכטען, אַז „לקיש" איז דער נאָמען פון זיין פאָטער. איז אָבער אויך דאָרט מעגליך, אַז „לקיש" איז דער נאָמען פון זיין געבורטס־אָרט.

לערנען. האָט ער דאַן געהייראַט ר' יוחנן'ס שוועסטער (בבא מציעא דף פ"ד עמוד א').

איז אויף דער דאָזיגער מעשה פיעל קשיות צו פרעגען, ווייל זי שטימט ניט מיט דעם, וואָס עס ווערד ביי אַנדערע געלעגנהייטען דערצעהלט. אַזוי איז, למשל, אָנגענומען אַלס זיכער, אַז ר' שמעון בן לקיש האָט אין זיין יוגענד געלערנט צוזאַמען מיט ר' יוחנן אינ'ם בית־המדרש פון ר' יהודה הנשיא. און ווען זיי זיינען אַמאָל געווען ביידע חברים פון איין בית־המדרש, האָבען זיי זיך געדאַרפט גוט קענען און ר' שמעון בן לקיש האָט זיך נישט געדאַרפט טועה זיין, אַריין צו שפּרינגען צו ר' יוחנן אין וואַסער, מיינענדיג אַז ער האָט פאַר זיך אַ פרוי.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך, וואָס עס איז נישט באַוואוסט, ווער עס איז געווען דער רבי פון ר' שמעון בן לקיש. מיר ווייסען בלויז, אַז ער האָט צוזאַמען מיט ר' יוחנן געלערנט אין זייער יוגענד אינ'ם בית־המדרש פון ר' יהודה הנשיא. מיינט דאָס אָבער נישט, אַז זיי האָבען געלערנט ביי ר' יהודה הנשיא פּערזענליך, ווייל ביידע זיינען נאָך דעמאָלט זעהר יונג געווען און ר' יוחנן פלעגט דערצעהלען, אַז ער פלעגט זיצען ביי ר' יהודה הנשיא אין בית־המדרש זיבעצען שורות הינטער רב, און ווען רב האָט אַרגומענטירט מיט ר' יהודה הנשיא, האָט ער גאָר נישט פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס זיי האָבען גערעדט, ווייל ער האָט בלויז געהערט די קולות און געזעהען ביידע שיסען מיט ווערטער ווי מיט פייערדיגע קוילען.

שפּעטער פלעגען ביידע, ר' יוחנן און ר' שמעון בן לקיש, עפענטליך ערקלערען, אַז „ווען זיי וואָלטען נישט געזעהן רב'ס פינגער אַרויסשטעקען פון זיין אַרבעל, וואָלטען זיי נישט זוכה געווען צו קענען לערנען!" (ירושלמי ביצה פרק ה' הלכה ב').

ווי מען קען זעהן, זיינען אויך ביידע, ר' יוחנן און ר' שמעון בן לקיש, גאָר גיך אויסגעוואַקסען און בעריהמט געוואָרען. איז אָבער ר' שמעון בן לקיש אַלץ פאַרבליבען ווי אַ תלמיד פון ר' יוחנן, האָטש ווען ר' אפס, וועלכער איז געווען אַ תלמיד און אַ הויז־מענש ביי ר' יהודה הנשיא, איז געווען אין דרום, איז שוין אונזער ר' שמעון געווען פאַררעכענט צווישען די מענשען, וואָס מען פרעגט ביי זיי שאלות (זעה ערובין דף ס"ה עמוד ב').

זאָנסט זיינען געוועהנליך ביידע, ר' יוחנן און ריש לקיש, באַטראַכט געוואָרען אַלס גלייכוועדטיגע חכמים, ווי עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז ר' הושעיא רבה און ר' יהודה נשיאה, דער אייניקעל פון ר' יהודה הנשיא, האָט געהאַלטען די ווערדע פון ר' שמעון בן לקיש אין תורה אַלס אַ גלייכע צו דער ווערדע פון ר' יוחנן (יבמות דף נ"ז עמוד א').

אין דער ישיבה פון ר' חנינא בר חמא פלעגט דאַן ר' חנינא אָנהויבען דרשנ'ען אין הלכה און ר' יוחנן צוזאַמען מיט אונזער ריש לקיש פלעגען ענדיגען די דרשה (ירושלמי סנהדרין פרק א' הלכה ב'). מען האָט אויך פיעל געהאַלטען פון ריש לקיש ביים בית־דין פון ר' הושעיא רבה (ירושלמי יבמות פרק ט"ז הלכה ה'), גלייך ווי ריש לקיש האָט אָפטמאָל געלויבט ר' הושעיא'ן און ער האָט איהם גערופען „אבי המשנה" (ירושלמי בבא קמא פרק ד' הלכה ז'). ר' שמעון פלעגט זיך אויך חבר'ן מיט ר' יהושע בן לוי, וועלכער האָט ביי איהם געפרעגט שאלות אין הלכה און ריש לקיש האָט געבראַכט הלכות אויפ'ן נאָמען פון ר' יהושע בן לוי.

פון דעם אַלעמען איז צו זעהן, אַז ר' יוחנן און ריש לקיש זיינען

שוין אין זייער יוגענד געווען חברים. מען האָט זיי אויךביידען געהאַלטען פאַר גלייך אין זייער ווערדע און מען האָט זיי ביידען גערופען „שני גדולי עולם" (ירושלמי ברכות פרק ח' הלכה ז').

און האָט זיך אַמאָל געהאַנדעלט וועגען קלאָרקייט פון שכל ביים פּלפּול, האָבען מאַנכע חכמים פון יענער צייט געהאַלטען מעהר פון ריש לקיש ווי פון ר' יוחנן — און עולא, זיינער אַ תלמיד, פלעגט זאָגען: „ווער עס זעהט ר' שמעון בן לקיש ווי ער לערענט אין בית־המדרש, מוז זיך איהם אויס־דאַכטען, אַז ער זעהט ווי איינער רייסט אַרויס בערג און צורייבט זיי איינעם אָן דעם אַנדערען!" (סנהדרין כ"ד עמוד א').

דעסגלייכען פלעגט ר' יוחנן אַליין זאָגען, אַז „ווען ריש לקיש איז נישטאָ אַמאָל אין בית־המדרש, פיהלט ער גלייך ווי עס זאָל איהם פעהלען די רעכ־טע האַנד" (ירושלמי סנהדרין פרק ב' הלכה א'), ווייל ר' שמעון בן לקיש איז נישט געווען גלאַט אַזוי אַ תלמיד, וועלכער האָט צו אַלעמען צוגעשטימט, נור ער פלעגט גרעסטענטיילס זאָגען פונקט פאַרקעהרט, ווי ר' יוחנן האָט געזאָגט — און צו יעדער זאַך, וואָס ר' יוחנן פלעגט זאָגען, האָט ר' שמעון בן לקיש געהאַט צו פרעגען „פיער און צוואַנציג קשיות" (!) און ר' יוחנן האָט געמוזט אויסזוכען תירוצים צו די דאָזיגע אַלע קשיות (בבא מציעא דף פ"ד עמוד א').

עס דאַרף אויך באַמערקט ווערען, אַז דער כח פון ריש לקיש'ס קשיות איז פיעלע מאָל געווען אַזוי שטאַרק, אַז ר' יוחנן האָט געמוזט צוליעב דעם צוריקטרעטען פון זיין מיינונג (ירושלמי יומא פרק א' הלכה א'). ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער פראַגע פון ערובין, איז גאָר ר' יוחנן געווען געצוואונגען צו טהון ווי ריש לקיש האָט געהייסען, ווייל ער האָט געזעהן, אַז ריש לקיש האָט רעכט (ירושלמי ערובין פרק א' הלכה א').

די פראַגען און די געגנערשאַפט פון ר' שמעון בן לקיש צו ר' יוחנן'ס מיינונגען זיינען געוועהנליך געווען געשטיצט אויף ראיות פון דער משנה און נור מיט זייער כח פלעגט ער קלאָר מאַכען די הלכה. דאַביי האָט ער אויך זעלטען ווען אַרגומענטירט מיט אַנדערע ראיות, ווען ער האָט נישט געהאַט די משנה אויף זיין זייט (זעה ירושלמי גטין פרק ג' הלכה ב').

ר' שמעון בן לקיש איז אויך בעקאַנט געווען מיט זיין עהרליכקייט אין וועלטליכע אַנגעלעגענהייטען, און ווען ער האָט אימיצען געפונען פאַר ווירדיג צו ריידען מיט איהם, האָט ער זיך עס געקענט רעכענען פאַר אַ כבוד, ווייל יעדער האָט געוואוסט, אַז ווען ר' שמעון בן לקיש רעדט מיט אימיצען, איז דאָס אַ סימן, אַז יענער איז אַזוי עהרליך ווי ר' שמעון אַליין און מענשען קענען איהם איבערגעבען זאַכען צו באַהאַלטען אָהן עדות (יומא דף ט' עמוד ב').

מיט זיין וואַרימער איבערגעבענהייט צו יעדען פריינד האָט זיך ר' שמעון בן לקיש פּשוט מוסר־נפש געווען, און ווי עס ווערד דערצעהלט, איז ר' איסי אַמאָל געפאַנגען געוואָרען פון גזלנים, איז ר' שמעון בן לקיש גע־לאָפען איהם ראַטעווען, זאָגענדיג, אַז ער מוז איהם ראַטעווען, ווען ער זאָל אפילו דאַרפען אימיצען הרג'ענען אָדער אַליין גע'הרג'ט ווערען (ירושלמי תרומות סוף פרק ח').

עס האָט זיך אויך קיינער נישט געקענט פאַרגלייכען צו ר' שמעון בן לקיש אין לערנען. פלעגט מען טאַקע וועגען איהם זאָגען, אַז ער לערנט

איבער יעדע זאך פערציג מאל (תענית דף ה׳ עמוד א׳). אמאל האט ער זיך אליין באריהמט, אז אפילו ר׳ חייא רבה האט זיך נישט געפלייסט אין לערנען מעהר פון איהם (ירושלמי כתובות פרק י״ב הלכה ג׳).

טראץ די אלע אויסגערעכענטע מעלות פון ר׳ שמעון בן לקיש האט ער נישט געהאט די זכיה, ער זאל אמאל ווערען פארזיצער אין בית־המדרש און ביז צו זיין טויט איז ער כסדר געווען ווי א תלמיד צו ר׳ יוחנן. און יעדער ענין, וואס איז געווען ביי איהם אין א מיינונגספארשיעדענהייט מיט ר׳ יוחנן, איז די הלכה פארבליבען ווי ר׳ יוחנן האט געזאגט. בלויז ביי דריי פאלען אין ענין חליצה האבען די חכמים אין בבל גע׳פסקנ׳ט די הלכה ווי ר׳ שמעון בן לקיש, און אויך דאס נור ווייל ער האט דארט נישט געהאט קיין מחלוקה מיט ר׳ יוחנן (יבמות דף ל״ז עמוד א׳).

ר׳ שמעון בן לקיש איז נישט געווען פון יענע מענשען, וואס לאזען הערען זייער מיינונג אויף א געלאסענעם אופן, ווייל טאמער האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז מען וויל איהם נישט הערען, האט ער געשריגען מיט קולות (זעה קדושין דף מ״ד עמוד א׳). ער פלעגט זיך אויך נישט קענען איינהאלטען, ווען ער האט געזעהען ביי אימיצען אן עולה, ער זאל איהם נישט זאגען זיין מיינונג. אפילו ר׳ יהודה נשיאה האט ער אפטמאל ניט פארשוינט, גלייך ווי ער האט קיינמאל נישט פארשווינט זיינע חברים די חכמים און ער האט זעהר אפט מבטל געווען זייערע פסקים, אפילו נאכדעם ווי עס איז שוין געווען געטהון, לויט ווי זיי האבען געזאגט (כתובות פרק ט׳ הלכה ב׳).

מאנכעם מאל האט זיך אויך געטראפען, אז ר׳ יוחנן האט געזאגט א מיינונג אין הלכה און ר׳ ינאי רבה האט איהם דערפאר געלויבט, איז דאן פלוצים געקומען ר׳ שמעון בן לקיש און האט מיט איראניע באמערקט, אז ר׳ יוחנן׳ס ווערטער זיינען טראץ אלעמען נישט ריכטיג (ירושלמי סוטה פרק ב׳ הלכה ו׳).

די חכמים פון יענעם דור האבען זיך פיעל אפגעגעבען מיט צונויפנעהמען די „ברייתות״, וואס איינער האט געבראכט אויפ׳ן נאמען פון א פריהעריגען תנא, איז תיכף אנגענומען געווארען און מען האט זאגאר געוואלט געבען צו דעם א געזעצליכע קראפט, ווי צו די משניות פון ר׳ יהודה הנשיא. האט זיך ר׳ שמעון בן לקיש געשטעלט געגען דעם. ער האט איבערהויפט נישט געוואלט אנערקענען, וואס עס איז געזאגט געווארען אויפ׳ן נאמען פון די תנאים, נאכדעם ווי די משנה פון ר׳ יהודה הנשיא איז שוין געווען צונויפגעשטעלט, בפרט ווען מען האט נאכגעזאגט א זאך אויפ׳ן נאמען פון א יחיד. ער האט אויך דאן אויפגעשטעלט א כלל, אז „יעדע משנה, וועלכע איז נישט געלערנט געווארען פון א גרופע חכמים צוזאמען, דארף מען זיך אויף איהר נישט סומך זיין״ (ירושלמי ערובין פרק א׳ הלכה ז׳). אפילו צו דער מיינונג פון ר׳ יוחנן האט ער ביי אזא ענין נישט געוואלט זיך צוהערען און ער האט נישט געוואלט אננעהמען פון איהם א ברייתא, זאגענדיג, אז מען דארף זי נישט האבען, ווייל ר׳ יהודה הנשיא האט איבערגעלאזען א „פולשטענדיגע משנה״ (ירושלמי כלאים פרק א׳ הלכה ו׳, בבא קמא סוף פרק ה׳).

פאר אט די אלע פיהרונגען זיינע האבען איהם די חכמים פון זיין צייט, זעהר נישט ליעב געהאט און ער איז ביי זיי געווען פאררעכענט אלס איינער, וואס זוכט צו מאכען טראבעל (זעה סנהדרין דף כ״ז עמוד א׳). ער איז

געוועזן דער ערשטער, וועלכער האָט זיך ערלויבט צו זאָגען, אַז אַלע געשעהעני־שען, וואָס ווערען דערצעהלט וועגען איוב, זיינען אויסגעטראַכטע זאַכען, ווייל אַזאַ מענש ווי איוב איז גאָר קיינמאָל נישט געוועזן און ער וועט אויך נישט זיין, און וואָס עס ווערד וועגען איהם דערצעהלט, איז נישט מעהר ווי אַ משל אויף צו מאָראַליזירען די מענשען (ירושלמי סוטה פרק ה' הלכה ו', בראשית רבה פרשה נ"ו פיסקא ג').*)

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער ווייטער געזאָגט, אַז די נעמען פון די מלאכים האָבען די אידען גענומען ביי די בבליים, ווייל ווען עס ווערד גערעדט אין תנ"ך וועגען מלאכים, ביז צו דער צייט פון יענע נביאים, וואָס זיינען געוועזן אין בבל, האָבען די מלאכים ניט געהאַט קיין נעמען (זעה ירושלמי ראש השנה פרק א' הלכה ב').

לויט ווי עס ווערד באַהויפּטעט וועגען דער אורזאַך וואָס ר' שמעון בן לקיש איז קיינמאָל נישט געוואָרען אַ פאָרזיצער אין בית־המדרש, ווען נישט אין טבריה, וואו ר' יוחנן האָט געווירקט, טאָ חאָטש ערגעץ אַנדערש, טראָצדעם וואָס איטליכער האָט געהאַלטען, אַז ער איז דערצו ווירדיג, איז דאָס געוועזן צוליעב יענעם פלעק אויף ריש לקיש'ס פאַרגאַנגענהייט, וואָס ער האָט אַמאָל אונטערבראָכען זיין לערנען און ער איז אַוועק אויף אַ וועג, וועלכער איז לחלוטין נישט געוועזן פאַסיג פאַר אַ תלמיד־חכם פון זיין שניט.

גלייך ווי עס האָט זיך אַמאָל ר' יוחנן פאַרגלוסט, צו פאַרלאָזען דעם בית־המדרש, אויף אָפּצוגעבען זיך מיט מסחר, נור ער האָט דאָס געטהון בלויז פאַר אַ קורצע צייט, האָט אויך ר' שמעון בן לקיש פלוצים פאַרלאָזט דעם בית־המדרש, נישט אויף צו ווערען אַ סוחר, נור אום צו ווערען אַ „גלאַדיאַטאָר", דאָס מיינט איינער וואָס גיט זיך אָפּ מיט ווילדע חיות, ווי עס זיינען דאַמאָלס געוועזן פיעלע אַזעלכע „גלאַדיאַטאָרען", וואָס פלעגען שטעהען אין די „צירקען", באַוואָפענט מיט שאַרפע שפּיזען אָדער מיט אייזערנע שטעקענס אין די הענד, אַכטונג צו געבען אויף די ווילדע חיות, מיט וועלכע מען פלעגט מאַכען קונצען, זיי זאָלען זיך נישט דורכרייסען צום פּובּליקום און שטעלען אין געפאַהר דאָס לעבען פון די צושויער (זעה שבת דף קי"ט עמוד ב' און גטין דף מ"ז עמוד א') **).

אַן אַנדערס מאָל האָט זיך ר' שמעון בן לקיש פאַרדונגען פאַר אַ וועכטער פון אַ גאָרטען מיט אויבסט. אַזוי ווי ער איז געוועזן קערפּערליך זעהר שטאַרק, האָט מען וואַהרשיינליך געהאַט צו'ן איהם דעם גרעסטען צוטרוי, אַז אַזוי ווי ער האָט געקענט אָנסטראַשען כל־ערליי ווילדע חיות מיט זיין גבורה, וועט ער אויך אָנשרעקען אַלע גנבים. ווערד ווייטער דער־

---

*) דער אויבענדערמאָנטער „ירושלמי" סטאַרעט זיך אויף דעמזעלבען אָרט, צו פאַרענטפערען דעם ווידערשפּרוך, ווייל ר' שמעון בן לקיש זאָגט דאָרט צוערשט אויף'ן נאָמען פון בר־קפרא, אַז איוב איז געוועזן אין די צייטען פון אברהם אבינו און דערנאָך טהוט ער אַ זאָג, אַז „איוב לא היה ולא נברא", ווערד דאָרט דער דאָזיגער ווידערשפּרוך פאַרענטפערט, אַז ריש לקיש האָט זיכער יאָ געגלויבט אין דער עקסיסטענץ פון איוב, אַזוי ווי ער האָט אָבער נישט געגלויבט אין די צרות, וואָס עס ווערען וועגען איוב דערצעהלט, דענקט ער, אַז איוב איז געוועזן אַזאַ גרויסער צדיק, אַז ער וואָלט יענע אַלע געשילדערטע צרות זיכער אָריבערגעטראָגען און ער וואָלט דערביי נישט געזינדיגט.

**) אין דער גמרא ווערד געזאָגט וועגען דעם: „זבין נפשיה ללודאי" — און וועגען די „לודאי" זאָגען די אַלטע מפרשים, אַז דאָס איז „אומה שאוכלין בני אדם" (אַן אומה פון מענשענפרעסער). מיינט דאָס אָבער אין אמת'ן אַן אומה (אַ גרופּע מענשען), וואָס גיט זיך אָפּ מיט'ן לערנען, צו מאַכען קונצען מיט חיות, מענשען־פרעסער.

צעהלט, אז ווען עס זיינען אמאל געקומען גזלנים צו יענעם גארטען און זיי האבען צוגערויבט אזוי פיעל פרוכט, ווי זיי האבען נור געקענט, איז אנ־שטאט צו חאפען די גזלנים און זיי צו איבערגעבען צום געריכט, האט ריש לקיש מיט זיי ארגומענטירט און זיי געסטראשעט מיט א „חרם" (זעה מועד קטן דף י"ז עמוד א' און ירושלמי מועד קטן פרק ג' הלכה א').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האבען גזלנים אוועקגערויבט ביי ר' יוחנן זיין גאנץ פארמעגען — און ווען ריש לקיש איז דאן געקומען אין בית־המדרש אריין און ער האט ביי ר' יוחנן עטוואס געפרעגט, האט איהם ר' יוחנן נישט געענטפערט. האט ריש לקיש ווייטער געפרעגט וועגען דער אורזאך, וואס ר' יוחנן ענטפערט איהם נישט. האט איהם ר' יוחנן געזאגט: „מיין הארץ הענגט אן מיין געלד־בייטעל, וואס גזלנים האבען איהם ביי מיר צוגערויבט!" — איז ריש לקיש יענע גזלנים נאכגעלאפען און האט ביי זיי דאס גאנצע צוגערויבטע געלד אפגענומען (זעה ירושלמי תרומות סוף פרק ח').

צוליעב דעם האבען זיך ארומגעטראגען קלאנגען, אז ר' שמעון בן לקיש חבר'ט זיך מיט גזלנים (יצא ללסטאה). דער אמת איז אבער, אז אזוי ווי ער האט וואהרשיינליך געהונגערט און דאס לערנען האט איהם גאר נישט אריינגעבראכט, האט ער פארדונגען זיין קערפערליכע קראפט אמאל אלס „גלאדיאטאר" און אמאל אלס וועכטער פון א גארטען. האט מען אבער נישט געהערט, ער זאל דאביי האבען עפעס אימיצען שלעכטס געטהון, ווייל ער פלעגט בלויז אנשרעקען די גזלנים מיט געשרייען און סטראשען זיי מיט „חרמות", אבער נישט מיט דער פארדינטער שטראף.

האט ר' יוחנן צוריקגעבראכט ריש לקיש'ן צו דער תורה — און ווי אזוי דאס איז פארגעקומען, איז שוין דערצעהלט געווארען. אבער ווען ריש לקיש איז אפילו דערנאך אוועקגעגאנגען פון יענער חברה, האט דער עולם שטענדיג געדענקט, מיט וועמען ער האט זיך פריהער געהאט גע־חבר'ט און מיט וואס פאר א פרנסה ער האט זיך אפגעגעבען.

און ווען ר' יוחנן האט אמאל געהאט א שאלה וועגען די פארשיעדע־נע מינים מעסערס, פון ווען אן זיי זיינען „מקבל טומאה", האט ר' שמעון בן לקיש בעסער פארשטאנען די דאזיגע פראגע צו פארענטפערען, האט איהם ר' יוחנן דערפאר א זאג געטהון: „ליסטים בליסטותיה ידעי", ד. ה.: א גזלן איז א מבין אויף גזלנות, מיינענדיג דערמיט צו זאגען, אז איינער וואס האט כסדר געהאט צו טהון מיט מעסערס, מוז זיך אויסקע־נען אויף די דינים פון מעסערס, און דאס האט ער געזאגט, חאטש ריש לקיש איז שוין דאמאלס פון לאנג געווען זיין שוואגער און יעדער האט איהם געהאלטען פאר אזוי גרויס אין תורה גלייך ווי ר' יוחנן.

ווי עס איז שוין דערצעהלט, האט ר' יוחנן נישט ליעב געהאט די בבליים און פונקט אזוי איז געווען צו זיי דאס פארהעלטניס פון ר' שמעון בן לקיש. אזוי ווי די בבליים האבען זיך זייער געגרויסט, אז זיי האבען א יחוס, ווייל ווען די אידען זיינען צוריקגעגאנגען פון בבל קיין ארץ־ישראל, זיינען נור די ארימע משפחות צוריקגעגאנגען, אבער די יחסנישע פאמיליען זיינען פארבליבען אין בבל. האט ריש לקיש וועגען דעם געזאגט: „ווען עס זאל מיר א מענש זאגען, אז עס זיינען פאראן געשיכטס־ביכער פון די פאמיליען (דברי הימים) אין בבל, וועל איך געהן און זיי ברענגען. איז

אָבער דער אמת, אַז ווען עס זאָלען זיך צונויפנעהמען אַלע חכמים, קענען זיי דאָס נישט ברענגען פון דאָרטען" (ירושלמי סנהדרין פרק י' הלכה א').

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ר' שמעון בן לקיש פאַרגעוואָרפען די בבליים, וואָס זיי זיינען נישט אַלע צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל צו־זאַמען מיט עזרא הסופר און זיי האָבען זיך באַזעצט אין אַ טמא לאַנד. האָט ער אַמאָל אַ זאָג געטהון צו רבה בר בר חנה, וועלכער איז געקומען פון בבל: „דער אויבערשטער האָט אייך פיינט, איהר מענשען פון בבל, ווייל איהר זענט נישט געגאַנגען אין גרויסע מאַסען קיין ארץ ישראל אין די טעג פון עזרא" (יומא דף ט' עמוד ב').

אין אַ טאָן פון איראָניע פלעגט ער אויך אָפטמאָל זאָגען, אַז אפילו יענע אידען, וואָס זיינען צוריקגעקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל, האָבען דאָס בלויז געטהון, ווייל זיי האָבען געזוכט באַקוועמליכקייט, אָבער ווען זיי וואָל־טען געווען געפינען מנוחה אין דעם לאַנד פון זייערע שונאים, וואָלטען זיי נישט געווען צוריקגעקומען (איכה רבתי פרשה א' פיסקא כ"ט).

פון דעסטוועגען האָט ריש לקיש מאַנכעס מאָל געלויבט די בבליים און ער האָט געזאָגט: „ווען די תורה איז פאַרגעסען געוואָרען ביי אידען, איז עזרא געקומען פון בבל און האָט זי אויפ'ס ניי באַגרינדעט. דערנאָך איז די תורה ווידער פאַרגעסען געוואָרען, איז געקומען הלל הבבלי און האָט זי ווידער באַגרינדעט. און ווען די תורה איז דערנאָך אויפ'ס ניי פאַרגעסען געוואָרען, איז געקומען ר' חייא מיט זיינע קינדער און האָט זי אויפ'ס ניי באַגרינדעט" (סוכה דף כ' עמוד א').

מעהר פון אַלע פריהערע „אמוראים" האָט ר' שמעון בן לקיש גע־האַלטען פון ר' חייא. אַמאָל — ווערד דערצעהלט — האָט ער זאָגאַר גע־פאַסט דריי הונדערט תעניתים אויף צו קענען זעהן ר' חייא'ן אין חלום און עס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען (ירושלמי כלאים פרק ט' הלכה ד' און כתובות פרק י"ב הלכה ג'). און ווען ער האָט זיך געפיהלט גע־קרענקט וועגען דעם און ער האָט גע'טענה'ט: „צי האָב איך דען נישט געלערנט אַזוי פיעל תורה ווי ער?" — האָט איהם אַ בת־קול געענטפערט: „געלערנט האָסטו טאַקי אַזוי פיעל ווי ער, אָבער פאַרשפּרייט די תורה האָסטו נישט אַזוי פיעל ווי ער!" (בבא מציעא דף פ"ה עמוד ב').

דער „נשיא" אין ארץ־ישראל איז דאַמאָלס געווען ר' יהודה נשיאה דער ערשטער, אַן אייניקעל פון ר' יהודה הנשיא. האָט ער נישט געוואָלט, אַז די תלמידי־חכמים אין ארץ־ישראל זאָלען האָבען וועלכען ס'איז פאַרצוג געגען די אַנדערע מענשען, האָט ער פאַרלאַנגט, אַז די תלמידי־חכמים זאָלען העלפען טראָגען די לאַסט פון די שטייערען, אויסצובעסערען די טויערען פון דער שטאָדט און צו באַצאָהלען דעם לוין פון די וועכטער. האָט ר' שמעון בן לקיש פּראָטעסטירט געגען אַזאַ פאַרלאַנג, מען זאָל וועלען אוועק־שטעלען די תלמידי־חכמים אויף איין מדרגה מיט די עמי־ארצים, בפרט ווען עס איז שוין געווען אַן אַלטער מנהג, לויט וועלכען מען פלעגט באַ־פרייען פון שטייערען אַלע יענע מענשען, וואָס טראָגען אויף זיך דעם עול פון דער תורה.

זיינען דאָן אַמאָל די חכמים געווען צוזאַמען אין'ם בית־המדרש און זיי האָבען געלערנט די פרשה פון „אשר נשיא יחטא", האָט ריש לקיש אויפ־געוואָרפען די פראַגע: „ווען אַ נשיא זינדיגט, צי מען דאַרף איהם באַ־שטראָפען מיט מלקות, אָדער מען דאַרף איהם נישט באַשטראָפען?" —

איז דאָן געווען די תשובה, אַז מען דאַרף איהם געבען מלקות ביי אַ בית־דין פון דריי דיינים, דאָס מיינט, אַז אום צו באַשטראָפען אַ „נשיא" קער־פּערליך, נויטיגט זיך נישט אפילו צונויף צו נעהמען אַ „סנהדרין קטנה" פון דריי און צוואַנציג מיטגליעדער, נור מען דאַרף פּשוט נעהמען אַ בית־דין פון דריי מענשען, וועלכע האָבען דאָס רעכט, צו הייסען געבען שמיץ דעם „נשיא".

דערנאָך האָט מען ווייטער געשטעלט די פראַגע, צי מען זעצט צוריק ארויף אַזאַ געשמיסענעם „נשיא" אויף זיין אַמט. האָט אַן אַנדערער גע־ענטפערט: „מען זעצט איהם נישט צוריק ארויף, ווייל ווען מען זאָל איהם צוריק ארויפזעצען, וועט ער דערנאָך אַלעמען אויס׳הרג׳נען!"

האָט דאָס דער נשיא געהערט און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די אַלע רייד זיינען בלויז געגען איהם געציעלט. האָט ער דאַן ארויסגעשיקט איינעם פון זיינע גוי׳שע סאָלדאַטען, דעם ריש לקיש צו חאַפּען — נור דורך אַנטלויפען האָט ער זיך געראַטעוועט.

איז ר׳ יוחנן געקומען אויף׳ן אַנדערן טאָג אין בית־המדרש אריין, און איידער מען האָט אָנגעהויבען לערנען, האָט זיך ר׳ יוחנן געמאַכט זוכענדיג עפּיס אין אַלע ווינקעלעך. האָט איהם דער נשיא געפרעגט, וואָס ער זוכט, האָט ר׳ יוחנן געענטפערט: „איך זוך בן לקיש׳ן, ווייל מען קען נישט עפענען דאָס לערנען, ווען דער שליסעל איז נישטאָ!"

האָט דער נשיא אויף דעם געפרעגט: „און וואו איז ער, דער בן־לקיש, וועלכער איז דער שליסעל צו דיין לערנען?" — האָט ר׳ יוחנן גע־ענטפערט: „ער איז באַהאַלטען אין מגדלא!" — האָט דער נשיא אויף דעם געזאָגט: „טאָ וועלען מיר ביידע מאָרגען געהען איהם צוריק ברענגען!"

איז ר׳ יוחנן באַלד געלאָפען שיקען אָנזאָגען די בשורה צו ר׳ שמעון בן לקיש, און ווען זיי האָבען זיך באַגעגענט, האָט ר׳ שמעון געזאָגט צום נשיא: „דו האָסט יעצט געטהון אַ זאַך, וועלכע איז עהנליך צו דער מדה פון׳ם באַשעפער, ווייל דער אויבערשטער האָט אויך געטהון דאָס זעלבע, ווען ער האָט זיך באַוויזען, ארויסצופיהרען די אידען פון דער געפאַנגענשאַפט, האָט ער דאָס נישט געטהון דורך אַ מלאך אָדער דורך אַ שליח, נור ער אַליין מיט זיין כבוד איז געקומען אויסלייזען זיין פאָלק".

האָט איהם דאַן דער נשיא געפרעגט, צו וואָס פאַר אַ צוועק האָט ער געשטעלט זיין שאלה אין בית־המדרש אין אַזאַ פאָרם, וואָס זאָל איהם באַליידיגען. האָט ר׳ שמעון געענטפערט: „דאַרפסט נישט מיינען, אַז צוליעב מיין מורא פאַר דיר וועל איך מיך צוריקהאַלטען פון לערנען גאָט׳ס תורה!" (ירושלמי סנהדרין פרק ב׳ הלכה א׳).

צו די מיינונגספאַרשידענהייטען, וועלכע האָבען שטענדיג געהערשט צווישען ר׳ יוחנן און ריש לקיש, איז נאָך צו־צוגעבען, אַז ווען ר׳ יוחנן האָט אַמאָל געזאָגט: „עס איז בעסער דער מינדעסטער נאָגעל פון די פריה־ערע חכמים, איידער דאָס גאַנצע לייב־און־לעבען פון די היינטיגע", האָט ר׳ שמעון בן לקיש אויף דעם געענטפערט: „אדרבה, די ווערדע פון די היינטיגע איז אַ בעסערע, ווייל די היינטיגע גיבען זיך אָפּ מיט דער תורה און זיי קוקען נישט אויף די אונטערדריקונגען פון דער רעגירונג" (יומא דף ט׳ עמוד ב׳).

ווי עס איז שוין אויבען דערמאָנט, איז געווען דער לעצטער צוזאַמענ־שטויס צווישען ר׳ יוחנן און ריש לקיש, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען

די פאַרשיעדענע וואַפען, פון וועלכער צייט זיי הויבען אָן „מקבל טומאה" זיין. איז ווען ר׳ שמעון האָט געזאָגט זיין מיינונג, האָט איהם ר׳ יוחנן אַ זאָג געטהון: „האָסט געהאַט צו טהון מיט מעסערס, ביזטו אַ מבין אויף דער טבע פון מעסערס!"

איז טאַקי מערקווירדיג, אַז ריש לקיש האָט זיך קיינמאָל נישט גע־פיהלט געקרענקט, ווען עס האָט אַמאָל אימיצער זיין אַמאָליגע באַשעפ־טיגונג דערמאָנט. אָפטמאָל האָט ער דאָס גאָר אַליין דערמאָנט. אַזוי פלעגט ער אָפט אָנהויבען זיינעם אַ משל מיט די ווערטער: „עס איז גלייך ווי צוויי אַטלעטען" (משל לשני אתליטין). עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז ווען ער האָט אַמאָל געזעהן ביי אַן עפענטליכער פאַראַנשטאַלטונג, ווי מענשען עסען און טרינקען און טאַנצען, האָט זיך אין איהם דערוועקט דער אַלטער קונצענמאַכער און ער האָט גענומען מיטזינגען און מיטטאַנצען (זעה קהלת רבה פרשה ט׳ פיסקא ט"ז).

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט מען איהם אַמאָל געפרעגט, צי מען מעג טרינקען וואַסער, וועלכעס איז געשטאַנען נישט צוגעדעקט, ווייל טאָמער האָט דערפון אַ שלאַנג געטרונקען און דאָס וואַסער איז דערפון פאַר־גיפטעט. האָט ער אויף אָט דער שאלה נישט געענטפערט דירעקט יאָ אָדער ניין, נור ער האָט געזאָגט: „ווען דו פאַרקויפסט זיך צו גלאַדיאַטאָרען, פאַרקויפסטו זיך פאַר טייער געלד, ווייל דו שטעלסט איין דיין לעבען, און דאָ ווילסטו דיין לעבען אַזוי ביליג פאַרקויפען?" (ירושלמי תרומות פרק ה׳ הלכה ג׳).

און גראַד ביים לעצטען צוזאַמענשטויס מיט ר׳ יוחנן האָט זיך ריש לקיש געפיהלט געקרענקט פון ר׳ יוחנן׳ס באַמערקונג און האָט זיך עס אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצען, אַז ער איז אַזש קראַנק געוואָרען און איז אויך דאַן באַלד געשטאָרבען.

וועגען אָט דעם לעצטען צוזאַמענשטויס צווישען ר׳ יוחנן און ריש לקיש דערצעהלט מען זיך אויך, אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט צו ריש לקיש: „האָסטו דען נישט קיין הנאה, וואָס איך האָב דיך אַריינגענומען אונטער די פליגלען פון דער שכינה?" — האָט ריש לקיש אויף דעם געענטפערט: „וואָס פאַר אַ נוצען האָט דאָס מיר געבראַכט? דאָרט האָט מען מיך גע־רופען רבי און דאָ רופט מען מיך רבי!"

און ווען ריש לקיש איז קראַנק געוואָרען צום שטאַרבען, איז זיין פרוי געלאָפען בעטען ביי איהר ברודער ר׳ יוחנן, ער זאָל איהם שענקען דאָס לעבען — און ער האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט איינבעטען, ביז ריש לקיש איז געשטאָרבען.

האָט ר׳ יוחנן דערפון געהאַט גרויס צער. די „רעכטע האַנד" זיינע ביים לערנען האָט איהם געפעהלט. האָבען די חכמים געזאָגט: „ווער וועט געהן באַרוהיגען ר׳ יוחנן?" — איז געגאַנגען ר׳ אלעזר בן פדת, און יעדע זאַך, וואָס ר׳ יוחנן האָט געזאָגט, האָט ר׳ אלעזר אויף דעם געענט־פערט: „פאַרהאַנען אַ ברייתא, וואָס קען דיר צו דיין מיינונג העלפען!" (תניא דמסייע לך). איז דאָס ר׳ יוחנן נישט געפעלען געוואָרען און ער האָט אַ זאָג געטהון: „דו ווילסט ביי מיר פאַרטרעטען בן־לקיש׳ן? בן לקיש, ווען איך האָב איהם אַמאָל געזאָגט אַ וואָרט, האָט ער אויף דעם געפרעגט פיער און צוואַנציג קשיות און איך האָב געמוזט אויסזוכען פיער און צוואַנציג תירוצים, איז שוין ממילא די הלכה ערקלערט געוואָרען פון

אַלע זייטען. אָבער דו זאָגסט מיר כסדר תניא דמסייע לך, און ווייס איך דען דאָס נישט אַליין, ווי גוט איך זאָג?" (בבא מציעא דף פ"ד עמוד א').

פיעלע אויסשפּרוכען פון ר' שמעון בן לקיש ווענען דער פיהרונג פון די מענשען זיינען אַזעלכע אמת'ן, וואָס גילטען ביז צום היינטיגען טאָג, א שטייגער ווי וואָס ער האָט געזאָגט, אַז „ווער עס שפּעט אָפּ פון אַנדערע מענשען, מוז אריינפאַלען אין גיהנום" (עבודה זרה דף י"ח עמוד ב'), אָדער וואָס ער האָט געזאָגט, אַז „א מענש א כעסן, ווען ער איז א געלע־רענטער, געהט פון איהם דאָס לערנען אוועק, און ווען ער איז א נביא, מוז זיך די נבואה פון איהם אָפּטהון" (פסחים דף ס"ג עמוד ב').

שפּעטער אַמאָל האָט ר' יהודה נשיאה צו אונזער ר' שמעון געזאָגט: „דאַרפסט בעטען צו גאָט פאַר מיינעטוועגען, ווייל די רעגירונג פּאַרהאַלט זיך צו מיר זעהר שלעכט!" — האָט ר' שמעון אויף דעם געענטפערט: „אַז דו וועסט נישט נעהמען גאָר ביי אַנדערע, וועסטו נישט דאַרפען אוועק־געבען עטוואָס פון דיינעם!" (בראשית רבה פרשה ע"ה פיסקא י"ב).

ווער עס טראָגט זיך אַרום מיט לשון־הרע ווענען זיינע מיטמענשען — פלעגט ריש לקיש זאָגען —איז די זינד זיינע אַזוי גרויס ווי ביז צום הימעל. און וואָס דער פּסוק זאָגט: „אם ישוך הנחש בלא לחש ואין יתרון לבעל הלשון" (קהלת י' י"א), מיינט דאָס, אַז גלייך ווי ביי א ביס פון א שלאַנג העלפט נישט קיין באַשווערונג, איז אויך אַזוי מיט דער צונג פונ'ם רכילות־זאָגער. און ווען משיח וועט קומען, וועלען זיך צונויף קלויבען אַלע חיות און זיי וועלען טענה'ן צו דער שלאַנג: „ווען א לייב טויטעט זיין קרבן, פרעסט ער איהם דערנאָך אויף, א וואָלף פאַרצוקט זיין קרבן און ער פרעסט איהם אויף, אָבער די שלאַנג, וואָס פאַר א הנאה האָט זי, ווען זי טהוט א ביס?" — וועט דאַן די שלאַנג ענטפערען: „און וואָס פאַר א גוטס האָט דער מענש פון דער רכילות'דיגער צונג?" (ערכין דף ט"ו עמוד ב').

ר' שמעון בן לקיש פלעגט אויך זאָגען: „ווען איינער הויבט א האַנד געגען אַן אַנדערען מענש, אפילו ווען ער שלאָגט איהם נישט, ווערד ער שוין אָנגערופען רשע" (סנהדרין דף נ"ח עמוד ב'). און ווען איינער איז דעם אַנדערען חושד אומזיסט, ווערד ער דערפאַר באַשטראָפט, וואָס ער אַליין טהוט די זאַך, אין וועלכער ער איז דעם אַנדערן חושד.

אַזוי איז אויך פאָרגעקומען ביי משה רבנו, ווען דער אויבערשטער האָט איהם געהייסען געהן צו די אידען, זיי אָנזאָגען די בשורה, אַז דער אויבערשטער וויל זיי אויסלייזען פון גלות מצרים, האָט משה רבנו געזאָגט: „ווי קען איך זיי זאָגען אַזא זאַך, ווען זיי וועלען מיר דאָס זיכערליך נישט גלויבען?"

האָט איהם דער אויבערשטער געזאָגט: „אידען זיינען גלויביגע מענשען", ווי עס ווערד טאַקי דערצעהלט, אַז ווען משה רבנו איז געקומען צו די אידען, אָנזאָגען זיי די בשורה פון דער גאולה, האָט איהם דאָס פאָלק דוקא יאָ געגלויבט. „אידען זיינען אויך די קינדער פון גלויביגע", האָט דער אויבערשטער ווייטער געזאָגט, ווייל ווען ער האָט אַמאָל געזאָגט צו אברהם אבינו דעם קינדערלאָזען, אַז די קינדער זיינע וועלען זיין אַזוי פיעל ווי די שטערען אויפ'ן הימעל, האָט ער דאָס דוקא יאָ געגלויבט. נור משה רבנו אַליין, ווען דער אויבערשטער האָט איהם געהייסען ריידען צום שטיין, ער זאָל געבען וואַסער, האָט ער דאַמאָלס דוקא נישט געגלויבט, און

אנשטאָט צו ריידען צום שטיין, האָט ער איהם געשלאָגען (שבת דף צ״ז עמוד א׳).

די חשובס׳טע מדה אינ׳ם לעבען איז — לויט דער מיינונג פון ר׳ שמעון בן לקיש — ״תשובה״, ווייל ווען דער מענש טהוט תשובה, איז אפילו אזעלכע עברות, וואָס דער מענש האָט געטהון „בזדון״ (מיט אַ באַזונדערער כוונה צו טהון אַן עברה), ווערען זיי ווי „שגגות״ (עברות וואָס מען ווילל נישט טהון). אין אַנדערע פאַלען ווערען גאָר די „זדונות״ ווי „זכיות״, דאָס הייסט פשוט, אַז זיי ווערען גערעכענט פאַר מצוות (יומא דף פ״ו עמוד ב׳).

און אזוי ווי עס האָט איטליכער געוואוסט, וואָס פאַר אַ ווערדע „תשובה״ האָט ביי ר׳ שמעון בן לקיש, האָט מען זיך שפּעטער דערצעהלט, אַז ווען ער איז געשטאָרבען, זיינען אין דעמזעלבען טאָג געשטאָרבען צוויי גזלנים, פון זיינע אַמאָליגע פריינד, האָט מען צו ר׳ שמעון בן לקיש באַלד אוועקגעגעבען זייער חלק גן־עדן און יענע צוויי גזלנים זיינען תיכף אַרונטער־געגנידערט צו דער „שאול תחתיה״ (זעה פרקי דר׳ אליעזר פרק מ״ג).

פון דעסטוועגען — פלעגט ר׳ שמעון בן לקיש זאָגען — זיינען די רשעים אזוי פאַרהאַרטעוועט אין זייערע זינד, אַז אפילו ווען זיי שטעהען שוין ביים טויער פון׳ם גיהנום, דענקען זיי נאָך אַלץ נישט וועגען תשובה (ערובין דף י״ט עמוד א׳).

און ווען איינער וויל אָנוויזען אַ מיט־מענשען זיינעם די פעהלערען, וואָס ער מאַכט, דאַרף מען אפילו זאָגען: „באַפּוץ זיך ברודערקע אַליין צום ערשט און דערנאָך וועסטו אַנדערע באַפּוצען!״ (בבא מציעא דף ק״ז עמוד ב׳, בבא בתרא דף ס׳ עמוד ב׳).

וועגען דער פראַגע פון געריכטען און ריכטער האָט אונזער ר׳ שמעון אַמאָל געזאָגט: „אַ מענש דאַרף בלויז הערען דעם ריכטער פון זיין דור״ (קהלת רבה פרשה א׳ פיסקא ד׳). און „ווער עס שטעלט אויף אַ דיין אַן אומווירדיגען מענש, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט געפלאַנצט אַ בוים צו דער עבודה זרה, אַז אידען זאָלען צו איהם דינען״ (סנהדרין דף ז׳ עמוד ב׳, עבודה זרה דף נ״ב עמוד א׳). און „ווען אַ בית דין דאַרף אַרויסגעבען אַן אורטייל, דאַרף ביי איהם זיין דער דין פון אַ פּרוטה אזוי וויכטיג, גלייך ווי ווען עס זאָל זיך האַנדלען וועגען אַ הונדערטער״ (סנהדרין דף ח׳ עמוד א׳).

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט אונזער ר׳ שמעון געזאָגט: „ווען איינער ווערד פּלוצים אַ בעל רחמנות דאָרט וואו עס פערלאַנגט זיך, ער זאָל זיין אַן אכזר, קומט איהם דערנאָך אויס, ער זאָל ווערען אַן אכזר דאָרט וואו ער וואָלט געדאַרפט זיין אַ בעל רחמים״. אזוי האָט שאול המלך ביי זיין מלחמה מיט עמלק געהאַט רחמנות אויף די פעטע בהמות פון עמלק און דערנאָך איז ער געוואָרען אַן אכזר און ער האָט געלאָזט אויס׳הרג׳נען די גאַנצע שטאָדט נוב מיט איהרע כהנים (קהלת רבה פ׳ ז׳ פיסקא ט״ז).

ווען איינער לייהט דעם אַנדערען אַ סומע געלד, אוועקצושטעלען איהם אויף די פיס — האָט ר׳ שמעון בן לקיש געזאָגט — איז דאָס מעהר ווי ווען ער וואָלט איהם דאָס געלד געגעבען אַלס צדקה. גרעסער פון אַלעמען איז אָבער, ווען איינער גיט אַ געוויסע סומע אין שותפות אַריין אויף ריוח, ווייל דאָס מאַכט דעם אַנדערן מענש גוט פיהלען, ווען ער דאַרף זיך נישט לייהען און ער דאַרף אויך נישט נעהמען קיין נדבה (שבת דף ס״ג עמוד א׳).

אן אנדער מאָל האָט ר׳ שמעון געזאָגט: „ווען איינער וויל זיך פאַר־אומרייניגען, דאָס הייסט ווען ער וויל דורכאוים שלעכט ווערען, עפענט מען איהם פון אויבען א וועג צום שלעכטען, און וויל זיך איינער רייניגען, דאָס הייסט ווען ער וויל גוט ווערען, העלפט מען איהם פון אויבען צום גוט ווערען" (שבת דף ק"ד עמוד א׳, יומא דף ל"ח עמוד ב׳).

ווען דער פסוק זאָגט „ועין נואף שומרה נשף" (דאָס אויג פון א נואף וואַרט אויף׳ן אָבענד), מיינט עס, מען זאָל נישט זאָגען, אז בלויז דער וואָס איז אונמאָראַליש מיט זיין קערפער, הייסט א „נואף", ווייל א „נואף" קען אויך זיין מיט די אויגען (ויקרא רבה פרשה כ"ג פיסקא י"ב).

די תורה זאָגט צום מענשען: „ווען דו פערלאָזט מיך אויף איין טאָג, וועל איך דיך פערלאָזען אויף צוויי טעג". איז דאָס א משל צו צוויי חברים וואָס ביידע געהען ארויס פון זייערע היימען, איינער געהט פון טבריה און איינער געהט פון צפורי, דערנאָך באַגעגענען זיך ביידע אויף איין פּלאַץ און איטליכער געהט זיך דאַן וויימער זיין וועג. איז ווען איינער געהט דער־נאָך אָפּ א מייל וועג פון איין זייט און דער אנדערער געהט אָפּ א מייל פון אן אנדערער זייט, איז דאַן איינער פונ׳ם אנדערען צוויי מייל דער־וויימערט (ירושלמי ברכות פרק ט׳ הלכה ה׳).

וועגען דער ווערדע פון תלמידי חכמים האָט ר׳ שמעון בן לקיש די פאָל־גענדע סענטענצען געזאָגט:

„א תלמיד־חכם טאָר נישט פארברענגען אין תעניתים, ווייל ער פאַר־לירט דאַביי די צייט און דעם כח צום לערנען" (תענית דף י"א עמוד ב׳).

„גלייך ווי א כלה דאַרף זיין שעהמעוודיג באשיידען, אזוי דאַרף זיין א תלמיד חכם שעהמעוודיג באשיידען, און אזוי ווי א כלה דאַרף זיך וויזען ריין, אזוי דאַרף א תלמיד־חכם אכטונג טהון אויף זיין פיהרונג, עס זאָל זיך נישט געפינען דער מינדעסטער פלעק אויף זיין מאָראַל" (שיר השירים רבה פרשה ד׳ פיסקא י"א).

„ווען צוויי תלמידי־חכמים הערען זיך צו איינער צום אנדערען אין די ענינים פון הלכה, הערט דער אויבערשטער זייער שטים און ער טהוט זייער רצון. טאָמער טהון זיי אָבער נישט אזוי, פאַראורזאַכט דאָס, אז די שכינה זאָל זיך אָפּטהון פון אידען. און ווען צוויי תלמידי־חכמים גיבען זיך איינער דעם אנדערען חשק צום לערנען, זיינען זיי ביידע ביים אויבער־שטען זעהר באַליעבט" (שבת דף ס"ג עמוד א׳).

די וועלט פיהרט זיך, אז ווען צוויי סוחרים מאַכען צווישען זיך א טויש, ווען איינער האַנדעלט, למשל, מיט זייד און דער אנדערער האַנדעלט מיט פעפער, איז ווען דער אנדערער נעמט פעפער פאַר דער זייד, האָט יעדער פון זיי בלויז איין מין סחורה אין דער האַנד, אָבער ביים לערנען איז נישט אזוי. איינער לערנט סדר זרעים און איינער לערנט סדר נזיקין, זאָגט דאַן איינער צום אנדערען: „לעהרען מיט מיר סדר זרעים און איך וועל לערנען מיט דיר סדר נזיקין!" — געפינט זיך דאַן ביי יעדען פון זיי א טאָפּלטע סחורה, ווייל יעדער האָט אויסגעלערנט צוויי סדרים. איז אלזאָ פאַרהאַנען אויף דער וועלט א בעסערער מסחר? (תנחומא פרשת תרומה).

ווי שלעכט די פּאָליטישע לאַגע פון די אידען אין ארץ־ישראל איז דאַ־מאָלס געווען, האָט מען אלץ נישט אויפגעגעבען די האָפנונג, אז דער אוי־בערשטער וועט סוף־כל־סוף שיקען די גאולה, וועט דאַן זיין דער ערשטער שריט פון די אויסגעלייזטע אידען, וואָס זיי וועלען זיך נעהמען בויען דעם

בית־המקדש. אָבער „ווען מען זאָל אפילו האַלטן ביים אויפבויען דעם בית־המקדש, טאָר מען נישט מבטל זיין די קינדער פונ׳ם לערנען״ (שבת דף קי״ט עמוד ב׳).

און ווען עס האָט זיך אמאָל געהאַנדעלט וועגן דעם כבוד פון א תלמיד־חכם, איז ר׳ שמעון בן לקיש זעהר שטאַרק עמפּפינדליך געווען, און ווען עס האָט אמאָל איינער אַן עושר מבייש געווען דעם אמורא ר׳ יהודה בר חנינא, וואָס ריש לקיש פלעגט נאָכזאָגן פיעלע הלכות אויף זיין נאָמען, איז ווען עס האָט דערנאָך יענער עושר געוואָלט דעם ר׳ יהודה איבערבעטען, האָט איהם ריש לקיש געהייסען געבען קנס א פונט גאָלד. ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט אונזער ר׳ שמעון געזאָגט, אז „ווען איינער שפּייט אויס זיין שליים אין געגענוואַרט פון זיין רבי׳ן, איז ער חייב מיתה״ (ערובין דף צ״ט עמוד א׳).

ער האָט אויך געזאָגט, אז „ווען א תלמיד־חכם באַגעהט א פעהלער, דאַרף מען איהם נישט צורעכט־ווייזען עפענטליך״ (מועד קטן דף י״ז עמוד א׳).

מאַנכעס מאָל איז א שטערונג ביים לערנען גאָר א נייע באַגרינדונג פון דער תורה — האָט אונזער ר׳ שמעון אמאָל געזאָגט — אזוי איז אויך גע־ווען, ווען משה רבנו האָט צעבראָכען די ערשטע לוחות, האָט איהם דער אויבערשטער געהייסען מאַכען אַנדערע לוחות אַנשטאָט יענע, וואָס ער האָט צובראָכען. דאַביי האָט דער אויבערשטער באַנוצט דעם אויסדרוק „אשר שברת״, מיינט דאָס, אז דער אויבערשטער האָט געזאָגט: „יישר כחך, וואָס דו האָסט זיי צובראָכען!״ (מנחות דף צ״ט עמוד א׳).

ווען עס קומען אמאָל צרות אויף דער וועלט — האָט ר׳ שמעון ווייטער געזאָגט — איז דער איד דער ערשטער, וואָס דערפיהלט זיי. און ווען עס קומט אמאָל א שמחה אויף דער וועלט, איז אויך דער איד דער ערשטער, וואָס דערפיהלט זי (איכה רבתי פרשה ב׳ פיסקא ג׳).

א „גר״ איז ליעבער ביים אויבערשטען ווי א איד, אפילו ווי יענע אי־דען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ׳ן באַרג סיני און דער אויבערשטער צאַצ־קעט זיך מיט זיי. פאַרוואָס? ווייל ווען נישט די דונערען און די בליצען, דאָס שטורמען פון די בערג און דאָס שרעקליכע בלאָזען פונ׳ם הימלישען שופר, ווי עס איז פאַרגעקומען ביי „מתן תורה״, וואָלטען די אידען נישט אָנגענומען די תורה. אָבער דער „גר״, וועלכער האָט דאָס אַלעס נישט גע־זעהען און נישט געהערט, איז געקומען און ער האָט זיך מיט זיין אייגענעם ווילען איבערגעגעבען צום אויבערשטען. קען זיין עטוואָס מעהר געליעבטעס פון איהם? (תנחומא פ׳ לך לך).

זאָגט דאַרויף ר׳ שמעון בן לקיש, אז „ווער עס פאַרבויגט דאָס רעכט פון א גר, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט פאַרבויגען דאָס רעכט פונ׳ם הימעל״ (חגיגה דף ה׳ עמוד א׳).

דאָס גאַנצע לעבען פונ׳ם מענש — האָט ריש לקיש געהאַלטען — דאַרף דער מענש גאָר נישט מעהר טהון, ווי נור „לערנען״ — און וואָס דער אויבער־שטער האָט באַשאַפען די נאַכט, האָט ער זי באַשטימט בלויז פאַר לערנען (ערובין דף ס״ה עמוד א׳) — און אמאָל אויף א שבת׳דיגען שפּאַציר איז ריש לקיש אזוי שטאַרק פאַרטיעפט געווען אין נאָכקלערען וועגן לערנען, אז ער איז אַזש אומבאַוואוסט אַרויסגעגאַנגען פונ׳ם „תחום״ (ירושלמי ברכות פרק א׳ הלכה א׳).

יהודה און חזקיה — די קינדער פון רבי חייא

ר׳ חייא רבה בר אבא, וועגן וועלכען מיר האָבען געשריבען אינ׳ם ערשטען טייל פון „אונזערע גייסטיגע ריעזען", האָט געהאַט צוויי זיהן, י ה ו ד ה און ח ז ק י ה. האָט אַמאָל ר׳ יהודה הנשיא געהאַט מיט זיי אַ שאַרפען אַרגומענט, ווען זיי זיינען געזעסען שטיל ביי זיין טיש און זיי האָבען נישט גערעדט קיין וואָרט, האָט דער נשיא אַ זאָג געטהון צו זיינע מענשען : „גיסט אָן ווייין פאַר די דאָזיגע צוויי יונגע לייט, אַז ווען דער ווייין וועט זיי אַריינקריכען אין קאָפּ זאָלען זיי עטוואָס זאָגען ! "

האָט מען געפאָלגט, וואָס דער נשיא האָט געהייסען, און אַזוי ווי די צוויי יונגע לייט זיינען געוואָרען אויפגעהייטערט פונ׳ם ווייין, האָבען זיי געזאָגט : „משיח קען נישט קומען, ווי לאַנג עס זיינען נישט פאַרניכטעט די צוויי רעגירענדע הייזער פונ׳ם אידישען פאָלק, דאָס איז דאָס הויז פונ׳ם ראש־גולה אין בבל און דאָס הויז פונ׳ם נשיא אין ארץ־ישראל ! " — און אַ ראיה צו דעם דאָזיגען זאָג זייערען האָבען זיי געבראַכט פונ׳ם פּסוק „והיה למקדש ולאבן נגף ולצור מכשול לשני בתי ישראל".

איז דאָן דער נשיא געוואָרען אין כעס און ער האָט אויף דעם געזאָגט : „איהר וואַרפט מיר דערנער אין די אויגען ! " (זעה סנהדרין דף ל"ח עמוד א׳) — און ווי מען קען זעהען, האָבען שוין די דאָזיגע צוויי יונגע לייט נישט געקראָגען קיינמאָל קיין „סמיכה". טראָצדעם ווערען זיי ביידע אָנגערופען „אמוראי דמערבא" (בבא בתרא דף ע"ה עמוד א׳).

דער עלטערער ברודער, יהודה, ווערד אויך מאַנכעס מאָל טיטולירט „רבי". איז אָבער מעגליך, אַז דאָס איז אַ טעות אין דער גמרא.

ווי עס דאַכט זיך, זיינען ביידע ברידער יונגערהייט געשטאָרבען. אָט דאָס וואָלט אויך געווען גאַנץ נאַטירליך, ווייל — ווי עס ווערד דערצעהלט — זיינען זיי געווען אַ צווילינג און די געבורט זייערע איז געווען אַ מערק־ווירדיג אויסטערלישע. איין ברודער איז געווען עלטער פונ׳ם צווייטען מיט דריי מאָנאַטען (!). איינער איז געבוירען געוואָרען ביים אָנהויב פונ׳ם זי־בעטען חודש און דער אַנדערער איז אָנגעקומען ערשט ביים סוף פונ׳ם ניינ־טען חודש (זעה יבמות דף ס"ה עמוד ב׳).

צוזאַמען מיט זייער פאָטער, ר׳ חייא, זיינען די דאָזיגע צוויי יונגע לייט געקומען פון בבל — און זיי זיינען שוין דאַמאָלס געווען דערוואַקסענע מענשען און באַהאַוועגט אין לערנען. ווי עס ווערד געזאָגט, איז דאַ־מאָלס די תורה געווען אין גאַנצען ווי פאַרגעסען געווען אין ארץ־ישראל, איז גע־קומען ר׳ חייא מיט זיינע קינדער און זיי האָבען זי אויפ׳ס ניי באַגרינדעט (סוכה דף כ׳ עמוד א׳). עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז ווי לאַנג זיי האָבען געלעבט איז נישט געשלאָגען געוואָרען דער פלאַקס אין ארץ־ישראל און עס איז דאָרט נישט זויער געוואָרען דער ווייין אין זייער זכות (חולין דף פ"ו עמוד א׳, ירושלמי מעשר שני פרק ה׳ הלכה ה׳). און ווען עס איז אַמאָל אַ

לענגערע צייט נישט געגאַנגען קיין רעגען און דער נשיא האָט באַשטימט צוליעב דעם אַ תענית, האָט ער אוועקגעשטעלט ר׳ חייא׳ן און זיינע קינדער פאַר׳ן „עמוד״, זיי זאָלען בעטען אויף אַ רעגען, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז דער אויבערשטער וועט זיך צוהערען צו זייער תפילה (בבא מציעא דף פ״ה עמוד ב׳).

נאָך׳ן טויט פון זייער פאָטער האָבען זיךביידע ברידער אָפּגעגעבען מיט באַארבייטען זייערע פעלדער (ביצה דף ט׳ עמוד ב׳). און אַזוי ווי זיי זיינען דאַן געווען ווייט פון׳ם בית־המדרש, האָבען זיי זיך אַמאָל ביידע פאַנאַנדערגערעדט, אַז דער פאָטער זייערער איז׳ם קבר האָט אפשר צער, וואָס זיי האָבען שוין פאַרגעסען דאָס לערנען (זעה ברכות דף י״ח עמוד ב׳).

שטעקט וואַהרשיינליך אין אָט דעם שמועס עפּיס אַ באַהאַלטענע מליצה, ווייל חאָטש די צוויי ברידער האָבען נישט געקראָגען קיין סמיכה, זיינען זיי פון דעסטוועגען געווען פראָמינענט אַלס חכמים. יהודה׳ס נאָמען ווערד אָפּטמאָל דערמאָנט ביי פאַרשיעדענע הלכות און נאָך מעהר ווערד דערמאָנט חזקיה׳ס נאָמען, וואָס ווי עס דאַכט זיך, האָט ער צונויפגעשטעלט אַ זאַמלונג פון ברייתות. זיינע מיינונגען ווערען אויך אָפטמאָל ציטירט אין תלמוד בבלי מיט „תני דבי חזקיה״ און אין ירושלמי הייסט עס „תני חזקיה״.

יהודה, דער עלטערער ברודער, איז געווען אַן איידעם ביי ר׳ ינאי רבה, און ווי עס דאַכט זיך, איז ער געשטאָרבען, ווען דער שווער האָט נאָך געלעבט. ווי עס ווערד דערצעהלט, פלעגט אונזער יהודה זיצען אַ גאַנצען טאָג אין בית־המדרש און פאַר־נאַכט פלעגט ער אהיים־קומען. איז ער איינמאָל נישט געקומען אין צייט, האָט ר׳ ינאי געהייסען פאַרדעקען זיין בעט, ווייל ער דענקט, אַז ער איז זיכער געשטאָרבען (כתובות דף ס״ב עמוד ב׳).

און ווי ווייט ר׳ ינאי האָט געהאַלטען פון זיין איידעם, קען מען זעהען פון דעם, וואָס עס ווערד דערצעהלט, אַז ווען יהודה פלעגט קומען יעדען פרייטאָג באַזוכען זיין שווער. איז דאַן ר׳ ינאי געזעסען אויף אַ הויכען באַרג, ער זאָל קענען זעהן, ווי דער איידעם קומט אָן. און ווען ער האָט פון וויטען דערזעהן דעם איידעם אָנקומען, פלעגט ער באַלד אויפשטעהן פון זיין כבוד וועגען. און ווען עס האָבען איהם אַמאָל די תלמידים זיינע געפרעגט, צו וואָס ער טהוט דאָס, האָט ער זיי געזאָגט, אַז דער איידעם זיינער איז ווי דער באַרג סיני אַזוי הייליג, און ביים סיני טאָר מען נישט זיצען (זעה ירושלמי בכורים פּרק ג׳ הלכה ג׳).

באַטראַכטענדיג יהודה׳ס אויסשפּרוכען וועגען פאַרשידענע פראַגען פון׳ם לעבען, קען מען בעסער פאַרשטעהען, ווען מען באַדענקט די געשעהענישען פון יענער צייט, ווי די רוימישע רעגירונג האָט אָנגעטהון כל־ערליי צרות צו אידען, האָט זיי באַשרענקט אין זייערע רעכטע, אַרויפגעלייגט אויף זיי שרעקליך גרויסע שטייערען און צושטערט זייערע „ישיבות״.

אָט די שטראָף, האָט מען געדענקט, קומט צוליעב די זינד פון די מענשען. האָבען דאַן פיעלע מענשען תשובה געטהון אויף זייערע זינד און די שטראָף איז אַלץ נישט פאַרשוואונדען. האָט יהודה געזאָגט: „תשובה ווירקט אויף אַ העלפט פון דער שטראָף און תפלה ווירקט אויף דער גאַנצער שטראָף״ (ויקרא רבה פרשה י׳ פיסקא ח׳), אָבער די יסורים פון׳ם גלות — פלעגט ער ביי אַנדערע געלעגענהייטען צוגעבען — זיינען מכפּר אויף דער אַנדערער העלפט זינד, דער מענש זאָל נישט דאַרפען ליידען קיין שטראָף אויף יענער וועלט (סנהדרין דף ל״ז עמוד ב׳).

פלעגט מען אין די צייטען פון אט יענע צרות אוועקשטעלען איינעם, ער זאל בעטען צום אויבערשטען וועגען א ישועה, און ווען די ישועה איז נישט אזוי באלד געקומען, איז דאס געווען אן אורזאך, דער עולם זאל פארלירען דעם גלויבען. האט דאן יהודה געזאגט, אז „יעדער תלמיד־חכם, וואס גיט זיך אפ מיט לערנען, נישט קוקענדיג אויף זיין נויט, ווערד זיין תפלה געהערט" (סוטה דף מ"ט עמוד א').

ווי פיעלע אנדערע פון זיין צייט האט יהודה נישט געהאט גענוג ווערטער, צו שילדערן די ווערדע פון דער תורה — און ער האט געזאגט, אז „תורה איז א הייל־מיטעל פאר יעדער קראנקהייט פונ'ם מענשען. דער חלוק איז נור, וואס ביי יעדען אנדערען הייל־מיטעל קען זיין, אז עס איז גוט פאר איין אבר און שלעכט פאר אן אנדערען אבר. דאגעגען איז די תורה א הייל־מיטעל פאר'ן גאנצען קערפער (ערובין דף נ"ד עמוד א'). עהנליך צו דעם זאגט חזקיה וועגען דער תורה, אז „איהרע ווערטער זיינען א קרוין פאר'ן קאפ, א הערליכע צירונג פאר'ן האלז, א דערקוויקעניש פאר'ן הארץ, א זאלב פאר די אויגען און א באלזאם פאר די וואונדען" (ויקרא רבה פרשה י"ב פיסקא ג').

פון חזקיה'ס אויסשפרוכען זיינען כאראקטעריסטיש די פאלגענדע:

דאס וויכטיגסטע אין דער וועלט — האט ער געזאגט — איז דער שלום. אלע מצוות פון דער וועלט הייסט דער פסוק מקיים זיין, ווען זיי קומען צו דער האנד. ווען איינער זעהט אדער ער באגעגענט א געוויסע זאך, דארף ער אזוי און אזוי טהון, אבער ווען מען זעהט נישט און מען באגעגענט נישט די זאך, וויל מען האט נישט צו דעם די געלעגענהייט, דארף מען דאס נישט טהון. האנדעלט זיך אבער וועגען שלום, מוז מען איהם זוכען, וויל מען מוז זיך פשוט יאגען נאך דער מצוה. די ווערדע פונ'ם שלום איז אזוי גרויס, אז אומעטום וואו אידען האבען געוואנדערט, ווען זיי זיינען ארויס־געגאנגען פון מצרים, זאגט דער פסוק „ויסעו־ויחנו" (אין לשון רבים), וויל זיי זיינען געוואנדערט אין מחלוקות און זיי האבען זיך אפגעשטעלט אין מחלוקות. און אזוי ווי זיי זיינען אבער צוגעקומען צום בארג סיני, שטעהט שוין „ויחן ישראל" (אין לשון יחיד), וויל זיי האבען זיך דארט אפגעשטעלט אין שלום, מיט איין געדאנק און מיט איין וואונש. דאמאלס האט דער אויבערשטער געזאגט: „יעצט איז געקומען די צייט, איך זאל געבען די תורה צו מיינע קינדער" (ויקרא רבה פרשה ט' פיסקא ט').

פארשיעדענע חכמים פלעגען פארגלייכען דאס אידישע פאלק צו שטילע חיות אדער עופות, וואס ליידען און שווייגען. מעהרסטענטיילס האט מען פארגליכען די אידען צו א שעפעלע, האט דאס חזקיה באגרינדעט, אז דאס איז דערפאר, וויל ווען מען שלאגט א שעפעלע איבער'ן קאפ אדער איבער אן אנדער אבר, פיהלען עס אלע איבריגע אברים פונ'ם שעפעלע. אזוי זיי־נען אויך די אידען, ווען עס זינדיגט איינער פון זיי קריגען דאס אלע צו שפירען (ויקרא רבה פרשה ד' פיסקא ו'). איז אפילו די לאגיק פון דעם דאזיגען פארגלייך נישט זעהר אויסגעהאלטען, וויל ווען מען שלאגט אנדערע חיות איבער'ן קאפ אדער איבער אן אנדער אבר פון זייער קערפער, שפירען זיי אויך דעם שמערץ אינ'ם גאנצען גוף.

זעהר גוט געטהון האבען די נביאים — האט חזקיה געזאגט — וואס ווען זיי האבען געוואלט שילדערן די קראפט פונ'ם אויבערשטען, האבען זיי פארגליכען דאס באשאפענע צום באשעפער און דאס געוויקס צום פלאנצער,

האָבען זיי פאַרגליכען דעם אויבערשטען׳ס שטים צו דער שטים פון אַ לייב אָדער צו דער שטים פון פיעלע וואַסערען, ווייל דאָס אויער קען נור הערען אַזעלכעס, וואָס פּאַסט זיך צו׳ן איהם, ער זאָל עס קענען באַנעהמען. מען דאַרף אויך דעם מענשען ווייזען בלויז אַזעלכעס, וואָס ער קען זעהען (מדרש שוחר טוב פרשה א׳ פּיסקא ד׳).

ווער עס וויל עטוואָס צוגעבען צו אַ זאַך, וועלכע ער האָט געהערט, אום די דאָזיגע זאַך שטאַרקער צו מאַכען, דער מאַכט זי געוועהנליך נאָך שוואַכער (כל המוסיף גורע). אַ ראיה צו דעם איז, וואָס דער אויבערשטער האָט נישט געהייסען עסען פונ׳ם „עץ הדעת״, און ווען חוה האָט דאָס דערצעהלט צו דער שלאַנג, האָט זי צוגעגעבען, אַז דער אויבערשטער האָט אויך נישט געהייסען דעם בוים אָנריהרען. האָט זי די שלאַנג אַ שטופּ געטהון צום בוים, און אַזוי ווי זי איז נישט דערפון געשטאָרבען, האָט איהר די שלאַנג געזאָגט: „אַזוי ווי עס האָט דיר נישט געשאַדט, וואָס דו האָסט דעם בוים אָנגעריהרט, וועט עס דיר אויך נישט שאַדען, ווען דו וועסט פון׳ם בוים עסען!״ (סנהדרין דף כ״ט עמוד א׳).

נאָך דער מעשה פונ׳ם „עגל״ האָט משה רבנו געבעטען דעם אויבערשטען, ער זאָל די אידען מוחל זיין זייער זינד, האָט ער דערביי דעם אויבערשטען דערמאָנט, ווי ער האָט ביי זיך אַליין געשוואוירען צו אברהם יצחק ויעקב, אַז ער וועט זיינע קינדער מאַכען אַזוי פיעל ווי די שטערען אויף׳ן הימעל. האָט דאָס חזקיה דערקלערט, אַז משה רבנו האָט אַזוי געזאָגט צום אויבערשטען: „ווען דו וואָלסט ביי הימעל און ערד געשוואוירען, וואָלסטו געקענט נישט האַלטען די שבועה, ווייל אַזוי ווי הימעל און ערד קענען פאַרשווינדען, אַזוי קענסטו בטל מאַכען די ווערדע פון דיין שבועה. האָסטו אָבער ביי דיר אַליין געשוואוירען, דאָס הייסט, אַז אַזוי ווי דו לעבסט אייביג, אַזוי איז דיין שבועה אַן אייביגע, מוזטו זיי דערפאַר מוחל זיין!״ (שמות רבה פּרשה מ״ד פּיסקא ח׳).

ווי מיר האָבען אינ׳ם ערשטען טייל פון „אונזערע גייסטיגע ריעזען״ דערצעהלט, איז רבנו הקדוש געווען אַ חשוב ביי די מענשען פון דער רעגירונג, האָט דאָס וואַהרשיינליך פאַראורזאַכט, וואָס אַנדערע אידען האָבען זיך געסטאַרעט צו מאַכען פריינדע צווישען די רוימער, און ווי עס איז געוועהנליך דער שטייגער ביי אידען, אַז ווען זיי חבר׳ן זיך מיט אַ גוי, פאַרגעסען זיי זיך באַלד, אַז זיי האָבען צו טהון מיט אַ שונא. האָבען זיך די אידען פון יענער צייט וואַהרשיינליך אויך אַזוי נוהג געווען. האָט חזקיה דאַדורך געזאָגט: „ווער עס פאַרבעט צו זיך אַ גוי און ער באַווירטעט איהם, דער פאַרלענגערט דאָס גלות פאַר זיינע קינדער״ (סנהדרין דף ק״ד עמוד א׳).

ס׳איז נישט באַקאַנט, אין וואָסער שטאָדט יהודה האָט געוואוינט, אָבער וועגען חזקיה איז דערמאָנט, אַז ער האָט געוואוינט אין טבריה (מגלה דף ה׳ עמוד ב׳), און האָטש ער איז נישט געווען קיין „מוסמך״, האָט ער פון דעסטוועגען געהאַט זעהר פּראָמינענטע תלמידים, וואָס איינער פון זיי איז געווען ר׳ יוחנן, און ווי לאַנג חזקיה האָט געלעבט, איז ר׳ יוחנן נישט געווען קיין ראש־ישיבה (זעה תוספות גטין דף פ״ד עמוד ב׳).

ביידע ברידער זיינען וואַהרשיינליך אין איין צייט געשטאָרבען, זיי ליגען אויך ביידע באַגראָבען צוזאַמען מיט זייער פאָטער, ר׳ חייא. יהודה, דער עלטערער, ליגט ביי דער רעכטער זייט—און חזקיה, דער אינגערער, ליגט ביי דער לינקער זייט (מועד קטן [illegible]ד א׳).

רבי ינאי רבה

אין דער שטאָדט עכברא, וועלכע האָט געהייסען אויף גריכיש „אכבאריא" און זי האָט זיך געפונען אינ'ם אויבערשטען גליל, אַ שעה וועג צו דרום־זייט פון צפת, האָט געלעבט און אָנגעפיהרט אַן אייגענע ישיבה — ר ב י י נ א י ר ב ה (זעה ירושלמי ערובין פרק ח' הלכה ד').

אָט דעם דאָזיגען אמורא האָט מען נישט גערופען אויפ'ן נאָמען פון זיין פאָטער, האָט מען איהם דאַדורך אָפטמאָל טיטולירט „רבה". מען האָט איהם אויך גערופען סתם ר' ינאי, כדי מען זאָל איהם נישט פאַרוועקסלען מיט אַ צעהנדליג אַנדערע אמוראים, וועלכע האָבען אויך געהייסען ינאי, אַ שטייגער ווי: ר' ינאי אחוה דר' חייא בר אבא, ר' ינאי ב"ר שמואל, ר' ינאי בר נחמני וכדומה.

ר' ינאי רבה איז געווען פון עלי הכהן'ס משפחה (ירושלמי תענית פרק ד' הלכה ב') און ער איז אויך געווען געבענשט מיט אַ גרויס עשירות פון פעלדער און גערטנער (בבא בתרא דף י"ד עמוד א'), און ווי אַנדערע האָבען דערצעהלט, האָט ער פאַרמאָגט פיער הונדערט וויינגערטנער (מועד קטן דף י"ב עמוד א'), די טעכטער זיינע האָבען זיך אויך זעהר שטאָלץ געהאַלטען און דער מאַן, וואָס האָט איינע פון זיי געוואָלט נעהמען פאַר אַ פרוי, האָט דאָס נישט געקענט טהון פאַר וויניגער ווי אַ שעפעל גאָלדענע רענדלעך (קדושין דף י"א עמוד א').

האָבען ר' ינאי'ס תלמידים געאַרבייט אין די דאָזיגע פעלדער און וויינגערטנער, וואו זיי האָבען זיך דערנעהרט אַלע אין־איינעם אויף אַ חבר'ישען שטייגער. עס איז אויך אָנצונעהמען, אַז ר' ינאי'ס ישיבה האָט עקסיסטירט ביי די זעלבע באַדינגונגען לאַנגע יאָהרען נאָך זיין טויט — און די הלכות, וואָס זיינען דאָרט דאַמאָלס געלערענט געוואָרען, זיינען באַקאַנט אין דער גמרא אויפ'ן נאָמען פון „דבי ר' ינאי", אָדער „בית ר' ינאי".

ווי עס ווערד פון מאַנכע היסטאָריקער באַהויפטעט, איז ר' ינאי געווען אַ תלמיד פון ר' יהודה הנשיא. איז דאָס אָבער לחלוטין נישט זיכער. מיט באַשטימטהייט קען בלויז געזאָגט ווערען, אַז ער איז געווען אַ תלמיד פון ר' חייא, וועלכער האָט איהם פאָראויסגעזאָגט: „עתיד אתה להנהיג שררה על ישראל" (זעה יבמות דף צ"ג עמוד א' און ירושלמי דמאי פרק ז' הלכה א'). שפּעטער האָט זיך ר' ינאי גע'חבר'ט מיט ר' חייא און ר' יהודה ב"ר חייא איז געווען זיין איידעם (כתובות דף ס"ב עמוד ב', ירושלמי בכורים פרק ג' הלכה ג'). און ווען דער „נשיא" איז געשטאָרבען *), האָט ר' ינאי געלאָזט אויסרופען איבער דער שטאָדט, אַז „היינטיגען טאָג איז נישט פאַרהאַנען קיין כהונה" און יעדער

*) אין די אויבען־ציטירטע מאמרים פונ'ם ירושלמי איז דער וכוח, צי אַ כהן מעג זיך מטמא זיין ביי דער קבורה פון אַ „נשיא". שטעהט דאָרט, אַז ווען ר' יודן נשיאה איז געשטאָרבן, האָט ר' ינאי געזאָגט, אַז אַלע כהנים זאָלען זיך מטמא זיין. זאָגען די עלטערע מפרשים, אַז עס האָט זיך דאָרט געהאַנדעלט וועגען רבנו הקדוש (ר' יהודה הנשיא). אָבער לויט דער מיינונג פון מאָדערנע פאָרשער האַנדעלט זיך דאָרט וועגען ר' יהודה נשיאה, דעם אייניקעל פון רבנו הקדוש, ווייל ווען רבנו הקדוש איז געשטאָרבען, זיינען אַנדערע מענשען געווען טהעטיג ביי זיין לויה און מען האָט נאָך דעמאָלט גאר נישט געהערט פון ר' ינאי.

כהן מעג זיך מתעסק זיין ביי דער קבורה (ירושלמי ברכות פרק ג' הלכה א' און נזיר פרק ז' הלכה א').

ביי אן אנדערער געלעגנהייט ווערד דערצעהלט, אז ווען ר' ינאי איז שוין געווען אלט און ער איז געגאנגען, אנגעלעהנט אויף די אקסלען פון זיין משרת, אויף'ן אמורא ר' שמלאי, האט ער זיך אמאל באגעגנט מיט ר' יהודה נשיאה (דעם צווייטען), האט ר' ינאי אנגעטאפט דעם נשיא'ס מאנטעל און א זאג געטהון: „דער מאנטעל האט אויף דיר א פנים ווי א זאק!" — וועלענדיג מיט דער דאזיגער באמערקונג זאגען, אז דער מאנטעל פון א נשיא פאסט זיך נישט פאר זיין טרעגער. דערנאך האט ער ביי ר' יהודה נשיאה געפרעגט א שאלה וועגען דעם דין פון א ירושה, און נאכדעם ווי ר' יהודה נשיאה האט איהם געענטפערט, האט ר' ינאי א זאג געטהון צו ר' שמלאי: „קום, פיהר מיך אוועק פון דאנען, ווייל דער מענש דא וויל גאר נישט לערנען!" (בבא בתרא דף קי"א עמוד א').

ווי עס דאכט זיך, האבען דאמאלס די רוימער נישט ארויסגעגעבען קיין באזונדערע גזרות געגען אידען, חאטש די קייזארים פון יענער צייט — קאראקאלא, מאקרינס און העליאגאבאל — זיינען באקאנט אין דער געשיכטע אלס פשוט'ע אויסוואורפען און די צייט פון זייער רעגירונג איז ווי א שאנדפלעק. ווייל דאדורך אזא היסטאריקער ווי גרעץ באהויפטען, אז וואס ר' ינאי האט געזאגט: „אין בידנו לא משלות הרשעים ואף לא מיסורי הצדיקים" (אבות פרק ד' משנה ט"ו), איז דאס געווען אן אנצוהערעניש אקעגען דער פאליטישער לאגע פון די אידען אין ארץ ישראל *).

איינמאל בלויז, ווען קייזער קאראקאלא האט געפיהרט זיין ארמיי דורך ארץ־ישראל, צו קעמפען געגען די פארטהער, און דער קייזער האט געצוואונגען די אידען צו ארבייטען אין די פעלדער אין א יאהר פון „שמיטה", ווייל ער האט געוואלט, אז די אידען זאלען שפייזען זיין ארמיי, האט ר' ינאי געהייסען אקערען און זייען די פעלדער אין א שמיטה־יאהר, ניט אויף בטל צו מאכען מצות שמיטה, נור ווייל די לאגע פון דער צייט האט עס פארלאנגט (זעה סנהדרין דף כ"ו עמוד א', ירושלמי שביעית פרק ד' הלכה א').

מיט א באזונדערער ליעבע פלעגט ר' ינאי שטענדיג דערמאנען די צייטען פון זיין יוגענד, ווען די יונגע לייט פלעגען ארויסגעהען אין גרופען באלעהרנען דעם ברייטען עולם און יעדע גרופע האט באגרינדעט איהרע מיינונגען אויף אן אנדערען אופן. אין געגענזאץ צו דער מיינונג פון ר' יהודה הנשיא, וועלכער האט אנגעזאגט, נישט צו לערנען אויף דער גאס, פלעגט ר' ינאי זאגען, אז ווען תלמידי חכמים לערנען אין די גאסען, זיינען זיי ווי בשמים'דיגע פעלדער, וואס פארשפרייטען זייער גוטען ריח (שיר השירים רבה פרשה ה' פיסקא י"א).

אן אנדער מאל האט ר' ינאי געזאגט, אז די תורה איז געגליכען צו א לאבען ברויט, וועלכער הענגט אין א הויז אויף א שטריקעל, דענקט זיך דער נאר: „ווער קען דאס דאזיגע ברויט ארונטערברענגען?" — זאגט אבער דער קלוגער: „האט דען נישט אימיצער דאס ברויט אויפגעהאנגען? וועל איך צוזאמענקלאפען צוויי דרענגלעך איינס צום אנדערען, ביז איך וועל דעם לאבען ארונטערקריגען!" — אזוי זאגט אויך דער נאר: „ווער קען לערנען די תורה, וואס מיין רבי האט אין זיין הארץ?" — אבער דער קלוגער מענש זאגט: „און מיין רבי האט דען נישט געלערענט זיין תורה פון אן אנדערן? טא וועל איך לערנען צוויי

*) לויט „סדר הדורות" שטאמט דער דאזיגער מאמר פון א פריהערען ר' ינאי, וועלכער איז געווען א „תנא".

הלכות היינט און צוויי הלכות מארגען, ביז איך וועל אויסלערנען די גאנצע תורה פון מיין רבי׳ן! ״ (שיר השירים רבה פרשה ב׳ פיסקא ח׳).

פון דעסטוועגען האט ר׳ ינאי געזאגט, אז ווער עס לערנט זיין גאנצע תורה ביי איין רבי׳ן, קען נישט קיינמאל זעהען אין דעם קיין ברכה (עבודה זרה דף י״ט עמוד א׳), און ווען עס האט אימיצער געלערענט און ער האט נישט באדינט קיין תלמידי־חכמים, איז ער ווי א גוי (סוטה דף כ״ב עמוד א׳), און טאמער געפינט זיך ערגעץ א כהן, וועלכער איז נישט קיין בן־תורה, מעג אן אנדערער כהן עסען תרומה אויף זיין קבר, ווייל ער איז נישט מטמא (תנחומא פ׳ תרומה). און האט אמאל ר׳ ינאי באגעגענט א מענש מיט תורה אהן יראת־שמים, האט ער וועגען איהם געזאגט: „וועה צו די מענשען, וואס האבען נישט קיין הויז, נור זיי מאכען זיך בלויז א טהיר צו׳ן א הויז!״ (שבת דף ל״א עמוד ב׳).

אמאל, ווערד דערצעהלט, איז ר׳ ינאי געזעסען אין זיין שטוב און האט גע־לערנט, האט ער פלוצים געהערט, ווי איינער רופט אויף דער גאס: „ווער וויל קויפען א מיטעל פאר׳ן לעבען?״ — האט ער ארויסגעשיקט זיין טאכטער, דעם הענדלער אריין צו רופען, האט איהם דער הענדלער געזאגט: „נישט דו און נישט דיינסגלייכען נויטיגען זיך אין מיין מיטעל! ״ — און ווען ר׳ ינאי איז צום הענדלער צוגעשטאנען, ער זאל איהם דאס מיטעל פארקויפען, האט דער הענדלער אויפגעעפענט דעם ספר תהלים און ער האט דארט אנגעוויזען אויף די פסוקים: „מי האיש החפץ חיים, אוהב ימים לראות טוב? נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה! ״ — האט דאן ר׳ ינאי געזאגט, אז דאסזעלבע זאגט אויך שלמה המלך אין משלי: „שומר פיו ולשונו, שומר מצרות נפשו״. לסוף האט ר׳ ינאי געגעבען יענעם הענדלער זעקס גולדען פאר זיין מיה און ער האט געזאגט צו זיינע תלמידים: „אלע מיינע טעג האב איך געלייענט דעם דא־זיגען פסוק און איך האב איהם נישט קיינמאל פארשטאנען אין דעם זין, ווי איך פארשטעה איהם אצינד״ (ויקרא רבה פרשה ט״ז פיסקא ב׳).

ר׳ ינאי איז געווען א „גבאי צדקה״ אין זיין שטאדט (ערכין דף ו׳ עמוד ב׳), אבער ווען ער האט געגעבען צדקה, האט ער דאס געטהון אין געהיים. האט ער אמאל געזעהען, ווי איינער גיט א נדבה צו אן ארימאן פאר אנדערע מענשען אין די אויגען, האט ער א זאג געטהון צום נדבן: „עס וואלט בעסער געווען, דו זאלסט גאר נישט געבען, ווייל ווען דו האסט געגעבען די נדבה, האסטו דעם ארימאן פארשעהמט! ״ (חגיגה דף ה׳ עמוד א׳).

אלס „גבאי צדקה״ איז איהם וואהרשיינליך אפטמאל אויסגעקומען, צו האבען צו טהון מיט מענשען, וואס האבען צוגעזאגט נדבות און זיי האבען נישט געהאלטען זייער צוזאג. האט דאס איהם שטענדיג זעהר געערגערט און ער פלעגט זאגען: „ווען איינער טהוט א נדר, שרייבט מען עס אויבען איין אין א בוך, און פארשפעטיגט ער צו באצאהלען דעם נדר, מערקט מען עס אן אין יענעם בוך״ (ירושלמי נדרים פרק א׳ הלכה ו׳).

קיינמאל — האט ר׳ ינאי אנגעזאגט — זאל זיך א מענש נישט אוועק־שטעלען אויף א פלאץ פון סכנה אינ׳ם גלויבען, אז עס וועט איהם געשעהען א נס, ווייל טאמער וועט איהם נישט געשעהען קיין נס, און ווען עס וועט איהם יא געשעהען א נס, וועט מען איהם זיכערליך ארונטעררעכענען פון זיין לויהן אויף יענער וועלט (שבת דף ל״ב עמוד א׳). און ווי אפגעהיט ר׳ ינאי איז געווען, ניט צו פארלאזען זיך אויף נסים, ווערד דערצעהלט, אז ווען ער האט אמאל געדארפט אריבערגעהען איבער א בריקעל, האט ער צוערשט גוט אויספרובירט דאס בריקעל, און איידער ער איז נישט געווען זיכער מיט איהר

פעסטקייט, איז ער נישט אריבערגעגאנגען (תענית דף כ׳ עמוד ב׳). און ווען ער האט אמאל געדארפט ערגיץ געהען אין וועג אריין, האט ער פריהער איבער־געלאזען א צוואה, אז טאמער קומט ער נישט צוריק, זאלען די הויזמענשען זיינע וויסען, וואס צו טהון (ירושלמי ברכות פרק ד׳ הלכה ד׳).

ר׳ ינאי פלעגט אויך זאגען: „שטענדיג דארף א מענש אפגעבען כבוד צום מלכות, גלייך ווי משה רבנו האט געטהון. ווען ער האט אנגעזאגט צו פרעה וועגען דער „מכת בכורות", האט ער גוט געוואוסט, אז פרעה וועט איהם אליין קומען בעטען, ער זאל ארויספיהרען די אידען פון מצרים. פון דעסטוועגען האט ער דאמאלס נישט געזאגט אז פרעה וועט איהם קומען בע־טען, נור ער האט געזאגט, אז פרעה וועט שיקען צו איהם זיינע קנעכט (זבחים דף ק״ב עמוד א׳).

ער פלעגט דעסגלייכען זאגען: „וואס דער פסוק זאגט, אז אלע טעג פונ׳ם ארימאן זיינען שלעכטע, מיינט דאס א מענש, וועלכער איז פול רחמנות" (בבא בתרא דף קמ״ה עמוד ב׳).

אין דער צייט פון ר׳ יהודה נשיאה דעם צווייטען זיינען ענדגילטיג צוזאמענ־געשטעלט געווארן די ברייתות און די תוספתא׳ס און ביי ר׳ ינאי אין די אויגן זיינען די ברייתות פון ר׳ חייא פאררעכענט געווען ווי די משניות פון ר׳ יהודה הנשיא (זעה ירושלמי פסחים פרק א׳ הלכה ה׳ און יומא פרק ד׳ הלכה ב׳). עס דארף דא אויך דערמאנט ווערען, אז נאכדעם ווי עס זיינען דאמאלס בטל געווען די קרבנות און מען האט אנגעהויבען מעהר דאווענען, איז זעהר אינ־טערעסאנט א תפלה, וואס ר׳ ינאי רבה האט מתקן געווען.

— ווער עס וואכט אויף אין דער פריה פון זיין שלאף — האט ר׳ ינאי געזאגט — דארף מאכען א ברכה „ברוך מחיה המתים" און אויסערדעם דארף ער זאגען די פאלגענדע תפלה, וועלכע מיר ברענגען דא אהן אן איבערזעצונג צוליעב איהר שפראכליכער אייגענארטיגקייט: „רבונו של עולם, חטאתי לך! יהי רצון מלפניך, שתתן לי לב טוב, חלק טוב, יצר טוב, שם טוב, עין טובה, נפש שפלה ורוח נמוכה. אל יתחלל שמך בנו ואל תעשנו שיחה בפי הבריות ואל תהי אחריתנו להכרית ולא תקוותינו למפח נפש, ואל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם, שמתנתם מועטה וחרפתם מרובה, ותן חלקנו בתורתך עם עושי רצונך, ובנה ביתך והיכלך ועירך ומקדשך במהרה בימינו!" (ירושלמי ברכות פרק ד׳ הלכה ב׳).

ווי עס איז אנצונעמען, האט ר׳ ינאי איבערגעלעבט די צייטען פון פיער נשיאים, פון נאך ר׳ יהודה הנשיא ביז ר׳ יהודה נשיאה דעם צווייטען, וועל־כער איז געווען דער אור־אור־אייניקעל פון ר׳ יהודה הנשיא — און ווען ער האט געהאלטען ביים שטארבען, האט ער אנגעזאגט צו זיינע קינדער, אז ווען זיי וועלען איהם באגראבען, זאלען זיי איהם נישט באגראבען אין ווייסע קליי־דער, טאמער וועט איהם אויסקומען צו זיין אין גיהנם, וועט ער האבען א פנים ווי א חתן צווישען אבלים, דעסגלייכען זאלען זיי איהם נישט באגראבען אין שווארצע קליידער, ווייל טאמער וועט איהם אויסקומען צו זיין אין גן־עדן, וועט ער האבען א פנים ווי אן אבל צווישען חתנים (שבת דף קי״ד עמוד א׳).

רבי יונתן בן אלעזר

צווישען די תלמידים פון ר׳ חייא רבה האט זיך אויסגעצייכענט איינער, רבי יונתן בן אלעזר, וועלכער ווערד מאנכעס מאל טיטולירט „שר הבירה" אדער „איש הבירה", וואס מיר האבען נישט וועגען דער באדייטונג פון אט דעם טיטעל קיין ערקלערונג, און אפטמאל פלעגט מען איהם אנרופען פשוט ביים נאמען אהן יעדען טיטעל און אהן דעם נאמען פון זיין פאטער (סתם ר׳ יונתן).

איז דער דאזיגער ר׳ יונתן געווען הויפטזעכליך גרויס אין „אגדה". צו יעדער געלעגענהייט פלעגט ער נעהמען א פסוק פון תנ"ך און איהם קונציג איינטייטשען, האט עס דאן פשוט אויסגעזעהן, גלייך ווי מען וואלט יענעם פסוק ביז צו זיין צייט גאר נישט פארשטאנען. הויפטזעכליך האט ער פון די איינגעטיישטע פסוקים ארויסגעלערענט, אפצוהיטען דעם אויבערשטען׳ס מצוות און צו פיהרען זיך מאראליש אקעגען מענשען.

די צייט איז דאמאלס געווען אזעלכע, וואס די ברייטע פאלקסמאסען האבען נישט מעהר ליעב געהאט צו הערען דרשות וועגען „הלכה" און אנשטאט דעם האבען זיי בלויז געוואלט הערען לעגענדארישע איינטייטשונגען פון פסוקים און וואונדערליך אויסגעפוצטע מעשיות וועגען די פערזאנען און די געשעהע־נישען, וואס זיינען דערמאנט אין תנ"ך, ווייל דאס האט געלאשטשעט זייער פאנטאזיע און צוגעצויגען דאס הארץ, אוועקטראגענדיג די מחשבות פון דער טרויעריגער ווירקליכקייט צו אן אויסגע׳חלום׳טער עקסיסטענץ מיט די שעהנס־טע בילדער.

איז טאקי אונזער ר׳ יונתן בלויז איין מאל דערמאנט אין הלכה (זעה שבת דף מ"ט עמוד א׳ וב׳) און הונדערטער מאל אין אגדה.

ווי עס דאכט זיך, איז ר׳ יונתן בן אלעזר געווען א סוחר פון תבואה און ער האט געוואוינט אין צפורי. דארט פלעגט ער זיך האלטען נאהנט צו ר׳ חנינא בר חמא און צו ר׳ ינאי, מיט וועלכע ער פלעגט אויך זעהר אפט „ארגומענטירען".

כאראקטעריסטיש פאר דער צייט, אין וועלכער אונזער ר׳ יונתן האט גע־לעבט, איז א מעשה, וואס ווערד דערצעהלט, אז עס איז אמאל געווען זעהר טייער ארבעס. איז ר׳ יונתן געגאנגען צו זיינעם א קרוב קויפען ארבעס, אדער ער האט געוואלט, אז דער קרוב זאל איהם העלפען קויפען ארבעס ביי אן אנדערען, האט איהם דער קרוב געזאגט א געוויסען פרייז פאר די ארבעס. האט זיך אבער געמאכט, אז ר׳ יונתן האט געדארפט קומען א צווייטען מאל וועגען די ארבעס, און ווען ער האט דאמאלס דעם קרוב זיינעם נישט געטראפען אין דערהיים, האט ער ביי אן אנדערן פון יענער שטאדט געפרעגט וועגען ארבעס, האט איהם יענער געענטפערט: „ווייס קען איך דיר פאר־קויפען ביליג, אבער ארבעט אז דו ווילסט, מוזטו טייער באצאהלען!"

האט איהם דערנאך דער קרוב זיינער באלעהרענט, אז „ווען איינער וויל קויפען ארבעס, דארף ער זאגען, אז ער וויל קויפען ווייץ, וועט מען איהם פאר־

קויפען ארבעס ביליג און אומגעקעהרט אויך אזוי" (מדרש שוחר טוב פרשה י"ב פיסקא ב').

וואהרשיינליך האָט אויך ר' יונתן אָנגעפיהרט אַ ישיבה מיט תלמידים און איינער פון די פּראָמינענטסטע צווישען זיי איז געווען ר' שמואל בר נחמני, וועלכער פלעגט שטענדיג איבערגעבען די דרשות פון ר' יונתן אין אגדה (אָמר ר' שמואל בר נחמני אמר ר' יונתן).

אַט דער ר' שמואל בר נחמני איז געקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל, ווייל ער האָט געוואָלט וויסען דעם פשט פון דריי פסוקים, וועלכע ער האָט נישט פאַרשטאַנען, דהיינו: „חדלו פרזון בישראל" (שופטים ה' ז'), „ועברה העברה לעביר את בית המלך" (שמואל ב' י"ט י"ט), „לאדני אלהינו הרחמים והסליחות" (דניאל ט' ט'). האָט ער דאַן געטראָפען ר' יונתן איש הבירה אויף דער גאַס, וועלכער האָט איהם די דאָזיגע דריי פסוקים צו זיין צופריע־דענהייט ערקלערט (מדרש שוחר טוב פרשה ג' פיסקא א').

לויט אַן אנדערן נוסח וועגען דעם דאָזיגען פאַרפאַל האָט ר' יונתן נישט געוואָלט די קשיות פון ר' שמואל בר נחמני פאַרענטפערען שטעהענדיג אין גאַס — און ער האָט איהם געזאָגט: „געה אין מיין בית־המדרש אריין, וועל איך דאָרט מיט דיר לערנען!"

האָט איהם ר' שמואל געוואָלט באווייזען, אַז מען דאַרף לערנען אויף דער גאַס, ווייל דער פסוק זאָגט „חכמות בחוץ תרונה" (משלי א' ב'), וועלכעס מיינט, אַז די חכמה פון דער תורה שרייט אין די גאַסען. האָט ר' יונתן אויף דעם געזאָגט, אַז דאָס מיינט נישט די געוועהנליכע גאַס, נור די גאַס פון דער תורה. דו קענסט דאָס אויך אַם בעסטען זעהען — האָט ר' יונתן ווייטער צוגעגעבען — ווען דו קוקסט זיך צו, ווי איידעל־שטיינער און פּעריל ווערען פאַרקויפט. פיהרט מען זיי אפשר צו סוחרים פון גרינ־צייג און ציבעלעס? (תנחומא פרשת בחקותי פיסקא נ').

ר' שמואל בר נחמני דערצעהלט אויך, אַז ווען ר' יונתן פלעגט ביים לערנען צוקומען צום פסוק „קצר המצע מהשתרע" (ישעיה כ"ח כ'), וועל־כעס מיינט, אַז „דאָס געלעגער וועט זיין קורץ אויף אויסצושטרעקען זיך", פלעגט ער וויינען, ווייל ער האָט דאָס געטייטשט, אַז „די גרויסע וועלט איז צו קורץ פאַר'ן איבערשטען, ער זאָל זי באַהערשען צוזאַמען מיט נאָך איינעם" (יומא דף ט' עמוד ב', סנהדרין דף ק"ג עמוד ב'). קען מען דענקען, אַז דער דאָזיגער זאָג פון ר' יונתן איז וואַרשיינליך אַן איבערבלייבעניש פון אַ וכוח מיט מענשען, וואָס האָבען געגלויבט אין „שתי רשויות", ווייל זיי האָבען געמיינט, אַז כביכול קען נישט באַוועלטיגען אלסדינג אליין און ער דאַרף, אימי־צער זאָל איהם העלפען...

געוועהנליך איז ר' יונתן געווען גוטמוטהיג צו יעדען און עס איז אויך נישט באַקאַנט, ער זאָל האָבען אימיצען באַגעגענט מיט כעס. שטרענג איז ער בלויז געווען צו ר' שמלאי, וועלכער איז שפּעטער געווען איינער פון די גרעסערע „בעלי אגדה", ווייל ווען דער דאָזיגער ר' שמלאי האָט גע־וואָלט לערנען די וועגען פון דער „אגדה", האָט איהם ר' יונתן געזאָגט: „איך האָב אַ טראַדיציע פון מיינע עלטערן, נישט צו לערנען קיין אגדה צו'ן אַ בבלי אָדער צו אַ מענשען פונ'ם דרום, ווייל זיי גרויסען זיך אומזיסט און זיי באַזיצען דאָביי ווייניג תורה!" (ירושלמי פסחים פרק ה' הלכה ג').

אין ערשטער ריהע האָט זיך דאַמאָלס געהאַנדעלט, אַז אויף ווי ווייט דער אידישער „בית־דין" האָט אַ רעכט, ארויסצוגעבען אַן אורטייל, זאָל

דער פסק־דין זיין אן עהרליכער, דער אונטערדריקטער מענש זאָל זיין זיכער, אז ער וועט קריגען די פולע גערעכטיגקייט. פלעגט ר' יונתן וועגען דעם זאָגען: „ווען איינער זיצט ביים געריכט אלס דיין, דאַרף ער אויף זיך אליין קוקען, גלייך ווי עס וואָלט איבער איהם געהאנגען א שווערד און דער גיהנם זאָל זיין אָפען אונטער איהם" (יבמות דף ק"ט עמוד ב'), ווייל יעדער דיין, וואָס פסקנ'ט עהרליך, מאַכט רוהען די שכינה אויף די אידען, אָבער א דיין, וואָס פסקנ'ט נישט עהרליך, פאַראורזאַכט מיט זיין טהעטיגקייט, אז די שכינה זאָל אוועקגעהן פון אידען, און געפינט זיך א דיין, וואָס נעמט אוועק עטוואָס פון איינעם אויף אן אומגעזעצליכען אופן און ער גיט עס צו אן אנדערן, נעמט דער אויבערשטער ביי איהם צו זיין נשמה" (סנהדרין דף ז' עמוד א').

ווי ר' יונתן אליין פלעגט זיך נוהג זיין, ווען ער האָט אלס דיין געדאַרפט ארויסגעבען אן אורטייל אין א סכסוך, ווערד דערצעהלט, אז ער האָט געהאַט א שכן א רוימער, וואָס א בוים פון ר' יונתן'ס אייגענטום איז אריינגעוואַקסען אין יענעם רוימער'ס גאָרטען, נור דער רוימער האָט א לאַנגע צייט וועגען דעם גאָר נישט געזאָגט. האָט זיך אָבער אמאָל געמאַכט, וואָס צוויי מענ־שען זיינען זיך געקומען משפט'ן ביי ר' יונתן וועגען אן עהנליכען פאַל, וואָס דער בוים פון איינעם'ס אייגענטום איז אריינגעוואַקסען אינ'ם אנדערן'ס גבול, און יענער האָט עס נישט געוואָלט ליידען, ווייל ער האָט געדענקט, אז עס שטערט דאָס פאַנאַנדערוואַקסען פון זיין אייגענטום.

האָט דאַן ר' יונתן אויסגעהערט די טענות פוןביידע צדדים און א זאָג געטהון: „קומט'ס ביידע מאָרגען פריה, וועל איך ארויסגעבען מיין פסק־דין!" — האָט דאָס דער רוימער געהערט, איז ער נייגעריג געוואָרען צו וויסען, וואָס פאַר א פסק־דין ר' יונתן וועט ארויסגעבען, ווייל אויב ער וועט הייסען אַרומהאַקען יענעם בוים, ווי ווייט ער וואַקסט אויף אן אנדערן'ס אייגענטום, וועט ער איהם פרעגען, פאַר־וואָס ער טהוט דאָס נישט מיט זיין אייגענעם בוים.

פאַר נאַכט האָט דאַן ר' יונתן געשיקט אַרומהאַקען זיין בוים, אויף ווי ווייט ער איז אריינגעוואַקסען אינ'ם רוימער'ס אייגענטום, און ווי עס זיינען די צאַנקענדע פאַרטייען אויף מאָרגען אריינגעקומען, האָט ער א זאָג געטהון צו דעם אָנגעקלאָגטען: „געה און האַק אָרום דעם בוים, אזוי ווייט ווי ער וואַקסט אריין אין דיין שכן'ס רשות!" — האָט איהם דער שכן זיינער דער רוימער א פרעג געטהון: „און וואָס וועט זיין מיט דיין בוים?" — האָט ר' יונתן אויף דעם געענטפערט: „מיין בוים איז שוין זייט נעכטען אַרומגעהאַקט!"

אן אנדערע מעשה ווערד דערצעהלט, ווי עס האָט אמאָל א פרוי גע־בראַכט א קערבעל פייגען אלס א מתנה צו ר' יונתן — און ער האָט די מתנה נישט אָנגענומען. האָט ער דאַן די פרוי געבעטען, זי זאָל די פייגען צוריק ארויסטראָגען פון זיין הויז, אזוי ווי זי האָט זיי געבראַכט. האָט זי גע־האַלטען דאָס קערבעל מיט די פייגען אויפגעדעקט, האָט ער געהייסען, אַז זי זאָל עס אַרויסטראָגען צוריק אויפגעדעקט, און האָט זי דאָס קערבעל גע־בראַכט צוגעדעקט, זאָל זי עס צוריק ארויסטראָגען צוגעדעקט, עס זאָל נישט קענען קיינער דענקען, אַז זי האָט געבראַכט א קערבעל געלד און זי טראָגט צוריק פייגען (זעה ירושלמי בבא בתרא פרק ב' הלכה י"א).

ווער עס טהוט אמאָל א מצוה — פלעגט ר' יונתן זאָגען — געהט די דאָזיגע מצוה זיינע איהם אַקעגען, ווען ער קומט אַהין אויף יענע וועלט.

און ווער עס טהוט אמאל אן עברה, קלעפט זי זיך צו'ן איהם צו און זי באגלייט דעם מענשען ביז צו זיין יום־הדין (סוטה דף ג' עמוד ב', עבודה זרה דף ה' עמוד א').

פאר זיבען פארשיעדענע עברות פון די מענשען ווערד די גאנצע וועלט געשטראפט און דער אומשולדיגער מוז לײדען צוזאמען מיט דעם שולדיגען: פאר לשון הרע, פאר בלוטפארגיסען, פאר שווערען פאלש, פאר אוממאָראלישע אויפפיהרונג, פאר גראבע שטאלצקייט, פאר עפענטליכע בארויבונגען און פאר נישט־פארגינערישקייט (ערכין דף ט"ז עמוד א').

אט די שטראפען קומען אבער נור אין א צייט וואס עס זיינען פאר־האנען רשעים, און אנהויבען הויבען זיי זיך געוועהנליך אן ביי די צדיקים, ווי דער פסוק זאגט „ווען עס געהט ארויס א פייער און עס טרעפט דערנער", דאס מיינט, אז נור דאמאלס ברענט א פייער, ווען עס זיינען פארהאנען דערנער, אבער אנהויבען הויבט זיך דאס פייער אן ביי די צדיקים, ווי דער פסוק זאגט דארט ווייטער „און דאס פייער וועט פארברענען א שייער מיט תבואה" (בבא קמא דף ט' עמוד א').

ווער עס לערנט תורה מיט א צווייטען מענשען'ס זוהן — פלעגט ר' יונתן זאגען — איז דערפאר זוכה, צו זיצען אויבען מיט אלע מלאכים אין־איינעם, און ווער עס לעהרענט דעם זוהן פון אן עם־הארץ, איז ווען דער אויבערשטער האט אפילו ארויסגעגעבען א גזרה געגען איהם, איז ער זי באלד מבטל פאר זיינעטוועגען (בבא מציעא דף פ"ה עמוד א').

זעהר א גרויסע מצוה איז, אנצושטראפען א צווייטען, וואס זיין אויפ־פיהרונג איז נישט קיין געהעריגע. און שטראפט איינער א צווייטען לשם שמים, איז ער זוכה צו קריגען א חלק אין דער געטליכקייט און ער ציהט אויך אויף זיך ארויף א פאדים פונ'ם אויבערשטען'ס חסד (תמיד דף כ"ח עמוד א'). און זעהר א גרויסע עברה איז, צו ריידען לשון־הרע אויף א מענשען, טהוט מען דאס אבער צו מענשען, וואס זוכען מחלוקת, איז עס נישט קיין עברה, ווייל אויף אזעלכע מענשען מעג מען אויסריידען אלדאס בייז (ירושלמי פאה פרק א' הלכה א').

ווי עס איז אנצונעהמען, האט ר' יונתן פיינט געהאט די חסדים פון די רוימער און ער האט וועגען דעם אזוי געזאגט: „בעסער איז געוועזן די קללה, וואס אחיה השלוני האט געשאלטען די אידען, איידער די ברכה וואס בלעם הרשע האט זיי געבענשט, ווייל ווען אחיה השלוני האט די אידען געשאלטען, האט ער געזאגט, אז דער אויבערשטער וועט זיי שלאגען ווי עס טרייסעלט זיך א וואסער־שטעקעלע אין'ם וואסער (כאשר ינוד הקנה במים). מיינט דאס, אז ער וועט זיי מאכען אזוי ווי דאס וואסער־שטעקעלע, וועל־כעס איז טיעף איינגעווארצעלט און אלע ווינטען פון דער וועלט קענען עס נישט ריהרען פון'ם ארט, ווייל עס טרייסעלט זיך צוזאמען מיט די ווינטען, און ווען די ווינטען ווערען איינגעשטילט, בלייבט דאס וואסער־שטעקעלע שטעהען אויפ'ן פלאץ. אבער בלעם הרשע האט געבענשט די אידען, זיי זאלען זיין ווי די צעדע־רען־בוימער ביים וואסער. שטעהט אבער נישט דער צעדערבוים ביים וואסער. עס איז אפילו אמת, אז אלע ווינטען קענען א צעדערבוים נישט ריהרען פון'ם ארט, אבער א דרום'דיגער ווינד רייסט איהם אויס מיט זיינע ווארצ־לען און קעהרט איהם איבער (תענית דף כ' עמוד א').

און ווען ר' יונתן האט געהערט די טענות פון די גוים, וועלכע קענען עס נישט באגרייפען, וואס די אידען האלטען זיך ביי זייער אמונה טראץ

אלע צרות און רדיפות, האט ער געזאגט: „די אומות־העולם ווילען וויסען, מיט וואס מיר טרייסטען זיך אין דער צייט פון אונזער נויט און ווי אזוי מיר קענען באשטעהען אנטקעגען דעם צארן פון אונזער גאט, דארפען מיר זיי זאגען, אז ער שלאגט אונז טאקי, אבער ער שיקט אונז באלד די היילונג און מאכט פון אונז א ניי באשעפעניש" (אגדת בראשית פרשה ח׳).

כאראקטעריסטיש פאר ר׳ יונתן׳ס געדאנקען־גאנג איז זיין ערקלערונג, פון וואנען די שטורמווינטען קומען, ווען דער אויבערשטער דערמאנט זיך — פלעגט ער זאגען — אז זיינע קינדער ליידען צווישען די גוים, רייסט זיך ביי איהם ארויס א קרעכץ פונ׳ם הארצען, ווערד דאן פון דעם דאזיגען קרעכץ א שטורם (ברכות דף נ"ט עמוד א׳).

ווען משה רבנו האט געשריבען די תורה — האט אמאל ר׳ שמואל בר נחמני געזאגט אויפ׳ן נאמען פון ר׳ יונתן — און ער איז צוגעקומען צום פסוק „נעשה אדם", האט ער א זאג געטהון צום אויבערשטען: „צו וואס גיסטו דא א געלעגענהייט צו אומגלויביגע, זיי זאלען קענען זאגען, אז דו האסט דעם מענשען נישט אליין באשאפען?" — האט איהם דער אויבערשטער געענטפערט: „שרייב ווי מען הייסט דיר, און ווער עס וועט וועלען האבען א טעות, וועט זיך מעגען טועה זיין!" — דערנאך האט דער אויבערשטער צוגעגעבען: „זעהסטו, משה, אט דער מענש, וועלכען איך האב באשאפען, באשטעהט פון גרויסע און קליינע, האב איך זיי געגעבען א ביישפיעל, אז ווען דער גרויסער וועט וועלען עטוואס טהון, זאל ער זיך בעראטהען מיט די קלענערע, גלייך ווי דער באשעפער האט זיך ביי דער באשאפונג פון׳ם מענש בעראטהען מיט די מלאכים" (בראשית רבה פרשה ח׳ פיסקא ז׳).

און ווען דער אויבערשטער האט געענדיגט די באשאפונג פון דער וועלט, האט ער אלסדינג אנגעקוקט און אויסגעפונען, אז עס איז זעהר גוט. האט ר׳ יונתן געזאגט וועגען דעם, אז דאס איז גלייך ווי א קעניג האט אמאל פארהייראטה זיין טאכטער און ער האט פאר איהר איינגעריכטעט א הערליך שעהנע חופה און א הויז, באצירט און אויסגעשטאטעט מיט׳ן שעהנסטען און בעסטען, און ווי ער האט דאס אנגעקוקט, איז איהם דאס געווען זעהר אנגענעהם. האט ער דאן א זאג געטהון: „טאכטער מיינע, הלואי זאל מיר די דאזיגע חופה דיינע שטענדיג אזוי געפעלען, ווי זי געפעלט מיר איצט!" — דאסזעלבע איז אויך געווען ביי דער באשאפונג פון דער וועלט, אז ווען דער אויבערשטער האט אנגעקוקט זיין ארבייט, האט ער געזאגט: „וועלטעלע מיינס, הלואי זאלסטו מיר תמיד אזוי געפעלען, ווי דו געפעלסט מיר יעצט!" (בראשית רבה פרשה ט׳ פיסקא ד׳).

רבי הושעיא רבה

צוזאמען מיט בר־קפרא און ר׳ חייא רבה, וואס עס איז וועגן זיי פיל געשריבן געווארן אינ׳ם ערשטען טייל פון „אונזערע גייסטיגע ריעזען״, איז באוואוסט זייער תלמיד רבי הושעיא (אדער ר׳ אושעיא), וועלכער ווערד באצייכענט אלס ר׳ הושעיא רבה — צו אונטערשיידען צווישען איהם און א שפעטערן „אמורא״ מיט דעמזעלבען נאמען.

ארבייטענדיג איין־איינעם מיט זיין רבי׳ן ר׳ חייא, האט ר׳ הושעיא רבה צונויפגעשטעלט אריבער זיבעציג „ברייתות״ און עס איז דאן געווען אנגענומען א כלל, אז „יעדע ברייתא, וועלכע איז נישט דורכגעלערנט פון ר׳ חייא און ר׳ הושעיא, איז זיכערליך א פעהלערהאפטע״ (חולין דף קמ״א עמוד א׳), ווייל — ווי רש״י ערקלערט — עס האבען די דאזיגע צוויי חכמים שטענדיג מדקדק געווען ביי יעדען ווארט פון זייער לערנען נאכצו־זאגען גענוי, וואס וועלכער תנא אדער אמורא האט געזאגט ביי א דין, נישט ווי אנדערע חכמים, וואס פלעגן צוגעבען אייגענע ווערטער צו׳ן א מאמר, וואס זיי האבען געזאגט אויף׳ן נאמען פון אנדערע.

מאנכע חכמים פון יענער צייט האבען ר׳ הושעיא׳ן צוגעגעבען א טיטעל „אבי המשנה״ (ירושלמי בבא קמא פרק ד׳ הלכה ו׳). ער איז איבער־הויפט געווען אזוי צו זאגען דער ערשטער „קאמענטאטאר״ פון דער משנה, ווייל וואס ר׳ חייא האט איבערגענומען אינ׳ם לערנען פון רבנו הקדוש, האט ער איבערגעגעבען צו ר׳ הושעיא, ווערען דאדורך די ברייתות פון ר׳ הושעיא באצייכענט אלס „משניות גדולות״ (זעה ירושלמי הוריות פרק ג׳ הלכה ה׳).

די אפשטאמונג פון ר׳ הושעיא איז געווען פון א משפחה תלמידי־חכמים. זיין פאטער, ר׳ חמא בר ביסא איז געווען א גרויסער חשוב ביי ר׳ יהודה הנשיא, וועלכער האט איהם טיטולירט „אדם גדול״ (נדה דף י״ד עמוד ב׳).

אט דער ר׳ חמא בר ביסא איז אויך געווען דער זוהן פון א גרויסען תלמיד־חכם און דער ראב״ד זאגט וועגן דעם דאזיגען ר׳ ביסא אין זיין „סדר הקבלה״, אז ער איז געווען איינער פון די סנהדרין ביי ר׳ יהודה הנשיא. פארהאנען היסטאריקער, וואס ווילען באהויפטען, אז אונזער ר׳ הושעיא האט אויך געהאט די זכיה, צו זיצען אין ר׳ יהודה הנשיא׳ם בית־המדרש און מקבל צו זיין די תורה דירעקט פון זיין מויל.

צוערשט איז ר׳ הושעיא געווען א תלמיד פון בר־קפרא און דערנאך פון ר׳ חייא (כריתות דף ה׳ עמוד א׳, ירושלמי שבת פרק ג׳ הלכה א׳). ווי עס דאכט זיך, איז ער אויך געווען א תלמיד ביי ר׳ אפס, מיט וועמען ער איז אמאל געווען צוזאמען אין אנטיאכיען אין א שליחות פון כלל ישראל. ער איז אויך געשטאנען אין פארבינדונג מיט ר׳ יהודה נשיאה דעם ערשטען (ירושלמי ביצה פרק א׳ הלכה י״א, בבא קמא פרק ב׳ הלכה א׳).

ווי לאנג ר׳ יהודה נשיאה האט געלעבט, איז ר׳ הושעיא געווען ביי איהם אין דער ישיבה אין סעפהארים (צפורי) און ער האט דאן געהאט די

אויפגאבע, צו געהען יעדען חודש קיין „עין־טוב", אויסצוהערען דארט די עדות וועגען דער נייער לבנה און צו באשטימען דעם חודש, ווייל ווי לאנג מען האט נור געקענט, האט מען דאס געטהון אין א שטאדט פון יהודה — און די „נשיאים", וועלכע האבען געוואוינט אין צפורי (אין גליל) האבען דאמאלס אנגעהאלטען א בית־דין אין עין־טוב (זעה ירושלמי נדרים פרק ו' הלכה ח').

און וועגען ר' חמא, דעם פאטער פון ר' הושעיא, ווערד דערצעהלט, אז ער איז געוועזען אוועק פון זיין הויז צוועלף לאנגע יאהר און ער האט זיך די גאנצע צייט אפגעגעבען מיט לערנען. און ווען ער איז דאן אהיים געקומען, און איז אוועק אין בית־המדרש, איז געקומען זיין זוהן הושעיא, אבער דער פאטער האט איהם נישט דערקענט. האט זיך דער זוהן מפלפל געוועזען מיט'ן פאטער און ער האט איהם פשוט פארוואונדערט מיט זיינע קשיות. איז ר' חמא געוועזען א ביסיל ביי זיך אין הארצען געקרענקט און ער האט זיך אליין געזאגט, אז ווען ער וואלט געוועזען די גאנצע צייט אין דערהיים, וואלט זיין זוהן אודאי אויך געקענט לערנען. און ווי ער איז דערנאך אהיים־געקומען צו זיך אין שטוב, איז דער זוהן אריינגעקומען נאך איהם. האט ער געמיינט, אז דער יונגערמאן, איז געקומען פארטזעצען זיין פלפול. איז ער לכבוד דעם יונגענמאן אויפגעשטאנען פון זיין פלאץ. האט איהם דאס ווייב געזאגט: „ווער האט דאס געזעהן, אז א פאטער זאל אויפשטעהן, צו באגריסען זיין זוהן?" (כתובות דף ס"ב עמוד ב').

דער דאזיגער ר' חמא איז דאן געוועזען א דיין צוזאמען מיט בר־קפרא, ווען ר' יהודה הנשיא האט נאך געלעבט (מועד קטן דף כ"ב עמוד א'). ער ווערד אויך אפטמאל דערמאנט אויף'ן נאמען פון זיין זוהן — „ר' חמא אבוי דר' הושעיא" (ירושלמי נדה פרק ב' הלכה א', מועד קטן פרק ג' הלכה ה').

און ר' ביסא, דער זיידע פון ר' הושעיא, איז שוין אויבען דערמאנט, אז ער איז אויך געוועזען א תלמיד־חכם — און ווען עס איז אמאל פארגעקומען א מיספארשטענדניס צווישען ר' הושעיא און זיין פאטער וועגען א הלכה, האט זיך דער זיידע געשטעלט אויף דער זייט פונ'ם אייניקעל (בבא בתרא דף נ"ט עמוד ב'). די חכמים אין צעזארעא (קיסרין) פלעגען אויך נאכזאגען הלכות אויף'ן נאמען פון ר' ביסא (ירושלמי גטין פרק ד' הלכה ב').

נאך'ן טויט פון ר' יהודה נשיאה דעם ערשטען, זיינען די נשיאים פון הלל הזקן'ס גזע נישט מעהר געוועזען די פיהרער פון די סנהדרין, האט ר' הושעיא געהאט זיין ישיבה אין צעזארעא און פיעלע חכמים זיינען געקומען לערנען אין זיין ישיבה (ירושלמי תרומות פרק י' הלכה ב'). ס'איז אויך זיכער, אז דער קריסטליכער „קירכענפאטער" אָריגינעס, וועלכער האט געוואוינט אין צעזארעא און ער האט אנגעפיהרט וכוחים וועגען אמונה מיט הלל, דעם ברודער פון ר' יהודה נשיאה, האט אויך אנגעפיהרט אזעלכע רעליגיעזע וכוחים מיט ר' הושעיא. און אין איינעם פון די דאזיגע וכוחים, וועלכע ווערען דערמאנט אין מדרש (און דארט שטעהט „פילוסופוס" אנשטאט אָריגינעס), זאל אָריגינעס האבען געפרעגט א שאלה, אז אויב מצוות „מילה" איז אזוי וויכטיג ביים אויבערשטען, טא פארוואס האט ער די דאזיגע מצוה נישט געגעבען צו אדם הראשון?

האט איהם ר' הושעיא אויף דעם געענטפערט מיט א געגען־פראגע:

רבי הושעיא רבה

„פאַרוואָס גאָלט זיך אונזערער אַ מענש די האָהר פונ׳ם קאָפּ און ער גאָלט זיך נישט די האָהר פון דער באָרד?״*) — האָט איהם אָריגינעס געענטפערט: „ווייל די האָהר פונ׳ם קאָפּ וואַקסען ביים מענשען זייט דער צייט, ווען ער איז נאָך געווען אַ נאַר, און די באָרד וואַקסט ביים מענשען, זייט ער איז קליגער געוואָרען!״...

— לויט דיין תשובה — האָט איהם דאן ר׳ הושעיא געזאָגט — וואָלט איך דיר געקענט זאָגען, אַז דער מענש, ווען ער ווערד עלטער, וואָלט ער זיך געדאַרפט בלינד מאַכען די אויגען, אָפּהאַקען די הענד און אויסברעכען די פיס, ווייל זיי זיינען אַלע מיט איהם געוואַקסען זייט דער צייט, וואָס ער איז נאָך געווען אַ נאַר. פאַרהאַלט זיך אָבער דער דאָזיגער ענין גאָר אַנדערש— האָט ר׳ הושעיא ווייטער צוגעגעבען — ווייל איטליכע זאַך, וואָס איז באַשאַפען געוואָרען אין „ששת ימי בראשית״, דאַרף קריגען אַן אויסבעסערונג. אַזוי זיינען פאַרהאַנען פאַרשידענע ביטערע גראָזען, וואָס אַ מענש עסט מיט חשק, ווען זיי זיינען פאַרזיסט. דער ווייץ קען אויך נישט אַזוי געגעסען ווערען, ווי ער וואַקסט, ווייל ער מוז פריהער צומאָלען ווערען אויף מעהל און דערנאָך ערשט דאַרף מען איהם קנעטען און באַקען. דאָסזעלבע איז אויך מיט׳ן מענש, וועלכער דאַרף קריגען זיין אויסבעסערונג (בראשית רבה פרשה י״א פיסקא ז׳).

דער פּראָמינענטעסטער תלמיד פון ר׳ הושעיא איז געווען ר׳ יוחנן, וועלכער פלעגט זאָגען, אַז ר׳ הושעיא איז געווען אין זיין צייט אַזוי גרויס ווי ר׳ מאיר איז געווען אין זיין צייט — און אַזוי ווי עס איז אָפטמאָל פאַר די חברים פון ר׳ מאיר געווען שווער צו פאַרשטעהן אַלע האַנדלונגען פון ר׳ מאיר, אַזוי האָט מען אויך שווער פאַרשטאַנען די דרכים פון ר׳ הושעיא (ערובין דף נ״ג עמוד א׳).

נאָך איינער פון די פּראָמינענטעסטע תלמידים פון ר׳ הושעיא, איז געווען ר׳ פנחס, וועלכער האָט צונויפגעקליבען די דרשות פון ר׳ הושעיא, וואָס געפינען זיך גרעסטענטיילס אין מדרש רבה אויף בראשית, וועלכער הויבט זיך טאַקי אָן מיט אַ דרשה פון ר׳ הושעיא.

ווי עס דאַכט זיך, איז ר׳ הושעיא געווען אַן אָרימאַן — און אַזוי ווי ער איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט ר׳ יהודה נשיאה, פלעגט איהם דער נשיא שטיצען און ער האָט איהם אַמאָל אויף פורים געשיקט אַ קעלבערנעם פלאַנקען און אַ פעסעל וויין, האָט איהם ר׳ הושעיא געהייסען זאָגען, אַז ער האָט מקיים געוועןביידע מצוות: משלוח מנות איש לרעהו ומתנות לאביונים (מגלה דף ז׳ עמוד א׳, ירושלמי מגלה פרק א׳ הלכה ד׳).

כאַראַקטעריסטיש פאַר׳ן אידעען־גאַנג פון ר׳ הושעיא זיינען די פאָלגענדע אויסשפּרוכען זיינע:

ווער עס שטרעבט צו גאַנצקייט אין דער אויפפיהרונג זיינער, מוז זיך דאָס איהם איינגעבען, און ווער עס שטאָלצירט, חאָטש ער האָט נישט מיט וואָס, דער מוז אַריינפאַלען אין גיהנם (עבודה זרה דף י״ח עמוד א׳).

פאַרוואָס זיינען די ווערטער פון דער תורה געגליכען צו וואַסער, צו וויין און צו מילך? ווייל גלייך ווי די דאָזיגע דריי משקאות האַלטען זיך

---

*) ווי עס פאַרשטעהט זיך, איז די פראַגע פון ר׳ הושעיא צוגעפּאַסט צו די אָריענטאַלישע מנהגים, לויט וועלכע אָריגינעס האָט זיך געפיהרט — און זי איז נישט צוגעפּאַסט צו די רוימער, וואָס האָבען זיך דוקא יאָ געלאָזט וואַקסען די האָהר און געגאָלט די באָרד.

די אמוראים פון ארץ־ישראל

בלויז אין בילינע כלים, אזוי קענען זיך אויך די ווערטער פון דער תורה האַלטען בלויז ביי אַזעלכע מענשען, וואָס זיינען ביי זיך נידריג (תענית דף ז' עמוד א').

דער אויבערשטער האָט באַוויזען אַ חסד צו אידען מיט דעם, וואָס ער האָט זיי פאַרשפּרייט צווישען פאַרשידענע אומות, ווייל דאָס האָט זיי אָפּגעראַטעוועט פון פאַרניכטונג — און ווען זיי האָבען צו ליידען צרות ביי איין אומה, ווייזט זיך די אַנדערע אומה גוט צו זיי (פּסחים דף פּ"ו עמוד ב').

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער דאָס ערקלערט מיט אַ פּסוק, וואָס יעקב אבינו האָט געזאָגט, ווען עשו איז איהם אַקעגען־געגאַנגען: „ווען עשו וועט קומען צו איין לאַגער און ער וועט איהם שלאָגען", דאָס מיינט מען די ברידער אין ארץ־ישראל, „וועט דער איבערגעבליבענער לאַ־גער אָפּגעראַטעוועט ווערען", דאָס מיינט מען די ברידער אין די גלות־לענדער. אָבער — האָט ער ווייטער ערקלערט —האָטש זיי האָבען דאָרט אין די לענדער פון'ם גלות נישט אַזוי פיעל צו ליידען, ווי מיר דאַרפען ליידען אין ארץ־ישראל, פּאַסטען זיי פון דעסטוועגען יעדען מאָנטאַג און דאָנערשטאָג פאַר אונזער טובה, צו בעטען דעם אויבערשטען פאַר אונזערט־וועגען (בראשית רבה פּרשה ע"ו פּיסקא ג').

ווען אידען הערען זיך צו צו זייערע גדולים — פּלעגט ר' הושעיא זאָגען — און די גדולים טהוען נישט, וואָס דאָס פאָלק דאַרף, פאַלט דאַן די שולד אויף'ן קאָפּ פון די גדולים. ס'איז גליך ווי אַ כלה פאַרשוואַרצט זיך די הענד, און ווען זי ווישט זיך זיי אָפּ אָן דער וואַנד, ווערד די וואַנד פאַרשוואַרצט און איהרע הענד ווערען נישט דערפון ריין (דברים רבה פּרשה א' פּיסקא ח').

זכריה הנביא זאָגט: אָט האָב איך מיר גענומען צוויי שטעקענס, איינעם האָב איך גערופען נועם (אנגענעהמקייט) און דעם אַנדערען האָב איך גערופען חובלים (וועהטאָגען), קען מען זאָגען, אַז דער „מקל נועם" מיינט די תלמידי־חכמים פון ארץ־ישראל און דער „מקל חובלים" מיינט די תלמידי־חכמים פון בבל, וועלכע פאַראורזאַכען איינער דעם אַנדערען פאַרשיעדענע וועהטאָגען מיט זייערע קשיות פון איינעם אויף'ן אַנדערען. אָבער די מענשען פון ארץ־ישראל זיינען ליעב און אַנגענעהם איינער צום אַנדערען, זיי זיצען צוזאַמען און לערנען און איינער פאַרבעסערט די ווערטער פון'ם אַנדערען, ביז די הלכה קומט ארויס אַ קלאָרע (סנהדרין דף כ"ב עמוד א').

רבי חנינא בר חמא

איינער פון די ערשטע ארץ־ישראל׳דיגע אמוראים איז געווען ר ב י ח נ י נ א ב ר ח מ א , וועלכער ווערד אָפטמאָל אין דער גמרא אָנגערופען בלויז אויף זיין אייגענעם נאָמען אָהן דעם נאָמען פון זיין פאָטער (ר׳ חנינא סתם) און אמאָל הייסט ער גאָר ר׳ חנינא הגדול אָדער ר׳ חנינא רבה (תענית דף כ״ז עמוד ב׳, יבמות דף מ״ג עמוד א׳, ירושלמי יבמות פרק ב׳ הלכה א׳*).

ווי עס הייסט, איז אונזער ר׳ חנינא געווען א „כהן", און ווען ער איז אמאָל געווען אויף א „פדיון הבן", פלעגט ער דאָס „אויסלייז־געלד" צוריקגעבען צו די עלטערן פונ׳ם קינד (בכורות דף נ״א עמוד ב׳).

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז ער פלעגט זיך אָפטמאָל אָפּגעבען מיט היילען קראַנקע (יומא דף מ״ט עמוד א׳) און ער האָט אויך געהאַט א ידיעה אין דער נאַטור פון שלאַנגען (ירושלמי תרומות פרק ח׳ הלכה ג׳).

געבוירען איז ער געווען אין בבל און געקומען איז ער אין ארץ־ישראל לערנען ביי ר׳ יהודה הנשיא, ווען ער איז שוין געווען א טאַטע פון א זוהן, וועלכען ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט. האָט ער זיך דאָן באַזעצט אין צ פ ו ר י , וואו ר׳ יהודה הנשיא׳ס בית־המדרש איז געווען. עס איז אויך באַוואוסט, אז די מענשען פון צפורי האָבען איהם צוליעב פאַרשיעדענע אורזאַכען נישט ליעב געהאַט. זיי האָבען געהאַט צו׳ן איהם כל־ערליי טענות און ער האָט זיי פאַר קיין פאַל נישט געקענט צופריעדען שטעלען.

ווערד וועגען דעם דערצעהלט, אז עס איז אמאָל אויסגעבראָכען א מגפה אין צפורי, און אין דער גאַס, וואו ר׳ חנינא האָט געוואוינט, האָט די דאָזיגע מגפה נישט געהאַט קיין שום שליטה. האָבען זיך די מענשען פון שטאָדט געבייזערט אויף ר׳ חנינא און זיי האָבען געזאָגט, אז די מגפה בושעוועט ביי זיי, ווייל ר׳ חנינא וויל נישט בעטען פאַר זייערטוועגען — און ר׳ חנינא האָט געזאָגט, אז ער קען נישט העלפען מיט זיין תפלה, ווייל זיי פיהרען אַן אויסגעלאַסען לעבען.

אַן אנדער מאָל איז נישט געווען קיין רעגען, האָבען די מענשען פון צפורי גוזר תענית געווען און עס האָט נישט געהאָלפען. האָבען זיי גע׳טענה׳ט, אז די אורזאַך דערפון איז, וואָס ר׳ חנינא רעדט אויף זיי שלעכטס, ווייל נישט דער אויבערשטער הערען זייער תפלה (זעה ירושלמי תענית פרק ג׳ הלכה ד׳).

ווען ר׳ חנינא איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, איז ער שוין געווען א בקי אין תנ״ך. האָט איהם די דאָזיגע בקיאות זיינע געשטערט אין זיין קאַריערע, ווייל ר׳ יהודה הנשיא איז אמאָל אויף איהם צוליב דעם בייז געוואָרען, ווען ער האָט איהם אויסגעבעסערט דעם ציטאַט פון א פסוק, וואָס ר׳ יהודה הנשיא האָט נישט ריכטיג ציטירט.

*) לויט דער מיינונג פונ׳ם בעל "סדר הדורות" איז ר׳ חנינא הגדול געווען א זיידע פון ר׳ חנינא בר חמא.

האָט איהם ר׳ יהודה הנשיא געפרעגט: „וואו און ביי וועמען האָסטו אזוי געלערנט?״

„ביי רב המנונא ספרא!״ — האָט ר׳ חנינא אויף דעם געענטפערט.

— אויב אזוי — האָט דאַן ר׳ יהודה געזאָגט מיט א שמייכעל — וועסטו שוין מוחל זיין געהן צו רב המנונא, ער זאָל דיר געבען „סמיכה״! — (זעה ירושלמי תענית פרק ד׳ הלכה ב׳*).

ערשט ווען ר׳ יהודה הנשיא האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָט ער אָנגעזאָגט צו זיין זוהן ר׳ גמליאל, ער זאָל געבען די ערשטע „סמיכה״ צו ר׳ חנינא און ער זאָל איהם אויך אוועקזעצען אין דער ערשטער שורה אינ׳ם בית־המדרש. האָט דאַן ר׳ חנינא נישט געוואָלט דעם דאָזיגען כבוד אָנ־נעהמען און ער האָט געזאָגט, אז ר׳ אפס איז עלטער פון איהם, דאַרף ער פאַרנעהמען דעם ערשטען פּלאַץ (כתובות דף ק״ג עמוד ב׳).

דערפאַר — האָט ר׳ חנינא שטענדיג געגלויבט — האָט ער זוכה געווען צו׳ן א הויכער עלטער און א געזונד לעבען, אז ווען ער איז שוין געווען אריבער אכטציג יאָהר אלט, האָט ער נאָך געקענט שטעהען אויף איין פוס, ווען ער האָט זיך אָנגעטהון אָדער אויסגעטהון די שיך. ער פלעגט אויך זאָגען: „וואָס מיין מאַמע האָט מיך געבאָדען אין ווארים וואַסער און זי האָט מיך געשמירט מיט אויל, ווען איך בין געווען א קינד, איז דאָס מיר בייגעשטאַנען אויף מיינע אַלטע יאָהרען״ (חולין דף כ״ד עמוד ב׳).

און חאָטש ר׳ חנינא האָט נישט געקראָגען קיין „סמיכה״, ווי לאַנג רבי האָט געלעבט, איז ער פון דעסטוועגען געווען א שטאַרקער חשוב ביי ר׳ יהודה הנשיא אין די אויגען, און ווען ר׳ יהודה הנשיא פלעגט געהען באַזוכען דעם פאַרשטעהער פונ׳ם רוימישען קייזער, אָדער ווען דער פאַר־שטעהער פונ׳ם קייזער איז געקומען צו ר׳ יהודה הנשיא, איז ר׳ חנינא שטענדיג געווען ביי זיין זייט.

ווי עס הייסט, האָט דאַמאָלס דער פאַרטרעטער פונ׳ם קייזער געהאַט א געהיימען וועג פון זיין פּאַלאַץ אין צעזאַרעא, צוצוקומען צום הויז פון ר׳ יהודה הנשיא — און געגאַנגען איז ער שטענדיג אין באַגלייטונג פון צוויי שקלאַפען. אָבער אזוי ווי ער האָט מורא געהאַט, אז די שקלאַפען וועלען דערצעהלען וועגען זיינע באַציהונגען צום אידישען „נשיא״, וועל־כעס וואָלט איהם ביי די דאַמאָלסדיגע פּאָליטישע פארהעלטניסע געקענט שטאַרק שעדיגען, ווען מען זאָל געוואָהר ווערען אין רוים, אז דער פאַר־טרעטער פונ׳ם קייזער, וואָס איז געשיקט געוואָרען צו אונטערדריקען די אידען, פיהרט גאָר אָן א חבר׳שאַפט מיט אידען געגען די אינטערעסען פון דער רעגירונג, דערצעהלט די לעגענדע, אז ער פלעגט דער׳הרג׳ענען איינעם פון די שקלאַפען, ווען ער איז אָנגעקומען צו ר׳ יהודה הנשיא׳ם טהיר, און דעם אַנדערן שקלאַף האָט ער דער׳הרג׳עט, איידער ער איז אָנגעקומען צוריק אין זיין פּאַלאַץ.

עס הייסט אויך, אז דער קייזערליכער פאַרטרעטער האָט נישט געוואָלט, אז ווען ער וועט קומען צו רבי אין הויז אריין, זאָל זיך דאָרט געפינען א פרעמדער מענש. און ווען ער האָט דאָרט איינמאָל געטראָפען דעם ר׳ חנינא בר חמא, איז ער בייז געוואָרען און ער האָט א פרעג געטהון: „וואָס איז

*) אינ׳ם אויבען ציטירטען ירושלמי שטעהט ר׳ חמא בר חנינא, איז אָבער דאָרט גרינג צו זעהן, אז עס איז א טעות און עס דאַרף זיין ר׳ חנינא בר חמא.

דאָס?״ — ווערענדיג וואהרשיינליך זאָגען: וואָס האָט מען עפּיס היינט גערופען אַן עדות פאַר מיין אַנוועזענהייט?

האָט רבי אויף דעם געענטפערט: „דאָס איז נישט קיין מענש, נור אַ מלאך!״ (לית דין בר אינש).

— אויב אַזוי האָט דער קייזערליכער פּאָרטרעטער געזאָגט — זאָל ער אַרויסגעהן אויפוועקען דעם שקלאַף מיינעם, וועלכער איז געבליבען אין דרויסען שלאָפען ביי דער טהיר.

דערצעהלט ווייטער די לעגענדע, אַז ר׳ חנינא איז טאַקי אַרויסגעגאַנגען, און ער האָט מיט זיין תפלה דעם געטויטעטען שקלאַף לעבעדיג געמאַכט (עבודה זרה דף י׳ עמוד ב׳).

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט, ווערד דערצעהלט, אַז ר׳ חנינא איז צוזאַמען מיט ר׳ יהושע בן לוי געגאַנגען אין אַ שליחות צום קייזערליכען פאַרשטעהער אין צעזאַרעאַ, איז דער קייזערליכער פאַרשטעהער אויפגע־שטאַנען פון זיין זיץ, די שלוחים צו באַגריסען. האָבען איהם זיינע אייגענע מענשען געפרעגט: „וואָס שטעהסטו עפּיס אויף פאַר אידען?״ — האָט זיי דער קייזערליכער פאַרשטעהער געענטפערט: „אָט די אידען זיינען עהנליך צו מלאכים!״ (ירושלמי ברכות פרק ה׳ הלכה א׳).

פון פאַרשיעדענע ר׳ חנינא׳ס אויסשפּרוכען איז צו זעהן, אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין די ענינים פון רפואות און מענשען פלעגען ביי איהם אָפטמאָל פרעגען מעדיצינישע עצות (יומא דף מ״ט עמוד א׳), און כאָטש ער פלעגט גלויבען, אַז „יעדער שריט פון׳ם מענשען איז באַ־שטימט פון׳ם הימעל און אַ מענש ריהרט נישט קיין פינגער, ווען מען הייסט איהם נישט פון אויבען״ (חולין דף ז׳ עמוד ב׳), האָט ער פון דעסטוועגען געזאָגט, אַז אַלעס איז טאַקי באַשטימט פון אויבען, חוץ וואָס אַ מענש קען זיך צוקיהלען אָדער דערהיצען (בבא מציעא דף ק״ז עמוד ב׳ און בבא בתרא דף קמ״ד עמוד ב׳), ווייל פון הונדערט טויטענפאַלען שטאַרבען 99 דורך זייער אייגענער שולד פון אַ פאַרקיהלונג (ירושלמי שבת פרק י״ד הלכה ג׳).

דעסגלייכען פלעגט ער זאָגען: פאַרוואָס איז נישט פאַרהאַנען אין בבל די געוויסע קלעפּיגע הויט־קראַנקהייט „ראתן״? ווייל די מענשען עסען דאָרט די געוויסע גראָזען מיט׳ן נאָמען „תרדין״, וועלכע וואַקסען געוועהנליך צווישען דערנער, און זיי טרינקען דאַביי אַ ספּעציעלען ווײן, געמאַכט פון טייטלען און אויסגעמישט מיט יענע גראָזען (זעה כתובות דף ע״ז עמוד ב׳).

ווי ענִיוות׳דיג ר׳ חנינא האָט זיך געהאַלטען אַקעגען זיין רבי׳ן, אַזוי זעלבסטבאַוואוסט פלעגט ער אַרויסטרעטען ביי אַנדערע געלעגענהייטען אַקעגען זיינע חברים. און ווען ער איז זיך צונויפגעקומען מיט ר׳ חייא׳ן ביים טויטענבעט פון ר׳ יהודה הנשיא און זיי האָבען אַרגומענטירט וועגען דעם, ווער פון זיי עס האָט מעהר אויפגעטהון פאַר דער תורה, האָט ר׳ חנינא געזאָגט, אַז ווען די תורה וועט חלילה אין גאַנצען פאַרגעסען ווערען, וועט ער זי צוריקברענגען מיט זיין פּלפּול (כתובות דף ק״ג עמוד ב׳).

עס ווערד אויך דערצעהלט, ווי רב (אבא אריכא) האָט אַמאָל געלייענט אַ פּרשה פון דער תורה בעפאָר רבי, איז אַריינגעקומען ר׳ חייא, האָט ער אָנגעהויבען לייענען דיזעלבע פּרשה אויף׳ס ניי. איז דאַן אַריינגעקומען בר־קפּרא, האָט ער ווייטער אָנגעהויבען לייענען די פּרשה פון אָנהויב. איז

דערנאָך אריינגעקומען ר' שמעון דער זוהן פון ר' יהודה הנשיא, האָט ער ווידער אָנגעהויבן דיזעלבע פרשה פון אָנפאַנג. שפּעטער איז אריינגעקומען ר' חנינא, האָט רב געזאָגט: „יעצט וועל איך נישט מעהר אָנהויבן לייענען די פרשה פון אָנפאַנג!" — האָט זיך ר' חנינא געפיהלט באַליידיגט פון דעם. איז דאַן רב געגאַנגען דרייצען ערב יום־כפור'ס איהם איבערבעטען און ער האָט זיך נישט געלאָזט איבערבעטען (יומא דף פ"ז עמוד ב').

נאָך ר' יהודה'ס טויט האָט זיך די פּאָליטישע לאַגע פון די אידען אין ארץ ישראל וואהרשיינליך פאַרערגערט. ר' גמליאל, דער דאַמאָלסדיגער נשיא — דאַכט זיך — האָט נישט געהאַט קיין גרויסען איינפלוס ביי דער רוימישער רעגירונג, און אַז מען האָט אַמאָל געדאַרפט אַ שתדלנות ביי דער רעגירונג, האָט מען געמוזט שיקען אַן אַנדערן. עס איז אפילו נישט באַוואוסט, וואָס דער טראַבעל איז דאַמאָלס געוועזן. מיר ווייסען בלויז, אַז מען האָט אַמאָל ארויסגעשיקט ר' חנינא'ן אין באַגלייטונג פון ר' יהושע בן לוי מיט אַ שתדלנות צום רוימישען פּראָקאָנסול אין צעזאַרעא, איז דאָרט ר' חנינא אויפגענומען געוואָרען מיט גרוים כבוד צוליעב דעם שעהנעם אויסזעהן זיינעם און דער פּראָקאָנסול האָט געזאָגט: „פּנים'ער פון מלאכים זעה איך!" (ירושלמי ברכות פרק ה' הלכה א').

ר' חנינא האָט אָנגעהאַלטען פריינדשאַפט כמעט מיט אַלע צייטגע־נאָסען זיינע, סיי אינגערע און סיי עלטערע. איינער פון זיי איז געוועזן ר' יוחנן, דער שפּעטערער מסדר פון'ם ירושלמי, וועלכער איז געוועזן פון ר' חנינא'ס תלמידים און דערנאָך איינער פון זיינע בעסטע פריינד. איז ער אָבער צוליעב מיינונגס־פאַרשידענהייטען מיט ר' חנינא געוועזן געצוואונגען, צו פאַרלאָזען די שטאָדט צפּורי און צו באַזעצען זיך אין טבריה (ירושלמי ביצה פרק א' הלכה א'). טראָצדעם איז ר' יוחנן'ס אָנהענגליכקייט צו ר' חנינא נישט געמינערט געוואָרען אויף אַ האָהר און ער פלעגט זעהר אָפט געהען באַזוכען זיין רבי'ן אין צפּורי (ויקרא רבה פרשה כ"א פּיסקא ז').

און ווען ר' חנינא איז קראַנק געוואָרען צום שטאַרבען, איז איהם ר' יוחנן געגאַנגען באַזוכען. און ווען ער איז נאָך געוועזן אויף'ן וועג, האָט ער באַגעגענט אַ מענשען פון צפּורי, האָט איהם ר' יוחנן געפרעגט: „וואָס הערט זיך דאָרט עפּיס נייעס ביי אייך אין שטאָדט?" — האָט איהם יענער מענש געענטפערט: „עפּיס איינער אַ גרויסער רבי איז געשטאָרבען און אַלע מענשען לויפען צו זיין קבורה!"

האָט ר' יוחנן פאַרשטאַנען, אַז ר' חנינא איז געשטאָרבען, האָט ער צוריסען זיינע בעסטע קליידער אַלס צייכען פון טרויער (ירושלמי בבא מציעא פרק ב' הלכה י"א). אַנדערע דערצעהלען, אַז ר' יוחנן האָט דאַן געהאַט מיט זיך דרייצען גוטע מלבושים צום אָנטהון, האָט ער אַלע דריי־צען צוריסען און דאַביי האָט ער געשריגען: „עס איז שוין אַוועקגעגאַנ־גען דער מענש, וועלכער האָט מיך געשפּייזט מיט זיין תורה!" (מועד קטן דף כ"ד עמוד א').

יעדעס וואָרט, וואָס ר' חנינא האָט אַמאָל געהערט פון ר' יהודה הנשיא, אָדער עס איז איהם טראַדיציאָנעל איבערגעגעבען געוואָרען פון אַנדערע, אַ שטייגער ווי פון ר' ישמעאל ב"ר יוסי, פון ר' חייא אָדער פון בר־קפּרא, וועלכע האָבען איהם איבערגעגעבען אַלסדינג, וואָס זיי האָבען געהערט פון ר' יהודה הנשיא, איז ביי איהם געוועזן פאַרהייליגט און ער איז נישט אָפּ־

געטרעטען דערפון אפילו אויף א האָר. ער האָט אויך קיינמאָל נישט גע־זאָגט א וואָרט, וואָס ער האָט נישט געהערט פון ר׳ יהודה הנשיא אָדער פון די, וואָס האָבען עס געהערט פון ר׳ יהודה הנשיא׳ס מויל.

געוועהנליך האָט ר׳ חנינא ביי יעדער געלעגענהייט דערצעהלט, ווי ר׳ יהודה הנשיא פלעגט זיך ביי אזא פאַל נוהג זיין. און ווען עס איז איהם אמאָל פאָרגעקומען א נייע שאלה, פאר וועלכע ער האָט נישט געפונען קיין ערקלערונג אין דער „משנה״, פלעגט ער זיך באַראטהען מיט זיינע חברים אָדער אפילו מיט זיינע תלמידים, זיי זאָלען איהם זאָגען, וואָס צו טהון.

אזוי האָבען זיך אמאָל זיינע תלמידים ר׳ יוחנן און ר׳ שמעון בן לקיש שטארק פארוואונדערט, ווען ער האָט ביי זיי געפרעגט אַן עצה אין א פשוט׳ער הלכה, וועלכע האָט געקענט ערקלערט ווערען מיט׳ן שכל, האָט ער זיי אויף זייער פארוואונדערונג געענטפערט: „זאָל שלעכטס איבער מיר קומען, ווען איך האָב אמאָל געזאָגט א זאך, וואָס איך האָב נישט געהערט פון רבי אזוי פיעל מאָל ווי איך האָב האָר אויף׳ן קאָפּ. ביי יעדער הלכה פלעג איך זעהען, ווי רבי האָט זי באַהאַנדעלט אין דער פראַקטיק מינדעס־טענס דריי מאָל, און די דאָזיגע זאך, וועגען וועלכער איך האָב אייך היינט געפרעגט, איז פאָרגעקומען ביי רבי בלויז צוויי מאָל, האָב איך דאַדורך געפרעגט א מיינונג ביי אייך, עס זאָל זיין, אז איך האָב די זאך געזעהן צום דריטען מאָל (זעה ירושלמי נדה פרק ב׳ הלכה ז׳).

די דאָזיגע אָפּהיטונג פון דער טראַדיציע און דאָס שטענדיגע איבער׳־חזר׳ן פון דעם, וואָס אַנדערע האָבען געזאָגט, אָהן אַן אייגענער מיינונג, איז אָבער נישט געפעלען געוואָרען די אַנדערע חכמים פון יענער צייט, וועל־כע האָבען נישט געוואָלט לאָזען, אז די איינטייטשונגען פון די מצוות זאָלען פארגליווערט ווערען אין זייער אינהאַלט און פארלירען די מעגליכ־קייט פון א ווייטערער אַנטוויקלונג. האָבען זיי זיך אָפּגעשיידט פון ר׳ חנינא און זיי האָבען געגרינדעט אייגענע בתי־מדרשים, יעדער פאר זיך. אָט די אָפּזונדערונג איז אָבער בלויז געווען אין טעאָרעטישע פראַגען און זי האָט אויך נישט פארמינדערט די ווערטשעצונג, וואָס איינער האָט גע־פיהלט צום אַנדערן, ווייל ווען עס האָט זיך א תלמיד אָדער א חבר אָפּ־געשיידט פון ר׳ חנינא, איז ער ביי איהם תיכף געוואָרען אַן אויטאָריטעט און ער האָט דערנאָך א הנאה געהאַט פונ׳ם כבוד, וואָס אזא תלמיד אָדער חבר האָט געקראָגען.

אזוי ווערד דערצעהלט, ווי ער איז אמאָל געגאַנגען שפּאַצירען און ער האָט געזעהען, ווי איטליכער הערט אויף צו אַרבייטען און טהוט זיך אָן יום־טוב׳דיג. האָט ער געפרעגט: „וואָס איז עפּיס היינט פאַר א שמחה אין שטאָדט?״ — האָט מען איהם געענטפערט: „דיין תלמיד ר׳ יוחנן איז אָנגעקומען אהער און ער דרשנ׳ט אצינד אינ׳ם בית־המדרש, לויפט איהם איטליכער הערען״. האָט ער אויף דעם געמאַכט א ברכה „שהחיינו״, וואָס ער האָט זוכה געווען צו זעהען דעם כבוד פון ר׳ יוחנן (ירושלמי הוריות פרק ג׳ הלכה ד׳).

די פרנסה זיינע האָט ר׳ חנינא געצויגען פון האַנדעל מיט האָניג, און ווי עס ווערד דערצעהלט, האָט ער אמאָל פארקויפט א גרויסע קוואַנטיטעט פייגען־האָניג אנשטאָט האָניג פון ביהנען, און אזוי ווי די מענשען וואָס האָבען געקויפט דעם האָניג, האָבען גראַד דאַמאָלס געזוכט פייגען־האָניג, ווייל ער

קלעפט זיך בעסער, האט ער ביי דעם דאזיגען מסחר געמאכט פיעל געלד און ער האט פון דעם פארדיענטען געלד אויסגעבויעט א בית־המדרש אין צפורי (ירושלמי פאה פרק ז׳ הלכה ג׳).

אומבאשרייבליך איז געווען ר׳ חנינא׳ס ליעבע צו ארץ־ישראל. ווען ער איז אהין אנגעקומען, ווערד דערצעהלט, אז יעדעס מאל ווען ער איז ערגיץ געגאנגען, פלעגט ער אפראמען די שטיינער און הינדערנישען פון די גאסען, איבער וועלכע ער איז געגאנגען, אויסצוגלייכען דעם וועג און צו מאכען איהם גוט. ער פלעגט אויך קענען אונטערשיידען, ווען מען האט איהם געגעבען ערד־שטיקער אין דער האנד אריין, צי די ערד איז פון ארץ־ישראל אדער פון חוץ־לארץ (זעה ירושלמי שביעית פרק ד׳ הלכה ז׳). און ווען עס האט אמאל איינער פון די יונגע תלמידים, ר׳ שמעון בר אבא, געפרעגט ביי איהם, צי ער זאל געהען אין חוץ־לארץ און ער האט פארלאנגט פון ר׳ חנינא א מליצה־בריעף צו די חכמים אין בבל, האט איהם ר׳ חנינא געזאגט: „איך קען דיר דאס נישט געבען, ווייל אט קען איך מארגען זיין ביי דיינע עלטערען (ד. ה. שטארבען), וועלען זיי קענען האבען צו מיר א טענה, אז זיי האבען פארמאגט א שעהן בוימעלע אין ארץ־ישראל, האב איך איהם ערלויבט אוועקצונעהמען אין חוץ־לארץ!" (ירושלמי מועד קטן פרק ג׳ הלכה א׳).

ווי עס איז פון אלע ר׳ חנינא׳ס מאמרים צו זעהען, האט ער געגלויבט, אז דער אויבערשטער באצאהלט יעדען לויט זיינע מעשים, און ווען ער ווארט אפילו א צייט ביז ער באצאהלט, דארף מען וויסען, אז ער שענקט נישט קיינעם, ווייל וואס ער טהוט, ווערד געטהון מיט גערעכטיגקייט. און ווער עס זאגט, אז דער אויבערשטער פארקוקט דעם מענשען׳ס זינד, זאל איהם פארקוקט ווערען זיין לעבען (בבא קמא דף נ׳ עמוד א׳). איז טאקי בעסער, אז דער מענש זאל טהון אן עברה, ווען קיינער זעהט נישט, איידער ער זאל דארפען פארשוועכען דעם אויבערשטען׳ס נאמען אין דער עפענטליכקייט (קדושין דף מ׳ עמוד א׳).

פון דעסטוועגען איז חאטש ר׳ חנינא האט אויף א מערקווירדיגען אופן געגלויבט אין „השגחה פרטית", אז „יעדער שריט פונ׳ם מענשען איז באשטימט פונ׳ם הימעל און א מענש ריהרט נישט קיין פינגער, ווען מען הייסט איהם נישט פון אויבען", האט ער גלייכצייטיג צוגעגעבען, אז „יראת שמים" איז ביי יעדען מענש אין דער האנד און נישט ביים אויבערשטען (ברכות דף ל״ג עמוד ב׳).

אין באצוג צו דער מענשליכער פיהרונג אקעגען אנדערע מענשען, פלעגט ר׳ חנינא זאגען: „ווען איינער הויבט א האנד געגען אן אנדערן מענש, חאטש ער שלאגט איהם ניט, הייסט ער שוין א זינדיגער, און ווען איינער גיט א אידען א פאטש, איז דאס גלייך ווי ער וואלט געפאטשט די שכינה" (סנהדרין דף נ״ח עמוד ב׳).

פארהאנען — פלעגט אויך ר׳ חנינא זאגען — א מענש, וואס זינדיגט אויף דער ערד און ער זינדיגט נישט פאר׳ן הימעל. פארהאנען ווייטער אן אנדערער, וואס זינדיגט אקעגען הימעל און ער זינדיגט נישט אויף דער ערד, אבער ווער עס רעדט „לשון הרע", דער זינדיגט סיי אין הימעל און סיי אויף דער ערד (קהלת רבה פרשה ט׳ פסוק י״ג).

ביי רשעים—פלעגט ער ביי אנדערע געלעגענהייטען זאגען—זיינען פארהאנען פערשידענע מינים. אזוי איז פארהאנען א רשע א ביטרע מענשעל,

װעלכער איז ערגער פֿון אַ געװײנלעכן רשע, װײַל טראַץ די רשעות זײַנע קומט ער שטענדיק אַרױס אַ גערעכטער, אַ שטײגער װי װען ער האָט מיט אײנעם אַ פּראָצעס, רעדט ער אַרײַן זײַנע טענות צום ריכטער, אײדער דער אַנדערער קומט, האָט שױן דער ריכטער אַ מײנונג, אַז ער איז גערעכט (סוטה דף כ״א עמוד ב׳). דאַרף דאַדורך אַ ריכטער זײַן געװאָרענט. נישט צוצוהערן זיך צו די װערטער פֿון אײן צד, װי לאַנג דער אַנדערער צד איז נישט דאַבײַ אַנװעזנד (סנהדרין דף ז׳ עמוד ב׳).

װי פֿילע אַנדערע חכמים האָט ר׳ חנינא שטאַרק געהאַלטן פֿון צדקה און ער האָט געזאָגט: „צדקה איז געגליכן צו׳ן אַ קלײד, װײַל פּונקט אַזױ װי דער שטאָף פֿונ׳ם קלײד באַשטײט פֿון אײנצלנע פֿעדים, פֿון װעלכע עס איז צונױפֿגעשפּונען דער שטאָף, און פֿונ׳ם שטאָף איז דערנאָך צונױפֿגעהעפֿט געװאָרן דאָס קלײד, אַזױ איז אױך בײַ צדקה, װאו עס װערט צונױפֿגערעכנט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה, ביז עס װערט דערפֿון אַ גרױסער חשבון (בבא בתרא דף ט׳ עמוד ב׳).

און בײַם געבן צדקה דאַרף מען אין ערשטער רײע האָבן אױפֿ׳ן זינען דעם תלמיד־חכם, װײַל אַן „אפּיקורס״, װעלכער האָט נישט קײן „חלק לעולם הבא״ און מען דאַרף אים נישט געבן קײן צדקה, הײסט דער, װאָס פֿאַרשעמט תלמידי־חכמים (זעה סנהדרין דף צ״ט עמוד א׳). און װער עס האָט אַ שלעכט אױג אױף תלמידי־חכמים אױף דער װעלט, װעלן זיך זײַנע אױערן אָנפֿילן מיט רױך אױף יענער װעלט (בבא בתרא דף ע״ה עמוד א׳). אָבער װען אײנער פֿיהרט זיך אַזױ, אַז זײַנע רבײם זאָלן זײַן פֿון אים צופֿרידן, דער איז זיכער מיט זײַן עולם־הבא (שבת דף קע״ג עמוד א׳).

צוגלײַך איז דער תלמיד־חכם פֿאַרפּליכטעט, צו לערנען מיט די מענ־שען, אַזױ אָפֿט װי זײ קומען צו אים, װײַל װען עס בעט זיך אַמאָל אײנער בײַ אַ תלמיד־חכם, ער זאָל מיט אים דורכלײענען אַ קאַפּיטל אין תנ״ך, אָדער ער זאָל מיט אים לערנען אַ פּרק אין דער משנה, און ער ענטפֿערט אים: „לאָז מיך אָפּ, װײַל איך האָב נישט קײן כח דערצו!״ זאָגט אױף דעם דער אײבערשטער: „אױב אַזױ, װעט טאַקי קומען אַזאַ צײַט, װאָס איך װעל אײך אַזױ טהון, איהר זאָלט אױף אַן אמת׳ן נישט האָבן קײן כח!״ (איכה רבתי פּרשה א׳ פּיסקא ל״ח).

ר׳ חנינא האָט געגלױבט אינ׳ם אײנפֿלוס פֿון די שטערן אױפֿ׳ן גאַנג פֿונ׳ם מענשליכן לעבן. דאָס מזל — פֿלעגט ער זאָגן — מאַכט קלוג און עס מאַכט אױך רײַך, װײַל אין געגנזאַץ צו יענע, װאָס האָבן געזאָגט „אין מזל לישראל״ (נדרים דף ל״ב עמוד ב׳) האָט ער געזאָגט „יש מזל לישראל״ (שבת דף קנ״ו עמוד ב׳).

דער װיכטיגסטער טאָג אין דער װאָך איז בײַ אים געװען שבת, װאָס דער מענש דאַרף אים אָפּגעבן כבוד מיט אַ באַזונדער מלבוש. יעדער מענש — פֿלעגט ער זאָגן — דאַרף האָבן צװײ אײנהילען, אײנע פֿאַר די װאָכן־טעג און אײנע פֿאַר שבת (ירושלמי פּאה פּרק ח׳ הלכה ח׳), און יעדעס מאָל װען עס איז אָנגעקומען פֿרײַטאָג נאָכמיטאָג, פֿלעגט ער זיך אײנהילען אין זײַן שבת׳דיגער אײנהיל און אַ זאָג טהון צו זײַנע חברים און תלמידים: „קומט׳ס לאָ׳מיר אַקעגן־געהן דער מלכה־שבת!״ (זעה שבת דף קי״ט עמוד א׳).

די אמוראים פון ארץ־ישראל

ווי יעדער מענש פון יענער צייט איז איהם אויך אויסגעקומען צו לײדען פארשיעדענע צרות. האט ער זיך אבער נישט געלאזט באאײנ־פלוסען פון זיינע אינעווייניגסטע אויפרעגונגען אין זיין פארהעלטניס צום לעבען. בלויז ווען ער איז אין א געוויסען טאג בייז געווען, האט ער דא־מאלס נישט גדאווענט (ערובין דף ס״ה עמוד א׳).

אמאל איז איהם א טאכטער געשטארבען, האט ער נישט געוויינט. האט איהם די פרוי זיינע געמאכט דערפאר א פארוואורף און זי האט גע־זאגט: „א היהנדעל אז מען נעמט אוועק פון א הויז, באדויערט מען אויך!" — האט איהר ר׳ חנינא געענטפערט: „צווייערליי צרות זיינען צו שווער צו דערטראגען. גענוג ווען טהוט מיר, וואס איך בין געווארען קינדערלאז, קען איך מיר נישט אויסוויינען די אויגען, איך זאל נאך דער־צו בלינד ווערען!" (שבת דף קנ״א עמוד ב׳).

געשטארבען איז ביי איהם אויך א זוהן מיט׳ן נאמען „שיבחת" אדער „שכחת" און ער האט נישט געטרויערט. ער האט אנגענומען דעם אויבערשטען׳ס טהאט ווי א גערעכטען משפט און ער האט בלויז געזאגט, אז דער זוהן איז דערפאר געשטארבען, ווייל „ער האט אפגעשניטען די פייג בעפאר דער צייט" (בבא קמא דף צ״א עמוד ב׳ און בבא בתרא דף כ״ו עמוד א׳).

ווי באמערקט, פלעגט ר׳ חנינא שטראפען די מענשען פון זיין שטאדט פאר זייער אויסגעלאסען לעבען. האט ער וועגען דעם איינמאל געזאגט: „געווען אמאל אין די טעג פון משה רבנו און זמרי, זיינען צוליעב איהם געשטארבען 24 טויזענד אידען, און אין היינטיגען דור האבען מיר אזוי פיעל זמרי׳ס, טא וואס דארפען מיר מתרעם זיין, אז דער אויבערשטער שטראפט אונז?" (ירושלמי תענית פרק ג׳ הלכה ב׳).

און אז מען האט ר׳ חנינא׳ן געפרעגט, אין וואס פאר א זכות ער לעבט אזוי לאנג, האט ער דאס אמאל דערקלערט אויף א נאטירליכען אופן, אז וואס די מוטער האט איהם געבאדען אין ווארים וואסער און געשמירט מיט אויל, ווען ער איז געווען א קינד, האט פארלענגערט זיין לעבען. ביי אנדערע געלעגענהייטען פלעגט ער זאגען, אז דאס איז, ווייל ער האט אפגעטרעטען זיין כבוד צו ר׳ אפס, ווען דער נשיא האט איהם געוואלט געבען דעם ערשטען פלאץ אינ׳ם בית־המדרש, אדער ווייל ווען ער פלעגט געהען פון צפורי קיין טבריה, פלעגט ער מאכען אן אומוועג, צו קענען געהען באגריסען ר׳ שמעון בר חלפתא (ירושלמי תענית פרק ד׳ הלכה ב׳).

רבי יהושע בן לוי

צווישען די „אמוראים" פונ'ם ערשטען און צווייטען דור, וועלכע האָ־בען געלעבט און געווירקט אין ארץ־ישראל נאָך דער פטירה פון רבנו הקדוש ביז איבער דער צייט פון זיין אייניקעל, ר' יהודה נשיאה דעם ערשטען, איז געווען איינער פון די פראָמינענטעסטע — ר ב י י ה ו ש ע ב ן ל ו י , וואָס יעדער שריט זיינער אינ'ם לעבען איז ארומגערינגעלט מיט די וואונדערליכסטע לעגענדעס.

מיט אליהו הנביא איז ער ארומגעגאַנגען ווי מיט זיינסגלייכען און ער פלעגט אויך שטענדיג ביי איהם פועל'ן אלסדינג, וואָס ער האָט נור געוואָלט. צוזאמען מיט אליהו הנביא פלעגט ער לערנען, און ווען עס איז זייביידען עפּיס געווען קשה, פלעגט ר' יהושע שיקען אליהו הנביא, ער זאָל געהען פרעגען פשט ביים לאַנג־פארשטאָרבענעם ר' שמעון בן יוחאי (בראשית רבה פרשה ל"ה פיסקא ב'). אָפט פלעגט ער זיך דארפען אוועקשטעלען בעטען אויף רעגען און עס האָט דאַן טאַקי געמוזט רעגענען. אַמאָל האָט ער זאָגאר גערעדט פערזענליך מיט משיח'ן, וועלכער האָט איהם געזאָגט, ווען ער וועט קומען. און גאָר צום ענד, ווען דער מלאך המות איז איהם געקומען נעהמען, האָט ער זיך פון איהם ארויסגעדרעהט מיט א „טריק" און ער איז אריינגעשפרונגען א לעבעדיגער אין גן־עדן (זעה כתובות דף ע"ז עמוד ב').

ווי עס הייסט, איז ער געווען א זוהן פון לוי בן סיסי, וועלכער איז געווען א תלמיד פון ר' יהודה הנשיא. איז דאָס אָבער וואהרשיינליך נישט ריכטיג, ווייל ווען ער וואָלט געווען דער זוהן פון אזא תנא, וואָלט ער האָטש איינמאָל דערמאָנט זיין פאָטער ביי א הלכה. אויסערדעם איז לוי בן סיסי געקומען פון בבל און ר' יהושע בן לוי איז געווען פון ארץ־ישראל (זעה יבמות דף מ"ה עמוד א').

געלערענט האָט ר' יהושע בן לוי ביי אלע דאמאָלדיגע חכמים, וועלכע ער דערמאָנט שפּעטער אין זיינע אויסשפּרוכען. עס הייסט זאָגאר, אז ער האָט נאָך געהאָט די זכיה, צו זיצען אינ'ם בית המדרש פון רבנו הקדוש, צו וועמען ער פלעגט אין געוויסע צייטען קומען הערען לערנען. דערצעהלט ער טאַקי זעהר אָפט ביי געוויסע דינים, ווי ר' יהודה הנשיא פלעגט זיך ביי אזעלכע געלעגענהייטען נוהג זיין.

דער כבוד זיינער ביי די מענשען פון זיין דור איז אויך געווען זעהר א געהויבענער, ווען מען האָט גענומען זיינעם א מאמר און מען האָט איהם צוגעגעבען צו דער ברייתא פון מסכת אבות (פרק ששי) וואו ער זאָגט, אז עס געהט ארויס יעדען טאָג א „בת קול" פונ'ם בארג חורב, וועלכער רופט: „וועה צו די מענשען, וואָס לאָזען די תורה פארשעהמען!" (אוי להם לבריות מעלבונה של תורה).

געוואוינט האָט ער, ווי עס איז אָנצונעהמען, אין דרום פון יהודה, אין דער שטאָדט לוד, דאָרט דאכט זיך, איז ער געווען געבוירען און דאָרט האָט ער אָנגעפיהרט זיין ישיבה.

עס קען אויך אַנגענומען ווערען, אַז ער איז שוין געווען באוואוסט אין די טעג פון ר׳ חייא רבה. ווי עס ווערד דערצעהלט, האָט איהם ר׳ חייא געמאַכט אַמאָל אַ באַזוך אין לוד. האָט מען דאַן לכבוד דעם גאַסט אַרויפ־געבראַכט צום טיש 24 מיני מאכלים. האָט דאָס ר׳ חייא׳ן זעהר שטאַרק פאַרוואונדערט און ער האָט געפרעגט, ווי אַזוי מען איז זיך נוהג מיט דעם עסען אום שבת, ווען מען עסט אַזוי פיעל ביי אַ וואָכעדיגען מיטאָג, האָט ר׳ יהושע בן לוי אויף דעם געענטפערט, אַז אום שבת פאַרטאָפּעלט מען די צאָהל מאכלים.

נאָך אַ געוויסער ציים איז ר׳ יהושע בן לוי געקומען אויף אַ באַזוך צו ר׳ חייא. האָט ר׳ חייא געגעבען צו זיינע תלמידים עטליכע גאָלדענע דוקאַטען, זיי זאָלען אַרויסגעהן איינקויפען עסען, אויף צוצוגרייטען אַ מיטאָג, ווי ר׳ יהושע בן לוי איז געוואוינט צו האָבען ביי זיך אין דערהיים (איכה רבתי פרשה ג׳ פיסקא ז׳).

זעהר אָפט פלעגט ר׳ יהושע בן לוי קומען קיין צפורי (סעפּהאָרים), וואו די „סנהדרין״ זיינען דאַמאָלס געווען. דאָרט האָט ער זיך גע׳חבר׳ט מיט ר׳ חנינא בר חמא, דעם ראש ישיבה. מיט דעמזעלבען ר׳ חנינא איז ער אויך אַמאָל געגאַנגען אַלס שליח פון כלל ישראל צום רוימישען „פּראָקאָנסול״ אין אַנטיאָכיען אָדער אין צעזאַרעאַ. און ווען דער פּראָקאָנסול האָט זיי געזעהן, איז ער פאַר זיי אויפגעשטאַנען (ירושלמי ברכות פרק ח׳ הלכה א׳).

עס ווערד דערצעהלט, אַז ר׳ יהושע בן לוי פלעגט געבען „סמיכה״ צו אַלע זיינע תלמידים, נישט קוקענדיג דאַרויף, צי דער „נשיא״ איז דערפון צופרידען אָדער נישט (ירושלמי חגיגה פרק א׳ הלכה ח׳). טראָצדעם פלעגט ער פיעל האַלטען פונ׳ם נשיא׳ס אויטאָריטעט און די מיינונג פונ׳ם נשיא איז ביי איהם געווען ווי אַ געזעץ (זעה ירושלמי מועד קטן פרק ג׳ הלכה א׳). און ווען זיין זוהן רב יוסף איז געוואָרען אַן איידעם ביי ר׳ יהודה נשיאה, האָט ער עס גערעכענט פאַר אַ גרויסע זכיה, אַז ער האָט אַזש צוליעב דעם צו־געטיילט כבוד צו זיין אייגענעם זוהן. דאַביי פלעגט ער שטענדיג זאָגען, אַז ער טהוט דאָס בלויז צוליעב רעספּעקט פאַר׳ן נשיא׳ס הויז (קדושין דף ל״ג עמוד ב׳).

אַזוי ווי ר׳ יהושע בן לוי האָט פיעל געלערענט אין „הלכה״, האָט ער נאָך מעהר געלערענט אין „אגדה״, חאָטש עס מעג זיך אויסדאַכטען, אַז ער האָט ווייניג וואָס געהאַלטען פון אגדה. גאַנץ באַזונדערס איז ער בייז געווען, ווען מען האָט די אגדות אויפגעשריבען — און אַמאָל האָט ער וועגען דעם געזאָגט, אַז ווער עס שרייבט אויף אַן אגדה, האָט נישט קיין חלק לעולם הבא; ווער עס דרש׳נ׳ט זי, ווערד באַשימפּפט און ווער עס האָרכט זיך צו צו׳ן איהר, קריגט נישט קיין באַלוינונג (מסכת סופרים פרק ט״ז הלכה ב׳).

וואונדערליך גרויס איז געווען די ליבשאַפט פון ר׳ יהושע בן לוי צו דער תורה, גליידך ווי עס איז אויך געווען גרויס זיין פאַרעהרונג צו די לער־נערס. אין אָט דעם ענין פלעגט ער זאָגען: „זייט׳ס געוואָרענט פאַר אַן אַלטען, וועלכער האָט פאַרגעסען זיין לערנען דורך אַ צופאַל, ווייל די צו־בראָכענע לוחות זיינען געלעגען באַהאַלטען אינ׳ם הייליגען אָרון צוזאַמען מיט די גאַנצע״. דעסגלייכען פלעגט ער זאָגען: „ווער עס רעדט שלעכטס וועגען אַ תלמיד־חכם, פאַלט אַריין אין גיהנם. ביי 24 פאַרשיעדענע געלע־גענהייטען דאַרף אויך דער בית־דין אַרויסגעבען אַ חרם וועגען דעם כבוד פון אַ תלמיד חכם״ (זעה ברכות דף ח׳ עמוד ב׳ און דף י״ט עמוד א׳).

רבי יהושע בן לוי

ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט האָט ער געזאָגט: „ווער עס לערענט מיט זיין זוהן תורה, איז דאָס גלייך ער זאָל האָבען אַליין געקראָגען די תורה אויפ'ן בארג חורב" (ברכות דף כ"א עמוד ב'). אין זיינע אויגען איז אויך די תורה דאָס בעסטע מיטעל צו אַלערליי שוואַכקייטען פונ'ם מענש און ער פלעגט זאָגען: „וועמען עס טהוט וועה דער קאָפּ אָדער אַן אַנדער אבר פון זיין גוף, זאָל זיך נור נעהמען לערנען" (ערובין דף נ"ד עמוד א').

און חאָטש ער האָט געוואָלט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל לערנען, האָט ער פון דעסטוועגען געזאָגט, אַז מיט אַ שקלאַף טאָר מען נישט לערנען (כתובות דף כ"ח עמוד א'). ער האָט אויך געגלויבט, אַז וויפיל איינער זאָל נישט לערנען, קען ער אַלץ נישט אַנטפּלעקען קיין נייעס, ווייל „יעדע זאַך, וואָס אַ גוטער תלמיד קען לערנען פאַר זיין רבי'ן, איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרען צו משה רבנו אויפ'ן בארג סיני" (ירושלמי פאה פרק ב' הלכה ז').

גלייך ווי די חשיבות פון לערנען איז ביי איהם געווען די וויכטיגקייט פונ'ם דאַוונען, פלעגט ער דאַדורך זאָגען צו זיינע קינדער: „שטעהט אויף פריה און איילט זיך צו פאַרנאַכט, צו געהען אין שוהל אַריין, וועט איהר דער־פאַר לאַנג לעבען" (ברכות דף ח' עמוד א'). דאַביי האָט ער זיי אויך אָנ־געזאָגט, זיי זאָלען זיך שטענדיג באַשטרעבען, צו זיין צווישען די ערשטע צעהן מענשען אין שוהל (ברכות דף מ"ז עמוד ב'). און ווען איהר וועט דאַוונען — האָט ער ווייטער אָנגעזאָגט — זאָלט איהר זיך אוועקשטעלען ביי דער וואַנד. איהר זאָלט אויך זעהן, עס זאָל אייך גאָר נישט אָפּטיילען פון דער וואַנד. גלייכצייטיג דאַרפט איהר געדענקען, אַז עס טאָר נישט קיינער פאַרבייגעהען פאַר אַ שוהל, ווען דער עולם דאַוונט, ער זאָל נישט ווערען מיט זיי מיטדאַוונען (ברכות דף ח' עמוד ב').

ווער עס ענטפערט „אמן יהא שמיה רבה" ביים „קדיש" מיט זיין גאַנ־צען כח — האָט ער ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט געזאָגט — צורייסט מען אויבען זיין גזר דין (שבת דף קי"ט עמוד א'). און ביי ווען די ליפּען זאָגען אַרויס די תפלות גלייך אָהן אַ שטערונג, דער קען גלויבען אויף זיכער, אַז די תפלה זיינע איז אָנגענומען געוואָרען (ירושלמי ברכות פרק ח' הלכה ח').

ס'איז אויך דאַמאָלס ביי איטליכען געווען אָנגענומען די וויכטיגקייט פון תשובה. האָט ר' יהושע בן לוי וועגען דעם געזאָגט, אַז „אידען האָבען געמאַכט דעם עגל נור כדי צו האָבען אַ געלעגנהייט פאַר תשובה, מען זאָל קענען זעהען, ווי ווייט תשובה העלפט" (עבודה זרה דף ד' עמוד ב').

ווי פיעלע אַנדערע פון יענער צייט האָט ר' יהושע בן לוי אָנגעפיהרט מחלוקות מיט די „מינים" (די ערשטע קריסטען). האָט ער אָבער, ווי עס דאַכט זיך, ווייניגער אַרגומענטירט מיט לאָגישע ראיות פאַר זיין איבערצייי־גונג, ווייל דער יסוד פון זיינע וואָפען איז הויפּטזעכליך געווען אַ סענטימענ־טאַלער. מאַנכע היסטאָריקער ווילען דאַדורך באַהויפּטען, אַז די געגנער־שאַפט זיינע צו „אגדה" איז געווען באַגרינדעט אויף אַ געגנערשאַפט צו די „מינים", וועלכע פלעגען קעמפּפען מיט פּסוקים פון תנ"ך לויט זייערע ספּעֶ־ציעלע איינטייטשונגען.

איז דאָן באַזונדערס געווען איינער אַ „מין", וואָס ר' יהושע בן לוי האָט געהאַט פון איהם דעם גרעסטען צער, ווייל ער האָט איהם שטענדיג געררייצט מיט זיינע רייד. האָט ר' יהושע געוואָלט איינמאָל איהם שילטען — און אַן עק זאָל עס נעהמען! . . . האָט ער זיך אָבער דערמאָנט אַן דעם

פסוק „ורחמיו על כל מעשיו", האָט ער זיך באַלד צוריקגעהאַלטען פונ'ם שילטען (ברכות דף ז' עמוד א').

כאַראַקטעריסטיש זיינען די פאָלגענדע אויסשפּרוכען פון ר' יהושע בן לוי: „ווער עס רעדט לשון־הרע, איז גלייך ער זאָל עובר זיין אויף אַלע חמשה חומשי תורה" (ויקרא רבה פרשה ט"ז פיסקא ז'). פאַר צוויי גרויסע עברות איז איבערהויפּט נישט פאַרהאַנען קיין פאַרגעבונג אויף דער וועלט: פאַר בלוט־פאַרגיסען און פאַר לשון־הרע (זבחים דף פ"ח עמוד ב').

אַן אָרענטליכער מענש — פלעגט ער זאָגען — ברענגט נישט אַרויס קיין מיאוס וואָרט פון זיין מויל (פּסחים דף ג' עמוד א'). געלד — פלעגט ער אויך זאָגען — האָט אַ גרויסע באַדייטונג, אַפילו „ממזרים" ווערען דורך איהם ריין. און טאָמער זעהט מען צוויי פאַמיליען צאַנקען, ווי איינע שימפּפט די אַנדערע, איז וואַהרשיינליך ביי איינער פון זיי פאַרהאַנען עפּעס אַ „פּסול" (קדושין דף ע"א עמוד א' און עמוד ב').

חאָטש ער איז געווען איידעל געצויגען און ער האָט געמוזט אָנטהון שיך אום יום־כפור (ירושלמי יומא פרק ה' הלכה א'), האָט ער אינ'ם חודש אָב געפאַסט צוויי טעג נאָכאַנאַנד, דעם נייַנטען און דעם צעהנטען טאָג פונ'ם חודש, ווייל דער בית המקדש איז פאַרברענט געוואָרען דעם צעהנטען טאָג און אָנגעהויבען ברענען האָט ער דעם נייַנטען טאָג (ירושלמי תענית פרק ד' הלכה ז').

ווי באַמערקט, איז ר' יהושע בן לוי געווען זעהר „אינטים" מיט אליהו הנביא. ווערד וועגען דעם דערצעהלט, ווי ער האָט אַמאָל באַגעגענט אליהו הנביא ביי דער טיר פון דער הייהל, וואו ר' שמעון בן יוחאי האָט זיך גע־האָט באַהאַלטען דרייצען יאָהר. האָט ר' יהושע געפרעגט: „ווען קומט משיח?" — האָט איהם אליהו הנביא געענטפערט: „דאָס דאַרפסטו ביי משיח'ן אַליין פרעגען!"

יאָ — האָט ר' יהושע בן לוי אויף דעם געזאָגט — ווען איך זאָל וויסען, וואו ער זיצט, וואָלט איך איהם שוין געפרעגט.

האָט איהם אליהו געענטפערט: „ער זיצט ביים טויער פון דער גרויסער שטאָדט" — דאָס מיינט אַנטיאָכיען אָדער צעזאַרעאַ, וואו די רוימער פלעגען האָבען זייער לאַגער. דאַביי האָט איהם אליהו הנביא געגעבען אַ סימן, ער זאָל משיח'ן דערקענען און ער האָט געזאָגט, אַז „ער זיצט צווישען די קראַנקע אָרימע ליט, און אַזוי ווי זיי זיצען, בינדען זיי זיך אַלע צו זייערע וואונדען און גלייכצייטיג בינדען זיי זיך אויף די וואונדען מיט איינמאָל. אָבער ער (משיח) בינדט זיך בלויז איינמאָל אויף די וואונדען און בלויז איינ־מאָל בינדט ער זיי זיך צו".

איז דאַן ר' יהושע צוגעגאַנגען צו משיח'ן און ער האָט איהם געזאָגט: „פריעדען צו דיר מיין האַר און לעהרער!" — „פרידען צו דיר, בר־לואי!" — האָט משיח געענטפערט.

האָט ר' יהושע געפרעגט: „ווען וועט שוין דער האַר קומען?" — האָט איהם משיח אויף דעם געענטפערט: „ה י י נ ט!"

איז ר' יהושע דערנאָך צוריקגעקומען צו אליהו הנביא און ער האָט איהם דערצעהלט, וואָס משיח האָט געזאָגט. האָט איהם אליהו הנביא ערקלערט, אַז וואָס משיח האָט געזאָגט „שלום עליך בר־לואי!" איז אַ סימן, אַז ער האָט איהם צוזאַמען מיט זיין פאָטער פאַרזיכערט אַ „חלק לעולם הבא".

רבי יהושע בן לוי

האָט זיך דאַן ר׳ יהושע באַקלאָגט, אַז משיח האָט איהם אָפּגענאַרט, ווען ער האָט איהם צוגעזאָגט צו קומען היינט און ער איז נישט גע־קומען. האָט איהם אליהו הנביא דערקלערט, אַז משיח האָט געמיינט צו קומען טאַקע „היינט", אָבער נור אַז מען וועט פאָלגען דעם אויבערשטען, ווי דער פּסוק זאָגט „היום אם בקולו תשמעו" (סנהדרין דף צ"ח עמוד א׳).

אַן אַנדערע מעשה ווערד דערצעהלט וועגען עפּיס איינעם, וואָס אַ לייב האָט איהם אויפגעגעסען אין אַ פּלאַץ, וועלכער איז געווען דריי מייל ווייט פונ׳ם אָרט, וואו ר׳ יהושע האָט זיך געפונען. האָט דאַן אליהו הנביא נישט גערעדט מיט ר׳ יהושע׳ן דריי טעג, ווייל ער האָט געדאַרפט גאָט בעטען, אַז אַזאַ זאַך זאָל אַזוי נאָהנט פון איהם נישט פאָרקומען (מכות דף י"א עמוד א׳).

נאָך אַ מעשה ווערד דערצעהלט וועגען ר׳ יהושע בן לוי אין פאַרבינדונג מיט אליהו הנביא. עפּיס איינער מיט׳ן נאָמען עולא בן קושב האָט זיך פּאָ־ליטיש פאַרזינדיגט געגען דער רוימישער רעגירונג. האָט די רעגירונג אַרויס־געשיקט אַ גרופּע סאָלדאַטען, מען זאָל דעם מענשען חאַפּען צום הרג׳נען. האָט זיך אָבער דער מענש באַהאַלטען ביי ר׳ יהושע בן לוי אין הויז, האָבען די סאָלדאַטען דאָרט אַרומגערינגעלט די גאַנצע שטאָדט לוד און געסטראַשעט, אַז אויב מען וועט זיי נישט אַרויסגעבען דעם, וואָס זיי זוכען, וועלען זיי אַלס־דינג חרוב מאַכען. האָט ר׳ יהושע בן לוי צוגערעדט דעם מענשען, ער זאָל זיך לאָזען איבערגעבען צו די סאָלדאַטען, כדי אָפּצוראַטעווען די שטאָדט, באַווייזענדיג צוגלייך אַז עס איז גאָר אַ בפירוש׳ער דין אין דער „משנה" *), אַז ווען די רעגירונג זוכט אַ באַשטימטע פערזאָן און זי סטראַשעט צו טהון זאָנסט שלעכטס צו אַלעמען, מעג מען דעם געזוכטען אַרויסגעבען, גלייך ווי די מענשען פון דער שטאָדט „אבל" האָבען געטהון, ווען יואב בן צרויה האָט זייער שטאָדט באַלאַגערט, האָט מען איהם אַרויסגעגעבען דעם קאָפּ פון שבע בן בכרי, וועלכער איז געווען אַ „מורד במלכות".

און נאָכדעם ווי דער דאָזיגער עולא בר קושב איז איבערגעגעבען גע־וואָרען צום הרג׳נען, האָט זיך אליהו אַ לאַנגע צייט נישט געלאָזט זעהען ביי ר׳ יהושע בן לוי. האָט ר׳ יהושע געפאַסט עטליכע תעניתים, האָט זיך אליהו ווייטער צו איהם באַוויזען. און ווען ר׳ יהושע האָט איהם געפרעגט וועגען דער אורזאַך, וואָס ער האָט זיך נישט געוויזען אַזאַ לאַנגע צייט, האָט איהם אליהו געזאָגט: „האָב איך מיך דען געקענט באַווייזען צו אַ מסור?"

האָט ר׳ יהושע אויף דעם געזאָגט: „האָב איך נישט געהאַנדעלט גענוי לויט דער משנה?" . . .

„איז דען דאָס אַ משנה, וואָס פרומע מענשען דאַרפען זיך לויט איהר פיהרען?" — האָט אליהו הנביא אויף דעם געזאָגט — „אַזאַ מענש ווי דו האָט איבערהויפּט נישט געדאַרפט האָבען קיין האַנד ביי אַזאַ ענין!" . . . (ירושלמי תרומות פרק ח׳ הלכה ד׳).

ביי זיין פאַרקעהר מיט אליהו הנביא ווי מיט זיינסגלייכען, איז ער אויך געשטאַנען אין אַ פריינדשאַפטליכען פאַרקעהר מיט׳ן „מלאך־המות", וועל־כער האָט זיך געלאָזט פון איהם אָפּנאַרען, ווען ער איז געקומען צונעהמען ביי איהם די נשמה, און ער האָט איהם איבערגעגעבען זיין שווערד פאַר אַ

---

*) וואָס ר׳ יהושע בן לוי האָט דאַ געוואָלט באַווייזען, געפינט זיך נישט אין אַ „משנה", נור איז אַ תוספתא צו מסכת תרומות פרק ז׳ הלכה כ"ג.

משכון, אז ער וועט איהם גאָר נישט טהון אויפ'ן וועג, ווען ער האָט איהם געפיהרט ווייזען זיין פּלאַץ אין גן־עדן.

און ווען זיי זיינען אָנגעקומען צו דער טהיר פונ'ם גן־עדן, איז ר' יהושע בן לוי אריינגעשפּרונגען אהין לעבעדיגערהייט. האָט איהם דער „מלאך המות" אָנגעכאַפּט ביי דער פּאָלע פון זיין מאַנטעל, איהם צוריק צו האַלטען, האָט זיך ר' יהושע ארויסגעריסען פון זיין האַנד. האָט זיך דער „מלאך המות" געבעטען: „טאָ גיב מיר ווייניגסטענס אָפּ מיין מעסער!" — האָט ער עס איהם נישט געוואָלט געבען. איז אַרויסגעגאַנגען אַ „בת קול" פון אויבען, וועלכעס האָט געזאָגט: „גיב אָפּ דאָס מעסער, ווייל די וועלט דאַרף עס האָבען!"

צופרידען, וואָס ער האָט צוריק געקראָגען זיין מעסער, איז דער „מלאך המות" אַוועקגעגאַנגען — און אַזוי ווי ר' יהושע בן לוי איז אריינגעשפּרונגען אין גן־עדן, איז אליהו הנביא געלאָפען פאַראויס און ער האָט גערופען: „מאַכט פּלאַץ פאַר בר־לואי!"

און ווען ר' יהושע בן לוי האָט זיך דאָרט אומגעקוקט, האָט ער געזעהן, ווי ר' שמעון בן יוחאי זיצט אויף דרייצען גאָלדענע קאַבריצען. האָט איהם ר' שמעון בן יוחאי געפרעגט: „ביזטו דאָס דער בר־לואי?" — האָט ר' יהושע געענטפערט: „יאָ, איך בין עס!"

האָט ר' שמעון ווייטער געפרעגט: „איז געזעהען געוואָרען אַ רעגענבויגען אין דיינע טעג?" — האָט ר' יהושע געענטפערט: „יאָ!"

— ווען אַזוי — האָט ר' שמעון אַ זאָג געטהון — ביזטו נישט בר־לואי, ווייל דו וואָלסט געדאַרפט מגין זיין מיט דיין זכות אויף די מענשען פון דיין צייט, עס זאָל זיך נישט קענען ווייזען קיין רעגענבויגען! . . . .

אין אמת'ן האָט מען אפילו נישט געזעהן קיין רעגענבויגען אין דער צייט פון ר' יהושע בן לוי. איז דאָס טאַקי געווען דער בעסטער באַווייז פאַר זיין פרומקייט. האָט ער זיך אָבער נישט געוואָלט באַריהמען מיט דעם (זעה כתובות דף ע"ז עמוד ב').

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט ווערד דערצעהלט, ווי ר' יהושע בן לוי האָט זיך אַמאָל פאַנאַנדערגערעדט מיט'ן מלאך־המות און דער מלאך־המות האָט איהם אָנגעזאָגט דריי זאַכען, אויף אָפּצוהיטען זיך פון זיין שווערד — און איינע פון די דאָזיגע דריי זאַכען איז, ער זאָל זיך נישט אַוועקשטעלען פאַר אַ חברה ווייבער, וואָס קעהרען זיך צוריק פון אַ טויטען, ווייל ער טאַנצט דאַמאָלס צווישען זיי מיט דער שווערד אין דער האַנד און ער האָט די ערלויבנים צו שעדיגען (ברכות דף נ"א עמוד א').

ווענגען ר' יהושע בן לוי'ס פאַרהעלטניס צו די קריסטען פון זיין צייט דאַרף נאָך דאָ צוגעגעבען ווערען, אַז דער זוהן פון ר' יהושע בן לוי האָט אַמאָל עטוואָס ארונטערגעשלונגען, מיט וועלכען ער האָט זיך געוואָרגען. האָט מען דאַן געבראַכט איינעם פון „פאַנדרע'ס מענשען", וועלכער האָט איהם געוואָלט געזונד מאַכען מיט אַ שפּרוך פון „זייערע" ספרים. האָט ר' יהושע בן לוי געזאָגט: „זאָל מיין זוהן ליעבערשט שטאַרבען, איידער ער זאָל געהיילט ווערען מיט אַזאַ פּסוק!" — און עס איז טאַקי אַזוי געשעהן, ווייל דער יונגער מאַן איז געשטאָרבען (קהלת רבה פרשה י' פיסקא ז').

איינער פון יענער חברה, אַ שכן פון ר' יהושע בן לוי, פלעגט שטענדיג מיט איהם אַרגומענטירען. איז ר' יהושע בן לוי בייז געוואָרען, האָט ער גענומען אַ האָהן, צוגעבונדען איהם ביי אַ פוס צום בעט, כדי אויף איהם צו

דערקענען דעם אויגענבליק, ווען דער אויבערשטער איז אין כעס. אז ווען דער דאָזיגער אויגענבליק וועט קומען, וועט ער איהם שילטען. אָבער איידער יענער אויגענבליק איז אָנגעקומען, איז ר׳ יהושע בן לוי אַנט־שלאָפען געוואָרען. האָט ער דערפון געזעהן, אז דער אויבערשטער וויל נישט, מען זאָל זיינע באַשעפענישען שילטען (זעה ברכות דף ז׳ עמוד א׳, עבודה זרה דף ד׳ עמוד ב׳).

ווי באַמערקט, האָט ר׳ יהושע בן לוי געגעבען „סמיכה" צו אַלעמען און ער האָט נישט געפרעגט ביים „נשיא". עס איז שוין אויך געזאָגט געוואָרען, אז דאָס איז נישט געווען קיין צייכען פון געגנערשאַפט צום „נשיא". קען דערפאַר אָנגענומען ווערען, אז ר׳ יהושע׳ס כוונה איז געווען, נישט צו דערלאָזען, אז בבל זאָל ווערען אַן אָרט פון „סמיכה", ווייל טאָמער האָט דאַמאָלס דער „נשיא" געוואָלט מאַכען שוועריגקייטען ביים אויסטיילען „סמיכה" צו זיינע תלמידים, זיינען געקומען מענשען פון בבל, וועלכע האָבען מיטגעבראַכט „סמיכה" פון זייערע דאָרטיגע חכמים. האָט ער דאַדורך אויפגעשטעלט אַ כלל, אַז אַ „סמיכה" פון חוץ־לארץ האָט נישט קיין גילטיגקייט (סנהדרין דף י"ד עמוד א׳).

מיט זיינע קינדער האָט ר׳ יהושע אַליין געלערענט. שטענדיג האָט ער אויך געזאָגט, אז „ווער עס לערענט תורה מיט זיינע קינדער, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט פערזענליך געקראָגען די תורה פונ׳ם בארג חורב" (ברכות דף כ"א עמוד ב׳). דאָסזעלבע — האָט ער געזאָגט — איז, ווען איינער לערענט מיט זיין אייניקעל. פלעגט ער טאַקי יעדען פרייטאג אויס־הערען די סדרא פון דער וואָך ביי זיין אייניקעל, און ווי עס ווערד דערצעהלט, האָט ער איינמאָל אין אַ פרייטאָג פאַרגעסען און ער איז געגאַנגען זיך אויס־באָדען אין די „חמי טבריה", איידער ער האָט אויסגעהערט די סדרא פון זיין אייניקעל. און ווען ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט פאַרפעהלט, איז ער גיך ארויסגעלאָפען פונ׳ם באָד און איז אַהיימגעגאַנגען הערען לייענען די סדרא פון זיין אייניקעל, זאָגענדיג דערביי, אז „ווער עס הערט זיין אייניקעל לייענען אַ פרשה פון דער תורה, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט זי גע־הערט פונ׳ם בארג סיני" (קדושין דף ל׳ עמוד א׳, ירושלמי שבת פרק א׳ הלכה א׳).

וואָס ר׳ יהושע בן לוי האָט געהאַלטען פון דער „אגדה", איז שוין געשריבען געוואָרען, האָט ער אָבער שפּעטער אַנדערש געדענקט. יעדענפאַלס איז ער ארויסגעטרעטען געגען אַלע, וואָס שרייבען אויף די אגדות אָדער וואָס לייענען די אגדות פון אַן אויפגעשריבענעם ספר. „זייט איך לעב" — האָט ער געזאָגט — „האָב איך בלויז איינמאָל ארייגעקוקט אין אַ גע־שריבענעם ספר פון אגדות און פון דאַמאָלס אָן האָב איך מורא פאַר שלעכטע חלומות".

פון דעסטוועגען האָט די „אגדה" פאַרנומען אַ חשוב׳ן פּלאַץ אין זיינע דרשות. דאָס איז צו זעהן נישט בלויז אין דער גרויסער צאָהל „אגדות", וואָס זיינען איבערגעגעבען אויף זיין נאָמען, נור אויך פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ באַזונדערען תלמיד מיט׳ן נאָמען רב שימי בר עוקבא, אויף מסדר צו זיין אגדות (זעה ברכות דף י׳ עמוד א׳). אַן אַנדערער תלמיד אויף מסדר צו זיין די אגדות, איז געווען ר׳ תנחום בן חנילאי, וואָס ווען עס האָט אימיצער געפרעגט ר׳ חייא׳ן וועגען אַן אגדה, האָט ער איהם געשיקט

צו ר׳ תנחום בן חנילאי, וועלכער האָט מסדר געווען די אגדות פון ר׳ יהושע בן לוי (בבא קמא דף נ״ד עמוד א׳).

דער פסוק זאָגט, אז אַלע טעג, פון אַן אָרימאַן זיינען שלעכטע, האָט ר׳ יהושע בן לוי אויף דעם געזאָגט, אַז מיט׳ן באַגריף „אָרימאַן" איז געמיינט איינער, וואָס האָט ווייניג שכל, וועלכער איז שטענדיג אַ נידערגעשלאָגענער און אַ בייזער, דערצו איז ער נאָך אויך אַ נישט פאַרגינער. אַ „נישט־פאַרגינער" איז איבערהויפּט ביי ר׳ יהושע בן לוי געווען דאָס ערגסטע און ער פּלעגט זאָגען: „ווער עס איז נהנה פון אַ נישט־פאַרגינער, דער איז עובר אויף אַ לאָו, ווייל שלמה המלך האָט אָנגעזאָגט נישט צו עסען דאָס ברויט פון אַ נישט־פאַרגינער" (בבא בתרא דף קמ״ה עמוד ב׳).

ווען עס איז געפונען געוואָרען ערגיץ אַ דער׳הרג׳עטער מענש, וואָס מען האָט נישט געוואוסט, ווער עס האָט איהם גע׳הרג׳ט, האָט מען גע־דאַרפט ברענגען אַן „עגלה ערופה" און די זקנים פונ׳ם אָרט האָבען געדאַרפט עפענטליך ערקלערען, אַז „זייערע הענד האָבען דאָס בלוט נישט פאַרגאָסען". פרעגט ר׳ יהושע בן לוי אַ קשיא: האָט עס דען געקענט אימיצען איינ־פאַלען צו קלערען, אַז די זקנים זיינען בלוט־פאַרגיסער? אלא וואָס דען האָבען זיי געדאַרפט ערקלערען? זיי האָבען געדאַרפט זאָגען: „מיר האָבען דעם מענשען נישט געזעהן, ווייל ווען מיר וואָלטען איהם געזעהן, וואָלטען מיר איהם נישט געלאָזט אוועקגעהן אָהן עסען, מיר האָבען איהם נישט געזעהן און מיר וואָלטען איהם נישט געלאָזט געהן אָהן אַ באַגליי־טונג" (סוטה דף ל״ה עמוד ב׳).

ביים חורבן בית המקדש — האָט ר׳ יהושע בן לוי געזאָגט — ווען די שונאים זיינען געקומען חרוב מאַכען, זיינען דאָרט געשטאַנען „ששים רבוא מזיקים", גרייט צו שעדיגען יעדען, וואָס וועט זיך צוריהרען צום בית־המקדש צום שלעכטען, האָבען זיי אָבער געזעהן, אַז די שכינה קוקט גלייכ־גילטיג צו דעם, וואָס די שונאים טהון און זי שוויגט, האָבען זיי זיך אויך אָפּגערוקט אָן אַ זייט (דברים רבה פרשה א׳ פיסקא ט״ז).

דערנאָך האָט דער אויבערשטער צונויפגערופען די מלאכים און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „אַ קעניג אַ מענש, ווען עס שטאַרבט ביי איהם איינער פון דער משפחה און ער איז אין טרויער, וואָס טהוט ער?"

האָבען איהם די מלאכים געזאָגט: „ער הענגט אויף אַ זאַק אויף זיין טהיר!" — האָט דער אויבערשטער געזאָגט: „איך וועל אויך אַזוי טהון, ווי דער פסוק זאָגט: איך וועל אָנטהון דעם הימעל מיט טונקעלקייט און אַ זאַק וועל איך מאַכען זיין קלייד".

„אַ קעניג אַ מענש — האָט דער אויבערשטער ווייטער געזאָגט צו די מלאכים — ווען ער טרויערט אויף אַ טויטען אין זיין משפחה, וואָס טהוט ער?"

האָבען איהם די מלאכים געזאָגט: „ער פאַרלעשט אַלע לאָמפּען אין זיין הויז!" — האָט דער אויבערשטער אויף דעם געזאָגט: „איך וועל אויך אַזוי טהון, ווי דער פסוק זאָגט: די זון און די לבנה זיינען טונקעל געוואָרען און די שטערען האָבען נישט מעהר קיין ליכט" (איכה רבתי פרשה א׳ פיסקא א׳).

אויסערדעם זאָגט דער אויבערשטער צו די אידען: „איהר האָט עס פאַראורזאַכט, וואָס איך האָב געדאַרפט חרוב מאַכען מיין הויז און פאַר־טרייבען מיינע קינדער, דאַרפט איהר וויינענדיג בעטען אויף׳ן פרידען

פון ירושלים, וועל איך אייך מוחל זיין אייערע זינד" (מס' דרך ארץ פרק השלום).

ווען די אומות העולם זאָלען וויסען — פלעגט ר' יהושע בן לוי זאָגען — אז ווען אידען זינדיגען, ווערען זיי געשטראָפט צוזאמען מיט די אידען, וואָלטען זיי אוועקגעשטעלט צוויי סאָלדאַטען ביי יעדען איד, וואָס זאָלען אויף איהם אַכטונג געבען, ער זאָל נישט זינדיגען. דערווייל איז אָבער נישט נור וואָס די גוים טהון נישט אַכטונג אויף די אידען, זיי זאָלען נישט זינדיגען, נור זיי שטערען זאָגאַר די אידען אין זייער אָפּהיטען די מצוות. און ווען אידען זינדיגען, ווערד די גאַנצע וועלט באַשטראָפט, און ווען זיי זינדיגען נישט, ווערד די גאַנצע וועלט געבענשט פאַר זייערטוועגען (תנחומא פ' בחקותי).

איטליכער נביא, וואָס איז געווען ביי אידען — האָט ר' יהושע בן לוי ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט געזאָגט — האָט זיך גענויטיגט אין דער נבואה פון זיין חבר, אויסער משה רבנו, וועלכער האָט געזאָגט די נביאות פון אַנדערע און זיין אייגענע. און יעדער, וואָס האָט געזאָגט נביאות נאָך משה רבנו, איז אין זיין נבואה געווען אַ טייל פון משה רבנו'ס נביאות. און אַלע דברות, וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבען אויפ'ן באַרג סיני, האָבען אידען געהערט פון משה רבנו'ס מויל, חוץ די צוויי דברות „אנכי" און „לא יהיה לך", וועלכע זיי האָבען געהערט פונ'ם אויבערשטען'ס מויל אליין (שמות רבה פרשה מ"ב פיסקא ז').

ר' יהושע בן לוי, וועלכער פלעגט אַלסדינג פועל'ן ביי אליהו הנביא און ער איז אויך געווען אין „גוט־ברודערשאַפט" מיט'ן „מלאך המות", האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט צו מאַכען אַ באַזוך אינ'ם גיהנם און אינ'ם גן־עדן.

האָט ער וועגען דעם אַ שמועס געטהון מיט'ן „מלאך המות", וועלכער איז פון אַזאַ מין חשק, וואָס ר' יהושע בן לוי האָט איהם באַוויזען, גאָר נישט געווען צופרידען. איז ער געגאַנגען צו־קלאָגען ר' יהושע'ן צום דאַמאָלסדיגען „נשיא", צו רבן גמליאל דעם דריטען (דעם פאָטער פון ר' יהודה נשיאה דעם ערשטען). האָט רבן גמליאל געזאָגט, אז ר' יהושע איז גערעכט — און דער „מלאך המות" אליין דאַרף איהם אַרומפיהרען ווייזען, וואָס ער וויל זעהען.

גלייכצייטיג האָט רבן גמליאל אָנגעזאָגט דעם „מלאך המות", ער זאָל בעטען ביי ר' יהושע בן לוי, אז וואָס ער וועט זעהען ביי זיין באַזוך אין גיהנם און אינ'ם גן־עדן, זאָל ער גענוי באַשרייבען און צושיקען די שיל־דערונגען צום „נשיא". הויפּטזעכליך איז דער „נשיא" געווען נייגעריג צו וויסען, צי עס געפינען זיך אידען אין גיהנם און גוים אין גן־עדן.

און וואָס ר' יהושע בן לוי האָט ביי דעם דאָזיגען באַזוך זיינעם געזעהען, איז באַשריבען אין „מסכת גן־עדן", וועלכע איז געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין האַנאָווער, אין שנת ש"פ (1620).

ווערד דאָרט דערצעהלט, ווי ר' יהושע בן לוי איז דורכגעגאַנגען דעם גן־עדן אין דער לענג און אין דער ברייט. האָט ער דאָרט געזעהען זיבען פאַרשיעדענע אָבטיילונגען און ער האָט זיך אויך גוט צוגעקוקט צו אַלעמען, וואָס זיצען דאָרט.

אין איינער פון די דאָזיגע אבטיילונגען האָט ער געטראָפען אליהו הנביא און משיח בן דוד, האָט איהם משיח געפרעגט, וואָס די אידען טהוען. האָט

איהם ר׳ יהושע געזאָגט: „זיי וואַרטען, דו זאָלסט קומען!״ — איז ווען משיח האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבען יאָמערליך וויינען און אַלע צדיקים האָבען מיט איהם מיטגעוויינט.

דאַרף מען זיך דאָ אָפּשטעלען אויף דעם וואונדערליך הערליכען פּאַ־עטישען אָנצוהערעניש, וועלכער שטעקט אין׳ם געדאַנק, אַז משיח וויינט, ווען ער הערט, ווי אידען וואַרטען אויף איהם, ער זאָל זיי קומען אויסלייזען פון׳ם גלות און ער קען נישט קומען..

ווי ר׳ יהושע בן לוי דערציעהלט, האָט מען איהם ביים באַזוך פון׳ם גיהנם בלויז ערלויבט, ער זאָל זיך אָוועקשטעלען ביי דער טהיר און זעהען, וואָס עס טהוט זיך דאָרט.

— האָב איך אויסגעמאָסטען דעם פּלאַץ פון׳ם גיהנם — שילדערט ר׳ יהושע בן לוי מיט זיינע אייגענע ווערטער — און איך האָב אויסגעפונען, אַז דער גיהנם האָלט הונדערט מייל די לענג און פופציג מייל די ברייט. וואו מען טהוט זיך אַ קעהר, שטעהען פייערדיגע לייבען, און ווען די מענשען פאַלען דאָרט אריין, ווערען זיי אויפגעפרעסען פון די דאָזיגע לייבען און דערנאָך ווערען זיי צוריק באַנייעט אין דערזעלבער געשטאַלט פון פריהער.

שפּעטער האָב איך אויסגעמאָסטען אַ צווייטע אַבטיילונג פון׳ם גיהנם און איך האָב אויסגעפונען, אַז זי האָלט דיזעלבע לענג און דיזעלבע ברייט וואָס די ערשטע אַבטיילונג.

האָב איך געפרעגט: „פאַר וועמען איז יענע ערשטע אַבטיילונג באַ־שטימט?״ — האָט מען מיר געענטפערט, אַז יענע ערשטע אַבטיילונג פון׳ם גיהנם איז באַשטימט פאַר צעהן פאַרשיעדענע גוי׳שע אומות, און צווישען זיי געפינט זיך אויך אבשלום דער זוהן פון דוד המלך, וועלכער האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע געגען זיין אייגענעם פאָטער.

זאָגט דאָן איין אומה צו דער אַנדערער: „ווען מיר האָבען געזינ־דיגט, וואָס מיר האָבען נישט געוואָלט אָננעהמען די תורה, טאָ וואָס האָט איהר געזינדיגט?״

ענטפערט די אַנדערע אומה: „מיר האָבען געזינדיגט גלייך מיט אייך!״

דערנאָך פרעגען אַלע ביי אבשלום׳ן: „און וואָס האָסט דו געזינדיגט?״

זאָגט ער: „איך האָב געזינדיגט געגען מיין פאָטער!״

שטעהט דאָן אויף אַ מלאך און שמייסט יעדען איינציגען מיט פייער־דיגע ריטער, און דער נאָמען פון דעם דאָזיגען מלאך איז „קושיאל״.

וואַרפט ער די מענשען אין פייער אַריין און זיי ווערען פאַרברענט. דערנאָך קומען זיי צוריק אין דערזעלבער געשטאַלט פון פריהער.

צום סוף נעמט מען אבשלום׳ן צו שמייסען. געהט אַרויס אַ „בת קול״ און זאָגט: „שלאָגט איהם נישט, ווייל ער שטאַמט פון אַ פאָלק, וואָס האָט צוגעזאָגט ביים באַרג סיני, צו טהון אַלסדינג, איידער זיי האָבען נאָך געוואוסט, וואָס דער אויבערשטער וועט זיי הייסען טהון!״...

און נאָכדעם ווי די אַלע רשעים ווערען געשלאָגען און פאַרברענט, געהען זיי אַרויס פון׳ם פייער, גלייך זיי זאָלען נישט זיין קיין פאַרברענטע. אַזוי געשעהט מיט זיי זיבען מאָל אַ טאָג און דריי מאָל דורך דער נאַכט. נור אבשלום ווערד נישט געשלאָגען און נישט פאַרברענט. פאַר איהם איז גענוג, וואָס ער דאַרף צוקוקען, ווי אַנדערע ווערען געשמיסען און פאַר־ברענט.

רבי יהושע בן לוי

וועגן דער צווייטער אבטיילונג פון גיהנם — זאָגט ר׳ יהושע בן לוי ווייטער — קען מען דערצעהלען דאָסזעלבע, וואָס וועגן דער ערשטער.

דאָרט געפינען זיך אויך צעהן פארשיעדענע גוי׳אישע אומות און מען שטראָפט זיי אויף דעמזעלבען שטייגער, ווי מען שטראָפט די מענשען פון דער ערשטער אבטיילונג. און צוזאַמען מיט זיי איז דואג האדומי פון שאול המלך׳ס לייב־גוואַרדיע. און דער מלאך, וואָס שמייסט דאָרט די מענשען, הייסט „להטיאל״, און דואג ווערד נישט געשמיסען און נישט פארברענט, ווייל ער שטאַמט פון אידען.

און אין דער דריטער אבטיילונג געפינען זיך ווייטער צעהן פאַר־שיעדענע אומות און מען שטראָפט זיי אויך אויף דעמזעלבען שטייגער. און דער מלאך, וואָס שלאָגט זיי, הייסט „שפטיאל״ — און צווישען זיי געפינט זיך קרח מיט זיין עדה, און קרח ווערד נישט געשמיסען און נישט פארברענט, ווייל עס איז גענוג די שטראָף פאַר איהם, וואָס ער מוז צו־קוקען, ווי אַנדערע ווערען געשמיסען און פארברענט.

די פערטע אבטיילונג האָט אויך צעהן פארשיעדענע אומות און מיט זיי געפינט זיך ירבעם בן נבט — און דער מלאך, וואָס שלאָגט זיי, הייסט „מכתיאל״. אָבער ירבעם ווערד נישט געשלאָגען צוזאַמען מיט אַלעמען, ווייל ער האָט געלערענט תורה און ער שטאַמט פון׳ם פאָלק, וועלכעס האָט צוגעזאָגט צו טהון אַלסדינג, וואָס דער אויבערשטער וועט הייסען טהון, איידער זיי האָבען נאָך געוואוסט וואָס.

און אין דער פינפטער אבטיילונג געפינען זיך צעהן אַנדערע אומות, מיט וועלכע עס קומט געוועהנליך פאַר דאָסזעלבע, וואָס אין די אַנדערע אבטיילונגען. מיט זיי געפינט זיך אחאב מלך ישראל — און דער מלאך, וואָס שמייסט זיי, הייסט „חוטריאל״.

די זעקסטע אבטיילונג האַלט אַנדערע צעהן אומות און מיט זיי גע־פינט זיך מיכה פון׳ם „פסל מיכה״. די שטראָף זייערע איז גלייך ווי די שטראָף פון די רשעים, וואָס געפינען זיך אין די אַנדערע אבטיילונגען, און דער מלאך הייסט דאָרט „פוסיאל״.

און אין דער זיבעטער אבטיילונג פון׳ם גיהנם געפינען זיך אַנדערע צעהן אומות און צוזאַמען מיט זיי געפינט זיך אלישע בן אבויה, און דער מלאך וואָס שמייסט אָט די אַלע געשטראָפטע, הייסט „דלקיאל״.

דערנאָך האָט ר׳ יהושע בן לוי געמאַכט אַ באַזוך אין גן־עדן און ער דערצעהלט וועגן דעם דאָס פאָלגענדע:

פאַרהאַנען דאָרט אין גן־עדן צוויי טויערען פון ריינעם קרישטאַל, שטעהען אויף יעדען פון זיי ששים רבוא מלאכי השרת און ביי יעדען פון די דאָזיגע מלאכים איז דער פנים אַזוי לויטער ווי דער גלאַנץ פון׳ם ליכטיגען הימעל, און ווען אַ צדיק קומט דאָרט אַהין, ציהט מען פון איהם אַרונטער די מלבושים, אין וועלכע מען לייגט איהם אריין אין קבר און מען טהוט איהם אָן אַכט נייע קליידער, געמאַכט פון וואָלקען־שטאָף, און מען זעצט איהם אַרויף צוויי קרוינען אויף׳ן קאָפ, איין קרוין איז פון איידעלשטיינער און פערל און די אַנדערע קרוין איז פון גינגאָלד. אויסער־דעם גיט מען יעדען צדיק אַכט הדסים אין זיינע הענד אריין און מען זאָגט איהם: „געה, עס דיין ברויט מיט שמחה!״

דערנאָך נעמט מען דעם צדיק אַריין אין אַן אָרט פון וואַסערטייכען, אַרומגערינגעלט מיט בלומען און הדסים איבער יעדען קאָפ. ווערד דאָן

די אמוראים פון ארץ־ישראל

אויפגעשטעלט א „חופה" פון גאָלד און עס ציהען זיך פון איהר פיער טייכען: פון איינעם פליסט בוימעל, פון א צווייטען פליסט מילך, פון א דריטען טייך פליסט וויין און פונ'ם פערטען פליסט האָניג. און יעדע חופה האָט פון אויבען א גאָלדענעם וויינשטאָק, אויף וועלכען עס זיינען אָנגעהאָנגען דרייסיג פּערעל, וואָס יעדע פון זיי לייכט ווי דער מאָרגענ־שטערן. און ביי יעדער חופה איז צוגעטשעפּעט א טיש מיט איידעל־שטיינער און פּערעל און זעכציג מלאכים שטעהען ביי יעדען צדיק און זיי זאָגען איהם: „עס דעם האָניג, טרינק דעם וויין, ווייל דאָס אלסדינג איז אָנגעגרייט פאר דיינעטוועגען פון ששת ימי בראשית!" און דער מינדעסטער פון די דאָזיגע צדיקים איז זיין שעהנקייט ווי די שעהנקייט פון ר' יוחנן און עס איז אויף איהם אויסגעגאָסען דער חן פון יוסף הצדיק.

נישט פאַרהאַנען אויך דאָרט קיין נאַכט. די גאַנצע צייט פון א מעת־לעת איז דאָרט איינגעטיילט אין פיער חלקים: אינ'ם ערשטען חלק פון דער צייט געהט כביכול אריין צו די קינדער און ער שפּיעלט זיך מיט זיי ווי א קינד. אינ'ם צווייטען חלק פון דער צייט געהט כביכול אריין צו די יונגע מענשען און ער שפּיעלט זיך מיט זיי ווי מיט יונגע מענשען. אינ'ם דריטען חלק פון דער צייט געהט כביכול אריין צו די מיטעל־יעה־ריגע און ער שפּיעלט זיך מיט זיי ווי א מיטעליעהריגער, און אינ'ם פערטען חלק פון דער צייט געהט כביכול אריין צו די זקנים און ער אונטער־האַלט זיך מיט זיי ווי מיט זקנים.

פאַרהאַנען אויך אין גן־עדן אכציג טויזענד בוימער אין יעדען ווינקעל, וואָס דער קלענסטער פון זיי איז בעסער און שעהנער פון אלע געווירצען־בוימער. אין יעדען ווינקעל אַזעלכען שטעהען אויך ששים רבוא מלאכי־השרת, וואָס אלע אין איינעם זינגען א לויב־געזאַנג צום באַשעפער.

און אין דער מיטען פונ'ם גן־עדן, טאַקי אין דער רעכטער מיט, שטעהט דער „עץ החיים", וועלכער פאַרדעקט מיט זיינע צווייגען און בלעטער דעם גאַנצען גן־עדן. דאַביי האָט ער אויך 500 טויזענד פאַרשיעדענע גע־שמאַקען, וואָס איין געשמאַק איז נישט גלייך צום אַנדערען און איין ריח איז נישט גלייך צום אַנדערען. און קוקענדיג ארויף איבער'ן „עץ החיים" שוועבען זיבען הייליגע וואָלקענס און פון אלע פיער זייטען בלאָזט א ווינטעל אין די בלעטער פונ'ם „עץ החיים" און דער ריח זיינער געהט פון איין עק וועלט צום אַנדערען.

די צדיקים אין גן־עדן זיינען אויך איינגעטיילט אין זיבען כתות: איין כתה באַשטעהט פון „הרוגי מלכות", א שטייגער ווי ר' עקיבא מיט זיינע חברים און תלמידים; א צווייטע כתה באַשטעהט פון דערטרונקענע אויף „קדוש השם", א שטייגער ווי די 400 בחורים און 400 מיידלעך, וואָס דער שונא האָט געוואָלט פאַרקויפען צו שאַנד און זיי זיינען אריינגעשפּרונ־גען אין ים; א דריטע כתה באַשטעהט פון אַזעלכע מענשען ווי ר' יוחנן בן זכאי מיט זיינע חברים און תלמידים; א פערטע כתה זיינען מענשען, וואָס דער שונא האָט געוואָלט באַשימפּפען נאָך זייער טויט, איז אַרונ־טערגעקומען א וואָלקען און האָט זיי פאַרדעקט; א פינפטע כתה זיינען „בעלי תשובה"; א זעקסטע כתה באַשטעהט פון יונגע לייט, וואָס האָבען קיינמאָל נישט געזינדיגט; א זיבעטע כתה באַשטעהט פון עניוות'דיגע מענשען, וואָס האָבען זיך געלאָזט באַליידיגען און זיי האָבען נישט אָפּ־געענטפערט.

רבי שמואל בר נחמני

נאָך דער גרויסער צייט פון ר׳ יוחנן און ר׳ שמעון בן לקיש האָט דאָס לערנען אין ארץ־ישראל כמעט ווי אויפגעהערט און ווי פון זיך אליין איז עס אריבערגעפלאַנצט געוואָרען קיין בבל. אָט די אָפּשוואַכונג פון׳ם לערנען האָט זיך געהאַט שוין פריהער אָנגעהויבען און מיט יעדען טאָג האָט זי זיך אַלץ מעהר און מעהר פאַרשפּרייט. אַן אָפּשטאַמער פון הלל הזקן האָט זיך נאָך אפילו געהאַלטען אַלס „נשיא״, דאָס מיינט אַלס געזעצליכער פאָרשטעהער פון׳ם אידישען פאָלק. אַזוי ווי עס האָט זיך אָבער דאָס לערנען נישט מעהר געהאַלטען ביי די שפּעטערע „נשיאים״ פון נאָך ר׳ יהודה נשיאה דעם ערשטען, איז שוין די ווערדע זייערע ביי די פאָלקס־מאַסען נישט געוועזען קיין געהויבענע און די גייסטיגע פיהרונג האָט זיך לאַנגזאַם ארויסגעגליטשט פון זייערע הענד.

איז דאַן איינער פון די גייסטיגע פיהרער געוועזען ר ב י ש מ ו א ל ב ר נ ח מ נ י, *) פון וועמען עס איז פאַרבליבען ווייניג אין „הלכה״, איז ער אָבער פאַררעכענט אַלס איינער פון די פּראָמינענטעסטע אין „אגדה״. פיעלע הונדערטער מאמרים האָט ער געזאָגט אויף׳ן נאָמען פון עלטערע „אמוראים״, ביי וועלכע ער האָט געלערנט, און אַנדערע הונדערטער מאמרים האָבען די תלמידים זיינע פאַרשפּרייט אויף זיין נאָמען, און ווען עס איז אַמאָל אין דער צייט פון זיין ווירקונג פאָרגעקומען אַ שאלה אין „אגדה״, האָט מען זיך צו׳ן איהם געווענדעט וועגען אַן ערקלערונג (זעה ויקרא רבה פרשה ל״א פּיסקא א׳ און איכה רבתי פרשה א׳ פּיסקא מ״ג).

צו יעדער געלעגענהייט פלעגט ער נעהמען אַ פּסוק פון תנ״ך און איהם קונציג איינטייטשען, האָט עס דאַן פּשוט אויסגעזעהן, גלייך ווי מען וואָלט יענעם פּסוק ביז צו זיין צייט גאָר נישט פאַרשטאַנען. די ברייטע פאָלקס־מאַסען האָבען אויך דאַמאָלס נישט מעהר ליעב געהאַט, צו הערען דרשות וועגען „הלכה״. אנשטאָט דעם האָבען זיי בלויז געוואָלט הערען לעגענדארישע איינטייטשונגען פון פּסוקים און וואונדערליך אויסגעפּוצטע מעשיות וועגען די פּערזאָנען און די געשעהענישען, וואָס זיינען דערמאָנט אין תנ״ך, ווייל דאָס האָט געלאַשטשעט די פאַנטאַזיע און צונעצויגען דאָס הארץ, אוועקטראָגענדיג די מחשבות פון דער טרויעריגער ווירקליכקייט צו אַן אויס־געחלומ׳טער עקסיסטענץ מיט די שעהנסטע בילדער.

געבוירען איז ר׳ שמואל בר נחמני אין ארץ־ישראל — און ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ קינד, פלעגט איהם דער זיידע זיינער טראָגען אויף די פּלייצעס, געהענדיג קיין כפר־חנן דורך׳ן וועג פון בית־שאן, וועלכעס

*) מיט׳ן נאָמען „בר נחמני״ ווערד אונזער ר׳ שמואל אָנגערופען אינ׳ם גאַנצען תלמוד בבלי, חוץ איין מאָל אין סנהדרין (דף כ״ב עמוד א׳), וואו ער ווערד גערופען „בר נחמן״. אין ירושלמי דאַגעגען הייסט ער כסדר „בר נחמן״ חוץ אין פיער ערטער (ברכות פּרק ד׳ הלכה א׳, פּרק ה׳ הלכה ב׳ און הלכה ה׳, אַזוי ווי אין סנהדרין פּרק ז׳ הלכה ט׳), וואו ער ווערד גערופען ״בר נחמני״.

האט דאמאלס געהייסען סקיטהאפאליס, ער זאל דארט קענען האפען א קוק אויף די חכמים ביים לערנען און ער זאל אויך איינזאפען אין זיך דעם קלאנג פון זייערע הייליגע ווערטער.

ווי עס דאכט זיך, איז עס געווען אין די לעצטע טעג פון ר' יהודה הנשיא (רבנו הקדוש) און עס איז דאן אין אלגעמיין געווען אנגענומען די מיינונג, אז ווען א קינד האט אמאל זוכה געווען, צו זעהען די צורה פון ר' יהודה הנשיא, אדער אפילו בלויז צו זיין עטליכע מינוט אין'ם שטח, וואו ער האט געלעבט, איז מען שוין מיט אזא קינד געווען זיכער, אז ער וועט אויסוואקסען א לערנער.

אין יענער צייט — פלעגט ר' שמואל בר נחמני דערצעהלען — ווען דער זיידע האט איהם געטראגען אויף די פלייצעס קיין בית־שאן, האט ער אויך געהאט די זכיה, צו הערען א דרשה פונ'ם תנא ר' שמעון בן אלעזר און ער האט עס תמיד געדענקט, ווי ער האט עס אמאל געהערט פון ר' שמעון'ס מויל, אז אינ'ם ספר־תורה פון ר' מאיר איז געשטאנען אנשטאט „והנה טוב מאד" — „והנה טוב מות" (בראשית רבה פרשה ט' פיסקא ה').

אן אנדערע לעגענדע דערצעהלט. אז ר' שמואל בר נחמני איז געקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל פרעגען ביי ר' יונתן בן אלעזר דעם פשט פון דריי פסוקים, וועלכע ער האט נישט פארשטאנען, ווי מיר האבען דאס שוין פריהער באשריבען.

ווערד דאס ערקלערט, אז ר' שמואל בר נחמני איז טאקי געבוירען אין ארץ־ישראל, נור ער איז אמאל אין זיין יוגענד געגאנגען קיין בבל, ווייל עס זיינען דארט געווען בעסערע מאטעריעלע מעגליכקייטען פאר א תלמיד־חכם. און נאכדעם, ווי ער האט דארט פארבראכט א לענגערע צייט, איז ער צוריק־געקומען צו זיין געבורטס־לאנד ארץ־ישראל. ער איז אויך דערנאך ווייטער געגאנגען עטליכע מאל קיין בבל אויף'ן פארלאנג פונ'ם בית־דין־הגדול אין ארץ־ישראל, באשטימען דארט אין בבל דעם „עבור", ווען מען האט צוליעב דער פאליטישער לאגע נישט געקענט באשטימען דעם „עבור" אין ארץ־ישראל. ווי עס ווערד אויך דערצעהלט, האט ער דאן אויף'ן וועג גענעכטיגט ביי ר' יעקב גרופען־שטויסער. האט זיך דארט ר' זעירא באהאלטען צווישען די פעסער, ער זאל קענען הערען, ווי ר' שמואל בר נחמני לייענט קריאת־שמע. האט ער געהערט, ווי ר' שמואל לייענט און ער ווידערהאלט עטליכע מאל דאס לייענען, ביז ער איז אין מיטען לייענען אנטשלאפען געווארען (ירושלמי ברכות פרק א' הלכה א').

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז ר' שמואל איז אמאל צוזאמען מיט זיין מוטער געשיקט געווארען צו דער קעניגין זענאביא, בעטען פאר'ן לעבען פון א תלמיד־חכם, וועלכער איז געווען פאראורטיילט צו שטארבען צוליעב א פאליטישען חטא.

ר' שמואל בר נחמני האט געלעבט אריבער הונדערט יאהר — און ווי עס איז אנגענומען, האט ער אנגעהויבען זיין ווירקונג אלס תלמיד פון ר' יונתן בן אלעזר, וועלכער איז געווען א תלמיד פון ר' חייא, און געצויגען האט זיך די צייט פון ר' שמואל'ס ווירקונג ביז נאך די טעג פון ר' יהודה נשיאה דעם צווייטען, וועלכער האט וואהרשיינליך נישט פיעל געהאלטען פון דעם אלטען „בעל אגדה", ווי עס ווערד דערצעהלט, אז ר' יהודה נשיאה דער צווייטער האט זיך אמאל געווענדעט צו ר' שמואל מיט א שאלה וועגען דער באדייטונג פונ'ם אויסדרוק „ביה שמו" (תהלים ס"ח ה'). איז אבער

דער נשיא נישט געווען צופרידען פון ר׳ שמואל׳ס תשובה און ער האט געזאגט: „עס איז צו באדויערען וואס יענע חכמים, וועלכע האבען דאס דאזיגע ווארט אנדעריש און בעסער ערקלערט, זיינען שוין געשטארבען!" (בראשית רבה פרשה י"ב פיסקא ט׳).

צוליעב דעם כבוד פון ר׳ שמואל׳ס תורה האט איהם דער „נשיא" אמאל מיטגענומען צום קייזער, ווען עס האט זיך אויסגעדאכט, אז דאס לעבען זיינס איז אין א סכנה. אין יענע יאהרען האט רעגירט אין רוים קייזער דיאלעקציאנוס, וועלכער איז געווען א געבוירענער דאציער און ער האט געשטאמט פונ׳ם נידעריגען המון. האט מען דאמאלס פאר׳מסר׳ט די אידען צום קייזער, אז זיי מאכען פון איהם חוזק, ווייל ער שטאמט פון אן אומבעוואוסטער פאמיליע און זיי רופען איהם „חזיר־טרייבער".

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז קייזער דיאלעקציאנוס איז אין ווירקליכ־קייט געווען אמאל א פאסטוך פון חזירים. פלעגען דאמאלס די תלמידים פון ר׳ יהודה נשיאה אפשפעטען פון איהם און זיי פלעגען איהם זאגאר שלאַ־גען. איז אזוי ווי ער איז אויסגעקליבען געווארען אלס קייזער אין רוים, האט ער גוט געדענקט, וואס אידען פלעגען איהם טהון. און ווען ער איז דאן געווען אין ארץ־ישראל אין א שטאדט פינף מייל ווייט פון טבריה, האט ער געשיקט א בריעף צום נשיא מיט דער אויפפאדערונג, אז א דעפוטאציע פון די חכמים זאל זיך קומען צו איהם פארשטעלען שבת ביי נאכט. דאביי האט ער אנגעזאגט דעם שליח, ער זאל איבערגעבען דעם בריעף צום נשיא אום ערב שבת שפעט פארנאכט, ווען עס וועט נישט זיין מעהר קיין מעג־ליכקייט, אז די חכמים זאלען קענען אוועקגעהן פון טבריה, און אז זיי וועלען זיך פארשפעטיגען מיט זייער קומען שבת ביי נאכט, וועט ער זיי שווער באשטראפען פאר נישט אויספאלגען זיין באפעהל.

אין יענער צייט איז אויך זיכערליך פארגעקומען, וואס הונגער און קראנקהייטען האבען זיך איינגעגעסען ביים פאלק, האבען די מענשען נישט געוואלט בעטען ביים אויבערשטען וועגען צוויי צרות, נור וועגען איינער. האבען זיי נישט געוואוסט, וועגען וועלכער צרה זיי זאלען פריהער פאסטען און גאט בעטען. האט ר׳ שמואל בר נחמני געזאגט: „לאמיר צוערשט בעטען וועגען הונגער, ווייל ווען דער אויבערשטער וועט אונז געבען א זעט, וועט ער שוין געבען דאס נויטיגע לעבען, מען זאל קענען די זעט געניסען" (תענית דף ח׳ עמוד ב׳).

ער פלעגט אויך אנזאגען, אז אין די טעג פון צווישען שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, וועלכע ווערען אנגערופען „בין המצרים", זאלען די מלמדים באפרייען זייערע תלמידים אין די הייסע שעה׳ן פון 11 א זייגער אין דער פריה ביז דריי נאכמיטאג, ווייל די צייט איז דאמאלס א שעדליכע פאר די תלמידים, ווען זיי וועלען זיך אנשטרענגען ביים לערנען (איכה רבתי פרשה א׳ פיסקא ל׳).

און ווען ר׳ שמואל בר נחמני איז זעהר אלט געווארען און ער האט געזעהן, אז ער האט נישט מעהר קיין ווערדע ביים „נשיא", האט ער אויפ־געהערט קומען אין בית־המדרש אריין צום לערנען. האט זיך איין מאל גע־מאכט וואס ער איז יא געקומען, און גראד דאמאלס האבען די חכמים ארגומענטירט וועגן מתיר מאכען א חרם, וואס ר׳ יהודה בר יחזקאל האט ארויפגעלייגט אויף איינעם פון זיינע תלמידים, ווייל אזוי ווי ר׳ יהודה איז שוין דאמאלס געווען געשטארבען, האט יענער תלמיד געבעטען, די חכמים

זאָלען אַרונטערנעהמען פון איהם דעם חרם. האָט זיך ר׳ שמואל אויפ־געשטעלט און ער האָט אַ זאָג געטהון: „די דיענסט ביי רבנו הקדוש אין הויז האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט אַ חרם אויף איינעם, וואָס האָט געשלאָגען זיינעם אַ דערוואַקסענעם זוהן, האָבען די חכמים נישט גרינגגעשעצט איהר וואָרט. ווילט איהר יעצט גרינגשעצען דאָס וואָרט פון אונזער חבר יהודה?״ — האָבען דאַן די חכמים איינגעזעהן, אַז ר׳ שמואל האָט רעכט און זיי האָבען דעם חרם נישט מתיר געמאַכט, ווייל ווען דער מחרים האָט נישט מעהר גע־לעבט, האָט דאָס מתיר־מאַכען דעם חרם באַלאַנגט צום „נשיא״ (מועד קטן דף י״ז עמוד א׳).

כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ שמואל בר נחמני, סיי פאַר איהם פערזענליך און סיי פאַר דער צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, זיינען די פאָלגענדע „סענטענצען״ זיינע:

„אַלסדינג האָט דער אויבערשטער באַשאַפען אויף דער וועלט, נור נישט דעם שקר, וואָס די מענשען האָבען איהם אַליין פון זיך אויסגעטראַכט״ (פסיקתא רבתי פ׳ כ״ד).

ביים ענד פון דער וועלט־באַשאַפונג זאָגט דער פסוק, אַז דער אוי־בערשטער האָט באַטראַכט אַלסדינג און ער האָט געזעהן, אַז אַלעס איז „טוב מאד״. האָט ר׳ שמואל בר נחמני ערקלערט, אַז דאָס מיינט דעם „יצר הרע״. איז דאָך אַ קשיא, צי איז דען דער „יצר הרע״ זעהר גוט — איז דער תרוץ, אַז „ווען נישט דער יצר הרע וואָלט אַ מענש נישט געבויעט קיין הויז, נישט געהייראַטה קיין פרוי, נישט געבראַכט קיין קינדער אויף דער וועלט און עס וואָלט זיך זיכער אויך קיינעם נישט פאַרגלוסט אָנצוהויבען וועלכען עס איז מסחר״ (בראשית רבה פרשה ה׳ פיסקא ט׳, קהלת רבה פרשה ג׳ פיסקא ט״ז).

ר׳ שמואל בר נחמני האָט זיך אויך אָפּגעגעבען מיט מסדר זיין די תפלות, וואָס אַ איד דאַרף זאָגען. דאַביי האָט ער געפרעגט: „פון וואַנען האָט מען אָפּגעלערנט, אַז מען דאַרף תפלה טהון דריי מאָל אין טאָג?״ — און ער ענטפערט אויף דעם: „דאָס איז פונקט אַזוי ווי די דריי מאָל, וואָס דער טאָג ענדערט זיך״.

אין דער פריה, ווען דער מענש שטעהט אויף פונ׳ם שלאָף, האָט ר׳ שמואל געהייסען זאָגען: „מודה אני לפניך, ה׳ אלהי ואלהי אבותי, שהוצאתני מאפלה לאורה״. צו מנחה האָט ער געהייסען זאָגען: „יהי רצון מלפניך, שכשם שזכיתני לראות החמה במזרח, כן תזכני לראות את החמה במערב״. און ביי נאַכט האָט ער געהייסען זאָגען: „יהי רצון מלפניך, שכשם שהייתי באפלה והוצאתני לאורה, כך תוציאני מאפלה לאורה!״ (ירושלמי ברכות פרק ד׳ הלכה א׳, בראשית רבה פרשה ס״ה פיסקא י״א).

ווי עס איז אָנצונעהמען, האָט ר׳ שמואל בר נחמני געלעבט אין די לעצטע יאָהרען פונ׳ם דריטען יאָהרהונדערט, ווען די אידישע קריסטען האָבען זיך צוגעגרייט צו פערוואַנדלען דעם אידישען שבת אויף זונטאָג, ווייל אַ גרויסער טייל פון די רוימער האָט אין יענער צייט געפייערט דעם זונטאָג אַלס דעם וועכענטליכען טאָג פון רוה. האָבען דאַן די אידישע קריסטען אויסגעטייטשט, אַז מען דאַרף פייערען זונטאָג אַנשטאָט שבת, ווייל אום זונטאָג איז יעזוס אויפגעשטאַנען פון זיין קבר. האָט זיך ר׳ שמואל בר נחמני אַקעגען געשטעלט מיט אַלע כחות, עס זאָל גאָר די אידען נישט

פּרובירען איינפאַלען, אַז מען קען אָפּלייגען דעם שבת אויף אַן אַנדערן טאָג — און ער האָט געזאָגט: צו וואָס האָט דער אויבערשטער געבענשט דעם שבת? ווייל ער קען נישט קיין מאָל אָפּגעלייגט ווערען אויף אַן אַנדערן טאָג. אַ יום־טוב קען מען אָפּלייגען, ווען די חכמים ערקלערען אַן עבור, אפילו יום כפּור קען מען אָפּלייגען אויף אַן אַנדערן טאָג*), נור דער שבת קען נישט אָפּגעלייגט ווערען!" (בראשית רבה פּרשה י"א פּיסקא ט').

געווען דאַמאָלס „אמוראים", וואָס פלעגען זאָגען, אַז דער שבת און יום־טוב האָבען בלויז די אויפגאַבע, צו זיין געווידמעט צו דברי תורה, העכסטענס האָט מאַנכער ערלויבט, צו באַנוצען אַ העלפט פון'ם שבת אָדער פון'ם יום טוב פאַר זיך (פּסחים דף ס"ח עמוד ב'). האָט ר' שמואל בר נחמני דאַגעגען געזאָגט, אַז דער שבת איז נישט געגעבען פאַר קיין אַנדערן צוועק, ווי נור פאַר עסען און טרינקען. האָט מען אָבער מורא, אַז מיט בלויז עסען און טרינקען אום שבת וועט דאָס מויל קריגען אַ ריח, מען וועט ריידען דברים בטלים, האָט מען דאַדורך ערלויבט, אָפּצוגעבען זיך אַ ביסיל מיט תורה (ירושלמי שבת פּרק ט"ו הלכה ג').

וואָס דער פּסוק זאָגט „מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה", האָט ר' שמואל בר נחמני ערקלערט, אַז דער פּסוק רעדט דאָרט וועגען צוויי ליעבעס. דער אָנהויב פון'ם פּסוק רעדט וועגען דער ליעבע פון'ם אויבערשטען צו די אידען, אַז ווען עס וועלען זיך צונויפנעהמען אַלע אומות־העולם, אַוועקצונעהמען די ליעבע פון'ם אויבערשטען צו די אידען, קענען זיי דאָס נישט טהון, און ווען אַלע אומות־העולם זאָלען זיך צונויפנעהמען און זאָגען: „מיר וועלן פארקויפען אונזער גאַנץ פארמעגען און מיר וועלען האַלטען די תורה און די מצוות!" וועט זיי דער אויבערשטער זאָגען: „ווען איהר זאָלט אפילו פארקויפען אייער גאַנץ פארמעגען, צו קויפען די תורה, וועט דאָס אייך בלויז לעכערליך מאַכען!" (במדבר רבה פּרשה ב' פּיסקא ט"ז).

ווי עס איז אָנצונעהמען. האָט דער ענין פון „חורבן בית המקדש" געשפּילט אַ געוואַלטיג גרויסע ראָלע אין'ם געדאנקען־גאַנג פון ר' שמואל בר נחמני.

זייט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, זיינען ביז צו יענער צייט געווען פאָראיבער קאַרגע צוויי יאָהר־הונדערטער. איז שוין דאַמאָלס וועגען קרבנות קיינעמען נישט איינגעפאַלען צו דענקען. וואהרשיינליך האָבען זיך אויך דאַמאָלס געפונען פילאָזאָפיש געלעהרענטע תלמידי־חכמים, וועלכע האָבען ביי זיך אין האַרצען נישט געהאַלטען פון'ם ענין קרבנות, אָדער זיי האָבען גאָר אפשר דעם דאָזיגען ענין אין גאַנצען איגנאָרירט. און וואָס די תורה הייסט יאָ מקריב זיין קרבנות, איז פאַר יענע תלמידי־חכמים גרינג געווען, צו געפינען פּסוקים פון מאַנכע נביאים, וואָס האָבען באַוויזען, אַז קרבנות האָבען נישט קיין גרויסע באַדייטונג און אַז דער אויבערשטער כביכול וויל גאָר נישט קיין קרבנות, אַ שטייגער ווי וואָס שמואל הנביא האָט געזאָגט „החפץ לה' בעולה וזבחים?" (שמואל א' ט"ו כ"ב), אָדער וואָס ירמיה הנביא

*) ווי לאַנג דער אידישער קאַלענדאַר איז נישט געווען געהעריג איינגעאָרדענט און דער „בית דין הגדול" האָט געדאַרפט באַשטימען יעדען ראש־חודש און יום־טוב, לויט ווי ער האָט איינגעזעהן, האָט מען געקענט באַשטימען אפילו יום־כפּור אויף אַן אַנדערן טאָג, ווי עס האָט אַמאָל געטראָפען, וואָס רבן שמעון הזקן האָט געזאָגט צו ר' יהושע בן חנניה, ער זאָל קומען מיט זיין שטעקן און מיט זיין געלד אין דער האַנד אום יום־כפּור, וועלכער וועט אויספאַלען לויט זיין חשבון (ראש השנה דף כ"ה עמוד א').

האָט געזאָגט: „כי לא דברתי את אבותיכם ולא צויתים ביום הוציאי אותם מארץ מצרים על דברי עולה וזבח" (ירמיה ז' כ"ב).

איז אָבער דער בית־המקדש געווען דער סימבאָל פון'ם פאָלק'ס פריי־הייט, האָבען מאַנכע חכמים שטענדיג גערעדט וועגען דעם חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש, אַזוי ווי וועגען דער האָפנונג, אַז ער וועט באַלד און גיך צוריק אויפגעבויט ווערען און מען וועט דאָרט ווייטער גאָט דיענען מיט קרבנות „כימי עולם וכשנים קדמוניות".

דאַבײַ איז אינטערעסאַנט, אַז ריידענדיג וועגען "חורבן בית־המקדש", האָט מען געוועהנליך מורא געהאַט צו ריידען וועגען דעם צווייטען בית־המקדש און מען האָט בלויז גערעדט וועגען דעם חורבן פון'ם ערשטען בית־המקדש. האָט מען דאַן גערעדט וועגען די בבליים און געמיינט האָט מען די רוימער, האָט מען געזאָגט נבוזראדן אָדער נבוכדנצר און געמיינט האָט מען טיטוס הרשע אָדער גאָר דעם דאַמאָלסדיגען קייזער פון רוים.

גלייך ווי פארשידענע אנדערע חכמים האָט אויך ר' שמואל בר נחמני אָפטמאָל גע'דרשנ'ט וועגען „חורבן בית המקדש". זיינען פיעלע אזעלכע דרשות פאַרבליבען אין דער אַזוי אָנגערופענער „פּתיחתא" צו מדרש איכה רבתי, וואו עס ווערד געשילדערט, ווי ירמיה הנביא איז געגאַנגען וועקען די אבות פון זייערע קברים, זיי זאָלען לויפען וויינען פאַר'ן אויבערשטען וועגען דעם חורבן. איז אויך כאַראַקטעריסטיש, ווי עס איז געווען פאַרשפּרייט דער גלויבען, אַז ווען די מאַמע רחל איז אויפגעשטאַנען פון איהר קבר און זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט וויינען, האָט מען תיכף אויבען אין הימעל געקראָגען רחמנות און מען האָט זי געבעטען, זי זאָל אויפהערען וויינען, ווייל די קינ־דער וועלען גאָר אין גיכען צוריקקומען פון זייערע שונאים'ס לאַנד (ירמיה ל"א י"ד).

איז פון דעם צו זעהן, וואָס פאַר אַ שטאַרקען איינדרוק עס האָט דאַמאָלס געהאַט אויף דער פאַנטאַזיע פון די פאָלקסמאַסען, ווען זיי האָבען געהערט פון אַ גוטען בעל־דרשן שילדערן, ווי די מאַמע רחל שטעהט און וויינט און דער אויבערשטער כביכול בעט זיך ביי איהר, זי זאָל נישט וויינען, ווייל עס וועט נישט לאַנג דויערען, וועלען איהרע קינדער צוריקקומען אין זייער היימ־לאַנד.

נאָכדעם ווי דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען — זאָגט ר' שמואל בר נחמני — איז אברהם אבינו געקומען צו לויפען פאַר'ן „כסא הכבוד" פון'ם אויבערשטען אַ שרעקליך פאַרוויינטער, דאַבײַ האָט ער זיך געריסען ביי דער באָרד און ביים קאָפּ. געשלאָגען זיך אַליין איבער'ן פּנים, צוריסען די קליידער און אין גאַנצען איז ער געווען באַשאָטען מיט אַש. אַזוי איז ער ארומגעגאַנגען און ער האָט געשריגען פאַר'ן אויבערשטען: „וואָס בין איך ערגער פון אַלע טאַטעס, וואָס איך האָב געמוזט קומען צו'ן אַזאַ חרפּה?"

און ווען די מלאכים האָבען דערזעהן, וואָס אברהם טהוט, האָבען זיי מיט איהם מיטגעוויינט. און ווען דער אויבערשטער האָט זיי געפרעגט, וואָס זיי וויינען, האָבען זיי געזאָגט: „נשמו מסלות, שבת עובר אורח, הפר ברית, מאס ערים לא חשב אנוש" (ישעיה ל"ג ח'). זיי האָבען דאַן גע'טענה'ט צום אויבערשטען: „די שטעגען, וואָס דו האָסט איינגעאָרדענט אויף צו געהן קיין ירושלים, אַז וואַנדערער זאָלען דאָרט קיינמאָל נישט אויפהערען, ווי זיינען זיי יעצט וויסט! די וועגען, וואָס אידען זיינען דאָרט געגאַנגען אין די צייטען פון די ימים־טובים, ווי האָבען זיי אויפגעהערט!

צושטערט איז געוואָרען דער בונד פון אברהם אבינו, וואָס דורך איהם האָט מען דעם אויבערשטען דערקענט אויף דער גאַנצער וועלט, און יעצט האָסטו, רבונו של עולם, פאַר'נמאס'ט ירושלים, נאָכדעם ווי דו האָסט זי פריהער אויסגעקליבען, און אפילו ווי דער דור פון אנוש, וועלכער איז געווען דער ערשטער צו עבודה זרה, האָסטו נישט געהאַלטען די אידען".

האָט דאַן דער אויבערשטער געזאָגט: „זייט מיין פריינד אברהם איז אוועק פון דער וועלט, איז ער נישט געקומען זעהן, וואָס מיין הויז טהוט, טאָ וואָס איז ער עפּעס יעצט פּלוצים געקומען?" — האָט אברהם געזאָגט צום אויבערשטען: „פאַר־וואָס האָסטו פאַרטריבען מיינע קינדער און דו האָסט זיי איבערגעגעבען אין די הענד פון באַרבאַרישע פעלקער, וועלכע האָבען זיי אָנגעטהון אַלערליי מיתות? פאַר־וואָס האָסטו געלאָזט חרוב מאַכען דעם בית־המקדש, דעם אָרט וואו איך האָב געבראַכט מיין זוהן אויף דער עקדה פאַר דיין גרויסען נאָמען?"

— שטאַרק געזינדיגט האָבען דיינע קינדער! — האָט דער אויבערשטער געענטפערט צו אברהם — זיי האָבען נישט געהאַלטען די מצוות פון מיין תורה און זיי האָבען עובר געווען אויף אַלע איהרע צוויי און צוואַנציג הייליגע אותיות.

האָט אברהם אויף דעם געזאָגט: „ווער וועט זיך דערוועגען, צו זאָגען עדות געגען מיינע קינדער, אַז זיי האָבען נישט געהאַלטען די מצוות פון דער תורה און זיי האָבען עובר געווען אויף אַלע איהרע צוויי און צוואַנציג הייליגע אותיות?"

— די תורה אליין וועט זיין דער בעסטער עדות! — האָט דער אויבערשטער געענטפערט.

איז אַרויסגעטרעטען די תורה און זי האָט געוואָלט זאָגען עדות געגען די אידען, אַז זיי האָבען עובר געווען אויף איהרע מצוות.

האָט אברהם א זאָג געטהון צו דער תורה: „טאָכטערקע מיינע, דו ווילסט עדות זאָגען געגען אידען, אַז זיי האָבען נישט אָפּגעהיט דיינע מצוות, און דו שעהמסט זיך גאָר נישט פאַר מיר מיט אַזאַ עדות? צי געדענקסטו נישט יענעם טאָג, ווען דער אויבערשטער האָט דיך אַרומגעטראָגען צווישען אַלע פעלקער און קיינער האָט דיך נישט געוואָלט נעהמען, ביז מיינע קינדער זיינען נישט געקומען צום באַרג סיני און זיי האָבען דיך דאָרט אָנגענומען מיט כבוד, און יעצט ווילסטו עדות זאָגען געגען זיי, אין דער צייט פון זייער צרה?"

איז אַזוי ווי די תורה האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך אָפּגערוקט אָן א זייט. האָט דאַן דער אויבערשטער געזאָגט: „זאָלען די צוויי און צוואַנציג אותיות קומען און זאָלען זיי עדות זאָגען!"

זיינען געקומען די צוויי און צוואַנציג אותיות, גרייט צו זאָגען עדות געגען אידען. איז די ערשטע פון זיי געווען די אלף.

האָט אברהם צו'ן איהר געזאָגט:

— דו, וואָס דו ביזט די ערשטע אינ'ם „אלף־בית", ביזט געקומען די ערשטע, צו זאָגען עדות געגען מיינע קינדער? און ווען דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזען אויפ'ן באַרג סיני און ער האָט אָנגעהויבען מיט דיר די „עשרת הדברות", ווען ער האָט געזאָגט „אנכי ה' אלהיך", האָט דיך נישט קיין שום פאָלק געוואָלט אָננעהמען, ביז מיינע קינדער האָבען דיך נישט אָנגענומען, ווילסטו יעצט עדות זאָגען געגען זיי?

די אמוראים פון ארץ־ישראל

א פארשעהמטע האט זיך דאן די אלף אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל — און עס איז ארויסגעקומען די ב י ת , עדות זאגען געגען אידען.

האט זיך אברהם צו'ן איהר געווענדעט און ער האט געזאגט: „טאכטערקע, דו ביזט געקומען עדות זאגען געגען מיינע קינדער, וועלכע האבען אנגענומען די חמשה חומשי תורה, וואס הויבען זיך אן מיט א בית?"

א פארשעהמטע האט זיך דאן די בית אפגערוקט אן א זייט און עס איז ארויסגעקומען די ג י מ ל .

האט אברהם צו'ן איהר געזאגט:

— דו ווילסט עדות זאגען געגען מיינע קינדער? און ווען דער אויבערשטער האט אנגעזאגט „גדילים תעשה לך", א מצות־עשה מן התורה, וואס הויבט זיך אן מיט א גימל, האט דאס נישט קיין אנדער פאלק געוואלט אננעהמען, ביז מיינע קינדער האבען דאס אנגענומען!

איז די גימל געבליבען א פארשעהמטע און עס איז ארויסגעקומען די ד ל ת , עדות זאגען געגען אידען.

האט אברהם צו'ן איהר געזאגט:

— וואס? דו ווילסט עדות זאגען געגען מיינע קינדער? און ווער האט דיך געהערט, ווען דער אויבערשטער האט אזוי פיעל מאל געזאגט צו משה רבנו „דבר אל בני ישראל", וועלכעס הויבט זיך אן מיט א דלת?

איז די דלת אויך געווארען א פארשעהמטע און זי האט זיך אפגערוקט אין א ווינקעל — און ווען עס האבען די אנדערע אותיות געזעהן, אז אברהם מאכט יעדע פון זיי צו שווייגען, האבען זיי זיך אלע אפגערוקט און זיי האבען נישט געוואלט עדות זאגען.

דערנאך האט אברהם געזאגט: „רבונו של עולם! צו הונדערט יאהר האסטו מיר געגעבען א זוהן, און ווען ער איז אלט געווען זיבען און דרייסיג יאהר, האסטו מיר געהייסען, איך זאל איהם דיר מקריב זיין פאר א קרבן. בין איך אויף איהם געווארען אן אכזר און איך האב נישט געהאט קיין רחמנות, ווייל איך האב געוואלט טהון דיין רצון. לסוף האסטו מיר דאס אלעס נישט געדענקט און דו האסט נישט געהאט קיין רחמנות אויף מיינע קינדער!"

און נאך די דאזיגע ווערטער איז געקומען משה רבנו און ער האט אזוי געזאגט צום אויבערשטען: „רבונו של עולם! בין איך נישט געווען א גוטער פאסטוך צו דיין פאלק? ווי א פערד בין איך געלאפען פאר זיי פערציג יאהר אין דער מדבר, און ווען עס איז געקומען די צייט, זיי זאלען אריינקומען אין ארץ־ישראל, האסטו ארויסגעגעבען א גזר, איך זאל שטארבען אין דער מדבר, און יעצט האט מען מיך גערופען, איך זאל טרויערען איבער זייער בראך!"

דערנאך האט משה א זאג געטהון צו ירמיה הנביא: "געה פאראויס, וועל איך מיט דיר געהען, איך זאל זעהען, ווער עס וועט זיך דערוועגען צו ליינען א האנד אויף מיינע אידען!"

האט ירמיה געזאגט: „איך קען נישט געהען, ווייל דער וועג איז פול מיט הרוגים און איך בין א כהן!" — האט משה געזאגט: „קום, ווייל איך הייס דיר געהען!"

זיינען זיי ביידע געגאנגען, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו די טייכען פון בבל, און ווען די אידען האבען דערזעהען משה רבנו, האט איינער צום

רבי שמואל בר נחמני

אנדערן געזאָגט: „בן עמרם איז אויפגעשטאַנען פון זיין קבר, אונז אויס־צולייזען פון אונזערע שונאים!"

איז אַרויסגעקומען אַ „בת־קול" און עס האָט געזאָגט: „ס'איז אַזאַ גזרה, וועלכע קען נישט איבערגעאַנדערשט ווערען!"

האָט זיי משה רבנו געזאָגט: „קינדערליך מיינע ליעבע, איך קען אייך לײדער נישט אויסלייזען, איך קען נור בלויז גאָט בעטען, ער זאָל אייך ווי צום גיכסטען צוריק־ברענגען אין אייער לאַנד אַריין!"

דאָס הערענדיג האָבען אַלע אַנגעהויבען שרעקליך וויינען, האָט דאָס דאָזיגע וויינען געמאַכט אויפטרייסלען אַלע זיבען הימלען. האָבען די מלאכים און די זון מיט דער לבנה און איהרע שטערען מיטגעוויינט מיט זיי.

און ווען משה רבנו איז דערנאָך געקומען צו די אבות, זיי צו איי־בערגעבען, וואָס די שונאים האָבען געטהון צו זייערע קינדער, האָט ער זיי דערצעהלט: „אַ טייל האָבען זיי גע'הרג'ט, אַנדערע האָבען זיי די הענד אויסגעבראָכען און געבונדען אַהינטער, אַנדערע האָבען זיי געשמיעדט אין אייזערנע קייטען, אויסגעטהון נאַקעט און געטריבען איבער בערגער און טהאָלען, זיינען אַנדערע אויפ'ן וועג געשטאָרבען און זייערע לייבער האָבען רויב־פויגעל און ווילדע חיות אויפגעפרעסען. נאָך אַנדערע זיינען געבלי־בען ליגען מיט אויסגעשטאָכענע אויגען אין די זאַמדען פון דער מדבר און זיי וואַרטען דאָרט אויף זייער טויט"...

האָבען די אבות אָנגעהויבען יעמערליך שרייען און וויינען:

„וועה, וואָס עס איז געוואָרען צו אונזערע אָרימע יתומים, וועה ווי זיי מוזען אַרום־בלאָנקען אינ'ם לאַנד פון זייערע שונאים הונגעריגע און נאַקעטע, וועה ווי זיי מוזען דאָרט קלעטערען אויף די הויכע בערג און פאַרוואונדען זייערע פיס צווישען קיזעלשטיינער און פעלזענשפּיצען, וועה ווי זיי מוזען נעביך שלעפּען שווערע זעק מיט זאַמד אויף זייערע צאַרטע פּלייצעס, וועה ווי מען האָט זיי געבראָכען די הענד און אויסגעשטאָכען די אויגען, וועה ווי עס איז ביי זיי פאַרטרוקענט דער האַלז פון דורשט, וועה ווי גאָט האָט דאָס געקענט צוקוקען, ווען קינדער זיינען געקוילעט גע־וואָרען פאַר די אויגען פון זייערע מאַמעס און מאַמעס האָט מען געקוילעט פאַר די אויגען פון זייערע קינדער"...

דערנאָך האָט זיך משה רבנו געווענדעט צו דער זון און ער האָט גע־זאָגט: „פאַרשאָלטען זאָל ווערען די זון, ווייל זי איז נישט פאַרפינסטערט געוואָרען, ווען די שונאים זיינען אַריינגעקומען אין בית־המקדש!"

האָט די זון אויף דעם געענטפערט: „איך שווער דיר, משה, ביי דעם וואָס לעבט אייביג, אַז איך האָב מיך געוואָלט באַהאַלטען צווישען די וואָל־קענס, איך זאָל נישט מוזען לייכטען די שונאים אויף זייער וועג, האָט מען מיך מיט פייערדיגע ריטער געשלאָגען, איך זאָל אַרויסגעהן טהון מיין דיענסט!"

דערנאָך איז אַרויסגעקומען די מאַמע רחל מיט אַ ביטער קלאָגעדיגען געוויין — און ווען איהר געוויין איז אויבען דערהערט געוואָרען, האָט איהר אַ שטים פונ'ם הימעל אָפּגעענטפערט: „הער אויף צו וויינען, ווייל די קינדער דיינע וועלען גאָר אין גיכען צוריקקעהרען פון זייערע שונאים'ס לאַנד צו זייער אייגענער היים!"...

רבי שמלאי בר אבא

גלייך ווי ר׳ שמואל בר נחמני, איז אויך ר ב י ש מ ל א י ב ר א ב א געווען א באריהמטער מייסטער אין די איינטייטשונגען פון דער תורה לויט׳ן דאמאלסדיגען סיסטעם פון דער „אגדה״. זיינען טאקי פאר־האנען אין תלמוד בבלי מאסען דרשות זיינע, וועלכע הויבען זיך געווענליך אן מיט די ווערטער „דרש ר׳ שמלאי״, און אין תלמוד ירושלמי איז בלויז דערמאנט איין דרשה אזעלכע (פאה פרק ה׳ הלכה ה׳).

אין בבל געבוירען, אין דער שטאדט נ ה ר ד ע א , וואס מען איז נאך ביז היינט נישט דערגאנגען גענוי, וואו זי האט זיך ערגיץ געפונען, און עס איז ווענען איהר נור אזוי פיעל באוואוסט, אז זי איז געווען ביים ברעג פון א טייך, וועלכער האט אמאל געהייסען „נהר מלכא״, און דער דאזיגער טייך ליגט ערגיץ צווישען די גרויסע טייכען פרת און חדקל. מען ווייסט אויך פאר געוויס, אז אידען האבען זיך דארט אנגעהויבען באזעצען צעהנדליגער יאהרען נאך׳ן חורבן, און אין די ערשטע יאהרען, וואס אידען האבען זיך דארט באזעצט, האט מען זיך אין ארץ־ישראל דערצעהלט שרעק־ליכע מעשיות ווענען דעם, וואס עס טהוט זיך דארט ביי די מענשען — און שפעטער זיינען דארט געווען די גרעסטע ישיבות, וועלכע האבען געקראגן דיזעלבע ווערדע ווי די ישיבות פון יבנה און טבריה.

דעם פאטער פון ר׳ שמלאי פלעגט מען רופען אויף׳ן נאמען פון זיין זוהן, אבא אבוה דר׳ שמלאי. איז דאס פון דעסטוועגען נישט קיין באוויז, אז די חשיבות זיינע איז בלויז געווען צוליעב דעם זוהן, ווי עס וואלט זיך געקענט אויסדאכטען, ווייל ער איז אויך באוואוסט אלס א זעלבשטענדיגער מענש און ער האט אמאל דעם גרויסען „בעל חשבון״ פון דער גמרא, שמואל ירחינאה פון נהרדעא, געבראכט אין א פארלעגענהייט, וואס ער האט נישט געקענט פארענטפערען זיין שאלה ווענען דעם ענין פון „עבור״, נאכדעם ווי דערזעלבער שמואל ירחינאה האט זיך געהאט געריהמט, אז „ער וואלט געקענט באשטימען דעם חודש לויט זיין חשבון אהן עדות״. לסוף האט איהם דער פאטער פון ר׳ שמלאי געפרעגט א שאלה ווענען דעמ־זעלבען ענין, וואס ער האט נישט געוואוסט צו ענטפערען. האט איהם דאן דער פאטער פון ר׳ שמלאי א זאג געטהון: „אויב דו ווייסט דאס נישט צו ענטפערען, איז טאקי מעגליך, אז עס זיינען פארהאן נאך אנדערע זאכען פון דעמזעלבען ענין, וואס דו ווייסט נישט!״ (ראש השנה דף כ׳ עמוד ב׳).

ווען ר׳ שמלאי איז אנגעקומען אין ארץ־ישראל, האט ער זיך באזעצט אין לוד. פון דארט האט ער זיך דערנאך אריבערגעצויגען צום גליל און שפע־טער האט ער זיך געווענליך אויפגעהאלטען אין דער שטאדט, וואו דער „נשיא״ האט געוואוינט.

ביי זיין אנקומען אין ארץ־ישראל האט ער זיך ארומגעדרעהט לעבען ר׳ יהודה נשיאה דעם ערשטען, דעם אייניקעל פון רבנו הקדוש. און ווי עס ווערד דערצעהלט, איז ר׳ יהודה נשיאה אמאל געגאנגען אנגעלעהנט אויף

רבי שמלאי בר אבא

די אקסלען פון ר' שמלאי און ער האָט צו'ן איהם געזאָגט: „ביזט נישט נעכטען געווען אין בית־המדרש, ווען מיר האָבען מתיר געמאַכט צו נוצען גוי'שען אויל". האָט איהם ר' שמלאי געענטפערט: „איך וועל עס נאָך דערלעבען, אז דו וועסט מתיר מאַכען גוי'שע ברויט!" (עבודה זרה דף ל"ז עמוד א').

דערנאָך איז מען געוואָהר געוואָרען פונ'ם נשיא'ס „היתר" אין בבל דורך א תלמיד פון ר' שמלאי, וועלכער האָט געהערט, ווי ר' שמלאי האָט וועגען דעם גע'דרשנ'ט (ירושלמי עבודה זרה פרק ב' הלכה ט'). עס איז אָבער אויך מעגליך, אז ר' יהודה נשיאה אליין האָט אוועקגעשיקט ר' שמלאי'ן קיין בבל, ער זאָל דאָרט מפרסם מאַכען דעם היתר.

שפּעטער האָט ר' שמלאי באַדיענט ר' ינאי הזקן (בבא בתרא דף קי"א עמוד א') און דערנאָך איז ער געווען א חבר פון ר' יהודה נשיאה דעם צווייטען, וועלכער איז געווען אַן אייניקעל פון ר' יהודה נשיאה דעם ערשטען (זעה בכורות דף ל"ו עמוד ב').

אין „הלכה" געפינען מיר דעם נאָמען פון ר' שמלאי בלויז עטליכע מאָל, א שטייגער ווי וואָס ער האָט גע'פּסקנ'ט, בשעת ער איז געווען צו גאַסט אין אַנטיאָכיען, וועגען די קדושין פון אַן עבד מיט א „ממזרת" (ירושלמי קדושין פרק ג' הלכה י"ג). אַן אנדער מאָל האָט ער גע'פּסקנ'ט וועגען דער ברכה ביי א „פּדיון הבן", ווער עס דאַרף מאַכען די ברכה, דער פאָטער פונ'ם קינד אָדער דער כהן (פּסחים דף קכ"א עמוד ב'). אויסערדעם האָט נאָך זיינער א תלמיד, ר' תנחום בר חייא, נאָכגעזאָגט עטליכע הלכות אויף זיין נאָמען.

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גערדאַנקען־גאַנג זיינען די וכוחים זיינע מיט די קריסטליך געזאָנענע אידען פון זיין צייט, וואָס די גמרא רופט זיי געוועהנליך „מינים" — און זיי פלעגען איהם שטענדיג דערקוטשען מיט שאלות, אויף וועלכע ער פלעגט יעדעס מאָל שאַרף אָפּענטפערען.

אזוי ווי דאָס וואָרט „אלהים" אין העברעאיש איז ווי לשון רבים, פלעג־גען די „מינים" שטענדיג פרעגען, וויפיל געטער עס זיינען געווען באַשעפטיגט ביי דער באַשאַפונג פון דער וועלט. האָט ר' שמלאי געענטפערט אויף דעם, אז דער ווייטערער לשון פונ'ם פּסוק פאַרענטפערט יעדעס מאָל די שאלה, א שטייגער ווי ווען דער פּסוק זאָגט „נעשה אדם בצלמנו כדמותנו" אין לשון רבים, ווייל באַלד אויף'ן אָרט זאָגט דער פּסוק „ויברא אלהים את האדם" אין לשון יחיד, און ווען עס האָבען די תלמידים זיינע געזאָגט: „אותם דחית בקנה ולנו מה אתה משיב?" וועלכעס מיינט: „זיי האָסטו מיט א שטעקעלע אוועקגעשטויסען און אונז וואָס וועסטו ענטפערען?" האָט ער ערקלערט, אז דערפאַר שטעהט „בצלמנו כדמותנו" אין לשון רבים, ווייל אדם הראשון איז באַשאַפען געוואָרען פון דער ערד און חוה איז באַשאַפען געוואָרען פון אדם הראשון'ס א ריפּ. אָבער אין צוקונפט איז די פאַרמעהרונג פון די מענשען אונמעגליך ביי א מאַן אָהן א פרוי אָדער ביי א פרוי אָהן א מאַן. אויסערדעם מוז אויך ביי ביידען זיין די מיטהילף פון דער „שכינה".

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָבען איהם די „מינים" געפרעגט, וואָס דער פּסוק זאָגט עפּיס „אלהים קדושים" אין לשון רבים, האָט ער זיי גע־ענטפערט, אז אזוי ווי עס שטעהט דאָרט „אלהים הוא", איז שוין דאָס וואָרט „הוא" אין לשון יחיד די ערקלערונג צו זייער שאלה. און ווען

די אמוראים פון ארץ־ישראל

עס האָבען זיך די תלמידים נישט צופריעדען געשטעלט מיט זיין תשובה, האָט ער זיי געזאָגט, אז וואָס עס שטעהט דאָ „אלהים קדושים" אין לשון רבים, מיינט עס, אז דער אויבערשטער איז הייליג אויף אַלע מיני קדושות.

זעהר אינטערעסאַנט איז אויך אַ מאמר פון ר' שמלאי וועגען דער צאָהל מצוות פון דער תורה, וועלכע באַטרעפט זעקס הונדערט און דרייצען, און ווי מיר ווייסען, אז ווען איינער איז עובר אויף איין מצוה, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט עובר געווען אויף אַלע מצוות, האָבען זיך די נביאים פון דעסטוועגען באַשטרעבט, אוועק צו שטעלען דאָס אידישקייט אויף אַן איינפאַכערער באַזיס מיט ווייניגער מצוות, גלייך ווי הלל הזקן האָט אויפ־געשטעלט אַ רעגעל פאַר דער אידישער תורה אין דעם איינפאַכען זאַץ: „וואָס דיר איז נישט ליעב, דאַרפסטו נישט וועלען טהון צו אַ צווייטען".

האָט ר' שמלאי וועגען דעם געזאָגט: „תרי"ג מצוות זיינען געזאָגט געוואָרען צו משה רבנו, באַשטעהען זיי פון 365 לאַ־תעשה'ס, וועלכעס באַ־טרעפט אַזוי פיעל ווי די טעג פונ'ם יאָהר לויט'ן חשבון פון דער זון, און 248 זיינען מצוות־עשה, לויט דער צאָהל פון די מענשליכע אברים" (מכות דף כ"ג עמוד ב').

דערנאָך האָט דאָס איינער פון ר' שמלאי'ס תלמידים אויספיהרליכער ערקלערט, ווען ער האָט דאָס פאָלגענדע געזאָגט אויף'ן נאָמען פון זיין רבי'ן: „די צאָהל פון די מצוות־עשה זיינען ווי די צאָהל פון די מענשליכע אברים, ווייל ווען עס האַנדעלט זיך וועגען טהון אַ מצות־עשה, בעט זיך יעדער אבר ביים מענשען, ער זאָל טהון די מצוה מיט איהם. און וואָס די צאָהל לאַ־תעשה'ס איז ווי די צאָהל טעג פון אַ יאָהר לויט'ן חשבון פון דער זון, איז ווייל יעדער טאָג בעט זיך ביים מענשען, ער זאָל נישט עובר זיין אויף אַ לאַ־תעשה אין זיין טאָג" (מדרש משלי).

אין אַן אַנדערן מאמר פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער האָט ר' שמלאי געזאָגט: „די תורה הויבט זיך אָן מיט וואָהלטהעטיגקייט און ענדיגט זיך מיט וואָהלטהעטיגקייט, ווי דער פסוק דערצעהלט, אז ווען די ערשטע מענ־שען זיינען זיך באַוואוסט געוואָרען, וואָס זיי זיינען נאַקעט, האָט זיי דער אויבערשטער געמאַכט לעדערנע העמדלעך, זיי זאָלען זיך נישט דאַרפען שעהמען. דערנאָך ענדיגט זיך די תורה מיט וואָהלטעטיגקייט. ווייל ווען משה רבנו איז געשטאָרבען אויף'ן באַרג נבו, וואו עס האָט איהם קיינער נישט באַגלייט און עס איז אויך דאָרט נישט געווען קיינער, וואָס זאָל איהם באַגראָבען, האָט איהם כביכול אַליין באַגראָבען" (סוטה דף י"ד עמוד א').

שפּעטער האָט דאָס ר' שמלאי אַנדערש ערקלערט און ער האָט געזאָגט: „ווער עס וויל ווי סען, ווי אַלע וועגען פונ'ם אויבערשטען זיינען פול מיט חסד, דאַרף נור אַ קוק טהון אין דער תורה, וועט ער זעהן, אַז דער ערשטער שריט פון כביכול איז געווען, אויסצופוצען די מוטער חוה ווי אַ כלה און זי צוצופיהרען צו אדם הראשון. אַזוי פוצט אוים דער אויבערשטער כלות, ווי ער האָט געטהון ביי חוה, ער באַזוכט אויך קראַנקע, ווי ער האָט געטהון ביי אברהם אבינו און ער באַגראָבט טויטע, ווי ער האָט געטהון ביי משה רבנו" (מדרש תנחומא פ' וירא).

— דער פסוק זאָגט איינמאָל „זכור את יום השבת לקדשו" און אַן אַנדער מאָל זאָגט ער „שמור את יום השבת", מיינט דאָס — לויט דער ערקלערונג פון ר' שמלאי — אַז מען דאַרף דעם שבת געדענקען, איידער

ער קומט אָן, און מען דאַרף איהם אָפּהיטען, ווען ער איז שוין אָנגעקומען. ווי אַזוי קען מען דאָס טהון? איז יעדעס מאָל ווען עס טרעפט זיך אימיצען אַ גוטע זאַך אָדער אַ נייע כלי, דאַרף מען עס אָנגרייטען אויף שבת (פסיקתא רבתי פרשה כ"ג).

ווי עס שיינט, זיינען דאַמאָלס די עקאָנאָמישע פארהעלטניסע אין ארץ־ישראל געווען שרעקליכע. די מענשען זיינען געווען זעהר פאַראָרימט און עס האָט נישט קיינער פאַרמאָגט קיין אָרענטליכען מלבוש. האָט ר' שמלאי אַמאָל גע'דרש'נ'ט וועגען דער מצוה פון אָנגרייטען אַ ספּעציעלען מלבוש פאַר שבת, האָט דער עולם אָנגעהויבען וויינען, ווייל עס האָט זיך נישט קיינער געקענט פאַרגינען אַזאַ „לוקסוס". האָט דאַן ר' שמלאי געזאָגט: „אפילו ווען איינער האָט נישט קיין באַזונדערען שעהנעם מלבוש אויף שבת, דאַרף ער אויך אָנטהון אַן אַנדער מלבוש, מעג זיין אַ צוריסענעם, אַבי אַן אַנדערן ווי אין אַ וואָכענטאָג" (ירושלמי פאה פרק ה' הלכה ה').

— אין דער צייט וואָס משיח וועט קומען — האָט ר' שמלאי ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט געזאָגט — וועט דער אויבערשטער נעהמען אַ ספר־תורה אויף זיין שויס און ער וועט זאָגען: „ווער עס האָט זיך אָפּגעגעבען מיט לערנען מיין תורה, זאָל יעצט קומען נעהמען זיין באַלוינונג!" וועלען זיך באַלד אַלע פעלקער צונויפקלויבען אויסגעמישט איינע מיט די אַנדערע, וועט זיי דער אויבערשטער זאָגען: „זאָל יעדע אומה קומען אָפּגעזונדערט!"

וועלען דאַן די ערשטע זיין אדום (דאָס מיינט רוים), וועט זיי דער אויבערשטער פרעגען: „וואָס האָט איהר געטהון אויף דער וועלט?", וועלען זיי ענטפערען: „מיר האָבען פיעלע גאַסען איינגעאָרדענט, מיר האָבען פיעלע בעדער געמאַכט, מיר האָבען אויך אָנגעקליבען פיעל גאָלד און זילבער, און דאָס אַלעס האָבען מיר געטהון בלויז צוליעב דיינע אידען, זיי זאָלען זיך קענען אָפּגעבען מיט דער תורה!" — וועט זיי דער אויבערשטער ענטפערען: „נאַראָנים וואָס איהר זענט. אַלסדינג וואָס איהר האָט געטהון, האָט איהר בלויז פאַר זיך אַליין געטהון. איהר האָט איינגעאָרדענט גאַסען, איהר זאָלט דאָרט קענען אריינזעצען זונות; איהר האָט געמאַכט בעדער, איהר זאָלט זיך דאָרט שמירען אייערע לייבער; איהר האָט אָנגעקליבען גאָלד און זילבער, איז דאָך דאָס מיין גאָלד און מיין זילבער, אָבער תורה האָט איהר נישט געלערנט, קומט אייך נישט קיין באַלוינונג!" — וועלען דאַן די בני אדום אַוועקגעהען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ...

נאָך זיי וועלען קומען די פרסיים. וועט זיי דער אויבערשטער פרעגען: „מיט וואָס האָט איהר זיך אָפּגעגעבען?" — וועלען זיי זאָגען: „פיעלע בריקען האָבען מיר געבויט, פיעלע שטעדט האָבען מיר עראָבערט, פיעל מלחמות האָבען מיר געפיהרט, און דאָס אַלעס האָבען מיר געטהון בלויז צוליעב די אידען, זיי זאָלען האָבען צייט, אָפּצוגעבען זיך מיט דער תורה!" — וועט זיי דער אויבערשטער ענטפערען: „אַלסדינג וואָס איהר האָט געטהון, האָט איהר בלויז פאַר זיך געטהון. איהר האָט געמאַכט בריקען, צו קענען נעהמען מכס; איהר האָט עראָבערט שטעדט, כדי צו קענען נעהמען שטייערען ביי די דאָרטיגע מענשען; און די מלחמות אייערע האָב איך גאָט פאַר אייערטוועגען געמאַכט, אָבער תורה האָט איהר נישט געלערנט, און ווי קומט איהר יעצט, צו פאַרלאַנגען אַ באַלויהנונג?"

די אמוראים פון ארץ־ישראל

אָבער די פרסיים וועלען זיך נישט לאָזען אוועקשיקען מיט גאָרנישט און זיי וועלען טענה'ן: „האָסטו דען אונז די תורה געגעבען און מיר האָבען זי נישט אָנגענומען?"

וועט זיי דער אויבערשטער זאָגען: „זיבען מצוות האָב איך געגעבען צו די בני נח און איהר האָט זיי נישט געהאַלטען!" — וועלען יענע וויטער פרעגען: „און די אידען דיינע האָבען דען די דאָזיגע זיבען מצוות יאָ געהאַלטען?"

— איך וועל רופען אייערע אייגענע פאַר עדות — וועט דאַן דער אויבערשטער ענטפערען — וועט איהר זעהען, אַז זיי האָבען יאָ אָפּגעהיט מיינע מצוות. זאָל קומען נמרוד עדות זאָגען אויף אברהם'ן, אַז ער האָט נישט געדיענט די עבודה־זרה; זאָל קומען לבן הארמי עדות זאָגען, אַז ער האָט נישט געקענט חושד זיין יעקב'ן וועגן גזל; זאָל קומען פּוטיפר'ס וויב עדות זאָגען, אַז יוסף האָט זיך נישט געלאָזט אָנריידען צו זינד; זאָל קומען נבוכדנצר עדות זאָגען אויף חנניה מישאל ועזריה, אַז זיי האָבען זיך נישט געוואָלט בוקען צו זיין געצעע, און זאָל קומען דריווש עדות זאָגען אויף דניאל, אַז ער האָט נישט מבטל געווען די תפלה (זעה עבודה זרה דף ב' און דף ג').

רבי אלעזר בן פדת

צווישען די חכמים, וואָס זיינען געקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל אין פארלויף פון דעם צווייטען און דריטען דור „אמוראים", פארנעמט ר ב י א ל ע ז ר ב ן פ ד ת זעהר א פראָמינענטען אָרט, און ווייל מען ווייסט זעהר ווייניג וועגען זיין פאָטער, צי ער האָט געהאַט וועלכע עס איז באַדייטונג אין'ם אידישען לעבען, ווערד אונזער ר' אלעזר אָפט אָנגערופען מיט'ן בלויזען נאָמען זיינעם (סתם ר' אלעזר), אָהן דעם נאָמען פון זיין פאָטער.

אין דער צייט, וואָס ר' אלעזר בן פדת איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, איז ער שוין געווען כמעט א פארטיגער תלמיד־חכם, האָטש ער איז נאָך דאַמאָלס נישט געווען קיין „מוסמך" (זעה כתובות דף קי"ב עמוד א'). יאָהרען פריהער, ווען ער איז נאָך געווען אין בבל, האָט ער געלערענט ביי רב (אבא אריכא), ווי מען קען דאָס זעהען פון די פארשיעדענע „ציטאַטען" אין „הלכה", וואָס ער זאָגט אויף רב'ס נאָמען (זעה שבת דף קנ"ג עמוד א', ערובין דף ס"ה עמוד ב', ירושלמי פסחים פרק ד' הלכה ג', נדה פרק ב' הלכה ג').

דערנאָך האָט ר' אלעזר געלערענט ביי ר' חנינא בן חמא, פון וועמען ער האָט דאן איבערגעגעבען א צעהנדליג מאמרים און הלכות, וועלכע זיינען באַצייכענט מיט די ווערטער „אמר ר' אלעזר אמר ר' חנינא".

חוץ דעם פלעגט ער אויך איבערגעבען מאמרים און הלכות אויף'ן נאָמען פון אַנדערע חכמים, ווייל ער פלעגט געוועהנליך ציטירען יעדען מאמר אויף'ן נאָמען פון יענעם חכם, וואָס ער האָט דעם מאמר פון איהם געהערט, אפילו ווען דער ציטירטער מאמר איז געווען אַן אַלט־באַקאַנטער און ער איז אין אונזערע תלמודישע שריפטען פארשריבען אויפ'ן נאָמען פון אַנדערע חכמים, אַ שטייגער ווי דער מאמר, אז „ווער עס זאָגט נאָך א וואָרט אויף'ן נאָמען פון דעם, וואָס מען האָט דאָס וואָרט פון איהם געהערט, ברענגט אַן אויסלייזונג צו דער וועלט" (מגלה דף ט"ו עמוד א').

איז עס דאַדורך ווי א רעטעניש, וואָס ר' יוחנן האָט געהאַט א טענה צו ר' אלעזר בן פדת, אז ער נעמט מאמרים פון אַנדערע און זאָגט זיי איבער אויף זיין אייגענעם נאָמען (זעה ירושלמי ברכות פרק ב' הלכה א'). צוליעב דעם האָט אויך ר' אלעזר געהאַט אַן אַרגומענט מיט ר' שמעון בן לקיש, ווען ער האָט איהם געהערט זאָגען א הלכה, וואָס ר' שמעון האָט געהאַט פריהער געהערט פון ר' יוחנן (מכות דף ה' עמוד ב').

דאַביי איז אינטערעסאַנט, וואָס די מענשען האָבען געוועהנליך געהאַל־טען ר' אלעזר בן פדת פאַר אַ תלמיד פון ר' יוחנן, האָטש ר' אלעזר האָט דאָס קיינמאָל נישט צוגעגעבען, און ווען ער האָט אַמאָל גערעדט צו זיינעם א חבר וועגען ר' יוחנן, האָט ער צו יענעם חבר געזאָגט „דיין רבי ר' יוחנן", נישט „מיין רבי" אָדער „אונזער רבי".

אַמאָל האָט זיך אויך ר' יוחנן אליין באַקלאָגט, אז ר' אלעזר איז פאַר איהם פארביינעגאַנגען און ער האָט איהם נישט באַגריסט (ירושלמי שקלים פרק ב' הלכה ה').

צוליעב אומבאוואוסטע טעמים, קען מען אָננעהמען, אז עס איז עפּיס פּאָרגעקומען אַ פּערזענליכער סכסוך צווישען ר׳ יוחנן און ר׳ אלעזר בן פּדת, וועגען וועלכען עס איז נישט אין ערגיץ גאָר פאַרשריבען געוואָרען, ווייל ווען ר׳ יוחנן האָט אַמאָל געוואָלט לעהרנען מיט ר׳ אלעזר די „מעשה מרכבה״, האָט דאָס ר׳ אלעזר נישט געוואָלט און ער האָט געזאָגט אַן אויסרייד, אז ער איז „נאָך נישט גענוג אַלט דערצו״ (חגיגה דף י״ג עמוד א׳).

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: „אַ פאַרגעניגען צו קוקען ווי בן פּדת זיצט און דרשנ׳ט. עס איז גלייך ווי משה רבנו האָט גע׳דרשנ׳ט וועגן דעם, וואָס ער האָט געהערט פונ׳ם אויבערשטענ׳ס מויל״. האָט ר׳ שמעון בן לקיש אויף דעם געזאָגט: „איז דען דאָס זיינס, וואָס ער זאָגט? ער האָט עס דאָך גענומען פון אַ ברייתא!״ (יבמות דף ע״ב עמוד ב׳).

די פּרנסה זיינע האָט ר׳ אלעזר געצויגען פון מבינות אויף מטבעות (זעה בבא קמא דף ק׳ עמוד א׳). האָט דאָס איהם אָבער זעהר ווייניג געבראַכט. איז ער טאַקי צוליעב דעם געווען אַ גרויסער אָרימאַן, ווי עס ווערד דערצעהלט, אז ווען ער האָט זיך אַמאָל געלאָזען צו אָדער, האָט ער גאָר נישט געהאַט אין שטוב, צו נעהמען אין מויל אריין, אויף צו דערקוויקען דאָס הארץ נאָך׳ן אָדער־לאָזען, האָט ער גענומען אַ שטיקעל קנאָבעל — און ער האָט דאַן גע׳חלש׳ט.

ווערד ווייטער דערצעהלט, אז ווען ער איז געלעגען אין חלשות, האָט ער געפּרעגט ביים אויבערשטען, ווי לאַנג ער וועט זיך נאָך אַזוי מוטשען אויף דער וועלט אין הונגער און נויט. האָט איהם כביכול געענטפערט: „ווילסטו דען, איך זאָל איבערקעהרען די וועלט מיט די פיס ארויף, וואָס דו וועסט אפשר דאַן געבוירען ווערען אין אַ מעהר מזל׳דיגער שעה פון ברויט?״ (ברכות דף ט״ז עמוד ב׳).

פון די מאמרים זיינע, וואָס זיינען פאַרבליבען אין דער גמרא, איז אָנצונעהמען, אז ר׳ אלעזר בן פּדת איז געווען אַ מענש מיט די שעהנסטע מעלות — און ער פּלעגט זאָגען: „עניוות גיט אַ חיות צום מענשען!״ (סנהדרין דף י״ד עמוד א׳). ער האָט זיך אויך שטענדיג געהאַלטען באַשיידען און ער האָט נישט קיינמאָל שטאָלצירט מיט זיין לערנען אקעגען אַנדערע (בבא בתרא דף קכ״ח עמוד ב׳).

כמעט אומבאַשרייבליך איז געווען ר׳ אלעזר׳ס ליעבע צו דער תורה (ערובין דף נ״ד עמוד ב׳). פּלעגט ער וועגען דעם זאָגען: „גלייך ווי אַ קינד דאַרף זויגען ביי זיין מוטער יעדע שעה אין טאָג, אַזוי דאַרף זיך יעדער מענש אָפּגעבען אַלע שעה פונ׳ם טאָג מיט דער תורה״ (ירושלמי ברכות פּרק ט׳ הלכה ה׳).

און ווען ר׳ אלעזר האָט געלעהרענט מיט זיינע תלמידים אויפ׳ן אונטערשטען מאַרק אין צפּורי, איז די צאָהל פון זיינע תלמידים געווען אַזאַ גרויסע, אז זיין איינהיל איז אַזש געבליבען ליגען אויפ׳ן אויבערשטען מאַרק. האָט אַמאָל איינער געוואָלט צונעהמען די דאָזיגע איינהיל, איז אַ שלאַנג געווען אַרומגעוויקעלט איבער איהר (ערובין דף נ״ד עמוד ב׳).

ווי באַמערקט, איז די אָרימקייט פון ר׳ אלעזר בן פּדת געווען גאָר אַ גרויסע. האָט מען דאַן אינ׳ם הויז פונ׳ם „נשיא״ גוט געוואוסט, אז ר׳ אלעזר לעבט אין אַ שרעקליכער דחקות. האָט מען איהם פון דאָרט צוגעשיקט עטליכע מתנות, ער זאָל דאָס קענען באַנוצען, אויף צו פאַרגרינגערען

זיין אָרימקייט. האָט ער די דאָזיגע מתנות נישט אָנגענומען. און אַז מען האָט איהם פאַרבעטען צו'ן אַ סעודה ביים „נשיא", איז ער אויך נישט געקומען (מגלה דף כ"ה עמוד א').

די צדקה וואָס אַ מענש גיט — פלעגט ר' אלעזר זאָגען — איז מכפר אויף אַלע עברות און זי איז אויך וויכטיגער פון קרבנות (סוכה דף מ"ט עמוד ב'). ביי אַנדערע געלעגענהייטען האָט ער געזאָגט, אַז „די צדקה איז געגליכען צו אַ פּאַנצער, ווייל גלייך ווי אַ פּאַנצער ווערד צונויפגעשטעלט פון איינציגע שטיקלעך, אַזוי איז אויך ביי צדקה, וואָס עס ווערד צונויפגערעכנט אַ פרוטה צו אַ פרוטה, ביז עס ווערד אַ גאַנצער חשבון" (בבא בתרא דף ט' עמוד ב').

האָט מען דערפאַר געהאַט צוטרוי צו ר' אלעזר און מען האָט איהם איבערגעגעבען דאָס אַמט צו שפּייזען אָרימע לייט (כתובות דף ס"ח עמוד א', ירושלמי פאה פרק ה' הלכה ח'). האָט מען געזעהען, אַז ווען אַן אָרימאַן קריגט עטוואָס פון איהם, ווענדעט ער אָן אַלע מעגליכקייטען, דער אָרימאַן זאָל נישט דאַרפען פיהלען, אַז ער קריגט צדקה. און אַזוי ווי ר' אלעזר איז געוואָרען „גבאי צדקה", האָט ער אויך געהאַט אַ האַנד אין איינמאַהנען שטייערען ביי אידען. האָט ער דאַן געפרעגט ביי ר' יוחנן, צי מען דאַרף מאַהנען שטייערען לויט'ן פאַרמעגען פון די מענשען אָדער לויט דער צאָהל פון די נפשות. האָט ר' יוחנן געענטפערט: „מען דאַרף מאַהנען לויט'ן פאַרמעגען פון די מענשען און דו, מיין זוהן אלעזר, דאַרפסט געדענקען, צוצונאָגלען דעם ענין" (בבא בתרא דף ז' עמוד ב').

דאַביי האָט ר' אלעזר שרעקליך פיינט געהאַט מענשען'ס גאַב און ער האָט גע'דרשנ'ט אויף דעם, וואָס ווען נח האָט אַרויסגעשיקט די טויב פון דער תיבה, זי זאָל זעהען, צי דאָס וואַסער פון'ם מבול איז גרינגער געוואָרען, איז זי דאַן צוריקגעקומען פאַרנאַכט מיט אַ בלעטעל פון אַן אויילבירט אין איהר מויל, מיט וועלכען זי האָט געוואָלט זאָגען: „זאָל מיין שפּייז ליעבערשט זיין אַזוי ביטער ווי אַן אויילבירט, נור זי זאָל קומען פון'ם אויבערשטען'ס האַנד, איידער זי זאָל זיין זיס ווי האָניג און קומען פון מענשען'ס האַנד" (סנהדרין דף ק"ח עמוד ב').

יענע צייט איז געווען זעהר אַ שלעכטע ביי די אידען אין ארץ־ישראל, זיינען דאַמאָלס חוץ אונזער ר' אלעזר נאָך געווען פיעלע אַנדערע חכמים אָרימע לייט, אַ שטייגער ווי ר' שמעון בר אבא, וועלכער האָט געלעבט אין אַ שרעקליכער נויט. איז אַמאָל אַרונטערגעפאַלען אַ דוקאַט פון ר' אלעזר'ס האַנד און ער האָט איהם נישט מעהר געקענט געפינען. האָט דאַן ר' שמעון בר אבא דעם דאָזיגען דוקאַט געפונען, האָט ר' אלעזר געהייסען, אַז ר' שמעון זאָל דעם דוקאַט נעהמען, ווייל ער האָט זיך שוין פון איהם מיאש געווען (ירושלמי בבא מציעא פרק ב' הלכה ג').

נאָך'ן טויט פון ר' יוחנן האָט מען אויסגעקליבען ר' אלעזר בן פדת אַלס אַ פאָרשטעהער פון'ם בית־המדרש און פון יענער צייט אָן האָט מען איהם גערופען אין בבל „מרא דארעא דישראל" (יומא דף ב' עמוד ב', גטין דף י"ט עמוד ב', נדה דף כ' עמוד ב').

ווי עס איז שוין געווען באַמערקט, האָבען די מענשען אין ארץ־ישראל נישט פיעל געהאַלטען פון די בבליים, האָבען דערפאַר די מענשען אין בבל שטאָלצירט מיט ר' אלעזר בן פדת ווי מיט זייערן אַ לאַנדסמאַן, און אַזוי ווי ער איז געווען אומעטום אַנערקענט אַלס אויטאָריטעט, האָבען זיי צו'ן איהם

די אמוראים פון ארץ־ישראל

געשיקט פרעגען שאלות ביי יעדער געלעגענהייט, וואָס די הלכה איז ביי זיי געווען אין ספק, פלעגט ער דאַן צושיקען זיינע באַלעהרונגען קיין בבל אין פראַגען פון איסור והיתר (ביצה דף ד׳ עמוד ב׳, גטין דף ע״ג עמוד א׳) אָדער אויך אין פראַגען פון געלד (ירושלמי קדושין פרק א׳ הלכה ד׳).

ביי אַלע לעהרען פון ר׳ אלעזר קען מען זעהען אַ שאַרפען לאָגישען גייסט, וועלכער פאַרשטעהט צו געבען די ריכטיגע איינטייטשונגען צו יעדען ענין, אויסצוגלייכען עווענטועלע ווידערשפּרוכען און צו זאָגען דאָס, וואָס יעדער האָט פון איהם ערוואַרטעט. מעהרסטענטיילס האָט ער זיינע אויסשפּרוכען געבויט אויף זיין אייגענעם פאַרשטאַנד, נישט־קוקענדיג וואָס אַנדערע האָבען אַנדערש געזאָגט, און מאַנכעס מאָל האָט איהם אפילו נישט געהאַרט, ווען דער פּשט פון דער משנה איז זאָגאַר געווען געגען זיין מיינונג (זעה ירושלמי תרומות פרק א׳ הלכה ב׳, שקלים פרק א׳ הלכה ד׳).

און ווען ער האָט געזוכט צו געפינען אַ טעם צו די עלטסטע הלכות, צו אונטערזוכען זייער אורשפּרונג (זעה ירושלמי שבת פרק י״ז הלכה ב׳, פסחים פרק ד׳ הלכה ד׳), האָט ער אויפגעשטעלט „כללים" אין הלכה, וואָס זיינען דערנאָך אָנגענומען געוואָרען ביי אַנדערע חכמים, אַ שטייגער ווי, אַז „מען טאָר נישט צוגעבען גאָר צו׳ן אַ גזרה פון׳ם פסוק און מען דאַרף אויך נישט אריינגעבען קיין נייעס אין אַזאַ גזרה" (ירושלמי שביעית פרק ב׳ הלכה ו׳), אַז „גלייך ווי מען טאָר נישט ערקלערען אַ טמא זאַך פאַר ריין, טאָר מען נישט מאַכען אַ ריינע זאַך פאַר טמא" (ירושלמי תרומות פרק ה׳ הלכה ג׳), אָדער „יעדע זאַך, וואָס איהר ווערדע איז צוליעב אַ געוויסע אורזאַך, איז אויב די אורזאַך ווערד בטל, דאַרף די זאַך אליין אויך בטל ווערען" (ירושלמי יבמות פרק א׳ הלכה א׳).

אזוי ווי ר׳ אלעזר בן פדת איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, האָט ער זיך תיכף אַוועקגעשטעלט אין אַ נאָהנטער באַציהונג צו אַלע חכמים פון יענער צייט.

די מיינונגען פון ר׳ חייא זיינען פאַר איהם שטענדיג געווען אַ לייכטטהורם אויף זיין לעבענסוועג (זעה ירושלמי יבמות פרק ב׳ הלכה ג׳), ווייל ווען די חכמים האָבען ציטירט מיינונגען וועגען אַן ענין פון „הלכה", האָט מען געוואוסט, אַז די מיינונג פון ר׳ אלעזר בן פדת קען גערעכענט ווערען פאַר דיזעלבע, ווי די מיינונג פון ר׳ חייא (זעה ירושלמי קדושין פרק א׳ הלכה ד׳).

האָט דאַן ר׳ אלעזר אויסגעדריקט זיין ליעבע צו ארץ־ישראל אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז „ווער עס וואוינט אין ארץ־ישראל, לעבט אָהן זינד" (סנהדרין דף ל״ב עמוד א׳) און „וואויל איז צו די מענשען אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבען נישט קיין שום זינד, נישט ביי זייער לעבען און נישט נאָך זייער טויט" (מדרש משלי פרשה י״ז).

ווי עס פאַרשטעהט זיך, האָבען די אידען אין בבל שטאָלצירט מיט זייער לאַנדסמאַן ר׳ אלעזר בן פדת, וואָס ער האָט דערגרייכט צו אַזאַ אויטאָריטאַטיווער מדרגה, איז דאַן יעדעס וואָרט זיינס אָנגענומען געוואָרען אין בבל ווי אַ געזעץ, און ווען ער האָט געשיקט אָנזאָגען, אַז די אידען אין בבל זאָלען שטענדיג אָפּהיטען דעם „יום טוב שני של גליות", איז דאָס פאַרבליבען אַ געזעץ פאַר אייביגע צייטען (ביצה דף ד׳ עמוד ב׳).

דער ענין פון „יום טוב שני" איז דאַמאָלס פאַר די אידען אין בבל געווען זעהר אַ וויכטיגער פּראָבלעם. איינגעפיהרט איז דאָס געוואָרען אין

דער צייט, וואָס די וועגן צווישן ארץ־ישראל און בבל זיינען געווען ווי אָפּגעשניטען און מען האָט זעלטען ווען געקענט שיקען אָנזאָגען צו די אידען אין בבל, אז דער „בית דין הגדול" אין ארץ ישראל האָט ערקלערט א נייעם חודש.

און כאָטש עס וואָלטען דאָס די אידען אין בבל געקענט אליין באַשטימען, ווייל די בבליים האָבען אויך געהאַט דיזעלבע אָרדנונג פון די חדשים, לויט'ן חשבון פון דער לבנה, האָט פון דעסטוועגען דער „ראש גולה" אין בבל איינגעפיהרט א צווייטען טאָג יום־טוב צוליעב דעם ספק, טאָמער איז דער פון איהם באַשטימטער טאָג נישט אין איינקלאַנג מיט דער איינאָרדנונג פונ'ם בית דין הגדול אין ארץ־ישראל.

האָט זיך אָבער מאַנכעס מאָל דער וועג קיין בבל געבעסערט און די רוי־מישע באַאַמטען פון ארץ־ישראל האָבען געלאָזט די שלוחים פריי געהען, אָנזאָגען אין בבל וועגען דער באַשטימונג פון די ימים־טובים. האָבען די אידען אין בבל אָנגעהויבען גרינגשעצען דעם צווייטען טאָג יום־טוב און פיעלע האָבען זיך דאַן ערלויבט צו דענקען, אז ווען די שלוחים פון ארץ־ישראל קומען אין צייט, דאַרף מען דעם צווייטען טאָג יום־טוב לחלוטין נישט פייערען. האָט זיי ר' אלעזר בן פדת דערפאַר אָנגעזאָגט, אז ווי לאַנג זיי וואוינען אין חוץ לארץ, מוזען זיי האַלטען צוויי טעג יום־טוב.

ביי אַן אנדערער געלעגענהייט האָט ר' אלעזר געשיקט אָנזאָגען אין בבל דריי זאַכען בנוגע צו דער פיהרונג פון די דאָרטיגע אידען, דהיינו: „זייט אָפּגעהיט אין דער ריינקייט פון אייער גוף, טהוט אַכטונג ביים לערנען צו האָבען געזעלשאַפט, זייט אויך אָפּגעהיט אין דער באַהאַנדלונג פון אָרימע קינדער, ווייל נור פון זיי קומט אַרויס די תורה" (נדרים דף פ"א עמוד א').

וואָס ר' אלעזר בן פדת האָט אויפגעטהון אַלס ראש־ישיבה אין טבריה, איז נישט אין גאַנצען באַוואוסט. מען ווייסט נור אַזוי פיעל, אז חוץ די עטליכע „הלכות" ביי וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, איז ער אין „אגדה" געווען איינער פון די באַדייטענדסטע חכמים. וואָס ער האָט גע־זאָגט, איז געווען מייסטערהאַפט טיעפזיניג און דער אמת פון זיינע סענ־טענצען איז געבליבען אַן אייביגער. דאַביי איז שוין וויניגער וויכטיג, אויף וועלכען פסוק ער האָט יעדען מאמר זיינעם געבויעט, ווייל ער פלעגט דרעהען די ווערטער פון די פסוקים אַהין און אַהער, זיי זאָלען שטימען מיט דעם געדאַנק, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען.

אַזוי האָט ער למשל געוואָלט זאָגען, אז ווען איינער קומט פון אַ וועג, קען ער דריי טעג לאַנג נישט האָבען קיין קלאָרען געדאַנק צום דאַווענען, ביז ער האָט זיך נישט גוט אויסגערוהט פון דער דורכגעמאַכטער רייזע — און אַ ראיה דערצו האָט ער געבראַכט פון דעם, וואָס עזרא דערצעהלט, אז ווען ער איז אויף זיין וועג קיין ארץ־ישראל צוגעקומען צום טייך אהוא, האָט ער זיך דאָרט אָפּגערוהט דריי טעג און ערשט דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ תענית און גאָט געבעטען, ער זאָל איהם פיהרען אויפ'ן ריכטיגען וועג. און ווען ער איז שפּעטער אָנגעקומען אין ירושלים, האָט ער ווייטער גערוהט דריי טעג, איידער ער האָט זיך גענומען אַרומקוקען, וואָס ער דאַרף טהון (זעה ערובין דף ס"ה עמוד א').

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט, צוקומענדיג צו דעם, וואָס חנה האָט גע־זאָגט צו עלי הכהן: „אל תתן את אמתך לפני בת בליעל", האָט ר' אלעזר פאַרגליכען דעם אויסדרוק „בת בליעל" מיט'ן אויסדרוק „בני בליעל", וועל־

בער געפינט זיך ביי אן „עיר הנדחת", און ער האט געזאגט: „פון דאנען איז געדרונגען, אז ווען א שיכור דאווענט, איז דאס גלייך ער וואלט געדיענט די עבודה־זרה" (ברכות דף ל"א עמוד א').

נאך א מוסטער פאר'ן סיסטעם פון ר' אלעזר בן פדת ביים צופאסען די איינטייטשונגען פון די פסוקים צום אינהאלט פון זיינע לעהרען, קען מען געפינען אין דעם, וואס ער זאגט, אז ווער עס הויבט אויף א האנד געגען זיינעם א מיטמענש, איז נישט פארהאנען פאר איהם קיין אנדער מיטעל אויף צו באשטראפען, ווי נור באגראבען, ווי דער פסוק זאגט: „צו א מענש פון א שטארקען ארעם בעלאנגט די ערד" (זעה סנהדרין דף נ"ח עמוד ב').

זעהר פיעל האט ר' אלעזר געהאלטען פון צדקה און ער האט געזאגט: „ווי לאנג דער בית־המקדש איז געשטאנען, האט א מענש געקענט געבען זיין שקל פאר א קרבן, אז די זינד זיינע זאל איהם פארגעבען ווערען. אבער היינטיגע צייטען, ווי דער בית־המקדש שטעהט נישט מעהר, איז גוט ווען דער מענש טהוט צדקה, ווייל ווען א מענש וויל נישט טהון קיין צדקה צו אידען, קומען די גוים און נעהמען ביי איהם אלסדינג אוועק מיט געוואלד" (בבא בתרא דף ט' עמוד א').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט ער געזאגט: „ווען אן ארימאן פארלאנגט צדקה, דארף מען עס איהם געבען אפילו אים שבת" (כתובות דף ה' עמוד א').

און טאמער האבען זיך אמאל באוויזען צדקה־שווינדלער, וואס האבען געבעטען נדבות, האטש זיי האבען עס נישט גענויטיגט, האט ר' אלעזר געזאגט: „מיר דארפען צו אזעלכע שווינדלער דאנקבאר זיין, ווייל ווען נישט די דאזיגע שווינדלער, איז ווען איינער וואלט פארלאנגט צדקה און מען וואלט עס איהם נישט באלד געגעבען, וואלט דער וואס וויל נישט גע־בען, תיכף באשטראפט געווארען. אזוי ווי עס זיינען אבער פארהאנען שווינדלער, קען מען האבען א תירוץ אויף נישט געבען, ווייל מען קען זא־גען, אז מען דענקט, טאמער איז דער ארימאן א שווינדלער" (ירושלמי פאה פרק ח' הלכה ט').

פארוואס האט דער אויבערשטער באשאפען די מענשליכע פינגער ווי פלעקלעך? — האט ר' אלעזר אמאל געפרעגט און ער האט זיך אליין גע־ענטפערט, אז „ווען א מענש וועט הערען אן אומווירדיגע זאך, זאל ער קע־נען ארייןשטעקען די פינגער אין זיינע אויערען, כדי ער זאל נישט קענען הערען די אומווירדיגע רייד" (כתובות דף ה' עמוד ב').

אמאל האט ר' אלעזר געוואלט באווייזען, ווי דער אויבערשטער איז פול איינזעהעניש מיט די מענשליכע שוואכקייטען, האט ער דאן געזאגט: „ווען א מענש איז אמאל מבזה אן אנדערן מענש און ער וויל זיך שפעטער מיט דעם באליידיגטען איבערבעטען, קען דער באליידיגטער זאגען, אז אזוי ווי יענער האט איהם עפענטליך באליידיגט, דארף ער ברענגען דיזעלבע מענשען, וואס ער האט איהם אין זייער געגענווארט מבזה געוועז, זיי זאלען זעהען, ווי ער לאזט זיך איבערבעטען. אבער דער אויבערשטער פיהרט זיך נישט אזוי, ווייל אפילו ווען איינער זינדיגט געגען איהם עפענטליך, איז ער צופרידען צו לאזען זיך איבערבעטען, זאגאר ווען קיינער איז נישט ביים איבערבעטען אנוועזענד" (פסיקתא רבתי).

מאנכעס מאל האט ר' אלעזר ארומגערעדט די שלעכטע מדות פון די מענשען און ער האט געזאגט: „ווער עס שפעט אפ פון אנדערע, ווערד

געשטראָפט מיט יסורים" (עבודה זרה דף י"ח עמוד ב'), און „ווען איינער האַלט זיך האָפערדיג אַקעגען זיינע מיטמענשען, איז ער ווערטה, מען זאָל איהם אונטערהאַקען ווי אַ בוים, ווייל ער מאַכט אַפילו די שכינה טרויעריג, און דער סוף זיינער איז, אַז ער ווערד שפּעטער נידריגער ווי שטויב" (סוטה דף ה' עמוד א').

מעהר ווי האָפערדיגקייט האָט ר' אלעזר פיינט געהאַט „חנופה" און ער האָט געזאָגט: „אַ מענש מיט חנופה ברענגט דעם אויבערשטען'ס צאָרן אויף דער וועלט. אַפילו קינדער אין דער מוטער'ס לייב שילטען איהם און דער סוף זיינער איז, אַז ער פאַלט אַריין אין גיהנום. און ווער עס חנפ'עט זיך צו אַ רשע, מוז צום סוף אַריינפאַלען אין דעם רשע'ס הענד, און פאַלט ער נישט אַריין אין זיינע הענד, פאַלט ער שפּעטער אַריין אין די הענד פון זיינע קינדער אָדער פון זיינע אייניקלעך" (סוטה דף מ"א עמוד ב').

און ווען אַ גאַנצע עדה גיט זיך אָפּ מיט חנופה — האָט ער ווייטער געזאָגט — איז זי מיאוס ווי אַ נדה און דער סוף איהרער איז, אַז זי ווערד פאַרטריבען (סוטה דף מ"ב עמוד א').

ווער עס ענדערט זיין וואָרט — האָט ר' אלעזר ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט געזאָגט — איז דאָס גלייך ער וואָלט געדיענט דער עבודה זרה (סנהדרין דף צ"ו עמוד א'), און „ווער עס נאַרט אָפּ מיט ווערטער, איז דאָס ערגער, ווי ער וואָלט אָפּגענאַרט מיט געלד" (בבא מציעא דף נ"ח עמוד א').

אַ מענש, וואָס האָט נישט קיין שטיקעל ערד, איז — לויט דער מיינונג פון ר' אלעזר — נישט גערעכענט פאַר אַ מענש, ווי דער פּסוק זאָגט „די ערד האָט דער אויבערשטער געגעבען צו די מענשען". אַלע בעלי־מלאכות וועלען אויך צום סוף בלייבען שטעהען אויף דער ערד, חאָטש ס'איז נישט פאַראַן קיין גראָבערע מלאכה ווי אַרבייטען ביי ערד. אָבער טראָץ דער וויכטיגקייט פון דער ערד־אַרבייט איז די לאַגע פון אַ סוחר יעדענפאַלס אַ בעסערע (יבמות דף ס"ג עמוד א').

די אַרבייט פאַר פּרנסה — האָט ר' אלעזר אַן אַנדערעס מאָל געזאָגט — איז געגליכען צו דער אַרבייט פאַר דער גאולה. קומט דאָס צו ווייזען, אַז אַזוי ווי די גאולה וועט קומען דורך וואונדער, אַזוי קומט אויך די פּרנסה דורך וואונדער, און אַזוי ווי די פּרנסה איז נויטיג פאַר יעדען טאָג, אַזוי איז אויך די גאולה צו ערוואַרטען יעדען טאָג (בראשית רבה פּרשה ב' פּיסקא כ"ב).

זעהר אַ געהויבענע מיינונג האָט ר' אלעזר געהאַט וועגען פאַרהייראַטען לעבען און ער האָט געזאָגט: „אַ מענש וואָס האָט נישט קיין ווייב איז נישט פאַררעכענט פאַר קיין מענש, ווי דער פּסוק זאָגט, אַז ווען דער אויבערשטער האָט דעם מענש באַשאַפען, האָט ער באַשאַפען אַ זכר און אַ נקבה, און ערשט דעמאָלט ווען זיי זיינען שוין געוועזן ביידע צוזאַמען, האָט ער זיי געגעבען אַ נאָמען מענש (יבמות דף ס"ג עמוד א').

ריידענדיג אַמאָל וועגען מענשליכען שכל און באַוואוסטזיין, האָט ער געזאָגט: „אויף אַ מענש אָהן שכל טאָר מען נישט האָבן קיין רחמנות, און ווער עס גיט אַוועק זיין ברויט צו'ן אַ מענש אָהן שכל, קומען אויף איהם יסורים און ער ווערד גאָר צולעצט אַרויסגעטריבען פון זיין אָרט" (סנהדרין דף צ"ב עמוד א').

רבי אבהו דקיסרין

אין יענער צייט, ווען וועלכער מיר שרייבען דא, האט זיך דאס קריס־טענטום פארשפרייט איבער גאנץ ארץ־ישראל, און פארגעקומען איז דאס מעהרסטענטיילס מיט דער הילף פון די רוימישע רעגירונגס־באאמטע, וואס זיינען דאמאלס אין זייער אידעען־גאנג געווען מעהר סימפאטיש גענייגט צום קריסטענטום, איידער צו די אלטע אידישע לעהרען.

גאנצע גרופען אידען, רייכע און ארימע, זיינען דאמאלס צוגעשטאנען צו דער קריסטליכער אמונה, און ווי ווייט דאס איז ביי די פאליטישע אומ־שטענדען פון יענער צייט געווען מעגליך, זיינען זיי געשטאנען אונטער'ן שוץ פון דער רוימישער רעגירונג. האבען דאן די אידען, וואס זיינען געבליבען ביי זייער אמונה, געהאט אויסצושטעהן צרות פון צוויי זייטען: פון דער רוימישער רעגירונג און פון די אייגענע ברידער.

אין אט יענע טעג האט געלעבט און געווירקט דער אמורא — ר ב י א ב ה ו ד ק י ס ר י ן, וועלכעס מיינט: פון דער שטאט צעזארעא*), איז דאס געווען א וואונדערליכער מענש מיט אויסערגעוועהנליך גוטע אייגענ־שאפטען.

די ערשטע גוטע אייגענשאפט זיינע איז געווען זיין פערזענליכע שעהנ־קייט, וועגען וועלכער עס איז געזאגט געווארען, אז זי איז געווען עהנליך צו דער שעהנקייט פון יעקב אבינו, ווי די אידישע טראדיציע זאגט וועגען איהם, אז ער איז געווען דער שעהנסטער מאן פון זיין דור און די צורה זיינע איז אויסגעקריצט אונטער כביכול'ס „כסא הכבוד" (זעה בבא מציעא דף פ"ד עמוד א').

אויסערדעם איז אויך ר' אבהו געווען קערפערליך שטארק ווי יעקב אבינו, וועלכער האט ביי זיין אנקומען אין חרן ארונטער־געוועלגערט איינער אליין א שווערען שטיין פונ'ם שטאדטישען ברונעם, צו וועלכען עס האבען זיך זאנסט אלע פאסטוכער געדארפט צונויפנעהמען. אזוי האט מען זיך אויך דערצעהלט אז די באלקענס פונ'ם באד, וואו ר' אבהו האט זיך געפו־נען, זיינען אמאל איינגעפאלען איבער זיין קאפ, האט ער זיך דאן אנגעהאל־טען מיט איין האנד ביי א זייל, ביז עס איז אנגעקומען הילף פון דרויסען, און אויף אזא אופן האט ער אפגעראטעוועט הונדערט און איין מענשען פון א זיכערן טויט (ברכות דף ס' עמוד א').

געבוירען איז ר' אבהו געווען, אזוי ווי ער ווערד טיטולירט — אין דער שטאט צ ע ז א ר ע א. דארט האט ער שטענדיג געוואוינט, דארט האט ער געהייראטה און דארט האט ער אנגעפיהרט זיין ישיבה.

ר' אבהו איז אויך זעהר רייך געווען. ער האט געהאנדעלט מיט וויי־בערשע ציערונג און ער האט וואהרשיינליך דערביי פיעל געלד פארדיענט (ירושלמי בבא מציעא פרק ד' הלכה ז').

---

*) דער נאמען אבהו איז וואהרשיינליך אן אפגעקירצטע תלמודישע פארם פונ'ם ביבלישען נאמען „אביהוא".

צוליעב דעם דאָזיגען רייכטום זיינעם איז ער געווען אַ גרויסער חשוב ביי די רוימישע בעאַמטע אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבען זיכערליך נישט פיינט געהאַט קיין מתנות און ער פלעגט זיי אויך אָפטמאָל מהנה זיין פון זיין עשירות. דאַביי פלעגט ער זיך פיהרען ווי אַן אריסטאָקראַט, ביי זיך אין הויז פלעגט ער זיצען אויף אַן עלפענביינערנעם שטוהל, און ווי עס ווערד דערצעהלט, פלעגט מען ביי איהם יעדען שבת נאַכט קוילענען אַ פעט קאַלב, פון וועלכען ער פלעגט בלויז עסען די ניערען (שבת דף קי״ט עמוד א׳).

ער איז געווען געלעהרענט אין פארשיעדענע וועלטליכע חכמות און גוי'שע לשונות. איז דאָס אויך געווען אַן אורזאַך, ער זאָל קענען ווערען אַ „מקורב למלכות". ווערד דערצעהלט, אַז ווען ער פלעגט קומען אין באַזוך צום קייזערליכען שטאַטהאַלטער, פלעגט איהם דעם שטאַטהאַלטער'ס דיענערשאַפט אַקעגען־קומען מיט אַ ספּעציעלער באַגריסונג, וועלכע האָט אויסגעקלונגען אין אַ לויבגעזאַנג מיט די ווערטער: „אַט איז דער גרעסטער פון זיין פאָלק, דער פיהרער פון זיין אומה, דאָס שטיק ליכטיגקייט, געבענשט זאָל זיין זיין קומען אין פריעדען!" (כתובות דף י״ז עמוד א׳).

אָבער טראָצדעם וואָס ר' אבהו איז געווען רייך און חשוב ביי דער רעגירונג, האָט ער זיך נישט געהאַלטען שטאָלץ אַקעגען אַנדערע און ער האָט געלאָזט אַלע מענשען פון זיין דור געניסען פון זיין כבוד (חגיגה דף י״ד עמוד א׳).

ווי עס איז אויבען דערמאָנט, איז דאַמאָלס געווען אַ צייט, וואָס די צום קריסטענטום אריבערגעגאַנגענע אידען האָבען געהאַלטען פּאַררייסען די קעפּ, ווייל די רוימישע רעגירונג אין ארץ־ישראל האָט זיי געשטיצט, פלעגען זיי אונזער ר' אבהו צווינגען, ער זאָל האָבען מיט זיי וכוחים. פלעגט ער זיי אָבער אַזוי אָפּענטפערען, אַז זיי האָבען שוין דערנאָך נישט געקענט מעהר פרעגען קיין קשיות (זעה סוכה דף מ״ח עמוד ב׳, סנהדרין דף ל״ט עמוד א׳).

דורך זיינע שטענדיגע וכוחים מיט יענע קריסטליכע אידען האָט ער זיך בסדר געדאַרפט פאַרטיעפען אין תנ״ך און ער האָט דערפון געקראָגען אַ וואונדערליכע בקיאות. איז ער אָבער אַמאָל אַזוי אריינגעפאַלען אין זייערע הענד, אַז עס האָט איהם שיער נישט זיין לעבען געקאָסט, ווען איינער מיט'ן נאָמען יעקב מינאה, האָט איהם געגעבען צו טרינקען עפּיס אַ מין גיפטיגע משקה, האָבען איהם דאַן די צוויי חברים זיינע, רב אמי און רב אסי, קוים אָפּגעראַטעוועט פונ'ם טויט מיט אַ געגענגיפט (עבודה זרה דף כ״ח עמוד א׳).

אָנגעהויבען לערנען האָט אונזער ר' אבהו ביי ר' יוחנן. דאָס מעהרסטע פון זיין תורה האָט ער געקראָגען אין ר' יוחנן'ס בית־המדרש און ער זאָגט אויך אַמאָל וועגען דעם, אַז „ר' יוחנן האָט איהם געעפענט אַ טהיר און ער האָט אויף איהם געלאָזט אַ ליכט שיינען" (ירושלמי פסחים פרק ב' הלכה ב'). ר' יוחנן דערמאָנט אויך דעם נאָמען פון ר' אבהו מיט ליעבשאַפט און ער רופט איהם „מיין קינד" (גטין דף מ״ד עמוד ב׳).

ער האָט אויך געלערנט ביי ר' אלעזר בן פדת (זעה רש״י יומא דף פ' עמוד א׳). געפינען זיך אין תלמוד בבלי לערך צוואַנציג מאמרים פון ר' אבהו, וואָס ער האָט נאָכגעזאָגט אויפ'ן נאָמען פון ר' אלעזר (אמר ר' אבהו אמר ר' אלעזר) און אין תלמוד ירושלמי געפינען זיך אַזעלכע מאמרים לערך 50 מאָל, חוץ וואָס עס געפינט זיך אין מדרשים.

דאַכט זיך, אַז ר' אבהו האָט אויך געלערנט ביי ריש־לקיש, צו ווע־

מען ער איז מעהר געשטאַנען אין באַציהונג פון אַ חבר. ביידע פלעגען אויך אָפטמאָל געהן פאַרשפּרייטען די ידיעות פון דער תורה אין אַנדערע שטעדט, וואו עס האָט זיך נור גענויטיגט. און ווי עס ווערד דערצעהלט, זיינען זיי אַמאָל ביידע געגאַנגען באַלעהרנען די מענשען אין אַן אָרט פון אָרום צע־זאַרעאַ, האָט דאַן ר׳ אבהו אַ זאָג געטהון: „צו וואָס זאָלען מיר געהן אין אַ שטאָדט פון שלעכטע מענשען, וואו מיר וועלען זיכערליך נור באַ־שימפּפט ווערען?" — איז דאַן ריש־לקיש אַרונטערגעגאַנגען פון זיין אייזעל, אויף וועלכען ער האָט געריטען, און ער האָט גענומען אַ האַנד פול מיט זאַמד און אַריינגעשטופּט עס ר׳ אבהו׳ן אין מויל אַריין, זאָגענדיג דערביי, אַז „דער אויבערשטער וויל נישט, מען זאָל ריידען שלעכטס אויף אידען!" (שיר השירים רבה פרשה א׳ פיסקא ל״ט).

חוץ דעם זעהט מען אויך, אַז ר׳ אבהו האָט נאָך געלערנט ביי אַנדערע חכמים פון זיין דור, ווייל ער ציטירט געוועהנליך יעדען מאמר אויפ׳ן נאָ־מען פון יענעם חכם, וואָס ער האָט דעם מאמר געהערט.

נאָכ׳ן טויט פון ר׳ יוחנן האָט מען געוואָלט אויסקלויבען ר׳ אבהו׳ן פאַר „ריש מתיבתא" אויף ר׳ יוחנן׳ס פּלאַץ, האָט ר׳ אבהו נישט געוואָלט אָננעהמען דעם כבוד און ער האָט געזאָגט, אַז ר׳ אבא דמן עכו איז פיעל פּאַסיגער צו דעם דאָזיגען אַמט.

איז דאַן ר׳ אבהו פאַרבליבען אין צעזאַרעאַ, וואו ער האָט ווייטער אָנגעפירט זיין ישיבה. און יעדעס מאָל וואָס די רוימישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען איהרע גזרות אויף אידען, האָט ער זיך שטענדיג פאַר זיי איינ־געשטעלט און אָפטמאָל האָט ער אויך געהאַט ערפאָלג מיט זיין שתדלנות. און ווען די רעגירונג האָט געשטערט דאָס אַרומפאָהרען פון די חכמים, אויף צו באַלעהרנען דאָס פאָלק, פלעגט ר׳ אבהו יאָ קענען אַרומפאָהרען, וואו עס איז נור געווען נויטיג, און איינמאָל איז ער זאָגאַר אָנגעקומען ביז אַלעקסאַנדריען אין עגיפּטען.

שפּעטער האָבען זיך אַמאָל די ווייבער פון ר׳ אבהו און ר׳ אבא דמן עכו צעווערטעלט, האָט דאַן די פרוי פון ר׳ אבא אַ זאָג געטהון, אַז „איהר מאַן נויטיגט זיך נישט אין ר׳ אבהו׳ס תורה, און ווען ער האַלט זיך טראָצ־דעם נידריג אַקעגען איהם, איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס ער איז רייך"...

האָט דאָס ר׳ אבהו׳ס ווייב דערצעהלט צו איהר מאַן אין דער מיינונג, אַז ער וועט דעם ר׳ אבא׳ן באַשטראָפען. האָט אָבער ר׳ אבהו אויף דעם גע־ענטפערט: „וואָס איז דאָ אייגענטליך די נפקא־מינה, צי ר׳ אבא דאַרף יאָ מיין תורה אָדער ער דאַרף זי נישט? סיי־ווי ווערד פון מיר און פון איהם דער אויבערשטער געלויבט!" (סוטה דף מ׳ עמוד א׳).

כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ אבהו׳ס באַשיידענהייט איז אויך דער פאַל־גענדער פאַל: דאָס לאַנד האָט אַמאָל זעהר נויטיג געדאַרפט האָבען רעגען און מען האָט געזוכט, ווער עס זאָל וועגען דעם בעטען, אַז דער אויבער־שטער זאָל זיך וועלען צוהערען צו דער תפלה.

האָט דאַן ר׳ אבהו געזעהן אין חלום, אַז איינער אַ מענש מיט׳ן נאָמען פּענטאַקאַקע דאַרף טאַקי זיין דער בעטער. האָט ר׳ אבהו געשיקט יענעם מענשען רופען און ער האָט איהם געפרעגט וועגען זיין באַשעפטיגונג. האָט איהם דער מענש געענטפערט, אַז ער האַנדעלט מיט זונות. איז שוין ר׳ אבהו נייגעריג געווען צו וויסען, וואָס פאַר אַ גוטע מעשים אַזאַ מענש האָט געקענט טהון, אַז דער אויבערשטער זאָל צוליעב דעם זיין וויליג, צו־

צוהערען זיך צו זיין תפלה. האָט איהם יענער מענש דערצעהלט, אַז עס איז איינמאָל געקומען אַ פרוי צו׳ן איהם און זי האָט איהם געזאָגט, אַז זי איז גרייט צו פאַרקויפען איהר קערפער, אויסצולייזען איהר מאַן פון תפיסה, וואו ער זיצט פאַר אַ בלבול. האָט ער דאַן געקראָגען רחמנות אויף דער פרוי און ער האָט איהר געגעבען אַזוי פיעל געלד, וויפיל ער האָט פאַרמאָגט, זי זאָל קענען איהר מאַן אויסקויפען, און אַזוי ווי דאָס איז נישט געווען גענוג, האָט ער נאָך פאַרקויפט פון זיין אייגענטום, וואָס ער האָט נור געקענט, אַבי צו העלפען דער פרוי, זי זאָל האָבען די מעגליכקייט, אויסצוקויפען איהר מאַן פון דער תפיסה און זי זאָל דאַבײ נישט דאַרפען אַריינפאַלען אין דער נעץ פון זינד.

און ווי ר׳ אבהו האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַ זאָג געטהון: „אויב, אַזוי, ביזט דו טאַקי דער ווירדיגסטער, דו זאָלסט דיך אוועקשטעלען בעטען אויף רעגען!" (ירושלמי תענית פרק א׳ הלכה ד׳).

אין יענער צייט האָט רעגירט — ר׳ יהודה נשיאה דער צווייטער, און דער אָרט פון זיין אַמט איז געווען די שטאָדט סעפּהאָריס (צפורי), און ווען די רוימישע רעגירונג האָט אפילו נישט געלאָזט אָנהאַלטען קיין ישיבה אין צפורי, איז דער „נשיא" אַליין דאָרט פאַרבליבען. ער האָט זיך שוין גערעכענט פאַר אַלט און אָהן כחות, צו געהן זוכען אַן אַנדערן אָרט פאַר זיין ישיבה. אַנדערש איז שוין געווען ביי זיין זוהן ר׳ גמליאל (דער פערטער), וועלכער האָט זיך דאַן באַזעצט אין צעזאַרעאַ. אין דער מלחמה צווישען די רוימער און די פאַרטהער איז דאַמאָלס סעפּהאָריס חרוב געוואָרען. אויסערדעם האָט אויך דער דאָזיגער ר׳ יהודה נשיאה געוואָלט גניסען פון ר׳ אבהו׳ס חשיבות ביי די רוימער און ער האָט געדענקט, אַז ער וועט דאָרט קענען אָנפיהרען אַן אייגענע ישיבה אויף ר׳ אבהו׳ס נאָמען.

גרויס איז געווען די ליעבע פון ר׳ אבהו צו דער תורה. ווען ער איז אַמאָל אָנגעקומען אין טבריה, האָבען איהם דאָרט באַגעגענט די תלמידים פון ר׳ יוחנן, האָבען זיי געזעהן, ווי דאָס פּנים לייכט ביי איהם פון שמחה. און ווען ר׳ יוחנן האָט איהם דערנאָך געפרעגט, וואָס ער האָט אייגענטליך אַזאַ שמחה, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט געפונען אַן אַלטע תוספתא, וועלכע האָט איהם געגעבען אַ נײַ ליכט אין זיין לערנען (ירושלמי שבת פרק ה׳ הלכה א׳).

צוליעב דעם כבוד פון דער תורה איז ביי איהם די ווערדע פון זיין רבי׳ן געווען אַזוי גרויס ווי דער כבוד פון כביכול און ער פלעגט דאַדורך זאָגען: „ווער עס איז מהרהר נאָך די ווערטער אָדער וועגען דער פיהרונג פון זיין רבי׳ן, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט זיך גענומען קריטיקירען די וועגען פון דער שכינה" (סנהדרין דף ק״י עמוד א׳).

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט ווערד דערצעהלט, אַז ווען אַ תלמיד־חכם איז אַמאָל געשטאָרבען, איז שוין ר׳ אבהו יענעם טאָג געזעסען אין אַ תענית און גאָרנישט געגעסען (ירושלמי מועד קטן פרק ג׳ הלכה ג׳).

פון ר׳ אבהו׳ס מאָראַלישע לעהרען דאַרפען דאָ פאָלגענדע אויסשפּרוכען זיינע דערמאָנט ווערען:

די גרעסטע זאַך אין דער וועלט איז תשובה, ווייל דאָרט וואו אַ בעל־תשובה שטעהט, קענען אפילו צדיקים גמורים נישט שטעהן (ברכות דף ל״ד עמוד ב׳).

תמיד דארף דער מענש גיכער וועלען זיין פון די פארפאלגטע — האט ר' אבהו אן אנדער מאל געזאגט — און ער דארף זיך אויסהיטען, נישט צו זיין פון די פארפאלגער (בבא קמא דף צ"ג עמוד א'). א מענש טאר אויך נישט אניאגען קיין מורא אויף זיינע הויז־מענשען (גטין דף ז' עמוד א').

און ווען מען האט גערעדט וועגען דעם, ווי אזוי אונזער וועלט איז באשאפען געווארען, האט ר' אבהו געזאגט, אז דער אויבערשטער האט פריהער באשאפען פארשיעדענע אנדערע וועלטען און ער האט זיי חרוב געמאכט, ווייל זיי זיינען איהם נישט געפעלען געווארען, ביז ער האט די איצטיגע וועלט באשאפען און זי איז שוין פארבליבען (בראשית רבה פרשה ג' פיסקא ט').

צוקומענדיג צום פסוק „ישיחו בי יושבי שער" (תהלים ס"ט י"ג), האט ר' אבהו געזאגט, אז דוד המלך האט געמיינט צו שילדערן, ווי די גוים שפעטען אפ פון אידען אין זייערע טעאטערס און אין זייערע צירקוסען, וואו זיי זיצען און הולטאיעווען.

דאביי האט ר' אבהו געשילדערט, ווי די גוים פלעגען אפלאכען פון אידען אין זיין צייט, ווי זיי פלעגען ארויספיהרען אויף דער טעאטער־ביהנע א קעמעל מיט אן ארונטערגעלאזטען קאפ, האט דאן איין טעאטער־שפיעלער געפרעגט דעם אנדערן: „קענסטו מיר נישט זאגען, וואס עס איז עפיס געשעהן, אז דאס דאזיגע קעמעל איז צוליעב דעם אזוי שטארק פארטרויערט?" — האט איהם דער אנדערער אויף דעם געענטפערט: „ווייסט דאך, אז דאס היינטיגע יאהר איז שמיטה ביי אידען, האבען זיי נישט קיין תבואות צו עסען, איז ער דאדורך טרויעריג!" . . .

— און פאר־וואס איז היינט אויל אזוי טייער? — פרעגט ווייטער יענער טעאטער־שפיעלער.

— ווייסט נישט? — ענטפערט דער אנדערער — אזוי ווי די אידען היטען זעהר שטארק אפ זייער שבת, עסען זיי דאמאלס אויף אלסדינג, וואס זיי קלויבען צונויף א גאנצע וואך, האבען זיי אבער נישט גענוג האלץ צו הייצען פאר אזוי פיעל קאכען, פארברענען זיי דערפאר זייערע בעטען, מוזען זיי דערנאך שלאפען אויף דער ערד, וואלגערען זיי זיך דאן אין שטויב און מוזען זיך צוליעב דעם שמירען מיט אויל, איז דערפאר אויל אזוי טייער (זעה פתיחתא דאיכה רבתי פיסקא י"ז).

איטליכער, וואס איז אפילו נור א ביסיל באהאוועוונט אין תנ"ך, קען די מעשה, אז ווען שאול המלך האט געזוכט א יונגען מאן, וואס זאל קענען שפילען אויף א מוזיקאלישען אינסטרומענט, כדי אז ווען ער וועט ווערען מעלאנכאליש, זאל איהם יענער מיט זיין שפילען אויפהייטערען, האט דאן איינער פון שאול'ס הויף־מענשען א זאג געטהון, אז ער האט געזעהן ביי ישי אין בית־לחם א אינגעל מיט אלע נויטיגע מעלות, א „יודע נגן וגבור חיל ואיש מלחמה ונבון דבר ואיש תואר וה' עמו", דאס מיינט, אז דער בחור קען שפיעלען, ער איז אויך א שטארקער מאן און ער קען זיך גוט שלאגען, ער פארשטעהט אלע קלוגע זאכען, ער איז אויך א מענש פון געשטאלט און גאט איז מיט איהם (שמואל א' ט"ז י"ח).

זאגט אויף דעם ר' אבהו, אז וואס מען האט געזאגט „יודע נגן", מיינט דאס צו זאגען, אז דוד איז געוועזען באקאנט אין תנ"ך; און וואס מען האט געזאגט „גבור חיל" מיינט, אז ער איז געוועזען שטארק אין משנה;

„איש מלחמה" מיינט, אז ער איז געלערענט אין דער מלחמה פון דער תורה; „נבון דבר" מיינט, אז ער פארשטעהט זיך אויף גוטע טהאטען; „איש תואר" מיינט, אז ער איז א מענש פון געשטאלט אין תלמוד.

„דבר אחר", נאך אן אנדערע ערקלערונג איז — זאגט ר' אבהו וויטער — אז די מעלה פון „נבון דבר" מיינט, וואס ער פארשטעהט איין זאך פון דער אנדערער ארויס; די מעלה פון „איש תואר" מיינט, אז דער פנים זיינער לייכט אין הלכה, און וואס עס ווערד געזאגט „וה' עמו" מיינט, אז די הלכה איז שטענדיג אזוי ווי ער זאגט (רות רבה פרשה ד' פיסקא ד').

אן אנדער מוסטער פון ר' אבהו'ס „דרשות" איז דאס פאלגענדע:

ביי דער באשאפונג פון דער וועלט זאגט דער פסוק „והארץ היתה תוהו ובוהו", האט מען דעם אויסדרוק „תוהו ובוהו" אויסגעטייטשט, אז „די ערד האט זיך געוואונדערט, וואס זי איז אזוי ליידיג". האט ר' אבהו וועגען דעם געזאגט, אז דאס איז געגליכען צו א מלך, וועלכער האט זיך געקויפט צוויי שקלאפען, ביידע אויף איין קאנטראקט און פאר איין פרייז. האט דאן דער קעניג ארויסגעגעבען א באפעהל, אז איינער פון די שקלאפען זאל געשפייזט ווערען פון דער קעניגליכער קיך און דער אנדערער זאל גע־שפייזט ווערען פון דעם, וואס ער וועט זיך אליין באמיהען צו קריגען. איז דער דאזיגער אנדערער שקלאף געזעסען א פארוואונדערטער און ער האט געזאגט: „אט זיינען מיר ביידע געקויפט אויף איין קאנטראקט און פאר איין פרייז, און דא דארף איך מיך באזונדער באמיהען, איך זאל קריגען מיין עסען, ווייל ווען איך וועל מיך נישט באמיהען, וועל איך נישט האבען צו עסען!" — אזוי איז אויך די ערד געזעסען א פארוואונדערטע און זי האט געזאגט: „די אויבערשטע באשעפענישען זיינען באשאפען געווארען אין איין צייט מיט די אונטערשטע, און צום סוף שפייזען זיך די אויבער־שטע באשעפענישען פון דער געטליכער שכינה און די אונטערשטע באשע־פענישען מוזען ארבייטען פאר זייער עסען, ווייל ווען זיי ארבייטען נישט, האבען זיי נישט צו עסען!" (בראשית רבה פרשה ב' פיסקא ב').

אמאל האט עס זיך אזוי געמאכט, אז ר' אבהו האט גע'דרשנ'ט אין דערזעלבער שטאדט, וואו ר' חייא בר אבא האט גע'דרשנ'ט. האט ר' אבהו דאמאלס גע'דרשנ'ט אין „אגדה" און ר' חייא האט גע'דרשנ'ט אין „הלכה". זיינען די מענשען פון דער שטאדט געלאפען הערען, וואס ר' אבהו האט געהאט צו זאגען — און צו ר' חייא'ס דרשות זיינען זעהר ווייניג מענשען געקומען. האט ר' חייא געהאט דערפון גרויס עגמת־נפש. האט איהם ר' אבהו בארוהיגט מיט א „משל" און ער האט געזאגט: „צוויי סוחרים קומען אמאל אין איין שטאדט אריין, איינער האט געבראכט צו פארקויפען טייערע איידעלשטיינער און דער אנדערער האט געבראכט גלעזערנע שפילצייג. צו וועמען לויפט דאן דער עולם גיכער? נישט צו דעם, וואס פארקויפט די גלעזערנע שפילצייג?" (סוטה דף מ' עמוד א').

דערצעהלט וויטער די גמרא, ווי ר' אבהו האט זיך דאמאלס נאך מעהר געסטארעט, אפצוגעבען כבוד צו ר' חייא. ביי יעדען אנדערן מאל, וואס ביידע זיינען זיך צונויפגעקומען, פלעגט ר' חייא באגלייטען ר' אבהו'ן ביז צו זיין אכסניא. אזוי ווי מען פלעגט ר' אבהו'ן באטראכטען פאר אן אפיציעלען פארשטעהער פונ'ם אידישען פאלק ביי די רוימישע רעגירונגס־באאמטע, האט איהם איטליכער אפגעגעבען כבוד. אבער אין יענעם טאג האט ר' אבהו באגלייט ר' חייא'ן ביז צו זיין אכסניא, ער זאל נישט האבען

קיין עגמת־נפש, וואָס דער עולם איז נישט געקומען הערען זיין דרשה.

ווי דערמאָנט, האָט ר׳ אבהו געוואוינט אין צעזאַרעאַ. דורך איהם איז אַלזאָ די שטאָדט צעזאַרעאַ געוואָרען אַן אָרט פון תורה, גלייך ווי זי איז אַמאָל געווען אין דער צייט פון ר׳ הושעיא רבה — און געלעהרענט האָט ער אין א בית־המדרש, וועלכער איז אָנגערופען געוואָרען מיט דעם נאָמען „מרדותא״. זאָגען מאַנכע מפרשים וועגען דעם דאָזיגען נאָמען, אַז מען האָט דאָרט אין יענעם בית־המדרש שטענדיג געקלערט וועגען מאַ־כען אַ רעוואָלוציע געגען די רוימער (זעה ירושלמי ברכות פרק ג׳ הלכה א׳ און סנהדרין פרק א׳ הלכה א׳).

עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז ווען ר׳ אבהו פלעגט לערנען ביי נאַכט, האָט ער נישט אַרונטערגענומען די תפלין (ירושלמי ברכות פרק ב׳ הלכה ג׳). ווען ער האָט גע׳דרשנ׳ט, האָט איטליכער פון זיינע צוהערער באַשיינפערליך געזעהען, ווי עס לייכט אַ פייער אַרום איהם (שיר השירים רבה פרשה א׳ פיסקא נ״ב). און ווען ער איז געשטאָרבען, איז די טרויער געווען אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט אַזש געגלויבט צו זעהען, ווי די זיילען פון דער שטאָדט גיסען טרעהרען (ירושלמי עבודה זרה פרק ג׳ הלכה א׳).

דריי מינים זינד — פלעגט ר׳ אבהו זאָגען — זיינען תמיד פאַרצייכענט ביים אויבערשטען און דער פאַרהאַנג ווערד נישט קיינמאָל איבער זיי פאַרשלאָסען, דאָס איז ווען איינער נאַרט אָפּ דעם אַנדערען, אָדער ווען איי־נער באַרויבט דעם אַנדערן און ווען איינער דיענט צו דער עבודה זרה (בבא מציעא דף נ״ט עמוד א׳).

און ווען עס האָבען אַמאָל דריי חכמים גערעדט וועגען דער אורזאַך, וואָס ירושלים איז חרוב געוואָרען, האָט ר׳ אבהו געזאָגט, אַז דאָס איז גע־שעהען, ווייל די מענשען האָבען מבטל געווען זייער קריאת־שמע פון אין דער פריה און פון ביי נאַכט (שבת דף קי״ט עמוד א׳).

ר׳ חנינא, אַ זוהן פון ר׳ אבהו, איז אוועק פון זיין פאָטער׳ס הויז קיין טבריה, וואו מען האָט איהם געשיקט לערנען. האָט ער זיך דאָרט אָפּגעגע־בען מיט וואָהלטהעטיגקייט און דערהויפּט מיט באַגראָבען טויטע. האָט איהם דער פאָטער געשריבען: „צי ווייל עס זיינען נישט פאַרהאַנען קיין קברים אין צעזאַרעאַ, האָב איך דיך אוועקגעשיקט קיין טבריה? און האָס־טו איבערהויפּט פאַרגעסען, אַז עס איז שוין פון לאַנג אָן אַנגענומענער כלל, אַז לערנען איז בילכער ווי וואָהלטהעטיגקייט?״ (ירושלמי פסחים פרק ג׳ הלכה ז׳).

וועגען דער אָרימקייט פון יענער צייט איז שוין פיעל געשילדערט גע־וואָרען. פיעלע חכמים האָבען דאַן געלעבט אין דער גרעסטער נויט און זיי האָבען נישט אויפגעגעבען זייער לערנען. און אַזוי ווי ר׳ אבהו איז גע־ווען אַ רייכער מאַן, האָט ער געגעבען אַ טרייסט צו יענע אָרימע חכמים און ער האָט געזאָגט: „אַ תלמיד־חכם, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט לערנען טראָץ זיין אָרימקייט, קען ערוואַרטען, אַז ער וועט זיך אויף יענער וועלט זעטיגען מיט דער הערליכקייט פון דער געטליכער שכינה״ (סוטה דף מ״ט עמוד א׳).

זעהר בייז איז ר׳ אבהו געווען וועגען תלמידי־חכמים, וואָס פאַרגעסען זייער לערנען און ער האָט געזאָגט: „ווער עס פאַרגעסט עטוואָס פון זיין לערנען, דאַרף מען איהם אַרונטערזעצען פון זיין מדרגה״ (יומא דף ל״ח עמוד ב׳).

גלייך ווי פאַרשיעדענע אַנדערע חכמים, וועלכע האָבען געזאָגט, אַז דער אויבערשטער אַנערקענט די ימים־טובים, לויט ווי דער בית־דין הגדול באַשטימט זיי, האָט אויך ר׳ אבהו געהאַלטען און ער האָט געזאָגט: „פינף זקנים קומען זיך צונויף, אויף צו באַשטימען דעם עבור. וואָס טהוט דאַן דער אויבערשטער? ער לאָזט איבער זיין גאַנצע גוואַרדיע אויבען אין הימעל און ער געהט אַרונטער מיט זיין שכינה אונטען. וואונדערען זיך די מלאכים וועגען דעם, וויסענדיג, אַז ווען די מענשען אונטען וואָלטען זיך טועה געווען אין זייער חשבון וועגען די ימים־טובים, וואָלט זיי דער אויבערשטער קלאָר געמאַכט אין דער הלכה" (ויקרא רבה פרשה כ"ט פיסקא ג׳).

אַמאָל איז געקומען פאַר ר׳ אבהו די שאלה, צי מען דאַרף זאָגען „הלל" אום ראש־השנה און אום יום־כפור. האָט ער געזאָגט, אַז די מלאכים קומען דאַמאָלס צום אויבערשטען מיט א טענה און זיי זאָגען: זעה, אָט האָבען דיינע אידען יום־טוב און זיי זאָגען נישט קיין הלל!" ענטפערט זיי דער אויבערשטער: „ווען אַ קעניג, אַ מענש, זיצט אויף זיין ריכטערליכען שטוהל און פאַר איהם ליגען אָפען די ביכער פון טויט און לעבען, קענען איהם דאַמאָלס זיינע אונטערטהאַנען זינגען לויב־געזאַנגען?" (ראש השנה דף ל"ב עמוד ב׳).

ווען אידען ווערען אַמאָל געהאָלפען — האָט ר׳ אבהו געזאָגט — קען מען זאָגען, אַז דער אויבערשטער איז כביכול אויך געהאָלפען געוואָרען, ווי דער פסוק זאָגט: „עמו אנכי בצרה", אַז ווען אידען זיינען אין אַ נויט, איז דער אויבערשטער כביכול אויך אין אַ נויט, קענען דערפאַר די אידען זאָגען, אַז ווען דער אויבערשטער שיקט זיי אַ הילף, העלפט ער זיך אַליין (תנחומא פרשת אחרי מות פיסקא י"ב).

ס׳איז אַן אַלטער כלל, אַז דער אויבערשטער פאַרגעסט גאַר נישט. האַנדעלט עס זיך אָבער וועגען אידען, וועלכע דאַרפען באַשטראָפט ווערען, ווייל זיי האָבען געזינדיגט — האָט ר׳ אבהו געזאָגט — מאַכט זיך שוין דער אויבערשטער פאַרגעסען (ירושלמי פאה פרק א׳ הלכה א׳).

וועגען דעם וואָס עלי הכהן האָט געזאָגט צו זיינע קינדער: „אנכי שומע את דבריכם רעים מאת כל העם אלה" (שמואל א׳ ב׳ כ"ג), האָט ר׳ אבהו געזאָגט: „די תורה לערענט דיך דאָ זיטליכקייט, אַז ווען דו וועסט הערען גוטס וועגען דיין חבר, זאָלסטו עס איהם זאָגען אויף׳ן נאָמען פון דעם, וואָס דו האָסט עס פון איהם געהערט. טאָמער האָסטו אָבער געהערט עפּיס שלעכטס וועגען דיין חבר און דו ווילסט עס איהם זאָגען זאָלסטו עס איהם זאָגען אָהן א נאָמען פון דעם, וואָס דו האָסט עס פון איהם געהערט" (מדרש שמואל פרשה ז׳).

אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט געזאָגט: „אנכי ה׳ אלהיך" — האָט ר׳ אבהו געזאָגט — האָט ער מיט דעם געוואָלט אָנמערקען, אַז ער איז נישט ווי א מלך בשר ודם, וואָס האָט א פאָטער, אָדער א ברודער, אָדער א זוהן, זאָגט ער דאַדורך „אני ראשון" (איך בין דער ערשטער), איך האָב נישט קיין פאָטער, „ואני אחרון" (איך בין אויך דער לעצטער), איך האָב נישט קיין ברודער, „ומבלעדי אין אלהים" (אויסער מיר איז נישט פאַרהאַנען קיין אַנדערער גאָט), איך האָב אויך נישט קיין זוהן (שמות רבה פרשה כ"ט פיסקא ד׳).

די אמוראים פון ארץ־ישראל

בײ אַן אַנדערער געלעגענהײט האָט ר׳ אבהו אײנגעטײטשט דעם פסוק: „לא איש אל ויכזב״ און ער האָט געזאָגט: װען אַ מענש װיל דיר אַמאָל זאָגען, אַז ער איז אַ גאָט, זאָלסטו װיסען, אַז ער זאָגט ליגען: „ובן אָדם ויתנחם״, טאָמער װיל דיר אײנער זאָגען, אַז ער איז א „בן אדם״ (װי דער גרינדער פון קריסטענטום האָט װעגען זיך געזאָגט), איז דער סוף פון אַזאַ מענש, װאָס ער מוז חרטה האָבען; „ההוא אָמר ולא יקימנה״, אַזאַ מענש קען זיך נור באַריהמען און זאָגען, אָבער ער קען נישט האַלטען זײן װאָרט (ירושלמי תענית פרק ב׳ הלכה א׳).

און אין אַ װכוח װעגען קלוגע מענשען האָט ר׳ אבהו געזאָגט: װעמען גיט דער אויבערשטער חכמה? דאָס גיט ער נור צו דעם קלוגען, װי דער פסוק זאָגט: „ובלב כל חכם לב נתתי חכמה״ (ברכות דף נ״ה עמוד א׳).

װי עס װערד דערצעהלט, איז אַמאָל בײ ר׳ אבהו אַ קינד געשטאָרבען, זײנען דאַן צװײ חכמים געקומען איהם באַזוכען, האָבען זײ נישט געװאָלט רײדען אַ װאָרט, דענקענדיג, אַז זײ װעלען ר׳ אבהו׳ן קרענקען. האָט זײ ר׳ אבהו צו פאַרשטעהן געגעבען, אַז גאָט׳ס משפט קען נישט זײן אַנדערש װי אַ גערעכטער און ער האָט געזאָגט: „לאָ׳מיר זעהען, אַז װען װעלכעס ערדישע געריכט פאַראורטײלט אײנעם צום טויט, איז חאָטש די ערדישע רעגירונג איז פול ליגען מיט גנבה און באַשטעכליכקײט, אויסערדעם איז זי הײנט דאָ אויף׳ן פּלאַץ און מאָרגען קען זי פאַרשװינדען, פון דעסטװעגען קומען די קרובים פונ׳ם פאַראורטײלטען באַגריסען די דײנים און די עדות, זײ צו װײזען, אַז מען האָט גאָרנישט קעגען זײ, װײל זײ האָבען זיכערליך עהרליך גע׳משפט. איז דערפאַר אַ פיעל גרעסערע פליכט, צו אַנערקענען דעם עהרליכען משפט פונ׳ם אויבערשטען, בײ װעמען עס איז נישט פאַרהאַנען קײן ליגען, קײן גנבה און קײן באַשטעכליכקײט (ירושלמי סנהדרין פרק ו׳ הלכה י׳).

רבי חייא בר אבא הכהן

ווען מיר ריידען דאָ וועגען ר׳ חייא בר אבא הכהן, דאַרף מען וויסען, אַז ער איז נישט צו פאַרוועקסלען מיט ר׳ חייא רבה פונ׳ם ערשטען טייל „אונזערע גייסטיגע ריעזען", וואָס יענער האָט אויך געהייסען ר׳ חייא בר אבא. יענער ר׳ חייא איז געווען אַ תלמיד פון רבנו הקדוש, דעם עלטער־עלטער־זיידען פון ר׳ יהודה נשיאה דעם צווייטען, וואָס אונזער ר׳ חייא בר אבא האָט געלעבט און געווירקט אין זיין צייט.

אַזוי אָפט ווי אונזער ר׳ חייא ווערד דערמאָנט אין תלמוד בבלי, ווערד אויך אָנגעגעבען דער נאָמען פון זיין פאָטער, און ווען עס האַנדעלט זיך וועגען ר׳ חייא רבה, ווערד ער דאָרט אָנגערופען ר׳ חייא סתם. אָבער אין תלמוד ירושלמי, וואו דער גרויסער ר׳ חייא ווערד אָנגערופען ר׳ חייא רובא, ווערד אונזער ר׳ חייא דערמאָנט אַלס סתם ר׳ חייא, אָדער ער הייסט דאָרט „ר׳ חייא בר בא" (אנשטאט בר אבא) און מאַנכעס מאָל הייסט ער גאָר ר׳ חייא בר ווא (לייען: וואווא).

גלייך ווי ר׳ חייא דער גרויסער איז אויך אונזער ר׳ חייא בר אבא געקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל, און ווי עס איז אָנצונעהמען, איז ער געקומען צו־זאַמען מיט זיין ברודער ר׳ שמעון, וועלכער ווערד דערמאָנט מיט׳ן נאָמען „סימון" אָדער „שמן".

איז דער דאָזיגער ר׳ שמעון בר אבא אויך אויסגעוואַקסען אַ פראָמינענ־טער מענש אין ארץ־ישראל — און ווי עס ווערד דערצעהלט, האָט ער אַמאָל צוליעב די אָרימע אומשטענדען זיינע געוואָלט צוריקגעהן קיין בבל. איז ער דאַן געגאַנגען צו ר׳ חנינא בר חמא און ער האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהם געבען אַ „מליצה־בריעף" צו די ישיבות אין בבל, זיי זאָלען איהם שטיצען. האָט ר׳ חנינא דאָס נישט געוואָלט טהון און ער האָט געזאָגט: „אָט קען איך מיך מאָרגען צונויפטרעפען מיט דיינע עלטערען (ד. ה. שטאַרבען), וועלען זיי מיר פאָרוואַרפען, אַז זיי האָבען געהאַט אזא הערליכע פרי ווי דו ביזט אין ארץ־ישראל, האָב איך דיר נישט געדאַרפט ערלויבען, אַוועקצוגעהן אין חוץ־לארץ" (ירושלמי מועד קטן פרק ג׳ הלכה א׳).

וואָס ר׳ חייא בר אבא איז געקומען פון בבל, ווערד ביי פאַרשיעדענע געלעגענהייטען דערמאָנט. עס ווערד נור נישט דערצעהלט, ביי וועמען ער אָדער זיין ברודער האָט דאָרט אין בבל געלערנט. איז דאַדורך אָנצונעהמען, אַז זיי זיינען נאָך ביידע זעהר יונג געווען, ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין ארץ־ישראל.

ביי זייער אָנקומען אין ארץ־ישראל האָבען זיי נאָך אָנגעטראָפען די ערשטע פון צווישען די „אמוראים", ר׳ חנינא בר חמא און ר׳ יהושע בן לוי, וועלכע זיינען דאַמאָלס שוין זעהר אַלט געווען. אָבער דער אייגענטליכער רבי זייערער איז געווען ר׳ יוחנן. עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז ווען אונזער ר׳ חייא איז אָנגעקומען אין צפורי, איז ער געווען נאָהנט צו ר׳ חנינא בר חמא, וועלכער

פלעגט זיך אָנלעהנען אויף איהם, ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס. חוץ דעם איז ר׳ חייא געווען א חשוב ביי ר׳ שמעון בן לקיש, וועלכער האָט איהם אי־בערגעגעבען זיינע קינדער צום לערנען.

דעסגלייכען האָט אויך ר׳ יוחנן ליעב געהאַט זיין תלמיד ר׳ חייא און ער פלעגט איהם רופען „מיין קינד!” (ירושלמי עבודה זרה פרק ב׳ הלכה ח׳). און ווען ר׳ חייא איז אַמאָל פארשלאָפט געוואָרען, איז איהם ר׳ יוחנן געקומען באַזוכען. האָט איהם ר׳ יוחנן געפרעגט: „זיינען דיר דיינע יסורים ליעב?” — וועלענדיג דערמיט זאָגען, אַז יסורים מעקען אָפּ אַלע עברות פונ׳ם מענשען.

האָט ר׳ חייא אויף דעם געענטפערט: „איך וויל נישט זיי און איך וויל אויך נישט זייער באַלוינונג!”

„טאָ גיב מיר דיין האַנד!” — האָט איהם ר׳ יוחנן געזאָגט.

האָט ער איהם געגעבען די האַנד און ער האָט איהם אויפגעהויבען. דאָס מיינט, אַז ר׳ יוחנן האָט איהם געהייסען אויפשטעהען און ער איז געזונד גע־וואָרען (ברכות דף ה׳ עמוד ב׳).

ר׳ חייא בר אבא איז אויך געווען אַ גרויסער חשוב ביי ר׳ יהודה נשיאה דעם צווייטען — און ווען דער „נשיא” האָט געדאַרפט ארויסשיקען אַ שליח איבער די שטעדט פונ׳ם לאַנד, איינצופיהרען געוויסע אָרדנונגען אין דער רע־ליגיעזער פיהרונג פון די מענשען און צו באַשטימען שטייער־קאָלעקטאָרען פאַר דער רעגירונג גלייך ווי פאַר׳ן נשיא, האָט ער ארויסגעשיקט ר׳ חייא׳ן צוזאַמען מיט ר׳ אמי און ר׳ אסי (ירושלמי חגיגה פרק א׳ הלכה ז׳).

גלייך ווי זיין ברודער ר׳ שמעון האָט אויך ר׳ חייא זעהר פיעל געליטען אין ארץ־ישראל. ער האָט אפשר נישט געליטען קיין הונגער ווי זיין ברודער, האָט ער אָבער שטאַרק געליטען פון אַנדערע באַשרענקונגען און הינדערנישען. האָבען איהם גוטע פריינד געראַטהען, ער זאָל אוועקגעהן פון ארץ־ישראל — און אין געגענזאַץ צו זיין ברודער האָט ער נישט געפונען קיין שטערונג ביים געהן צוריק קיין בבל.

בלויז ער אליין האָט נישט געוואָלט פארלאָזען דאָס לאַנד. האָבען איהם אָבער די אומשטענדען זיינע געטריבען דערצו, ווען ער האָט זיך נישט געוואָלט לענגער מפרנס זיין פון „מעשרות”, ווייל עס איז איהם פּשוט נמאס געווען, צו ציהען חיונה פון א נדבה, וועלכע האָט ביי איהם אוועקגענומען זיין זעלב־שטענדיגקייט.

ער איז דאַן געווען דער „כהן” ביי דער פאַמיליע סילוני, וועלכע האָט איהם געגעבען איהרע „מעשרות”. איז פלוצים ארויסגעקומען עפּיס א סכסוך וועגען אַ דין, וואָס ער האָט געוואָלט פארגרינגערען אַקעגען דער מיינונג פון די אַנדערע חכמים, וואָס האָבען דאָ געוואָלט מחמיר זיין. האָט ער מורא גע־האָט, מען זאָל נישט זאָגען, אַז וואָס ער וויל דאָ מקיל זיין, איז די אורזאַך דערפון, ווייל ער ציהט זיין פרנסה פון יענער משפחה (ירושלמי שביעית פרק ג׳ הלכה א׳).

איז ער דאַן געגאַנגען זוכען פרנסה אין בבל און עס האָט איהם נישט קיינער דערפון צוריק געהאַלטען. האָט ער געבעטען ביי ר׳ אלעזר בן פדת, ער זאָל זיך משתדל זיין פאַר זיינעטוועגען ביי ר׳ יהודה נשיאה, ער זאָל איהם געבען אַ „מליצה־בריעף” צו די אידען אין בבל. האָט מען באַלד אָנגענומען זיין בקשה און דער „נשיא” האָט אָנגעשריבען וועגען איהם די ווערטער: „הרי שלחנו אליכם אָדם גדול, שלוחנו וכיוצא בנו”, דאָס מיינט צו זאָגען: „אָט

שיקען מיר אייך א גרויסען מענש, וועלכער איז אונזער שליח און ער איז אויך געגליכען צו אונז אליין" (ירושלמי חגיגה פרק א' הלכה ח').

דערנאך דאכט זיך, איז ר' חייא ווייטער צוריק געקומען קיין ארץ־ישראל, און ווען ער איז שפעטער געגאנגען אין שליחות פונ'ם „נשיא", איז ער שוין פארבליבען וואוינען אין ארץ־ישראל. איז ער דאן געווען אין דער שטאדט גאבאלא, וועלכע ליגט צווישען בית־שאן און טבריה (יבמות דף מ"ו עמוד א'), דערנאך איז ער געווען אין רומה פון גליל (ירושלמי מעשר שני פרק ד' הלכה א'), עטליכע מאל איז ער אויך געווען אין דער שטאדט צפורי (בראשית רבה פרשה נ"ב הלכה א') און אין לודקיא (בראשית רבה פרשה י"א פיסקא ד').

ביי דער פטירה פון ר' יהודה נשיאה איז ער געווען אין ארץ ישראל, און ווי עס ווערד דערצעהלט, איז דאמאלס ערלויבט געווארען, די כהנים זאלען זיך מתעסק זיין ביי דער קבורה פונ'ם „נשיא", האט זיך ר' זעירא, וועלכער איז אויך געווען א כהן, א ביסיל געקווענקעלט, האט איהם ר' חייא צוגעשטופט צום קערפער פונ'ם „נשיא", ער זאל זיך מטמא זיין (ירושלמי ברכות פרק ג' הלכה א').

ווי עס דאכט זיך, איז שפעטער ר' חייא'ס שטענדיגער ארט, וואו ער האט אנגעהאלטען זיין בית־המדרש, געווען די שטאדט צור (טירוס), וועל־כע איז אמאל געווען א פעניקישע שטאדט — און אין דער צייט, ווענגען וועלכער מיר שרייבען דא, איז דארט געווען א אידישע קהלה און זי האט זיך גערעכענט אלס א טייל פון ארץ־ישראל.

עס מעג זיך אויך אויסדאכטען, אז ביי געוויסע אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייטען האט ר' חייא אליין נישט זעהר מקפיד געווען אויף זיין „כהונה", ווייל ווען קייזער דיאלעקציאנוס איז אנגעקומען אין צור, האט ר' חייא נישט געקוקט אויף דעם, וואס ער איז א כהן, און ער איז גע־שפרונגען איבער קברים, צו קענען זעהן דעם קייזער (ירושלמי ברכות פרק ג' הלכה א').

ר' חייא בר אבא איז אויך געווען זעהר א פרומער, און וועגען דער ווירקונג פון זיינע תפלות ווערען וואונדערליכע זאכען דערצעהלט. פאר איינעם האט ער אויסגעבעטען, ער זאל זיין געזונד, פאר אן אנדערען האט ער אויסגעבעטען א לאנג לעבען. אין יענע טעג — ווערד דערצעהלט — איז עפעס א יונגע ווילדע חיה אנגעקומען פון ערגיץ און זי האט אויסגע־ריסען אלע בוימער, וואס זי האט באגעגענט אויף איהר וועג. זיינען די מענשען געקומען צו ר' חייא'ן, ער זאל בעטען, אז עס זאל צו דער דאזיגער חיה עפיס געשעהן. האט ר' חייא תפלה געטהון, האט יענע חיה פלוצים דערהערט די שטים פון איהר מוטער, ווי זי רופט זי. איז זי דאן באלד אוועקגעלאפען צוריק אין דער מדבר, פון וואנען זי איז געקומען (בראשית רבה פרשה ל"א פיסקא י"ח). *)

---

*) אינ'ם אויבען ציטירטען מדרש ווערד נישט געזאגט, וואס פאר א חיה דאס איז געווען. עס ווערד דארט בלויז געזאגט „גורא", וועלכעס מיינט א יונגע חיה — און לויט'ן גאנג פון דער דערצעהלונג אינ'ם מדרש איז דאס געווען א יונגער „ראם". זיינען די מפרשים נישט קלאר, וואס פאר א חיה אזא „ראם" איז געווען. לויט'ן מדרש האט נח נישט געקענט אריינגעהמען דעם „ראם" אין דער תיבה, ווייל ער איז געווען צו הויך. האט ער איהם דערפאר צוגעבונדען צו דער תיבה, ער זאל מיטשווימען מיט איהם איבער'ן וואסער. לויט דער „סעפטואגינטא" (תרגום השבעים) איז דער „ראם" אז „איינהארן", אנדערע איבער־זעצען דאס אנדערש.

וויל איך מיך דא נישט אריינמישען וועגען דער טייטש פונ'ם ווארט "ראם", נור איך

די אמוראים פון ארץ־ישראל

ווי עס איז אונז שוין אויסגעקומען צו שרייבען, איז ר׳ חייא בר אבא נישט געווען קיין אַנהענגער פון „אגדה". איז איהם אַמאָל אויסגע־קומען צו דרשנ׳ען צוזאַמען אין איין שטאָדט מיט ר׳ אבהו דקיסרין. האָט יענער גע׳דרש׳נט אין „אגדה" און ר׳ חייא האָט גע׳דרש׳נט אין „הלכה". זיינען דאַן די מענשען געלאָפען הערען די דרשה פון ר׳ אבהו און צו דער דרשה פון ר׳ חייא זיינען זעהר ווייניג מענשען געקומען.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ חייא׳ס מיינונג וועגען דער „אגדה" איז אויך, וואָס ווען ער האָט אַמאָל דערזעהן א ספר פול געשריבען מיט „אגדות", האָט ער געזאָגט: „ווען עס זיינען דאָרט אפילו פאַרהאַנען גוטע זאַכען, מעג אָפּגעהאַקט ווערען די האַנד, וואָס האָט דאָס אויפגעשריבען!" (ירושלמי שבת פרק ט״ז הלכה א׳).

עס קען זאָגאַר אָנגענומען ווערען, אַז די „בקיאות" פון ר׳ חייא אין די פּסוקים פון תנ״ך איז אויך געווען אַ קאַרגע (זעה תוספות בבא בתרא דף קי״ג עמוד א׳). ווערד טאַקי דערצעהלט, אַז עס האָט איהם אַמאָל איינער פון זיינע תלמידים געפרעגט אַ שאלה, פאַר־וואָס עס געפינט זיך נישט דער שורש „טוב" אין די ערשטע „עשרת הדברות" (פון פרשת יתרו), און אין די צווייטע „עשרת הדברות" (פון פּרשת ואתחנן) שטעהט יאָ דאָס וואָרט „טוב" („למען ייטב לך" ביי דער מצוה פון כבוד אב). האָט איהם ר׳ חייא געענטפערט: „אַנשטאָט וואָס דו פרעגסט מיך, פאַרוואָס עס שטעהט דאָרט יאָ דאָס וואָרט טוב אָדער עס שטעהט נישט, דאַרפסטו מיך ליעבערש פרעגען, צי דאָס וואָרט טוב שטעהט דאָרט איבערהויפּט, ווייל איך ווייס גאָר נישט דערפון!" (בבא קמא דף נ״ה עמוד א׳).

ווי ביי אַלע אַנדערע חכמים איז אויך ביי ר׳ חייא געווען דער שבת דאָס וויכטיגסטע אין דער אמונה — און ער פלעגט זאָגען, אַז נור אינ׳ם זכות פון שבת וועלען אידען אויסגעלייזט ווערען (ויקרא רבה פרשה ג׳ פּיסקא א׳).

בעת אידען דאַווענען — פלעגט ער זאָגען — ענדיגען זיי נישט אַלע אין איין צייט, ווייל יעדע גרופּע דאַווענט אָפּגעזונדערט, אָבער אַזוי ווי אַלע גרופּען ענדיגען זייערע תפילות, נעהמט דער מלאך וואָס איז אויף דעם ממונה, און ער קלויבט צונויף די דאָזיגע אַלע תפלות, צו פלעכטען פון זיי קראַנצען און אַרויפצוגעבען זיי אויף׳ן אויבערשטען׳ס קאָפּ, וועלכער באַ־קראַנצט זיך מיט די תפלות פון די אידען (שמות רבה פרשה כ״א פּיסקא ד׳).

און ווען עס איז אַמאָל געוועדט געוואָרען וועגען דער ווערדע פונ׳ם מ ז ב ח, האָט ר׳ חייא געזאָגט, אַז די אותיות פונ׳ם וואָרט „מזבח" ווייזען אויף זיין ווערדע און זיי דערצעהלען, אַז ער קומט בלויז צו ברענגען פאַרגעבונג צו די אידען, ווייל די „נוטריקון" פונ׳ם וואָרט זיינען: ׳מחילה, ׳זכרון, ׳ברכה, ׳חיים (מדרש תנחומא פרשת תצוה פּיסקא י״ג).

ווען איינער האַלט, וואָס עס שטעהט געשריבען אין „קריאת־שמע" — האָט ר׳ חייא ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט געזאָגט — איז דאָס גליייך ווי ער וואָלט מקיים געווען אַלע „עשרת הדברות", ווייל די „עשרת הדברות" זייי־נען געגעבען געוואָרען אין דער צייט פון קריאת־שמע של שחרית. דער

ווייל בלויז זאָגען, אַז וואָס דער אויבען ציטירטער מדרש דערצעהלט וועגען עפּיס אַ שרעק־ליכער "גורא", וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ חורבה אין די בוימער פון ארץ־ישראל, האַנדעלט זיך וואַהרשיינליך וועגען אַ יונגען עלעפאַנט, וועלכער האָט געריסען בוימער, און אַזוי ווי ער האָט פּלוצים דערהערט דעם געברום פון זיין מוטער, איז ער שנעל צו איהר אַוועקגעלאָפען.

רבי חייא בר אבא הכהן

גאנצער אינהאלט פון די „עשרת הדברות" געפינט זיך אויך אין דער „קריאת־שמע" (מדרש פסיקתא חדתא לחג השבועות).

פון אנדערע ר' חייא'ס מאמרים קען מען זיך מאכען א בילד, ווי דאס לעבען פון די אידען אין ארץ־ישראל האט אין יענער צייט אויסגעזעהן, א שטייגער ווי ווען ער זאגט:

אפילו א טאטע מיט א זוהן, אדער א רבי מיט זיין תלמיד, ווען זיי זיצען און לערנען אויף איין פלאץ, מוזען זיי פיינט קריגען איינער דעם אנ־דערן. געהען זיי זיך אבער נישט פאנאנדער, ווי לאנג זיי קריגען זיך נישט ליעב איינער דעם אנדערן (קדושין דף ל' עמוד ב').

ווען עס וועט דיר א מענש זאגען, אז דו זאלסט אוועקגעבען דיין לעבען אויף „קדוש השם" — האט ר' חייא אין אנדערער צייט געזאגט — קענסטו איהם ענטפערען: „איך וועל דאס טהון, אויב מען וועט מיך מיט אמאל הרג'נען, נישט ווי מען פלעגט טהון, וואס די גוים האבען גענומען אייזערנע קוגלען, אנגעגליהטע אין פייער, און געגעבען זיי אונטער די ארעמס פון אידען, אדער זיי האבען גענומען שפיציגע דראטען און אריינגעשטאכען זיי אונטער די נעגעל פון די פינגער!" (שיר השירים רבה פרשה ב' פיסקא י"ח).

די שנאה פון די אומות־העולם צו די אידען צו וואס איז זי געגלי־כען? — פלעגט ר' חייא זאגען — צו א מענש, וועלכער איז א שונא פונ'ם מלך און ער וויל איהם שלעכטס טהון, נור ער קען נישט. טא וואס טהוט ער? נעמט ער און ער וויל אומוואַרפען דעם „מאנומענט" פונ'ם מלך. האט ער אבער מורא פאר'ן מלך, ער זאל איהם נישט הרג'נען פאר אזא טהאט, טא וואס טהוט ער ווייטער? נעמט ער א קופערנעם נאגעל און ער גראבט אונטער די וואנד פונ'ם מאנומענט, וועט שוין דער מא־נומענט אליין פון זיך איינפאלען! אזוי ווילען זיך אויך די אומות־העולם פארטשעפען מיט'ן אויבערשטען, קענען זיי דאס אבער נישט טהון, פארטשעפען זיי זיך מיט די אידען (שמות רבה פרשה נ"א פיסקא ד').

ר' חייא'ס קינדער זיינען געווען אלע תלמידי־חכמים און ער האט דערגרייכט א הויכע עלטער, לערך ניינציג יאהר.

זעהר אינטערעסאנט איז אויך די ספעציעלע תפלה זיינע, וועלכע ער פלעגט זאגען יעדען טאג און זי איז איבערגעגעבען אין צוויי העלפטען, וועלכע זיינען וואהרשיינליך געווען פריהער צוזאמען און זיי האבען גע־לויטעט:

„יהי רצון מלפניך ה' או"א, שתתן בלבנו לעשות תשובה שלמה לפניך, שלא נבוש מאבותינו לעולם הבא, ותיחד לבבנו ליראה את שמך ותרחיקנו מכל מה ששנאת ותקרבנו לכל מה שאהבת ותעשה עמנו צדקה למען שמך" (ירושלמי ברכות פרק ד' הלכה ב').

רבי אמי און רבי אסי

די צוויי „אמוראים" — ר ב י א מ י א ו ן ר ב י א ס י זיינען צוליעב זייער געגענזייטיגער פריינדשאַפט שטענדיג באַטראַכט געוואָרען כמעט ווי איין פּערזאָן, נור איידער מיר נעהמען זיך שילדערען זייער לעבען, מוזען מיר זיך פריהער אָפּשטעלען אויף אַ היסטאָרישע געשעהעניש, וואָס שטעהט מיט די דאָזיגע צוויי אמוראים אין פאַרבינדונג, און פאָרגעקומען איז אַט דאָס געשעהעניש אין דער שטאָדט פ א ל מ י ר א , וועלכע הייסט אין תנ"ך ת ד מ ו ר און אינ'ם תלמוד הייסט זי „תרמוד" — און זי געפינט זיך אַלס אַן אָאזיס אין דער סירישער מדבר, נישט ווייט פונ'ם טייך פּרת און פון דער שטאָדט דאַמאַסקוס (דמשק).

פון אַט דער שטאָדט פאַלמירא איז אַרויסגעקומען אַ רויבער־הויפּט־מאַן מיט'ן נאָמען באַרנעזער אָדענאַטה, וועלכער איז דאַן אויסגעוואַקסען אויף אַ לעגיטימען הערשער, ווייל ער האָט געהאָלפען די רוימער אין זייער מלחמה געגען די פּערזער פון בבל. אין יענער מלחמה זיינען די רוימער געשלאָגען געוואָרען און די העכסטע פיהרער פון זייער ארמעע זיינען אריינ־געפאַלען אין פּערזישער געפאַנגענשאַפט. האָט באַרנעזער אָדענאַטה באַפרייט די געפאַנגענע רוימער און ער האָט אויך אָפּגעראַטעוועט די הערשאַפט פון זייער אימפּעריע אין סיריען. האָט דערנאָך קייזער גאַליענוס (אין 264 לויט קריסטליכער צייטרעכענונג) געמוזט אַנערקענען דעם דאָזיגען באַרנעזער אָדענאַטה אַלס אַ שותף אין זיין רעגירונג.

האָט דאָס אָבער נישט לאַנג געדויערט, ווייל די אייגענע פרוי פון באַר־נעזער אָדענאַטה, די שפּעטערע קעניגין ז ע נ א ב י א, האָט אונטער־געשיקט געדונגענע מערדער, איהר מאַן צו ערמאָרדען, זי זאָל קענען ווערען די הערשערין אויף זיין אָרט.

דערנאָך האָט זי מיט איהר קלוגשאַפט און אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקיי־טען די שטאָדט פאַלמירא גרויס געמאַכט — און געהאָלפען דערצו האָט, וואָס די שטאָדט ליגט ביים טראַקט פון די האַנדעלס־וועגען, וואו עס פלעגען פאַרבייגעהן די גרעסטע „קאַראוואַנען". איז דאַן די שטאָדט אויסגעבויעט געוואָרען מיט די שעהנסטע פּאַלאַצען אויף'ן רוימישען שטייגער.

געוויסע היסטאָריקער, וואָס באַהאַנדלען דאָס לעבען און די טהעטיגקייט פון דער קעניגין זענאָביא, ווילען מאַכען גלויבען, אַז זי איז געווען אַ אי־דישקע, אָדער אַז זי איז געווען אַן אָנהענגערין פון דער אידישער אמונה. ווילען דאָס אָבער די אידישע היסטאָריקער נישט צוגעבען און זיי דער־צעהלען אויך נישט וועגען איהר, אַז זי האָט געזאָלט זיין גוט צו אידען. דאַגעגען זיינען כמעט אַלע רוימישע היסטאָריקער פון יענער צייט פול מיט לויב וועגען איהר שעהנקייט, גלייך ווי וועגען איהר בילדונג, וועגען איהר גוטען געשמאַק און איהר אויסערגעוועהנליכע טאַפּפערקייט. זי איז אויך געווען געשיקט אין דיפּלאָמאַטיע און מיט איהר קלוגשאַפט האָט זי גע־שפּונען אַ נעץ, אין וועלכער זי האָט אריינגעצויגען אַלע הערשער פונ'ם

וועסטליכען אזיען, זיי זאָלען זיך מיט איהר פאַראייניגען געגען קייזער אוירעליאנוס, וועלכער איז אַרויסגעקומען מיט אַ גרויסער אַרמעע געגען זענאָביא, ווען ער האָט געזעהען, אַז זי וויל באַפרייען איהר לאַנד פון דער רוימישער אויבערהערשאַפט — און ווי עס איז אָנצוגנעהמען, האָט זיך עס אויך דעם קייזער איינגעגעבען, די קעניגין זענאָביא צו באַזיעגען און צו פאַרוויסטען איהר לאַנד.

אין ארץ־ישראל, דאַכט זיך, זיינען די אידען נישט געווען צופרידען פון זענאָביא׳ס שכנות און זיי האָבען געהאָלפען זי באַקעמפפען. ווי אַ „געפליגעלט וואָרט" איז דאַן געווען פאַרשפּרייט די מיינונג אַז „וואויל איז דעם, וואָס וועט דערלעבען צו זעהען דעם חורבן פון תדמור". אין דערזעלבער צייט איז אויך פאָרגעקומען א שאלה, צי מען מעג אָננעהמען „גרים" פון תדמור, ווייל די באַפעלקערונג פון דער דאָזיגער שטאָדט איז באַטראַכט געוואָרען פאר „מישלינגע" פון אידען מיט געצענדינער.

לויט ווי עס ווערד דערצעהלט (אין מלכים א׳ ט׳ י"ח), איז די דאָזיגע שטאָדט געגרינדעט געוואָרען פון שלמה המלך, וועלכער האָט דאָרט באַזעצט מענשען פון פאַרשיעדענע פעלקער. עס איז אויך געווען באַוואוסט, אַז די קעניגין זענאָביא אליין איז געווען אַ קינד פון אַ געמישטער פּאָר. אין דאַדורך געווען אָנגענומען א מיינונג, אַז „אידען וועלען זיך מאַכען א יום־טוב, ווען זיי וועלען הערען, אַז תדמור איז חרוב געוואָרען" (יבמות דף ט"ז עמוד ב׳, ירושלמי תענית פרק ד׳ הלכה ה׳).

ווי באַמערקט, האָבען זיך די אידען אין דער מלחמה פון קייזער אוירעליאַנוס געגען זענאָביא געשטעלט אויף דער זייט פון רוים. דאָס איז אויך צו זעהן פון פאַרשיעדענע מאמרים אין תלמוד און מדרש. ווערד טאַקי דערצעהלט, ווי ר׳ אמי איז געגאַנגען בעטען פאר איינעם מיט׳ן נאָמען זעירא בר חנינא, וועלכער איז געחאַפּט געוואָרען אין דער שטאָדט סאפּסיפּא אַלס קעמפּפער געגען דער תדמור׳ער מלוכה און ער האָט געדאַרפט הינגעריכטעט ווערען. און אַז ר׳ אמי איז דאַן געשטאַנען פאַר דער קעניגין זענאָביא, האָט זי איהם געמאַכט א שטאַרקען פאָרוואורף מיט די ווערטער: „צי דערפאַר, וואָס אייער גאָט באַווייזט אייך שטענדיג נסים, מעגט איהר שוין טהון וואָס אייך געפעלט?"

אין דערזעלבער צייט, ווערד דערצעהלט, איז אויך ר׳ אסי, דער חבר פון ר׳ אמי געכאַפּט געוואָרען פון קעניגין זענאָביא׳ס סאָלדאַטען און מען האָט שוין געגלויבט אַז ער וועט הינגעריכטעט ווערען. איז ר׳ שמעון בן לקיש געלאָפען איהם אָפּראַטעווען פון טויט, זאָגענדיג דערביי, אַז ער מוז איהם ראַטעווען, ווען ער זאָל אפילו דאַרפען אימיצען הרג׳נען אָדער אליין גע׳הרג׳ט ווערען (ירושלמי תרומות פרק ה׳ הלכה י׳).

דער „נשיא" אין ארץ־ישראל איז דאַמאָלס געווען ר׳ יהודה נשיאה דער דריטער, וואָס די חכמים פון זיין צייט פלעגען איהם כמעט ווי איגנאָרירען ביים לערנען, איז ווען מען האָט איהם אַמאָל עטוואָס געפרעגט, ווייל עס האָט נישט געפאַסט, מען זאָל איהם גאָר נישט פרעגען, פלעגט ער זיך ווענדען מיט דער געפרעגטער שאלה צו ר׳ אמי, כדי צו וויסען, וואָס צו ענטפערען.

אַמאָל האָט אויך דער „נשיא" געשיקט די צוויי חכמים, ר׳ אמי און זיין חבר ר׳ אסי, זיי זאָלען זעהען צו גרינדען שולען אין די פאַרשיעדענע שטעדט פון ארץ־ישראל און צו באַשטימען מלמדים אויף צו לעהרנען תנ"ך און

משנה. און ווען זיי זיינען דאַן אויף זייער רייזע אָנגעקומען אין אַ גע־וויסער שטאָדט, וואו עס זיינען נישט געווען קיין מלמדים, האָבען זיי ביי די פאָרשטעהער פון דער שטאָדט געפרעגט, צי עס זיינען דאָרט פאַרהאַן „שומרים" — און ווען מען האָט זיי דאַן געוויזען די „שומרים", האָבען זיי אַ זאָג געטהון: „דאָס זיינען נישט קיין שומרים, ווייל די אמת'ע שומרים פון אַ שטאָדט זיינען די מלמדים, וואָס לעהרנען די קינדער" (ירושלמי חגיגה פרק א' הלכה ז').

ווי עס שיינט, האָבען זיך אויך דאַמאָלס פאַרשאַרפט די מחלוקות צווישען די אידען און די שומרונים (כותים), וועלכע האָבען וואהרשיינליך געהאַלטען מיט די רוימער, אָדער זיי זיינען גאָר געווען גענייגט צו דער קריסטליכער אמונה. האָבען דאַן ר' אמי און ר' אסי אָנגעזאָגט, אַז די אידען זאָלען זיך גענצליך אָפּשיידען פון די שומרונים און זיי באַטראַכטען אַלס גוים אין אַלע ענינים, ספּעציעל אין באַצוג צו וויין (חולין דף ו' עמוד א').

ר' אמי און ר' אסי זיינען געקומען ביידע פון בבל, וואו זיי האָבען פריהער געלערנט צוזאַמען (מועד קטן דף כ"ה עמוד א'). ביידע זיינען באַלד געוואָרען תלמידים ביי ר' יוחנן (זעה שבת דף קמ"ה עמוד ב'). דערנאָך האָבען אויך ביידע צוזאַמען געקראָגען זייער „סמיכה" — און דער טאָג פון זייער „סמיכה" איז געווען אַ יום־טוב פאַר די אַנדערע תלמידים, וועלכע האָבען פאַר זיי געזונגען לויבגעזאַנגען און זיי האָבען געזאָגט: „נור אַזעלכע און עהנליכע תלמידים זאָלט איהר אונז מסמיך זיין!" (כתובות דף י"ז עמוד א').

אין יענע צייטען איז דער פאַרקעהר צווישען ארץ־ישראל און בבל גע־ווען אַן אָפענער, נישט געשטערט. זיינען תלמידים פון בבל געקומען קיין ארץ־ישראל און עס זיינען אויך תלמידים פון ארץ־ישראל געגאַנגען קיין בבל, וואו עס האָבען דאַמאָלס געבליהט די באַוואוסטע ישיבות פון סורא און פומבדיתא. און ווען ר' אמי פלעגט אַמאָל זאָגען אַ הלכה, וואָס ער האָט געהערט אין בבל, פלעגט ער זאָגען „רבותינו שבבבל אומרים" (שבועות דף מ"ז עמוד א'). און וועגען דעם, וואָס ר' אסי איז געקומען קיין ארץ־ישראל, ווערד צוגעגעבען אַן אורזאַך, אַז עס איז איהם געווען שווער אריבער־צוטראָגען די קאַפּריזען פון זיין אַלטער מוטער (קדושין דף ל"א עמוד ב').

ווי עס איז שוין אָנגעמערקט געוואָרען, האָבען די דאָזיגע צוויי חכמים געלעבט ווי צוויי מענשען מיט איין נשמה. צוזאַמען האָבען זיי געלערנט אין בית־המדרש אַלס תלמידים און נאָך דער „סמיכה" זייערער האָבען זיי צוזאַמען גענאָסען דעם זעלבען כבוד, נישט איינער מעהר און נישט דער אַנדערער ווייניגער. געוועהנליך האָט מען זיי דאַן גערופען „דייני דארץ ישראל" (סנהדרין דף י"ז עמוד ב'), אָדער „כהני חשיבי דארעא דישראל" (גטין דף נ"ט עמוד ב'). אויסערדעם פלעגט מען זאָגען אויף ר' אמי „אדם גדול" (יבמות דף כ"א עמוד ב') און ר' אסי'ן האָט ר' אלעזר בן פדת גע־רופען „מופת הדור" (חולין דף ק"ג עמוד ב').

נאָך'ן טויט פון ר' אלעזר בן פדת זיינען זיי ביידע געוואָרען „ראשי ישיבה" אין טבריה. דאָרט האָבען זיי געלערנט און גע'דרש'נט. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס עס ווערד וועגען זיי דערצעהלט, אַז ווען ס'איז אָנגעקומען די צייט פון דאַווענען, פלעגען זיי זיך אַוועקשטעלען דאַווענען ביחידות אין אַ ווינקעל צווישען די זיילען, אויף וועלכע דער בית־המדרש איז געווען אָנגעשפּאַרט (ברכות דף ה' עמוד א' און דף ל' עמוד ב'). ביי

אַנדערע געלעגענהייטען פלעגען זיי מאַנכעס מאָל אויפשטעהן אין מיטען לערנען, אַ קלאַפּ טהון אין דער טהיר און רופען: „ווער עס דאַרף וויסען אַ דין אָדער ער האָט עפּיס אַ משפּט, זאָל אַריינקומען!״ (שבת דף י׳ עמוד א׳).

צוזאַמען מיט ר׳ חייא בר אבא האָבען ר׳ אמי און ר׳ אסי גע׳משפּט אַן אויסגעלאַסענע פרוי מיט׳ן נאָמען תמר און מען האָט זי פאַראורטיילט צו שמיץ. איז דאַן די דאָזיגע פרוי געגאַנגען און האָט פאַרקלאָגט די ריכ־טער איהרע צום רוימישען „פּראָקאָנסול״, אַז זיי האָבען זיך ערלויבט, צו משפּט׳ן „דיני נפשות״, צו וועלכען זיי האָבען דאַמאָלס נישט געהאַט קיין רעכט.

איז ר׳ אבהו געלאָפען בעטען פאַר זיי, און ווי עס דוכט זיך, האָט ער אויך געפּועל׳ט, וואָס ער האָט געוואָלט. אַזוי ווי ער איז געווען אַ „תקיף״ ביי די רוימישע באַאַמטע, האָט ער אָלסדינג פאַרגלעט און די גאַנצע זאַך איז פאַרשוויגען געוואָרען. אָבער די געשמיסענע פרוי האָט זיך פאַר קיין פאַל נישט געלאָזט איבערבעטען, זי זאָל צוריקציהען איהר קלאַגע.

האָט דאַן ר׳ אבהו אָנגעשריבען אַ צעטעלע צו די אָנגעקלאָגטע אין אַ פאַרשטעלטער שפּראַך, אַ פרעמדער זאָל עס נישט פאַרשטעהען — און צוליעב דער אייגענאַרטיגקייט פון יענעם צעטעלע ברענגען מיר דאָ זיין אינהאַלט, לויט ווי ער איז איבערגעגעבען דאָרט, וואו דער ענין ווערד דערצעהלט: „כבר פייסנו לשלשה לטורין, לטוב ילד, לטוב למד ותרשיש, אבל תמר בתמרוריה עומדת ובקשנו למתקה ולשוא צרף צורף״...

הייסט דאָס ווערטערליך: „מיר האָבען שוין איבערגעבעטען די דריי דעלאַטאָרען (אָנקלעגער): דאָס גוטע קינד, דעם גוט־געלערענטען און דעם מענש פון׳ם ים, נור די טייטעל שטעהט אין איהר ביטערקייט, האָבען מיר זי געוואָלט פאַרזיסען, האָט אָבער אומזיסט געאַרבייט דער גאָלדשמיד״.

און די ערקלערונג צו דעם דאָזיגען צעטעלע איז דאָס פאָלגענדע:

ר׳ אבהו האָט איבערגעבעטען די דריי רוימישע ריכטער, וואָס אין זייערע הענד איז געווען דער משפּט. פון די דאָזיגע דריי ריכטער האָט איי־נער געהייסען „עאוטאָקאָס״, וועלכעס מיינט דאָס גוטע קינד, דער צווייטער האָט געהייסען „עאומאַטהעס״, וועלכעס מיינט גוט געלערענט, און דער דריטער האָט געהייסען „טהעלאַסעאוס״, וועלכעס איז עהנליך צום באַגריף „זעעמאַן״ *), אָבער די פרוי „תמר״ האַלט זיך אין איהר פאַרביטערטקייט און זי לאָזט זיך נישט איבערבעטען מיט געלד (זעה ירושלמי מגלה פּרק ג׳ הלכה ד׳).

אָנקומענדיג אין ארץ־ישראל, זיינען ר׳ אמי און ר׳ אסי געווען תלמידים פון פאַרשיעדענע חכמים און ספּעציעל פון ר׳ יוחנן. און לויט ווי עס ווערד דערצעהלט, זיינען זיי געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדען צו ר׳ יוחנן, אַז ווען ער איז געשטאָרבען, זיינען זיי נאָך איהם געזעסען „שבעה״ און זיי האָבען אויך אָנגעהאַלטען „שלשים״, גלייך ווי נאָך אַ נאָהנטען קרוב.

---

*) אין דעם אויבען ציטירטען ירושלמי, וואו עס ווערד דערצעהלט וועגען דעם צעטעלע פון ר׳ אבהו, ווערען אויך איבערגעגעבען די גריכישע נעמען פון די דריי רוימישע ריכטער אין אַ העברעאישען אויסלייג, דהיינו: אבדוקוס, אבמסין און תלתמוס. מען קען אָבער זעהן, אַז דאָס איבערגעגעבען די גריכישע נעמען איז אַ צוגאָב צו דער ערצעהלונג און עס האָט נישט קיין שייכות צום אינהאַלט פון׳ם צעטעלע.

די אמוראים פון ארץ־ישראל

ווי עס הייסט, זיינען זיי אויך געווען חברים מיט ר׳ יצחק נפחא. קען מען אָבער אמאָל טרעפען ביי ר׳ יצחק נפחא ר׳ אמי׳ן אליין אָהן זיין חבר (זעה חגיגה דף כ״ו עמוד א׳). עס זיינען אויך פאַרהאַנען הלכות אויף׳ן נאָמען פון ר׳ יצחק נפחא און ר׳ אמי (זעה ירושלמי כלאים פרק ו׳ הלכה א׳).

זיצענדיג אמאָל צוזאַמען ביי ר׳ יצחק נפחא אין הויז, האָט ר׳ אמי און ר׳ אסי געבעטען, ר׳ יצחק זאָל זיי עטוואָס זאָגען. האָט איינער געבעטען, ער זאָל זאָגען אין „הלכה״, האָט דער אַנדערער געבעטען, ער זאָל עטוואָס זאָגען אין „אגדה״. האָט זיי ר׳ יצחק אויף דעם געזאָגט: „וואָס איהר פאַרלאַנגט פון מיר, איז געגליכען צו אַ מענש, וואָס האָט צוויי ווייבער, איינע אַ יונגע און איינע אַן אַלטע. צופּט ביי איהם די יונגע פרוי די גראָהע האָר פון זיין קאָפּ און די אַלטע צופּט ביי איהם אויס די שוואַרצע האָהר, ביז וואַנען ער בלייבט גאָל פון ביידע זייטען. אַזוי ווילט איהר אודאי — האָט ר׳ יצחק נפחא צוגעגעבען — איך זאָל אייך גאָר נישט זאָגען. וועל איך אייך אָבער זאָגען אַ זאַך, וואָס וועט זיך פּאַסען פאַר אייך ביידען, אויסגעמישט הלכה מיט אגדה (בבא קמא דף ס׳ עמוד ב׳).

ביי אַ סעודה וואָס ר׳ אמי האָט אַמאָל געגעבען אין זיין הויז, האָט איינער פון די געסט געוואָלט טרינקען איבערגעקאָכטען וויין, וועלכער איז געשטאַנען איבער נאַכט אויפגעדעקט און מען האָט איהם דערפאַר נישט געדאַרפט טרינקען. האָט איהם ר׳ אמי געזאָגט: „ווער עס וויל דורכאויס שטאַרבען, דאַרף אַהיים־געהען שטאַרבען ביי זיך אין הויז!״ (ירושלמי תרומות פרק ח׳ הלכה ג׳).

אַזוי ווי ר׳ אמי איז געוואָרען ראש־ישיבה אין טבריה, איז ער געקומען אין אַ נאָהנטער באַציהונג צו ר׳ יהודה נשיאה דעם דריטען, וועלכער האָט איהם אַמאָל געפרעגט דעם פשט פונ׳ם פּסוק „בטחו בה׳ עדי עד, כי ביה ה׳ צור עולמים״. האָט איהם ר׳ אמי געענטפערט, אַז „ווער עס העגנט אָן זיין בטחון אויף גאָט, איז איהם דער אויבערשטער אַ שוץ אויף ביידע וועלטען״ (זעה מנחות דף כ״ט עמוד ב׳).

ווי עס ווערד אויך איבערגעגעבען, האָט דער „נשיא״ אויסגעטיילט סמיכות און כבודים פאַר געלד צו מענשען, וואָס זיינען נישט ווערטה געווען דעם כבוד. האָט ר׳ אמי אויף דעם געזאָגט, אַז דער נשיא איז עובר אויף׳ן פּסוק „אלהי כסף ואלהי זהב לא תעשו לכם״. און ווען דער נשיא האָט אַמאָל באַשטימט דרייצען תעניתים וועגען אַן אַלגעמיינע אידישע צרה, און ווען די דאָזיגע צרה איז טראָץ די תעניתים נישט אָפּגעשטעלט געוואָרען, האָט דער „נשיא״ געוואָלט באַשטימען נאָך אַ תענית. האָט ר׳ אמי נישט געוואָלט מסכים זיין צו דעם, ווייל עס איז פאַראַן אַן אַלטער כלל, אַז „מען טאָר נישט באַמיהען דעם עולם מעהר ווי געגוג״ — און דער „נשיא״ האָט געמוזט פאָלגען, וואָס ר׳ אמי האָט געזאָגט (תענית דף י״ד עמוד ב׳).

אין דעם טאָג, וואָס קייזער דיאָלעקציאַנוס איז געקרוינט געוואָרען אין רוים, האָט ר׳ אמי געהערט אין חלום, ווי מען זאָגט אויבען: „היינט איז מגדיאל געוואָרען קייזער!״ — האָט ער דעם דאָזיגען חלום אויסגעטייטשט, אַז דיאָלעקציאַנוס וועט זיין דער פאָרלעצטער קייזער פון רוים, ווייל „מגדיאל״ איז געווען דער פאָרלעצטער פון די „אלופי אדום״ (בראשית ל״ז מ״ג), און ער האָט דאַן ווייטער געזאָגט, אַז די רוימישע מלוכה וועט נאָך האָבען בלויז איין מלך... טיילווייז איז אויך די דאָזיגע נבואה מקוים

געוואָרען, ווייל נאָך דיאָלעצקציאַנוס איז געקומען קאָנסטאַנציוס און נאָך קאָנסטאַנציאוס'ן איז רוים געוואָרען אַ קריסטליכע מלוכה אונטער דער הערשאַפט פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסען (זעה בראשית רבה פרשה פ"ג פיסקא ג').

נאָך דער פטירה פון ר' יוחנן איז ר' אמי געוואָרען „ראש ישיבה" אין טבריה און ר' אסי איז געוואָרען אַ צווייטער צו איהם. פאַרהאַנען אַפילו אַ מדרש, וואו עס ווערד געזאָגט, אַז ר' אסי האָט נישט געוואָלט אָננעהמען קיין עפענטליכען אַמט (תנחומא הקדום והישן פרשת משפטים). דאַכט זיך אָבער לויט דער ווערדע פון ר' אסי ביי די אַנדערע חכמים פון זיין צייט, אַז ער איז יאָ געווען „ראש ישיבה" צוזאַמען מיט זיין חבר ר' אמי, ווייל באַלד ווי ר' אסי איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, האָבען איהם די חכמים געהאַלטען אין גרויס כבוד און שטאַרק געליבט (ירושלמי כלאים פרק ט' הלכה ד'). אַנדערע האָבען איהם דאַן גערופען „גברא רבה" (יבמות דף כ"א עמוד ב') און זיינס אַ וואָרט האָט געהאַט אַ גרויסע חשיבות (ירושלמי ברכות פרק א' הלכה א'), אפילו דאָרט וואו עס זיינען געווען אַנ־דערע חכמים, זיינען די ענטשיידונגען פון ר' אסי אין הלכה אָנגענומען גע־וואָרען (ירושלמי ברכות פרק ג' הלכה ה'). מען האָט אויך פיעל מאָל פאַרגעבראַכט שאלות בעפאָר איהם און געבעטען זיין מיינונג (ירושלמי חלה פרק ג' הלכה ח').

און ווען ר' אמי איז געווען „ראש ישיבה" — ווערד דערצעהלט — איז אָנגעקומען אַ זעקעל געלד פאַר דער ישיבה, וועלכעס ער האָט פאַר־ברויכט פאַר די תלמידים (חולין דף ק"ז עמוד ב'). לויט אַן אַנדערער ערצעהלונג האָט ער דאַמאָלס פלוצים געפונען אַ „לאָגעל" מיט געלד, איז מען דערפון געוואָהר געוואָרען ביי די רוימישע באַהערדען, האָט מען איהם געלאָזט וויסען, אַז ער קען דאָס געלד פאַרנוצען אָהן שום מורא, ווייל די רוימער באַטראַכטען יעדעס געפונענע אַלס אייגענטום פון דעם, וואָס האָט עס געפונען, נישט ווי די פערזער, די הערשער פון בבל, וואָס וואָלטען דאָס געפונענע געלד קאָנפיסקירט פאַר דער רעגירונג (זעה בבא מציעא דף כ"ח עמוד ב').

באַלד ווי ר' אמי איז אָנגעקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל, איז ער געוואָרען אַ תלמיד פון די פראָמינענטעסטע חכמים פון יענעם דור, לויט ווי ער האָט דערנאָך איבערגעגעבען הלכות אויפ'ן נאָמען פון די חכמים, וואָס ער האָט די דאָזיגע הלכות ביי זיי געהערט, אַ שטייגער ווי פון ר' הושעיא רבה (ירושלמי שבת פרק ג' הלכה א'), פון ר' ינאי (ירושלמי דמאי פרק ב' הלכה ב') פון ר' אלעזר בן פדת (ירושלמי כלאים פרק ח' הלכה ה'), פון ר' יוסי בר חנינא (ירושלמי שביעית פרק ד' הלכה ב'). זעהר פיעל הלכות האָט ער אויך איבערגעגעבען אויפ'ן נאָמען פון ר' שמעון בן לקיש און נאָך מעהר אויפ'ן נאָמען פון ר' יוחנן.

געוועהנליך ווערד ער אָנגערופען — ר ב י א מ י. ביי אַנדערע געלעגענהייטען הייסט ער: ר' אימי אָדער ר' אימא. ער ווערד אויך מאַנ־כעס מאָל דערמאָנט אַלס רב אמי („רב" נישט „רבי"), לויט ווי מען פלעגט רופען די אמוראים אין בבל.. ווילען מאַנכע היסטאָריקער באַהויפטען, אַז עס זיינען געווען צוויי ר' אמי'ס, וואָס איינער האָט געהייסען „רבי אמי" און דער צווייטער האָט געהייסען „רב אמי". און ווען דאָס זאָל זיין ריכטיג, האָבען זיך די ערצעהלונגען וועגעןביידע זיכערליך אויסגעמישט און מען

קען נישט גענוי אונטערשיידען, וועלכע ערצעהלונג עס פּאַסט זיך צו איינעם און וועלכע עס פּאַסט זיך צום אַנדערען.

ר' אמי'ס מאמרים געפינען זיך כמעט אין יעדער מסכתא פון ש"ס בבלי וירושלמי — און חאָטש ער איז אפשר געווען דער ערשטער אין זיין דור, וועלכער האָט געקוקט אויף די אויסשפּרוכען פון די פריהערדיגע אמוראים מיט אַזאַ „יראת הכבוד", גלייך דאָס זאָלען זיין ווערטער פון דער תורה, האָט ער זיך פון דעסטוועגען נישט באַוויזען אין אַ באַזונדערער באַשיידענקייט און ער האָט אַמאָל געזאָגט: „מני אמי בר נתן תצא תורה לכל ישראל" (גטין דף מ"ד עמוד א').

מאַנכעס מאָל קען זיך אויך אויסדאַכטען, אַז ער האָט זיך געסטאַרעט, צו פאַרגרינגערען די שווערינקייטען פון דער הלכה. אַזוי האָט ער זיך, למשל, געבייזערט אַקעגען די „מחמירים" אין טבריה, וועלכע האָבען נישט געוואָלט אויסשפּרייטען נעצען, אויף צו פאַנגען פיש אים חול־המועד, ווייל זיי באַשרענקען דערמיט די שמחה פונ'ם יום־טוב (ירושלמי פּסחים פּרק ד' הלכה א'). און אַז מען האָט איהם געפרעגט, צי אַ איד מעג זיך באַטייליגען אין אַ „יום משתה" פון גוים, האָט ער דאָס אין אָנפאַנג געוואָלט מתיר מאַכען, כדי אָנצוהאַלטען שלום. איז אָבער געקומען ר' אבא און ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ר' חייא האָט דאָס גע'אסר'ט, האָט דאַן ר' אמי צוריקגעצויגען זיין וואָרט און ער האָט נאָך דערביי געזאָגט: „לאָמיר גאָט דאַנקען, וואָס ר' אבא איז אונז היינט אונטערגעקומען און ער האָט אונז אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער הלכה פון ר' חייא, ווייל מיר וואָלטען זאָנסט אַריינגעפאַלען אין עבודה זרה!" (ירושלמי דמאי פּרק ד' הלכה ג').

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט אַ שקלאַף געבראַכט א גט פאַר אַ אידישע פרוי און אַזוי ווי עס האָט געהערשט די טענדענץ, צו פאַרגרינגערען די דינים פון גטין, האָט ר' אמי דעם דאָזיגען גט געוואָלט ערקלערען פאַר כשר, חאָטש מען דאַרף געוועהנליך נישט אָננעהמען דעם עדות־זאָגען פון אַ שקלאַף. איז געקומען ר' אבא און ער האָט געזאָגט, אַז ר' חייא האָט אַזאַ זאַך נישט ערלויבט. האָט שוין ר' אמי נישט אַנערקענט יענעם גט — און ער האָט נאָך צוגעגעבען: „לאָמיר גאָט דאַנקען, וואָס ר' אבא איז דאָ אונטערגעקומען און ער האָט אונז אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער מיינונג פון ר' חייא, ווייל מיר וואָלטען זאָנסט מתיר געמאַכט אַן אשת־איש!" (ירושלמי גטין פּרק ב' הלכה ו').

די צוויי חברים, ר' אמי און ר' אסי, זיינען געווען גלייכע חשובים אין זייער ווערדע. אין תלמוד בבלי ווערד געוועהנליך ר' אמי דערמאָנט בעפאָר ר' אסי און אין תלמוד ירושלמי ווערד אַמאָל ר' אסי פריהער דערמאָנט. איינמאָל האָט ר' אסי טיטולירט ר' אמי'ן „רבי". ווערד דאָס ערקלערט, אַז דאָס איז נישט געווען, ווייל ר' אסי האָט זיך געהאַלטען נידריגער פון ר' אמי'ן, נור ווייל ר' אמי איז געווען עלטער (זעה גטין דף נ"ד עמוד ב').

ביידע חברים זיינען אויך געווען באַוואוסט אַלס גרויסע צדיקים, ווייל ווען זיי זיינען אפילו געגאַנגען אויף די געפעהרליכסטע ערטער, וואו אַנדערע זיינען געשעדיגט געוואָרען, האָבען זיי קיינמאָל נישט געליטען קיין שאדען (זעה ברכות דף ס"ב עמוד א').

ווי עס איז אָנצונעהמען, איז ר' אסי געשטאָרבען בעפאָר ר' אמי, ווייל ר' אסי איז געשטאָרבען אין טבריה (ירושלמי עבודה זרה פּרק ג' הלכה

רבי אמי און רבי אסי

א׳) און ר׳ אמי האָט זיך אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען אויפ־געהאַלטען אין צעזאַרעא (ירושלמי פסחים פרק ד׳ הלכה ט׳). דאַביי דאַרף מען אויך וויסען, אז נאָך ר׳ אמי׳ס טויט איז די פּאָליטישע לאַגע פון די אידען אין ארץ־ישראל ערגער געוואָרען אויף אזוי ווייט, אז מען האָט נישט מעהר געקענט ערוועהלען קיין „ראש ישיבה".

פון ר׳ אמי׳ן שטאַמט אויך יענער באַוואוסטער מאמר, וועלכער האָט געגעבען שטאָף צו פיעלע דיכטער, זיי זאָלען לאָזען שפּיעלען זייער פאַנטאַזיע און צונויפשטעלען דערפון אַן אינטערעסאַנטע דראַמאַטישע ערצעהלונג.

ווען עס איז אַמאָל גערעדט געוואָרען וועגען דעם כח פון גלויבען, האָט ר׳ אמי געזאָגט: „קום און זעה, ווי גרויס עס זיינען די מענשען פון גלויבען! פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? פון דער מעשה מיט׳ן וויזעלע און מיט׳ן ברונעם (חולדה ובור)!" — און ער ענדיגט דעם אויסשפּרוך זיינעם מיט אָט אזא שלום־פאָלגערונג: „מה־דאָך, אז ווער עס גלויבט אין דער מעשה פונ׳ם וויזעלע מיט׳ן ברונעם, קריגט זיין באַלויהנונג, מכל־שכן ווער עס גלויבט אין הקדוש־ברוך־הוא אליין, דאַרף אודאי קריגען זיין באַלויהנונג!" (תענית דף ה׳ עמוד א׳).

דאַכט זיך, אז די דאָזיגע מעשה וועגען דעם וויזעלע מיט׳ן ברונעם איז דאַמאָלס געווען זעהר א באַקאַנטע. עס איז אויך מעגליך, אז זי איז געווען אויספיהרליך באַשריבען ערגיץ אין א מדרש, פון וואַנען רש״י, תוספות און דער מחבר פונ׳ם „ערוך" (ר׳ נתן ב״ר יחיאל) האָבען זי ארויס־גענומען.

א מיידעל — דערצעהלען זיי — איז אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט געוואָרען אויף איהר וועג אהיים, און אזוי ווי זי איז זעהר דורשטיג געווען, איז זי צוגעגאַנגען צו׳ן א ברונעם אָנשעפּען א ביסיל וואַסער און זי איז דאָרט אריינגעפאַלען. איז דאַן פאַרבייגעגאַנגען א יונגער מאַן, האָט ער געהערט דאָס שרייען פונ׳ם מיידעל, האָט ער לכתחלה מורא געהאַט צוצוריהרען זיך, טאָמער איז דאָס עפּעס א „טייוועל׳יכע", וועלכע האָט חשק, אריינצושלעפּען איהם אין וואַסער, לויט ווי די מענשען האָבען דאַמאָלס געגלויבט, האָט ער זי געהייסען שווערען ביי גאָט, אז זי איז א מענש און נישט קיין טייוועל. און נאָכדעם ווי ער האָט זי ארויסגעצויגען פונ׳ם ברונעם, איז ער אָנגע־צונדען געוואָרען פון איהר שעהנהייט און ער האָט געוואָלט זינדיגען.

האָט זי איהם געזאָגט: „צו וואָס זאָלסטו זיך פאַרזינדיגען געגען גאָט, אז דו וועסט מיך קענען באַקומען אויף אַן עהרליכען וועג מיט חופּה וקדושין?" — איז ער אָפּגעשטאַנען פון זיין זינדיגען פאַרלאַנג און זיי האָבען זיך דאָרט ביידע צוגעשוואוירען אייביגע ליעבע. אין דעמזעלבען אויגענבליק איז פאַרביי־געלאָפען א וויזעלע, האָבען זיי אָנגערופען אלס עדות פון זייער שבועה דאָס דאָזיגע וויזעלע צוזאַמען מיט׳ן ברונעם.

נאָך דער שבועה זיינען זיך ביידע פאַנאַנדער־געגאַנגען — און דער יונגער מאַן האָט זיין שבועה אין גאַנצען פאַרגעסען. ער איז נישט געקומען צום מיידעל׳ס פאָטער, בעטען זי פאַר א פרוי, און ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער. האָט איהם די אַנדערע פרוי געבוירען א קינד, איז גע־קומען א וויזעלע און האָט עס דערשטיקט. האָט איהם די פרוי געבוירען א צווייטעס קינד, איז עס אריינגעפאַלען אין א ברונעם און עס איז דער־טרונקען געוואָרען.

האָט די פרוי גע׳טענה׳ט, אז אָט די צוויי אומגליקען זיינען זיכער גע־

קומען פאַר די עברות פון איהר מאַן. האָט ער זיך דערמאָנט די שבועה, וועלכע ער האָט יענער מיידעל געגעבען ביים ווייזעלע און ברונעם. האָט דאַן די פרוי גענומען ביי איהם אַ גט — און ער איז געגאַנגען זעהען, וואָס יענע מיידעל טהוט. אַנגעקומען צו יענער מיידעל, האָט ער אויסגעפונען, אַז זי איז וואַרטענדיג אויף איהם כמעט ווי משוגע געוואָרען. האָט ער דאַן מקיים געווען זיין שבועה און ער האָט מיט דער מיידעל חתונה געהאַט *).

בנוגע צו דער מענשליכער פיהרונג האָט ר' אמי אַנגעזאָגט: נישט צו נעהמען געלד אין מויל אַריין, נישט אַוועקצושטעלען עסענוואַרג אונטער אַ בעט, נישט צו האַלטען ברויט אונטער דער פאַכווע און נישט צו לאָזען שטעך־קען אַ מעסער אין אַ רעטיך אָדער אין אַן אתרוג (ירושלמי תרומות פרק ח' הלכה ג').

ער האָט אויך אַנגעגעבען באַשטימטע סימנים, ווי אַזוי אַ מענש קען פאָראויס וויסען אים ראש־השנה, צי ער וועט דאָס יאָהר אויסלעבען; ווען אַ מענש הויבט אָן אַ נייע אַרבייט, צי ער וועט האָבען ערפאָלג, און ווען אַ מענש פאָהרט ערגיץ, צי ער וועט בשלום צוריק־קומען (הוריות דף י"ב עמוד א' און כריתות דף ה' עמוד ב').

איינער פון די חכמים האָט אַמאָל געזאָגט, אַז עס זיינען אויף דער וועלט פאַרהאַנען דריי מינים מחוצפ'ע באַשעפענישען, דהיינו: דער הונד צווישען די חיות, דער האָהן צווישען די עופות און דער איד צווישען די פעלקער. האָט דאַן אַן אַנדערער אויף'ן נאָמען פון ר' אמי געזאָגט וועגען דעם: „קען מען דאָך מיינען, אַז דאָס איז אַ שימפף אויף די דריי פרעכע באַשעפענישען, איז דאָס דוקא אַ לויב, איבערהויפט ביי אַ איד, וואָס מען פאַרלאַנגט פון איהם, ער זאָל אויפגעבען זיין אידישקייט אָדער ער זאָל זיך לאָזען הרג'נען, וועט ער זיך ליעבערשט לאָזען הרג'נען און זיין אידישקייט נישט אויפגעבען" (שמות רבה פרשה מ"ב פיסקא ט').

פאַרשיעדענע אַנדערע אויסשפּרוכען פון ר' אמי לאָזען מערקען, אַז ער איז נישט געשטאַנען אין פריינדשאַפטליכע באַציהונגען צו די גוים — און צום מעהרסטען כאַראַקטעריסטיש איז וואָס ער האָט געזאָגט: „אין מוסרין דברי תורה לגוי" (חגיגה דף י"ג עמוד א').

אינטערעסאַנט איז אויך, ווי ר' אמי האָט געטייטשט דעם פסוק „נעשה אָדם", וואָס אַלע מפרשים האָבען זיך געמוטשעט צו ערקלערען, מיט וועמען דער אויבערשטער האָט געוואָלט מאַכען שותפות ביי דער באַשאַפונג פונ'ם מענש. האָט ר' אמי אויף דעם געזאָגט, אַז דער אויבערשטער האָט זיך מיט זיין אייגען הארץ באַראַטהען, גלייך ווי עס שטעהט „ויתעצב אל לבו", וועל־כעס מיינט, אַז דער אויבערשטער האָט ביי זיך אין הארצען באַדויערט, וואָס ער האָט דעם מענש באַשאַפען (בראשית רבה פרשה ח' פיסקא ג').

וועגען ר' אסי, דעם חבר פון ר' אמי, דאַרף מען וויסען, אַז ער ווערד אַנגערופען אין ירושלמי מיט נאָך עטליכע נעמען, דהיינו: ר' יוסה, ר' יסא, ר' יסה, ר' איסי און ר' אסא. עס איז אויך וואַרשיינליך געווען נאָך

*) אָט די מעשה איז פּאָעטיש באַאַרבייט געוואָרען אויף העברעאיש פון משה לאַסקי אין זיין ספר'ל „נאמני ארץ" (לעמבערג 1840) און פון אליהו מרדכי ווערבעל אין זיין ספר'ל „הולדה ובור" (אדעסא 1852), אַזוי ווי פון אַלכסנדר לאַנגבאַנק אין אַ שיר מיט'ן נאָמען „העדים האלמים" (געדרוקט אין „כוכבי יצחק"). — אין אידיש האָט אברהם גאָלד־פאַדען (ווערבעל'ס איידים) די דאָזיגע מעשה דראַמאַטיזירט אין זיין באַוואוסטער אָפּערעטע „שולמית".

א ר׳ אסי, וועלכער ווערד געוועהנליך דערמאָנט צוזאַמען מיט ר׳ כהנא. איז דאַדורך מעגליך, אַז די ערצעהלונגען וועגען דעם איינעם זיינען ביי אונז אויסגעמישט מיט די ערצעהלונגען וועגען דעם אַנדערן.

ביי זיין לערנען האָט ר׳ אסי שטענדיג באָאָבאַכטעט, נישט אויסצומי־שען די ענינים, ווי אַנדערע חכמים פון יענער צייט פלעגען טהון (זעה ירושלמי שבת פּרק א׳). אַ מאמר אין דער משנה איז אויך ביי איהם גע־ווען דאָס לעצטע וואָרט אין דער הלכה און ער פלעגט וועגען דעם זאָגען: „אין לי אלא משנה" (ירושלמי ברכות פּרק ז׳ הלכה א׳). און טאָמער איז פאַרהאַנען אַ מיינונגס־פאַרשיעדענהייט ביי די תנאים און ר׳ אסי האָט נישט געוואוסט, ווי זיינער אַ רבי האָט זיך נוהג געווען ביי אַזאַ ענין, האָט ער זיך שוין נישט דערוועגט, אַרויס צו געבען וועלכע עס איז אַנטשיידונג, צו האַלטען מיט איין צד אָדער מיט׳ן אַנדערן צד, פלעגט ער זיך דאַן גענצליך צוריקציהען פון אַזאַ הלכה (ירושלמי יבמות פּרק א׳ הלכה ב׳).

וועגען ר׳ אסי׳ס משפחה איז ווייניג וואָס באַקאַנט. מיר ווייסען בלויז, אַז ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל צוליעב דעם, וואָס זיין אַלטע מוטער פלעגט איהם דערקוטשען מיט איהרע קאַפּריזען. ער איז אויך זעהר רייך געווען. אין דער שטאָדט הוצל לעבען נהרדעא איז ער געווען אַ פיהרער (קדושין דף נ״ח עמוד ב׳) און ער האָט ערקלערט, אַז מען דאַרף דאָרט ביי־דע טעג פּורים לייענען די מגלה, ווייל די מויער פון דער שטאָדט שטאַמט נאָך פון יהושע בן נון׳ס צייטען (מגלה דף ח׳ עמוד ב׳).

אַמאָל האָט איהם אויך דער „נשיא" אַרויסגעשיקט איבער דער פּראָ־ווינץ, ער זאָל אומעטום אין אַלע אידישע קהלות אַוועקשטעלען פאַרשטעט־הער, וועלכעס איז וואַהרשיינליך געווען נויטיג, אויף צו האָבען באַשטימטע מענשען, וואָס זאָלען איינמאַהנען די שטייערען פאַר דער רעגירונג גלייך ווי פאַר׳ן „נשיא". און אַזוי ווי עס האָבען דאָרט די מענשען אין יענע שטעדט נישט געוואָלט דאָס אמט אָננעהמען צוליעב דער פאַראַנטוואָרטונג, האָט ער זיי מיט זיין „כח הדבור" איינגערעדט, זיי זאָלען דאָס אמט יאָ אָנ־נעמען, ווייל עס וועט געבען אייביגקייט צו זייער נאָמען. גלייכצייטיג האָט ער אויך אויפגעשטעלט אַ כלל, אַז „צוויי ברידער דאַרפען נישט זיין די פאַר־שטעהער פון איין קהלה" (ירושלמי פאה פּרק ח׳ הלכה ו׳ און שקלים פּרק ה׳ הלכה ב׳).

ביי די „ציטאַטען" פון דעם, וואָס ר׳ אמי און ר׳ אסי האָבען געזאָגט און געלעהרענט, ווערד אָפטמאָל אָנגעמערקט „אמרי תרוויהו", וועלכעס מיינט, אַז ביידע האָבען געזאָגט דאָסזעלבע. ביי אַנדערע געלעגענהייטען האָבען שפּעטערע חכמים ציטירט די מאמרים זייערע אַמאָל אויפ׳ן נאָמען פון איינעם און אַמאָל אויפ׳ן נאָמען פונ׳ם אַנדערן. פאַרהאַנען אויך מאמרים, אין וועלכע ביידע זיינען געטיילט אין דער מיינונג, ווי איינער זאָגט אַזוי און דער אַנדערער זאָגט אַנדערש, אָבער אַלעס בדרך שלום (זעה יומא דף ע״ד עמוד ב׳ און דף ע״ה עמוד א׳).

פאַרוואָס הויבט מען אָן צו לעהרנען מיט קינדער פון תורת כהנים און נישט פון בראשית? — האָט ר׳ אסי אַמאָל געפרעגט און ער האָט אַליין געענטפערט — ווייל דער אויבערשטער זאָגט, אַז אַזוי ווי די קרבנות זיינען ריינע, אַזוי זיינען אויך די קינדער ריינע, טאָ „זאָלען קומען די ריינינקע קינדערלעך און זאָלען זיך אָפּגעבען מיט אַנדערע ריינקייטען!" (ויקרא רבה פּרשה ז׳ פּיסקא ג׳).

די אמוראים פון ארץ־ישראל

עס ווערד אויך דערצעהלט, ווי עס איז אמאל געקומען א לייוועגט־ארבייטער פאר ר' יוחנן און ער האט איהם געזאגט, אז ער האט געזעהן אין חלום, ווי דער הימעל איז ארונטערגעפאלען און איינער פון ר' יוחנן'ס תלמידים האט איהם אונטערגעשפארט מיט זיין האנד. האט ר' יוחנן געפרעגט: „ווערסטו דעם דאזיגען תלמיד דערקענען?" — האט דאן יענער געענטפערט: „לאז אלע דיינע תלמידים פארבייגעהען פאר מיינע אויגען, וועל איך דעם איינעם זיכער דערקענען!"

האט מען געלאזט פארבייגעהען אלע תלמידים פון ר' יוחנן, און ווען עס האט יענער מענש דערזעהן ר' אסי'ן, האט ער א זאג געטהון: „דער איז עס!" (קהלת רבה פרשה ט' פיסקא ה').

און ווען ר' אסי איז געשטארבען, ווערד דערצעהלט, איז איינגעפאלען דער שלאס פון טבריה (ירושלמי עבודה זרה פרק ג' הלכה א'). לויט אן אנדערער ערצעהלונג זיינען דאן צעדערען־בוימער פשוט אויסגעריסען געווארען מיט זייערע ווארצלען (מועד קטן דף כ"ה עמוד ב').

רבי יצחק נפחא

מיטען אינ'ם צווייטען דור פון די ארץ ישראל'דיגע „אמוראים", אזוי ווי איבער'ן גאנצען דריטען דור ביז טיעף אריין אינ'ם פערטען דור — האט געלעבט און געווירקט רבי יצחק נפחא, וועלכער איז געווען איינער פון די פראמינענטעסטע צווישען די תלמידים פון ר' יוחנן און ער איז אויך פאררעכענט צווישען די בעסטע מייסטער אין דער „אגדה".

גערופען האט מען איהם „נפחא", וואהרשיינליך צוליעב דעם, וואס ער איז געווען א שמיעד, חאטש עס איז נישט אין ערגיץ גאר קיין רייד וועגען זיין מלאכה. אנדערע זאגען, אז ער האט געשטאמט פון א שטאדט מיט'ן נאמען „נפחא", און די דאזיגע שטאדט ווערד דערמאנט אינ'ם ספר „מסעות בנימין מטודילה". אונזער ר' יצחק נפחא איז אויך נישט צו פארוועקסלען מיט אן עלטערן ר' יצחק נפחא פון ר' יהודה בר אלעאי'ס צייטען (זעה תוספתא ערובין פרק ז').

צו פארוואונדערען איז, וואס דער נאמען ר' יצחק נפחא ווערד גאר נישט דערמאנט אין תלמוד ירושלמי. דענקען דאדורך מאנכע, אז ר' יצחק נפחא הייסט דארט „ר' יצחק בר טבלאי". און אזוי ווי אונזער ר' יצחק נפחא ווערד אפטמאל דערמאנט אין פארשיעדענע מדרשים אהן יעדען צו־נאמען, קען מען מיינען, אז ווען דער ירושלמי דערמאנט אמאל סתם ר' יצחק, מיינט דאס אויך ר' יצחק נפחא.

די צייט, אין וועלכער ר' יצחק נפחא האט געלעבט און געווירקט איז געווען זעהר אן ארימע — און א שילדערונג פון דער דאזיגער ארימקייט איז צו זעהן אין ר' יצחק'ס א געשפרעך, וואו ער זאגט: „נור אויף די היינ־טיגע דורות איז געזאגט געווארען דעם אויבערשטען'ס קללה, אז די מענשען וועלען דארפען עסען דאס גראז פונ'ם פעלד, ווייל דער מענש איז היינט אזוי הונגעריג, אז ער קען אזש נישטווארטען, ביז די תבואה אויפ'ן פעלד וועט רייף ווערען, רייסט ער אוים די פלאנצונגען זיינע, ווען זיי זיינען נאך גראז, און ער עסט זיי אויף (בראשית רבה פרשה כ' פיסקא כ"ד).

אין אזא צייט — האט ר' יצחק נפחא ביי אן אנדערער געלעגענהייט צוגעגעבען — ווייל א מענש נישט הערען קיין ענין פון לערנען, ווייל עס וויל זיך איהם בלויז הערען עפים א פסוק, איינגעטייטשט אויף אן אגדה'שען שטייגער, וואו ער קען דאן זוכען א טרייסט צו זיין טרויעריגער לאגע (שיר השירים רבה פרשה ב' פיסקא י"ד).

געוואוינט האט ר' יצחק נפחא אין טבריה, צוזאמען מיט זיין רבי'ן ר' יוחנן און מיט זיינע חברים ר' אלעזר בן פדת און ר' אמי. ער פלעגט זיך אויך חבר'ן מיט אלע אנדערע חכמים פון יענער צייט. ווערד טאקי אפטמאל דערצעהלט, אז א גרופע חכמים איז זיך צונויפגעקומען ביי איהם אין הויז, צו באשפרעכען געוויסע דינים, אדער עס ווערד דערצעהלט, ווי ער איז געקומען פאר דעמזעלבען צוועק צו אנדערע חכמים אין הויז אריין (יבמות דף מ"ח עמוד ב', עבודה זרה דף כ"ד עמוד א', מועד קטן דף כ' עמוד א').

מיט ר' אמי'ן האָט ער אָפטמאָל געהאַט מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען אין ענינים פון „הלכה". איינמאָל האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א נאָדעל אין דער לונג פון א בהמה, וואָס איינער האָט געזאָגט, אז די בהמה איז „כשר" און דער אַנדערער האָט זי געהאַלטען פאַר „טרפה" (חולין דף מ"ח עמוד ב'). אַן אַנדער מאָל האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א ציבעלע, וועלכע איז אויסגעריסען געוואָרען אין א יאָהר פון שמיטה, וואָס ר' אמי האָט נישט געוואוסט צו פסק'נען דעם דין און ר' יצחק נפחא האָט יאָ געזאָגט זיין פסק (נדרים דף נ"ז עמוד ב').

אזוי פלעגט מען זיך שטענדיג רעכענען מיט אונזער ר' יצחק'ס מיי־נונג, אפילו וואו אנדערע חכמים האָבען פאַרטרעטען אַן אנדערע מיינונג — און אַמאָל האָט ר' יהודה נשיאה (דער צווייטער) געשיקט פרעגען א שאלה ביי ר' אמי וועגען א בכור פון א בהמה, ווייל אזוי ווי ער האָט גראָד דאַמאָלס געהאַט כהנים ביי זיין טיש, האָט ער געוואָלט וויסען, צי ער מעג זיי געבען עסען דאָס פלייש פון א בכור. און נאָכדעם ווי ר' אמי האָט שוין געהאַט געזאָגט זיין מיינונג, האָט ער געשיקט פרעגען דיזעלבע שאלה צו ר' יצחק נפחא (ביצה דף כ"ז עמוד א').

ווי עס איז אָנצונעהמען, איז אונזער ר' יצחק דאַמאָלס געווען איינער פון די דיינים אין טבריה — און אזוי ווי אלע האָבען געהאַלטען פון זיין לערנען, איז יעדעס וואָרט זיינס געווען אָנגענומען אין די פראַגען פון „הלכה" (בבא קמא דף קי"ז עמוד ב', בבא בתרא דף ק"ע עמוד א').

שפּעטער איז ר' יצחק נפחא אַוועק קיין בבל. איז דאָס וואהרשיינליך פאַרגעקומען, נאָכדעם ווי די שטאָדט טבריה איז אין די מלחמות פון די רוי־מער חרוב געוואָרען און ר' אמי איז אַוועקגעגאַנגען מיט זיין ישיבה קיין צעזאַרעא, אָנצופיהרען דאָרט זיין בית־המדרש אונטער'ן שוץ פון ר' אבהו. און ווען ר' יצחק איז אָנגעקומען אין בבל, איז דאָס געווען אין דער צייט פון ר' ששת, וועלכער פלעגט שטאַרק אכטונג טהון, ער זאָל נישט זאָגען אין זיין אייגענעם נאָמען א זאַך, וועלכע ער האָט געהערט פון אַן אנדערען (זעה מועד קטן דף כ"ד עמוד ב').

דערנאָך טרעפען מיר אונזער ר' יצחק צוריק אין ארץ ישראל, אין צעזאַרעא, וואו ער געפינט זיך אַרום ר' אבהו (ביצה דף ל"ה עמוד א', כתובות דף פ"ד עמוד ב', מגלה דף ל' עמוד א'). איז די דאָזיגע צווייטע רייזע פון ר' יצחק נפחא קיין בבל וואהרשיינליך געווען צוליעב אייגענע אינטערעסען, נישט צוליעב אַלגעמיינע אורזאַכען, ווי מען קען זעהן פון דעם, וואָס ער האָט דאָרט פאַרהייראַטה זיינע א טאָכטער צו איינעם פון די חכמים מיט'ן נאָמען ר' פפי (חולין דף ק"י עמוד א').

און ווען ר' יצחק נפחא איז אָנגעקומען פון בבל צוריק קיין ארץ־ישראל און ער האָט זיך באַזעצט אין צעזאַרעא, איז ער וואהרשיינליך געווען א מיטגליעד פון ר' אבהו'ס בית־דין. האָט מען איהם דאָרט אַמאָל געבראַכט א שאלה וועגען דעם, צי מען מעג לייענען אום שבת די סדרא פון א חומש. אזוי ווי מען פלעגט דאַמאָלס שרייבען יעדען ספר פונ'ם חומש אויף א באַזונדערער „מגלה", האָט מען געוואָלט וויסען, צי מען מעג באַנוצען אזא חומש צו „קריאת התורה". האָט ר' יצחק נישט געוואוסט צו פסק'נען די דאָזיגע שאלה. האָט ר' שמואל בר נחמני דערמאָנט דעם „כלל", אז א ספר־תורה, ווען עס פעהלט אין איהם איין יריעה, איז פסול, טאָ ווי קען מען

אלזא דענקען, מען זאל מעגען לייענען פון א חומש, וועלכעס האט בלויז איין פינפטעל פון דער גאנצער תורה? (גטין דף ס' עמוד א').

דארט אין צעזארעא האט זיך ביי ר' יצחק נפחא שטענדיג דערוועקט א בענקעניש צו ירושלים. עס האט איהם פשוט דאס הארץ פארקלעמט, ווען ער פלעגט זעהען, ווי די שטאדט צעזארעא בליהט אין איהר שעהנסטען גלאנץ און די הייליגע שטאדט ירושלים ליגט א צושטערטע אין חורבות. פלעגט ער דאן קומען צום באשלוס, אז אט דיביידע שטעדט — צעזארעא און ירושלים — קענען נישט זיין באזעצט אדער חרוב אין דערזעלבער צייט, ווייל ווען צעזארעא איז באזעצט, מוז ירושלים זיין חרוב, און ווען ירושלים וועט אמאל זיין באזעצט, וועט דאן צעזארעא מוזען זיין חרוב, ווייל די באזעצונג פון איינער קומט דורך'ן חורבן פון דער אנדערער (מגלה דף ו' עמוד א').

רייזענדיג וועגען די ביידע שטעדט, צעזארעא און ירושלים, האט אונזער ר' יצחק דערמאנט א פאלק מיט'ן נאמען „גרממיא של אדום", וואס ווען דער אויבערשטער זאל זיי לאזען ארויסגעהן, וועלען זיי חרוב מאכען די גאנצע וועלט. און ווי ער זאגט דארטען ווייטער אין אומקלארע ווערטער, זיינען די דאזיגע „גרממיא של אדום" ווי א צוים צו די רוימער, זיי זאלען נישט ארויס פון די האלאבליעס. מיינט דאס דארט וואהרשיינליך „גרמניא של אדום" און דער שמועס געהט אויף די „גערמאנען", וועלכע האבען דאמאלס געקעמפפט געגען רוים און די אידען אין ארץ־ישראל האבען וועגען זיי פיעל געהערט, נור זיי האבען נישט געוואוסט אויף קלאר, וואס פאר א פאלק דאס איז (זעה מגלה דף ו' עמוד ב').

ביי אן אנדערן שמועס וועגען דעמזעלבען ענין האט ר' יצחק נפחא צוגעגעבען, אז וואס דער פסוק זאגט „דור הולך ודור בא", מיינט עס, אז איין מלכות פארשווינדעט פון דער וועלט און אן אנדער מלכות ווערד געבוירען, אבער דאס אידישע פאלק בלייבט אויף אייביג (קהלת רבה פרשה א' פיסקא ד').

און ווען עס איז אמאל גערעדט געווארען וועגען דער מלחמה פון אברהם אבינו, ווי ער איז נאכגעלאפען כדרלעומר'ן און די אנדערע מלכים, וואס זיינען מיט איהם געווען, אפצוראטעווען זיין ברודער'ס זוהן לוט, האט דאן ר' יוחנן געזאגט, אז וואס דער פסוק זאגט דארט „ויחלק עליהם לילה", מיינט דאס, אז דער מלאך, וואס האט געהאלפען אברהם'ן אין יענער מלחמה, האט געהייסען „לילה". האט ר' יצחק נפחא אויף דעם געזאגט, אז דאסווארט „לילה" באטייט דארט, אז די נאכט האט אברהם'ן געהאלפען צו דער מלחמה, די שטערען פון דער נאכט האבען פאר איהם געקעמפפט, גלייך ווי זיי האבען עטליכע דורות שפעטער געקעמפפט געגען סיסרא'ן. איז די דאזיגע איינטייטשונג פון ר' יצחק נפחא בעסער געפעלען ריש־לקיש'ן, ווי דער טייטש פון ר' יוחנן און ער האט געזאגט: „טבא דנפחא מדבר נפחא" (סנהדרין דף צ"ו עמוד א').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט איז גערעדט געווארען וועגען דעם, ווי אזוי דאס ליכט איז באשאפען געווארען. האט דאן ר' יצחק נפחא געזאגט, אז דער אויבערשטער האט זיך איינגעהילט מיט'ן ליכט ווי אין א מאנטעל, איז דערפון געווארען ליכטיג פון איין עק וועלט צום אנדערן עק. האט דאס דער אלגעמיינער עולם געהערט מיט צופרידענהייט, ווייל ר' שמואל בר נחמני האט שוין דאס געהאט פריהער געזאגט אלס א סוד — און ר'

יצחק נפחא האָט פון דער דאָזיגער מיינונג נישט געוואָלט מאַכען קיין געהיימנים (בראשית רבה פרשה ג' פיסקא ד').

די דרשות פון ר' יצחק נפחא זיינען גרעסטענטיילס פאַרבליבען אין דער פאָרם פון „פתיחתא'ס" צו ספרים, ווייל ווען ר' יצחק נפחא האָט אָנגעהויבען דרשנ'ען וועגען אַ ספר פון דער תורה אָדער וועגען איינער פון די חמש מגילות, ווערד די דרשה זיינע געוועהנליך איבערגעגעבען מיט די ווערטער „ר' יצחק פתח" — און די אינטערעסאַנטעסטע פון ר' יצחק'ס מאמרים זיינען די פאָלגענדע:

„עס איז גאָרנישט מעגליך אָפּצושאַצען די גבורה פונ'ם יצר־הרע, וועלכער באַנייט זיך ביי די מענשען מיט יעדען טאָג" (סוכה דף נ"ב עמוד א', קדושין דף ל' עמוד ב'). אפילו ווען דער מענש איז אין טרויער נאָך אַ טויטען, דערוועקט זיך אין איהם אויך דער יצר־הרע (קדושין דף פ' עמוד ב'). אויסערדעם האָט דער יצר־הרע אַזאַ שליטה אויף די מענשען, אַז ווען ער האַפּט זיך אַריין אין אַ מענשען'ס האַרץ ווי אַן אורח, ווערד ער דאָרט תיכף אַ גאַנצער בעל־הבית (בראשית רבה פ' כ"ב פיסקא י"א).

ווער עס דערצערנט זיינעם אַ מיטמענשען אפילו בלויז מיט ווערטער — פלעגט אונזער ר' יצחק זאָגען — דאַרף דעם באַליידיגטען איבערבעטען. האָט ער געלד, דאַרף ער דאָס טהון מיט געלד. זאָנסט דאַרף ער נעהמען פריינדע, וואָס זאָלען זיך משתדל זיין, אַז דער באַליידיגטער זאָל מוחל זיין פאַר דער באַליידיגונג (יומא דף פ"ז עמוד א').

צדקה געבען איז ביי ר' יצחק נפחא באַטראַכט געוואָרען פאַר איינע פון די וויכטיגסטע מצוות. אָבער אַ גוט וואָרט געזאָגט צום אָרימאַן, איז אין זיינע אויגען מעהר ווערטה געוועזען ווי געלד, האָט ער דאַדורך געזאָגט: „ווער עס גיט אַ פּרוטה צו אַן אָרימאַן, ווערד געבענשט מיט זעקס ברכות, און ווער עס גיט איהם גוטע ווערטער, ווערד געבענשט מיט אָלע עלף ברכות" (בבא בתרא דף ט' עמוד ב').

ווי פיעלע אַנדערע חכמים פון דאַמאָלס האָט ר' יצחק נפחא שטאַרק געהאַלטען פון „תפלה" און ער האָט געזאָגט: „תפלה איז וויכטיגער ווי קרבנות, ווי עס ווערד אויך דערצעהלט וועגען שמואל הנביא'ס פאָטער, אַז ער פלעגט קומען צום משכן שילה, צוערשט זיך צו בוקען און דערנאָך ערשט איז ער געגאַנגען שחט'ן קרבנות" (מדרש שמואל פרשה א').

אונזער ר' יצחק פלעגט אויך זאָגען: „וואָס איז אייגענטליך געוועזען די אורזאַך, וואָס אונזערע אבות אברהם און יצחק זיינען געוועזען קינדערלאָז?" און ער האָט זיין קשיא אַליין פאַרענטפערט, אַז די אורזאַך איז געוועזען, ווייל „דער אויבערשטער גלוסט צו די תפלות פון די צדיקים, האָט ער זיי געמאַכט פאַר עקרים, כדי זיי זאָלען דאַרפען בעטען אויף קינדער" (יבמות דף ס"ד עמוד א').

וועגען די פיעלע נדרים און באַשרענקונגען, וואָס מענשען לייגען אויף זיך אַליין אַרויף אין דער מיינונג, אַז זיי טהון דערמיט דעם אויבערשטען אַ טובה, האָט ר' יצחק געזאָגט: „ווער עס טהוט אַ נדר, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט זיך אַליין אַריינגעשטאָכען אַ שווערד אין האַרצען, ווייל אין אמת'ן גערעדט, איז דען נישט גענוג פאַר די מענשען, וואָס די תורה האָט פאַרבאָטען, מען זאָל נישט אויף זיך אַליין נעהמען נאָך אַנדערע באַשרענקונגען? " (ירושלמי נדרים פרק ט' הלכה א').

זעהר וויכטיג איז ביי אונזער ר' יצחק געוועזען דאָס לערנען און ער

פלעגט זאָגען: „וואָס אַ מענש לערנט און פאַרגעסט, איז דאָס פאַר זיין אייגענע טובה וועגען, ווייל ווען אַ מענש וואָלט געלערנט און ער וואָלט נישט פאַרגעסען, וואָלט ער זיך אָפּגעגעבען מיט דער תורה בלויז צוויי דריי יאָהר און ער וואָלט זיך דאַן גענומען ווייטער אָפּגעבען מיט זיין געוועהנ־ליכער מלאכה און דערנאָך וואָלט ער שוין נישט מעהר געקוקט קיינמאָל אויף דער תורה. האָט אָבער דער מענש אַ טבע צו פאַרגעסען, וואָס ער האָט געלערנט, טאָר ער נישט קיינמאָל אויפהערען צו לערנען" (קהלת רבה פרשה א' פיסקא י"ג).

וואָס זכריה הנביא האָט אַמאָל געזעהן אין זיינע נבואה'שע „וויזיאָנען" צוויי אוילבירטען, האָט ר' יצחק נפחא ערקלערט, אַז דאָס מיינט די תלמידי־חכמים פון ארץ־ישראל, וואָס זיינען איינער צום אַנדערן אַזוי ליעב און ווייך ביים לערנען ווי בוימעל. אָבער די תלמידי־חכמים פון בבל פאַרביטערען זיך געגענזייטיג ביים לערנען ווי אַן אוילבירטען־בוים (סנהדרין דף כ"ד עמוד א').

מערקווירדיג אינטערעסאַנט איז, ווי ר' יצחק נפחא האָט געשילדערט די געפיהלען פון משה רבנו, ווען ער האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען..

שטאַרק געקווענקעלט האָט זיך דאַן די נשמה פון משה רבנו און זי האָט איהם נישט געוואָלט פאַרלאָזען. האָט משה רבנו אַ זאָג געטהון צו'ן איהר: „דאַכט זיך, אַז דער מלאך־המות האָט חשק, צו קריגען אַ שליטה איבער דיר!" — האָט די נשמה געענטפערט מיט'ן פסוק „כי חלצת נפשי ממות", וועלכעס מיינט, אַז דער אויבערשטער וועט זי אָפּראַטעווען פון טויט . . .

האָט משה רבנו געזאָגט צו זיין נשמה: „ווען דו וועסט זעהען, אידען וויינען אויף מיין טויט, וועסטו מיט זיי מיטוויינען?" — האָט איהם די נשמה זיינע געענטפערט: „את עיני מן דמעה", מיין אויג וועט אָפּגעהיט ווערען פון טרעהרען!

אויף דעם האָט משה רבנו ווייטער געזאָגט: „אפשר וועט מען דיך וועלען שטופען צום גיהנם?" — האָט איהם די נשמה געענטפערט: „את רגלי מדחי", מיין פוס וועט אָפּגעראַטעוועט ווערען פון אַ פעהלטריט.

האָט משה רבנו ווייטער געזאָגט צו זיין נשמה: „און וואו אַהין דענקסטו צו געהן?" — האָט איהם די נשמה געענטפערט: „אתהלך לפני ה' בארצות החיים!", איך וועל געהן בעפאָר גאָט אינ'ם לאַנד פון לעבען . . .

איז ווען משה רבנו האָט דאָס דערהערט, האָט ר' יצחק נפחא פאָרטגע־זעצט זיין שילדערונג, האָט ער די נשמה זיינע באַפרייט און ער האָט איהר געזאָגט: „שובי נפשי למנוחיכי!" (דברים רבה פרשה י"א פיסקא ב', מדרש תנחומא פ' ברכה פיסקא ג').

מעהר אינטערעסאַנט איז ר' יצחק נפחא'ס דרשה וועגען המן'ס בלבולים אויף אידען.

נאָכדעם ווי אחשורוש האָט באַשלאָסען צו מאַכען אַ סעודה לכבוד דעם פאַרענדיגען דאָס דריטע יאָהר פון זיין מלוכה, האָט המן געזאָגט צו אחשורוש'ן: „אַזוי ווי דער אידישער גאָט האָט פיינט זנות, דאַרפסטו אוועקשטעלען זונות און אַרויסגעבען אַ באַפעהל, אַז אַלע אידען מוזען קו־מען, עסען און טרינקען און נאָכגעבען זיך אַלע תאוות" . . .

און ווי מרדכי האָט דאָס דערהערט, איז ער פאַרציטערט געוואָרען און

ער האָט געוואָרענט, די אידען זאָלען צו יענער סעודה נישט געהען, ווייל אחשורוש האָט זיי בלויז איינגעלאַדען, צו מאַכען זיי שטרויכלען. האָבען איהם אָבער די אידען נישט געהערט און זיי זיינען געגאַנגען.

האָט דאָס דער „שטן" געזעהען, איז ער באַלד געלאָפען צוקלאָגען די אידען צום רבונו של עולם און ער האָט געזאָגט: „מעגסט שוין אַמאָל פאַרטיליגען אָט די זינדיגע אומה, וועלכע זינדיגט שטענדיג אַקעגען דיר און זי טהוט נישט קיינמאָל קיין תשובה מיט'ן גאַנצען האַרץ!" — האָט דער אויבערשטער געזאָגט: „יאָ, וואָס וועט אָבער זיין מיט מיין תורה?"

— וועסט זי געבען צו דיינע אויבערשטע באַשעפענישען! — האָט דער שטן אויף דעם געענטפערט — און דער אויבערשטער האָט זיך כמעט ווי געלאָזט איבעררעדען און ער האָט זיך געהייסען ברענגען אַ מגלה, אויפצושרייבען אויף איהר דעם גזר פון פאַרניכטונג אַקעגען אידען . . .

איז דאַן אַרויסגעקומען די תורה אָנגעטהון אין טרויער־קליידער און זי האָט אָנגעהויבען יעמערליך וויינען. און ווען די מלאכים האָבען געזעהן, ווי די תורה שטעהט און וויינט, האָבען זיי מיט איהר מיטגעוויינט און זיי האָבען געזאָגט: „ווען דיינע אידען וועלען פאַרניכטעט ווערען, איז צו וואָס וועסטו אונז דאַמאָלס באַדאַרפען אויף דער וועלט?" — און ווען די זון מיט דער לבנה האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי זיך איינגעהילט אין שוואַרצען און זיי האָבען מיטגעטרויערט. דאָסזעלבע האָט אויך געטהון דער הימעל און דאָסזעלבע האָט געטהון די ערד.

דערנאָך איז אליהו הנביא געלאָפען און ער האָט אויפגעוועקט אַלע צדיקים פון זייערע קברים און ער האָט צו זיי געשריגען: „די זון און די לבנה זיינען פינסטער געוואָרען, דער הימעל און די ערד זיינען איינגעהילט אין טרויער, די תורה שטעהט און וויינט און אַלע מלאכים וויינען מיט איהר אין־איינעם, און איהר ליגט זיך דאָ רוהיג?" . . .

האָבען איהם די צדיקים געפרעגט: „וואָס איז דען אַזוינס געשעהן?" — האָט ער זיי געענטפערט: „מען וויל פאַרטיליגען אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט!"

אויף דעם האָט משה רבנו אַ זאָג געטהון: „איז דען נישט פאַרהאַנען חאָטש איין פרומער מענש אינ'ם גאַנצען היינטיגען דור?"

האָט אליהו הנביא געענטפערט: „פאַרהאַנען יעצט ביי אידען איינער אַ צדיק מיט'ן נאָמען מרדכי!"

— טאָ געה אַהין צו'ן איהם — האָט משה רבנו געזאָגט — און הייס איהם, ער זאָל זיך אַוועקשטעלען בעטען צו גאָט פון זיין זייט, און מיר אַלע וועלען דאָ בעטען פון אונזער זייט, ביז דער אויבערשטער וועט זיך מרחם זיין און די גזרה וועט בטל ווערען!... (מדרש אסתר רבה פרשה ז').

רבי אבא בר כהנא און רבי חנינא בר פפא

ווי מיר האָבען שוין עטליכע מאָל אָנגעמערקט, איז די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידען אין ארץ־ישראל אין דער צייט, וועגען וועל־כער עס ווערד דאָ געשריבען, געווען אַ שרעקליך טרויעריגע, פּשוט נישט צו שילדערען. איז אָבער טראָצדעם דער וועג צווישען בבל און ארץ־ישראל געווען אַן אָפענער. עפּיס האָבען דאַן די רוימישע באַאַמטען אוועקגעקוקט פון דעם, וואָס די אידען אין ארץ־ישראל פלעגען אָפּט געהען זוכען חיונה אין בבל און די אידען פון בבל פלעגען קומען לערנען אין ארץ־ישראל, חאָטש דעם אמת־זאָגענדיג, זיינען דאַמאָלס די אידען אין בבל געשטאַנען אין לערנען העכער פון די אידען אין ארץ־ישראל. זיי האָבען דאָרט אי־בערהויפּט געהאַט די פולסטע פרייהייט אין אָפּהיטען די פאָרשריפטען פון דער אמונה. זיי האָבען געהאַט אייגענע בתי דינים און זיי האָבען ארויס־געגעבען „פּסקים", לויט זייער אייגענע מיינונג. עס איז אויך ביי זיי זעהר זעלטען פאָרגעקומען אַ שאלה, וואָס עס זאָל זיך נויטיגען, אָנצופרעגען וועגען דעם ביים בית־דין הגדול אין ארץ־ישראל.

זיי האָבען זיך בלויז נישט ערלויבט, צו באַשטימען די חדשים און די ימים־טובים. אויסערדעם האָבען זיי דאָרט אין בבל שטענדיג באַטראַכט די ארץ ישראל'דיגע לעהרען אַלס די איינציגע אמת'ע, ווייל מען פלעגט דאַן אין בבל גלייך ווי אין ארץ־ישראל האַלטען, אַז דער אַלטער כלל „מציון תצא תורה", האָט טראָץ דעם חורבן נישט פאַרלוירען זיין באַדייטונג און דאָס וואָרט פונ'ם אידישען לערנען וועט שטענדיג ארויסגעהען פון ארץ־ישראל.

האָט דאַמאָלס געלעבט און געווירקט דער „אמורא" — רבי אבא בר כהנא, וועלכער איז גלייך ווי פיעלע אַנדערע פון דעמזעלבען שניט אָנגע־קומען פון בבל כמעט אַ פאַרטיגער תלמיד־חכם.

אָנקומענדיג אין ארץ־ישראל, האָט ר' אבא מיטגעבראַכט מאמרים אין „אגדה", וועלכע ער פלעגט נאָכזאָגען אויפ'ן נאָמען פון רב — אבא אריכא — (זעה ירושלמי סוטה פרק ט' הלכה י"ג, בראשית רבה פרשה ד' פּיסקא ט', ויקרא רבה פרשה ל"ה פּיסקא ט'). ווילען דאַדורך מאַנכע באַהויפּטען, אַז ווען ר' אבא איז נאָך געווען אין בבל, איז ער געווען אַ תלמיד פון רב. קענען אָבער די יאָהרען נישט שטימען, ווייל ווען ר' אבא בר כהנא האָט אָנגעהויבען לערנען, איז רב זיכערליך שוין לאַנג געווען גע־שטאָרבען. איז צוליעב דעם גיכער אָנצונעהמען, אַז ר' אבא איז געווען אַ תלמיד פון רב'ס אַ תלמיד — און אַ באַוויז פאַר דער דאָזיגער באַהויפּטונג איז, וואָס אונזער ר' אבא האָט מאַנכעס מאָל ארויסגעזאָגט זיין מיינונג אין „הלכה" אויפ'ן נאָמען פון ר' חייא בר אשי, וועלכער האָט יענע מיינונג געהערט פון רב (ירושלמי ברכות פרק ו' הלכה ו', שבת פרק ג' הלכה ד'

און פרק ו׳ הלכה ה׳, ערובין פרק ו׳ הלכה ה׳ און פרק י׳ הלכה ה׳, יבמות פרק ד׳ הלכה ו׳).

ווען ר׳ אבא בר כהנא איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, האָט נאָך ר׳ חנינא בר חמא וואהרשיינליך געלעבט. שפּעטער האָט ר׳ אבא נאָכגעזאָגט הלכות אויף ר׳ חנינא׳ס נאָמען (שבת דף קכ״א עמוד ב׳) און ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט האָט ער געפרעגט אַמאָל אַ שאלה אין הלכה ביי ר׳ אמי (ירושלמי פסחים פרק ד׳ הלכה ט׳).

זאָנסט זיינען ווייניג ידיעות פאַרהאַנען וועגען דער פּערזאָן פון ר׳ אבא בר כהנא, ביי וועמען ער האָט געלערנט און ווי עס האָט אויסגעזעהען זיין לעבען. דעסגלייכען ווייסט מען נישט, וואו ער האָט געוואוינט און פון וואָס ער האָט זיך מפרנס געווען. בלויז איינמאָל דערמאָנט ער אַ מעשה פון „כפר חיטאה״. לאָזט זיך דענקען, אַז ער האָט דאָרט געוואוינט, נור צי ער האָט דאָרט אויך אָנגעפיהרט אַ ישיבה, איז נישט באַוואוסט (זעה בראשית רבה פרשה ס״ה פיסקא י״ב).

ווי מאַנכע אַנדערע ארץ־ישראל׳דיגע חכמים פון יענער צייט איז אויך ר׳ אבא בר כהנא געווען אַ מייסטער אין דרשות. דער עולם אין ארץ־ישראל איז שוין דאַמאָלס מיעד געוואָרען פון׳ם לערנען די „הלכות״, און טאָמער האָט איינער פון די חכמים גע׳דרש׳נ׳ט אין הלכה, האָט דער עולם גערעמעלט ביי דער דרשה. האָט מען אָבער גע׳דרש׳נ׳ט אין אגדה, איז דער עולם ווי אויפגעלעבט געוואָרען. זיינען פאַרבליבען הונדערטער דרשות פון ר׳ אבא בר כהנא. קען מען אָבער לײַדער ווייניג וואָס פון זיי אַרויסנעהמען. זיינע איינטייטשונגען פון די פּסוקים זיינען נישט שטענדיג פאַרשטענדליך פאַר אַ הייננטיגען מענש. ווילען מיר דאָ ברענגען בלויז עטליכע מוסטערען, וואָס מען קען פון זיי אין אַלגעמיין אַרויסלערנען וועגען זיין שטייגער ביים דרש׳נען.

צוקומענדיג צום פּסוק „וזרח השמש ובא השמש״, האָט ר׳ אבא בר כהנא געזאָגט: „וואָס לאָזט אונז דאָ דער פּסוק הערען? ווייסען מיר דען נישט, אַז די זון שיינט אויף יעדען טאָג און דערנאָך געהט זי אונטער? וויל אונז אָבער דער פּסוק זאָגען, ווי דער אויבערשטער פיהרט די מענשליכע דורות, אַז איידער עס געהט אונטער די זון פון משה רבנו, איז אויפגעשיינט די זון פון יהושע בן נון; איידער עס איז פאַרגאַנגען די זון פון עלי הכהן, איז אויפגעשיינט די זון פון שמואל הנביא, און אינ׳ם טאָג וואָס ר׳ עקיבא איז געשטאָרבען, איז רבנו הקדוש געבוירען געוואָרען״ (בראשית רבה פרשה נ״ח פיסקא ב׳, קהלת רבה פרשה א׳ פיסקא י׳).

ביים פּסוק „אם ישוך הנחש בלא לחש״ טייטשט ר׳ אבא דאָס וואָרט „לחש״ אַנדערש ווי אַנדערע חכמים. דער פּשוט׳ער טייטש פונ׳ם וואָרט „לחש״ איז „גיפט״. לויט ר׳ אבא הייסט עס אָבער „אַנזאָגען עפּיס שטילערהייד״. אַ שלאַנג וועט קיינמאָל נישט בייסען — האָט ר׳ אבא געטייטשט — סיידען מען זאָגט עס איהר פון אויבען; דעסגלייכען וועט אַ לייב קיינעם נישט פאַרצוקען, סיידען מען זאָגט עס איהם אָן פון אויבען, און אַ רעגירונג וועט זיך נישט פאַרטשעפּען מיט די מענשען, סיידען מען זאָגט עס איהר אָן פון אויבען (קהלת רבה פרשה י׳ פיסקא י״ד).

ריידענדיג וועגען דעם כח פון אַ פאַלשער שבועה, האָט ר׳ אבא בר כהנא געזאָגט: „זאַכען, וואָס אַ פייער קען נישט פאַרברענען, ווערען פאַרברענט ביי אַ פאַלשער שבועה. דער שטייגער פון אַ פייער איז צו פאַרברע־

נען האַלץ, האָט מען פון דעסטוועגן נאָך נישט געהערט, אַז אַ פייער זאָל קענען פאַרברענען שטיינער. אָבער אַ פאַלשע שבועה פאַרברענט דאָס האַלץ צוזאַמען מיט די שטיינער״ (ויקרא רבה פרשה ו׳ פיסקא א׳).

ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט האָט ר׳ אבא געזאָגט: „די גרינגסטע מצוה אין דער תורה איז אין איהר באַלוינונג געגליכען צו דער האַרבסטער מצוה. אַזוי האָט דער אויבערשטער באַשטימט דעם שכר פון מצוות, די מענשען זאָלען זיי עהרליך באַפאָלגען. די גרינגסטע מצוה אין דער תורה איז שלוח הקן, ווען מען נעמט אַרויס אַ נעסט פון פויגעלאך, זאָל מען די מוטער אַוועקשיקען, זי זאָל נישט פיהלען דעם צער, אַז מען וועט שחט׳ן איהרע קינדער און אַ האַרבע מצוה איז די מצוה פון אָפּגעבען כבוד צו טאַטע־מאַמע. האָט די תורה צוגעזאָגט דיזעלבע אריכות־ימים ביי ביידען, גלייך עס זאָל דאָ נישט זיין קיין שום חלוק״ (ירושלמי פאה פרק א׳ הלכה א׳).

און וויל איינער זוכען אַ בילד פון יענער צייט, אין וועלכער ר׳ אבא בר כהנא האָט געלעבט, קען מען דאָס זעהען אין די פאָלגענדע אויס־שפּרוכען זיינע:

ווען דער פסוק זאָגט „אפפוני חבלי מות״ (עס האָבען מיך אַרומגע־רינגעלט די וועהטאָגען פון׳ם טויט), ווערד אין דעם דאָזיגען פסוק גע־רעדט וועגען די פיער מלוכות, וואָס האָבען אָנגעטהון צרות צו די אידען. דאַרף מען דאָ אַזוי לערנען פשט: „אפפוני חבלי מות״, עס האָבען מיך אַרומגערינגעלט די וועהטאָגען פון׳ם טויט — אין בבל; „ונחלי בליעל יבעתוני״, די טייכען פון שאַלקהאַפטיגקייט האָבען מיך דערשראָקען — אין מלכות מדי; „חבלי שאול סבבוני״, די שמערצען פון דער גרוב האָבען מיך אַרומגערינגעלט — ביי די גריעקען; „קדמוני מוקשי מות״, די שטרויכלונגען פון׳ם טויט האָבען מיך באַגריסט — אין אדום (רוים).

איז ווייטער אַ קשיא: וואָס שטעהט עפּיס דאָס וואָרט „מות״ ביים ערשטען מלכות און ביים פערטען? איז דער תירוץ, אַז בבל גלייך ווי רוים האָבען זיך פאַרגענומען, די אידען צו פאַרניכטען. די ערשטע האָבען חרוב געמאַכט דעם ערשטען בית־המקדש און די לעצטע האָבען חרוב געמאַכט דעם צווייטען בית־המקדש (מדרש שוחר טוב פרשה י״ח).

ווי פיעלע אַנדערע חכמים פון יענער צייט האָט אויך ר׳ אבא בר כהנא געגלויבט, אַז נאָך אַ מלחמה פון די בבליים אַקעגען די רוימער וועט קומען אַ באַפרייאונג פאַר ארץ־ישראל, האָט ער דאַדורך געזאָגט: „טאָ־מער וועט מען אַמאָל זעהען אין ארץ־ישראל די בענק אָנגעפילט מיט בבליים, וועט דאָס זיין אַ סימן, אַז מען דאַרף שוין ערוואַרטען די שריט פון משיח״ (שיר השירים רבה פרשה ה׳ פיסקא י״א, איכה רבתי פרשה א׳ פיסקא מ״ג).

אין אַ שמועס וועגען די פאַרשידענע פעלקער, וואָס האָבען געוואוינט אין שכנות פון ארץ ישראל, איז ר׳ אבא בר כהנא צוגעקומען צום פסוק „פתרוסים וכסלוחים אשר יצאו משם פלשתים וכפתורים״ און ער האָט געזאָגט, אַז די „פתרוסים״ און די „כסלוחים״ פלעגען זיך אויסמישען מיט די ווייבער, וואָס איינע האָבען ביי די אַנדערע צוגע׳גנב׳עט, זיינען פון זיי אַרויסגעקומען אַזעלכע גבורים ווי די פלשתים און אַזעלכע קאַרליקעס ווי די כפתורים (בראשית רבה פרשה ל״ז פיסקא ח׳).

זעהר פראָמינענט אין יענער צייט איז אויך געווען ר׳ חנינא בר פפא (אָדער: בר פפי), וועלכער ווערד אין תלמוד בבלי שטענדיג דערמאָנט צוזאַמען מיט ר׳ אבהו, מיט ר׳ יצחק נפחא און מיט ר׳ אמי. און אין תלמוד ירושלמי אַזוי ווי אין פאַרשיעדענע מדרשים איז דער נאָמען זיינער מאַנכעס מאָל איבערגעדרעהט אויף „חיננא״ אָדער „חנניה״. (דאָ דאַרף אויך באַמערקט ווערען, אַז דער נאָמען „פפא״ איז אַן ארמ׳שע פאָרם פונ׳ם גריכישען נאָמען „פאפאָס״).

אָט דער ר׳ חנינא בר פפא, איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ שמואל בר נחמני, חאָטש מיר געפינען נישט, ער זאָל אַמאָל האָבען נאָכגעזאָגט אַ וואָרט אויפ׳ן נאָמען פון זיין רבי׳ן, גלייך ווי ער האָט אויך זעהר זעלטען נאָכגעזאָגט עטוואָס אויפ׳ן נאָמען פון אַנדערע חכמים. מיר געפינען אָבער, ווי ר׳ שמואל בר נחמני האָט איהם געלויבט, אַז ער איז אַ בקי אין תנ״ך (ירושלמי שביעית פרק ד׳ הלכה ג׳).

זאָנסט ווייסען מיר, אַז ר׳ חנינא בר פפא פלעגט זיך חבר׳ן מיט די בעסטע תלמידים פון ר׳ יוחנן (ביצה דף ל״ח עמוד א׳). אָפטמאָל פלעגט ער אויך אַרגומענטירען, אין הלכה גלייך ווי אין אגדה, מיט ר׳ חמא בר חנינא און מיט ר׳ אחא בר חנינא. פאַרהאַנען אויך מאמרים, וועגען וועלכע עס איז נישט זיכער, צי זיי שטאַמען פון ר׳ זירא אָדער פון אונזער ר׳ חנינא. זאָגט זיך געוועהנליך וועגען זיי: „אמר ר׳ זירא ואיתימא ר׳ חנינא בר פפא״ (זעה ברכות דף ה׳ עמוד א׳).

פאַרהאַנען אויך איין מיינונגס־פאַרשידענהייט צווישען ר׳ זירא און ר׳ חנינא בר פפא וועגען דער פראַגע, וואָס פאַר אַ גוטע זאַך אביה בן ירבעם האָט געטהון (מועד קטן דף כ״ח עמוד ב׳). דעסגלייכען זיינען אונז איבערגעגעבען איינינע עפּענטליכע דרשות (סוטה דף ט׳ עמוד א׳, חולין דף ס׳ עמוד א׳). ביי אָט אַזאַ דרשה איז אויך אַמאָל געווען אַ ספק, צי עס האָט זי געזאָגט ר׳ חנינא בר פפא אָדער ר׳ שמלאי (דרש ר׳ חנינא בר פפא ואיתימא ר׳ שמלאי).

די פערזאָן פון ר׳ חנינא בר פפא איז אויך אַרומגערינגעלט מיט פאַרשיעדענע לעגענדאַרישע געשעהענישען — און ספּעציעל כאַראַקטעריס־טיש איז אַ לעגענדע וועגען אַ סעקסועלען „נסיון״, וואָס איינע אַ „מטרוניתא״ האָט איהם דורכאויס געוואָלט פאַרפיהרען צו זינד, פון וועלכער ער האָט זיך קוים אָפּגעראַטעוועט. דאַכט זיך אָבער, אַז יענע „מטרוניתא״ האָט איהרע זינדיגע געדאַנקען נישט געוואָלט אויפגעבען, האָט זי אַרומגעשיקט דעם ר׳ חנינא זוכען, האָט ער זיך געדאַרפט אַ גאַנצע נאַכט באַהאַלטען אין אַ באָד, וואָס איטליכער האָט געגלויבט, אַז שדים הויזען דאָרט, און ווען עס זיינען אפילו צוויי מענשען אַהין געקומען צוזאַמען ביי טאָג, זיינען זיי אויך געשעדיגט געוואָרען. אַזוי ווי ר׳ חנינא בר פפא איז אָבער ביי־געשטאַנען יענעם נסיון מיט דער „מטרוניתא״, איז ער אויך פון דער באָד אַרויסגעקומען אָהן אַ מינדעסטען שאָדען (קדושין דף ל״ט עמוד ב׳).

אַמאָל האָט ר׳ חנינא בר פפא געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ געוויסען „אויבערמאַכער״ פון די שדים. איז אָט די מעשה אַזוי געווען: ר׳ חנינא בר פפא פלעגט אַרומגעהען פאַרטיילען צדקה ביי נאַכט. האָט איהם אַמאָל באַגעגענט יענער פאָרשטעהער פון די שדים און ער האָט צו איהם געזאָגט: „האָסטו נישט געלערנט, אַז מען טאָר נישט אַריינגעהען אין אַ צווייטען׳ס גבול?״ מיינענדיג צו זאָגען, אַז ביי נאַכט האָבען די

שדים זייער שליטה, דארף זיך א מענש נישט ווייזען דעמאָלט אין גאס. האָט ר׳ חנינא געענטפערט: „שטעהט אָבער אַ פסוק, אז ווען מען גיט אַ נדבה אין געהיים, שטילט דאָס איין דעם צאָרן״. און אַזוי ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך אויסגעדרעהט צום שד מיט׳ן רוקען און ער איז אַנטלאָפען (ירושלמי פאה פרק ח׳ הלכה ח׳).

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז ווען עס איז געקומען די צייט, וואָס ר׳ חנינא בר פפא האָט געדאַרפט שטאַרבען, האָט ער געבעטען דעם מלאך־המות, מיט וועמען ער איז געשטאַנען אין פריינדשאַפטליכע באַציהונגען, ער זאָל איהם אָפּלאָזען אויף דרייסיג טעג, כדי ער זאָל קענען דערוויילע ווידערהאָלען זיין לערנען, אז ווען ער וועט אַהין קומען אויף יענער וועלט, זאָל ער קומען אָנגעפּיקעוועט מיט תורה, וועט מען איהם דאָרט דערפאַר בעסער באַהאַנדלען.

האָט דאָס איהם דער מלאך־המות צוליעב געטהון, און ווען ער איז נאָך די דרייסיג טעג ווייטער געקומען, האָט ר׳ חנינא געוואָלט, דער מלאך־המות זאָל איהם ווייזען זיין פּלאַץ אין גן עדן, און אויפ׳ן וועג וואו זיי וועלען געהען, זאָל איהם דער מלאך־המות געבען צו האַלטען זיין שווערד. האָט דאָס דער מלאך־המות נישט געוואָלט טהון, ווייל ער האָט זיך שוין איינמאָל געלאָזט אריינגנאַרען אויף דעמזעלבען שטייגער ביי ר׳ יהושע בן לוי.

און ווען ר׳ חנינא איז דאַן געשטאָרבען, האָט אַ פייער־זייל אַרומגע־רינגעלט זיין גוף און קיינער האָט נישט געקענט צו איהם צוטרעטען. איז ר׳ אלכסנדרי צוגעגאַנגען און ער האָט זיך געבעטען ביים בר־מינן, ער זאָל עפּיס טהון געגען דער פייער־זייל.

טהו עס — האָט זיך ר׳ אלכסנדרי געבעטען — צוליעב די חכמים, וואָס זיינען געקומען צו דיין קבורה!

האָט זיך אָבער דער פייער־זייל נישט געריהרט. האָט ר׳ אלכסנדרי ווייטער געבעטען: „טהו עס פאַר׳ן כבוד פון דיין פאָטער!״ — האָט זיך דער פייער־זייל נישט געריהרט. האָט דאַן ר׳ אלכסנדרי געזאָגט: „טהו עס צוליעב דיין אייגענעם כבוד, מען זאָל קענען צו דיר צוקומען, דיך צו באַקלאָגען און אָפּצוגעבען זיך מיט דיין קבורה!״ — איז דאַן די פייער־זייל באַלד פאַרשוואונדען (כתובות דף ע״ז עמוד ב׳).

פון די מאמרים, וואָס ר׳ חנינא בר פפא האָט געזאָגט, זיינען די פאָלגענדע די אינטערעסאַנטסטע:

„אַ מענש, וואָס איז געלייטזעליגט מיט חן, איז דאָס פאַר איהם אַ סימן, אז ער איז אַ ירא־שמים״ (סוכה דף מ״ט עמוד ב׳).

„ווער עס געניסט עטוואָס פון דער וועלט אָהן אַ ברכה, איז דאָס גליידך ווי ער וואָלט באַ׳גזל׳ט דעם אויבערשטען און די גאַנצע כנסת ישראל״ (ברכות דף ל״ה עמוד א׳, סנהדרין דף ק״ב עמוד א׳).

„אַ מענש, וואָס קריטיקירט זיין רבי׳ן, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט קריטיקירט די שכינה״ (סנהדרין דף ק״י עמוד א׳).

דעם פסוק „הכפירים שואגים לטרף״ האָט ר׳ חנינא איינגעטייטשט, אז דאָס וואָרט „כפירים״ מיינט „כופרים״, דאָס מיינט די גוים, וואָס לייקענען אָן הקדוש ברוך הוא, זיי שרייען נאָך רויב, ווייל זיי ווילען פאַרצוקען די אידען, וואָס בעטען זייער פרנסה ביים אויבערשטען, און

די אמוראים פון ארץ־ישראל

דער אויבערשטער איז מפרנס די אָרימע לייט גלייך ווי די עשירים (מדרש שוחד טוב פרשה ק"ד).

ווי באַוואוסט, איז בלעם בן בעור געווען פאררעכענט ביי אידען פאר'ן גרעסטען נביא צווישען די אומות־העולם. האָט ר' חנינא בר פפא געפרעגט: „וואָס איז אייגענטליך דער חלוק צווישען די נביאים ביי אידען און די נביאים ביי די אומות העולם?" און ער ענטפערט, אז דאָס איז געגליכען צו'ן א קעניג, וועלכער זיצט אין זיין פאַלאַץ אונטער א פאָר־האנג, און ווען ער וויל ריידען מיט זיינע פריינדע, וויקעלט ער אוועק דעם פאָרהאנג און ער רעדט מיט זיי. רעדט ער אָבער צו פרעמדע, רעדט ער פון דער אַנדערער זייט פאָרהאנג. אַזוי רעדט אויך דער אויבערשטער צו די נביאים פון די אומות־העולם פון דער אַנדערער זייט פאָרהאנג (בראשית רבה פרשה נ"ב פיסקא ז').

רבי זירא

דער אמורא ר ב י ז י ר א ווערד אין תלמוד ירושלמי אָנגערופען ר ב י ז ע י ר א.

נאָך ר׳ יוחנן איז נישט געווען קיין צווייטער צווישען די „אמוראים" פון יענער צייט, וואָס מען זאָל זיך וועגען איהם אַזוי פיעל מעשיות דער־צעהלען ווי וועגען ר׳ זירא — און דאָס נישט נור ווייל ער איז געווען גרויס אין „הלכה", נור באַזונדערס וועגען דער אייגענאַרטיגקייט זיינער און וועגען דער גרויסער פריינדשאַפט, וועלכע האָט געהערשט צווישען איהם און די אַנדערע ארץ־ישראל׳דיגע חכמים, וואָס האָבען געלעבט אין די ערשטע יאָהרען פונ׳ם פערטען יאָהרהונדערט לויט דער קריסטליכער צייטרעכענונג.

געקומען איז דער דאָזיגער ר׳ זירא פון בבל, און ווען ער איז אָנגע־קומען אין ארץ־ישראל, האָט ער שוין געהאַלטען ווייט אין לערנען. האָט מען שוין דעמאָלט אין די בתי־מדרשים פון בבל פיעל גערעדט וועגען זיינע אויסשפּרוכען און מען האָט זיך אויך פאַרשיעדענס דערצעהלט וועגען זיין לעבען.

ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען, איז ער געוואָרען אַ יתום פון זיינע ביידע עלטערן. פלעגט ער זיך שטענדיג מצער זיין און זאָגען: „הלואי וואָלט איך געהאַט אַ טאַטע און אַ מאַמע, וואָלט איך זיי אָפּגעגעבען אַזוי פיעל כבוד, ווי עס איז נור מעגליך, אום צו פאַרדיענען מיין חלק עולם־הבא".

האָט ער אָבער געהערט דערצעהלען וועגען ר׳ טרפון, וואָס זיין מו־טער האָט אַמאָל אין אַ שבת שפּאַצירט אינ׳ם הויף פון איהר הויז, איז ביי איהר פּלוצים אַרונטערגעפאַלען דער לעדערנער פּאַנטאָפעל פון די פיס, האָט ר׳ טרפון אונטערגעלייגט זיינע הענד אונטער די פיס פון זיין מוטער, זי זאָל נישט דאַרפען אַוועקשטעלען אַ באָרוועסען פוס אויף דער הוילער ערד, איז זי דאַן אַזוי געגאַנגען אויף איהר זוהן׳ס הענד, ביז זי איז צו־געקומען צו׳ן איהר בעט.

און ווען די חכמים האָבען וועגען דעם געהערט, האָבען זיי געזאָגט, אַז ווען ר׳ טרפון זאָל דאָס אפילו געווען טהון טויזענד מאָל, וואָלט ער נאָך נישט דערגרייכט אַ העלפט פון דעם כבוד, וואָס אַ מענש איז מחויב אָפּצוגעבען צו זיין מוטער.

דערנאָך האָט ר׳ זירא געהערט דערצעהלען וועגען ר׳ ישמעאל׳ס מו־טער, ווי זי איז זיך געקומען אַמאָל באַקלאָגען פאַר די חכמים אויף איהר זוהן, אַז ער האַלט זי נישט געגוג בכבוד. האָבען דאָס די חכמים גע־הערט מיט שרעק און זיי האָבען זיך געפרעגט: „צי איז דאָס מעגליך, אַזאַ אַזאַ מענש ווי ר׳ ישמעאל זאָל נישט אָפּגעבען גענוג כבוד צו זיין מוטער?" — האָבען זיי דאַן געפרעגט: „וואָס האָט דען אייגענטליך אַזוינס דיין זוהן געטהון, אַז דו ביזט זיך אַזש געקומען אויף איהם באַ־קלאָגען?"

די אמוראים פון ארץ־ישראל

האָט זיי ר׳ ישמעאל׳ס מוטער געענטפערט: „יעדעס מאָל ווען מיין זוהן קומט אהיים פונ׳ם בית־המדרש, וויל איך איהם די פיס וואשען און דאָס וואסער טרינקען, לאָזט ער מיך דאָס נישט טהון!״ — האָבען די חכמים אויף דעם געזאָגט: „אויב דאָס איז איהר ווילען און עס מאכט איהר פארגעניגען, איז דאָס איהר כבוד!״...

און ווען ר׳ זירא האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט: „געלויבט איז דער אויבערשטער, וואָס איך האָב נישט קיין פאָטער און מוטער, ווייל איך וואָלט נישט געקענט טהון, וואָס ר׳ טרפון האָט געטהון און איך וואָלט אויך נישט געטהון ווי ר׳ ישמעאל״ (ירושלמי קדושין פרק א׳ הלכה ז׳).

ווען ר׳ זירא איז נאָך געווען אין בבל, האָט ער מעהרסטענטיילס געלערנט ביי ר׳ יהודה בר יחזקאל, דעם ריש־מתיבתא פון פומבדיתא (ברכות דף ל״ט עמוד א׳, יבמות דף ע״ח עמוד ב׳). ער האָט אויך געלערנט ביי רב הונא, פון וועמען ער פלעגט אָפט ציטירען מיינונגען (בבא קמא דף ט׳ עמוד א׳, ירושלמי שבת פרק ז׳ הלכה ב׳). עס איז אויך אָנצונעהמען, אז ר׳ זירא האָט נאָך זוכה געווען, צו זיצען אינ׳ם בית־המדרש פון רב ושמואל, ווייל ער האָט נאָכגעזאָגט פיעלע מאמרים אויף זייער נאָמען, האָטש עס איז מעגליך, אז וואָס ער האָט ציטירט אויף זייער נאָמען, האָט ער געהערט פון זייערם א תלמיד. ער האָט אויך אויסערדעם געלערנט ביי רב חסדא (ביצה דף ל״ג עמוד ב׳, כתובות דף צ״ה עמוד א׳, ירושלמי שביעית פרק י׳ הלכה ב׳ און ערובין פרק א׳ הלכה א׳).

איינמאָל, ווערד דערצעהלט, איז ר׳ זירא געשטאַנען בעפאָר רב הונא און ער האָט איהם באַדיענט. האָט ער דאַן צוגעטראָגען צו זיין רבי׳ן צוויי גלעזער, איינס מיט וויין און איינס מיט אויל, און געטראָגען האָט ערביידע גלעזער אין איין האַנד. האָט איהם ר׳ הונא׳ס זוהן געפרעגט: „איז דען די צווייטע האַנד דיינע אָן אָפגעהאַקטע, וואָס דו טראָגסט צוויי גלעזער אין איין האַנד?״ — האָט דער דאָזיגער זאָג ר׳ הונא׳ן פארדראָסען און ער האָט זיך אויף זיין זוהן אָנגעבייזערט, זאָגענדיג: „צי איז דיר נישט גענוג, וואָס דו זיצסט און אזא מענש ווי ר׳ זירא שטעהט און באַדינט דיך, אז דו באַליידיגסט איהם נאָך?״ (ירושלמי ברכות פרק ח׳ הלכה ה׳).

ר׳ זירא׳ס ליעבשאַפט צו ארץ־ישראל האָט איהם געבראַכט דערצו, ער זאָל פארלאָזען זיין געבורטסלאַנד, וואו ער האָט גענאָסען דעם כבוד פון א תלמיד־חכם און איידער ער איז אוועק פון בבל, האָט ער געפאַסט הונדערט תעניתים, ער זאָל פארגעסען, וואָס ער האָט געלערנט אין בבל, כדי עס זאָל איהם נישט שטערען ביים לערנען אין ארץ־ישראל (בבא מציעא דף פ״ה עמוד א׳).

ער איז אויך נישט געגאַנגען פריהער קיין ארץ־ישראל, ווי לאַנג ער האָט נישט אליין גענוי אונטערזוכט די אייגענע אויפפיהרונג זיינע, דענקענדיג, אז ער איז נאָך אפשר נישט ווירדיג, צו באַטרעטען דעם באָדען פונ׳ם הייליגען לאַנד. האָט ער דאַן געזעהן געדרשטען אינ׳ם חלום, איז דאָס געווען פאר איהם א סימן, אז זיינע אלע עברות זיינען איהם פארגעבען, האָט דאָס איהם געבראַכט צו גלויבען, אז ער דאַרף געהן קיין ארץ־ישראל (ברכות דף נ״ז עמוד א׳). אָבער אזוי ווי זיין רבי ר׳ יהודה בר יחזקאל איז געווען א געגנער פון געהן קיין ארץ־ישראל, ווייל ער האָט געהאַלטען, אז ווער עס געהט אוועק פון בבל, איז עובר אויפ׳ן פסוק

„בבלה יובאו ושמה יהיו", האָט זיך ר' זירא אויסגעהיט פון זיין רבי'ן ביז צו דער לעצטער מינוט פאַר זיין אַוועקגעהן. ער האָט פשוט מורא געהאַט, אַז דער רבי זיינער קען איהם נאָך הייסען בלייבען אין בבל (שבת דף מ"א עמוד א').

צוקומענדיג אויף זיין וועג קיין ארץ־ישראל צו'ן אַ טייך, האָט זיך ר' זירא נישט געקענט דערוואַרטען, ביז ער וועט געפינען אַ שיפעל, וואָס זאָל איהם אַריבערנעהמען אויף דער אַנדערער זייט, האָט ער זיך אַריינגע־וואָרפען אין די קליידער אין וואַסער אריין און ער איז אַריבערגעשוואומען.

האָט דאָס שפּעטער איינער אַ גוי געהערט, האָט ער אַ זאָג געטהון: „אַזוי ווי אידען זיינען שטענדיג געווען איבערגעאיילט, אַזוי זיינען זיי וויטער געבליבען איבערגעאיילטע, נישט צו באַדענקען, וואָס זיי טהון. האָסט דאָך געקענט גאַר גרינג דערטרונקען ווערען, טאָ וואָס איז אויף דיר געווען די איילעניש?" — האָט ר' זירא אויף דעם גענטפערט: „איך בין געשטאַנען ביי דער גרעניץ פון ארץ־ישראל און איך האָב מיר גע־דענקט, אפשר בין איך גאַר נישט ווערטה, איך זאָל זוכה זיין אַריינצוקומען אין דעם לאַנד, וואָס משה רבנו און אהרן הכהן האָבען נישט זוכה געווען דערצו!" (כתובות דף קי"ב עמוד א').

דאָס אָנקומען פון ר' זירא אין ארץ־ישראל האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם און ער איז תיכף אַוועקגעגאַנגען באַגריסען זיין רבי'ן ר' יוחנן (קדושין דף נ"ב עמוד א'). האָט איהם אָבער די ערשיינונג זיינע אַ ביסיל לעכערליך געמאַכט, ווייל ער איז געווען קליין אין וואוקס און ער איז אויך נישט געווען קיין שעהנער. פלעגט מען איהם רופען „פּתיא אוכמא", וועלכעס מיינט אַ שוואַרץ טעפּעל (עבודה זרה דף ט"ז עמוד ב'). אַנדערע האָבען איהם גערופען „חריכא קטין שקיא", וועלכעס מיינט אַ קליין שוואַרץ מענשעל מיט אויסגעקרומטע פּליצעס (בבא מציעא דף פ"ה עמוד א').

וועגען דעמזעלבען צונעמעניש זיינעם ווערד דערצעהלט, אַז ער פלעגט איינמאָל אין דרייסיג טאָג אויסהייצען דעם אויווען און אַריינקריכען אין פייער, וועלכעס האָט אָבער נישט געהאַט קיין שליטה, איהם צו שעדיגען. האָבען איהם די מענשען געגעבען אַן „עין הרע", זיינען שוין איינמאָל די שענקעל זיינע פאַרברענט געוואָרען, האָט מען איהם פון דאַמאָלס אָן גערופען „חריכא קטין שקיא" וועלכעס מיינט אַ שוואַרצער מיט קורצע שענקעל (סנהדרין דף ל"ז עמוד א').

באַלד ווי ר' זירא איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, האָט ער זיך גע־חבר'ט מיט ר' אלעזר בן פדת (נדה דף מ"ח עמוד א'), פון וועמען ער האָט פיעל געלערנט און ספּעציעל אין די דינים פון תרומות און מעשרות (ירושלמי תרומות פרק י"א הלכה ג'). ווען ר' זירא איז נאָך געווען אין בבל, פלעגט ער זיך ווינשען, ער זאָל זוכה זיין, צו לערנען ביי ר' אלעזר בן פדת (בבא בתרא דף פ"ב עמוד ב'). ס'איז אויך דערצעהלט געוואָרען, אַז ר' זירא האָט געפאַסט הונדערט תעניתים, כדי אַז ווען ער וועט אָנקומען אין ארץ־ישראל, זאָל ר' אלעזר נאָך לעבען (בבא מציעא דף פ"ה עמוד א').

מעהר פון אַלעמען האָט זיך ר' זירא גע'חבר'ט מיט ר' אמי און ר' אסי (חולין דף ק"ז עמוד ב'), אַזוי ווי מיט ר' חייא בר אבא (חולין דף מ"ט עמוד ב'). דאַכט זיך, אַז ער איז מיט זיי נאָך פון בבל אויס געווען באַפריינדעט און ער האָט יעצט באַנייט די פריינדשאַפט. באַזונדערט האָט ער געוואָלט אַרויסקריגען אַזוי פיעל באַלעהרונג, ווי עס איז נור מעג־

ליך, ביי ר׳ אסי, וועלכער פלעגט אפטמאל ווערען אין כעס, ווען עס האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז מען פרעגט איהם צו פיעל (בבא בתרא דף פ״ד עמוד ב׳). טראצדעם האט ר׳ זירא איינמאל איבערגעפרעגט זיין שאלה, ווען ר׳ אסי׳ס תשובה איז איהם עפים נישט געפעלען (שבת דף ק״ל עמוד ב׳).

וועגען ר׳ חייא בר אבא האט ר׳ זירא געזאגט: „דארפסט האבען א כלל, אז ר׳ חייא בר אבא האט שטענדיג נאכגעזאגט אלסדינג גענוי, לויט ווי ער האט געהערט פון זיין רבי׳ן ר׳ יוחנן״ (ברכות דף ל״ג עמוד ב׳). ס׳איז איבערהויפט אינטערעסאנט, ווי ווייט ר׳ זירא האט מקפיד געווען, נאכצוזאגען יעדען אויסשפרוך אויף׳ן נאמען פון זיין מחבר (ירושלמי שבת פרק א׳ הלכה ב׳ און קדושין פרק א׳ הלכה ז׳).

זעהר חשוב איז ר׳ זירא געווען ביי ר׳ אבהו. אפטמאל האט ער זיך פשוט גערעכענט פאר זיינעם א תלמיד (נדרים דף ל״ו עמוד א׳, ירושלמי ברכות פרק ח׳ הלכה ב׳). ר׳ אבהו פלעגט איהם אויך אפגעבען פיעל כבוד (ירושלמי ביצה פרק א׳ הלכה ט׳), און ווען ר׳ זירא איז אמאל פאר־שלאפט געווארען, האט ר׳ אבהו געזאגט, אז ווען ר׳ זירא וועט געזונד ווערען, וועט ער מאכען א יום־טוב פאר די חכמים (ברכות דף מ״ו עמוד א׳).

ווען ר׳ זירא האט זיך באזעצט אין ארץ־ישראל, האט ער זיכערליך געוואלט קריגען דארט „סמיכה״, ווייל מען פלעגט נישט דאמאלס געבען קיין סמיכה אין בבל. זיינען אבער פארהאנען מאמרים פון ר׳ זירא, וואו ער ווייזט ארויס א פאראכטונג צו אזעלכע מענשען, וואס האבען געקרא־גען סמיכה פאר געלד, ווי עס איז דאמאלס פיעל מאל פארגעקומען אין טבריה. מיט א באזונדערער כוונה פלעגט ער זיך דאן אוועקזעצען לערנען דארט וואו תלמידי־חכמים זיינען פארביי־געגאנגען, און ווען עס איז פאר־ביי־געגאנגען אזא „מוסמך״, וואס ר׳ זירא האט געדענקט, אז ער האט נישט געדארפט קריגען קיין „סמיכה״, איז ער מיט א באזונדערער כוונה נישט אויפגעשטאנען. זאנסט פלעגט ער אויפשטעהן פאר יעדען תלמיד־חכם, כדי צו פארדיענען א שכר (ברכות דף כ״ח עמוד א׳, ערובין דף כ״ח עמוד ב׳, מדרש שמואל פרשה ז׳).

לסוף האט ר׳ זירא געקראגען זיין „סמיכה״. ער האט זיך אויך וועגען דעם געסטארעט, נאכדעם ווי עס איז געזאגט געווארען, אז ווען איינער ווערד טיטולירט „חכם״, ווערען איהם אלע זיינע עברות פארגעבען, גלייך ווי א חתן אינ׳ם טאג פון זיין חתונה אדער ווי ווען איינער ווערד אויסגע־קליבען אלס „נשיא״.

אין בבל האט מען זיך אפילו דערצעהלט, אז ר׳ זירא האט זיך א לאנגע צייט באהאלטען, מען זאל איהם נישט געבען קיין „סמיכה״ (סנהדרין דף י״ד עמוד א׳). און ווען ער האט געקראגען זיין „סמיכה״, האבען די חברים זיינע לכבוד איהם געזונגען: „לא כחל ולא פרכום ויעלת חן״ (כתובות דף י״ז עמוד א׳).

דערנאך האט איהם דער „נשיא״ צוגעשיקט א פאק מתנות, האט ער די דאזיגע מתנות נישט געוואלט אננעהמען. אבער אז מען האט איהם פארבעטען צום נשיא׳ס טיש, האט ער די איינלאדונג יא אנגענומען, ווייל ער האט געזאגט, אז מיט זיין געהען צום „נשיא״ גיט ער דעם נשיא כבוד (מגלה דף כ״ח עמוד א׳).

זיין חיונה האָט ר׳ זירא געצויגען פון מאַכען לייוונט און ער האָט אַמאָל געפרעגט ביי ר׳ אבהו, ווי ווייט ער מעג שעהן מאַכען זיין סחורה און עס זאָל נישט הייסען, אַז ער וויל אָפּנאַרען דעם קונה מיט דעם אויסען־וויינינגסטען אויסזעהן פון דער סחורה אויף קאָסטען פון איהר קוואַליטעט (ירושלמי בבא מציעא פרק ד׳ הלכה ז׳).

אין די צייטען פון ר׳ זירא האָט די רוימישע רעגירונג ארויסגעגעבען אַ געזעץ, אידען זאָלען נישט פאַסטען (תענית דף ח׳ עמוד ב׳). אַזוי ווי ער האָט אָבער ליעב געהאַט צו פאַסטען, ווי עס איז צו זעהן פון די אויבען־באַשריבענע הונדערטער תעניתים, פלעגט ער פּאַרציטערט ווערען פון אינעווייניגסטער אויפרעגונג, ווען עס איז אַמאָל באַשטימט געוואָרען נישט צו פאַסטען (תענית דף ט״ז עמוד א׳).

לויט זיין אויפפיהרונג האָט מען ר׳ זירא׳ן גערופען „החסיד הבבלי״ (חולין דף קכ״ב עמוד א׳). און טאָמער האָט איהם אַמאָל אימיצער באַ־ליידיגט, איז ער באַלד געווען גרייט צו שלום און ער האָט אויך געזוכט די געלעגענהייט, צו געבען יענעם די מעגליכקייט פאַר אַן איבערבעט (יומא דף פ״ז עמוד א׳).

דער נאָמען „זירא״ אָדער „זעירא״ איז אין אַ געוויסער צייט פונ׳ם אידישען לעבען אין בבל זעהר פּאָפּולער געוועזען. ווי עס איז צו פאַר־שטעהען, איז דאָס געווען אַ ליבלינגס־נאָמען פאַר קינדער, וואָס זיינען געבוירען געוואָרען אויף די עלטערע יאָהרען פון זייער פאָטער.

עס איז אויך מעהר ווי זיכער, אַז סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין בבל זיינען געווען עטליכע „אמוראים״ מיט׳ן נאָמען „זירא״ — און די מאמרים זייערע זיינען אַזוי אויסגעמישט איינע מיט די אַנדערע, אַז עס איז טאַקי אמת׳דיג שווער, מען זאָל זיך דאָ קענען גענוי פאַנאַנדער־קלויבען. אַזוי ווערד, למשל, דערמאָנט אַ מאמר, ווענגען וועלכען עס איז נישט קלאָר, צי ער שטאַמט פון אַ בבל׳שען אמורא „רב זירא״ אָדער ער שטאַמט פונ׳ם ארץ־ישראל׳דיגען אמורא „רבי זירא״ (אמר רב זירא ואמרי לה אמר רבי זירא). זאָגט אויף דעם רש״י, אַז רב זירא און רבי זירא איז געווען דער־זעלבער, נור אַזוי ווי ס׳איז נישט געווען קיין „סמיכה״ אין בבל, פלעגט מען איהם דאָרט אין בבל רופען רב זירא, און נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגען זיין „סמיכה״ אין ארץ־ישראל, האָט מען איהם גערופען רבי זירא (זעה כתובות דף מ״ג עמוד ב׳). דאָסזעלבע ווידערהאָלט זיך אויך אין רש״י׳ס ערקלערונג ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט (מועד קטן דף כ״ה עמוד ב׳). דאַגעגען זאָגט תוספות, אַז רב זירא און רבי זירא איז נישט דיזעלבע פּערזאָן (זעה מנחות דף מ׳ עמוד ב׳).

ר׳ זירא איז געווען אַ יתום און ער פלעגט זיך שטענדיג מצער זיין, וואָס ער האָט נישט די מעגליכקייט, מקיים צו זיין די מצוה פון „כבוד אב ואם״. פלעגט ער דאַדורך זאָגען: „הלואי וואָלט איך געהאַט אַ טאַטע און מאַמע, וואָלט איך זיי אָפּגעגעבען אַזוי פיעל כבוד ווי אַ מענש קען טהון״ (ירושלמי קדושין פרק א׳ הלכה ז׳). איז אָבער נישט באַ־וואוסט, ווען דאָס איז געשעהן, וואָס ר׳ זירא׳ס עלטערען זיינען געשטאָר־בען, ווייל עס איז אויף אַן אַנדער אָרט אין דער גמרא דערצעהלט, אַז דער פאָטער פון ר׳ זירא איז געווען אַ „שטייער־קאָלעקטאָר״ ביי דער רע־גירונג דורך אַ צייט פון דרייצען יאָהר, און געווען איז דאָס וואַהרשיינליך ביי דער רעגירונג פון בבל. דאַביי ווערד אויך דערצעהלט, אַז ווען עס

פלעגט קומען דער פארשטעהער פון דער שטאדט איינמאהנען די שטייערען, פלעגט ר׳ זירא׳ס פאטער שטענדיג באשיצען די תלמידי־חכמים, מען זאל נישט אויף זיי ארויפלייגען קיין גרויסע שטייערען (זעה סנהדרין דף כ״ה עמוד ב׳).

ר׳ זירא׳ס פאטער ווערד אויך דערמאנט אין פארבינדונג מיט לערנען, ווייל עס ווערד ציטירט זיינע א קשיא, וואס ער האט אמאל געפרעגט אויף א הלכה פון ר׳ יהושע בן לוי (תענית דף כ״ו עמוד ב׳).

צוזאמען מיט ר׳ זירא זיינען נאך אנדערע תלמידים פון רב הונא און פון רב יהודה בר יחזקאל מיטגעקומען קיין ארץ־ישראל, חאטש רב יהודה איז געווען א געגנער פון געהען קיין ארץ־ישראל, ווייל ער האט געהאלטען, אז ווער עס געהט אוועק פון בבל קיין ארץ־ישראל, איז עובר אויף אן „עשה״, ווי דער פסוק זאגט „בבלה יובאו ושמה יהיו״.

באלד דעם ערשטען טאג, וואס ר׳ זירא איז אנגעקומען אין ארץ־ישראל, האט ער אנגעטראפען אויף א קצב, וועלכער האט זיך ערלויבט, צו מאכען פון איהם שפאס. אזוי ווי ער איז געווען קליין אין וואוקס, דערצו נאך אן אויסגעדארטער און די אידען פון בבל זיינען אין אלגע־מיין געווען שטאף פאר חוזק צו די אידען אין ארץ־ישראל, האט ר׳ זירא אויסגעזעהען א ביסיל קאמיש אין די אויגען פון יענעם קצב, צו וועלכען ער איז אריינגעגאנגען קויפען א פונט פלייש, און אויף זיין פראגע, וויפיל אזא פונט פלייש דארף קאסטען, האט דער קצב געענטפערט: „א פונט פלייש קאסט 50 גראשען און איין קלאפ מיט׳ן אייזערנעם האמער״.

האט ר׳ זירא געזאגט אויף דעם צום קצב: „איך וועל דיר געבען זעכציג גראשען, נור אהן א קלאפ!״ — האט איהם דער קצב געענט־פערט: „אהן א קלאפ מיט׳ן אייזערנעם האמער קען מען ביי אונז נישט קויפען!״ — האט דאן ר׳ זירא געוואלט געבען 70 גראשען, 80 גראשען און אפילו הונדערט גראשען, אבי ער זאל נישט דארפען קריגען דעם קלאפ מיט׳ן אייזערנעם האמער, און דער קצב האט אלץ נישט געוואלט, איז דאן ר׳ זירא באשטאנען אויף׳ן פרייז מיט׳ן קלאפ און ער האט געזאגט צום קצב: „אויב עס איז אנדערש נישט מעגליך, טא געה און טהו ווי דיין שטייגער איז!״

שפעטער אין אוועגד איז ר׳ זירא געקומען אין בית־המדרש אריין און ער האט געפרעגט: „וואס איז דא ביי אייך פאר א מנהג, אז מען פארקויפט נישט קיין פלייש אהן א קלאפ מיט אן אייזערנעם האמער?״

האבען זיך אלע פארוואונדערט און מען האט איהם געפרעגט, וואו ער האט דאס געזעהען. האט ער זיי אנגעגעבען דעם נאמען פונ׳ם קצב, וואו ער האט דאס פונט פלייש געקויפט. האבען די חכמים געוואלט שיקען רו־פען דעם קצב און איהם באשטראפען, וואס ער האט מבזה געווען א תלמיד־חכם. האט מען אבער אויסגעפונען, אז דער קצב איז באלד יענעם טאג געשטארבען.

און ווען די חכמים האבען דאס געהערט, האבען זיי געדענקט, אז ר׳ זירא האט דעם קצב פארשאלטען און דערפאר איז ער געשטארבען. האט זיך ר׳ זירא געשוואוירען ביי זיין לעבען, אז ער האט נישט געזאגט צום קצב קיין שלעכט ווארט, ווייל ער האט פשוט געמיינט, אז עס איז דא אזא מנהג, און דער קצב מוז דאס טהון צו אלע זיינע קונים, האבען דאן די חכמים איינגעזעהען, אז דער דאזיגער ר׳ זירא דארף זיין א חשוב ביים

אויבערשטען, ווען ער האט באלד אפגעגעבען דעם קצב זיין שטראף (זעה ירושלמי ברכות פרק ג' הלכה ה').

פארשטעהט זיך, אז אזא מעשה האט געקענט בלויז פארקומען ביי דער גרויסער באשיידענהייט פון ר' זירא — און ווי ווייט די דאזיגע עניוות זיינע האט געגרייכט, קען מען אויך זעהען פון זיינע פארשיעדענע אויסשפרוכען, א שטייגער ווי וואס ער פלעגט זאגען: „ווען די אלטע דורות פון בעפאר אונז זיינען געווען ווי מלאכים, זיינען מיר אקעגען זיי ווי פשוט'ע מענ־שען, און ווען די אלטע דורות זיינען ווי מענשען, זיינען מיר אקעגען זיי ווי פשוט'ע אייזלען" (שבת דף קי"ב עמוד ב', ירושלמי שקלים פרק ה' הלכה א').

ער פלעגט אויך זאגען: „ווען די תורה רעדט וועגען א נגע צרעת, רעדט זי וועגען דעם פלייש און נישט וועגען דעם מענש. איז דערפון געדרונגען, אז ווען א מענש האלט זיך אזוי ווייך ווי פלייש און ער שטאל־צירט נישט, ווערד ער געהיילט פון יעדער מכה. האלט ער זיך אבער שטאלץ, ווייל ער איז א מענש, איז דאס א נגע צרעת, פון וועלכער ער ווערד נישט קיינמאל געהיילט" (סוטה דף ד' עמוד א').

פון די בבליים פלעגט מען אין ארץ־ישראל ווייניג וואס האלטען. ס'איז אויך געווען א צייט, וואס איטליכער ארץ־ישראל'דיגער מענש פלעגט זיך ערלויבען, אפצו'חוזק'ן פון יעדען בבלי. אפילו ר' זירא אליין פלעגט וועגען זיי זאגען: „אט די נאראנים די בבליים עסען ברויט מיט ברויט" (ביצה דף ט"ז עמוד א', נדרים דף מ"ט עמוד ב'). איז אבער אמאל גערעדט געווארען, אז ר' זירא איז אנדערש ווי די אנדערע בבליים, האט ער געזאגט, אז „די גאנצע חכמה זיינע האט ער באקומען פון דעם וואס די לופט פון ארץ־ישראל מאכט די מענשען קלוג" (בבא בתרא דף קנ"ה עמוד ב').

טראצדעם וואס ר' זירא האט געהאט אפגעברענטע שענקעל און דאס לויפען איז איהם זעהר שווער געווען, האט ער אבער געהערט, וואס אנדערע חכמים האבען געזאגט, אז עס איז א מצוה צו לויפען צו'ן א מצוה אפילו אום שבת, וואס מען טאר זאנסט דאמאלס נישט לויפען, פלעגט ער דאדורך יעדעס מאל לויפען צום לערנען און ער פלעגט זאגען: „דער שכר פונ'ם לערנען איז דאס לויפען צום לערנען" (ברכות דף ו' עמוד ב').

באזונדערס כאראקטעריסטיש איז, וואס ר' זירא האט שטרענג באאב־אכטעט, אז ווען עס ווערד איבערגעגעבען א הלכה אויף'ן נאמען פון א פריהערן „אמורא", זאל דאס טאקי זיין איבערגעגעבען אויף'ן ריכטיגען נאמען. צוליעב דעם האט ר' אסי געמוזט אמאל מודה זיין, אז א געוויסע הלכה, וועלכע ער האט ציטירט אויף'ן נאמען פון א פריהערן אמורא, האט ער נישט געהערט דירעקט פון יענעם'ס מויל, נור ער האט זי געהערט פון אן אנדערן (עבודה זרה דף ל"ו עמוד ב').

זעהר גרויס איז ביי ר' זירא'ן געווען די הייליגקייט פון אן ארויסגע־זאגטען ווארט און ער פלעגט שטארק אכטונג טהון, אז קוים האט אימיצער ארויסגעזאגט א ווארט, זאל ער האלטען זיין צוזאג. ספעציעל האט ער אנ־געזאגט, אז ווען מען זאגט צו, צו געבען עטוואס צו'ן א קינד, זאל מען דאס געגעבענע ווארט צוהאלטען, ווייל מען לעהרענט זאנסט דאס קינד זאגען ליגען (סוכה דף מ"ו עמוד ב').

עס דארף נאך באמערקט ווערען, אז טראץ דער עניוות פון ר' זירא

בנוגע צו זיין אייגענער פערזאָן, האָט ער שטאַרק מקפּיד געווען אויף'ן כבוד פון יעדען אַנדערן תלמיד־חכם, ער זאָל זיך נישט אליין נידריג מאַכען, אפילו ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ מצוה. און ווען ער האָט געזעהען ווי רב שמואל בר יצחק פלעגט אויף יעדער חתונה טאַנצען פאַר דער כלה מיט דריי שטאַרקאַצען אין דער האַנד, וועלכע ער פלעגט וואַרפען און כאַפּען אין דער לופט ווערענד דעם טאַנץ, האָט ר' זירא געזאָגט: „דער אַלטער מאַכט זיך נאַריש און ער פאַרשעהמט אונז!" (זעה כתובות דף י"ז עמוד א').

צווישען אַנדערע זאַכען, וואָס ר' זירא האָט נישט געקענט לײַדען, זיינען אין ערשטער רייהע געווען די „אגדות". ווי עס איז אָנצונעהמען, זיינען שוין דאַמאָלס געווען פיעלע און פאַרשיעדענע ספרים, אין וועלכע עס זיינען געווען באַשריבען די אגדות פון אַלע פריהערע און שפּעטערע אמוראים, פלעגט ער די דאָזיגע ספרים רופען „ספרי קיסמי" (ספרים פון כשוף) און ער האָט אָנגעזאָגט צו זיינעם אַ תלמיד, ער זאָל זיך נישט קיינמאָל אָפּגעבען מיט אגדות, נור מיט הלכה, ווייל מען קען פון אגדות גאָר נישט לערנען (ירושלמי מעשרות פּרק ג' הלכה ד').

ווי מיר האָבען שוין דערצעהלט, אַז ווען ר' יהודה נשיאה (דער צווייטער) איז געשטאָרבען, האָבען די חכמים בטל געמאַכט די דינים פון כהונה פאַר יענעם טאָג, די כהנים זאָלען זיך קענען מתעסק זיין ביי דער קבורה פון'ם „נשיא". האָט זיך ר' זירא, וועלכער איז אויך געווען אַ כהן, אַ ביסיל געקווענקעלט און ער האָט זיך נישט געוואָלט צוריהרען צום „בר־מנן". האָט איהם ר' חייא בר אבא הכהן צוגעשטופּט צום קערפּער פון'ם „נשיא", ער זאָל זיך מטמא זיין (ירושלמי ברכות פּרק ג' הלכה א').

דאָס בלויזע מקיים זיין אַ מצוה, איז ביי ר' זירא ווייניגער וויכטיג געווען ווי דאָס באַשעהנען די מצוה. פלעגט ער דאַדורך זאָגען, אַז דאָס באַשעהנען אַ מצוה מעג קאָסטען אַ דריטעל פון דעם, וואָס די מצוה אַליין קאָסט (בבא קמא דף ט' עמוד ב').

טעג און נעכט איז ר' זירא געזעסען אינ'ם בית־המדרש און ער האָט געלערנט — און ווען ער האָט זיך אַמאָל געפיהלט שוואַך פון'ם לערנען, פלעגט ער זיך אַוועקזעצען ביי דער טהיר פון'ם בית־המדרש, וואו ער האָט געקענט זעהן די חכמים געהען אַריין און אַרויס, ער זאָל זיך פאַר זיי אויפשטעלען און הערען וואָס זיי האָבען געלערנט. כדי צו קריגען דערפאַר אַ שכר. האָט ער זיך שוין דאַן נישט געפיהלט מעהר שוואַך (ברכות דף כ"ח עמוד א', ערובין דף כ"ח עמוד ב').

וואונדערליך איז, וואָס עס ווערד דערצעהלט, ווי רבה און ר' זירא האָבען זיך אַמאָל אין אַ פּורים אָנגע'שכור'ט. האָט דאַן רבה גענומען און דעם ר' זירא גע'שחט'ן. און צו מאָרגענס, ווען רבה האָט געזעהען, וואָס ער האָט געטהון, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט תפלה טהון צום אויבערשטען, איז ר' זירא צוריק לעבעדיג געוואָרען. און ווען זיי האָבען דערנאָך אויף'ן צווייטען יאָהר ווייטער געוואָלט מאַכען אַזאַ סעודה, האָבען זיי שוין דאָס נישט געטהון, ווייל נישט תמיד קען געשעהן אַזאַ נס, אַז ווען איינער וועט דעם אַנדערן קוילענען, זאָל ער קענען שפּעטער צוריק לעבעדיג ווערען (מגלה דף ז' עמוד ב').

ר' זירא איז געווען געבענשט מיט אַ לאַנג לעבען, און ווען עס האָבען איהם אַמאָל זיינע תלמידים געפרעגט: „אין וואָס פאַר אַ זכות לעבסטו אַזוי

לאנג?" — האָט ער זיי געענטפערט: „איך האָב מיך נישט קיינמאָל געבייזערט ביי מיר אין הויף, איך בין אויך נישט קיינמאָל געלאָפען פאָראויס פאַר איינעם, וואָס איז גרעסער פון מיר, דעסגלייכען בין איך נישט געגאַנגען קיינמאָל פיער איילען אָהן תורה און אָהן תפלין. איך האָב אויך נישט נאָכגעדענקט וועגען געטליכע זאַכען אין שמוציגע פלעצער און איך האָב נישט געשלאָפען קיינמאָל אינ'ם בית־המדרש, אפילו נישט קיין צופעליגען דרעמעל. איך האָב מיך אויך נישט קיינמאָל געפרעהט ביי א דורכפאַל פון אַן אַנדערן און איך האָב נישט גערופען קיינמאָל מיינעם אַ חבר מיט אַ צונעמעניש" (מגלה דף כ"ח עמוד א', תענית דף כ' עמוד ב').

און ווען ר' זירא איז געשטאָרבען, האָט מען נאָך איהם געמאַכט אַ הספד מיט פאָלגענדע ווערטער: „דאָס לאַנד בבל האָט איהם אויסגעטראָגען און געבוירען, ארץ־ישראל האָט איהם אויפגעצויגען איהרע אַ צאַצקע, וועה איז איהר, זאָגט די שטאָדט טבריה, ווייל עס איז פאַרלוירען געגאַנגען איהר שעהנסטע כלי" (מועד קטן דף כ"ה עמוד ב').

ס'איז אויך מערקווירדיג, וואָס עס ווערד דערצעהלט וועגען ר' זירא'ס ווירקונג נאָך זיין טויט:

אינ'ם שכנות פון ר' זירא'ס הויז האָט געוואוינט אַ גרופע שלעכטע מענשען, פלעגט זיי ר' זירא שטענדיג שטראָפען מיט זיינע קלוגע ווערטער און ער האָט אויך געבעטען צום אויבערשטען, זייער הארץ זאָל בעסער ווערען. איז די דאָזיגע זאַך נישט געפעלען צו די אַנדערע חכמים, ווייל גלייך ווי עס איז אַ מצוה, צו זאָגען מוסר, אויב מען ווייסט, אַז יענער וועט פאָלגען, אַזוי איז אויך אַ מצוה נישט צו זאָגען קיין מוסר, ווען מען ווייסט, אַז יענער וועט נישט פאָלגען. און ווען ר' זירא איז געשטאָרבען, האָבען יענע שלעכטע מענשען געזאָגט: „ביז איצט האָט דער קורצינקער מיט די אָפגעברענטע שענקעל געבעטען פאַר אונז און אונז באַשיצט, איז ער אָבער היינט געשטאָרבען, טאָ ווער וועט פאר אונז בעטען?"...

זיינען דאַן די דאָזיגע שלעכטע מענשען געגאַנגען און האָבען תשובה געטהון.

פון גרשם באַדער׳ס חבורים איז ביז יעצט ערשיענען:

„דרייסיג דורות אידען אין פוילען", פון דער ערשטער צייט, וואָס אידען זיינען אַהין־געקומען וואוינען ביז צום לעצטען „מיאַטעזש". — 511 זייטען.

„אייביגע אמת׳ן" פון ספרים און פונ׳ם לעבען. קליינע מעשיות און שאַרפע באַמערקונגען פאַר כל־ערליי גרויסע קינדער. — 304 זייטען.

„אונזערע גייסטיגע ריעזען", די חכמים פון דער משנה. דאָס לעבען און די לעהרען פון אונזערע תנאים און אמוראים, זייט דער צייט פון די „אנשי כנסת הגדולה" ביז נאָך ר׳ יהודה הנשיא. — 416 זייטען.

„דברי חן ושכל". גלייכווערטלעך און אַנעקדאָטען, שאַרפע און שפּיציגע, אַמאָליגע און היינטיגע, הומאָריסטישע און ערנסטע, אידישע און וועלטליכע, שטוביגע און דרויסענדיגע, ליטעראַרישע און אַלטעגליכע. — 104 זייטען.

הויפּטפּאַרקויף פון אָט די אַלע ספרים ביים פאַרלאַג

„פּ ר ד ס"

27 קאַנעל סטריט, נויאָרק.

PARDES PUBLISHING HOUSE
27 Canal Street, New York City